סאָוועטיש

1

1964

היימלאַנד

אינהאַלט

זײַט

דער גיסטער. פון פינפטן יאָר (ראָמאַן). איליוסטרירט פון מ. אקסעלראָד. 3

ל. פּאָדריאַטשיק. ארום דעם ראָמאַן „פון פינפטן יאָר“ . 74

פּעטרוס בראָווקאַ. ווינט און שטורעם. — דעם עכטן אמע־ריקאַנער (לידער) 77

נאָטע לוריע. הימל און ערד. ראָמאַן (צווייטער טייל) . . 79

יאַנקעוו שטערנבערג. וואָס ניט געוווּסט האָט אויך דער קליגסטער מאַן (באַלאַדע) 102

יעכיִעל שרײַבמאַן. קיינמאָל ניט פאַרגעסן. — דאָס האָר־באַטע מיידל. — דער ערשטער קוש (נאָוועלן) 107

ראָכל בוימוואָל. א גרויסן דאַנק. — איך שרײַב. — אף מײַן ביכער־פּאָליצע. — צוגעטוליעטערהייט. — א גוטע שטי־מונג. — אף אָפּרו. — פינף כושים. — הארבסט. — ווילט איר וויסן... (לידער) 115

מאָטל הארצמאַן. „איך קוק אינעם הימל“... 118

מייער יעלין. עס הייבט זיך ערשט אָן... (דערציילונג) . . 119

מענדל ליפשיץ. דערמאָנונג. — אומענדלעך ליב איז מיר די וועלט. — זײַ מיט דײַן ליד אים ווערט. — אזוי דאַרף זײַן. — דאָס נײַע וואָרט (לידער) 129

ליטעראַטור און קונסט

אַרן ווערגעליס. צו דער פראַגע וועגן דעם נאַציִאָנאַלן כאַ־ראַקטער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור . . . 131

מוישע גאָלדבלאַט. קולבאַקס שוואַנען־ליד 147

הירש בלאָשטיין. דער וועג צו זיך (וועגן שאָלעם שטערנס פּאָעמע „אין קאַנאַדע“) 151

איסײַ גורעוויטש. אַן אויצער פון קולטור 154

עפראַיִם לויטער 155

כראָניק 156

בריוו און ענטפערס 159

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר 160

סאָוועטיש היימלאַנד

צווייכאַדאָשימדיקער
ליטעראַריש-קינסטלערישער זשורנאַל

אָרגאַן פון שרײַבער-פאַרבאַנד פון ססר

פערטער יאָרגאַנג

פאַרלאַג „סאָוועטסקי פּיסאַטעל“

מאָסקווע

1

יאַנוואַר • פעוורואַל

1964

הויפּט־רעדאַקטאָר א. ווערגעליס.

רעדקאָלעגיע: ה. אַשעראַוויטש, אי. באַ־רוכאַוויטש, א. גאַנטאַר, מ. טײַף, נאַטע לוריע, מ. לעוו (פאַראַנטוואָרטלעכער סעקרע־טאַר), ב. מילער, י. פאַליקמאַן, ס. פרײַ, י. ראַבין, ר. רובין.



פון פינפטן יאָר

ערשטער טייל

לייבל, מיליע און אנדרעע

ער האָט געשטאַמט פון פאַרמעגלעכע עלטערן. דער פאָטער — א קורצזיכטיקער, א סוטולעוואַטער און דערשלאָגענער נישט, א מין דעגענערירט רעשטל פון אן אלטער מעיוכעסדיקער פאַמיליע. זײַן מוטער, פאַרקערט, — פון א געזינטערן שוירעש, מיט א געזונטן קאָפּ אַף די פּלייצעס, און דערפאַר האָט זי דעריקער די צעלניק־קראָם און די שטוב־באַלעבאַטיש־קײַט געפירט, און פאַר ביידע, אי פאַר זיך, אי פאַרן מאַן, נישקאָשע באַוויזן.

לייבל איז געווען א בעניאָכיד, וועלכן מע האָט פון קליינערהייט שטאַרק געקעכלט מיט אלעם, און דעריקער מיט דעם, וואָס מע האָט צו אים געהאַלטן די בעסטע מעלאַמדים און לערער, פון וועלכע ער האָט, אדאַנק זײַנע גוטע פייִקײַטן, געיאַרשנטע פון דער מוטער, זיך מיט פיל גוטס אָנגענומען, און די עלטערן, דעריקער די מוטער, האָט זיך געהאַט מיט אים פאַר וואָס צו רימען.

נאָך א וואָרט וועגן דער מוטער: א פרוי מיט א גאָר שטאַרקן כאַראַקטער, לעהייפּעך צו איר מאַן, וואָס האָט קימאַט קיין דייע נישט געהאַט ניט אין קראָם, ניט אין שטוב, זי — מיט א פעסטן ווילן אַף דורכצופירן אלץ, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר זיך, פאַר איר מאַן, און דעריקער פאַר איר לייבלען פאַר וויכטיק.

די שטוב, ווו ער, לייבל, האָט זיך דערצויגן, האָט זיך געפירט אויסערסט פרום, לויט די טראַדיציעס פון זײַן פאָטערס אמאָל זייער פרומער און מעיוכעסדיקער פאַמיליע, מיט וועלכער זײַן מוטער האָט שטאָלצירט, און וואָס זי, וועלכע האָט געשטאַמט דאַפקע ניט פון אזוי הויך, האָט, פון איר זײַט, פון יענער טראַדיציע געזען א האָר ניט צו מינערן, נאָר, פאַרקערט, צו איר צולייגן.

זי האָט געטראָגן דעם שלייער אי אינדערוואָכן, אי שאַבעס, אי אין קלייט, אי אין שטוב. און ווען אין קלייט האָט זי געהאַט אויסערן פרומען פוץ, דעם שלייער, נאָך איין שליסעלע באַ זיך צו טראָגן, דאָס שליסעלע צו דער קאַסע, וואָס זי האָט קיינעם, אויסער זיך, ניט פאַרטרויט, איז אין שטוב האָט זי געטראָגן א גאַנצן בינטל שליסל אַף דער רעכטער זײַט קלייד, באַם גאַרטל

פאַרשטעקט, — אַ סימען, אַז אויך דאָ איז זי די הויפּט־אָנפירערן און די שאַפן־האָבנדיקע באַלעבאָסטע אַף אַלע קליידער און שפּײַז־שאַפעס, צו וועלכע קיין דינסט אין אָן איר אויג און האַזשגאָכע ניט צוגעלאָזט געוואָרן.

ביכלאַל אַ פרוי אַ קאָזאַק, ווי מע זאָגט, וואָס האָט געפירט דאָס רעדל, ניט אָנפרעגנדיק זיך קיינמאָל באַם מאַן, נאָר, פאַרקערט, האָט אים געהאַט אַלעמאָל וואָס צו באַפוילן, העון אין קראָם, בייסן מאַסע־מאַטן מיט סאָכרים־מאָכרים, און העון ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן איקער־שעבעיִקער פון דער שטוב, וועגן לייבלען, איר בעניאָכיד, וואָס דעריקער פאַר אים האָט זי זיך געמיט, דעריקער פאַר אים האָט זי אַלע קויכעס אָפּגעגעבן, מאַכמעס בלויז אין אים האָט זי געזען דעם זין פון איר איצט און איר צוקונפט.

זי האָט אַליין די מעלאַמדים און לערערס צוגעקליבן, אַליין, ווען זי האָט געהאַט צײַט, זיי קאָנטראָלירט, אַרײַנקוקנדיק אין לייבלס אַלקער, ווו די לימודים פלעגן פאָרקומען, און אַליין אויך זיי אָפּט צו אַ טיי אײַנגעלאַדן, ווען די צײַט פון נאָכמיטיק אָדער אין אָוונט איז געווען, און אַן אַנדערשמאָל האָט מען זי אויך געקאָנט אַפילע טרעפן שפּילן מיט אַ שטוב־מעלאַמעד אָדער מיט אַ לערער אין שאָך, אין וועלכן זי האָט זיך ניט ווייניק אויסגעצייכנט, קענענדיק די שפּיל גאָר ניט אַזוי ווי אַ ליאַדע פרוי אַ סויכערטע, וואָס עס איז ניט איר זאַך מיט דעם זיך צו פאַרנעמען.

זי האָט איר לייבלען דערצויגן ניט סטאַם אַזוי, נאָר מיט אַ שטרענגער און צילגעווענדטער קאַוואָנע, האָבנדיק אין זינען אים צו באַוואָפנען מיט וויפל קענטעניש עס וועט אין אים אַרײַן, ניט נאָר מיט יִדישע, וואָס איז אַ כויוו און מיט וועלכע זי האָט געהאַט גענוג פאַרשטענדעניש אַף מיט זיי צו שטאָלצירן, נאָר אויך מיט ניט יִדישע, וועלכע די צײַט און די הײַנטיקע אופגעקלערטע מאָדע האָט געפאָדערט, און וואָס ביז אַ געוויסן גראַד האָט זי געדענקט זיי נאָכגעבן און זיי באַפרידיקן, דה. האַלטנדיק, אַז איר לייבל דאַרף טאַקע, עמעס, זען ניט בלײַבן הינטערשטעליק פון די אַלע הײַנטיקע אין געוויסע לערן־זאַכן, אָבער שפּעטער, ווען זי וועט זען, אַז ס׳איז גענוג און אַז מער דאַרף מען ניט, לויט איר מיינונג, זאָל זי זיך אים הייסן אָפּשטעלן, און ניט געקוקט אַף די נײַ אופגעקומענע וועלטיקע אופירונגען און מידעס, זאָל זי אים יונג כאַסענע מאַכן, קעדיי יונגן נאַכעס פון אים האָבן.

יאָ, צו זיבעצן—אַכצן יאָר האָט זי שוין אָנגעהויבן טראַכטן פון שידוכים פאַר איר לייבלסוועגן. און אַזויווי די מיטלען האָבן איר דערלויבט, און אַזויווי זײַענדיק אַליין דאַפקע ניט פון אַזאַ הויכן שטאַם, האָט זי זיך אָבער מיטן יִכעס פון איר מאַנס מישפּאָכע שטאַרק אָנגעשטעקט, האָט זי דערום אויך געקריגן עפּעס אַ פאַרשפּיצטע אַמביציע — ניט אין היגן לאַנד צו זוכן אַ זיווּעג פאַר איר לייבלען, נאָר גאָר אין אויסלאַנד, ווו, לויט איר פאָרשטעלונג, דאַרף זיך דאָרט געפינען דער גאָר געהויבענער יִדישלעכער פּאַר[1], דער עכט־צימעסדיקער און געקרוינטער.

ניט אָנפרעגנדיק זיך באַ לייבלען, ווי אויך ניט באַ איר מאַן, מיט וועמעס מיינונג זי האָט זיך קלאַל ניט גערעכנט, און שטעלנדיק אינגאַנצן אַף זיך, האָט זי שוין דערבײַ געהאַלטן, אַז זי האָט גענומען אײַנלאַדן צו זיך אַ געוויסן סאָרט לאַנד־שאַדכאָנים, וועלכע האָבן זיך אונטער־גענומען איר אָפּצוזוכן אַ פּאַסיקן קעגנשטאַנד ניט דאָ, אין היגן לאַנד, נאָר זיך איבערשרײַבנדיק מיט זייערע שוטפים אין אויסלאַנד, ווי אין אַ קראָקע אָדער אַ לעמבערג, ווו יענע וועלן דאָס באַגערטע פון איר, דאָס אַזוינס ווי אַזעלכעס דאַרפן אויסגעפינען.

אָבער דאָ, אינמיטן, האָט זיך איר ביז אַהער אַזוי גוט גייענדיק רעדל פאַרהאַקט, און איר ווילן, וואָס איז אַלעמאָל דורכגעפירט געוואָרן אָן שום אָפּהאַלט, העון פון איר אַליין און העון אויך פון אַנדערע, אַף וועמען זי האָט געהאַט געשאַפן, האָט זיך דאָס מאָל אָנגעשלאָגן אין אַ שטרויכ־לונג, אין אַ שטיין.

די צײַט האָט מיט איר ניט אײַנגעשטימט, — די צײַט, מיט וועלכער זי האָט בלויז אַף העלפט שאָלעם געמאַכט און בלויז ביז אַ געוויסער גרענעץ זי אָנערקענט, אין זינען פון געבן איר לייבלען די געהעריקע קענטעניש, וועלכע יענע האָט געפאָדערט, — אָט די צײַט, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט זיך דערלויבט צו זײַן אומבאַגרענעצט אין איר ווילן און צו פאָדערן פיל מער, וויפל לייבלס מוטער האָט איר געדענקט נאָכגעבן.

ס׳האָט געהאַלטן באַם אַריבערגאַנג פונעם פאָרלעצטן יאָרהונדערט צו דעם אונדזעריקן, בייס דער אונדזעריקער, קומענדיק אַף דער שוועל, וועלכע ער האָט באַדאַרפט אַריבערשפּאַנען, האָט, ווי באַוווּסט, פיל גרעסערע, אים שטערנדיקע מעכיצעס לײַכט און ווי אַוועקמאַכנדיק איבערגעקערט און פון זײַן וועג אָפּגעשאַרט. און אַוואַדע האָט ער קיין מינדסטע אַכט ניט געלייגט און זיך קלאַל ניט געוואָלט רעכענען מיטן יאָ־ווילן אָדער ניט־ווילן פון אַזאַ, ווי לייבלס מוטער, וואָס האָט אַפילע געטראָגן דעם שלייער אי אום שאַבעס, אי אינדערוואָכן און וואָס אויסער דעם האָט

---

1 — פּעייר — פּראַכט, שיינקײַט, די אַריסטאָקראַטיע פון דער געזעלשאַפט.

זי נאָך געהאט אין קראָם בא זיך צו טראָגן איינעם נאָר א שליסל צו דער קאַסע, וועלכע זי האָט קיינעם, אויסער זיך, ניט פאַרטרויט, און אין דער היים א גאַנצן בונט שליסל אף דער רעכטער זײַט פון איר קלייד־גאַרטל פאַרשטעקט, — א סימען אף גרויסער מאַכט אין איר קליין מעלו־בעלע, אין וועלכן זי האָט זיך געפילט מײַסע אליינהערשערן און מאַלקע.

מאַלקע האָט מען זי טאַקע גערופן. זי האָט, כוץ דעם, דאָך מיט אירע שוואַרצע פלוימענקאָליריקע אויגן, פון וועלכע ס'האָט אַלעמאָל אַרויסגעבלענדזלט א מין ציגײַנערישע היץ, ווי אויך מיט איר אייבערשטער א ביסל פאַרגרעסענער ליפּ, אף וועלכער ס'האָט זיך געלאָזט אַנזען א שוואַרצהאָריקע מאַנצבלשע גערויקסיקײַט, און וואָס, אגעוו, אָט די ביידע — די אויגן און די ליפּ — האָט זי אויך איר לייבלען געמאַכט יאַרשענען, — מיט אָט די צוויי אייגנשאַפטן האָט זי געמיינט — אזוי ווי מיט די מעשאָרסים אין קלייט און אזוי ווי מיט די מעלאַמדים און לערער אין שטוב — צו שאַפן, אָנפירן און אין דער האַנט האַלטן אויך איר לייבלען, ביז ער וועט אין א צווייטער האַנט איבערגעגעבן ווערן, דה. אין דער האַנט פון זײַן צווייטער, פון איר אויסגעקליבענער העלפט, וואָס עס איז צו האָפן, אַז ווען גאָט וועט געבן, וועט זיך אויך יענע איר אונטערוואַרפן, עלעהיי אירער א צווייטער לייבל.

איז אָבער ניט אזוי געשען. שולדיק אין דעם איז געווען די צײַט. כאָטש זי האָט איר לייבלען געהאַלטן ווי א שטוב־געוויקס, פון אַלערליי שלעכטע וועטערן אויסבאַהאַלטן און ווי אונטער א גלאָז פאַרשטעלט אין דעם פראַט, וואָס ער האָט אַלע נייטיקע לימודים אַדורכגעמאַכט פּריוואַט, אף א היימישן שטוב־אויפן, ניט האָבנדיק באַזוכט קיין שול, ווי אַלע זײַן גלײַכן פון זײַן דאָר. דאָך האָט דאָס ניט גענוגט, ער זאָל גאָר אינגאַנצן בלײַבן אויסער דער באַווירקונג פון די נײַ־ווייענדיקע ווינטן, וועלכע האָבן זיך איבערן גאַנצן לאַנד דעמלט געלאָזט פילן פון הינטן־אַרום בלאָזנדיק, ניט אויסמײַדנדיק קיין שטאָט און קיין ייִשעוו, ווּהין זיי האָבן דורך א מינדסט שפּעלטעלע ניט אַרײַנדערלאַנגט, אוביפראַט האָבן זיי ניט געקאָנט אויסנלאָזן אזא, ווי אָט דער לייבל, וואָס האָט זיך נאָך גאָר יונג אַרויסגעוויזן פאַר א שטאַרק שאַרפן מושלעם, איבערפולט מיט וויסנשאַפטן, ווי א קויש איבער די ראַנדן, און וואָס עס איז דערום געווען אויסגעשלאָסן, אַז אזא, ווי ער, זאָל בלײַבן אָן דעם וויסן אויך וועגן דעם, וואָס אין לאַנד און אין דער דעמלט יוירנדיקער געזעלשאַפט טוט זיך.

ער האָט צוערשט אליין פון דער פּרעסע זיך דערוווּסט וועגן יענע פראַגן, וועלכע שטייען אפן טאָג־סיידער פון לאַנד צו לייזן און וועלכע האָבן שטאַרק באַהערשט די מויכעס פון אַלע פאָרגעשריטענע, וואָס הערן ניט אוף מיט זיי זיך צו אינטערעסירן. איז דאָס אים געווען ווייניק, האָט ער שפּעטער זיך שוין ניט באַנוגנט מיט דעם, וואָס ער האָט געקאָנט אויסגעפינען אין די פּאָפּולערע אָפּהאַנדלונגען פון דער פּעריאָדישער פּרעסע, און ער האָט זיך גענומען דערגרונטעווען צו די מעקוירים, דה. צו די ווערק פון די אַנטדעקער פון יענע פראַגן, וועלכע האָבן זיי, אזוי צו זאָגן, אפן וועלט־טיש אַרופגעבראַכט, ניט בלויז קעדיי זיי אקאַדעמיש צו באַהאַנדלען, נאָר דעריקער קעדיי אויך אויסצוגעפינען פאַר זיי יענע קעמפערישע אַדעפּטן, וועלכע וועלן גיין ביזן בלוט פון אומיטלבאַרער פאַרינטערעסירטקײַט אין דער געשיכטלעך־יוישערדיקער לייזונג פון די זעלבע.

אויסער דעם, איז כאָטש לייבלס מוטער האָט אים געזען האַלטן דערווײַטערט פון אַלערליי זײַטיקע האַשפּאָעס, וועלכע קאָנען קומען מיצאַד כאַווײרים און מיטצײַטלערישע יוגנטלעכע, קעדיי ער זאָל זיך, כאָלילע, ניט אָנשטעקן מיט דעם, וואָס איז, לויט איר מיינונג, ניט פאַר אים, העזן אין מידעס, העזן אין ביכלאַל הײַנטצײַטיקע, ניט געוווּנטשענע פאַר איר האַסאָגעס, דאָך האָט זיך איר ניט אײַנגעגעבן אים אף אזוי ווײַט אָפּצוזונדערן פון אַלעמען, אַז ער זאָל שוין טאַקע גאָר־גאָר מיט קיינעם קיין נעגיִע[1] ניט קאָנען האָבן.

ער האָט סאָפקאָלסאָף, אויסער זײַן אַריסטאָקראַטיש־אָפּגעשלאָסענער שטוב, מיט די מעלאַמדים און לערער, וועלכע האָבן אים אין דער היים באַזוכט, זיך אויך צוגעשלאָגן צו א כאַווער, אָדער א כאַווער צו אים, און יענער האָט, כוץ דער טעאָריע, וועלכע ער האָט זיך אליין דערוואָרבן, גענומען אים באַקענען מיט דער ביז אַהער פאַר אים אזוי פרעמדלעכער טאָגטעגלעכער פּראַקטיק און אים אין איר קרײַז אַרײַנציִען.

און בעקיצער, לייבל האָט סאָפקאָלסאָף גענומען אַרויסשטעלן א פּוס פּונעם ענג געצוימטן, ווילקירלעכן רעשוס פון זײַן מוטער, ווערנדיק וואָס אַמאָל מער פרײַ און וואָס ווײַטער אַלץ מער פאָרבאַרייט שוין צו אזא סאָרט זעלבשטענדיקײַט, אַז ווען ער האָט איינמאָל דערהערט וועגן איר באַגער בעקאָרעוו אים צו מעשאַדעך זײַן מיט וועמען זי האָט פאַרטראַכט, לויט דער רעקאָמענדאַציע פון געוויסע שאַדכאָנים, וועלכע האָבן אָנגעהויבן ווערן אָפּטע אײַנגייער צו זיי אין שטוב, האָט ער דרייסט און אָפן זיך דערלויבט צו דערקלערן:

---

[1] — באַריר, פאַרבינדונג.

— ניין, מאמע! זי פארשפאָרט גאָר צו טראכטן. ער האלט ניט דערבײַ און ס׳איז אומזיסט אָט די ייִדנס (געמיינט: די שאדכאָנימס) טירכע, וואָס מיינען אים צו פארקנאסן אָן זײַן האסקאָמע.

— ניין, ער האלט ניט דערבײַ, — האָט ער פעסט און אנטשלאָסן אזא זאָג געטאָן, און דערמיט האָט ער ארויסגערופן א ווילדן רויגעז אפן פּאָנעם פון זײַן שיר ניט זעלבסטהערשערישער מוטער, וועלכע האָט ניט פארליטן קיין דערווידערונגען.

זי האָט אָבער דערווײַל איר קאס מיט קיין ווערטער ניט אויסגעדריקט, זי האָט צוגעשוויגן, וועלנדיק באטראכטן, וואָס פאר א מאָדוס זי דארף דאָ אָנעמען, קעדיי אים צו ברעכן און אים מעגלעך גאָר מיט גוטן מאכן נויטע אין איר זײַט.

ס׳האָט איר אָבער ניט געהאָלפן. זי האָט צוערשט אויסגעוואָרט, מיינענדיק, אז ער וועט זיך בעסערן. אָבער ווען דער נײַ־דערוואָרבענער כאווער האָט אים שפּעטער א ביסל באקאנט אויך מיט אנדערע, וואָס ער זיי און זיי אים האָבן זיך שטארק געשעצט און איינס פון אנדערן האָבן זיך געלאָזט באווירקן; איז אזויווי אלע זיי זײַנען געווען פון איין שניט און פון אן אלציינער פאָרגעשריטענער אײַנשטעלונג, וועלכע האָט, ווי געזאָגט, קימאט אלעמען דעמלט באהערשט, האָט ניט לאנג געדויערט, און ווי אלעמאָל, ווען עס טרעפט מיט א יוגנטלעכן, וועלכער ברעכט זיך דורך איבערגיין פון איין גײַסטיקער געזינונג צו א צווייטער, וואָס ער מאכט עס דורך ראש־ראש און קימאט אומבאמערקט פאר זיך אליין, — אזוי אויך האָט דאָס דורכגעמאכט לייבל, און אינגיכן האָט ער שוין געהאט די מוט ניט נאָר צו ווידערשפּעניקן אין זײַן זעלבסטהערשערישער מוטער אין איר קליין מעלוכעלע, נאָר אויך אין א גרעסערן, פון גאָר א גרויסן מעלוכע־מאסשטאב.

און ווידער, בעקיצער, אינגיכן איז לייבל ארײַנגעצויגן געוואָרן אין דער דעמלט איבערן גאנצן לאנד שטײַגנדיקער באוועגונג.

דאָס איז פאר דער מוטער געווען אזא קלאַפּ, וואָס האָט זי געמאכט ניט נאָר פארגעסן אין די אויסלענדישע שידוכים, וועלכע זי האָט גערעכנט טאָן מיט איר לייבלען, נאָר אפילע אין שידוכים ביכלאל, וועלכע זי האָט איצט מיט דער האנט אוועקגעמאכט, טראכטנדיק, אז זאָל שוין זײַן ווי ס׳איז, זאָל שוין גיין ווי ס׳גייט, אבי איר לייבל, וואָס האָט פונעם רעכטפארטיקן וועג אָפּגעקערט, זאָל איר, כאָלילע, גאָר אינגאנצן ניט פארלוירן גיין.

מע האָט דאָך אים בא איר — זע — ווי פון אונטער די הענט ארויסגעריסן. זי דערקענט אים ניט, זינט ער האָט זיך באקערט צו יענע, וועלכע האָבן אים לאכלוטן פון איר אופזיכטלעך אויגאוועקגענומען, אָנרייידנדיק אים צו פארנעמען זיך מיט דעם, וואָס איז איר אזוי ניט לערעצן, מאכמעס זי זעט אין דעם הוילע ראָע, הוילן אומגליק פאר דעם, וואָס איז איר גאנצער זין אין לעבן.

ווײַל יאָ, ווײַל ניט דאָך איר מאן, דאָס דעגענערירטע רעשטל, דער דערשלאָגענער נישט, וואָס זינט זי קען אים, האָט זי, ווי מע דארף פארשטיין, צו אים קיין ציונג, און טראָגט, פארקערט, ניט קיין איבעריק גוט הארץ אף אים און וואָס דערפאר, אפּאָנעם, האָט זי מיט אים מער קיין קינדער ניט געהאט, אויסער איר בעניאָכיד, וועגן וועלכן זי האָט גאָט געבעטן, ער זאָל ניט זײַן געראָטן אין איר מאן, נאָר אין איר, און גאָט האָט איר באקאָשע אויסגעפילט. און איצט — זע — גייט דאָך איר אויך ער, איר איינציקער פארלוירן.

דערזעענדיק, וואָס עס געשעט, איז זי אזוי מעוווּלבל געוואָרן, אז זי האָט צוערשט אפילע בא איר מאן, וואָס זי האָט אלעמאָל און שטענדיק פארשטעלט פון לײַטן, פון אים אוועקגעקוקט און קיינמאָל, אין קיינע לאגעס, בא אים קיין דייעס ניט געפרעגט, ווייסנדיק, אז ס׳איז ניטאָ בא וועמען צו פרעגן, — דאָס מאָל אָבער האָט זי, אין גרויס פארלוירנקײַט, אפילע צו אים מיט א פראגע זיך געווענדט: —הא, וואָס זאָגט ער, ווו אונדזער לייבל איז פארגאנגען?

יענער, איר מאן, האָט, זײַענדיק פארכידעשט פון דעם, וואָס זי האָט איינמאָל דאָך געפונען פאר נייטיק זיך צו אים צו ווענדן ווי צו א בארעכטיקטן באל־יויעץ, לאנג און צעמישט מיט די קורצזיכטיקע אויגן געבלינצלט און, ניט האָבנדיק וואָס צו ענטפערן, האָט ער מיט נארישגעמאכטן אָנשטעל און, וועלנדיק האלטן מענערשן פאסאָן, א לעמלדיקן זאָג געגעבן:

— וואָס זאָל ער זאָגן וואָס? אז ער האָט בא איר קיין דייע ניט. — און דאָס האָט געזאָלט



דער ניסטער
(1950—1884)

באַטײַטן, אַז װען ער װאָלט יאָ געהאַט אַ דייע, װאָלט ער יאָ געהאַט װאָס צו זאָגן, און אַז אױב ניט, בלײַבט ער בײַ זײַן קלוימערשט געראַכטער טאַרומעס, װאָס דערלױבט אים שטאָלץ צו פֿאַרשװײַגן װאָס ער װייסט. — װאָס זאָל ער זאָגן װאָס? אװאַדע װייסט זי בעסער...

זי האָט אָף אים אַ קוק געטאָן מיט אַזאַ סאָרט ביטל, װי ער האָט פֿאַרדינט, האָבנדיק שוין כאַראַקטע אָף איר לעכאַטכילעדיקער אונטערנעמונג צו װענדן זיך צו דעם, פֿון װעמען זי האָט פֿאַרױס באַשטימט געװוּסט, אַז ס'איז פֿון אים אַזױפֿיל אַרױסצוקריגן, װיפֿל פֿון אַ צאַפּ מילך...

זי איז געבליבן אַליין מיט איר צאַר. און דאָ האָט זיך איר אומגליק ערשט רעכט צעשפּילט: דאָס, װאָס זי האָט בײַ גאָט געבעטן, אַז איר לייבל זאָל אין איר געראָטן זײַן און ניט אין איר מאַן, כאָלילע, און װאָס גאָט האָט צוגעהערט איר געבעט, — איז קלאָל, װײַזט אױס, ניט געװען איר לעטױװע.

לייבל האָט מיט זײַנע געהױבענע מײַלעס, מיט זײַן גוטן קאָפּ און געשליפֿענעם לאָשן, װאָס ער האָט פֿון איר געיאַרשנט, אױסגענומען דאָרט, װוּ זי װאָלט אװאַדע ניט געװאָלט, ער זאָל אױסנעמען: ניט בײַ דער אָנפֿירנדיקער און אין דער באַװעגונג טעטיקער אינטעליגענץ — מיט דעם ערשטן, און ניט מיטן לאָשן בײַ די, צו װעלכע ער איז געשיקט געװאָרן זיי אױפֿצוקלערן דאָס, װאָס אַ אינטעליגענט האָט מער פֿון זיי, מאַכמעס זײַן גליקלעכער לאַגע, װי אָט זײַנע, לייבלס, װעלכער איז דערצױגן און אױסגעהאַלטן געװאָרן אָף אַלדאָסגוטס און װיסן.

יאָ, ער האָט אַזױ אױסגענומען אין יענע קרײַזן, אַז אײַנגיכן האָט מען אים שױן פֿאַרעכנט פֿאַר אַן אײגענעם, און דער צוטרױ צו אים האָט זיך געשטאַרקט אָף אַזױפֿיל, אַף װיפֿל מע האָט געזען, װאָס פֿאַר אַ גרױס נוצן מע קאָן פֿון אים ציִען פֿאַר יענער קלאַל־זאַך, צו װעלכער ער איז אָרנטלעך־איבערצײַגט און מיט פֿולער געטרײַשאַפֿט צוגעשטאַנען.

מע האָט אים װאָס װײַטער אַלץ מער אַרױסגערוקט אַלס אַזאַ, װאָס איז אים פֿון פֿיל צו דערװאַרטן, ביז מע האָט פֿאַר אים אַפֿילע אױפֿגעעפֿנט אײנע אַ שטוב, װאָס פֿאַר אַנדערע פֿון זײַן גראַד צוגעצױגענע צו דער באַװעגונג און פֿון אַזאַ אױך קורץ־פּראַקטישן סטאַזש, װי ער, איז זי געװען געשלאָסן אָף זיבן שלעסער.

דעמלט האָט לייבל אַרײַנגעטראָפֿן אין אײנער אַ שטוב, װאָס ער האָט צוערשט אַפֿילע ניט געװוּסט, װי די אײַנװױנער באַם נאָמען אָנצורופֿן, און יאָ געװוּסט, אַז מע דאַרף זיך איבעריקס ניט דערפֿרעגן, מאַכמעס זײערע נעמען דאַרפֿן בלײַבן פֿאַרהוילן.

דאָס איז געװען אַ פּאָרפֿאָלק, װאָס בעקיצער לאָזט זיך איצט װעגן זיי זאָגן פֿאָלגנדיקס: ער, לעפֿאָנעם, אַ בוכהאַלטער, אָנגעשטעלט אין אַן אײל־ און פֿאַרב־געשעפֿט פֿון אַ היגן גרױסן אײגנטימער, און אינדערעמעסן — אַ געװעזענער סטודענט שױן אָף אַ לעצטן קורס ערגעץ אין אַ דערבענטער אוניװערסיטעט, דוכט זיך, װאָס פֿאַר אַ געװיסער אַנטימעלוכישער טעטיקײַט איז ער פֿון דאָרט אַרױסגעיאָגט געװאָרן מיט אַ װאָלפֿישן בילעט, װי מע האָט דאָס דעמלט גערופֿן, דה. אַזאַ סאָרט צײַגעניש, װאָס װער עס באַקומט זי, דער האָט שױן אין קײן אַנדער אוניװערסיטעט פֿאַר קײן פֿאַל ניט געקאָנט אָנקומען.

ער איז אַריבער אָף אומלעגאַלער אַרבעט, אונטער אַ פֿרעמדן נאָמען, דאָ אין שטאָט, װוּ לעפֿאָנעם האָט ער, װי געזאָגט, פֿאַרנומען אַ לעגאַלע שטעלע, און הינטן־אַרום האָט ער, צוזאַמען מיט זײַן צװײטער העלפֿט, — װעלכע האָט אים אָנגעקערט אי אַ פּאָליטישע מיטטוערן, אי אַ פֿרױ, — אין זײַן שטיל געזיכערטער, פֿאַרוקטער און פֿון פֿרעמדע אױגן פֿאַרשטעלטער װױנונג אײַנגעאָרדנט אַ קלײנע דרוקערײַ, װוּ פֿון צײַט צו צײַט האָט מען אין די באַנאַכטן געהײם אָפּגעטאָן, װאָס געדאַרפֿט, און באַטאָג האָט מען דאָס אױסגעפּאַרטיקטע, אָף אַזאַ אָדער אַנדער אױפֿן, פֿון דער שטוב אַרױסגעטראָגן אָף דאָס צעטײלן און פֿאַרשפּרײטן אױך װוּ און צװישן װעמען מע דאַרף.

מערסטנטײלס פֿלעגט זיך אַהין באַװײַזן אַ פֿרױ מיט אַ קױשל, אַ מין אָרעמע קרױװע קלױמערשט, װאָס טראָגט אום איבער די הײַזער פֿון פֿאַרמעגלעכע דאָס, אין װאָס יענע נײטיקן זיך, ניט װעלנדיק אַלײן אין מאַרק גײן; אַזױ, אַז קומען פֿלעגט די פֿרױ מיט אַן אָפֿענער סכוירע, װעלכע האָט זיך געמעגט לאָזן אָנזען, און אַװעקגײן פֿלעגט זי פֿון דאָרט מיט אַן אײַנגעדעקטער, מאַכמעס זי האָט ניט געטאָרט בלײַבן אָפֿן.

דאָס צום אָנהײב. שפּעטער אָבער האָט דאָס פּאָרפֿאָלק, לױט אַ פֿאַראָרדענונג פֿון העכער, איבערגעגעבן די דרוקערײַ אין אַנדערע הענט — אַפֿאָנעם, צו אַזױנע, װאָס זײַנען מער באַרופֿן צו דער דרוק־מעלאָכע, װי זיי, און זיי אַלײן און די פֿאַרוקטע שטוב, װעלכע זיי האָבן באַװױנט, איז באַשטימט געװאָרן אױסצונוצן אָף גאָר אַנדערע קאָנספּיראַטיװע צװעקן.

אַז לייבל איז אַהין אַרײַן, האָט אים די שטוב אױסגעזען, װי אָן טאַטע־מאַמע, דאָס מײנט מען, אָן יענער מעבלירטער געמיטלעכקײַט, װאָס קומט פֿון אײַנגעפֿונדעװעטקײַט, צו װעלכער ער איז געװױנט געװען בײַ זײַנע עלטערן אין הױז, בײַ קרױװים און באַקאַנטע. ער האָט דאָרט

דערפילט אזא סאָרט לײדיקלעכע לופטיקײַט, ווי גלײַך ער וואָלט אָנגעטראָפן צו עפּעס מינע פארבײַפליִענדיקע פויגלען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט אַף דערווײַליקער סטאנציע, מײנענדיק הײַנט־מאָרגן פון דאָרט אוועק. אז ער האָט דערזען די קנאפּע הויז־ראָד, אפילע וויניקער פון א מינדסטע, וואָס מע דאַרף, האָט דאָס אים געמאכט זיך פילן אומהיימלעך־אָפּגעפרעמדט אין יענער שטוב, און באזונדערס נאָך, ווען די אײַנוווינער האָבן קײן נאָמען ניט געהאט, וואָס דאָס האָט געזאָלט הייסן, אז דאָס קלײן־וויניקע, וואָס געפינט זיך נאָך יאָ אין שטוב, האָט צו זיי אויך קײן שײַכעס ניט, ס׳גייט זיי ניט אָן, מאכמעס זייער הויפּט־אינטערעס ליגט ניט דאָ, אינעם איצט, נאָר ערגעץ אנדערשוווּ, אין דער צוקונפט.

דער מאנצבל — אָן באשעפטיקונג, מאכמעס ווי נאָר ער האָט באקומען די פאראָרדענונג פון העכער, אז ער ווערט באשטימט אַף עפּעס אנדערס, האָט ער בעקיוון געמאכט א גראָבן פעלער אין די רעכענונגס־ביכער פון זײַן געשעפט, ווּ ער איז געווען אָנגעשטעלט, אז זײַן פרינציפּאל האָט געהאט רעכט צו קוקן אַף אים ווי אַף א קאליקע, אַף א לוי־יוצלעך, פון וועמען מע דאַרף וואָס גיכער פּאָטער ווערן און אים אָפּזאָגן, וואָס ער האָט דאָס טאקע געטאָן. אזוי אז ער איז דעמלט [געווען] אָן ארבעט. און נאָר זי, זײַן, מעגלעך, בלויז פּאָליטישע, אָדער עמעס־טאקע פּאָר, וואָס האָט, דוכט זיך, פריִער ערגעץ אין אויסלאנד, אין נאנסי אָדער אין פאריזש, געשטודירט, האָט איצט איינינקע לעקציעס אַף אן אויסלענדישער שפּראך געקריגן, אויך, ווײַזט אויס, בלויז לעפּאָנעם, קעדיי ניט־געוווּנטשענע, פרעמדע בליקן פון זיך אָפּװענדן, ווײַל בעעמעס זײַנען זיי שוין ביידע, ווי פּראָפעסיִאָנאלן, געווען אַף פּארטיי־אויסהאלט.

די שטוב, ווּ די אויבן דערמאָנטע ביידע האָבן געוווינט, איז געווען באוואָרנט ניט נאָר אינערלעך מיצאַד די אײַנוווינער אליין, וועלכע האָבן זיך אויפגעפירט מיט דער געהעריקער פאָרזיכטיקײַט, וואָס עס פאָדערט זיך פאר אזוינע שטיבער, נאָר אויך אויסערלעך, מאכמעס זי האָט זיך געפונען אין א זײַטיקער גאס, וואָס איז געלעגן ווײַט פון שטאָט־צענטער, דערצו נאָך פאַרוקט אין א הויף און אין א סאָד, וואָס האָט געגרענעצט מיט נאָך סעדער, וועלכע האָבן געהאָלפן וואָס בעסער צו פארטישקעווען די פארשטעלעניש פון דער שטוב; דערצו נאָך האָט די שטוב געהערט צו איינער א באלעבאָסטע, ווײַזט אויס, א שטארק מיטפילנדיקער, אליין א דארלעכע הויכוווקסיקע אלמאָנע, א מאמע פון צוויי קינדער: איינס שוין א סטודענט פון לעצטן קורס, וועלכער האָט זיך אויך מיט עפּעס א פּאָליטישער מײַסע פארזינדיקט און איז איצט אָדער אין טורמע זײַן שטראָף אָפּגעזעסן אָדער ערגעץ אין ווײַטער פארשיקונג. און דערפאר, וואָס די מוטער האָט זיך אַף אים פון קלײנערהייט פיל אויסגעבראכט, און דערפאר, וואָס ער איז ביכלאל געווען איר ליבלינג, אירער אן איינציקער דערוואקסענער שטיק נאכעס, אַף וועלכן זי האָט אלע אירע אלמאָניש־מוטערלעכע האָפענונגען געלייגט, — פאר אלעם דעם האָט מען איצט, ווען מע האָט אים בא איר אוועקגענומען, אַף איר שטענדיק געקאָנט זען א פארטרויערטע מינע פון א געטראָפענער, וואָס ווייסט, ווער ס׳איז דער שולדיקער פון איר טרויער. דאָס — איר זון. דאן האָט זי געהאט נאָך אן אונטערוואקסנדיק טעכטערל, א פּופּצן־זעכצניאָריקע, אַף יונגע לײַכטע הירשן־פיס, איבער וועמען זי האָט געציטערט און זי געליבט אינצווייען, אי פאר איר אליין, אי פארן זון, וועמען מע האָט בא איר אוועקגענומען, און זי געלאָזט נאָר מיט מיליען, ווי מע האָט אָט די פּופּצן־זעכצניאָריקע, וואָס מיט די יונגע לײַכטע הירשן־פיס, גערופן.

און אָט די ביידע צוויי, די מאמע מיט דער טאָכטער, וועלכע איז נאָך געווען א שילערן פון א היגער גימנאזיע, אין א פאָרלעצטן קלאס, האָבן געוווּסט פונעם סאָד, וואָס הויזט מיט זיי אונטער איין דאך, פון יענער זײַט בעשוטפעסדיקער וואנט, וואָס טיילט אָפּ זייערע צימערן פון די שכיינים, וועמען די מוטער האָט, לויט א געהעריקער רעקאָמענדאציע, לעכאטכילע אָן א צוועק פארדונגען, ניט, נאטירלעך, פארן דירעגעלט, וואָס זי וועט האָבן פונעם פארדינגען די דירע, נאָר בעפּיירעש קעדיי צו שיצן יענע פארבאָטענע ארבעט, וועלכע איז געווענדט קעגן דער מאכט, אַף וועמען אויך זי האָט דאָך, איבערן אויבן דערמאָנטן טאם, דאָס געוויסע הארץ אַף איר געטראָגן.

אזויארום, האָבנדיק די שטיצע פון אָט דער באלעבאָסטע פון הויז, ווי אויך דערפאר, וואָס זעלבסט דאָס הויז איז, ווי געזאָגט, ווײַט פון א מענטשנס אויג געווען פארוקט און פארטישקעוועט, און ווידער דערפאר, וואָס אויך די אײַנוווינער האָבן, ווי מע דאַרף פארשטיין, זיך אויפגעפירט ווי מע דאַרף און ווי עס פאָדערט זיך, ווען מע טוט אזא סאָרט סאָד־ארבעט, ווי זייערע, — אדאנק דעם אלעם האָבן זיך די אײַנוווינער אוואדע געמעגט פילן נישקאָשע פון באוואָרנט און ווי אונטער א געניטן פליגל ארונטערגענומען.

און אָט אין דעם הויז האָט דאָס לייבל, אן אויסגעטיילטער פון פיל, ווי ער, און ווי אזא, צו וועמען מע האָט אפּאָנעם צוטרוי געהאט, ארײַנגעטראָפן. ער האָט זיך ארומגעקוקט, זעענדיק פאר אלעמען די שטוב אליין — אן אלטלעכע, מיט א נידעריקלעכער סטעליע און מיט איין פענצטער אין יעדן פון די ביידע ניט גרויסע צימערן, וועלכע קוקן ארויס אין סאָד, ארומגערינגלט

מיט נאָך סעדער, מיט וועלכע ער גרענעצט זיך, און וואָס דער שאָטן, וואָס קומט פון די ניט ווײַט שטייענדיקע ביימער פאַרן פענצטער, לאָזט אין שטוב קנאַפּ שײַן אַרײַן. און די יאָ דורכ־געלאָזטע זעט אויס ווי דורך אַ טוך אָדער דורך אַ זיפּ אַ דורכגעדרונגענע, אַ געדעמפטע און אַ קילבלעכע.

ער האָט אויך דערזען דעם אײַנוווינער, וואָס איז געווען געשוירן נידעריק, האַרט צו די באַקן, און האָט בלויז באַם קין זיך אַ קאָמעץ־בערדל געלאָזט, ער זאָל אויסזען מײַסע מאָדערנער סויכער, סאָליד און אַז קיין גוט־אויג זאָל אים ניט שאַטן. זײַן פּאָר, זײַן צווייטע העלפט, נאָך גאָר אַ יונגע, אין שוואַרצן שטאָף געקליידטע, הויכלעך געשפּיליעט דאָס ווײַסע קראַגנדל צום האַלדז און די אַרבל פון איר רעקל אויך שטײַפלעך, נידעריק באַ די האַנט־געלענקען, האָט געכאַפּט דעם אָנבליק, ווען מע האָט זיך צוגעקוקט צו איר זויבערן האַלב־יאָמטעוודיקן און אַ ביסל אַלטמאָדישן טואַלעט, ווי איינע פון די ערשטע רוסישע פּרויען־רעוואָלוציאָנערקעס אין די אָנהייב אכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט, ווי מע קאָן זיי זען אַף די פאַרבליבענע פון זיי פאָרטרעטן.

לייבל האָט אויך אַ צי געטאָן אַ קליין ביסל פון דער אומבאַקאַנטער שטוב־לופט, אין וועלכער ער האָט דערפילט אַ מין הייפעך פון דעם, וואָס באַ זײַנע עלטערן אין שטוב, ווו ס׳שמעקט מיט פון לאַנג דאָרט אָנגעשטעלטע מעבל־שטיקער, אַ ירושע נאָך פון אַמאָל און פון פאַרעלטערן, און אויב אפילו פון זײַנע עלטערן אײַנגעקויפט, שלאָגט פון זיי אָפּ אַ רייעך פון אָפּגעטראָגענער ירושע; ניט אַזוי, ווי דאָ, ווו ס׳איז קיין סימען ניט געווען דערפון און ווו אַלץ, וואָס עס האָט זיך פון מעבל געפונען, האָט געמאַכט דעם אײַנדרוק פון צײַטווײַליקער אַכסאַניע, אין וועלכער די אײַנוווינער וואָלטן זיך בלויז דורכפאָרנדיק אײַנגעאָרדנט, מאַכמעס, ווי מע האָט אײַנגעזען, האָבן זיי ניט זיך אין זינען און מיינען, דוכט זיך, פריִער אײַנצואָרדענען אַנדערע, איידער זיך.

דעמלט האָט לייבל, אויסער נאָך אייניקע באַזוכער, מיט וועמען ס׳איז אים אויסגעקומען זיך צו באַקענען אין דעם מאָמענט, אין דער אָנוועזנהײַט פון די שטוב־באַלעבאַטים, נאָך דער־זען זיך אַרײַנשטעלן דער באַלעבאָסטעס טעכטערל, די לײַכטפיסיקע מיליע, וועלכע האָט געהאַט אַהין אַן אַרײַנגאַנג אַדאַנק דעם צוטרוי, וואָס צוערשט האָט זיך איר מוטער דערוואָרבן מיט איר מיטפילנדיקער און אפילו מער ווי מיטפילנדיקער באַציִונג צו דער זאַך, פאַר וועלכער ס׳ווערט געטאָן און געשאַפן אונטער איר דאַך און ניט אָן איר וויסן. און נאָך דער מוטער אויך זי, מיליע אַליין, וואָס כאָטש נאָך זייער יונג, כאָטש נאָך אַ שילערן פון אַ פאַרלעצטן קלאַס אין גימנאַזיע, דאָך האָט זי שוין געהאַט אַף אַזויפיל, ווײַזט אויס, באַוווּסטזײַן, אַז ניט נאָר זי זאָל קאָנען מיט־פילן דער פאַרבאָטענער טעטיקײַט פון אירע שכיינים דערפאַר, לאָמיר זאָגן, וואָס דער ברודער האָט פאַר דער זעלבער זאַך געליטן, נאָר זי איז שוין אויך, דוכט זיך, גענוג רײַף געווען, זי זאָל אפילו אָן דעם, אַליין און לויט איר אייגענעם געוויסן, צו איר צושטיין און יונג, פלאַמיק־געטרײַ איר דינען.

אַז מיליע איז אַרײַן, איז ווי נאָר לייבל האָט זי דערזען, איז, ניט געקוקט אַף דער טונקל־קײַט, וואָס האָט געהערשט אין שטוב פון די ניט ווײַט שטייענדיקע ביימער, וואָס פאַרן פענצטער, האָט זיך אין שטוב, האָט אים געדוכט, גאָר אַן אַנדער לײַכט געטאָן, עלעהיי מער ליכט איז איר צוגעקומען, צי פון נאָך עפּעס אַ פענצטער, צי גאָר פון דער סטעליע אַראָפּ. איר, מיליען, זײַנען אַלע, וואָס האָבן זי געקענט, מיט פולע פענעמער שמייכל ווי אַנטקעגן געגאַנגען זי באַגעגענענדיק.

— ווי גייט אין די לימודים, און ווי האַלט זי מיט דער מאַטעמאַטיק, אין וועלכער זי שטייט אָפּ? — האָט זיך דער באַלעבאָס, דער בלאָנדער אונטערערד־טוער, דער שטענדיק סאָלידער, וואָס אַ וואָרט באַ אים איז, אַזוי ווי באַ זײַן צווייטער העלפט, שווער געווען צו קויפן, דאָס מאָל דערלויבט זיך אין אַ האַלב לײַכטן טאָן צו דער מיט שײַן זיך אַרײַנשטעלנדיקער מיליע זיך אַ ווענד טאָן.

— ניט איבעריק, — האָט זי אַ ביסל אַ פאַרשעמטע פון דעם, וואָס מע גיט דאָ אויס פאַר ניט קיין באַקאַנטע דאָס, וואָס נאָר באַקאַנטע קאָנען דערפון וויסן, פון איר הינטערשטעליקײַט אין אַ געוויסן קעגנשטאַנד. דערבײַ האָט זי דעריקער אַפן איר לאַכלוטן ביז אַהער אומבאַקאַנטן לייבלען אַ בליק געוואָרפן, וואָס גלײַך האָט מען געקאָנט זען, אַז זי האָט אים פון צווישן אוילעם אויסגעטיילט צום בעסערן ווויִלגעפעלן. אויך ער האָט אויסגעטיילט זי צום זעלבן. ניט געקוקט, וואָס עס האָט אים איצט געגליקט אַרײַנצוטרעטן אין אַ סוויווע און צווישן אַזוינע, וועגן וועלכע ער האָט, מעגלעך, לאַנג געטרוימט און וואָס דאָס וואָלט, נאַטירלעך, אים זײַן גאַנצע אופמערק־זאַמקײַט באַדאַרפט פאַרכאַפּן ביז אַ מינדסט, און ביז קיינעם און גאָרניט אויסער דעם ביכלאַל דעמלט צו באַמערקן, דאָך האָט אויך דאָס דערשײַנען פון מיליען דעמלט ניט קיין קליין ביסל צוגעשפּילט צו זײַן דערהויבנקײַט. ניין, איינס דאָס אַנדערע. האָט גאָרנישט ניט געשטערט, נאָר, פאַרקערט, נאָך דערפילט.

און ער האָט דערזען זי אַ נאָך יונגע, מיט אַ גלאַט־געקעמטן קאָפּ אָפּן שטייגער פֿון אַלע גימנאַזיסטקעס, דערצו נאָך ווי מיט מוזיק אין די קני און מיט אַזאַ סאָרט לעבעדיקן קוועקזילבער אין איר יעדער באַוועגונג, וואָס אַפֿילו אַזאַ סאָלידער אונטערערד־טוער, באַ וועלכן ער, לייבל, האָט זיך איצט געפֿונען, האָט ניט ווילנדיק, דערזעענדיק זי, אָף אַ קליינער ווײַלע דאָס ערנסטע געשפּרעך, באַ וועלכן ער האָט געהאַלטן מיט די אַלע באַ אים פֿאַרזאַמלטע, איבערגעריסן, און נאָך דער ערשטער פֿראַגע, מיט וועלכער ער האָט זיך געווענדט צו איר מיקויעך איר אָפּגעשטאַנענקייט אינעם געוויסן קעגנשטאַנד, האָט ער ווײַטער פֿאָרגעזעצט צו פֿרעגן:

— יאָ, מיליע, אָבער דאָס שטערט דאָך פֿונדעסטוועגן ניט, אַז די קאַוואַלערן זאָלן דיר ווי ביז אַהער אויך ווײַטער נאָכלויפֿן גאַנצע כאַפּטעס, איאָ?

— יאָ! — האָט זי געענטפֿערט האַלב צופֿרידן, האַלב פֿאַרשעמט, און דערבײַ האָט זי ווידער איר בליק געווענדט צו דעם נײַעם, הײַנט צום ערשטן מאָל אַהער געקומענעם, לייבלען, וואָס ער, פֿון זײַן זײַט, דערזעענדיק זי אין איר האַלב געמאַכטער פֿאַרשעמטקײַט, האָט אָף איר אַזאַ קוק געטאָן, אַז זי האָט זיך שוין אָף אַן עמעס טאַקע פֿאַרשעמט. און אַזוי ווי זי איז פֿריִער אַרײַן אַ מיט מיידל־שײַן געקומענע, אַזוי איז זי אויך אַרויס, איבערלאָזנדיק נאָך זיך די שײַן, אונטער דעם אַלגעמיינעם צופֿרידענעם שמייכל פֿון אַלע דעמלט פֿאַרזאַמלטע אונטער איר מוטערס דאַך, באַ אירע שכיינים די אונטערערד־טוער. ער איז נאָך זייער יונג געווען און, דערזעענדיק מיליען איצט אַרײַן און אַרויס און האָבנדיק מיט איר נאָר גאָר ווייניק מיט די בליקן זיך האַלב פֿאַרשטעלט באַגעגנט, האָט ער דאָך, ניט געקוקט אָף דעם אים אומבאַקאַנטן ערנסט, וואָס עס האָט אים באַהערשט אַרײַנטרעפֿנדיק אַהין, ווו ער האָט געוויס אָן אויסזיכט אָף דערפֿאָלג געצילט, האָט ער אויך זי, מיליע, דערנאָך פֿון זיקאָרן ניט געקאָנט אַרויסלאָזן, האָבנדיק זי טאָמיד פֿאַר די אויגן, ווי זי שטייט, ווי זי גייט, ווי זי קומט און פֿאַרשווינדט, און ווינטשנדיק זיך זי נאָכאַמאָל צו קאָנען זען, דורכמאַכן דאָס זעלבע...

נו, און ווי מע דאַרף קלערן, האָט דאָס אים אַוודע באַדאַרפֿט געראָטן: אויב צוויי נעפּאַשעס האָבן זיך איינמאָל נאָר איינס דאָס אַנדערע ניט צום שלעכטן אין די אויגן געוואָרפֿן, אַזוי וועלן זיי שוין זיכער די מיטלען און וועגן אויסגעפֿינען אָף זיך נאָכאַמאָל צו טרעפֿן און צו קאָנען לענגער איינס אָף ס'אַנדערע די בליקן אָפּצוהאַלטן. דערווײַל אָבער האָבן די ביידע צוויי בלויז איבערכאַפּנדיק זיך דאָ באַגעגנט, און ער האָט דערזען, ווי זי זעט אויס, און זי — ווי ער, אַז זײַנע אויגן שלאָגן אָפּ מיט ציגײַנער־היץ, און אויך די האָר פֿון קאָפּ, פֿון די ברעמען און וויִעס, ווי באַ ציגײַנער, — שוואַרץ, אַזש בלאָוולעך, און אַז דערצו נאָך האָט ער אַן אייבערשטע, עטוואָס פֿאַריסענע ליפּ, ווי באַ אַ געוויסן נעגער־שטאַם פֿון דער ווײַטער בערבעריע ערגעץ, וואָס דאָס האָט באַ איר נאָך מער ווי אַלץ אויסגענומען, ניט געקוקט אָף דער אומגעוויינלעכקײַט אָדער עפּשער טאַקע דערפֿאַר. אָבער וועגן דעם אַלץ — שפּעטער.

דערווײַל איז לייבל אין גרויסן קאָך אַרײַנגעצויגן געוואָרן, אין קאָך פֿון יענער באַוועגונג, צו וועמעס דינסט ער האָט זיך געשטעלט, לאָזנדיק זיך אויסנוצן אָף די אַלערליי פּאָסטנס, אָף וועלכע מע האָט אים פֿון העכער באַשטימט. מע האָט אים צוערשט באַשטימט אָף אָנצופֿירן מיט קליינע אַרבעטער־קרײַזלעך, אין וועלכע ער האָט געהאַט לערעריש דערלאַנגען אָף אַ צוגענגלעך פּאָפּולערן אויפֿן ראָשיי־פּראָקים, דה. עלעמענטאַרע יעדיִעס פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע, פֿון נאַטורוויסנשאַפֿט און קולטור־געשיכטע, אָף וויפֿל זײַנע צוהערער האָבן געקאָנט באַנעמען. און שפּעטער, ווען ער האָט זיך אַרויסגעוויזן געניג פֿייִיק אָף אָט דעם געביט, האָט מען אים אַריבערגעפֿירט אָף מער ערנסטער פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרבעט, מיט אַ מער צוגעגרייטן אוילעם, מיט וועמען מע האָט שוין געקאָנט צוטרעטן צו מער גרינטלעך דערלערנען יענע קעגנשטאַנדן. מע האָט אים דערנאָך אויך, ווי אַ גוטן רעדנער מיט אַ געשליפֿענער צונג, זײַן טריבונע פֿאַרברייטערט, אַרויסלאָזנדיק אים אַמאָל אָף אַ מאַסאָווקע, ווי אויך אַפֿילו אים געגעבן אַ וואָרט צום אַרויסטרעטן אין אַ דיסקוסיע מיט קעגנער, אין דיסקוסיעס, וואָס פֿלעגן זיך דעמלט אָפּט פּראַקטיקירן. ער האָט זיך אָף אַזוי ווײַט פֿאַרדינט, אַז מע האָט אים שוין אויך אַמאָל אַלס זעלבשטענדיקן פֿאָרטרעגער אַרויסגעשטעלט, און ווען די אָנפֿירער, די אמערסטן אוטאָריטעטע פֿון זײַן אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער האָט געקערט, זײַנען אים אינקאָגניטאָ געקומען הערן, זען, ווי וועט ער זיך אָפּפֿאַרטיקן מיט זײַן אויפֿגאַבע, צי איז ער געניג געשולט, ער זאָל ניט געשטרויכלט ווערן, ווי נאָך אַן אומדערפֿאַרענער, האָבן זיי זיך איבערצײַגט, אַז יאָ, אַז מע קאָן זיך אָף אים פֿולשטענדיק פֿאַרלאָזן און אַז אין קיין נאָכקוק נייטיקט ער זיך ניט, מאַכמעס ער איז אי טעאָרעטיש געניג געשמידט און אי רעדנעריש אָף דער העכסטער מאַדרייגע. אינגיכן האָט ער גענומען שעמען אין די ברייטערע פּאַרטיי־קרײַזן און צווישן די אָנפֿירער פֿון היגן קאָמיטעט און אַפֿילו ניט נאָר אין היגן, ווי אַזאַ, אָף וועמען מע קאָן זיך ריכטן, ער זאָל אויסוואַקסן אַ „קויעך“, ווי מע פֿלעגט דעמלט זאָגן, דאָס הייסט אַ קיילע, מיט וועמען מע וועט זיך אָט־אָט האָבן צו רימען.

יאָ, ווער עס האָט געטראַכט זיך מיט אים צו רימען און ווער עס האָט, פאַרקערט, פון זײַנע דערפאָלגן דעם קאָפּ פאַרלוירן און זײַן שעם האָט זיי געשטאָכן אין דער זיבעטער ריפּ. דאָס איז געווען לייבלס מוטער, יענע פרוי, וואָס מיטן הארבן זעלבסטהערשערישן כאַראַקטער, יענע, וואָס מיט נאָר דעם הארטן ווילן און מיט די מעיוכעסדיקע פאָרורטיילן, וואָס איר זונס מישטיינס־געזאָגטער פאַר איר נאָמען איז איר געפאַלן ווי א בארג אפן קאָפּ.

א קלייניקײַט: ער, דער, איר לייבל, אַף וועמען זי האָט געהאָפּט, ער זאָל זי דערפרייען סײַ באַכערוויײַז, סײַ באַלד שפּעטער, ווען זי וועט אים כאַסענע מאַכן, מיט וועמען זי וועט האַלטן פאַר פּאַסיק, לויט איר האַסאָגע; ער, דער, אַף וועמען זי האָט זיך אויסגעברענגט, האַלטנדיק פאַר אים די בעסטע מעלאַמדים און לערער, וועלכע האָבן אומעטום אין אַלע הײַזער, ווו זיי פלעגן האָבן אַרײַנגאַנג, ניט אופגעהערט פון אים ריידן ווי פון אַן אויסנאַם, א מושלעם און אַזאַ, וואָס א גאַנצע שטאָט קאָן זיך פאַרגינען צו פאַרמאָגן ניט מער ווי איינעם; ער, דער, איר לייבל, האָט זיך מיטאַמאָל גאָר אַזאַ דריי אויס געטאָן פון אונטער איר האַזשגאָכע און פון וועלן איר מוטער־לעכן נאַכעס פאַרשאַפן, אַז ניט נאָר ער האָט זיך סטאַם געשטעלט קאַלט צו איר, ניט וועלנדיק זיך רעכענען מיט אַלעם דעם, וואָס זי האָט פון זײַן געבוירן אָן געטאָן פאַר אים, זעענדיק אין אים איר יעסאָד און זין אין לעבן, ווײַל קיין אַנדער פאַרזענלעך לעבן איז איר ניט באַשערט געווען צו האָבן, — ניט נאָר דאָס אַליין האָט לייבל איר געטאָן, דה. ער האָט ניט נאָר סטאַם פון איר און אירע ווונטשן זיך אָפּגעקערט, וואָס דאָס אַליין וואָלט אויך זײַן גענוג; ער האָט זיך נאָך דערצו א קער געטאָן צו אַזאַ ווילדן הייפעך, ווי גאָר צו וועלן אַלעמענס יעסוידעס אונטער־צורײַסן, צוזויפקאָמפּאַניענדיק זיך מיט אַזעלכע לײַט, אָדער, רײדנדיק מיט איר לאָשן, — אומ־לײַט, בא וועלכע ס'איז קיין שום טײַערס ניטאָ, ניט קיין טאַטע־מאַמע, ניט קיין גאָט, ניט קיין קייסער, לאַכלוטן טאַקע גאָרניט. און זי האָט גענומען אָנשטעלן אַף אים זײַנע פריִער בא אים געוועזענע אויטאָריטעטן — לערערס און מעלאַמדים, יענע, וואָס איר לייבל, ווי זי האָט געטײַ־נעט, איז פון זיי אַזוי גוט דערצויגן געוואָרן און וואָס, ווי זי מיינט, דאַרף ער זיי זײַן טײַער, ווי איר. זי האָט זיי געבעטן, זיי זאָלן אים איבעררײדן און זען טאָן אַלץ, אים אַף איר געוווּנטשטן דערעך אַרופּברענגען. און זיי האָבן זי געפאָלגט, זיך אונטערגענומען, געגאַנגען און גערעדט מיט לייבלען, און יענער האָט אי מיט סייכל אי מיט קאָוועד צוערשט זייערע אַלעמענס טײַנעס אָפּגעלייקנט, אָפּגעוווענדט, און ווען יענע האָבן אָבער זיך געאַקשנט, מיינענדיק פאָרט פון זײַנע קלוימערשט פעלערהאַפטע געדאַנקען אים אַראָפּצופירן, האָט ער זיך שוין דעמלט דערלויבט אַפילע אַן אומבעקאָוועדיקן שמייכל טאָן זיי אין פּאָנעם, געבנדיק זיי צו פאַרשטיין, אַז זיי דאַרפן זיך דאָ ביכלאַל ניט מישן, ווײַל עס האַנדלט זיך וועגן אַזאַ זאַך, וואָס בא זײַן בעסטן ווילן און ניט געקוקט אַף זײַן ערנפולער באַציִונג צו זיי, איז ער ניט אימשטאַנד זיי אויספאָלגן, ווי לערער, ווײַל אין דעם פּראַט זײַנען זיי אים קיין לערער ניט.

אַז יענע זײַנען מיט די גאָר ניט פויגלדיקע טשוווּעס צו דער מוטער געקומען, איר פאַר־זיכערנדיק, אַז זיי האָבן געטאָן, וואָס געקאָנט, און מער לאָזט זיך ניט, ווײַל, ווײַזט אויס, זיי זײַנען בא זייער געוועזענעם שילער שוין קיין אויטאָריטעטן ניט, — דעמלט, אַז די מוטער האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך דערפילט שטאַרק געבראָכן און בעלעס־ברײרע, אַז אַלע די ביז אַהער אָנגענומענע מיטלען האָבן זיך איר אָן דערפאָלג אויסגעלאָזט, האָט זי ניט אָפּגעשטעלט זיך אַפילע פון ווענדן זיך צו איר האַלב דעגענערירטן מאַן, צו דעם קורצזיכטיק־סוטולעוואַטן נישט, וועלכער האָט בא איר קיין דייע ניט געהאַט און וואָס ניט אין גוטע, ניט אין ניט־גוטע צײַטן, ווען אַזוינע האָבן זיך געמאַכט, איז זי קיינמאָל צו אים נאָך קיין הילף ניט אָנגעקומען, ניט האָבנדיק פון וועמען זי צו באַקומען. דאָס מאָל אָבער, ווען ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן גוירל פון איר אַזוי טײַער געהאַלטענעם בעניאָכיד לייבלען, איז כאָטש זי האָט געוווּסט, אַז אויך ער, לייבל, האָט פאַר זײַן טאַטן קיין שום אָפּשײַ ניט, אָבער פאָרט ווי אַף א טאַטן, און כאָטש אַף א ניט געראָטענעם טאַטן, וועט ער מעגלעך דאָך א ביסל ראַכמאָנעס קריגן. און דאָך, וויסנדיק דאָס אַלץ, האָט זי געמיינט, אַז דאָס ראַכמאָנעס־געפיל פון לייבלען צו יענעם וועט כאָטש אוואָ־סערע־ניט־איז פולע האָבן, שפּילן א ראָליע, ווען יענער, איר מאַן, אַן אָנגעדרייטער פון איר, וועט מיט געשלאָגענע טאַכנונים אַרויס פאַר לייבלען, בעטנדיק בא אים דאָס, וואָס זי, די מוטער, קאָן מאַכמעס שטאָלץ עס ניט בעטן; אַז ער, לייבל, זאָל אים, דעם פאָטער, שאַנעווען, און זאָל זײַן לעצט ביסל כּיִעס אים ניט אָוועקנעמען, ווײַל וואָס נאָך האָט ער אַף זײַן וועלט, אויסער אים. ער ווייסט דאָך, לייבל, די מאַמע האַלט פון אים ניט און קיינער ניט. איז וואָס איז אים דען נאָך געבליבן?

און אַזוי איז טאַקע געווען. די מוטער האָט גוט־גוט אָנגעדרייט דעם פאָטער, זי האָט אים אַרײַנגעלייגט אין מויל, ער זאָל גיין און טאַקע לאָזן פאַלן זײַנע טאַכנונים פאַר דעם, צו וועמען זי האָט אים געשיקט. ער איז געגאַנגען, דער פאָטער, און געקומען פאַר לייבלען, וועמען ס'איז

געווען א גרויס כידעש, דער פאָטער זאָל גאָר האָבן מוט און זיך אײַנשטעלן אָף א זעלבשטענדיק געשפרעך, צו וועלכן ער איז קיינמאָל ניט געווינט געווען, ביפראַט אָן אינטימען, א האלב־געהיימען, צווישן פיר אויגן, מיט אים, מיטן זון. ער איז צוגעטראָטן צו לייבלען מיטן ליבלעכסטן וואָרט, וואָס ער האָט געהאט פאר אים, ווי פאר א קינד און ווי פאר א געליבט קינד, און וואָס ער פלעגט דאָס אויסנוצן נאָר אין אויסנאַם־פאלן, ווען לייבל פלעגט קליינערהייט אָדער אפילע גרויסערהייט קראַנק זײַן, ווען ער, דער פאָטער, פלעגט צו זײַן בעט קומען מיט געקרענקטער און דערשלאָגענער געטרײַשאַפט.

— לייבעניו, — האָט ער אים אויך דאָס מאָל, ווי אין א קראַנקן־פאַל, אָנגערופן פארצויגן, — זאָג אליין, — האָט ער מיט ווערטער, וואָס די מוטער האָט אים אין מויל ארײַנגעלייגט, זיך גענומען ווענדן צו זײַן זון. — כ'מיין, צי האָבן מיר, איך און די מאמע, דערוף דיך געלערנט און אָף דיר זיך אויסגעבראַכט, אז אונדזער מי זאָל זײַן ארויסגעוואָרפן און אז אזא קענער, ווי דו, זאָל מער גאָר ניט וועלן, ווי צו ווערן א באַלדארשן בא די שוסטערס, ווי מענטשן זאָגן. זע, די מאמע לאָזט דאָך מיך ניט לעבן, זי האַלט אין איין טײַנען: און וואָס וועט כאָלילע זײַן, אז מע וועט דיך ביכלאַל פארנעמען און דיך פארזעצן אין א קעלער מיט וואַסער און מיט שטשורעס, ווי מענטשן זאָגן, אז מע טוט מיט אזוינע אין די טורמעס, ווו מע פארשיקט זיי? ווי וועלן מיר דאָס אויסהאַלטן, איך און די מאמע? כ'ווייס, לייבעניו, אז דו האַלטסט ניט פון מיר, אזוי ווי די מאמע ניט, אזוי ווי קיינער ניט, אָבער פאָרט ביסטו דאָך מיר א קינד און איך דיר א טאַטע, איז טו עס, כ'בעט דיך, צוליב מיר און פארשעם אונדז ניט, מיך מיט דער מאמען, פאר די מעשאָרסים פון קראָם, וועלכע זײַנען, לעצטנס, דוכט זיך, גאָר פון זינען געקומען און זאָגן, אז די פארדינסטן פון קראָם זײַנען זייערע און אז אַלץ איז זייערס, און א סימען, זאָגן זיי, אז אײַער לייבל האַלט אפילע אויך אזוי. און אויב, לייבעניו, בא כאַסענע האָבן האַלטסטו ניט, אָבער לערנען באַדאַרפסטו דאָך יאָ, איז לערן געזונטערהייט ווײַטער, אבי זאָלסט זיך ניט אָנקערן מיט יענע, וואָס דאַרפן דיר ניט אָנשטיין, ווי ניט פון דײַן גראַד און ניט פון דײַנע קענטעניש. וואָס דאַרפסטו זיי? און וואָס וועלן זיי דיר געבן יענע — פע, די קויטיקע שוסטער־געזעלן. דו, וואָס האָסט, באָרעכהאַשעם, אַלץ און נייטיקסט זיך איצט אין גאָרניט. ניט איצט און ניט שפּעטער. איבער הונדערט מיט צוואַנציק יאָר וועט דאָך אוואַדע אַלץ צו דיר געהערן, ווײַל ווען מען האָבן מיר דען, אויסער דיך, איך און די מאמע? — און דאָ האָט דער פאָטער, דער דעגענערירטער נישט און קורצזיכטיקער סטוטלעוואַטער שלימאַזל, וואָס האָט בעעמעס נישט געהאַט קיין אָנזען ניט בא זײַן ווײַב און ניט בא קיינעם, אפילע ניט בא די מעשאָרסים פון קראָם, זיך צעוויינט. און אוואַדע איז לייבלען דעמלט ניט אָנגענעם געווען אים צו זען אין אזא נישטיק־צעריבענעם מײַמעד, א שאָליעך צו אים געשיקט פון זײַן מאמען, ניט מיט זײַנע אייגענע ווערטער אין מויל, ווי ער האָט פארשטאַנען, און א סוואָרע אויך אפילע, אז די טרערן, וואָס ער האָט איצט פארגאָסן, זײַנען ניט זײַנע, נאָר פון דער מוטער אָף פראָקאַט געליִען, ווי באַשטעלט. ס'האָט זיך א סוואָרע בא לייבלען איצט אפילע קיין שום ראַכמאָנעס־געפיל ניט אויפגעוועקט צום פאָטער, ער האָט אים נאָר א פרעג געטאָן נאָך דעם, ווי די אָף פראָקאַט אנטליִענע בא דער מוטער ווערטער האָבן זיך אים אויסגעלאָזט, און נאָך דעם, ווי ער האָט זיך שוין געהאַט צעוויינט:

— טאַטע, האָסט געענדיקט?

— יאָ! — האָט יענער געזאָגט.

— נו, איז זאָל זײַן גענוג, — האָט לייבל הארבלעך א זאָג געטאָן, מיינענדיק דערמיט געבן צו פארשטיין דעם פאָטער, אז דאָס געשפרעך איז אויס און אז ער דענקט צו לאָזן אַלע זײַנע טײַנעס אָן א טשוווּע.

— יאָ, אָבער וואָס זאָל איך זאָגן דער מאמען?

— גאָרנישט, גיי, טאַטע, — האָט זיך לייבל דערלויבט צו טאָן מיטן טאַטן, ווי מיט א קינד אָדער ווי מיט אזא מינדערווערטיקן דערוואַקסענעם, מיט וועמען מ'לאָזט זיך אין קיין איבעריקע מאַכלויקעסן ניט ארײַן איבער זייער קורצסייכלדיקן באַנעמען. אָן אנדערשמאָל, אז ער וועט צײַט האָבן, לייבל, וועט ער מיט אים ריידן. איצט האָט ער ניט.

— גיי, גיי, טאַטע!

— נו, וואָס, — האָט די מוטער, דערזעענדיק דעם צוריקגעקומענעם פאָטער פון זײַן שליכעס, נאָך מיט די טרערן אָף די אויגן, א פרעג געטאָן, — וואָס זאָגט ער, לייבל?

— גאָרניט זאָגט ער, ער זאָגט, ער האָט איצט קיין צײַט ניט, אָן אנדערשמאָל...

דערפון האָט די מוטער פארשטאַנען, אז מיטן אויסשטעלן אָף איר מאַן, אָף לייבלס פאָטער, אז ער וועט דעם זון, אויב ניט מיט סייכל, איז אַלקאָלפּאָנעם מיט ראַכמאָנעס נעמען, האָט זי זיך גענאַרט און אז פון לעכאַטכילע אָן וואָלט זי באַדאַרפט פארשטיין, אז אָף אים איז אויסצורעכענען ניט מער ווי אָף א שטרוי, ווען מע טרינקט זיך...

נו, מיילע, זי האָט געזוכט אויך אַנדערע, ווער ס'זאָל פאַר איר זיך מישטאַדל זײַן און איר הילף דערלאַנגען אין איר אומגליק, און האָט ניט געפונען. און דעם לעצטן שאַנס אַף דערפאַלג, דה. אַז זי אַליין זאָל נעמען איבערריידן מיט לייבלען, זיכער זײַענדיק, אַז זי וועט ער, ווי דעם פאָטער, מיט קיין שיִע־פּיִע ניט אָפּקומען און ער וועט מוזן אַרויס מיט קלאָרע דיבורים: יאָ אָדער ניין! — אָט דעם לעצטן שאַנס אַף דערפאָלג האָט זי דערווײַל אָפּגעלייגט, מוירע האָבנדיק, אַז טאַמער וועט יענער אויך איר, כאַלילע, אָפּזאָגן, ווי אַלעמען, וועט דאָך דער רויגעז צווישן איר מיט אים אַלע צוימען און הרעבליעס אופּברעכן און גאָט ווייסט, צו וואָס עס קאָן נאָך דערפירן. און איר צאַר איז דערווײַל ווײַטער אַלץ מער געוואַקסן.

אין לאַנד האָט זיך געצומען אַלץ הייסער צו קאָכן. צײַטונגען האָבן אַלץ מער יעדיִעס געבראַכט וועגן דעם, וואָס אין די גרעסערע שטעט און וואָס אַפילע אין די ווײַט־פּאַרוואָרפענע מעקוימעס טוט זיך אָפּ. און אַלס סימען, אַז די יעדיִעס זײַנען ריכטיקע און אַז מע קאָן אַף זיי אויססשטעלן, האָט געקאָנט דינען דאָס, וואָס דאָ, אין איר אייגענער שטאָט, קומט פאַר מיט די שטרײַקן, וואָס ברעכן אויס אָט דאָ, אָט דאָרט, אָט אין געשעפט פון איינעם א באַוווּסטן סויכער־מויכער אין שטאָט, אָט באַ אַן אַנדערן, און ס'האַלט שוין דערבײַ, אַז אַפילע אויך באַ איר גייען אַרום די מעשאָרסים מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, ניט קאָנענדיק קוקן איר אין די אויגן, איר, זייער באַלעבאָסטע, וועלכע האָט זיי, דוכט זיך, קיינמאָל קיין שלעכטס ניט געטאָן, און וואָס זיי, פון זייער זײַט, וואָלטן דאָך אויך קיין טײַנעס ניט באַדאַרפט האָבן. איז אָבער ניין, ווי א כאַלאָס, אַן אונטערגאַנג, וואָלט געקומען אַף אַלע די זייעריקע, זיי האָבן זיך ווי א בייזע מאַנקאַליע אַרײַנגע־נומען — דאַפקע קעגן זייערע באַלעבאַטים, פון וועמען זיי האָבן ברויט געגעסן מיטן פולן מויל און, דוכט זיך, ניט אין אומקאָוועד, און, ווי ס'ווײַזט אויס, אויך קעגן איר אַרויסטרעטן מיט עפּעס גאָר נײַע, מאָדנע פאָדערונגען, ווי ס'הייסט באַ זיי: אַן אַכטשאָיִקן אַרבעטסטאָג, געהעכערטע סכירעס, בעסערע באַהאַנדלונג, גלײַך ווי ביז אַהער וואָלט מען זיך באַ איר צופּיל איבערגעאַרבעט, גלײַך מע האָט כאַלילע באַ איר אַף דער הויצאָע ניט פאַרדינט און גלײַך אויך ווי ביז אַהער וואָלט זי מיט די איריקע אַף קיין מענטשלעך לאָשן ניט גערעדט, נאָר ראַק געהוקעט און געהאַלטן זיך מיט זיי אין איין שאַפן. דערום, ווײַזט אויס, גייען זיי אַרום, די מעשאָרסים און באַדינטע, אָנגע־ברויגעזטע, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, ניט קאָנענדיק קוקן איר גלײַך אין פּאָנעם, מאַכמעס זייער געוויסן איז ניט ריין פון דעם, וואָס זיי פאָדערן, וואָס עס קומט זיי ניט.

אָבער מיילע, דאָס אַלץ איז נאָך צו דערלײַדן, ווײַל ס'איז צאָרעס־האַקלאַל, צאָראַס־ראַבים, ווי מע זאָגט. אָבער די צאָרע אירע באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז אַליין שולדיק, זי האָט אַליין אַף זיך גענומען און ווי זי וואָלט זיך אַליין מיט די אייגענע הענט אויסגעפּאַטשט. דאָס מיינט זי דאָס, וואָס איר לייבל, ווי עס זאָגן מענטשן און ווי זי ווייסט אַליין, האָט צו יענעם אייסעק, צו דעם ביז אַהער ניט געהערטן אומלײַטישן טומל מיט די שטרײַקן און מיט די אומרוען דאָ אין שטאָט, א גאָר נאָענטע שײַכעס, און נאָך וואָס פאַר א שײַכעס! ביז אַפילע צו קאָנען איבערײַסן מיט איר און זי קימאַט ניט אָנערקענען פאַר קיין מאַמע; ביז זיך ניט צו רעכענען מיט דעם, וואָס זי האָט פאַר אים אַזויפיל געטאָן, האַלטנדיק אים פאַר איר שײַנדל, וועמען זי האָט אײַנגיכן געזאָלט זען פאַרקנאַסט פאַר אַזאַ, וואָס איר און אים וואָלט אָנגעשטאַנען, און באַלד, שפּעטער, וועט זי אים, לייבלען, אויך זען פאַר א טאַטן פון קינדער און זיך פאַר א באָבע פון אייניקלעך, וואָס וועט ניט דאָס, איז צו וואָס איז איר לעבן אַף דער וועלט? צו וואָס האָרעוועט זי און צוליב וואָס האָט זי זיך אַף איר איינציק קינדס דערציִונג אַזויפיל אויסגעבראַכט? ער קוקט ניט דערויף און רעכנט זיך נישט ניט נאָר מיט איר אַליין, נאָר אויך ניט מיט דעם, וואָס די גאַנצע שטאָט האַלט אים אין מויל, און וואָס אויך אירע אייגענע מעשאָרסים, ווי עס דוכט איר, שושקען זיך וועגן אים, ווי וועגן אַן אייגענעם, ווײַל, ווי זי ווייסט, גיט ער זיי אונטער פײַער צו האָבן די האָזע אַרויסצוקומען מיט פרעך לאָשן און מיט אומדערהערטע פאָדערונגען צו איר, וואָס זי האָט לויט אַלע געטלעכע און מענטשלעכע גוטע מידעס זיי אַלע טאָמיד רעכט גוט און אָפּן בעסטן אויפן, דוכט זיך, באַהאַנדלט. ער קוקט אַפילע ניט אַף דער סאַקאָנע, וואָס שטייט אים פאַר און וואָס, באַהיט גאָט, ווען מע נעמט אים צו, אַזוי בלײַבט דאָך איר מיט איר שלימאַזלדיקן מאַן ניט מער ווי זיך א מיסע אָנטאָן. ווײַל וואָס נאָך בלײַבט איר אויסער אים?

איז דאָס ווייניק, איז איר נאָך איינע א צאָרע צוגעקומען. זי האָט דערפילט, אַז דאָס, וואָס איר לייבל זאָגט זיך אָפּ פון שידוכים, וועלכע מע לייגט אים פאָר, איז ניט בלויז דערפאַר, וואָס ער האַלט ניט באַ כאַסענע האָבן ביכלאַל, נאָר ווײַל, מעגלעך, ער האָט זיך אַליין אויסגעשאַדכנט און זי, די מוטער, פילט און איז זיכער, אַז יענע וועט איר פון פאָרויס באַשטימט ניט געפעלן, טאַקע צום אַלעמערשטן דערפאַר, וואָס ער, לייבל, האָט, ניט אָנפרעגנדיק זיך באַ איר און אָן איר האַסקאָמע, זיך אַליין אויסגעקליבן.

פונוואַנען זי האָט זיך דערוווּסט? — פון זיך אַליין און פון דעם, וואָס איר אייגן האַרץ האָט

איר אונטערגעזאָגט. זי האָט דאָס דערקענט אין זײַן פּאָנעם, דערקענט אין זײַן בליק, וואָס האָט גענומען אריבערקוקן איבער די פענעמער פון די אלע, וועלכע געפינען זיך אין זײַן אָנוועזנהײַט און מיט וועמען ער האָט אפילע אינמיטן א געשפּרעך געהאלטן, האָבנדיק, ווײַזט אויס, פאר די אויגן אזוינס, וואָס מאכט אים בלינד בענעגייע אלע איבעריקע. זי האָט עס דערקענט אין זײַן שמייכל אין שלאָף... וואָס הייסט? —

אזוי אײַנגעפירט איז בא איר געווען פון לייבלס געבוירן ביז צו הײַנטיקן טאָג, אז אלע אינדערפרי, ווען ער שלאָפט נאָך, זאָל זי קומען א קוק טאָן אף איר איינציקן, ניט אויסגעשלאָסן אפילע איצט, ווען זי איז זיך מיט אים אזוי ווײַט צעגאנגען און אף אים ניט קיין גרינג הארץ געטראָגן דערפאר, וואָס ער האָט זיך פון איר אָפּגעוואָרפן, ארײַנטרעטנדיק מיט איר אין א גאָר ניט קאַטאָוועסדיקן, ניטגעלייזטן סיכסעך. אז זי איז אויך איצט צו זײַן געלעגער געקומען, פלעגט זי אים אָפט זען אזוי שמייכלען, וואָס, ווי זי האָט פארשטאנען, שמייכלט נאָר א פארליבטער מאנצבל אזוי אין שלאָף. זי האָט געהאט נאָך סימאָנים, וועגן וועלכע ס'איז דאָ ניט קעדײַ צו ריידן.

און ווירקלעך, פון ערשטן מאָל, זינט לייבל האָט דערזען מיליען, האָט זיך איר געשטאלט פון זײַנע אויגן ניט אָפּגעטאָן, ברענגענדיק אים צו צעמישטקײַט, ווען ער האָט זיך געפונען אין א געזעלשאפט, און ווען ער פלעגט בלײַבן אליין — צו אומגעדולדיקע מאכשאָוועס, וועלנדיק זי נאָכאמאָל און אָבעראמאָל זען, אזוי ווײַט, אז איר געשטאלט האָט אים אפילע אין שלאָף און אין כאָלעם פארליבט געמאכט שמייכלען. ער האָט געטאָן אלץ צו קאָנען ווידעראמאָל און נאָכאמאָל אריבערטרעטן יענע געבענטשטע שוועל פון יענער שטוב, ווו זי האָט זיך אים צום ערשטן מאָל באוויזן. און ס'האָט זיך אים אויך אײַנגעגעבן אהין צו קומען, אף וויפל די קאָנספּיראטיווע באדינגונגען האָבן דאָס דערלויבט, און אף וויפל ניט, האָט ער אלעמאָל דאָך געזען אויסגעפינען א טערעץ צו איינעם א קלוימערשט נויטווענדיקן באזוך. און אז מע זוכט, ווי באקאנט, געפינט מען.

און, נאטירלעך, איז ניט פארהוילן געבליבן פאר די אײַנוווינער פון יענער שטוב די הויפּט־סיבע, וואָס טרײַבט אים אהער, ביז אפילע יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך צו זיי ווײַזן, איז, אכוץ דער כאוורשער גוטער באציִונג, וועלכע זיי פלעגן ארויסווײַזן אים באגעגענענדיק, האָבן די אײַנוווינער א גוטמוטיקן, אלצוויסנדיקן שמייכל אף די ליפּן געהאט, וואָס האָט באטײַט: יאָ, מע ווייסט, צוליב וואָס נאָך ער קומט אהער אזוי גערן.

ער פלעגט בא זיי דאָרט פארברענגען פּראָפעסיאָנעל־געשעפטלעך, אזוי צו זאָגן, וויפל ער האָט באדארפט. און אז דער אייגנטלעכער איניען, צוליב וועלכן ער איז, לעפּאָנעם, געקומען, האָט זיך אים אויסגעלאָזט, האָט מען געזען, ווי ער בלאָנדזשעט אום מיט זײַן בליק, זוכנדיק עפּעס אף די ווענט, אף דער סטעליע, אָדער אין די פענצטער, אָבער אינדערעמעסן איז ער הינטן־ארום צו דער טיר און צו דער געבענטשטער שוועל צוגעשמידט געווען, אז טאָמער, עפשער, הייסט עס, וועט אים דאָס גליק טרעפן און זי, מיליע, אף וועלכער ער קוקט אזוי ארויס, וועט זיך אים פון דאָרטן באוויַזן. און אויך מיליע, מע מעג שווערן, אז זי האָט אלעמאָל פון יענער זײַט וואנט, וואָס איר מוטער האָט געהאט בעשוטפעס מיט די שכיינים, אים דערפילט. און אמאָל האָט זי אים צוליב געטאָן און האָט זיך, צו זײַן און צו איר פארגעניגן, אף א ווײַל ארײַנגעשטעלט. אמאָל האָט זי זיך אָפּגעזאָגט פונעם פארגעניגן; וועלנדיק אים אויסהונגערן, האָט זי זיך ניט באוויזן, כאָטש איר אליין האָט דאָס ניט ווייניק געקאָסט, בלײַבנדיק אויך ווײַט פון צו זײַן זאט... ס'איז איר אין מיידלשער שפּיל געגאנגען, וועלנדיק זען, ווי ווײַט איז דער, וואָס האָט בא איר פון ערשטן מאָל אזוי אויסגענומען מיט זײַנע טאָמיד היציקע ציגײַנער־אויגן און מיט דער אייבערשטער עט־וואָס פאריסענער ליפּ, ווי בא א נעגער, ווי ווײַט איז ער אויך פון איר פארכאפּט, געפאנגען, און וואָס וועט זײַן, אויב זי וועט, לעמאָשל, איין מאָל, צוויי מאָל, כאָטש וויסנדיק, אז א גרויסן טייל איז ער דאָך צוליב איר אהער צו די שכיינים געקומען, זיך ניט לאָזן זען. און זי האָט זיך איבער־צײַגט, זעענדיק, וויִאזוי ער צעשטראָלט זיך און פארלירט זיך אין איין און דער זעלבער צײַט, ווען זי טוט מיט איר מיטגעבראכטער שײַן אין דער פארטונקלטער שטוב, ווו יענער זיצט, זיך פאר אים לעסאָף א ווײַז. דערווײַל אָבער האָבן דיביידע צוויי בלויז מיט די בליקן איינער צום אנדערן זיך געצויגן, ניט האָבנדיק נאָך אויסגערעדט אפילע איין וואָרט צווישן זיך. דערווײַל אָבער האָבן וועגן זייער אָנפאנגלעכער ליבע זיך געקאָנט אָנשטויסן בלויז די שכיינים, וועלכע האָבן, זײַענדיק אליין נאָך יונג, געהאט די געוויסע רעכטע רעמאָזים דערוף, ווי אויך בלויז לייבלס מוטער, וואָס איר פארבאָרגענער אייפערזיכטיקער כוש האָט איר דאָ אונטערגעזאָגט, זי זאָל זוכן די סיבע פון זײַן ניט וועלן הערן וועגן שידעך, וואָס אנדערע לייגן אים פאָר, אין דעם, וואָס, מעגלעך, ער האָט זיך אליין אויסגעפונען, וואָס איז אים ניכע און איר ניט.

וועגן די דערווײַל נאָך ווײַטע און נאָך אף א שטרעקע זיך האלטנדיקע באציִונגען צווישן לייבלען מיט מיליען האָט עפשער זיך נאָך געקאָנט שטויסן אויך מיליעס מוטער, די הויכע דאר־בּרעטלדיקע אלמאָנע, וואָס, זײַענדיק אן אלמאָנע שוין פון לאנג און ניט פון לאנג אָנווערנ־

דיק אויך איר עלטערן זון, דעם סטודענט, אף וועלכן זי האָט גרויס האָפענונג געלייגט, פּאָרויס־זעענדיק זײַן באַלד שוין דערגרייכטע קאַריערע, און וועלכן זי האָט געליבט, ווי א זון, אויך אפילע ניט אין זינען האָבנדיק זײַן קאַריערע, האָט איצט, בלײַבנדיק אליין מיט מיליען און ניט האָבנדיק אף וועמען אנדערש איר מוטער־ליבע צו ווענדן, האָט זי זי געוווּנדט אף איר אין אזא מאָס, אז פון יעדער מיליעס באַוועגונג, פון יעדן איר טראָט און באַגער איז איר געווען גלײַך ארויסצוזען די מינדסטע ציטעריקע ענדערונגען אין דער טאָכטערס וועזנטלעכער אופירונג, אזוי ווי אף א ווײַזער פון א באַראָמעטער, וואָס רעאַגירט אף יעדער וועטער־ענדערונג. די מוטער האָט דערום לעצטנס געקאָנט מערקן, ווי איר, מיליעס, אימפּעטיקע באַוועגלעכקײַט איז עטוואָס געמינערט געוואָרן, דהי., אז אָפט רײַסט זי זיך אליין איבער אינמיטן איר מיידלשן געלויף און פאַרטראַכט זיך ערנסט, ניט ווי לויט איר ביזאהעריקן שטייגער, וואָס האָט זי געהאַלטן מײַלנ־ווײַט פון מאַכשאָוועס. און אז די מוטער טוט זי דעמלט א פרעג: „מיליע, וואָס האָסטו זיך אזוי פאַרטראַכט?" ענטפערט זי: „גאָרניט". און בלײַבט ווײַטער בא איר פאַרטראַכטקײַט, ניט פילנדיק אפילע, אז זי האָט נאָרוואָס דער מוטער אף איר פראַגע געענטפערט דעם הייפעך, ווי זי וואָלט איגדערעמעסן באַדאַרפט ענטפערן. אזוי אז אויך מיליעס מוטער האָט זיך וועגן עפּעס געקאָנט אָנשטויסן.

דערווײַל אָבער, ווי געזאָגט, זײַנען די באַציִונגען צווישן אָט דעם פּאָרל ווײַטער פון אָנצושטויסן זיך וועגן דעם ניט אוועק, האַלטנדיק נאָך בא יענער סטאַדיע, וועלכע ס'איז מיטן נאָמען אָנצורופן ניט מער ווי ערעוו יונגער ליבע.

דערווײַל איז לייבל אין דער אלעמען דעמלט פאַרכאַפּנדיקער קלאַל־אַרבעט אזוי ארײַנגעצויגן געוואָרן, אז ער איז אי באַטאָג, אי באַנאַכט אזוי באַשעפטיקט געווען, אז ער האָט געמוזט וואָס ווײַטער אלץ מער פון זײַנע שטוב־רעגילעסן און אײַנגעשטעלטן שטייגער זיך ארויסשלאָגן, ווי אָט פונעם שטייגער צו עסן צו דער צײַט און זיך שלאָפן לייגן אין א באַשטימטער שאָ, און זײַן מוטער, וואָס האָט שוין אויך אויסער דעם אף אים דאָס שווערע הארץ געטראָגן, האָט, וועלנדיק אים צוריקברענגען צו דעם, פון וואָס ער האָט זיך אזוי דערווײַטערט, — צוריק צום אײַנגעשטעלטן שטוב־שטייגער, — באַפוילן די דינסטן, ווען ער האָט איין מאָל, צוויי מאָל זיך געשפּעטיקט צום מיטיק, אים ניט איבערלאָזן צום עסן, און דאָס זעלבע אין אָוונט, ווען ער האָט זיך צום שלאָפן געשפּעטיקט, האָט זי באַפוילן אים די טיר ניט עפענען. און זאָל ער, הייסט עס, גיין, וווהין ער וויל זיך. און ער איז געבליבן א ניט געגעסענער און אמאָל אויך אפילע געווען גענייטיקט א פרעמד אָרט אף נאַכטלעגער זיך אָפּזוכן.

נאָך אלעם דעם איז ער דאָך געבליבן ניט קיין אָנגעלערנטער, ער זאָל זיך וועלן באַדענקען און צוריק ווידער וועלן ארײַן אין די פון דער מוטער אײַנגעשטעלטע ראַמען. אָט דעמלט איז אף אָט דעם באָדן איינמאָל א שאַרפער קאָנפליקט בא אים מיט דער מוטער אויסגעבראָכן, ווען זי האָט אים שאַרף און קאַטעגאָריש דערקלערט, אז ס'איז איר שוין אזוי אויך גענוג און זאָל ער אלקאָלפּאָנעם איר ניט שטערן און איר שטוב־סיידער ניט ענדערן, ווײַל אנדערש איז זײַן אָרט ניט דאָ אין שטוב בא איר. און ער האָט איר דערויף געענטפערט, אז רעכט, ער איז גרייט, און אויב זי באַשטייט אף אירס, וועט ער טאַקע מוזן די שטוב פאַרלאָזן. און דערויף ווידער האָט זי אים צוריק געענטפערט: יאָ, אָבער דעמלט זאָל ער וויסן, אז אויב ער וועט אזוי טאָן, וועט ער איבער איר קערפּער אריבערטרעטן, דה. זי וועט זיך א מײַסע אָנטאָן, זי וועט דאָס ניט אויסהאַלטן, ניט זי און ניט, געוויס, אויך זײַן טאַטע, וואָס וועט צו גרונט גיין אָן איר, אָן דער מוטער. ער האָט געמוזט בלײַבן צוליב א פשאָרע, און צוליבן זעלבן האָט אויך די מוטער זיך געזען געצוווּנגען עטוואָס נאָכגעבן, זעענדיק, אז סײַווי וועט זי ניט אויספירן, סײַדן טאַקע זי וואָלט בא זיך געפוילעט, ווי זי האָט זיך, זײַענדיק אין קאַס, ארויסגעכאַפּט, אז ער, איר לייבל, איר בענ־יאָכיד, זאָל די שטוב פאַרלאָזן, וואָס דאָס איז ניט געהערט און וואָלט זי זיכער טאַקע צו דער גרוב דערפירט.

אָבער דאָס אלץ איז דאָ ניט דער איקער. וויכטיק איז, וואָס אין לאַנד האָבן זיך די געשעענישן אזוי געהאַט צעשפּילט און צו די פון לאַנג שוין אָנגעזאַמלטע געשיכטלעכע סיבעס, צוליב וועלכע די מאַכט האָט סײַווי באַדאַרפט צו גרונט גיין, איז נאָך צוגעקומען די שלימאַזלדיקע מילכאָמע מיטן סוינע אפן ווײַטן מיזרעך, וועלכע האָט אלעמען פאַר באַוויזן, ווי אונטערגעפוילט ס'איז איר באָדן.

אזוי קימאַט אין יעדער שטאָט און יִישעוו פון לאַנד און אזוי אויך דאָ, אין דעם אָרט, וועגן וועלכן ס'גייט די רייד. עס האָט זיך אויך דאָ, ווי אומעטום, געפירט אָן אונטערערדישע און אויבערערדישע אַרבעט. די ערשטע האָט געטאָן בלויז א גרופּע געציילטע, וועלכע האָבן געווירקט, אז אין דער צווייטער זאָלן ארײַנגעצויגן ווערן וואָס מער אי פון די אומיטלבאַר פאַרינטערעסירטע, אי פון די, וואָס זײַנען גרייט יענע אונטערצוהעלפן, דאָס מיינט מען די אינטעלי־

גענץ, דאָס מיינט מען די לערנ־יוגנט, וועלכע האָט, יוגנטלעך פאַרכאַפּט פון דער באַוועגונג, מיט גרויס פלײַס צו איר זיך אָנגעשלאָסן אין די הונדערטער און אין די טויזנטער. אַז אַפילו אַזאַ, ווי די יונגע לײַכטפּיסיקע מיליע, נאָך אַ שילערן פון לעצטן אָדער פאָרלעצטן קלאַס פון דער שטאָטישער גימנאַזיע, איז אין דער באַוועגונג אַרײַנגעצויגן געוואָרן אַף אַזויפיל, אַז זי האָט שוין געהאַט די פאַרשטענדעניש אַמאָל פון אַנדערע הינטן־אַרום אַ פאַרבאָטן בלעטל צו באַקומען און אויך אַן אַנדערשמאָל זאָל זי אַזעלכעס אָפּשטעקן אין די הענט פון אַזוינע, אַף וועמען מע קאָן זיך פאַרלאָזן.

די זעלבע מיליע האָט שוין דעמלט אויך פאַרמאָגט גענוג פלינקײַט, זי זאָל אין מעשעך פון איינער אַ האַלבשאָיקער האַפּסאָקע, צווישן איין לימעד און דעם צווייטן בײַ איר אין גימ־נאַזיע, באַווײַזן שטילערהייט אין אויער אַרײַנצוזאָגן מיקויעך עפּעס אַן אונטערערדיש קרײַזל, וווהין אַלע יענע, וועמען זי טײַלט מיט וועגן דעם, ווערן אײַנגעלאַדן אַף דער און דער שעה, דעמלט און דעמלט, אין אַ געוויס, געהיים געהאַלטן אָרט. זי האָט דאָס דורכגעמאַכט פלינק, געשיקט און אַמאָל אַ ביסל אויך אומפּאָרזיכטיק מיט די איר גלײַכן מיידלעך, וועלכע קענען קיין סאָד ניט האַלטן און האָבן אים דאָך געהאַלטן. און באַזונדערס זײַנען אירע קאָנספּיראַציע־דערפּאָלגן גרויס געווען צווישן די שילער פון דער ייִנגלשער גימנאַזיע, וועלכע פלעגן, ענדיקדיק די לימודים בײַ זיך, גאַנצע כאָפּטעסווײַז די טירן פון דער מיידלשער גימנאַזיע באַלאַגערן, וואַרטנדיק אַף זייערע סימפּאַטיעס, און באַזונדערס אַף מיליען, אַף וועלכער מע האָט אַרויסגעקוקט, זי זאָל זיך ווײַזן, וועלנדיק דאַפקע פון איר ניט ערנסט יונג מויל וועגן די גאָר ערנסטע איניאָנים זיך צו דערוויסן, קעדיי אַליין אויך צו זיי צוגעצויגן ווערן.

און זי האָט זיך געוויזן און זי האָט אויך דאָרט, אַרויסקומענדיק אַף דער שוועל פון דער גימנאַזיע־געבײַדע, אַרויסגעבראַכט מיט זיך עפּעס אַ ניט געוויינלעכע יונג־מיידלשע שײַן, וועלכע אַלע האָבן געמוזט באַמערקן, דערזעענדיק איר הירשן־געשטאַלט, אַזוי ווי ס'האָט דאָס באַמערקט דער געפאַנגענער פון איר לייבל אין דער פאַרטונקלטער שטוב פון איר מוטערס שכיינים, וואָס מיט איין פענצטער קוקט זי אַרויס אין סאָד מיט די נאָענט צו איר שטייענדיקע ביימער. זי האָט גרויס דערפאָלג געהאַט אי מיטן סאָד, וואָס איז אַלעמען ליב געווען פון אירע ליפּן אַראָפּ צו דערהערן, אי מיט די ליפּן אַליין, וואָס האָבן אי פאַרדעקט און אי אָפּגעדעקט איר מויל, צו וועלכן אַלע האָבן זיך געצויגן, ניט קאָנענדיק פון דעם זיך אָפּרײַסן און די אויגן ניט אָפּטאָן. אַפילו אַזאַ, ווי איר מוטערס שאָכן, דער בלאָנדער אונטערערדלער, פלעגט דעמלט אָפּט ליב האָבן אין אַ לײַכטן טאָן אַ שפּאַס מיט איר טרײַבן, פרעגנדיק אַמאָל, ווי גייט בײַ איר די אַרבעט צווישן די איר גלײַכן שילערנס און שילער און באַזונדערס צווישן די לעצטע, וואָס, ווי ער האָפט, דער בלאָנדער אונטערערדלער, וועט זי זיי שוין באַלד יעדן איינציקן באַזונדער און אַלע צוזאַמען מיט איין שטריקל האָבן צוזאַמענגעבונדן און זיי ברענגען אַהין, וווהין איר ווילן וועט וועלן, דהײַנו צו דער באַוועגונג, צו וועלכער זי רעכנט זיך אָנגעהעריק. זאָל זי נאָר זען, פלעגט ער אַלעמאָל מיט שפּאַס צוגעבן, ניט אַלעמען פאַרנעמען, ווײַל אויב יאָ, וועלן בײַ די איבעריקע איר גלײַכן שילערנס די אויגן פון טרערן זײַן נאַס, ס'אַ צאַר־באַלעכאָים.

אָבער אַפילו אַזאַ, ווי אָט די גימנאַזיסטקע מיליע, אַפילו אַזאַ לײַכטזיניק ציגל, האָט זיך שוין אַף אַזויפיל אין היציקן טראַנס פון דער אַלגעמיינער, אַלעמען פאַרכאַפּנדיקער, לאַנד־באַ־וועגונג געפונען פאַרקאָכט, אַז ס'האָט איר קיין צײַט, קיין אויגן און קיין אויפמערקזאַמקײַט ניט געקלעקט צו באַמערקן, וואָס אַרום איר זעלבסט טוט זיך און ווי ווײַט אַלע זי אַרומרינגלענדיקע יונגעלײַט זײַנען אין איר אַליין פאַרקאָכט... זי האָט בעעמעס איצט אַף קיין איינעם פון זיי, ווי ס'וואָלט באַדאַרפט זײַן, קיין באַזונדער אויג ניט געוואָרפן, אַף אים אויסטיילן פון אַלע, און אויב יאָ, האָט זי דאַפקע אויסגעטיילט איינעם ניט פון איר שילערישער סוויווע, ניט אַזאַ, וועלכן זי וואָלט אַלעמאָל דאָך בײַ איר זײַט און צו דער האַנט געקאָנט האָבן, נאָר גאָר אַ פרעמדלעכן, וואָס זי זעט אים זעלטן, מאַכמעס ער האָט ניט קיין אָפּטן אַרײַנגאַנג אַהין, ווו זי האָט געהאַט די מעג־לעכקײַט אים צו זען, און וואָס אויב זי זעט אים יאָ, איז בלויז איבערכאַפּנדיק און פאַרבײַ־אײַלנדיק, און דערבײַ אויך האָט זי ניט קיין דרייסט און קיין לאָשן און קיין אָפּענעם אויסרייד אַף צו אים צוצוטרעטן ווי צו אַ צו ערנסטן און אַ פאַרנומענעם מיט פיל בילכערס, ווי זי.

יאָ, ריכטיק: ער, לייבל, איז שוין דעמלט ווילד־פאַרקאָכט און איבערן קאָפּ פאַרטאָן געווען אין יענער אַרבעט, צו וועלכער ער האָט זיך מיט גרויס ברען איבערגעגעבן, שעפּנדיק פון איר גרויסע מאָראַלישע באַפרידיקונג; ער, ווי אַ דערצויגענער אַף אַלעם גוטן אין מאַטעריעלן און גײַסטיקן זין, ווען ער איז איצט געקומען אין באַריר מיט יענע, וועלכע זײַנען אין דעם נאָרוואָס דערמאָנטן זין פאַרטיילט געווען, האָט ער זיך אינדערעמעסן און מיט רעכט דערזען פאַר אַ קעסטקינד און פאַר אַן אומזיסט־אויסגעהאַלטענעם אָפּן כעזשבן פון אָט די פאַרטיילטע. און ווי אַן אַלטער באַלכויוו האָט ער באַלד געוואָלט פאַר זיי אי פון זײַן קעשענע, אי פון זײַן נעשאָמע

ארויסלייגן אלץ, וואָס ער האָט געהאלטן פאר ניט זײַן אייגנס. ער האָט גענומען די אייגנטלעכע באלעבאטים פונעם גוטס פאר די, אזוי צו זאָגן, קעסט צו צאָלן און זײַן פארשולדיקונג צו דעקן, און ניט נאָר זײַן אייגענע פארשולדיקונג, נאָר די פארשולדיקונג פון קלאל, צו וועלכן ער האָט אומווילִיק געטאָן געהערן, דעם כויוו פאר דוירעס.

דעמלט האָט מען אים אָפט געקאָנט טרעפן אין יענע ווײַט פון צענטער שטאָט ליגנדיקע געסלעך אין איינעם א הויז פון יענע הײַזער, אין וועלכע ס'איז קיינעם ניט צו ווינטשן דאָרט אָן אײַנוווינער צו זײַן, ווײַל דאָרט ווױנט אליין דער עלנט אָן א נאָמען, טיף אין א קעלער־לאָך פארשטעקט, אָן שײַן, אָן לופט, אָן בעטגעוואנט, און אמאָל אָן א בעט אליין אפילע. אָט דעמלט, ווען לייבל האָט אהין ארײַנגעטראָפן, אפריִער זיך אויסבאהאלטנדיק פון פרעמדע, מעגלעך אים נאָכשפּירנדיקע בליקן, און אָן אָטעם געבנדיק מיט יענער לופט, וואָס שמעקט א גאנץ גייענדיק יאָר טוכלע פון נעץ און ווילגאָטש, און דערזעענדיק דעם דויר־דוירעסדיקן דאלעס, וואָס קוקט אראָפ פון די שלעכט געשטוקאטורעטע און שטענדיק אָנגעדראָלן־אָפּשטייענדיקע ווענט פון ארום, און נאָך און נאָך אזוינע זיסע לוקסוסן, וואָס אין אזוינע הײַזער איז צו געפינען און אין זיי זיך צו שפּיגלען, — אָט דעמלט האָט אף לייבלען (ס'איז עפשער א ביזויען צו זאָגן) א שטיק יאָמטעוו אראָפּגענידערט. שוין אליין דערפאר, וואָס ער האָט, אף וויפל נאָר מעגלעך, זיך איצט דערזען א מאָראליש מיטלײַדנדיקן מיט יענעם דאלעס און זיך אויך אָן איבערצײַגטן, אז וויפל אזא איינער, ווי ער, זאָל דאָ ניט צאָלן, וועט ער זיך ניט אויסצאָלן, ווײַל דער כויוו באשטייט פון אזא ריי ציפער, וואָס זיי איז קימאט ניט מיטן מויל ארויסצוריידן. ער האָט, דערזעענדיק דעם רעכטן דאלעס פון יענע הײַזלעך, זיך דערנאָך אוואדע געמיט צו דערלאנגען פאר זײַן דאָרט פארזאמל־טער אאודיטאָריע ווי ווײַט מעגלעך צוגענגלעך, פארשטענדלעך און לויט דער קנאָפּער צוגע־גרייטקײַט אירער פון אלעם דעם, וואָס האָט איר געקאָנט דינען אלס געווער אינעם טאָגטעגלעכן קאמף פאר א פארבעסערטער און מער מענטשלעכער אויסקומעניש, ווי אויך ביכלאל, אז דער ביז אהער באגרענעצטער האָריזאָנט אירער זאָל זיך פאר איר מער ברייט און אויסזיכטפולער עפענען.

אָט דער בײַטראָג צו דער אנטוויקלונג פון זײַנע ביז אהער אָפּגעשטאנענע צוהערער האָט אים אוואדע גרויס טײַנעג פארשאפט, זעענדיק, ווי מע קוקט אים אין מויל באגײַסטערט און ווי מע פאָלגט נאָך נאָך יעדן זײַן וואָרט און נאָך יעדן צוגענגלעכן פון אים אונטערגעטראָגענעם געדאנק, וואָס עפנט זיי די אויגן אף צו דערזען הײַנט שוין דאָס, וואָס ערשט נעכטן האָבן זיי נאָך דערפאר קיין מינדסט שטיקל ריִע ניט געהאט.

אזוי אין די קליינע קרײַזלעך און אזוי אויך אמאָל אף מאסאָוקעס, וועלכע פלעגן צונויפגע־רופן ווערן הינטער דער שטאָט, אין א וועלדל אָדער אין א טיף־טאָליקער באלקע ערגעץ. און ווי נאָר ער האָט זיך דערפילט אף דעם העכערן שטיקל טריבונע, אף א שטיין אָדער אף עפּעס אנדערש ארופגעשטעלט, קעדיי די אלע אים ארומרינגלענדיקע זאָלן אים פאר די אויגן האָבן, אזוי האָבן אים, ווי פון א באהאלטענעם, ביז אהער געשלאָסענעם אויצער די ווערטער פון מויל גענומען פליסן און פון גאָרגל אין מויל זיך שפּארן, וועלנדיק איבעריאָגן איינס דאָס אנדערע. און א באפאלענער פון פיל געדאנקען, וועלכע האָבן אים געזאָלט צו ווײַט פארטראָגן, האָט ער ווי ווײַט מעגלעך געזוכט אויסאָדערן זיי, צוימען און פאר יעדן איינעם זײַן ריכטיקע פאָרם גע־פינען, אף אים וואָס קלאָרער און וואָס דײַטלעכער אויסצודריקן, און לעסאָף, געפינענדיק זיך אף דער פרײַער לופט, האָבן אים די אויערן פון היץ גענומען פלאמען און ער האָט זיך ווי א סאָלאָוויי צעזונגען, פילנדיק, אז דאָס וואָרהאפטיקסטע און איבערצײַגנדיקסטע וואָרט גייט אים פון מויל, און דערזעענדיק דאָס אויך אין די דאָרשטיקע בליקן פון אלע אים הערנדיקע, וואָס רינגלען אים ארום, וואָס זײַנען גרייט, דערוואַרעמטע און אופגעריכטע פון זײַנע רייד, באלד ווי נאָר זיי וועלן צוריק פון הינטער דער שטאָט אין שטאָט זיך אומקערן, זײַנע ווערטער אין טאָט פארוואנדלען, אזיווי אלעמאָל די פון א הויכן בארג ארויסגעגעבענע געזעצן, וועלכע פאָדערן, מע זאָל זיי באלד טאטזאכלעך אין לעבן אײַנפירן. דאָס אלץ האָט אים אוואדע גרויס טײַנעג פארשאפט און יאָמטעוודיק דערהויבן געהאלטן זײַן קאָפּ, און אויך זײַנע פיס אים געמאכט טרעטן ווי אין בלומען, זעענדיק זיך איינעם א נוצן ברענגענדיקן פאר יענער זאך, וואָס דאַרף אלעמען זײַן ליב און בלוטיק.

פארשטענדלעך, אז, כוץ דעם פון אים אזוי ליב געוואָרענעם געזעלשאפטלעכן יאָמטעוו, איז אים צוגעקומען נאָך דער פערזענלעכער, וואָס האָט אים אוואדע אין די הימלען געמאכט שוועבן, — אָט די מיליע, וועלכע ער האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען מיט א באזונדערער שײַן זיך ווײַזן אין איר מוטערס שאָכנס שטוב, צו וועלכער ער האָט קיין צו אָפטן צוטריט ניט געהאט. אז אָט דער צווייטער יאָמטעוו איז אים צוגעקומען, האָט ער אוואדע געהאט דאָס רעכט זיך צו פילן גליקלעך, איבערגליקלעך און זען זײַן וועזן שוין פון אויבן ביז ארונטער ווי אין בלומען באפלאנצט. ווען ער וואָלט געהאט די מעגלעכקײַט זי ווען ער וויל צו זען, און ניט ווי איצט,

וואָס אז ער פלעגט זעלטן אהין אריַינטרעפן, איז אָדער זי האָט ניט געוווּסט פון זיַין אָנוועזנהיַיט, זי זאָל זיך אויך אהין אריַינשטעלן, אויב זי האָט אים גערן, אָדער, ווי ער האָט מיט רעכט געקאָנט איבערטראַכטן, אז זי וויַיזט זיך ניט מאכמעס ווייניק אינטערעס צו אים. און ווען אפילע דאָס גליק האָט זיך אים שוין יאָ געמאכט און זי האָט, יאָ צוליב אים אָדער ניט צוליב אים, זיך אים יאָ געוויזן, איז דאָך אויך נישט געווען ניט דער שאס־האקוישער, ניט דאָס פאסיקע אָרט און אויך ניט די פאסיקע איידעס דערביַי, ער זאָל, ווי שטארק ס'האָט אים צו איר ניט געצויגן, קאָנען זוכן א מער באגערטע דערנעענטערונג מיט איר, א מער פריַיען וואָרט אויסצורײדן אָדער, אלקאָלפאָנעם, זיך סטאם געפינען עטוואָס לענגער אין איר אָנוועזנהיַיט, קעדיי בלויז צו קוקן אף איר און זאָל זיַין אפילע פונדערוויַיטן. אזוי אז אָט די ביידע צוויי, לייבל און מיליע, האָבן דער־וויַיל נאָר אין וויַיטן אָנפאנגלעכן ליבע־טרוים זיך איינס דעם אנדערן אין די אויגן געקאָנט האָבן, אָבער ניט אין דערווירקלעכקיַיט, וועלכע האָט זיי, איבער די אויבן דערמאָנטע סיבעס, געהאלטן אָפגעשיידט פון אנאנד.

אָבער ס'מאכט ניט, וויַיל וואָס פאר א ראָליע שפילן דען שטערונגען אין ליבע־באגערן, און באזונדערס נאָך אין יוגנטלעכער ליבע. און אָט מעגלעך, אז סיַיווי וואָלטן זיי סאָפקאָלסאָף די שטערונגען געווען באזיַיטיקט און וואָלטן אָן קיינעמס הילף געפונען א וועג איינס צום צווייטן, צו מער נאָענטער באקאנטשאפט. ניין, ניט מעגלעך, נאָר זיכער וואָלטן זיי געפונען. אָבער דאָ האָט זיי נאָך א גליקלעכער צופאל צוגעשפילט, וואָס אליין די ציַיט און די אזוי צו זאָגן אייבערשטע ליבע־האזשגאָכע האָט זיך פאר זיי געמיט...

ס'איז געווען ערעוו פרילינג. ווי אלעמאָל אין דער ציַיט, גייט ארויס מיליעס מוטער, ווי איר שטייגער, אין איר סאָד, וועלכער איז איר באליבט נאָך פון איר פאר־אלמאָנישער ציַיט, נאָך פון דעמלט, ווען איר מאן, מיליעס פאָטער, האָט געלעבט און ווען זי האָט נאָך געלעבט א סאך מער אי מאטעריעל באזאָרגט, אי פיל מער געמיטלעך אופגעלייגט. זי איז, ווי אלעמאָל, אויך איצט ארויס מיט די גראבל־מאכשירים אף צו אָפראמען און פארשארן, וואָס פון פאראיאָריקן בלעטער־אָפפאל איז פארבליבן, ווי אויך די שטאמען פון דיביימער מיט וויַיסן קאלך העכער די גארטלען צו באשמירן, און ארומצוטעסען, מיַיסע־גערטנער, ווו א טרוקן צוויַיגל אף א פרוכטבוים, ער זאָל בעסער וואקסן. זי האָט דאָס אלץ געטאָן אליין — אָדער מאכמעס זי האָט געזשאלעוועט געלט אף עמעצן אן אנדערן צו דינגען, אָדער, ניין, גיכער מאכמעס דעם, קעדיי, עטעמענדיק מיט דער דרויסנדיקער פרילינגדיקער לופט, זיך דערמאָנען איר אייגענעם אמאָל געוועזענעם פרילינג, ווען זי האָט, נאָך זיַיענדיק יונג, פארבראכט מיט איר מאן אמאָל אין א באטאָג, אמאָל אין אן אָוונט אָט אונטער דעם שוין אלטן עפלבוים, וואָס ווען ער בליט, שטייט ער ווי מיט שניי באשאָטן אין וויַיס־ראָזן שמעקנדיקן צוויט, ווי א יונגע קאלע באצירט, וואָס ווער עס זיצט דעמלט אף דער באנק, וואָס איז אין אלע פיר זיַיטן ארום אים געמאכט, ווערן אים באשאָטן די אקסל, דער קאָפּ, די קליידער ווי מיט א שטילער בליִענדיקער בראָכע. און זי דערמאָנט זיך, אז אויך זי מיטן מאן פלעגן פון אָט דעם אלטן עפלבוים אָט אף אזא־אָ אויפן באשאָטן ווערן.

די לעצטע יאָרן פרילינג, טוענדיק איר גערטנער־ארבעט, האָט זי זיך אויך געהאט צו דערמאָנען אין איר זון דעם סטודענט, וואָס האָט פון קליינערהייט דאָ זיך שפילנדיק דערצויגן, און זומער, פון פרילינג ביז הארבסט, פלעגט ער אזוי הויך א וואקס טאָן, ביז אים קימאט ניט צו דערקענען פון פריִער, פון פאראיאָרן. אזוי יאָר נאָך יאָר, ביז ער איז אין גימנאזיע אָנגעקומען און ביז ער איז לעסאָף אויך אין אוניווערסיטעט אריַין און ביז מע האָט אים לעצטנס בא איר פארנומען און זי זעט אים שוין ניט א ציַיט. לעצטנס אויך, טוענדיק איר מעלאָכע אין סאָד, פלעגט איר אופשווימען דאָס געשטאלט פון איר מיליע, וואָס אויך זי, פארברענגענדיק די מערסטנ־טייל ציַיט זומער דאָ אין סאָד, באמערקט די מוטער, ווי וואָס א יאָר כאפט זי זיך ארוף אף די פיס אלץ העכער, לעבעדיקער, שטאלטנער, וואָס דאָס איז איר א לעבעדיקע טרייסט אין איר פרויִיש־מוטערלעכן טרויער. א טרייסט איז איר היַינטיקן פרילינג אויך דאָס, וואָס אזוי ווי זי זעט, אז דער דרויסן האָט זיך לינד און פרילינגדיק צעעפנט, אזוי, דוכט איר, האָט זיך איצט ווי עפעס נאָך איינער א פרילינג אריַינגעשטעלט, דאָס מיינט זי דעם גוזעלשאפטלעכן פרילינג, דעם, וואָס אויב זי, ווי אן עלטערע שוין, קאָן צו אים קיין אומיטלבארע שיַיכעס ניט האָבן, איז אָבער ווי א מיטפילנדיקע און ווי א מוטער, וואָס האָט צו אים ווי־ניט־ווי אויך מיט עטוואָס מיטגע־שטיַיערט, — מיט א שוין פילגעליטענעם און אין טפיסע זיצנדיקן זון. יאָ. און אָט א סימען: די פענצטער פון איר שאָכנס שטוב, וואָס קוקן ארויס אין סאָד, נידעריק בא דער ערד, און וואָס באלד וועלן זיי זיך זיכער, ווי אלע פענצטער פון אלע היַיזער אום פרילינג, עפענען און די איַינוווינער, אירע שכיינים, וואָס טוען זייער ארבעט פאָרזיכטיק, ווי זי ווייסט, ווינטער בלויז אונטער איר דאך פארשטעלט, וועלן שפעטער עטוואָס אויך אהער אין סאָד ארויסקומען, ווען זיי וועלן האָבן, מיט וועמען זיי וועלן דארפן, אף דער פריַיער לופט וועגן עפעס אָפצושמועסן,

זיך צו באַראַטן, צו וואָס זי, מיליעס מוטער, וועט זיכער ניט האָבן קעגן, נאָר, פאַרקערט, אַדע־
ראַבע, זאָל זיי זײַן צו געזונט און צו געזונט פאַר דער זאַך, פאַר וועלכער זיי שטעלן זיך אײַן,
און וועלכער זי, פון איר זײַט, ווי שוין אַ שטיק געליטענע, פּילט אויך מיט. אַ סימען ווידער,
איר מיליע, וואָס ווי זי, איר מוטער, ווייסט, טוט זי אויך פאַר דער זעלבער זאַך, וואָס אַ קינד
נאָר קאָן, און זי, די מוטער, ניט נאָר זי האַלט זי ניט אָפּ פון דאָס צו טאָן, וואָס זי טוט אויף איר
קינדערשן אויפן, נאָר איז, פאַרקערט, שווײַגנדיק מיט איר אײַנפאַרשטאַנען, אַזוי ווי אײַנפאַרשטאַ־
נען זי איז געווען מיט איר עלטערן, מיט איר זון, ווען זי האָט אויך, כאָטש ווײַסנדיק פון זײַן
טעטיקײַט, ניט אָפּגעהאַלטן.

און יאָ, ווירקלעך, באַלד טאַקע האָבן די פענצטער פון די שכיינים, ווי מיליעס מוטער
האָט געטראַכט, אינעם שוין אופגעראַמטן סאָד זיך אופגעעפנט. און אַזוי ווי ס'איז בעעמעס טאַקע
אין לאַנד אַ צווייענדיקער פרילינג אָנגעקומען און אַזוי ווי די שטוב פון שאָכן האָט אויך ניט
געררוט פון פיל ארײַנקומענדיקע פון הי און אויך פון דער פרעמד אָנגעפּאָרענע מאַכט־אונטער־
גראָבער, און ס'זײַנען שוין צומאָל ענג געוואָרן די פיר ווענט פון זיי אַלעמען אין זיך ארײַנצו־
נעמען, און אַזוי ווי אויך די איניאַנים, וועלכע יענע היגע אָדער אָנגעפּאָרענע לײַט האָבן געהאַט
צו באַהאַנדלען, זײַנען געווען אי אײַליקע, אי געהיימע, האָט זיך שוין אָפט געמאַכט, אַז אָדער
דער שאָכן אַליין האָט מיט ווען ס'ניט איז דורך דעם פענצטער אין סאָד אַריבערגעשפּאַנט
אויף אַ קורצער אָדער לענגערער באַראַטונג, אָדער אַן אַנדערשמאָל — ניט דער שאָכן, נאָר אַ
גרופּע אײַנגייער זײַנע האָבן, אויסטיילנדיק זיך פון די איבעריקע אין שטוב, זיך זעלבשטענדיק
אין סאָד ארײַנגעשטעלט צוליבן זעלבן. דעמלט האָט מען אויך מיליען אָפט געקאָנט זען אַהין
ארײַנפליִען אָדער פון דאָרט ארויספליִען, פאַרברענגענדיק אָדער מיט דער מוטער, אָדער מיט
דער שכיינע, אָדער מיט אַן אַנדערן קורצווײַליק איבערכאַפּנדיק, אויף וויפל דער באַגער און גע־
דולד האָבן איר געטראָגן אויף דאָרט זיך צו פאַרזאַמען. די באַקן פלעגן זיך איר פון דער פרישער
לופט ראָז צערויטלען און מיט די אויגן האָט זי אומגעשוועבט אין אַלע זײַטן און אין אַלע ריכ־
טונגען, דורכוואַנען עמעצער קאָן זיך ארײַנשטעלן, און באַזונדערס האָט זי דעמלט די בליקן
פאַרשנדיק געווענדט געהאַלטן אין דער ריכטונג פונעם שאָכנס פענצטער, פון וועלכן זי האָט, ווײַזט
אויס, גערן, זייער גערן צווישן אַנדערע און מער ווי אַנדערע איינעם אַן איר מער באַקאַנטן
געוואָלט זען פון דאָרט זיך ווײַזן. דאָס מיינט מען לייבלען, וואָס איצט, אין פרילינג, און אין סאָד
פון איר מוטער, האָט זי אים, ווי ס'זעט אויס, עפּעס מער געגאַרט צו זען און אים באַזונדערס
געהאַט צו זאָגן אים דערזעענדיק. יענער אָבער האָט זיך ווי אָפּצולאָכעס ניט געוויזן. די הייסע
צײַט האָט ניט דערלויבט. און ווען יאָ, איז ווידער בלויז אויף צו באַקומען פון מיליעס מוטערס
שאָכן, ווי פון אַן אָנפירער, ווײַזט אויס, אַ קאָמיטעטשיק, אינסטרוקציעס און אויפגאַבעס, וועלכע
ער, לייבל, האָט געהאַט אויף הײַנט־מאָרגן אויסצופירן, אָדער ער פלעגט ארײַן אויף אָפּגעבן דין־
וועכעזשבן פון דעם, וואָס ער האָט פון פריִער אים פאַרגעגעבענעם דורכגעפירט, און באַלד דער־
נאָך האָט ער געמוזט אוועקײַלן, פאַרשווינדן.

מיליע, האָט מען געזען, האָט זיך געערגערט, זי האָט זיך אומרויִק אומגעטראָגן פון שטוב
אין סאָד, און פון סאָד אין שטוב, צולייגנדיק אַמאָל אַן אויער צו דעם, וואָס אַנדערע האָבן, אין
אַ רעדל שטייענדיק, גערעדט. אַן אַנדערשמאָל האָט זי אַליין אַ וואָרט אין יענעם רעדל ארײַנגע־
זאָגט. אָבער מע האָט געזען, אַז דאָס געהער איז ניט אירס, אויך דאָס וואָרט ניט אירס, וואָס
קומט איר פון עפּעס אַן אינערלעכער אומרויִקײַט, פון דעם, וואָס זי זוכט און געפינט ניט, און
פון וועלן זען דעם, וואָס איז איר אַמליבסטן און אין וועמעס רעשוס זי האָט, ווײַזט אויס, מיט אַלע
אירע סימפּאַטיעס אומגעשוועבט. די יונג־מיידלשע צעטומלונג האָט זיך איר אַזוי צעשפּילט, אַז זי
האָט איר געמאַכט די בליקן אומבלאָנדזשען, ווי בײַ אַ נאַכט־וואַנדלער, און אויך געמאַכט, אַז איר
מוטער, בײַ וועלכער זי איז איצט די איינציקע טרייסט געווען, זאָל גלײַך האָבן צו באַמערקן
די ענדערונג אויף איר, ביז אַזש זיך זען געצווונגען בײַ איר אינמיטנדערינען אַ פרעג טאָן:

— וואָס איז מיט דיר, מיליע? וואָס עפּעס אַזוי פאַרטראָגן?

— גאָרניט, גאָרניט, מאַמע! — האָט איר יענע געענטפערט.

און די מוטער האָט דער „גאָרניט" ניט באַפרידיקט, פילנדיק, אַז מיט מיליען געשעט עפּעס
דאָך אַזוינס, וואָס קיינמאָל ביז אַהער האָט זי פון דעם קיין מינדסט ניט באַמערקט. און ווירקלעך,
דאָס האָט באַמערקט אַפילע דער אַזוי באַשעפטיקטער שאָכן פון איר מוטער, וועלכער האָט, ניט
געקוקט אויף זײַן גרויסער פאַרנומענקײַט, דאָך אַלעמאָל אויסגעפונען צײַט אויף כאַפּן אַ מין ברײ־
דערלעכן קוק אויף דער פּאַר זײַנע אויגן אַלע מאָל מער אונטערוואַקסנדיקער מיליע, וואָס האָט בײַ
אים אויסגענומען פריִער, ווי אַ קינד, אויף מיט איר סטאַם צו שפּאַסן, און לעצטנס, ווען זי האָט אויף
איר שילערישן אויפן גענומען אויך אין דער באַוועגונג זיך צו באַטייליקן, האָט זי בײַ אים אויס־
גענומען אויף אַזויפיל, אַז ער זאָל זײַן צו איר שוין פיל ערנסטער, איר פון מאָל צו מאָל אַ מער

ערנסטע שליכעס איבערענטפערן און אויך אמאָל א מער ערנסט וואָרט מיט איר אויסריידן. איז יאָ, איז אויך ער האָט אף איר די ענדערונג באמערקט איצט, ערעוו פרילינג, ווען איר מוטער האָט דעם סאָד צום זומער פארגרייט און ווען זײַנע פענצטער זײַנען שוין געווען אהין אופגעעפנט און פון צײַט צו צײַט פלעגט ער זיך אף א געהיים־באשעפטיקטער באראטונג מיט די זײַניקע אהין ארײַנשטעלן.

— וואָס איז, מיליע, וואָס זעסטו עפּעס אויס ניט ווי אלעמאָל, ניט אנדערש, אז פארליבט? זאָג דעם עמעס.

— יאָ, פארליבט! — האָט זי דעמלט אי יאָ, אי ניט קוקנדיק אפן שאָכן אים צוריק אָפּגעענטפערט.

— אין וועמען?

— אין דעם, וואָס האָט פארדינט, — האָט זי געענטפערט, און דערבײַ האָט זי דאָס מאָל שפּאסנדיק דעם געהעריקן טאָן ניט אויסגעהאלטן, האָט זיך אינמיטן פארויטלט און גאָר ניט ווי איר ביזאהעריקער שטייגער אין אזוינע פאלן, אינמיטן דאָס געשפּרעך איבערגעריסן, זיך מיטן רוקן אויסגעקערעוועט און איז אוועק אף אזא אויפן, ווי גלײַך זי וואָלט ניט געוואָלט, מע זאָל זען בא איר טרערן אין בליק.

עס האָבן דאָס אויך באמערקט די מיטשילערנס און באזונדערס די שילער, וועלכע זי האָט איצט אָדער אָפּן אָפּגעשטויסן, אָדער ניט איבעריק אָנשטענדיק פון זיי זיך אויסגעדרייט, אָדער סטאם ניט געהערט, וואָס מע רעדט צו איר, ווען מע האָט זי ארומגערינגלט און יעדער איינער, וואָס האָט געמיינט בא איר אויסנעמען, האָט איר געהאט עפּעס א פערזענלעכן צוזאמען מיט א קלוימערשט געזעלשאפטלעכן סאָד צו פארטרויען. זי האָט אוועקגעקוקט פון אלעמען און איר בליק האָט אריבערגעבלאָנדזשעט איבער די קעפּ פון יענע נאָכפאָלגער, וואָס האָבן געוואַרט אף איר יעדן טאָג, אלע, טאָמיד שטייענדיק פאר דער טיר פון איר גימנאזיע, פון וועלכער זי האָט באדארפט נאָכן ענדיקן די לימודים זיך ארויסווײַזן. און ווער ווייסט, וויפל צײַט אָט דער דאָזיקער צושטאנד וואָלט זיך בא איר געצויגן, ווען ס'זאָל ניט געווען געשען דאָס, וואָס אדאנק דעם האָט זיך דער איר אייגנטימלעכער אויסגעלײַטערטער בליק אומגעקערט, און נאָך ווי אומגעקערט, און נאָך מיט וואָס פאר א נײַער שײַן האָט ער זיך צעשפּילט. ס'איז געקומען, ווי שוין געזאָגט, דער פרילינג פונעם באוווסטן פינפטן יאָר, ווען דאָס לאנד האָט, אויסנוצנדיק די מאפּאָלע, וואָס די דעמלטיקע צארישע רעגירונג האָט געליטן פון איר אויסערלעכן סוינע אפן ווײַטן מיזרעך, ווי באוווסט, גענומען אָנפאלן אף איר פון אינווייניק, אויסנוצנדיק ווידער די אלע אין איר פון לאנג אָנגעזאמלטע סטיכיש־בונטארישע קרעפטן, וועלכע זײַנען ביז אהער אָן א וואָרט צו זאָגן און אָן א פּיפּס צו טאָן אונטערן שווערן מאכט־שטיוול געלעגן צוגעשטיקט, אָנגעהויבן פון פויערישע אומרוען, וועלכע האָבן זיך אָפּט אויסגעדריקט אין אונטערצינדן די טוווע־שײַערס פון די גוטבאזיצער און אין אוועקהארגענען די עקאָנאָמען און וואָס דערפאר האָבן די גוטבאזיצער אליין פון גרויס מוירע זיך געזען געצוווּנגען פון זייערע אײַנגעזעסענע היימען אויקער זײַן און אריבערפאָרן אין די גרעסערע צענטרען, וווּ זיי האָבן זיך געפילט מער באשיצט, ווי אין דער פּראָווינציעל־פארוואָרפענער היים.

אזוי אז מיט דער פויערים־באפעלקערונג, וועלכע האָט אלעמאָל געדינט דער מאכט, ווי איר רוקנביין, אף וועלכן זי האָט זיך דעריקער געהאלטן, איז זי שוין דעמלט קלאל ניט זיכער געווען; ניט זיכער אויך מיט אירע מיליטעריש־באוואָפנטע היטער און באשיצער, מיט דער סאָלדאטן־מאסע, וועלכע זי האָט אויך דעריקער רעקרוטירט פון די זעלבע פויערים־זין, וועלכע האָבן איצט, ווי ניט אָפּגעשטאנען זיי זײַנען און ווי ניט אונטער דער בײַטש זיי ווערן געהאלטן, דאָך קיין איבעריקן כיישעק ניט געהאט ארויסצוטרעטן אף זייערע שטראָף־שליכעסן אין די שטראָף־אָטריאדן קעגן זייערע אייגענע טאטעס, ווען יענע האָבן זיך גענומען בונטעווען. און זי, די מאכט האָט, מוירע קריגנדיק פאר אירע שטענדיקע קלוימערשטע פארטיידיקער, געמוזט אויסבילדן ספּעציעלע אָטריאדן פון די סאמע פינצטערע און סאמע אָפּגעשטאנענע עלעמענטן פון צווישן דער סאָלדאטן־מאסע, אף וועלכע זי האָט זיך ווי־ניט־ווי נאָך יאָ געקאָנט פארלאָזן. אָפּגערעדט שוין, אז צווישן דער פאָרגעשריטענער און מער אנטוויקלטער שטאָטישער באפעלקערונג, וועלכע איז באשטאנען מערסטנס פון ארבעטער און האָרעפּאשנע מאסן, האָט די מאכט שוין איר לעצט ביסל אָנהאלט און אויטאָריטעט פארלוירן, נאָכדעם ווי די נאָרוואָס דערמאָנטע האָבן ביזן גרונט דורכגענומען דעם פײַנטלעכן מעהוס פון דער מאכט, זעענדיק אין איר אָן אור־אוראלטן באצווינגער און אין צום־האלטער פון אלע זייערע שעפערישע מעגלעכקײַטן, וועלכע זי האָמעוועט, ניט דערלאָזנדיק זיי קיין קאָפּ אופצוהייבן, נאָר, פארקערט, דערנידעריקט זיי ביז דער ערד, אויסנוצנדיק זיי בלויז צו איר דינסט און צום קושן דעם שטויב פון אירע שטיוול. דאָס האָט אופגעריסן די נאָרוואָס דערמאָנטע מאסן און זיי געמאכט ווענדן מיט זייער סימפאטיע, מיט זייערע

אידעאלע שטרעבונגען און אויך מיט זייער פייִקײַט צו קעמפן פאר זייער באליבטער זאך מיט מעסירעסנעפעש — גאָר צו אנדערע, וועלכע האָבן זיי גענומען פירן אין גאָר א פארקערטער ריכטונג, אין וועלכער די מאכט האָט זיי ביז אהער געפירט, דה. אנטפּלעקנדיק פאר זיי זייער אייגענע מאכט. און ס'איז אוועק. נו, און ווער ס'האָט דאָס געמאכט, און וויִאזוי געמאכט, און וויִאזוי ס'האָט זיך, הייסט עס, אײַנגעגעבן צו פארווערבירן, פאמעלעכן און פון שטופּע צו שטופּע הייבן די סימפּאטיעס פון אָט די מאסן און זיי צו אָרגאניזירן צו א זעלבסטבאוווּסטזיניקער מאכט, — איז אלעמען באוווּסט. ס'איז באוווּסט די צוערשט אונטערערדישע, מוילוואָרפישע ארבעט פון די, וואָס האָבן זיך אונטערגענומען דאָס דורכצופירן אינמיטן נײַנצעטן יאָרהונדערט, און ס'האָט זיך זיי שלעכט אײַנגעגעבן איבער געוויסע סיבעס און דעריקער מאכמעס דער עקאָ־נאָמישער אָפּגעשטאנענקײַט פונעם לאנד, וואָס האָט דאָס נײַע צײַטווײַליק ניט דערלויבט. און דערנאָך ווי ס'האָט זיך סאָף נײַנצעטן — אָנהייב צוואנציקסטן יה. אײַנגעגעבן די פון דויערס פעסטשטייענדיקע וואנט דורכצוברעכן. און וויִאזוי לעסאָף, שוין צום פינפטן יאָר, האָבן זיך טיר און טויער געעפנט פאר פיל מעגלעכקײַטן אין פראט פון אָרגאניזירן, בילדן און פירן די מאסן מיט יענעם שטורקאץ אין די הענט, וועלכער באלויכט זיי זייער אייגענעם וועג, אזוי אויך פאר אלעמען. בעקיצער, דעמלט האָט מען געקאָנט זען, ווי, דעריקער אין די שטעט, האָט זיך צעשפּילט די אויפגעפּראלטע סטיכיי מיט איר אלפארפלייצנדיקן קאמף, וועלכער האָט פארכאפּט אין איר שטורעם ווו נאָר אן איר אָנגעהעריקן און בארעכטיקטן מיט איר מיטצושווימען און ווו אויך אפילע ניט קיין איבעריק בארעכטיקטן, נאָר בלויז א קליין ביסל מיטפילנדיקן, בלויז אן איבערגעכאפּטן און צײַטווײַליקן סימפּאטיקער, אן אינטעליגענט, א האלבן אינטעליגענט, וואָס האָט ניט מיט קיין איבעריק סאך וואָרצלען געשטעקט צווישן יענע, צו וועלכע ער איז סימפּאטיזירנדיק צוגעשטאנען, און, מיט איין וואָרט, ווידער, ס'האָט זיך צעשפּילט יענע סטיכיי, בענעגייע וועלכער די מאכט האָט זיך דערפילט הינטערשטעליק, אָפּהענטיק און פארלוירן, ניט ווייסנדיק שוין באלד, מיט וואָס זיך איר קעגנשטעלן, דער נײַ־אויפגעקומענער און פון אונטער דער ערד ארויסגעשווומענער מאכט, וועלכע האָט זיך דערקלערט פאר אן עפנטלעך־רעכטלעכער, וואָס האָט אליין זיך גענומען דאָס רעכט צו שאפן אירע אינסטיטוציעס, ווי ארבעטס־בירזשעס, וועלכע האָבן פריִער עקזיסטירט בלויז האלב־אומלעגאל און בלויז נאָר אין עמבריִאָ־נעלן צושטאנד, און איצט, צו יענער צײַט, וועגן וועלכער עס רעדט זיך דאָ, האָבן זיי מיט זיך פאָרגעשטעלט א מעלוכע אין א מעלוכע, איינס קעגן איינס קעגנזעצלעך, און אזוי, אז די פריִער־דיקע מאכט האָט זיך מיט דער נײַ־צוגעקומענער שוין געמוזט רעכענען. מאכנדיק זיך קלאָמ־פערשט ניט זעענדיק, האָט זי בעלעס־ברײרע און אָנמעכטיק מיט יענערס עקזיסטענץ געמוזט שאָלעם מאכן. אזוי מיט דעם, אזוי אויך מיט אלעם אנדערן, ווי מיט פארשיידענע פארטייִשע אָרגאניזאציעס, וועלכע זײַנען שוין אויפגעטראָטן פיל דרייסטער, מיט פיל מער אויפגעהויבענעם און אָנגעזעצטענעם קאָפּ, ווי פריִער, נעמענדיק זיך איצט דרייסט אָפּ צו אָרגאניזירן וואָס מער און וואָס עפנטלעכער פארזאמלונגען, בײַס וועלכע זיי פלעגן שוין ארויסטרעטן ווי אן אָפענער צאד אף פירן אונטערהאנדלונגען מיט די אייגנטימער פון יענע אונטערנעמונגען, קעגן וועלכע די שטרײַקן זײַנען דערקלערט געוואָרן, ווי אויך אף פירן אונטערהאנדלונגען מיט דער מאכט אליין, אמאָל אפילע, ווען יענע האָט זיך שוין געזען אָנמעכטיק גאָר אינגאנצן צו פארבאָטן א גרויסע פאָלקס־פארזאמלונג, אף וועלכער מע האָט בא איר געפאָדערט א דערלויבעניש און אף וועלכער זי האָט שוין אָפּט אײַנגעשטימט אף געוויסע באדינגונגען. אזוי אומעטום, אזוי אויך אין דעם אָרט, וועגן וועלכן עס גייט די רייד דאָ, ווו ס'האָט זיך שוין געטאָן און געטומלט אף אן אופשטענדלערישן אויפן און ווו די רעפּרעסיעס פון דער וואָס אמאָל אלץ מער אָפּגעשוואכטער מאכט האָבן שוין קיינעם ניט אָפּגעשראָקן, נאָר, פארקערט, האָבן דעם גלויבן פון די זיך איר אנטקעגנשטעלנדיקע אף אזויפיל געשטארקט, אז אמאָל איז מען שוין קעגן איר אפילע מיט אן אָפענער האנט, מיט אן אָפענער פויסט ארויס, אין דער פאָרם פון אָפטע דעמאָנסטראציעס מיט הויך אויפגעהויבענע פאָנען און אמאָל אויך אף אן אנדער אויפן, ווי ענטפערן מיט געוואלד־אקציעס און מיט טעראָר קעגן אירע אכזאָריעסדיקע מעשאָרסים, וועלכע האָבן, ארײַנפאקנדיק אן אָנגעהעריקן צו דער קעגנמעלוכע־באוועגונג, אף אן אכזאָריעסדיקן אויפן מיט אים זיך צע־רעכנט ביז שלאָגן, מיימעסן ביז בלוט, ביז דער ארײַנגעפאקטער איז ארויס פון זיי א קאליקע. דאָס לעצטע, די טעראָר־אקציעס, האָבן פאָרגענומען, פאר אלעמען, יענע מיטגלידער פון יענע פארטייען, וואָס טעראָר איז א פונקט פון זייערע פּראָגראמען, און אמאָל אויך אפילע פון אזוינע פארטייען, וואָס אינדיווידועלער טעראָר איז פון זיי פארבאָטן און וואָס אָבער אין אויסנאם־פאלן פלעגן דאָס אייניקע אָנגעהעריקע פון יענע פארטייען אף אייגענער אכרײַעס מאכן, ניט אָנפרעגנדיק זיך בא קיינעם און אפילע ברעכנדיק די פארטיי־דיסציפלין, ווען דער קאס און די בלוטן האָבן זיך זיי צעקאָכט, ניט קאָנענדיק איבערטראָגן דעם ווילקיר און די בלוטזויגערישע ווילדקײַטן,

מיט וועלכע די מאַכט איז זיך באַגאַנגען מיט די טרעגער פון יענע אידעאַלן, פאַר וועלכע זיי האָבן געהאַלטן אַלס זייער שטאָלצן כּיוו נעקאָמע צו נעמען און ניט דערלאָזן, אַז אירע ווילדע מײַסים זאָלן איר אומזיסט אָפּלויפן.

און אָט האָט זיך געמאַכט אין דעם אָרט, וועגן וועלכן עס רעדט זיך, איינמאָל אין יענעם ערעוו פּרילינג אַ טעראָר־אַקט אויסגעפירט אָף איינעם אַ מאַכט־פאָרשטייער, אָף גאָר אַ געהויבענעם טאַליען, אָף גאָר אַ כאָשעווער צאַצקע, — דאָס איז געווען איינער אַ לוקאַשעוויטש, אַ געווינלעכער אַקאַלאָטאָטשניק, וואָס האָט זיך אָבער שטאַרק קוינע־שעם געווען מיט זײַנע געהויבענע שפּיאָנישע גענג און מײַסים צווישן די אָנגעהעריקע פון אַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן געפירט אַן אַרבעט אין שטאָט. ער איז געווען אַ הויכער, גלײַכער און דערצו מיט אַ זעלטן שיינער צורע, וואָס האָט בײַ אַלע דינסטן און פּאָקאָיאָוועס פון די רײַכע הײַזער אין שטאָט אויסגענומען אָף אַזויפיל, אַז זיי, די לעצטע, האָבן אַלע, אָן אויסנאַם, אים אַנטקעגן געטראָגן אַלץ, וואָס זיי האָבן פון פרויִישער ליבשאַפט געהאַט, מיט גרויס האַכנאָע און שטאַרק נאָכגיביק, ווי נאָר ער האָט אָף זיי אַן ערשטן קוק געטאָן, אויביפראַט ווי נאָר ער האָט זיך אין זיי אַן ערשטן ריר אָן געטאָן. ער האָט זיך מיט זײַן הויכער שטאַלטנער זשאַנדאַרמען־פיגור געהאַלטן דאַפקע שטיל און זיסלעך, און האָט דאַפקע קיינמאָל אָף זײַן וווּנדערלעך־שיינער צורע ניט געלאָזט אָנזען קיין מינדסט ביסל פון יענער אין אים אויסבאַהאַלטענער רעציכע, וואָס איז אַ געהעריקער באַשטאַנדטייל פון זײַן טאַליאָנישן פאַך. ער האָט אויך מיט די, וועלכע האָבן זיך אין זײַנע הענט אַרײַנגעפאַקט נאָך אַ געיעג, וואָס איז פון צײַט צו צײַט דורכגעפירט געוואָרן אָף די אַרבעטסבירזשעס, אָדער נאָך אַן אַרעסט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אָף אַן אַנדער אויפן, — זיך באַגאַנגען צוערשט זיסלעך, נעמענדיק אַפּריִער אויספרעגן, וואָס ער האָט געדאַרפט, גאַנץ שטיל, אין גוטן מוט און בעשאָלעם, אָבער ווען די אַרעסטירטע אַליין, געגנוג קלוגע, דערפאַרענע און שטאַנדהאַפטיקע, האָבן זײַנע טרייפענע מיינען אַרויסגעזען און האָבן זיך אָף זײַן זיסער ווענטקע ניט געלאָזט, ניט וועלנדיק אַרויסגעבן דאָס, וואָס מע טאָר ניט, — אָט דעמלט האָט ער באַוויזן, וואָס ער קען: דאַפקע ווידער אין גוטן מוט און בעשאָלעם, און דאַפקע ווידער ניט ווײַזנדיק קיין מינדסט פון רעציכע, ווי בײַ אַנדערע, ווען זיי טוען די שלאָג־אַרבעט, האָט ער, לוקאַשעוויטש, געשלאָגן אָף זײַן אייגנאַרטיקן אויפן, אָן אָנשטרענגונג און אָן דעם, עס זאָל אים קומען דאָס רויטס אין פּאָנעם, נאָר גלײַך דער, וואָס באַקומט די קלעפּ פון אים, וואָלט געווען אַ גוילעם, אַ מאַנעקען, אָף וועמען ער קאָן גאָר קיין קאַס ניט טראָגן און וועמען ער קאָן אויך גאָר קיין ווײ ניט פאַרשאַפן... אָבער ווײ איז שוין געווען יענעם, וואָס האָט אַרײַנגעכאַפּט אָט דעם לוקאַשעוויטשעס קלעפּ, וואָס מען איז פון זיי אַרויס לעפּאָנעם און אויסערלעך דאַפקע גאַנץ: ניט אין פּאָנעם געשלאָגן און ניט קיין בלוט פונעם מויל און פון דער נאָז געלאָזט, נאָר ער האָט געזען די לונגען אָפּשלאָגן, וואָס נאָך דעם האָט דער געשלאָגענער אַליין שטיל מיט בלוט גענומען שפּײַען און האָט אַזוי לאַנג געשפּיגן, ביז אין אַ קליין שטיקל צײַט אַרום האָט ער די נעשאָמע אָפּגעגעבן.

מע האָט אָף דעם לוקאַשעוויטש שוין דאָס געוויסע האַרץ געטראָגן, זיך דערוויסנדיק וועגן זײַן פּײַניקונג־פּראַקטיק פון די, וואָס זײַנען נאָכן אַרעסט פון אים אַרויסגעלאָזט געוואָרן און זײַנען אָף דער פרײַ אומגעקומען, און אויך פון די, וואָס זײַנען אין טורמע פאַרבליבן און האָבן דאָרטן, לויט די באַקומענע אָף דער פרײַ יעדיִעס, אָף דעם זעלבן אויפן געענדיקט; ווויסנדיק, אַז ווער עס פאַלט אַרײַן צו אים, גייט שוין פון אים גאַנץ ניט אַרויס, האָבן שטילערהייט איניקע כאַווײרים און נאָענטע פון די ביטער געטראָפענע אָף אים בייז פאַרטראַכט ביז זיי האָבן לעסאָף אָף אייגענער אַכרײַעס גענומען אויספירן, וואָס זיי האָבן אין געהיים און ניט אייצענענדיק זיך מיט קיינעם באַשלאָסן.

ס'איז געווען אין איינעם אַ לינדן ערעוו־פּרילינגדיקן אָוונט, דעמלט, ווען קעץ שפּילן ליבעס אָף די דעכער, און אַזאַ, ווי לוקאַשעוויטש, וואָס האָט בײַ אַלע שענסטע דינסטן און פּאָקאָיאָוועס פון די רײַכע הײַזער אין שטאָט אויסגענומען, האָט זיך אַרויסגעלאָזט אָף אַן אָרדנטלעכן ליבע־געיעג נאָך אַן איינער אָדער נאָך מער ווי אַן איינער, מיט וועלכע ער האָט פאַר איין אָוונט און האָבנדיק נאָר איין האַרץ אין בוזעם, זיך אונטערגענומען נישקאָשע־צופרידנשטעליק צו פאַרברענגען. די, וואָס האָבן אָף אים געטשאַטעוועט, האָבן געוואַרט אים צו טרעפן אַרויסקומען פון איינעם אַ פינצטערלעכן קאָרידאָר פון איינעם אַ רײַכן הויז, ווו ער האָט מיט איינער זײַנער אַ גאָר נאָענט באַקאַנטער, ניט ווײַט שטייענדיק איינס פון צווייטן, דעמלט אין דער פינצטער פאַרבראַכט אַ צײַט, און ווי נאָר ער האָט פון דער שוועל פון יענעם קאָרידאָר אַ פוס אָף אין דרויסן אַרויסגיין אַרויסגעשטעלט, אַזוי האָבן די וואַרטנדיקע פון אַ קיילע מיט עפּעס אַ גיפטיקער פליסיקײַט אים אין פּאָנעם אַ כליופּע געטאָן, וואָס באַלד נאָכדעם האָט ער דערפילט, אַז ער האָט שוין ניט קיין אויגן מער, אַז ער האָט אָפן אָרט די ריִע פאַרלאָרן אָף זי מער שוין צוריק ניט צו באַקומען און אַז מער וועלן זיי אים שוין ניט דינען אָף צו דערזען, וואָס אים געפעלט, און אַז

ער זאָל אויך אנדערע, פון זייער זײַט, געפעלן. אויס מיט אים. דעמלט האָט יענער טייל שטאָט, ווו דער כליופ אין פּאָנעם האָט אים געטראָפן, און אויך א סאך ווײַטער פון יענעם טייל דערהערט א רעווען פון אים ארויסקומען, ווי פון א געקוילעטן בופלאקס, און באלד, ווי די פּאָליציי־לײַט, וואָס האָבן זיך געפונען אף די נאָענטע פּאָסטנס, האָבן דאָס דערהערט און זײַנען זיך אהין צונויפ־געלאָפן, אזוי האָבן זיי דעם געטראָפענעם לוקאשעוויטשן מיט אויסגעשטרעקטע הענט דערזען שטיין, ווי ער וואָלט געזוכט און געוואָלט זיך כאפן נאָכיאָגן נאָך דעם אָדער נאָך די, וואָס האָבן דאָס אים אָפּגעטאָן, אָבער יענע זײַנען שוין ניט געווען און דאָס אָרט איז פארקילט געוואָרן. ניטאָ קיינער.

מע האָט אים שוין מיט אויסגעברענטע אויגן און אן אויסגעברענט פּאָנעם אין שפּיטאָל אָפּ־געפירט, ווו מע האָט בלויז געזאָגט, אז ער, לוקאשעוויטש, איז שוין אויס, — א שיינע־ריינע קאַפּאָרע. דערפאר אָבער האָט זיך די העכערע מאכט, די פּאָליציי און זשאנדארמעריע, זײַן גרויסע קריוודע אָנגענומען און, האָבנדיק אָנגעווירן אזא איר באליבטן און כאָשעוו געהאלטענעם טאל־יאָנישן טאכשיט, האָט זי דערקלערט אף א צײַט אויסנאם־צושטאנד אין שטאָט, מיט די געהעריקע פאראָרדענונגען, וואָס פּאסן זיך צו אזא צושטאנד, ווי גענצלעך צעטרײַבן די ארבעטס־בירזשע, פארזאמלונגען פארבאָטן, קיינע רעדלעך אין גאס, און אז יעדן אָוונט, פון א געוויסער שאָ אָן, טאָר זיך קיין מענטשלעכע נאָז אין שטאָט ניט ווײַזן, אויסער ווען מע באקומט א ספּעציעלע דער־לויבעניש דערצו.

יאָ, פארבאָטן — פארבאָטן, צעטרײַבן — צעטרײַבן. אָבער די צײַט איז דאָך ניט געווען אזא, אז אזוינע פאראָרדענונגען זאָלן איבעריקע קראפט האָבן און זאָלן לאנג געדויערן. ווער־ווער, נאָר די אונטערערד־טוער האָבן געזען אויסנוצן אפילע אָט דעם אויסנאם־צושטאנד צו זייער גונסטן, ווײַל אפילע קורץ־ווייניק האָט מען זיך ניט געקאָנט דערלויבן ליידיק זיצן. אָבער אזויווי געווייגלעך אָפענע מאסן־ארבעט איז אומעגלעך געווען צו טאָן, און אזויווי גראָד דעמלט האָבן זיך אין שטאָט געפונען גרויס־אָנגעזעענע אָנפירער פון פארשיידענע פּארטייען, וועלכע האָבן ווער מער, ווער ווייניקער אין יענעם אָרט געהאט צו ווירקן, האָט מען דערום אין די העכערע פּארטייאישע קרײַזן באשלאָסן דורכצופירן א צווישנפּארטייאישע דיסקוסיע, אזוי ווי עס פלעגט זיך אָפּט דעמלט פּראקטיקירן, — א דיסקוסיע, אין וועלכער ס'זאָלן אָנטיילנעמען בלויז געקליבענע, בלויז פאָרשטייער פון די פּארטייען פּליוס א געוויסער אזוי צו זאָגן גוט פארעקאָמענדירטער אקטיוו, וואָס יעדער פאָרשטייער האָט געהאט רעכט מיט זיך מיטצונעמען, אי דאָס אויך, נאטיר־לעך, אין א זייער באגרענעצטער צאָל, מאכמעס די קאָנספּיראטיווע דירע־באדינגונגען האָבן ניט דערלויבט, מע זאָל זיך ניט באגרענעצן.

דעמלט איז אונדזער באקאנטער בלאָנדער אונטערערדלער, דער שאָכן פון דער ווידער אונדז באקאנטער מיליעס מוטער, צו אָט דער לעצטער מיט א פאָרשלאָג אונטערגעקומען, זאָגנ־דיק אזוי און אזוי: אזויווי ס'איז באשלאָסן געוואָרן די צײַט פון אויסנאם־צושטאנד פּראָדוקטיוו אויסצונוצן אף אזא און אזא דיסקוסיע, וואָלט ער געוואָלט בא איר פרעגן, צי האלט זי, ערשטנס, איר שטוב און זײַן וווינונג פאר דעם פּאסיק, און, צווייטנס, אויב יאָ, צי וועט זי דאָס דערלויבן, און נאָך מער, דריטנס, צי קאָן זי, מעגלעך, זיך אונטערנעמען אליין טאקע אָט די פארזאמלונג אונטער איר האַשגאָכע נעמען און זי, ווי א באלעבאָסטע פון הויז, זאָל אכטונג געבן, אז זי זאָל דורכגיין בעשאָלעם און ווי מע דארף. ער האלט, דער שאָכן, האָט ער, ווײַטער ריידנדיק מיט מיליעס מוטער, פאָרגעזעצט, אז קיין איבעריקע סאקאָנע איז דאָ ניט פאָרויסצוזען, ווײַל דאפקע פארקערט, דאפקע איצט, ווען ס'איז דערקלערט אויסנאם־צושטאנד אין שטאָט, וועט קיינעם פון די מאכטהאָבער אפן געדאנק ניט קומען, אז בא אזא שטרענגער שמירע, אונטער וועלכער זיי האָבן די שטאָט געשטעלט, זאָל מען וואגן אזא שטרענג פארבאָטענע זאך זיך נעמען דורכצופירן, און באזונדערס אזעלכע, וועלכע דארפן באזונדערס געהיט זײַן, ווי די, וועלכע זײַנען באשטימט אין אָט דער פארזאמלונג אָנטיילצונעמען. די פארזאמלונג דארף זיך צונויפקומען טכילעס אָוונט, האָט ווײַטער דער שאָכן פון מיליעס מוטער פאָרגעזעצט, דעמלט, ווען גיין אין שטאָט איז נאָך ניט פארבאָטן. זי באדארף געדויערן די גאנצע נאכט, ווײַל אהיים גיין באנאכט וועט אומעגלעך זײַן לויט די ארויסגעגעבענע פאראָרדענונגען, און צעגיין וועט מען זיך אינדערפרי, ווען אלע וועלן שוין אף דער גאס זיך ווײַזן. הא, ווי מיינט זי? — האָט ער בא איר געפרעגט.

— וואָס פאר א פראגע, — האָט זי געענטפערט, — אוואדע באשטייט זי. אוואדע האלט זי איר שטוב און זײַן וווינונג פאר פּאסיק און אוואדע נעמט זי זיך אונטער, ווי א באלעבאָסטע, אלץ צו טאָן, אז קיינעם, כאָלילע, זאָל דאָ קיין האָר ניט ארויסקומען פון א שלעכט נאָכשפּירנדיק אויג, וואָס קאָן אמאָל אהער פארקוקן.

ס'איז אָפּגעמאכט געוואָרן, אז די אָנטיילנעמער פון אָט דער דיסקוסיע ווערן צונויפגערופן אף דעמלט און דעמלט, און מיליעס מוטער האָט אויסער די פאָרזיכט־מיטלען, וואָס זי האָט אָנ־

געגומען אלס האזשגאכע־האָבערן אַף אזא סאָרט געהיימער אונטערנעמונג, נאָך אלס באלעבאָסטע געזען איינאָרדענען אזוי, אז די פּאַרזאמלטע זאָלן זיך קאָנען פילן אמבאַקוועמסטן דורך דעם, וואָס זי האָט פאַרגעלייגט דעם שאַכן אַפּצורוקן די שאפע פון יענער טיר, וועלכע האָט אָפּגעטיילט זײַן וווינונג פון אירער, קעדיי, ערשטנס, זייערע ביידע וווינונגען זאָלן ווערן איינס און אדאנק דעם זאָל וואָס מער אוילעם אהין אַרײַן. און נאָך האָט זי דערבײַ א קאַוואַנע געהאַט, אז אין פאַל פון א סאַקאָנע, זאָל די שטוב האָבן צוויי ארויסגאַנג־טירן, מע זאָל זיך קאָנען ארויסרוקן דורך איינער, אויב א צווייטע וועט באלאגערט ווערן פון פּאָליציי. זי האָט נאָך געטאָן צוליב שאַפן געמיטלעכקײַט פאַר די אַנטיילנעמער פון יענעם אָוונט, וועלכער וועט זיך דאָך מוזן ציִען די גאַנצע נאַכט ביזן גרויסן טאָג אַרײַן איבער די אויבן דערמאָנטע טײַמים, ווי געזאָגט, אײַנאָרדע־בענדיק א מין היימישן בופעט אַף שמאָל געקירצטע פּאַרטייִשע מעזומאָנים, מיט וועלכע מע האָט זיך, לויט די דעמלטיקע באדינגונגען, ניט איבעריק געקאָנט צעוואַרפן. אַף א קליין־אָפּגעלאָז־טער סומע אַף דעם צוועק האָט זי, מיליעס מוטער, אײַנגעקויפט א קליין ביסל וווּרשט און קעז אַף בוטערבראָדן, אז טאָמער בייס א האַפּסאָקע, ווען דער אוילעם וועט שוין זײַן מיד, אינמיטן אָדער אין סאָף פון דער נאַכט, וועט מען וועלן עפּעס וואָס איבערכאַפּן. זי האָט אויך פאַרגרייט א סאַמאָוואַר, טאָמער וועט זיך עמעצן וועלן טיי טרינקען. מיט איין וואָרט, זי, מיליעס מוטער, האָט פון איר זײַט געטאָן אַלץ, וואָס מע דאַרף, און אפילע מער ווי מע דאַרף און ווי מע וואָלט געקאָנט פאָדערן פון אזא, אינדערעמעסן א מענטשן פון ווײַט שטייענדיקן און בלויז מיטפילנדיקן דער זאַך. דערפאַר, וואָס זי האָט זיך געפילט אדאַנק איר אין טפיסע אַפּקומענדיקן זון פאַר א שטיקל שוטעף צו איר שאַכנס ארבעט פון ביז אהער ביכלאַל, אויבּפראַט אויך צו דער לעצטער, צו דער איצטיקער אונטערנעמונג. זי האָט אַף זיך גענומען אויך צו שטיין אַף דער וואך פאַר איר טויער אין יענער שאָ, וועלכע איז געווען באַשטימט, אז די אײַנגעלאַדענע זאָלן זיך צונויפקומען. זי זאָל זען ווי געהעריק זיי באַגעגענען לויטן באַשטימטן פּאַראָל, וואָס האָט געהייסן, אז דעם און דעם מעג מען דורכלאָזן ווי אַן אייגענעם. דאָס האָט זי געטאָן אי א ביסל אליין און אי צוזאַמען מיט איר מיליען, וועלכע איז אויך צוגעצויגן געוואָרן צו אָט דער פּאַראַנטוואָרטלעכער שליכעס פון צו שטיין אַף דער וואך פאַרן טויער צוליב מער פאַרזיכטיקײַט און קעדיי דער מוטערס שטיין אליין זאָל קיין איבעריקן כשאַד ניט ארויסרופן.

יאָ, זיי האָבן דאָס געטאָן אינצווייען, באַגעגענענדיק די אײַנגעלאַדענע, ווי געסט אַף א סימכע, ביידע פאַרינטערעסירטע און ביידע, קאָן מען זאָגן, באַגליקטע פונעם צוטרוי, וואָס אין זייערע הענט און אַף זייער געוויסן איז דאָ איבערגעגעבן געוואָרן א שטיק טײַער געהאַלטענער און געהיימער אויצער אַף אים אַפּצוהיטן, דאָס מיינט מען, די קעפּ פון די אָרגאַניזאַציעס, די אָנפירער, די קאָמיטעטשיקעס, וואָס פאַר אַזוינע, ווי די ביידע, האָבן זיי זיך קיינמאָל אין די אויגן ניט געזען געוואָרן, און אויב יאָ געוויזן, האָט מען זיי בא די נעמען ניט אָנגערופן, און אויב יאָ אָנגערופן, האָט מען געוווּסט, אז די נעמען זײַנען ניט זייערע, נאָר אויסגעטראַכטע, פאַרשטעלטע. יאָ, ביידע באַגליקטע. דערפאַר טאַקע האָבן זיי זיך ביידע, ווי צו א סימכע, פּאַרפּוצט — די מוטער אין א בעסטן קלייד, וואָס איז איר נאָך פון אמאָל, פון ווען איר מאַן האָט געלעבט, געבליבן, און מיליע גאָר געהויבן, אין א יונג־מיידלשן פּוץ, ווי ווען זי זאָל האָבן צו גיין אַן אײַנגעלאַדענע אַף א גימנאַזיע־באַל, וועלכער ווערט פון יאָר צו יאָר נאָך די ארויסלאָז־עקזאַמענעס אײַנגעאָרדנט אין דער גימנאַזיע־געבײַדע, און ווען זי האָט שטאַרק אויסגענומען מיט איר גלאַטן און מיידלשן רוקן און טאַליע, צו וועלכער דאָס קאָפּטל האָט זיך ווי זינגענדיק צוגעפּאַסט, ווי אויך מיט איר לענג־לעך קלייד, שוין ווי פאַר א דערוואַקסענער, וואָס האָט אראָפּדערגרייכט ביז צו אירע פּיס־קנעכל. זי האָט זיך אזוי פּאַרפּוצט אי צוליב דער קאָנספּיראַציע, וואָס דער ערנסטער שאַכן האָט אַף איר אין שפּאַס ארופגעצוווּנגען דעמלט, ווען מע האָט זיך גענומען גרייטן צום אופנעם פון די אײַנגעלאַדענע, אויסשטעלנדיק טיש און בענקלעך ווי מע דאַרף, און נאָכדעם, ווען מען איז מיט דעם אלעם פּאַרטיק געוואָרן, האָט ער זיך צו איר א ווענד געטאָן, ווי זײַן שטייגער איז, אין א שפּאַסיקן טאָן:

— זע נאָר, מיליע, זאָלסט אונדז ניט פאַרשעמען.

— וואָס הייסט? — האָט זי געפרעגט.

— פּאַרפּוץ זיך ווי דו קאָנסט, אזוי ווי אַף א באַל!

— וואָס איז דען?

— מ׳קאָן דיך אמאָל דאָרט פאַרקנאַסן אין א נויט.

— וואָס הייסט?

— פרעג ניט און פּאָלג אַן עלטערן, וואָס איז דיר ניט קיין סוינע...

זי האָט געפאָלגט און זיך פּאַרפּוצט צוליב אָט דער קאָנספּיראַציע, וואָס, ווי געזאָגט, דער שאַכן האָט פון איר געפאָדערט, און אויך צוליב איר אייגענער קאָנספּיראַציע, פּאָרויספילנדיק

מיט איר מיידלשן כוש, אז, מעגלעך, איר שטייט טאקע עפשער הײַנט פאַר פארקנאסט צו ווערן...

נאָר אָט האָבן זיך שוין אלע פארזאמלט, נאָך דעם ווי יעדער איינער איז געהיט, פון אַן אנדער זײַט, אָנגעקומען צום טויער פון מיליעס מוטערס שטוב, מיטן שטילן פאראָל אין מויל, וואָס נאָך דעם, ווי מע האָט אים ארויסגעזאָגט, האָט מען באקומען דערלויבט אין הויף ארײַנצוגיין. ס'איז צוגעקומען צום הויף אף ארײַנגיין, צווישן אלע אנדערע, אויך דער אונדז באקאנטער לייבל, וואָס כאָטש ער איז געווען אזוי יונג, אָבער ער האָט זיך שוין אזוי ווײַט צום גוטן אויסגעטיילט, אז מע האָט געפונען פאר נייטיק אפילע אין אזא אָוונט, וואָס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן בלויז פאר געקליבענע, פאר געציילטע און פאר גאָר אויסגענומענע כשווים, זאָל זײַן אָרט דאָ ניט פעלן. ער האָט זיך שוין אזוי ווײַט דעמלט געהאט ארויסגערוקט, אז מ'האָט אים געקרוינט מיט א ליבן צונאָמען, לייבל לאסאל, פאר זײַן רעדנער־טאלאנט און פאר נאָך זײַנע מײַלעס.

נאָר אָט האָבן זיך צונויפגעקליבן אלע, נאָך דעם, ווי יעדערער איז, אף פריִער דורכגעקאָנטראָלירט פון מיליעס מוטער, אין שטוב ארײַנגעלאָזט געוואָרן און נאָך דעם, ווי די זעלבע איז שפעטער א ביסל, ווען די גאנצע צאָל אײַנגעלאדענע איז שוין פון איר דורכגעלאָזט געוואָרן, נאָך אף א ווײַל אליין פארן טויער שטיין געבליבן, זען, צי קיינער קוקט ניט נאָך, צי קיינער האָט די אהער געקומענע ניט נאָכגעשפירט, און, איבערצײַגנדיק זיך, אז ניט, איז זי ערשט דעמלט אין שטוב ארײַן. אז זי איז ארײַן, האָט זי שוין געטראָפן, ווען מע דארף און ווען עס איז באַשטימט געווען פון די כשווים באם טיש צו זיצן. און ווער עס האָט קיין אָרט ניט געהאט באם טיש, איז אָדער געזעסן אהינטער אָדער אף די פיס געשטאנען, מאכמעס קיין בענקלעך האָבן שוין ניט געקלעקט פאר אלע צוזאמענגעקומענע.

ס'האָבן זיך צונויפגעקליבן פאָרשטייער פון פארשיידענע לאגערן, פון פארשיידענע אָרגאַניזאציעס און פארשיידענע אידייִשע אײַנשטעלונגען, וואָס שאצן אָפּ פארשיידן די געשעענישן פון הײַנט, פון וועלכע עס דרינגען ארויס די פארשיידענע פראָגנאָזן און אויסזיכטן אף דער צוקונפט.

ס'איז געווען א געמיש פון פאָרשטייער, וואָס האָבן דעמלט לעפאָנעם נאָך געהאט אַן איינהײַטלעכע פלאטפאָרם אין דעם קאמף מיט דער זעלבסטהערשונג, וואָס האָט זיי קלוימערשט פאַרלויפיק פאראייניקט. אָבער אינדערעמעסן האָבן שוין צווישן זיי געהערשט גרינטלעכע כלוקעדייעס, צום אלעמערשטן אפן טעאָרעטישן געביט, וועלכע האָבן ניט ווילנדיק געפירט אויך צו כלוקעדייעס אין דער פראקטיק, וואָס האָט שפעטער א ביסל באוויזן, ווי ווײַט אייניקע האָבן ווירקלעך געהאט די צוקונפט פאר די אויגן און ווי ווײַט אנדערע — די שוין אָפגעפאָרענע און געשיכטלעך פארורטיילטע פארגאנגענהײַט. אָט האָט מען דאָרט צוערשט באם טיש זיצן געטראָפן איינעם א לייב־פארשוין, מיט א לייבישן קאָפּ, מיט הארטלעכע, שווארצע געקרײַזלטע האָר און מיט א לאפּע פון א לייב, דאָס מיינט מען זײַן רעכטע האנט, וואָס ער האָט, ריידנדיק, מיט איר געלאסן און מיט גרויס זיכערקײַט אונטערגעדיריזשירט און וואָס ווער עס וואָלט נאָר זי, זײַן האנט אליין, דערזען, אזוי וואָלט ער געפילט, ווי ווײַט זי איז גרייט און בארופן די ווישקעס פון עפעס א געוויסער נײַגעבוירענער מאכט ארײַנעמען און זיי פעסט אײַנהאלטן, ניט געקוקט אפן אימפעטיקן שפאן פון די פערד, וואָס קאָנען אים איבערקערן אָדער ערגעץ ווילד און ווײַט פארטראָגן. דאָס איז געווען א יונגערמאן נאָך, דוכט זיך, פאר די דרײַסיק, מיט א שווארץ העמדל, געשפיליעט אין א זײַט, ווי מע האָט דעמלט געטראָגן, און אזויווי דער קאָלנער האָט אים געענגט בעשאסן ריידן, האָט ער אים דערום אָפגעשפיליעט, באווײַזנדיק דערבײַ א ווײַסן האלדז, א קרעפטיקן, אַן אקשאָבעסדיקן, וואָס לאָזט זיך, זעט אויס, אונטער קיין יאָך ניט ארונטערנעמען, אויסער דעם, אונטער וועלכן ער האָט נויטווענדיק־ליב און פרײַהײַטלעך אליין זיך אײַנשפאנען אונטערגעגעבן, דאָס מיינט מען, דעם יאָך פון דער אים געליבטער אידיי, וועלכער ער איז גרייט ביז לעצט צו דינען, ניט געקוקט דערוף, וואָס ער איז איצט דאָ, אין אָט דער פארזאמלטער איידע, קימאט איינער אירער אַן אָנהענגער, האָפנדיק אָבער, אז סאָפּקאָלסאָף וועלן פיל צו איר מוזן צושטיין, ווי אָט די אלע דאָ באם טיש זיצנדיקע, וואָס הערן אים אויס אָפּגעפרעמדט, ווידערווויליק און ווי זיי וואָלטן ניט געהאט פאר זײַנע ווערטער קיין אָרט אין אויער, אָבער קוקנדיק אף זײַן האנט, וואָס ער דיריזשירט מיט איר, ריידנדיק אי געלאסן, אי מיט גרויס זיכערקײַט, זעט זי זיי אויס, ווען ער טוט זי אמאָל נאָר אפן טיש א לייג מיט די פינף פינגער אירע, ווי פינף פערושים אף דערווײַל נאָך זײַן אייגענער טוירע, וואָס שפעטער אָבער, דוכט זיך, וועט זי וואָלענס־נאָלענס מוזן ווערן זייער אלעמענס טוירע. דער „בונד־פּרעסער" האָט מען אים גערופן אין די דעמלט ווירקנדיקע פארטייִשע קרײַזן, און בעעמעס האָט ער אים פארדינט, דעם נאָמען, ווײַל ווי נאָר ער האָט דער ערשטער דאָס וואָרט גענומען, אזוי האָט ער אלעמען מיט זײַנע קלאָר־געצילטע דיבורים, מיט זײַנע הארב־לאָגישע האנאָכעס און ריכטיק געמאכטע אויספירן, געמאכט פּאָכען די הערצער פון זײַנע קעגנער. דערזעענדיק אין אים אזא, וואָס פון זײַנע פּאָזיציעס איז אים מיט קיינע הארמאטן

ניט אַראָפּצושלאָגן, און זײַענדיק געצוווּנגען צו האַלטן די גאַנצע צײַט די אויגן צו אים געווענדט, כאָטש געוויס ווידערווייליק־אָפּגעפרעמדט, קעגנעריש־פאַרביסן און ווי צו אַ מענטשן, וואָס פון זײַנע רייד איז ניט צו האָפן קיין מינדסט געשאַנעוועט צו ווערן, דאָך האָט מען פון אים און פון דער איבערצײַגנדיקער קראַפט, וואָס האָט זיך פון זײַנע רייד אַרויסגעפילט, די אויגן ניט געקאָנט אָפּרײַסן, פונקט ווי אַ קראָליק פון אַ שלאַנג, פון וועלכער ער איז באַצויבערט און ווערט בלויז פון איר בליק ניכנעדיק און פאַרורטיילט געפאַנגען. ער האָט גערעדט קורץ, ניט פאַרהאַלטנדיק דעם אוילעם, אָבער דער רוישעם פון זײַן שאַרף־אויסגעשפּראָכענער רעדע איז געווען אַזאַ אויסנעמלעכער, אַז ס'איז געווען צו זען: דער אוילעם קעגנער, וואָס האָט זיך דאָרט אַרום טיש אויסגעזעצט געפונען, וועט, אים אויסהערנדיק, זיך לאַנג דערנאָך האָבן צו ווערן פון איר, דהיינו זיי וועלן לאַנג מוזן ברײַען און געווג סכאָלאַסטישע קאָפּשטיק מוזן געברויכן, איידער זיי וועלן האָבן געמיינט פון זײַן האַרב־לאָגישן קלעם זיך קאָנען באַפרײַען, וואָס אינדערעמעסן האָט זיך דאָס זיי נאָך אַ גאַנצן אָוונט דערנאָכיקע דעבאַטן און אָפּענטפערונגען אַף זײַנע רייד טאַקע ניט אײַנגעגעבן, ניט קאָנענדיק צעוואַרפן דעם פון אים פעסט אופגעשטעלטן ביניען.

דעמלט איז אַרויסגעטראָטן אַ צווייטער, דער פּולער הייפעך פון דעם נאָרוואָס דערמאָנטן פעסט געבויטן לייבישן פאַרשוין, דעם בונד־פּרעסער. אַ פאַרשוין אַ שוואַכלינג, אָן אַ טראָפּן בלוט אין פּאָנעם, וואָס האָט געהאַט אַ געל־גרינלעכע מאַרע פון אַן עסרעג; אַ פאַרשוין מיט אַ קורץ־שוואַרצלעך שיטער בערדל, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ קליינשטעטלדיק רעוול, מיט אַ פּלאַטשיק גלאַט־געפּאָלירט בײנדל פון זײַן עטוואָס לענגלעכער נאָז, מיט עטוואָס בלויִלעך־רויטלעכע אויגן מאַכמעס אָדער די וויִעס, אָדער די ברעמען זײַנען אים אויסגעקראָכן, ווײַל, האָבנדיק פיל צו טאָן אַף אומצופאָרן פון אָרט צו אָרט אַף קאָנפערענצן, אַף צוזאַמענפאָרן און רעפעראַטן, פלעגט ער גאָר ווייניק שלאָפן. ער, אַ פאַרשוין טאַקע פון ראַבאָנישן געזע, ער, וואָס האָט אַמאָל אַליין אויך געשטודירט אַף ראָוו, אומטראָגנדיק אַלס רײַע נאָך איצט די סמיכעס אַף ראַבאָנעס אין קעשענע צוליב קאָנספּיראַציע, אַז טאָמער פאַלט ער אַרײַן, זאָל מען זיך קאָנען איבערצײַגן, אַז ניט אים האָט מען געמיינט, און אַז מע האָט ניט אָפּן ריכטיקן אַדרעס אָנגעטראָפן, מאַכמעס ער איז אַ ראָוו. ער, ווי אַ געוועזענער יִדישלעכער לאַמדן און אַף ראָוו שטודירנדיקער מאַסמיד, האָט טאַקע אויך איצט, ווי אַמאָל, געקאָנט גאַנצע נעכט אוף זײַן, נאַכט נאָך נאַכט, אָפּגערעדט שוין פון די טעג, ווען ער איז פאַרטייִיש ביז איבערן קאָפּ באַשעפטיקט געווען ביז ניט צו געדענקען אין עסן, טרינקען, ווי אַ מענטש דאַרף, און ביז אַפילע צו לאָזן זיך אַמאָל, אין מיטן זײַנע לאַנגע רעפעראַטן, וואָס ער האָט געקאָנט האַלטן שאָענלאַנג אָן אָפּרו, אַזש ס'הייבט אים אָן קאַפּען דער נויט־שווייס — קאַלטע דורכזיכטיקע טראָפּן פון דער שפּיץ נאָז, אָפּפירן אַף אַ געלעגער, ווו ער וועט גלײַך אַ פאַרכאַלעשטער אײַנשלאָפן, און נאָך דעם וועט מען אים לאַנג ניט קאָנען דערוועקן, ביז מע וועט אים ניט נעמען שטאַרק טרייסלען אָדער אים דערלאַנגען כאַלאָשעס־טראָפּנס, נאַשאַטיר צו דער נאָז. דערצו נאָך אַ וועגעטאַריִאַנער. כוץ אַלערליי מײַלעס פון אַ כאָלעש, האָט דער מין וועגעטאַריִאַנערײַ, פאַרשטענדלעך, אַליין אים קיין איבעריק געזונט ניט צוגעגעבן. און וואָס דערום, קוקנדיק אַף אים און וויסנדיק דאָס אַלץ, האָט דער ערשטער, דער פעסט געבויטער און קערפּערלעך־קרעפטיקער בונד־פּרעסער, אָן שום בייז, אָבער דאָך אַלעמאָל מיט עטוואָס ביטל אונטערגעשמייכלט פון אים ביכלאַל, אוביפּראַט, ווען יענער איז איצט אַרויס מיט זײַנע צו לאַנגע רייד, וועלנדיק אָנמעסטן זײַן פּילפּוליסטישן שטרײַמל אַפן סייכל־האַיאָשערדיקן קאָפּ פון די, וועמען ער האָט זיך איצט גענומען קלוימערשט פאַרצושטעלן, ווען ס'איז געקומען, אַשטייגער, צו דער פראַגע מיקויעך דעראָבערן די מאַכט מיט געווער, אויב מע וועט דאַרפן, ווי דער ערשטער רעדנער האָט געוואָלט האָבן, לויט זײַן פאַרטייִישער איבערצײַגונג, און ווי דער צווייטער האָט יענעמס אײַנשטעלונג געוואָלט צונישט מאַכן, דערווײַזנדיק, אַז ס'איז נאָך ניט די צײַט דערויף, אַז מע וועט דורכפאַלן אָן דער געהעריקער שטיצע פון אַלע דעם פאַרויסגייענדיקן קלאַס, אַז די קלאַסן־אומשטענדן זײַנען ניט רײַף, אַאוו.

דעמלט האָט דער ערשטער אים אינמיטן די רייד איבערגעריסן מיט איינער אַן אָוועקמאַכנדיקער רעפּליקע, וואָס ער האָט אַ וואָרף געטאָן, אַ זאָג געבנדיק: וועגעטאַריִאַנישער קוואַטש, וואָס דאָס האָט באַם צווייטן אינמיטנדערינען טראָפּנס נויט־שווייס אַף דער נאָז אַרויסגערופן אי פון איבערגעמידקײַט, אי פון הינטערשטעליקן פּאַרדראָס, וואָס ער האָט זיך דערפילט צוגעפּלעטשט, דערזעענדיק זיך שטיין קעגן דעם געזונטן, יענעם, וואָס פון טעאָריע ביז פּראַקטיק, פון ווערטער ביז מײַסים איז באַ אים ניט אַזאַ גרויסער מעהאַלעך, ווי באַ אים, און וואָס ער איז גאָר קיין באַלן ניט אָפּלייגן אין דער לאַנגער, קלוימערשט, געשיכטלעכער באַנק דאָס, וואָס ער האַלט עס פאַר באַלד, שוין טאַקע רײַף צום לייזן מיט אַלערליי מיטלען, ניט אויסגענומען, פאַרשטענדלעך, אויב מ'דאַרף אויך מיט געווער.

דעמלט איז אַרויסגעטראָטן אויך אַ דריטער, איינער אַ כאַוער באָרעך־בער, ווי מע האָט

אים געראָפּן, נאָך א יונגער מענטש, אָבער א שטאַרק באַוואַקסענער, ניט אַזוי מיט האָר פון קאָפּ און פון דער באָרד, ווי מיט פיל קענטעניש און ידיעות, וועלכע האָבן אים געמאַכט בלינדלעך־קורצזיכטיק פון האָבן צו טאָן פון יונגערהייט אָן מיט פאַרשיידענע ביכער, פון וועלכע ער האָט געשעפּט פולע אויצרות מיט פולע זשמעניעס, א שאַרפער באַל־מויעך, אָבער ניט גענוג אָרגאַניזירטער, א צעדרייטער, וואָס מע האָט דערציילט וועגן אים, אַז נאָך זייענדיק אין א פאָרלעצטן קלאַס אין גימנאַזיע, ווו ער האָט זיך געלערנט, דאָס הייסט זייענדיק אַלט ניט מער נאָך ווי א 16—17 יאָר, האָט ער שוין געשעמט ווי א גוטער קאַנט־קענער[1], האָבנדיק אַלע געגעבענע צו ווערן א מושלעם אין דעם פילאָסאָפישן פאַך, וועלכן ער האָט דערנאָך אָבער פאַרלאָזט, זיך א וואָרף געבנדיק צו סאָציִאַלע וויסנשאַפטן, וועלכע האָבן אים פאַרכאַפּט, דערנאָך, ווידער, צו פילאָלאָגיע, ווו ער האָט גענומען אַרויסווײַזן קימאַט געניִאַלע פייִקייטן, ווי קימאַט א וועג־אויסטרעטער פאַר א נײַער גרונטליגערישער שיטע אין יענער שפּראַך, וועלכע ער האָט גענומען דערלערנען, און גאָר לעסאָף, צוזאַמען מיט דעם געפּעק קענטעניש, איינס מיטן צווייטן צוזאַמענגעמישט און קלאַל ניט אויסגעסאָדערט, האָט ער זיך גאָר געפונען שטיין בעראָש, אַלס אָנפירער, פון איינער א דעמלט ווירקנדיקער יִדיש־טעריטאָריעלער פּאַרטיי, וועלכע האָט געפונען אירע אַדעפּטן[2], האָבנדיק זיך טעאָרעטיש געבויט אויף סאָציִאַליסטישע יעסוידעס און אויסנוצנדיק איר טעאָרעטישן אַרסענאַל צוליב אירע צוועקן, ווי אַנדערע — צוליב אַנדערע, מער וויסנשאַפטלעך באַרעכטיקטע.

אָט דער פול מיט קענטעניש באַוואַקסענער, קורצזיכטיקער כאַווער באָרעך־בער, וואָס זייענדיק פול באַלאָדן, אָבער ווייניק אָרגאַניזירט, האָט אַלעמאָל, צוטרעטנדיק צו זײַנעם א פאַרטראַג, א רעפעראַט, גענומען צעשטרייט אויסזוכן אין די קעשענעס פון די הויזן, פון פּידזשאַק און זשילעט די נייטיקע ציטאַטעס, ציפערן, וועלכע ער האָט זיך פון פאָרויס, אין דער היים פאַרגרייט, און, ניט געפינענדיק זיי בא זיך אין די קעשענעס, פלעגט ער זיי אַמאָל נעמען זוכן אַפילע אין די קעשענעס פון א נאָענט שטייענדיקן לעבן אים, פון פאַרטראַגנקײַט, — אָט דער באָרעך־בער, אַז ער איז איצט צוגעטראָטן צו האַלטן זײַן וואָרט לויט דער ריי, ווען ס'איז אים געגעבן געוואָרן, און דערקלערנדיק, אַז ער האָט 39 טעזיסן־רײַעס אויף צו באַווײַזן די נייטיקײַט פאַרן יִדישן פּראָלעטאַריִאַט אין א טעריטאָריע ביכלאַל און נאָך 39 אויף צו באַווײַזן די נייטיקײַט אין א באַשטימטער, פון אים אָנגערופענער טעריטאָריע, און ניט סטאַם וויסטעניש, נאָר אין אַנגאָלאַ אָדער אוגאַנדע לעמאָשל.

אַז ער האָט גענומען אויסלייגן זײַנע רײַעס איינס נאָך איינס, וואָס האָט היפּש געדויערט, און אַז ער האָט שוין געהאַלטן העט־העט, אַריבער דעם פאַר צענדליק, האָט זיך דער ערשטער, דער, וואָס מיטן קלאָרן קאָפּ און וואָס מיט שאַרף־אויסגעשפּראָכענע לאָגישע דיבורים, דערזעענדיק, ווי אָט דער, דער דריטער, דער כאַווער באָרעך־בער, האָט זיך אין זײַן ווײַטן פאַרדרייטן פּילרײַעסדיקן וואַלד פאַרקליבן, זיך פלוצעם צעלאַכט, ווידער אָן שום בייז, אָבער פון פולן האַרצן, וואָס האָט געווירקט אָנשטעקנדיק אויך אויף פיל פון די איבעריקע פאַרזאַמלטע, וועלכע האָבן אים נאָכגעטאָן און אויך זיך צעלאַכט; אָבער זאָל דאָ געזאָגט ווערן, ס'מאַכט ניט, וואָס אָט דער ערשטער האָט זיך אויסגעלאַכט שטיל פון צווייטן מיטן אויסזען פון א ראָוו און דערצו א וועגעטאַריִאַנער, און אויך פונעם דריטן, וואָס מיטן פולן קויש קענטעניש, פון וועלכע אין קאָפּ איז בא אים געוואָרן א ביסל א פּלאָנטער. ס'מאַכט ניט, וואָס אַלע איבעריקע אויף יענער צווישנפּאַרטייִשער דיסקוסיע דעמלט פאַרזאַמלטע האָבן נאָך געהאַלטן ווײַט פון דעם, וואָס ער, וואָס זײַן וועג איז פאַר אים געווען צעעפנט און אויסגעקלאָרט, האָבנדיק שוין אין דער פּערספּעקטיוו לויטער, וואָס פאַר יענע איז נאָך געווען פאַרשווומען און מעטושטעש. דעריקער איז דאָס, וואָס צו יענער צײַט האָבן נאָך אויך די קעגנער פונעם ערשטן געהאַט זייערע אָנהענגער און נאָכפאָלגער, וועלכע האָבן זיי מיט עמונע און צוטרוי אין מויל געקוקט, האַלטנדיק זיי פאַר גרויסע ווייסערס און אויטאָריטעטן און וועמעס מיינונג אויסצוהערן מע האָט זיך איצט צונויפגעקליבן אין א קימאַט ערפורכטיקער סוויווע אין פיר ווענט, פאַרשטעלטע פון דרויסן, פאַר וועמען אַלע זיי זײַנען אַלציינס דעמלט טרייף געווען, ווי פאַרשווערער, וועמען די מאַכט פון דרויסן האָט פאַרפאָלגט און אײַנגעאָרדנט אויף זיי געיעגן.

עס זײַנען אויסער די אויסגערעכנטע געווען צונויפגעקליבן נאָך און נאָך, וועלכע ווערן דאָ ניט אויסגערעכנט צוליב קיצער, וואָס האָבן זיך אָבער אין יענע אומשטענדן געפונען אויסגעטיילט אַלס אויסדערווײלטע, וועמעס וואָרט עס האָט געהאַט א וואָג און א ווערט פאַר קלענערע אָדער פאַר גרעסערע מאַסן פאַרבלענדעטע.

---

1 — א קענער פון קאַנטס לערע. אימאַנויִל קאַנט (1804—1724) — א דײַטשישער פילאָסאָף, דער גרונטלייגער פונעם קלאַסישן אידעאַליזם.

2 — דאָ געמיינט: אָנהענגער.

דעריקער איז, וואָס אַלע דעמלט פאַרזאַמלטע פּאַרטײער־קאָמיטעטשיקעס פון די פאַרשײדענע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, װעמען מע האָט באַדאַרפט פאַרהיטן פון אַ פרעמד אױג. און װאָס דערום איז דער שאָכן פון מיליעס מוטער, באַ װעמען אין שטוב אָט די פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען, די גאַנצע צײַט, װען די רעדנער האָבן זײער װאָרט געהאַלטן, געװען אומרויִקלעך, און אַלעמאָל האָט ער זיך אָדער מיט אַ בליק, אָדער מיט אַ שטיל־אײַנרוימענדיק װאָרט געװענדט צו דער באַלעבאָסטע פון שטוב, צו מיליעס מוטער, זי זאָל אַזױ גוט זײַן זיך פאָרן טויער אַרויסכאַפּן און אַ קוק טאָן, צי קוקט ניט קײנער נאָך און צי איז אַלץ אין געהעריקער קאָנספּיראַטיװער אָרדענונג. און יאָ, ניט געקוקט דערויף, װאָס אויך איר, מיליעס מוטער, האָט זיך אַװאַדע געװאָלט בײַזײַן באַ דער באַהאַנדלונג פון אַלע יענע פראַגן, װעגן װעלכע מע האָט דעמלט דאָרט באַ איר שאָכנס טיש אַזױ געהױבן און מיט אַזױפיל אומפאַרשטענדלעכע פאַר איר װערטער דיסקוטירט, — ניט געקוקט אַף איר װילן צוזאַמען מיט אַלע איבעריקע דאָ אין שטוב צו בלײַבן, האָט זי זיך אָבער אַלעמאָל, אַפילע אָן דער דערמאָנונג פון איר שאָכן, זיך אַלײן דערמאָנט. װעמען זי האָט דאָ אונטער איר דאַך פאַרזאַמלט, און זי האָט זיך אַלײן אַלע װײַלע קעגן איר אײגענעם װילן אין דרויסן אַרויסגעלאָזט אַ קוק צו טאָן, אַף װאָס מע דאַרף, מיט אַ װאַך באַלעבאָסטע־אױג. נו, און דערװײַל האָט זי, קומענדיק אין דרויסן, זיך איבערצײַגט, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג, אַז קײן כשאַד און קײן סימען דערויף, מע זאָל האָבן, פאַר װאָס זיך צו שרעקן און עפּעס איבערצוטראַכטן.

דערװײַל איז װער עס האָט געהאַט צו רײדן, האָט גערעדט, און װער עס האָט באַדאַרפט הערן, האָט געהערט מיט אַן אָפן מויל, פול מיט היספּײַלעס פון די רײד פון יענע, פון װעמען ער האָט זיך אַלס אַדעפּט געפילט גלויבעריש פאָרבאַרײט ניספּאָעל צו װערן. און צװישן די לעצטע האָט זיך געפונען אויך דער אונדז שוין באַקאַנטער לײבל, אַ באַגליקטער זיך צו קאָנען זען אָן אָנטײלנעמער אין אָט דעם דאָ באַם טיש פאַרזאַמלטן, אַזױ צו זאָגן, פּאַרטײיִשן סאַנהעדרין[ג], צו װעלכן זײַן אָפּשײַ איז געװען אומגעהײער און זײַן ראָמאַנטישע פאַרכידעשטקײַט נאָך גרעסער פון ניט קאָנען פאַרשטײן און באַגרײַפן, װאָס פאַר אַ זכוס איז אים דאָ אויסגעפאַלן, ער זאָל האָבן די מעגלעכקײַט זיך געפינען כאָטש אײן נאַכט אונטער אײן דאַך און אונטער אײן באַלעק מיט אַלע יענע אונטערערדישע, ביז אַהער אים אַזױ פאַרשטעלטע און אומבאַװוּסטע פּאַרטײיִשע אָנפירער.

דאָס זעלבע אויך מיליע, װעמען ס'איז אַדאַנק דעם צוטרוי צו איר מוטער, װי צו דער באַלעבאָסטע און צו דער װאַך־האַלטערן, אַף װעמעס געטרײַען געװיסן מע האָט איבערגעגעבן באַװאַכן אַזאַ פּאַרטײיִשן קאַפּיטאַל, אַזאַ גרויס־כאָשעװ געהאַלטענעם אויצער, װי אַזױפיל פאָרשטײערישע קעפּ צו פאַרהיטן, — אַדאַנק דעם האָט אויך מיליע, די טאָכטער פון דער, אַף װעמען מע האָט זיך אַזױ שטאַרק פאַרלאָזט, פון יענעם זעלבן צוטרוי גענאָסן, און אויך איר, כאָטש נאָך אַזױ יונג, כאָטש נאָך אַזױ װײניק פּאַרטײיִש־געשמידט, איז דערלויבט געװאָרן צװישן יענעם אוילעם צוהערער זיך געפינען — זיך געפינען שטײענדיק און שטאַרק פאַרכאַפּט זײַן, צוערשט אַלײן פון די רײד פון די רעדנער, װאָס איר יונג־מײדלש קעפּל האָט נאָך איבעריק אין זײער טאָך ניט געקאָנט אַרײַנדרינגען, און, צװײטנס, פאַרכאַפּט אויך פון דעם, װאָס זי האָט אַלע װײַלע הינטן־אַרום אַ מוירעדיק־פאַרליבטן בליק געטאָן אַף יענעם, צו װעמען זי האָט זיך שוין פון אַ צײַט אומרויִק געצויגן, און פילנדיק, אַז אויך ער צו איר ציט זיך מיטן זעלבן — מיט אומרו. איצט האָבן זײ זיך אַף אַ גליקלעכן אויפן צוזאַמענגעטראָפן, אַף לענגער קאָנען קוקן אײנס אַפן צװײטן, כאָטש פונװײַטן און כאָטש ניט זײַענדיק אײנס לעבן אַנדערן נאָענט און כאָטש די לאַגע האָט ניט דערלויבט אין זינען האָבן זיך אין אַזאַ מאָמענט, װען מען איז געקומען הערן אַנדערע און נאָך װאָסערע אַנדערע, װעלכע צװינגען צו זײַן פאַרנומען מיט פיל בילכערס פון זיך, און דאָך האָבן באַ לײבלען עפּעס צופיל די אויערן געפּלאַמט, און באַ מיליען — דאָס פּאָנעם, װײַזט אויס פון דער צװײיענדיקער פײַערלעכקײַט, װאָס זײ זײַנען, ערשטנס, באַגליקט פון דאָ בײַזײַן ביכלאַל און, צװײטנס, אויך פון דעם, װאָס זײ האָבן, כאָטש װײַטלעך שטײענדיק, די מעגלעכקײַט אײנס דאָס אַנדערע פון אויג זיך ניט אַרויסצולאָזן.

דערװײַל האָט זיך די דיסקוסיע נאָך װײַטער געצויגן, און אײן רעדנער האָט דעם צװײטן פאַרביטן, װען אײנער האָט פאַרענדיקט און האָט זיך אָװעקגעזעצט נאָך דעם, װי ער איז לאַנג רײדנדיק אַף די פיס אָפּגעשטאַנען, און אַ צװײטער האָט זיך אויפגעשטעלט אַף צו האַלטן זײַן װאָרט. לעסאָף איז מען אויך מידלעך געװאָרן, און דער, װאָס האָט געפירט די פאַרזאַמלונג, האָט פאָרגעלײגט אַ האַפסאָקע, בײס װעלכער מיליעס מוטער האָט, באַם אָרעמלעכן פּאַרטײיִשן בופעט שטײענדיק, אַרויסגעטײלט דעם פאַרזאַמלטן אוילעם פון דעם, װאָס זי האָט נאָך פון פריִער געהאַט פאַרגרײט, — בוטערבראָדן, און אויך טײ דערלאַנגט, װער ס'האָט זי באַגערט צו האָבן.

[ג] געמײנט: די סאַמע אױטאָריטעטע פּערזענלעכקײַטן.

און בעשאַסמיַיסע, עסנדיק, טרינקענדיק, האָט זיך דער אוילעם גערעדלט, ווער מיט וועמען געשמועסט, געשפּאַסט און זיך אונטערגעהאַלטן נאָך די הייסע וויקוכים, וועלכע זײַנען אָקאָרשט ערשט פאָרגעקומען, און ווער עס האָט זיי נאָך אויך בייס דער האַפּסאָקע פאָרגעזעצט, און ווער ניט — האָט וועגן עפּעס אַנדערס געהאַט צו שמועסן. נאָכדעם איז מען וויַיטער צוגעטראָטן צו דעם, וואָס מע האָט נאָך ניט געהאַט פאַרענדיקט, — צו דער דיסקוסיע.

און אַזויווי מיליעס מוטער איז פון לאַנגע האַכאָנעס צו אָט דער פאַרזאַמלונג נאָך פון באַטאָג און אויך פון איצט, בייס דער פאַרזאַמלונג, ווען זי האָט אַלעמאָל געדאַרפט אַרויסגיין פאַרן טויער און שמירע האַלטן, און שפּעטער אויך בייס דער האַפּסאָקע פון ווירטשאַפטן באַם בופעט, פון עסן, טרינקען דערלאַנגען, מידלעך געוואָרן, האָט זי פאָרגעלייגט אַ צווייטן, ווען מע האָט וויַיטער געעפנט די פאַרזאַמלונג, אַז יענער זאָל זי פאַרבײַטן — גיין אַ קוק טאָן פאַרן טויער, וואָס הערט זיך און צי איז אַלץ דאָרט, ווי ס'באַדאַרף זײַן, — שטיל און אויסער סאַקאָנע. אַז אָט דער צווייטער איז אַרויס, האָט ער זיך אין אַ ווײַלע אַרום אומגעקערט מיט אַ שטאַרק בלאַס פּאָנעם און, ווענדנדיק זיך אָן איבערגעשראָקענער צו דער גאַנצער פאַרזאַמלונג, האָט ער אַ וואָרענענדיק וואָרט אַ זאָג געטאָן: כאַוויירים, ער קומט פון דרויסן, דוכט זיך, אַז מע קוקט נאָך...

דעמלט האָט זיך מיליעס מוטערס שאָכן, וואָס אף ווערטער איז ער געווען אײַנגעהאַלטן, ניט זײַענדיק באַשאָנקען מיט קיין רעדנער־טאַלאַנט, אָבער אַ פּראַקטיקער איז ער, ווײַזט אויס, געווען אַ גוטער, אַ געניטער, וואָס אין אַלע שווערע לאַגעס טוט זיך אַזוינער ניט פאַרלירן, — דערהערנדיק דאָס וואָרענענדיקע וואָרט פונעם אַרײַנגעקומענעם, זיך באַלד געכאַפּט, וואָס מע דאַרף טאָן, האָבנדיק אַפּאָנעם אף אַלע פאַלן נאָך פון פריִער זיך געגרייט צו דעם. ער האָט באַלד אַ בליק איבערן גאַנצן פאַרזאַמלטן אוילעם געוואָרפן, איבערלויפנדיק מיט אים פון איינעם צום צווייטן און דערזעענדיק מיליען פון איין זײַט און לייבלען פון אַ צווייטער, האָט ער באַלד באַ־פוילן, מע זאָל זיי מאַכן אָרט באַם אויבן־אָן פון טיש און באַם אַרום טיש זאָלן די מער עלטערע, מער בעקאָוועדיקע בלײַבן זיצן, ווי מע פלעגט דעמלט אָפּט אַזוינס פּראַקטיקירן צוליב פאַרבלענדן די אויגן פון די מאַכט־פאָרשטייער, אויב זיי באַווײַזן זיך אומגעריכט, אַז קלוימערשט איז מען דאָ זיך צונויפגעקומען אף אַ כאַסענע אָדער אף אַ קנאַסמאָל פון אַ יונגער פּאָר, ווי אָט דאָ אין דעם פאַל צו מיליען און לייבלען. מע האָט דאָס באַלד געטאָן, באַזעצנדיק דאָס פּאָרל אויבן־אָן, און ביז וואָס־ווען, ביז מע האָט זיך געריכט, אַז אָט־אָט, מעגלעך טאַקע, וועלן די אומגעוווּנטשענע זיך באַווײַזן, האָט מען געזען אַרומשטעלן דעם טיש, ווי עס געהער צו זײַן און ווי דער אָנשטעל האָט געפאָדערט. דערבײַ האָבן אַ טייל פון די פאַרזאַמלטע זיך געפילט פאַרלוירן, ווי אַלעמאָל עס־עוו דעם, ווען מע דאַרף זיך באַגעגענען מיט אומאָנגענעמס, אוביפראַט נאָך מיט פאָרשטייער פון דער פרעמד־פאַרהאַסטער מאַכט, וואָס אַליין דער רייעך פון די מאַכטהאָבערישע שינעלן רופט אַרויס אָן איבל־געפיל צום ווערן ברעכן; אַנדערע אָבער, די מער אויסגעפרוווטע, אויך מער דרייסטע און אינערלעך רויִקע, האָבן די יעדיִע פונעם אַרײַנגעקומענעם אופגענומען רויִק און, ניט געקוקט אפן ערנסטן מאָמענט פון ריכטן זיך אף אומגעריכטס, האָט זיי געקלעקט מוט און אויסגעהאַלטנקייט ניט נאָר אף זיך ניט צו פאַרלירן, נאָר אפילע אויך אף צו קאָנען פאַרגע־ניגנדיק קוקן אפן אָנשטעלערישן דעקאָרום, וואָס מיליעס מוטערס שאָכן האָט פאַר זיי אויסגע־ריכט, און דעהײַנע, אפן יונגן פּאָרל, אף מיליען מיט לייבלען, וועלכע זײַנען אויבן־אָן באַם טיש, איינס לעבן איינס, באַזעצט געוואָרן. ניט געקוקט אפן ערנסטן מאָמענט, זאָל דאָ נאָכאַמאָל איבער־געכאַזערט ווערן, האָט דאָך דער ערשטער רעדנער, לעמאָשל, יענער יונגער נאָך, וואָס מיטן האַרטן האַרבלעכן געקרײַזלטן לייבן־קאָפּ, דער פעסט־געבויטער פאַרשוין, דער בונד־פּרעסער, קוקנדיק אף אָט דעם פּאָרל, וואָס אויבן־אָן באַם טיש, אף אַ ווײַלע ווי אין דער אַלעמען דראָנג־דיקער סאַקאָנע פאַרגעסן, ווי אויך אין זײַן אייגענער, און אַ פול פאַרגעניגנטער און אַ זאָרגלאָז שמייכלענדיקער אין זיי זיך ווי געגומען שפּיגלען. און ס'איז געווען אין וואָס: כאָטש מיליע, לעמאָשל, איז אויך, ווי אַלע, איבעראַשט און איבערגעשראָקן געבליבן, ווי נאָר די יעדיִע פון דעם פון דרויסן אָנקומענדיקן האָט זיך צו איר דערלאַנגט, איז אָבער אין דער זעלבער צײַט, ווען איר מוטערס שאָכן האָט זי אופגערופן צום מאַסקאַראַדישן באַזעצן זיך אויבן־אָן באַם טיש, האַנט־באַ־האַנט מיט לייבלען, מיט וועלכן ביז אַהער איז איר נאָך קיינמאָל ניט אויסגעקומען אַזוי נאָענט זיך צו געפינען, אוביפראַט אין אַזאַ לאַגע, ווי איצט, פאַר אַלעמען אין די אויגן, און אין דער ראָל, זאָל זײַן אפילע פון אַ לעפּאָנעמדיקער קאַלע, נאָר יענער האָט זי דערצו אופגערופן, און זי האָט אָנגענומען די ראָל, זיך באַזעצנדיק לעבן לייבלען, — אויך איר האָט, ניט קוקנדיק אף דער ערנסטקייַט פונעם מאָמענט, אָט די צופאַל־זאַך געגומען געפעלן אף אַזויפיל, אַז אַ רויטלעכקייַט פון בושע איז איר אין פּאָנעם געקומען, ווי אַמאָל טאַקע באַ אַן עמעסער קאַלע. דאָס זעלבע אויך לייבל, וואָס אויך ביז אַהער, נאָך איידער די יעדיִע פון דעם פון דרויסן אָנקומענדיקן האָט צו אים דערגרייכט, האָבן אים די אויערן אונטערגעפלאַקערט פון אַ געוויסער אינערלעכער צע־

רייצטקײַט, — פון דעם, וואָס עס האָט אים ביכלאל געגליקט אהער, אין אזא אויסדערוויילטער מעסיבע אַרײַנצוטרעפן און אויך אין דער זעלבער צײַט צו קאָנען פון ווײַלע צו ווײַלע הינטן־אַרום כאַפּן א פאַרגעניגטן בליק צו דער, וואָס אויך זי, פון איר זײַט, האָט צו אים אַריבערגעבליקט, — איז איצט, ווען ער האָט זיך מיט איר געטראָפן אזוי נאָענט, זאָל זײַן אפילע בלויז צוליב געצוווּנגענעם מאַסקאַראַד, האָט דאָך אליין אָט די נאָענטקײַט מיט איר אים אוודאי מער היץ אין די אויערן אַנגעטריבן.

אָבער די זאַך האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרניט. דער עצעם איבערשרעק האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן אַן אומזיסטער, ווײַל ווי נאָר דער פון דרויסן אָנגעקומענער איז אַרײַן און האָט איבערגעגעבן, וואָס אים האָט זיך אַף דער וואַך שטייענדיק געדוכט, און דער שאָכן דאָ, אין שטוב, האָט די געהעריקע פאָרזיכט־מיטלען אָנגענומען מיט אָנשטעלערישן באַזעצנס, ווי ס'איז דערציילט, אזוי איז מיליעס מוטער, ניט זיכער זײַענדיק אין דער געבראַכטער ידיִע פון דעם וואַכמאַן און וועלנדיק זיך אליין איבערצײַגן אין דער וואָרהאַפטיקײַט פון דער ידיִע, אין דרויסן אַרויס, און, זאַמענדיק זיך דאָרט, אַף וויפל זי האָט געהאַלטן פאַר נייטיק און צוועקמעסיק, אַרומקוקנדיק זיך אַרום סײַ נאָענט און סײַ ווײַט אין ביידע זײַטן גאַס, אַף וויפל איר ריִע האָט איר געקלעקט, איז זי דערנאָך אין שטוב אַרײַנגעקומען מיט א באַרויִקנדיק וואָרט, אַז אייסעך, ס'איז גאָרניט, און אַז דער דערשרעק איז אַן אומזיסטער. ווירקלעך, יענעם האָט זיך אפּאָנעם טאַקע נאָר אויסגעדאַכט, אָנעמענדיק א שאָטן פון א בוים פאַר א מענטשן אָדער סטאַם א שטייענדיקן אָדער פאַרבײַגייענדיקן היגן פאַר אזא, וואָס קאָן באַ א דערשראָקענעם אַף א פאַראַנטוואָרטלעכן פּאָסטן די אויגן גרויס מאַכן פון פּאַכעד.

מע האָט א ביסל אויסגעוואַרט, געפינענדיק זיך נאָך א לענגער שטיקל צײַט אונטער דעם צערודערנדיקן אײַנדרוק פון דער פריִער געבראַכטער ידיִע, ביז מע האָט זיך לעסאָף באַרויִקט און מען איז ווידער צוגעטראָטן צו דעם, וואָס מע האָט איבערגעריסן, — צום פאָרזעצן די דיסקוסיע. ס'איז אַלץ צוריק אַרײַנגעקומען אין די פריִערדיקע ראַמען, דה. ווער עס האָט ווײַטער באַדאַרפט זײַן וואָרט האַלטן, האָט געהאַלטן, און ווער הערן, האָט געהערט מיט דער פריִערדיקער אופמערקזאַמקײַט, ווי יעדער רעדנער האָט דאָס לויט זײַנע טאַלאַנטן און פייִקײַטן צו באַהערשן אַן אַאודיטאָריע פאַרדינט. מיטן איינציקן נאָר אויסנאַם, וואָס דאָס אימפּראָוויזירטע פּאָרל, די אַף קאַטאָוועס צונויפגעפּאָרטע מיליע מיט לייבלען, האָבן זיך איצט, נאָך דעם, ווי אַלץ האָט זיך צום פריִערדיקן אומגעקערט, זיך ניט געטראָפן, ווי פריִער, איינס פון אַנדערן ווײַט אָפּגעזונדערט צו שטיין, נאָר פאַרקערט, גאָר נאָענט, האָבנדיק צוזאַמען אַראָפּגעקומען פונעם אויבן־אָן, וווּ מע האָט זיי צוערשט באַזעצט, און בלײַבנדיק אויך שוין די גאַנצע צײַט שפּעטער צוזאַמען, האַנט־באַ־האַנט, און איינס דאָס צווייטע באַ דער ליבער זײַט זיך פילנדיק אַף אזוי נאָענט, אַז שפּעטער א שטיקל צײַט איז ווער נאָר עס וואָלט א פאַרינטערעסירטן בליק געטאָן אַף אָט דעם פּאָרל, אזוי וואָלט ער געקאָנט באַמערקן, אַז ערגעץ הינטן־אַרום און פון אַלעמענס אויגן פאַרשטעלט האָבן זיי זיך, דוכט זיך, אויך מיט די הענט באַגעגנט — זײַן האַנט אין אירער, אָדער אירער אין זײַנער, וואָס דאָס וואָלט ווײַטער פאַר א פאַרינטערעסירט אויג געקאָנט באַמערקט ווערן פון דעם האַלב־אָפּנעם, האַלב פאַרבלענדנדיקן פאַרגעניגן, וואָס האָט זיך אַף ביידנס פּנעמער בעסאָד געפונען אויסגעדריקט.

נו, און ווײַטער איז פאָרגעקומען, ווי ווײַטער פאָלגט: די דיסקוסיע אין יענער נאַכט האָט זיך געענדיקט בעשאָלעם, אָן שום שטער; און אזוי ווי פאָריקן אָפּדערנאַכט איז מען אהער פאָרזיכטיק זיך צונויפגעקומען, איינציקווײַז, אזוי אויך אַף מאָרגן אינדערפרי, ווען מע האָט שוין געמעגט אין שטאָט זיך ווײַזן, איז מען זיך ווידער איינציקווײַז און לויט אַלע אָנגענומענע קאָנספּיראַטיווע קלאָלים זיך צעגאַנגען. ווער עס האָט אין יענער באַנאַכטיקער דיסקוסיע געהאַט זײַן וואָרט צו זאָגן, האָט געזאָגט, און ווער עס האָט געהאַט אופמערקזאַם אָדער ערפּורכטיק אויסצוהערן דאָס געזאָגטע, האָט געהערט, און צווישן אַלע איבעריקע אויך אָט דער נעאָפיט, דער יונג־צוגעצויגענער צו דער באַוועגונג לייבל, וואָס האָט זיך שוין אָבער אַף אזוי ווײַט אויסגעטיילט און זיך אַרויסגעוויזן צום מער בעסערן פון אַנדערע, אַז אַף דער זעלבער דיסקוסיע האָט מען אים, איינעם פון די לעצטע, אפילע אויך א וואָרט געגעבן, בייס וועלכן אפילע די עלטערע און די גאָר־גאָר פּאַרטייִשע כשוּווים האָבן אַן אויער צו זײַנע רייד צוגעלייגט אים אויסצוהערן, זאָל זײַן נאָך אפילע מיט א וואַטראָנישן שמייכל, ווי עלטערע הערן זיך צו צו די רייד פון אַן אומרײַפן יוגנטלעכן, אָבער אין דער זעלבער צײַט אויך מיט גרויס באַגייסטערונג, ווי ווען מע הערט אזא, וואָס מע קאָן אַף אים האָפענונג לייגן, ניט געקוקט אַף זײַן צײַטווײַליקער נאָך אומרײַפקײַט.

און אוודאי און אוודאי האָט ער דערמלט אויסגענומען באַ מיליען, באַ דער, וואָס פריִער, בייס דער דראָענדיקער געלעגנהײַט, זײַנען זיי, ער מיט איר, לעפּאָנעם און לעשעם אָנשטעל א קליינע ווײַלע נאָענט איינס לעבן איינס, ווי פאַרקנאַסטע, געזעסן און דערנאָך האָבן זיי שוין לענגער

הינטן־אַרום און פון אַלעמענס אויגן פאַרשטעלט מיט די הענט אַ שטיל־פאַרגעניגטן בעשוטפעס געשלאָסן און וואָס דעמלט אויך, שטייענדיק איינס לעבן אַנדערן שוין אַזוי נאָענט, געדענקען זיי ניט, ווער פריִער האָט ווען צוערשט דעמלט אַ זאָג געטאָן, אַז פון הײַנט אָן מעגן זיי זיך פאַרגינען צו זען וואָס אָפטער, נאָכדעם ווי זייער ערשטע ליבע־מעסע איז געפּראַוועט געוואָרן צווישן זיי אַף אַזאַ ציכטיקן און איינס דעם אַנדערן אַזוי געפעלנדיקן אופן. און יאָ, דאָס פּאָרל האָט וואָרט געהאַלטן, דאָס פּאָרל האָט זיך געזען.

אין דרויסן איז, ווי געזאָגט, געווען פרילינג און אין לאַנד — אַן אַלץ פאַרפלייצנדיקער און אַן אַלץ שטײַגנדיקער ערעוו־רעוואָליוציע.

צו יענער צײַט האָט זיך מיליעס מוטערס שאָכן אין אָרדנטלעכן, אַזוי צו זאָגן פּאַרטייִשן וואָיאַזש געלאָזט. אויב קיין רעדנער, קיין רעפערענט איז ער ניט געווען קיין געהויבענער, ווי עס זעט אויס, דערפאַר אָבער אַ פּראַקטיקער אַ געשמידטער, אַ געשולטער און גרויס דערפאַרענער, יאָ, אַזאַ, וואָס אַף די פאַראַנטוואָרטלעכסטע שליכעסן האָט ער זיך זיכער און אָפן בעסטן אופן געלאָזט אויסנוצן. ווי אָט, לעמאָשל, אַף צו פאַרבינדן דעם ראַיאָנעם צענטער, ווו ער האָט געווינט און ער האָט זײַן אונטערערדישע אַרבעט געהאַט דורכצופירן, מיט דער פּראָווינץ, און דאָס זעלבע אויך צוריק, דעם ראַיאָנעם צענטער — מיט דעם גובערניִאַלן און העכער, ביז אַפילע צום צעקאַ פון זײַן פּאַרטיי; זײַנע אופגאַבן זײַנען באַשטאַנען אין אָרגאַניזירן די פּראָווינציִעלע ווײַט ליגנדיקע און פאַרוקטע יִשוּווים, זיי פאַרזאָרגן מיט ליטעראַטור אַאַוו. און פאַרקערט, ווידער, האָט ער געהאַט צוצושטעלן די אומלעגאַלע ליטעראַטור, וועלכע מע האָט אַרויסגעגעבן אין אויסלאַנד און וואָס ער האָט זי באַדאַרפט באַקומען פון די זיכערסטע הענט, פון יענע מענטשן, וועלכע האָבן זי געהיים אַריבערגעשמוגלט פון יענער זײַט גרענעץ, קעדיי זי צו צעפירן און צעטיילן ווו און ווען מע באַדאַרף. מיט איין וואָרט, אַ מין פּאַרטייִשער עמיסאַר, וואָס צו יענער צײַט האָט מען אים אַמאָל געקאָנט זען אין עלעגאַנט־געקליידטן מיט גאָר געהויבענע טשעמאָדאַנעס אין אַ קוריער־צוג, אין אַ וואַגאָן ערשטן אָדער צווייטן קלאַס, מײַסע סויכער פון דער ערשטער גילדיע אָדער ווי אַ לאַנד־וואָיאַזשאָר פון גאָר גרויסן שניט זיך לאָזן צו אַ ווילע, וואָס אַף דער עסטרײַכישער גרענעץ, אָדער צו אַן איידקונען, וואָס אַף דער דײַטשישער, ווו ער האָט זײַנע אונטערערדישע געשעפטן מיט זײַנע זיכערע דאָרט פּאַרטרויטע לײַט געהאַט צו דערליידיקן, פאָרנדיק אַהין מיט ליידיקע טשעמאָדאַנעס און צוריקומענדיק מיט פולע, מיט גרויס אײַנשטעלעניש, אָבער אויך מיט גרויס קענטעניש, וואָס ער האָט אַרויסבאַוויזן, בייס ער האָט זיך געדאַרפט אַרויסדרייען פון אַ נאָכשפּירנ־דיק אויג פון אַ זשאַנדאַרם אָדער פון אַ שפּיק, וויסנדיק אין אַלע קאָמפּליצירטע לאַגעס, וויִאַזוי זיי איבערכיטרעווען און זיי פאַרבײַגיין אומבאַמערקט. אַן אַנדערשמאָל האָט מען אים דעמלט געקאָנט זען אַף אַ פּאָשעט פויעריש פורל אָדער מיט פּאָטשט זיך טראָגן אַף אַ ניט אויסגעפאָרענעם טראַקט, אָדער אַף אַן אויסגעפאָרענעם שאָסיי אין יענעם אַ פרילינגדיקן, מיט טוי בלישטשענדיקן פרי־מאָרגן, צילנדיק ערגעץ אין אַן אָפּגעלעגענעם ווינקל־יִשוּוו, ווו ער וועט האָבן צו פאַרפאָרן צו איינעם אַן אייגענעם, לויט אַ זיכערן אַדרעס, באַ וועמען ער וועט זיך פאַרהאַלטן וויפל ער דאַרף, קעדיי אָפּצוטאָן, וואָס עס פאָדערט זיך פון אים אין זין פון אָרגאַניזירן וועמען עס לאָזט זיך אין יענעם יִשוּוו און דערבײַ אויך, נאַטירלעך, אָפּצושטעקן, וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אינעם פּאָשעטן פויערישן פורל אָדער אין דעם פּאָטשט־וואָגן פאַרשטעלט און פאַר אַ זײַטיק אויג אויסבאַהאַלטן.

ער האָט געהאַט, אויסער דעם, אויך אַנדערע שליכעסן, ווי אַמאָל אַליין זיך אַריבערפעקלען דורך דער גרענעץ, אָנטיילצונעמען אין אַ צוזאַמענפאָר, אין אַ קאָנפערענץ, וועלכע זײַנען דאָרט צונויפגערופן געוואָרן, אָדער אַן אַנדערשמאָל אַריבערפעקלען אַן אַנדערן, אַ שטאַרק פאַרקאָנספּי־רירטן, אַ געהויבענעם קאָמיטעטשיק, האָבנדיק די אופגאַבע אים גוט־גוט צו פאַרגרימירן, ער זאָל קאָנען אַדורך אָן שום טירכע, אָן סאַקאָנע. ער האָט דעמלט געטאָן אַזוי, ווי פיל אַזוינע, ווי ער, וועלכע זײַנען דעמלט דערמיט געווען באַשעפטיקט, צו אָנהאַלטן באַציִונגען מיט אַזוינע מענטשן און מעקוימעס, מיט וועלכע זיי זײַנען שוין פון לאַנג געווען אײַנגעשטעלט, און מיט וועלכע נאָך ניט — זיי אָפּסנײַ און צוערשט אָנקניפּן און פאַרבינדן.

אויך זײַן פרוי, מיליעס מוטערס שכיינע, וואָלט מיט אים אָט די רײַזעס זיכער געווען דורכ־געמאַכט צוליב שמירע און צוליב פאַרבלענדן די אויגן פון וועמען מע דאַרף, ווײַל ווען אינצווייען, אַז מע ווייסט זיך ווי צו האַלטן אַלס מאַן און פרוי, איז מען אַוואַדע פיל מער באַוואָרנט. זי וואָלט זיכער אויך איצט דאָס אינצווייען מיט אים דורכגעמאַכט, אָבער ווי אַ פרוי האָט מיט איר געטראָפן ווי מיט אַ פרוי: זי איז געווען שוואַנגער און שוין אין די הויכע כאָדאָשים און איז דערום געווען געצוווּנגען אָפּשטיין פון דער אַרבעט, אין דער היים בלײַבן. און אַמאָל אַ טאָג, און אַמאָל אויך גאַנצע וואָכן זיך וועגן אים אונטערזאָרגן און איבערטראַכטן: טאָמער, כאָלילע, האָט מיט אים ווער ווייסט וואָס אָפן וועג זיך געטראָפן, אַ ניט־פאָרויסגעזעענער מיכשל.

דעמלט האָט גענומען די אופֿזיכט איבער דער שוואַנגערער פֿאַר אַלעמען מיליעס מוטער, ווי
אַ באַלעבאָסטע, מיט וועמען זי געפֿינט זיך אונטער איין דאַך און וואָס אַף איר, ווי אַף אַ געטרײַער
אָנטיילנעמערן אין דער זאַך, פֿאַר וועלכער די שכײנע מיט איר מאַן האָבן געאַרבעט, האָט מען
זיך זיכער אין אַלע פּראָטים געקאָנט פֿאַרלאָזן, און באַזונדערס אין אַזאַ פּראַט, ווי אופּאַסן אַף דער
איצט שוואַנגערער, אַף זי ניט צו לאָזן אַליין, און ווען אַמאָל אירע אופֿקומענדיקע זאָרגפֿולע גע־
דאַנקען וועגן איר מאַן צו צעשטרייען. ס'האָבן געהאָלפֿן אופּאַסן אַף איר אויך כאַווערטעס, כאַווײַ־
רים, וועלכע פֿלעגן זי אָפֿט באַזוכן, ווער באַטאָג, ווער אין אָוונט, און ווער עס פֿלעגט, קעדײַ זי
ניט לאָזן אַליין, אַפֿילע איבערנעכטיקן בײַ איר.

דעמלט האָט מען די שכײנע, שוין געהעריק געקליידט לויט איר שוואַנגערישער לאַגע, גע־
קאָנט אָפֿט טרעפֿן באַטאָג זיצן אין סאָד פֿון מיליעס מוטער, וווּהין די פֿענצטער פֿון איר וווינונג
זײַנען אַרויסגעגאַנגען און ווּ אַלע זיך דאָרט געפֿינענדיקע ביימער האָבן שוין גענומען גרין־
קלעפּיקע קנאָספּן פֿון זיך אַרויסגעבן, סײַ גרויס, סײַ קליין, סײַ מיטל. מע האָט זי געטראָפֿן זיצן
אַף דער באַנק אונטער מיליעס מוטערס באַליבטן אַלטן עפּלבוים, וואָס אַט באַלד, האָט מען געזען,
וועט ער זיך שוין אין ווײַסן צוויט, ווי אַ קאַלע, באַצירן, — זיצן מיט אַ האַנט־אַרבעט באַם נייען,
העפֿטן, שטריקן, וועלכע טוען באַרויִקן, האָבנדיק בײַ דער זײַט די באַלעבאָסטע, מיליעס מוטער,
וועלכע האָט, ווי אַן עלטערע, אַ מער דערפֿאַרענע פֿרוי, געוווּסט, מיט וואָס די איר נייטיקע מענוכע
נאָך מער פֿאַרגרעסערן.

דעמלט האָט מען אויך געקאָנט זען אַרײַנפֿליִען אַמאָל אין סאָד די פֿלינקפֿיסיקע מיליע,
וועלכע האָט געהאַט איבערצוגעבן דער שכײנע שטאָט־נײַעס פֿון אַ צווייטער האַנט, דאָס, וואָס
אין אָוונט וועט יענע באַקומען פֿון די ערשטע הענט, — פֿון די טיכטיק־אָנטיילנעמערישע כאַווײַרים
און כאַווערטעס, וועלכע וועלן, אַף די בירזשעס גייענדיק אָדער צוריק פֿון דאָרט קומענדיק, זי
באַזוכן און וועגן זיי איר באַריכטן. מיליע פֿלעגט אַרײַן און אַרויס פֿון סאָד, ווי אַ שוואַלב, זיך
לאַנג ניט זאַמען און אַן אומגעדולדיקע, אַרײַן־ און אַרויס־שוועבנדיק, בלויז זיך ווען נאָר פֿאַר־
קוקן אַף אַ ווײַלע אַף דער שכײנע, ווי אַף אַן עלטערער שוועסטער, וואָס צווישן דעם אַלעם באַלד־
אופֿבליִענדיקן אין סאָד זעט יענע אויס אין אירע לויזע קליידער, ווי אַזאַ, וואָס דאַרף זיך אָקאָרשט־אָ
מיט מוטער־ליבע צעבליִען. זי האָט געכאַפּט אַ פֿאַרבײַ־אײַליקן בליק אַף דער שכײנע אי ווי
אַ רעטעניש, אי ווי אַף אַ פֿאַרשטענדלעכקײַט: מיט פֿרוייִשן אַלצוויסנדיקן אינסטינקט, איבער־
טראָגנדיק זיך גלײַך געדאַנקלעך, זי ווייסט ניט פֿאַרוואָס, צו דעם, וועמען זי האָט אַן אומגעדול־
דיקע אין די באַטאָגן געגאַרט צו זען און אין די אָפּדערנאַכטן אַהער, צווישן אַלע אַנדערע דער
שכײנעס כאַווײַרים, כאַווערטעס און באַקאַנטע, זיך אַרײַנשטעלן.

ווײַל יאָ, ווײַל די לעצטע צײַט, ווען אין לאַנד האָט זיך וואָס אַמאָל אַלץ ברויזנדיקער גע־
קאָכט און ווען די געזעלשאַפֿטלעכע כוואַליע האָט שוין גענומען ביז אַרויף די ראַנדן־ברעגעס צו
דערלאַנגען, דערלאַנגענדיק אויך אַהער, אין דעם אָרט, ווּ מיליע האָט געוווינט, געלעבט און
יוגנטלעך געליבט, — אין אָט דער צײַט האָט שוין די פֿאַרהאַסטע מאַכט, קעגן וועלכער קימאַט
דאָס גאַנצע פֿאָלק האָט גענומען אַרויסטרעטן, אירע ביז אַהער פֿעסט־געהאַלטענע קנופּן שוין
עטוואָס לויז געלאָזט, איר שמירע אָפּגעשוואַכט און איר אויג איז פֿון מידקײַט אָדער פֿון אָפּגע־
לאָזנקײַט, אָדער פֿון האָפֿענונגסלאָזיקײַט שוין אַף אַזוי ווײַט פֿאַרטונקלט געוועזן, ביז ניט צו
קאָנען זען, וואָס אונטער איר נאָז טוט זיך. אַלע יענע, ביז אַהער שטאַרק געהיים געהאַלטענע
וווינונגען, אין וועלכע מע האָט געשאַרפֿט געווער קעגן איר און וואָס פֿריִער האָט זי זיי באַזונ־
דערס־באַזונדערס נאָכגעשפּירט, האָבן זיך איצט דערלויבט ברייטער די טירן עפֿענען, אַפֿילע
פֿאַר אַזעלכע, פֿאַר וועמען מע האָט זיי ביז אַהער געהאַלטן שטאַרק צו און ווי אַף זיבן ריגלען פֿאַ־
ריגלט, שוין פֿון פֿיל ווייניקער מוירע האָבן פֿאַר דער מאַכט. אַזוי איז דער אונדז באַקאַנטער און
פֿון מיליען געגאַרטער לייבל האָט שוין לעצטנס אין דער שטוב פֿון מיליעס מוטערס שאָכן מער
פֿרײַען אַרײַנגאַנג געקריגן, ווי פֿריִער, — ער, ווי אויך אַנדערע, פֿאַר וועמען זי איז שוין גע־
שטאַנען קימאַט האַלב אָפֿן. באַזונדערס, ווען דער שאָכן האָט גענומען אָפֿט אומפֿאָרן און לאַנג
אַף די רײַזעס זיך פֿאַרזאַמען, ווען מען איז אין שטוב גערן געווען אַ באַזוך מאַכמעס די שכײנע
האָט דאָך געוואָלט וויסן, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן און אין דער באַוועגונג, פֿון וועלכע זי איז
איצט, איבער איר לאַגע, עטוואָס אָפּגעשטאַנען, ניט קאָנענדיק נעמען קיין אומיטלבאַרן אָנטייל
אין איר. דעמלט פֿלעגן כאַווײַרים, כאַווערטעס אין אָוונט, אַף דער בירזשע גייענדיק, אָדער
מערסטנטיילס שפּעט שוין צוריק גייענדיק פֿון דאָרט, מיט פֿולע פֿאָלעס מיטגעבראַכטע נײַעס זיך
אַרײַנשטעלן, דערציילנדיק פֿון אַלץ, וואָס איז הײַנט דאָ און דאָרט פֿאָרגעקומען, און פֿאַרזיצנדיק
זיך דאָרט אַמאָל אַזוי שפּעט אין דער נאַכט ביז ניט צו קאָנען אָדער ניט צו וועלן אַהיים גיין. און
דעמלט פֿלעגט מען אין אַ צווייט צימער מאַכמעס מאַנגל אין געלעגערס עפּעס פֿון בעטגעוואַנט
אָפּן דיל אויסשפּרייטן, ווּ כעוורע יוגנט, אויך עלטערע, פֿלעגן דאָרט איבערשלאָפֿן די נאַכט

נאָך אַן איבערגעכאַפּטער סודע, וועלכע פלעגט זיי פון די גאַסטפרײַנטלעכע באַלעבאַטים אָפּן מילדסטן, ברייטסטן כאַווערישן אויפן דערלאַנגט ווערן. אויבעסויכאָם, צווישן אַלע יענע אַהין זיך אַרײַנשטעלנדיקע כאַווײרים־געסט, פלעגט זיך געפינען ווען אויך דער אונדז באַקאַנטער מיליעס באַגערטער לייבל, וואָס אָט די געלעגנהײַט האָט, פאַרשטענדלעך, מיליען זייער גוט געדינט.

ס'איז געווען פרילינג, די ניט הויך געוואַקסענע בעז־ביימלעך בײַ די פּאַרקנס האָבן שוין געבליט מיט ווײַסן און בלויען צוויט, און באַלד האָבן שוין באַדאַרפט אויפבליִען אויך די פּרוכט־ביימער, ווי עפּל, באַרן, פלוימען, ווײַנשל אאַ. די פענצטער זײַנען שוין גאַנצע טעג, ווי אויך אין די אָוונטן סײַ בײַ מיליעס מוטער, סײַ בײַ איר שאָכן אין סאָד אַרויס געווען געעפנט. און ווען כאַווײרים, אָנגעהעריקע צו דער זעלבער אָרגאַניזאַציע, וואָס מיליעס מוטערס שאָכן, ווען זיי פלעגן דעמלט אין זײַן שטוב זיך אַרײַנשטעלן, קעדיי זײַן אַליין געבליבענע שוואַנגערע פרוי געוואָר ווערן, אַלעמאָל אויפגעלייגטע פון דעם, וואָס אין לאַנד און אין שטאָט קומט פאָר, האָבן־דיק זיך מיט אַלץ מער דערפרייענדיקע יעדיִעס צו טיילן, איז, טרעפנדיק די פענצטער פון דער שטוב אין סאָד אַרויס געעפנט, פלעגט זייער פאַרטייִשע אויפגעלעבטקײַט זיך מענטשלעך צאַפּלען אויך פון דעם פרילינג־בילד, וואָס דער סאָד האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט, און פון די דערפרישנ־דיקע רייכעס, וואָס ער האָט פון צווישן זײַן ביימער־געדיכטעניש זיי קימאַט אונטערגעטראָגן.

יאָ, און ווער עס וואָלט דעמלט אויך צײַט געהאַט אַ קוק צו טאָן אויף מיליען, וועלכע איז בײַ איר מוטערס שאָכן אין שטוב דעמלט אַן אָפּטער, זייער אַן אָפּטער גאַסט געווען, סײַ ווען די שכיינע האָט פאַרבראַכט אַליין, סײַ אויך ווען זי האָט געהאַט כאַווײרים־באַזוך, דער וואָלט באַ־מערקט, ווי פאַר דער קורצער צײַט פון ערעוו־פרילינג ביז פרילינג, פון יענער פאַרזאַמלונג, וואָס איז באַם שאָכן אין שטוב פאָרגעקומען, ווען זי האָט נאָכן שפּאַסיקן פּאַרקנאַסט זײַן צו לייבלען אַ ווײַלע שפּעטער מיט אים דאָס געהיימע האַנט־שוטפעס געשלאָסן, — פון דעמלט ביז הײַנט, וואָס האָט גאָר ניט איבעריק לאַנג געדויערט, האָט אויך זי, ווי איר מוטערס סאָד, אויפגע־בליט, אַרופכאַפּנדיק זיך אויף די פיס, ווי אויף גאַנצע מילימעטערס העכער אין איר וווקס, באַקומענ־דיק אין זיי אויך פיל מער פלינקײַט, ווי פריִער, אומטראָגנדיק זיך אין איר גימנאַזיסטישער פאָרם, אין שוואַרצן קלייד און אינעם ברוינעם פאַרטעך, ווי אַ לײַכטפיסיקער ווינט פון אַן אָנהייב־פרילינגדיקן, ערעוו־זומערדיקן ערעוו שטורעם...

אין גימנאַזיע האָט מען די ענדערונג, וואָס איז אויף איר געקומען, באַמערקט, — באַמערקט, ווי די פאַרב אין פּאָנעם האָט זיך בײַ איר געביטן, ווי דער בליק איז פיל מער אויפגעלעבט געוואָרן. און כאַווערטעס גימנאַזיסטקעס האָבן צווישן זיך איינע דער אַנדערער אַ סאָד געהאַט אײַנצורוימען, אַז מיט מיליען געשעט, זעט אויס, עפּעס און אַפּאָנעם זי איז פרילינגדיק פאַרכאַפּט פון עמעצן. וואָס דאָס איז דאָך טאַקע געווען אַן עמעס און וואָס איבער דעם האָט זי שפּעטער אַ שטיקל צײַט, צום סאָף לערניאָר, שיר זיך ניט דורכגעוואַלגערט אויף די עקזאַמענעס, ווען ניט יענץ יאָר זאָל געווען זײַן אַזאַ, ווען די דיסציפּלין אין די שולן איז שוין שטאַרק געווען אונטער־געבראָכן און די מוירע פון די שילער פאַר די לערער איז איבערגעגאַנגען אין אירן אַ הייפּעך, דה. ווען די לערער האָבן, פאַרקערט, אָנגעהויבן מוירע האָבן פאַר די שילער, אַזוי אַז מע האָט מיליען דעמלט ווי־ניט־איז דורכגעלאָזט, אויסשטעלנדיק אַריבערפירנדיקע באַלן, און זיך ניט באַצויגן אַזוי שטרענג אויף דער לערערישער באַראַטונג, און ניט מאַקפּיד זײַענדיק אויף דעם, אויף וואָס מען איז אַלעמאָל אויף די עקזאַמענעס מאַקפּיד.

און דאָס אַלץ איבער איר לייבלען, וואָס יעדעס מאָל, ווען זי האָט אים איצט דערזען, האָט זי זיך געפילט מער מוטיק אויף מיט אים פרײַער צו פאַרברענגען, ווי פריִער, אי אין דער אָנוועזנ־הײַט פון אַנדערע, אי אויך באַזונדערס, ווען איר און אים האָט געגליקט אָפּדערנאַכט אַמאָל פון אַלע אַנדערע זיך אָפּצוטיילן, ווען, געפינענדיק זיך צוערשט אין שאָכנס וווינונג, זײַנען זיי אומ־באַמערקט דערנאָך דורכן אָפענעם נידעריקלעכן פענצטער אין סאָד אַרויס, ווו דאָרט האָט ער מיט איר און זי מיט אים אַ נעענטערע און מער אינטימע באַקאַנטשאַפט פאַרפירט. אַזוי איין מאָל, אַזוי צוויי מאָל דורך דעם פענצטער אַריבערגעשפּאַנט, ביז דער סאָד פון מיליעס מוטער האָט זיך גאָר צעבליט און דער ליבסטער כוידעש מײַ איז אין זײַנע פּרעכטיקע רעכט אַרײַנ־געקומען, האָבנדיק אויסגעפּוצט אין די קליידער פון זײַן שמעקנדיקן בליט־גאַרדעראָב די ווײַנשל־ביימער, אויך די עפּל־ און באַרנביימער, און, אויספּוצנדיק אַלע אין סאָד זיך געפינענדיקע ביי־מער, האָט ער אויך ניט פאַרגעסן מיליעס מוטערס אַלט־באַליבטן עפּלבוים, וואָס האָט געהאַט אין אַלע פיר זײַטן אַ באַנק צום זיצן, אונטער וועלכן מע האָט איצט אָפּט געקאָנט זען די שוואַנ־גערע שכיינע מיט אַ האַנט־אַרבעט באַטאָג פון אָפּפאַלנדיקע בליטן אַ באַשאָטענע, און דאָס גלײַכן אין אָוונט, ווען אַנדערע האָבן אונטער יענעם אַלטן פּרוכטטראָגנדיקן בוים באַגערט צו פאַר־ברענגען.

אָט דעמלט, זאָל דאָ איבערגעכאַזערט ווערן, ווען אין לאַנד האָט די געזעלשאַפטלעכע כוואַליע

גוואלדיק הויך געשטיגן און ווען אין אלע שטעט, סײַ גרעסערע, סײַ קלענערע, האָט זיך שוין גאָר שטארק געטומלט אף די ארבעטס־בירזשעס, וועלכע זײַנען ווי דורך געהיימע קוואלן, פון טיפער אונטערערד דערנערט, אויסגעוואקסן אף דער פרײַער גאס, מיט זייערע אָנגעפילטע פרוכט; אָט דעמלט, ווען איבערן גאנצן לאנד האָבן, ווי געזאָגט, גענומען אומפאָרן, פון אָרט צו אָרט, פון די גרעסערע צענטערן אין די קלענערע, די אזוי צו זאָגן פארטייִשע עמיסארן מיט געהיימע געפעקן, אין וועלכע זיי האָבן געפירט אי פארבאָטענע ליטעראטור, אי אפילע געווער, וואָס איז נאָך מער געווען פארבאָטן, גרייטנדיק זיך ווי אין אן ערעוו־יאָמטעוו אפן באלד פארשטייענדיקן רעוואָליוציע־יאָמטעוו, וואָס דארף ארײַנטרעטן אין זײַנע געשיכטלעכע רעכט; אָט דעמלט האָט זיך, ווי טאָמיד, אין פרילינג ארײַנגעשטעלט מיט זײַנע נאטור־רעכט אויך דער זינגער פון די סעדער, דער סאָלאָוויי, וואָס וויל פון גאָרנישט ניט וויסן, צי יאָ רעוואָליוציע, צי ניט רעוואָליוציע, אבי פרילינג, אבי א סאָד, אבי א בליִענדיקער בוים און א לעוואָנע, אונטער וועמעס הויכע פענצטער ער קאָן זײַנע הויך־שאלנדיקע סערענאדעס אויסזינגען. און וואָס, אויב דאָס אלץ איז דאָ, אזוי צעקנאקט ער זיך אף זײַנע זיס־פארשיקערנדיקע קוילעס, ביז ער ווערט אליין קימאט פארשיקערט פון זײַן ווײַס־פערלדיקן לעוואָנע־שײַנענדיקן געזאנג און ביז ער מאכט אויך די, וואָס הערן אים, די זעלבע ליבע־איבערגעפולטקײַט צו דערפילן, וואָס ער אליין, דער זינגער, צו זײַן געליבטער פילט.

און אָט אין איינער אזא נאכט האָט מיליע איר לייבלען צו איר מאמען אין סאָד ארײַנגעקריגן נאָך דעם, ווי ער איז בא דער שכיינע זיך שפעט פארזעסן, ניט אליין, נאָר צוזאמען מיט נאָך כאווירים, וועלכע זײַנען געקומען נאָך זייער טאָג־ און אָוונט־ארבעט איר דעם באריכט אָפגעבן, און ווען אלע איבעריקע אָבער האָבן נאָכן פארברענגען, וויפל ס'האָט זיך געלאָזט, און נאָכדעם, ווי זיי האָבן געזען, אז אהיים זיך לאָזן איז שפעט און זײַנען דערום וויליק אָדער געצוווּנגען געווען צו בלײַבן, באקומען אן אויסגעשפרייטן, אלגעמיינעם געלעגער אפן דיל, ווי אלעמאָל פלעגט זיך לעצטנס דאָרט פירן אין שאָכנס וווינונג, — איז יאָ, ווען אלע האָבן זיך שוין שלאָפן געלייגט, האָט לייבל, אן אומבאמערקטער פון אלע, ווי ס'ווײַזט אויס, נאָך פון פריִער אָפגערעדט, מיט מיליען אין סאָד דעמלט אריבערגעשפאנט און א ניט באמערקטער אָדער עפשער יאָ באמערקטער מיט איר שוין דאָרט פארבליבן. זיי האָבן זיך געטראָפן אונטערן אלטן מיט צוויט באשאָטענעם עפלבוים איינע אליין אף דער באנק זיצנדיק אָדער אונטער אים שטייענדיק, נאָכדעם ווי מיליע האָט הײַנט די מוטער אליין שלאָפן גיין געלאָזט, ניט ווי איר אלעמאָליקער שטייגער, זי ניט צו לאָזן אליין. אויך די מוטער האָט דאָס מאָל מיליעס אָפוועזנהײַט ניט באמערקט, אָדער אלפי צופאל אָדער, יאָ באמערקנדיק, האָט זי דערויף קיין איבעריקע אכט ניט געלייגט, נעמענדיק אין אכט, אז ס'איז פרילינג, א לעוואָנע־נאכט און בא דער שכיינע איז מען זיך הוילע היימישע מענטשן פארזעסן, איז פארוואָס זאָל אויך ניט זי, מיליע, אויב ס'איז איר ליב. א קינד, און ס'קומט איר, האָט זי געטראכט, דערמאָנענדיק זיך זיכער אויך אין איר יוגנט און אין אזוינע לאָקערנדיקע און אין דרויסן ארויסרופנדיקע אפדערנאכטן.

און אָט האָבן זיי זיך געטראָפן, דאָס פאָרל, שוין פון לאנג, מעגלעך, אף אָט דעם שאָס־האקוישער ארויסקוקנדיק. צוערשט שטייענדיק אונטער יענעם אלטן עפלבוים, פול אָנגעטאָן אין צוויט, וואָס אייניקע, בלויז אייניקע בלעטלעך האָט ער געלאָזט פון זיך שטיל־שטיל פאלן און אף די, וואָס געפינען זיך אונטער אים, זיך אומבאמערקט אוועקלייגן, און דערנאָך האָבן זיי זיך געטראָפן אונטער אים זיצן, האָבנדיק זיך נאטירלעך פיל איינס דעם אנדערן צו דערציילן פון דעם, פון וואָס זיי זײַנען איבערפולט געווען: ער פון זיך, זי — דאָס זעלבע, און דערמאָנענדיק זיך אין דער האנט־שוטפעס, וואָס איז צווישן זיי אין יענער אויבן דערמאָנטער נאכט געשלאָסן געוואָרן, נאָך דעם, ווי זיי זײַנען קורצווײַליק איינס לעבן אנדערן אלס לעפאָנעמדיק פארקנאסטע אויבן־אָן באם טיש געזעסן, האָבן זיי אויך איצט, — אומבאמערקט, ווער דער ערשטער האָט וועמעס האנט אין זײַנער ארײַנגענומען, — אזוי געטאָן און פאמעלעך־פאמעלעך זײַנען ניט נאָר זייערע הענט שוטפעס געוואָרן, נאָר אויך זייערע ווערטער, ניט וויסנדיק, וואָס וועמען עס געהערט, נאָר פילנדיק, אז וואָס עס ווערט ארויסגעבראכט פון איינעם, געהערט זיי ביידן אין איין זעלישן צוזאמענשלוס. דערצו נאָך האָט זיך ארײַנגעמישט א דריטער צום קאָנטאקט: דער סאָד־זינגער, דער סאָלאָוויי, וואָס, האָבנדיק א הויך־שײַנענדיקע לעוואָנע אין הימל, א בלאס פארשלאָפענע אף דער ערד און צווישן ביימער, דורך וועלכע זי האָט איר שײַן אדורכגעלאָזט, און געפינענדיק זיך אליין פארשטעקט ערגעץ אין א נאָענט זיך גרענעצנדיקן סאָד צו מיליעס מוטערס סאָד, האָט ער זיך אף א קאָל צעלאָזט איין מאָל, צוויי מאָל און דרײַ מאָל, פריִער ניט איבעריק דרייסט, דערנאָך אלץ שטארקער, שטארקער, ביז צום פארכאפן דעם אויער פונעם גאנץ ווײַטן ארום, אף ווי ווײַט זײַן געזאנג האָט דערגרייכט, און אָפשיטע שוין דעם אויער פון די, וועלכע האָבן זיך אזוי

נאָענט געפֿונען צו אים, און אוואדע צו זיך
און האָבן גלײַך ווי נאָר דערוף געוואַרט, אַז
אַן אַנדערער זאָל בא זיי די ווערטער פֿון מויל
אַוועקנעמען און זיי לאָזן אָן זיי, אָבער מיט
אַ מער אויסדריקלעכער שפּראַך, אַף וועלכער
זיי זאָלן זיך פֿאַרשטענדיקן. און זיי האָבן זי
געקריגן, די שפּראַך, אָט אַ יענע, וואָס זי,
מיליע, האָט לייבלען מיט איר יונג לײַב גע־
לאָזט פֿילן, און ער — איר נאָר מיט אַ האַנט
זי אַרומנעמענדיק, בלײַבנדיק פֿאַרגאַפֿטע פֿון
זיך אַליין, פֿונעם לעוואָנע־פּאַרקישעפֿטן אַרום
און פֿונעם געזאַנג פֿון יענעם, וועלכער האָט
זיי אַזוי נאָענט זיך דערפֿילנדיק פֿאַרייניקט.

צוליב צניעסדיקן קיצער זאָל דאָ פֿאַר־
שוויגן ווערן, — כאָלילע, כאָלילע, ניט קיין
בייז, — נאָר אויך אַפֿילע בלויז דאָס, וויאַזוי
יענע נאַכט די גאַנצע, שאַ נאָך שאַ, דעמלט,
ווען אַלע באַם שאָכן זײַנען געשלאָפֿן און ווען
אויך מיליעס מוטער אין איר שטוב — דאָס
זעלבע, — איז אָט די אונדז נאָרוואָס באַקאַנ־
טע לײַכטפּיסיקע מיליע פֿון די ליבע־קושן
פֿון איר באַגערטן צו אים אַ מידע צוגעשמידט
געבליבן, ניט קאָנענדיק אָפּרײַסן פֿון אים איר
אויג, וואָס זי האָט אים פֿריִער געזען בא דער
לעוואָנע־שײַן, דערנאָך בא דער טאָג־שײַן,
וואָס ביידע, אי ער, אי זי, האָבן ניט באַמערקט, ווי זי איז אופֿגעקומען. און ניט נאָר
דאָס אויג ניט אָפּרײַסן, נאָר זיך אײַנגאַנצן, בייס זי איז זומער־לײַכט געקליידט געווען, בלויז אין
איר גימנאַזיסטישער פֿאָרמע, אין שוואַרצן קלייד און אין ברוינעם פֿאַרטעך מיטן ווײַסן קראַגנדל
און מיט אַרבל ביז אַראָפּ די האַנט־געלענקען, געפֿינענדיק זיך אַמאָל אײַנגאַנצן בא אים אין די
אָרעמס, און אַמאָל פֿאַרקערט, האַלבנדיק אים אין אירע.

זאָל דאָ פֿאַרשוויגן ווערן יענע גאַנצע נאַכט ביז פֿאַרטאָג, ווען אַפֿילע דער סאָד־זינגער, דער
סאָלאָוויי, איז שוין געהאַט אַנשוויגן געוואָרן, און ווען די נאַכט, די לעוואָנע־נאַכט האָט זיך פֿון
די אַרומיקע סעדער און אויך פֿון מיליעס מוטערס סאָד גענומען אויסוועפֿן, פֿאַרשווינדן, מאַכנדיק
אָנזען שוין אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין טאָג־שײַן, ווי אויך, נאַטירלעך, דעם אַלטן עפּלבוים צווישן
אַלע, אונטער וועלכן אָט די פֿאַרליבטע פּאָר האָט זיך געפֿונען מידע זיצן, ער מיט זײַן האַנט
אַרום איר טאַליע אַרומגענומען און זי אַף זײַן האַלדז אירע ביידע הענט פֿאַרלייגט, פּאָר אַ פֿרעמד
אויג אין פֿאַרליבטן נעגליזשע, הייסט עס.

דעמלט האָט מיליעס מוטער אַף איר געלעגער, אומפֿאַרשטענדלעך פֿאַרוואָס, בלויז נאָר,
ווײַזט אויס, מיט איר מוטער־כוש דערפֿילט, אַז אין צווייטן צימער, וווּ מיליע האָט איר באַשטענדיק
געלעגער געהאַט, איז איצט דאָרט ניטאָ קיינער, ניט מיליע קיין וואַכנדיקע, ווי אויך ניט קיין
שלאָפֿנדיקע, וואָס דאָס האָט זי עטוואָס אומרויִק געמאַכט, און, ווידער פֿון זעלבן מוטער־כוש
באַוויגן, האָט זי באַלד אַף זיך עפּעס קליידונג אַרופֿגערוקט און איז אַראָפּ געוווירע ווערן און
זיך איבערצײַגן, אַז איר כוש האָט זי ניט אָפּגענאַרט. ווירקלעך, קיינער איז טאַקע ניט געווען,
נאָך מער: דאָס בעט איז געווען געבעט, ווי ערשט צום שלאָפֿן לייגן זיך, אָן שום קנייטש און אָן
אַ וואָסערן־ניט־איז סימען, אַז עמעצער האָט לאַנג אָדער קורץ דערוף פֿאַרבראַכט און דערנאָך
דאָס מעגלעך פֿאַרלאָזן. דעמלט האָט די מוטער, אַ גאָר שוין באַאומרויִקטע, זיך מער אָנגעטאָן און
אין דרויסן, נייִן, ניט סטאַם אין דרויסן, נאָר אין סאָד זיך אַרויסגעלאָזט, אָנגעפֿירט ווידער פֿון
איר כוש, אַז זיכער דאָרטן וועט זי איצט טרעפֿן מיליען, אַ יאָ באַרעכטיקטע אָדער ניט באַרעכ־
טיקטע, פֿאַרוואָס זי האָט די נאַכט אַ וואַכע פֿאַרבראַכט, אַליין צי מיט עמעצן. אוואדע אומבאַ־
רעכטיקט, האָט זי זיך אין מוטערלעכער טאַרומעס, גייענדיק פֿון שטוב אין סאָד, געטראַכט, גרייט
זײַענדיק אַפֿילע שטאַרק אין האַרצן צעבייזערן אַף איר מילקע, ווי זי האָט זי גערופֿן, וועלכע זי
האַלט נאָך פֿאַר אַ קינד, וואָס דאַרף זיך אַזוינס אַליין ניט דערלויבן, ניט אָנפֿרעגנדיק זיך אָפּריִער
בא איר, בא דער מוטער. און ווירקלעך, דאָרט האָט זי זי געטראָפֿן און וויאַזוי, — אײַנעם פֿאַרליבטן
נעגליזשע, ווי געזאָגט, זיצנדיק מיט לייבלען האַנט־בא־האַנט אַף דער באַנק פֿון איר אַלט־באַליבטן

עפּלבוים, ביידע, אומבאַמערקט פון זיי אַליין, פון יענעם בוימס בליטן באַשאָטענע, און דעריקער אַזוי פאַרשיקערט פון זייער צוזאַמען דאָרט פאַרבראַכטער נאַכט אין אָפּגעזונדערטקייט פון אַלע, אַז זיי האָבן אַפילו ניט נאָר דער מוטערס ווײַטע טריט ניט געהערט, ווען זי האָט צוערשט גענומען גיין צו זיי פונווײַטן, נאָר אַפילו ניט, ווען זי איז שוין גאָר נאָענט צוגעטראָטן צו זיי.

— מילקע! — האָט זיך בא דער מוטער ניט ווילנדיק אַ וואָרט צו מיליען אַרויסגעכאַפּט, מעגלעך אַ ניט בעקיוונדיקער, ווייסנדיק, אַז אויב מיליע וועט זיך איצט דערזען געטראָפן אין אָט דער פּאָזע, אין וועלכער זי געפינט זיך, וועט זי זיך אין גרויס פאַרלעגנהײַט אַ פאַרשעמטע דערפילן. מיליע אָבער האָט אַ מידלעכע פון איר ערשטער, אין ליבע פאַרבראַכטער פרילינג־נאַכט, ניט דערהערט דער מוטערס רוף. אַזוי ווי ס'האָט אים ניט דערהערט דער, וואָס איז מיט איר צוזאַמען דאָ די גאַנצע נאַכט איבערגעזעסן און וואָס ער האָט זי איצט אָן אויסגעשעפּטע אין זײַנע אָרעמס געהאַט.

דעמלט האָט שוין די מוטער, אַ פאַרכאַפּטע פון אייפער צו איר קינד, אַ פאַרכאַפּטע פון מוטערלעכער טאַרומעס, וואָס איר קינד האָט אָן איר וויסן זיך אָף אַ זעלבשטענדיקער סטעזשקע געלאָזט, אין דער צײַט, ווען זי, די מוטער, האַלט, אַז ס'איז נאָך ניט גענוג באַרעכטיקט דערצו, — שוין בעקיוון נעענטער צוגעגאַנגען צו דעם איינס מיטן אַנדערן פאַרכאַפּטן פּאָרל, מיט אַ מיין, זיי שוין אָן אַ רוף, נאָר אַליין מיט דעם, וואָס זי וועט זיי זיך פאַר די אויגן ווײַזן, זיי פון ליבע־שלומער אופוועקן. וואָס דאָס איז טאַקע אַזוי געשען.

דעמלט האָט מיליע, דערזעענדיק די מוטער, זיך אַ כאַפּ־אויף געטאָן, איז צו צו איר, און אָנשטאָט דעם, וואָס אָן אַנדערע אָף איר אָרט, ווען די מוטער טרעפט זי אין אַזאַ־אָ לאַגע, וואָלט פאַר דערשרעק אָדער פאַר בושע אָדער פאַר ביידע צוזאַמען די אויגן אַראָפּגעלאָזט און וואָלט שטאַמלענדיק אָדער שווײַגנדיק ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט זיך פון פאַרלוירנקײַט, — אָנשטאָט דעם האָט מיליע גאָר אַנדערש געטאָן: זיך אַ האַסטיקן לאָז געטאָן צו דער מוטער און מיט איר גאַנצן יוגנטלעכן וועזן האַלב שולדיק צו דער מוטערס ברוסט אַ פאַל געטאָן, אָבער אין דער זעלבער צײַט אויך מיט מער פון האַלב אין בעטיכעס, אַז אָף דער שויס פון דער מוטער, אַז צופאַלנדיק צו איר, וועט זי אי פאַרשטענדעניש, אי מיטגעפיל, אי באַרעכטיקונג געפינען פאַר איר זעלבשטענדיקער טאַט, וואָס דאָס איז טאַקע אַזוי געשען. זי האָט זיך אויך פּלוצעם גאָר צעוויינט פון איבערגעפולטקײַט פון הײַנט באַנאַכט און אויך ווי בעטנדיק אַנטשולדיקונג בא דער מוטער, פאַר וואָס זי האָט דעם מוט ניט געהאַט מיט איר פריִער וועגן איר פאַרשטייענדיקן גליק זיך צו טיילן, וואָס אָט די ביידע זאַכן האָט די מוטער, ניט האָבנדיק געהערט קיין איין וואָרט איצט וועגן דעם פון דער טאָכטער אַרויסריידן, אַליין פאַרשטאַנען, און, זעענדיק זי אַ בעעמעס באַגליקטע און פילנדיק איר קאָפּ צו איר שויס נאָענט, האָט זי זי גענומען גלעטן איבער די האָר, איבער איר פּאָנעם, וואָס האָט געגליט, פילנדיק אויך די גליקלעכע טרערן, וואָס זײַנען איר פון די אויגן גערונען.

— מאַמע, — האָט דעמלט מיליע אַ באַגליקטע און אַ דערבאַרעמטע פון דער מוטערס פאַרשטענדעניש און פון דעם, וואָס יענע האָט, איר ליבע באַווייקנדיק, זי ניט אָפּגעשטויסן פון איר שויס, פון דאָרט אַרויסגעמורמלט: — זי האָט אים ליב, אָט דעם, וואָס זי, די מוטער, זעט אים אָף דער באַנק זיצן, דערווײַל פון מיליען אָן אַליין געלאָזטן, ביז זי, די מוטער, וועט אויך אים באַווייקן, ווײַל ער איז אירער, מיליעס, און בעמיילע דאַרף ער אויך זײַן דער מוטערס.

— איז וואָס זשע וויינסטו, קינד, איז דאָך גוט, — האָט די מוטער געזאָגט, און אויך איר האָבן זיך איצט, ניט אין דער געהעריקער צײַט און ניט אָפן געהעריקן אָרט, און שטייענדיק ניט איבעריק געהעריק אָנגעטאָן, טרערן געוויזן.

דעמלט איז געווען אַ האַלב שטומע, האַלב ריידנדיקע סצענע צו זען: דערהערנדיק די טרייסט־ און באַרויִקונגס־ווערטער אַרויסקומען פון דער מוטערס מויל, געווענדט צו מיליען, אַזוי האָט זיך אויך איר פּאָר, איר באַגערטער, לייבל, וואָס האָט פריִער אַ רעגע אויסגעזען אַ מעווויעשדיק־געפלעפטער פון דעם אומגעריכטן ווײַזן זיך פון דער מוטער און פון דעם, וואָס, זי דערזעענדיק, האָט זיך די זײַניקע, מיליע, צו איר אַ לאָז געטאָן און מיטן קאָפּ צו איר שויס צוגעפאַלן, אים איבערלאָזנדיק אַליין, — איצט, ווען ער האָט געהערט די אויבן דערמאָנטע באַרויִקונגס־ווערטער פון דער מוטער און דערזען אויך, ווי מיליע האָט אין דער זעלבער צײַט אַ באַגליקטע און אַ שוין גאָר געזיכערטע די אויגן פון דער מוטערס ליבן שויס אופגעהויבן און זיי צו אים אַ קער געטאָן, ווי, אי אין בושע, אי שעלמיש, אים אײַנלאַדנדיק, ער זאָל אויך צוגיין און אַ נאָענטן אָנטייל נעמען אין דער מוטערס אײַנשטימענדיקער און באַווייקנדיקער טרייסט, — דעמלט איז אויך ער צו יענעם אָרט, ניט ווײַט פון אַלטן עפּלבוים, וווּ די מוטער און איר טאָכטער האָבן זיך געפונען שטיין, נעענטער צוגעטראָטן, עמעס, ניט איבעריק דרייסט, אָבער דאָך פאָלגנדיק דעם רוף פון מיליען, ווי אויך דער מוטערס רוף, וואָס, ווי אים האָט געדאַכט, איז ער אים

ניט אין ווערטער אויסגעדריקט, בלויז פון איר קוק געקומען, און צושטעלנדיק זיך נאָענט־נאָענט צו יענע צוויי, איז ער ווי מיט שטיל בענטשנדיקער האסקאָמע פון ביידע אלס מיטגליד אין דער מישפּאָכע איינגעשלאָסן געוואָרן, מיצאד מיליען אלס איר באשערטער און מיצאד דער מוטער אלס אזא, וואָס וועט איר קאָנען ווי א זון פארעכנט ווערן.

דעמלט, זאָל דאָ צוגעגעבן ווערן, האָט יענער פרימאָרגן, יענער סאָד אין דער אָנוועזנהייט פונעם באיאָרטן איידעס — דעם אלטן עפלבוים, וואָס איז אין שטילן ווייס־ראָזן בליט געשטאַנען באלאָדן, — געזען, וויאַזוי נאָך דעם, ווי די מוטער האָט די ביידע קינדער אונטער איר ליבנדיקן בליק געהאט פארייניקט, אזוי האָט זי זיי אָפּגעשיקט פון זיך: זאָלן זיי, הייסט עס, אין שטוב אריין אָדער זאָלן זיי אין סאָד בלייבן, וויפל זיי ווילן, און פאָרזעצן, וואָס זיי האָבן צווישן זיך, מעגלעך, ניט דערעדט, ניט דערשמועסט, זיי אָפּגעשיקט און זי אליין האָט זיך אונטער איר באליבטן בוים אָף דער באנק אוועקגעזעצט און האָט אזוי לאנג דאָרט זיצנדיק פארבראכט, ביז א ווייטע, רויט־צעגליטע פרימאָרגן־זון האָט א דורכגעקילטע פון צווישן די ביימער פון די סע־דער, וואָס גרענעצן זיך מיט איר סאָד, ארויסגעקוקט און ביז שפּעטער דערנאָך האָט זיך איינס א פענצטער פון איר שאָכנס וווינונג, וואָס איז געווען געשלאָסן אף באנאכט, איצט אין סאָד ארויס זיך אופגעעפנט און דורך דאָרט האָט די שוואנגערע שכיינע אין לויזער פרימאָרגן־קליידונג ארויסגעקוקט און, דערזעענדיק די באלעבאָסטע, מיליעס מוטער, אף איר באליבטער באנק זיצן, האָט זי זי א פרעג געטאָן:

— וואָס אזוי פרי? א גוט־מאָרגן, באלעבאָסטע!

— א גוט־מאָרגן, א גוט־יאָר, — האָט איר יענע געענטפערט, א באלאָדענע מיט שטיל־דערפרייטע אלמאָנישע מאכשאָוועס פון דעם, וויאַזוי זי האָט אמאָל נאָך מיט איר מאן דאָ זיצנ־דיק פארבראכט און וויאַזוי ס'האָט איר געגליקט, אז אויך איר טאָכטער זאָל דאָ מיט דעם איריקן פארברענגען, ווי די לעצטע נאכט איז דאָ געשען. — א גוט־מאָרגן, א גוט־יאָר!

וווּנדערלעך, זאָל דאָ ווייטער געזאָגט ווערן, וויאַזוי די ליבע פון די פרילינגדיק־באוויליקטע לייבל מיט מיליען, וועלכע האָט זיי געקאָנט אינגאנצן פארשלינגען, זיי מאכנדיק פארגעסן, אז אויסער זיי עקזיסטירט נאָך עפּעס אף דער וועלט, מער ווי פערזענלעכעס, האָט, ניט געקוקט דערויף, דאָך זיך געפאָרט, און נאָך וויאַזוי געפאָרט, אויך מיטן פרילינג פון לאנד און פון דער געזעלשאפט, מיט וועלכן זי איז ניט געקומען אין קיין שום ווידעראנאנד.

ניט געקוקט אף די ארויסלאָז־עקזאמענעס, וועלכע האָבן איצט געפאָדערט פון מיליען היפּש מי און אָנשטרענגונג אף דורכצוגיין אלע געגנשטאנדן, וואָס מע האָט אינעם לעצטן יאָר, אינעם לעצטן גימנאזיע־קלאס געלערנט, ווי אויך איבערצוכאזערן דאָס פריִער דורכגעגאנגענע, ווי עס פירט זיך, האָט זי דאָך זיך געקליגט אָפּצושפּאָרן צייט אויך דערויף, זי זאָל אלע אָוונט א פּאָר שאָ זיך קאָנען אראָפּכאפּן אף דער בירזשע פון יענער אָרגאניזאציע, צו וועלכער אי זי, אי איר לייבל, האָבן געהערט, און דאָרט שוין מייסע גרויסע און מער ווי גימנאזיסטקע זיך קרייזלען און ארומ־דרייען באגלייך מיט אָרגאניזאציע־מיטגלידער אמאָל נאָר קעדיי אויסהערן, וואָס עלטערע און מער דערפארענע האָבן איר צו זאָגן, און אמאָל אויך אליין צום אייגענעם וואָרט קומען, דה. ווען מע האָט איר איבערגעענטפערט א פריש צוגעקומענעם ארבעטער אָדער ארבעטערן, זי זאָל זיי אופקלערן און מיט זיי דורכגיין דעם ערשטן אלעפבייס פון יענער לערע, פון וועלכער זי, ווי א שוין פון לאנג צוגעצויגענע צו דער באוועגונג און באזונדערס געפינענדיק זיך אין אזא סוויווע, ווי די סוויווע פון איר מוטערס שאָכן, אזוי לאנג, האָט זי שוין זיכער געהאט פון איר א באשטימטע אנונג, — זאָל זיין נאָך אן אומרייפע, זאָל זיין א האלב קינדערש־נאַיווע, אָבער דאָך אן אנונג. זי האָט אויך איר ביסל אופקלערעריי, ווי מע דארף פארשטיין, דורכגעפירט ניט איבעריק געשולט, און בלויז ווי אזא, ווי זי, וואָס מער איז פון איר ניט צו פאָדערן. אָבער מיילע, ס'מאכט ניט, אבי דער מיין אירער איז געווען א גוטער און אבי זי האָט באוויזן כאָטש אמאָל קורצווייליק איבערצונעמען די הענט בא יענע, וועלכע זיינען איבערן קאָפּ געווען פארטאָן מיט אנדערע, וואָס האָבן געפאָדערט אופקלערונג פון מער דערפארענע איידער זי. ווי אָט איר לייבל, לעמאָשל, וועלכן מע האָט שוין דעמלט אין אלע זייטן געריסן, ווי אן ארויסגערוקטן און א גרויס־פייִקן, ווען מע האָט געקאָנט אָנלאָדן מיט פארשיידנערליי ארבעטן, ווי אזא, וואָס מע קאָן זיך אף אים פארלאָזן און וואָס דערום האָט ער אָפּט קיין טאָג און קיין נאכט ניט געהאט, און אפילע ניט קיין צייט מיט איר, מיט זיין מיליען, זיך צו זען, אלנפאלס ניט אזויפיל, וויפל ביידע וואָלטן דאָס באגערן, ווי באַרעכטיקטע דערצו.

דעמלט פלעגן זיי זיך דורכשמועסן און זיך אונטערהאלטן אויך מיט בריוו, וואָס איינער דעם אנדערן פלעגט אָפּשטעקן אין אן איבערגעכאפּטן שאָס־האקוישער, ווען צווישן איין ארבעט און דער צווייטער האָט לייבלען, לעמאָשל, נאָר געקלעקט צייט אף איר א קוק צו טאָן און אין האנט אריינבאקומען פון איר, וואָס זי האָט אים געהאט איבערצוגעבן אין געשריפטס און וואָס

זי וואָלט אוואדע גערנער געווען, ווען זי האָט די מעגלעכקייט אים האָבן נאָענט און זיך מיט אים דורכריידן פּע־על־פּע, ווי מע זאָגט, פון מויל צו אויער.

דעמלט האָט מיליעס מוטער אמאָל געקאָנט זען, ווי מיליע איז אויסער מיט גרייטן זיך צו די עקזאמענעס מיט עפּעס א פאַרבאַרגענעם בריוו־שרײַבן באשעפטיקט, ניט פאַרשטייענדיק, צו וועמען זי שרײַבט, נאָר זעענדיק, אז אפאָנעם צו אזא, וואָס דער אינטערעס צו אים מאכט זי אזוי פאַרטראָגן ביז צו אפילע ניט צו באמערקן, ווי זי, די מוטער, שטייט לעבן איר און, קוקנדיק אָף איר שרײַבן־פאַרטראָגנקייט, טוט בא איר א פרעג:

— צו וועמען, מיליע, צו אים, הא?!

טוט זיך מיליע דעמלט א כאַפּ־אוף ווי אָן אָפּגעבריטע:

— יאָ, צו אים.

— איז וואָס אזוי פאַרטראָגן?!

— אז ער לאָזט זיך ניט זען, מוז איך כאָטש שרײַבן...

און שרײַבן פלעגט דעמלט מיליע ניט מער, ווי איין וואָרט אלס טיטל: „מײַנער" און זיך כאסמענען אויך ניט מער ווי מיט איין וואָרט „דײַנע". און האָבנדיק דאָס געשריפטס שוין פאַר־טיק, פלעגט זי דאָס, אז קיינער זאָל ניט זען, פאַרשטעקן אין אויסשניט פון איר קלייד, באם האלדז, קעדיי זי זאָל, ווידער, ווען קיינער וועט ניט זען, עס קאָנען פון דאָרט ארויסבאקומען און, איידער זי באווײַזט דאָס אים אָפּגעבן, פאַרשטעלטערהייט א קוש טאָן דאָס אָרט אפן פאפיר, ווו די טיטל־ און כסימע־ווערטער „מײַנער" און „דײַנע" געפינען זיך אָנגעשריבן. און דאָס זעלבע מיט אירע בריוו פלעגט טאָן, ניט אויסגערעדט זאָל זײַן און ניט אויסגעוואָרפן זאָל ווערן, אויך לייבל. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט פון איר א בריוו אָפּגעשטעקט באקומען, איז, כאָטש זײַענדיק פאַרנומען איבערן האלדז, פלעגט ער דאָך אָפּרײַסן צײַט, זיך אָפּקערעווען אין א ווינקל, אים ארויסנעמען און, ווי נאָר מעגלעך, טאָן מיט אים דאָס זעלבע, וואָס זי, זײַן מיליע, האָט מיט אים געטאָן, איידער זי האָט אים דעם בריוו דערלאַנגט, — אים קושן.

און ס'וואָלט אוואדע זייער גוט געגאנגען, נאָר דאָ שווימט ווידער אוף לייבלס מוטער, די, וואָס מיט איין שליסל צו דעם קאסע־שופלאַד אין קראָם און מיטן גאנצן בונט שליסל צו די בופעטן און קליידער־שאפעס אין שטוב, וואָס מע ווייסט ניט, צי דערפאַר, וואָס לעצטנס האָט איר לייבל דעם אָפּמאַך מיט איר ניט געדענקט און, זײַענדיק אָפּט אזוי פאַרטאָן, פלעגט ער אפילע ניט קומען נעכטיקן, וואָס דאָס האָט די מוטער שוין גאָר צום לעצטן דערשלאָגן; צי דערפון, הייסט עס, האָט זי זיך אליין געשטויסן, אז איר לייבל איז אוועק קרום, ווײַל ניט קומען אהיים אָף באנאכט האָט פאַר אזא, ווי זי, באטײַט לעצטע מאדרייגע אויסגעלאסנקײַט און העפקיירעס, ניט קאָנענדיק זיך אויסמאָלן, אז אזא, וואָס מאנקירט שוין מיט דער היים, זאָל זיך ניט האָבן געקראָגן, טפּו־טפּו, עפּעס א מיִעס שטיקל ווײַבער־סכוירע. צי זי האָט זיך צו אָט דעם כשאד דערטראכט אליין, צי אן אנדערער וועד האָט זי אָף אָט די גדאנקען ארופגעפירט, איז אלציינס, אבי זי, די מוטער, איז אזא אופגעטראָגענע געוואָרן פון דעם, וואָס דער ווײַס־זײַדענער ייִכעס ווערט דאָ פאַרפלעקט און וואָס אלע אירע אויסזיכטן אָף איר לייבלען האָבן זי אזוי אָפּגע־נאַרט, אז ער זעט איר לעצטנס אויס, ווי גלײַך א פרעמדע וואָלט אים געבוירן, ניט זי. זי האָט דאָס איין מאָל, צוויי מאָל אים פירגעהאלטן און אז ס'האָט ניט געהאָלפן, איז זי אין אזא קאס געקומען, אז זי איז גרייט געווען די גאנצע וועלט אָף א גוראַנגל ארויסרופן.

און דאָ ווייסט מען ווידער ניט, וויאַזוי ס'איז געשען, צי זי אליין האָט זיך אונטערגענומען זיך דערקלײַבן צום מאָקער פון אירע אומגליקן, צו יענע, וואָס זי האָט זיי געהאלטן פאַר שולדיק אין אירע שטוב־ און פאמיליע־כורבוינעס; צי זי האָט זיך אויסגעזוכט א שוטעף צו איר אונטער־נעמונג, ווי, לאָמיר זאָגן, אויך נאָך איינעם אן אופגעבראכטן פאָטער אָדער מוטער פון א פאַר־פירט קינד, ווי זי, און מיט געמיינזאמע קויכעס פון איר מיט אויך יענע באליידיקטע און די קאמפּסגרייטע עלטערן האָבן זיי נאָך, מעגלעך, א דריטן שוטעף אָפּגעזוכט, — פאַר געלט, וואָס יענער האָט אָף זיך גענומען די גראָבע ארבעט, צו וועלכער זיי אליין, די ערשטע שוטפים, האָבן ניט איבעריק געטויגט, דה. צו דער שפּיאָניר־ארבעט, וועלכע האָט זיך געפאָדערט אָף צו דער־שלאָגן זיך צו יענע געהיים פאַרשטעקטע לײַט, פון וועלכע זייערע קינדער האָבן, לויט זייער מיינונג, אזוי שרעקלעך געליטן, אויס קינדער, אויס לײַט געוואָרן. נו, און לעסאָף האָט מען זיך דערשלאָגן, וויאַזוי? מעגלעך, אז טאַקע א גוטע גדעונגעגענע האנט האָט דאָ דערבײַ געאַרבעט, און מעגלעך אויך, אז אזוי־ווי דעמלט האָט די מאכט, ווי שוין גזאָגט, די דיסציפּלינאַרע ווישקעס עטוואָס לויז געמוזט לאָזן און ניט אזוי שטײַף־שטרענג אָנגעצויגן האלטן, איז אלס פּויעל־יוצע דערפון די געהאָרכזאמקײַט און די מוירע פון אלע בירגער פיל אָפּגעשוואכט געוואָרן, און אפילע אויך די מוירע פון די, וועלכע האָבן געהאט א באזונדער גרונט געהיט און פאַרזיכטיק צו זײַן און וואָס דאָס געבאָט פון קאָנספּיראציע איז קימאט געווען א פונקט אין זייער פראָגראַם,

אלנפאלס, אויב ניט אין דער געשריבענער, איז אין דער זעלבסטפארהיטערישער, וואָס איז גלײַך ווי געשריבן.

נו, און דערמיט, מיט אָט דער אָפּגעשוואכטער פארזיכטיקײַט פון די, וועלכע האָבן זי געהאט זייער און זייער נייטיק, האָט איצט יעדערער, ווער עס האָט באדארפט, זיך אוואדע מער, ווי פריִער, געקאָנט באנוצן, זײַענדיק אימשטאנד פיל לײַכטער צו קומען אפן שפּור פון די געהיים־פארשטעקטע מאכט־אונטערײַסער, וואָס ביז אהער האָבן דאָס געקאָנט באווײַזן בלויז נאָר אינווייניקסטע, גוט־געשולטע און פון אויסן גוט־באצאָלטע פארעטער — פּראָוואָקאטאָרן.

און אָט אַף אזא פארלײַכטערטן מין אויפן האָט זיך אויך לייבלס מוטער, צו וואָס זי האָט באדארפט, דערשלאָגן, — טאקע צו דער שטוב פון מיליעס מוטערס שאָכן, וווּהין איר לייבל האָט שוין פון לאנג ווי א שטיק אייגענער און צוטרוילעכער בען־באַיִס געהאט אײַנגאנג.

און אָט האָט זי זיך אהין ארײַנגעשטעלט. זאָל אָבער דער פאל פארצייכנט ווערן, ווי אן אויסנאם־פאקט, און די מעגלעכקײַט פון איר ארײַנטרעטן אהין פאר קלאל ניט ווי קיין געוויינלעכער, פונקט אזוי ווי זי, לייבלס מוטער אליין, — אן אויסנאם, און קלאל ניט טיפּיש פאר יענער צײַט, ווען ס'איז זיך שוין ניט געווען פארצושטעלן, אז עס זאָלן זיך נאָך האָבן געפינען אזוינע שטארק־פארביסענע און פאנאטישע מוטערס, וואָס זאָלן זיך אונטערנעמען ברעכן טירן, אויך זיך לאָזן אַף אזוינע אוואנטורעס, ווי ווערלן זיך דערשלאָגן אהין, ווּ זי האָט זיך דערשלאָגן, און דענקען אָפּשרײַען דאָס, וואָס עס לאָזט זיך ניט, וועלן דרייען די געשיכטע־ראָד אפצוריק.

זי האָט זיך ארײַנגעשטעלט, וועלנדיק דאָרט אָנטרעפן אירע צוויי סאָנים מיטאמאָל. ערשטנס, האָט זי זיך דערוווּסט, אז דאָרט טאקע ווינען די איר אזוי ביזן גרונט פארהאסטע לײַט, אין וועמעס נעצן איר זון לייבל האָט זיך אזוי אומגליקלעך, לויט איר מיינונג, פאר זיך, פאר אים און פאר אלעמען געלאָזט ארײַנפאקן. צווייטנס, האָט זי זיך דערוווּסט, אז, ווידער, דאָרט טאקע ווינט אויך יענץ מיידל, אָדער יענע מויד, די אָפּגעפרעגטע שטיק ווײַבער־סכוירע, וואָס ווער ווייסט, פונוואַנען זי שטאמט און צו וואָס פאר א סאָרט ביליקן שוירעש זי געהערט, און וואָס אין איר האָט זיך איר לייבל, ווײַזט אויס, אזוי פארקאָכט, אז איבער איר ווערט זי אים שוין צום איבעריקן אָן, ביז אפילע אים אָפּט ניט צו זען קומען אונטער איר דאך צו נעכטיקן.

זי האָט זיך ארײַנגעשטעלט אין איר גאנצן פוץ, אין שלייער, וועלכן זי טראָגט אַף זיך אויך אינדערוואָכן, און אין אזעלכע קליידער, וואָס זי טראָגט בלויז שאבעס־יאָמטעוו אין שול. אז זי איז ארײַן, האָט זי געטראָפן גראָד די הויך־שוואנגערע שכיינע אליין, ווײַל איר מאן איז געווען אָדער אין שטאָט, אָדער אַף דער רײַזע, און אויך פון כאווײרים האָט זי דעמלט קיינער ניט באזוכט. האָט זי זיך א ווענד געטאָן צו איר, זיך גלײַך פאָרשטעלנדיק:

— זי איז מאלקע מינץ, און אויב די שכיינע האָט איר נאָמען און פאמיליע־נאָמען ניט געהערט, וועט זי זיך דײַטלעכער פאָרשטעלן מיט דעם, וואָס זי וועט זאָגן, אז זי איז לייבלס מוטער, וואָס יענער מוז שוין דער שכיינע אוואדע זײַן באקאנט. זי איז געקומען, — האָט זי א זאָג געטאָן אָן שום פארשטעלעניש, — וועלנדיק זען דעם מאן פון דער שכיינע, וואָס, ווי זי, מאלקע מינץ, האָט געהערט, איז ער דער אָדער אלקאָלפאָנעם איינער פון די, וועלכע רײַסן אָפּ קינדער פון מוטערס, אזוי ווי מע האָט איר קינד פון איר אָפּגעריסן.

— וואָס הייסט? וואָס האָט זי געזאָגט און וואָס וויל זי און ווער האָט זי געשיקט אהער און צי האָט זי ריכטיק אָנגעטראָפן אהין, ווּ זי האָט געוואָלט, און ווער האָט דעם אדרעס אָנגעוויזן? — האָט די שכיינע א גאנץ בינטל פראגן אויסגעשאָטן, האָבנדיק אויסגעדריקט גרויס פארוווּנדערונג אַף איר פּאָנעם גלײַך שוין נאָך די ערשטע ווערטער פון לייבלס מוטער, וועלכע זײַנען ארויסגעזאָגט געוואָרן האלב־קריגעריש.

— ווער זי איז, האָט זי שוין געזאָגט, די מוטער פון איר פארפירט קינד. און אן אדרעס אויסגעפינען קען זי, זי איז, באָרעכהאשעם, ניט אָן א צונג, און שיקן האָט זי ניט געשיקט קיינער, ווײַל דער אינטערעס איז ניט קיינעמס, בלויז אירער, און געקומען איז זי צו זאָגן, — האָט זי דער שכיינעס בינטל פראגן מיט אן אנטקעגנקומענדיקן בינטל טשוּוועס אוועקגעמאכט אין אזא קאלטן גרינגשעצנדיקן טאָן, ווי גלײַך יענערס טארומעסדיקע אלעמײַ זי האָט זיך א ניט אײַנגעגלאָדענע, אן אומבאקאנטע צו איר אין שטוב ארײַנגעריסן, זעען איר אויס ווערטלאָז און ווי אזעלכע, וואָס מע קאָן זיי לאָזן פארבײַ דעם אויער.

זי האָט פארגעזעצט: און געקומען איז זי זאָגן איר מאן, ער זאָל זיך עס ניט האלטן פאר גרינג. און אויך אז אויב זי, די הויך־שוואנגערע שכיינע, וואָס שטייט איצט אָדער זיצט פאר איר, איז אים געטרײַ, איז זאָל זי אים וואָרענען אין איר נאָמען: זי איז א מוטער, און מער האָט זי ניט ווי דעם בעניאָכיד, און זאָל מען בא איר ניט וועלן פרוּוון צונעמען איר איינציק פארמעגן. זי וועט זיך ניט אָפּשטעלן ניט פאר מע מעג און ניט פאר מע טאָר ניט, אזוי ווי גאָט און די מוטער־שאפט האָט געבאָטן.

דאָס איז אויב ריידן מיט בייזן, און אויב ריידן מיטן גוטן, איז זאָל די הויך־שוואַנגערע שכיינע זיך פֿאַרשטעלן אין איר לאַגע. אָט זעט זי, אַז יענע איז אַף דער צײַט און, ווי מע דאַרף האָפֿן און ווי זי ווינטשט איר פֿון פּולן הארצן, וועט זי בעשאָלעם איבערקומען און „האָבן", דער־נאָך, ווי עס פּירט זיך, אויך גרויס צאַרעס האָבן באַם זויגן, האָדעווען און דערציִען איר קינד, און דעמלט, ווען זי, די מוטער, וועט נאָך אַלע איבערקומעניש שוין מיט רעכט וועלן דאָס ביסל נאַכעס האָבן פֿון איר דערצויגלינג, אַזוי וועט מען קומען און דאָס בא איר פֿון אונטער די הענט אוועקנעמען, עלעהיי ציגײַנערס, און דאָס נעמען פֿירן אהין, ווו איר איז געוויס ניט געוווּנטשן. וואָס וואָלט זי דעמלט זאָגן? זי קערט זיך אום צו דעם, פֿון וואָס זי האָט אָנגעהויבן. זי איז, ווי איר מיטשפּרעכערן דאַרף וויסן, אַ סויכערטע, וואָס האָט זיך אַלע יאָרן אויסגעהאַנדלט, ווי מע דאַרף און ווי איר שטאַם און שטאַנד האָט פֿון איר געפֿאָדערט. זי האָט אַליין קיינעם, כאָלילע, קיינמאָל ניט אָנגערירט און אַזוי אַנדערע אויך ניט זי. זי האָט קיינמאָל זיך ניט געהאַט צו לאָדן מיט די, וואָס זי האָט יאָרנלאַנג געהאַט מיט זיי אַסאָקים, און אַוואַדע ניט מיט די, וואָס ניט. דאָס איז איר דאָס ערשטע מאָל, וואָס זי גייט אַרויס פֿון איר געדער, קומענדיק צו מענטשן, וואָס ניט זי מיט זיי און ניט זיי מיט איר קערן זיך בעעצעם גאָרנישט ניט אָן און וואָס ווען ניט נאָר דער סיכסעך מיקויעך דעם, צוליב וואָס זי איז איצט אַהער געקומען, וואָלטן ביידע צדאָדים ניט געהאַט קיין סיבע צו וועלן איינער דעם אַנדערנס שוועל אַריבערטרעטן. איצט אָבער האָט זי זיך געזען געצוווּנגען, און אַזויווי זי איז שוין דאָ, אַזוי מוז זי אויך זאָגן, אַז זאָל מען וויסן: זי איז ניט פֿון לעצטן צענדליק, כאָלילע, אין מאַרק און צווישן סאָכרים איז זי באַוווּסט, ניט צום באַ־רימען זיך, פֿאַר אַן איישעס־כאַיִל און פֿאַר אַזאַ, וואָס אויב זי נעמט זיך עפּעס אונטער, פֿעלט איר ניט אויס קיין ברען דאָס אויספֿילן, — אַזוי אין געשעפֿט, אַזוי אין אַלעמען. און אויך אין דעם פֿאַל, דענקט זי, אויב מע וועט דאַרפֿן, וועט זי ניט אָפּשטיין אַף דורכצוזעצן, וואָס זי וויל. זי האָט, גאָט זײַ דאַנק, אַ צונג אין מויל. זי ווייסט אויך, ווי אַ טיר עפֿנט זיך, צו ייִדן — איז צו ייִדן, ניט צו ייִדן — איז ניט צו ייִדן. און אויב מע וועט זי, כאָלילע, דערפֿירן, זי זאָל מוזן אַ שלעכטן טראַט טאָן, וועט דאָס זײַן ניט איר שולד, נאָר די שולד פֿון די, וואָס האָבן איר לעבן געוואָלט צעשטערן, און ווען דעמלט הייסט אַפֿילע גאָט אַליין, מע זאָל ניט אָפּשווײַגן און מע זאָל זיך אָפּשלאָגן. אָט דאָס האָט זי געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו וואָרענען באַצײַטנס. זי, פֿון איר זײַט, האָט אירס אָפּגעזאָגט, און איצט זאָל דער צאַד שעקענעגעד זיך באַדענקען.

ציִ זי האָט זיך איצט אופֿגעהויבן פֿונעם בענקל, וואָס מע האָט איר פֿאַרגעלייגט בעשאַס איר אָנקומען, ציִ מע האָט איר ניט באַוויזן פֿאַרצולייגן און זי איז די גאַנצע צײַט אַף די פֿיס געשטאַנען און איצט האָט זי זיך פֿון איר שטיי־אָרט אָפּגעקערעוועט אַף אוועקגיין, איז אַלצייַנס. זי איז אוועק, לאָזנדיק די הויך־שוואַנגערע שכיינע אין גרויס פֿאַרלעגנהײַט פֿון ניט באַנעמען, פֿאַר אַלעמען, דעם עקזעמפּליאַר, דעם מין פּרוי, וואָס איר, דער שכיינע, ווי אַ דערצויגלינג פֿון אַ פֿאַרגעשריטענער עפּאָכע, האָט יענע אויסגעזען ווי אַ מוזיי־זעלטנהײַט מיט אירע אָפּגעשטאַנענע האַסאָגעס, מיט איר ניט וועלן פֿאַרשטיין איר אייגן קינד, זײַנע באַדערפֿעניש און זײַן אידיייִשע געזינונג, און, דעריקער, אַזוי ווײַט אים ניט פֿאַרשטיין, ביז אַפֿילע צו פֿייִק זײַן דערוף, אַף וואָס זי האָט צום סאָף פֿון אירע רייד אַף אַ מאָסער־אויפֿן געגעבן אָנצוהערן, ניט ווויסנדיק, אין איר קלוימערשט גרויסער מוטערלעכער פֿאַרבלענדעניש, אַז זי שטייט טאַקע אָט־אָט באַ דעם ראַנד פֿון מעסירע. זי האָט ניט פֿאַרשטאַנען, די שכיינע, ציִ איז דאָס בלויז פֿון ווילדער אָפּגעשטאַנענ־קײַט, ציִ עפּשער טאַקע אויך פֿון גרויסער מוטערלעכער פֿאַרבלענדעניש, וואָס מאַכט אַמאָל אַזאַ איינע זיך פֿאַרוואַנדלען אַפֿילע אין אַ כײַע, ניט זעענדיק, ווו זי גייט, ניט ווויסנדיק, וואָס זי טוט, אויב עס האַנדלט זיך אין אַ געמיינטער רעטונג פֿון איר דערצויגלינג, וואָס איז איר טײַערער פֿון זיך אַליין.

זי האָט זיך דערמאָנט, וויִאַזוי יענע האָט אויסגעזען, בעשאַס זי האָט אָנגעהויבן ריידן בייס איר אָנקומען אין שטוב און דערנאָך צום סאָף, איידער זי האָט שוין באַדאַרפֿט אוועקגיין; דאַפֿקע שטיל, דאַפֿקע אײַנגעהאַלטן, אָבער מיט יענער אַקשאָנעסדיקער קראַפֿט טאַקע פֿון אַ מין כײַע, וואָס קיינע צוימען וועלן זי ניט בעיאַד זײַן אָפּצוהאַלטן פֿון צו איר ציל זיך צו רײַסן. די שכיינע איז, אויסהערנדיק יענע, געבליבן אָן לאָשן, דערמאָנענדיק זיך איצט אויך, ווי יענע איז קימאַט אָן אַ זײַ־געזונט אוועק נאָך דעם, ווי זי האָט דאָס לעצטע דראָענדיקע וואָרט פֿון מויל אַרויסגע־בראַכט מיט דער פֿולער זיכערקײַט, אַז דאָס פֿון איר נאַרוואָס געזאָגטע וועט איר מיטשפּרעכערן ברענגען צום איר געגאַרטן באַדענקען. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. נאָך דעם, ווי זי האָט דערזען, ווי יענע, לייבלס מוטער, האָט נאָכן אויסדרייען זיך אַף שוין אוועקגיין, האָט זיך ווידער צו איר אַף אַ קליינער ווײַלע צוריק אויסגעקערעוועט מיטן מיין זי אַ פֿרעג טאָן: דער נאָמען פֿון דער באַלעבאָסטע, באַ וועלכער זי ווינט אין שכיינעס, איז דער און דער? און ווי מיינט זי, די שכיינע, זי, לייבלס מוטער, וועט זי איצט טרעפֿן אין דער היים?

— יאָ! — האָט די שכיינע איר דעמלט אףביידע פראגן מיט איין באשטעטיקנדיק וואָרט אָפגעענטפערט א ביסל א צעטומלטע. דעמלט איז שוין יענע אינגאנצן אוועק, אָבער אין אייניקע מינוט שפּעטער האָט זי זי דורכן פענצטער דערזען אין סאָד ארײַנקומען טאקע צו דער באַלעבאָסטע, צו מיליעס מוטער, וועלכע האָט זי, מעגלעך, אף איר שוועל באגעגענענדיק און דערהערנדיק פון איר, אז זי האָט מיט איר וועגן עפּעס זייער א וויכטיקער זאך א געשפּרעך צו האָבן, האָט זי זי צוליב מער געמיטלעכקײַט און קיינער זאָל ניט שטערן אין סאָד אף איר געליבטער באנק, אונטער איר געליבטן בוים אײַנגעלאדן. און אזוי שוין דאָרט, אונטערן בוים זיצנדיקע, האָט זיי די שכיינע דורך איר פענצטער טאקע דערזען; איינס לעבן איינס, אָבער ווען איינע, לייבלס מוטער, א פרוי פון אלטן דאָר, אין שלייער און אין שאבעס־פּוץ, איז מיליעס מוטער א שטיק הײַנטיקע, אין די אייגענע האָר און אף א פּראָסט־פּאָשעטן שטוב־אויפן אָנגעטאָן געווען.

יאָ, לייבלס מוטער האָט מיטן דערפרעגן זיך און זיך צושטעלן צו מיליעס מוטער די צווייטע העלפט פון איר פארטראכטן און פירגענומענעם וויזיט איצט געהאט צו פּראווען. זי איז אויך פאר יענער אָן שום האקדאָמעס גלײַך ארויסגעפּאָרן מיט דעם, וואָס זי האָט אין איר באליידיקט מעיוכעסדיקן מוטער־שויס מיטגעבראכט. זי האָט א זאָג געטאָן, ווענדנדיק זיך צו איר אָן שום פּאָרעדעס, זי איז געוויר געוואָרן, אז איר זון לייבל, וואָס מיסטאמע קען אים די, מיט וועמען זי פירט איצט דאָס געשפּרעך, האָט לעצטנס אָפּט גענומען ארײַנגיין צו איר אין שטוב צוליב איר מיידל, וואָס איז אים, ווײַזט אויס, געפעלן. איז אָט איז זי, לייבלס מוטער, געקומען זאָגן איר מיטשפּרעכערן, דער מוטער פון דעם מיידל, אז איר געפעלט דאָס ניט. ס'נעמט בא איר ניט אויס, בא אירע עלטערן האָט זיך אזוי ניט געפירט און אויך זי קאָן דאָס ניט דערלויבן. זי מיינט, אז א מוטער האָט דאָס רעכט צו וויסן, וואָס איר קינד נעמט פאר אין אלע איניאָנים, אוביפראט, ווען עס האנדלט זיך אין אן איניען זיווּג, מיט וועלכן מע פארבינדט זיך אפן לעבן. אף וויפל זי האָט זיך נאָכגעפרעגט און אף וויפל זי קאָן אורטיילן אפילע הינטער די אויגן, איז, זאָל איר איר מיטשפּרעכערן מויכל זײַן, אויב זי נעמט זיך די זיכערקײַט צו זאָגן אף פּאָרויס, אז ניין, אז ס'איז קיין פּאָר ניט און אז ס'וועט דערפון גאָרנישט ניט זײַן.

— וואָס ניט זײַן? — האָט מיליעס מוטער איר מיטשפּרעכערנס רייד איבערגעשלאָגן.

— קיין שידעך, — האָט איר יענע פארזיכערנדיק געענטפערט.

— און ווער האָט אײַך געזאָגט, אז ס'איז יאָ א שידעך? — האָט מיליעס מוטער אן אופגעריגטע און אין אירע בעסטע מוטער־געפילן באליידיקטע ווי אויסגעשריִען. זי האָט זיך מיטאמאָל א רוק אָפּ געטאָן אף דער באנק, אף וועלכער זי האָט פריִער פארנומען אָרט ניט ווײַט פון איר מיטשפּרעכערן, קעדיי זי זאָל איצט האָבן מער אָרט, יענע צו באטראכטן און צו קאָנען באנעמען, וואָס קומט דאָ פאָר, פון וואָס פאר א הימלען, הייסט עס, איז זי איר פלוצעם ארויפגעפאלן, אָט די, איר אזוי פרעמדע פרוי, וואָס מיטן שלייער און מיטן שאבעס־פּוץ און וואָס צווינגט זי אויסצוהערן פּוסטע איבערנעמערישע רייד, וואָס קריכן איר ניט אין קאָפּ און וואָס זי באנעמט זיי קימאט ניט. זי, וואָס שטאמט עמעס, מעגלעך, ניט פון אזא יִיכעס, ווי יענע, אָבער וואָס דארף זי אים און וואָס דארף זי ביכלאל אויסער אירע קינדער, דעם עלטערן, וואָס זיצט און וואָס זי וואָלט אים אוואדע געוואָלט זען אף דער פרײַ, און אויך איר מיליע, איר לעבעדיקן און גרינגפיסיקן נאכעס, וואָס אי זי לערנט זיך, אי זי פארליבט זיך, אי זי איז צוגעשטאנען צו דער זאך, פאר וועלכער איר ברודער לײַדט, און וואָס דאָס אלץ איניינעם איז איר אוואדע א טרייסט אין איר גאָר ניט געהויבענער אלמאָנישער אויסקומעניש. און זע, און ווי קעדיי צו באלעבן איר פּאָרשטעלונג וועגן מיליען, און קעדיי בעעמעס טאקע דאָ קריגן טרייסט אין אָט דער איר באליידיקנדיקער לאגע, פארורזאכט פון אָט דער איר אזוי פרעמדער פרוי אין שלייער און אין שאבעס־פּוץ, האָט זיך איר פלוצעם באוויזן טאקע אליין מיליע. אָנגעלאָפן פון ערגעץ א ווײַטן סאָד־ווינקל, ווו זי האָט פארבראכט צי אליין, צי מיט עמעצן, און אײַלנדיק צו דער מוטער, וואָס איז געזעסן מיט עפּעס אן איר אומבאקאנטער, האָט זי א זאָג געטאָן א פארסאָפּעטע:

— זע, מאמע, א מוילוואָרף, ער איז בלינד. מע דארף אים זען קריגן ברילן.

זי האָט שפּילנדיק א ווײַז געטאָן דער מוטער די מוילוואָרפיקע מעציִע, וואָס זי האָט מיטגעבראכט אין פארטעך, און, זעענדיק ווי די מוטער איז פון עפּעס ניט אופגעלייגט, אפּאָנעם פון עפּעס א נאָרוואָס פאָרגעקומענעם געשפּרעך מיט דער לעבן איר זיצנדיקער אומבאקאנטער, האָט זי זי א פרעג געטאָן:

— וואָס איז, מאמע?

און דערוף האָט די מוטער איר מער ניט געהאט צו ענטפערן, ווי:

— גאָרניט, מילקע, גיי, גיי, אז כ'וועל דארפן, וועל איך דיך רופן.

דער מוטער האָט זי אין די געציילטע מינוטן פון איר שטיין פאר איר אוואדע געדינט פאר אן אָנשוילעכן פריידיקן באווײַז פאר יענער, אף צו קאָנען זיך מיט איר איבערנעמען, וויסנדיק,

אַז זי מוז אפילע אויך אַזעלכער, צי זי וויל, צי זי וויל ניט, געפעלן ווערן. פון דער צווייטער זײַט אָבער, האָט זי זי לענגער ניט געוואָלט פאַרהאַלטן, אי מאַכמעס באַשיידנקייט, ניט וועלנדיק שפּילן מיט איר שטאָלץ, און אי מאַכמעס זי האָט אויך ניט געוואָלט, מיליע זאָל זי ערגער ניט זען, און מוירע האָבנדיק, אַז אויב זי וועט זיך נאָך לענגער עטוואָס פאַרזאַמען און אויב, ווי מע קאָן קלערן, איר מיטשפּרעכערן וועט קיין טאַקט ניט קלעקן און זי וועט וועלן דאָס אָנגעהויבענע געשפּרעך ווי־ניט־איז ווײַטער פאָרזעצן אויך אין מיליעס אָנוועזנהײַט, אַזוי וועט דאָך מיליע אויך האָבן ערגער. און דאָס האָט זי אוואַדע ניט געוואָלט. זי האָט זי אָפּגעלאָזט, און אין דער צײַט. ווען מיליע איז געשטאַנען פאַר דער מוטער אין איר זומערדיק־לײַכטן אָנטאָן, אַ געקומענע פון אַ טיפן סאָד־ווינקל אַ באַהויכטע מיט זומער־סעדערדיקער לופט, פאַרב און רייכעס, וואָס יעדער אַנדערער, ווער עס זאָל ניט זײַן, ווען ער טוט דעמלט אַ קוק אָף איר, וואָלט זיך אים דאָס האַרץ אַ בראָך געטאָן פון איבערפלוס פון פאַרגעניגן און פון וועלן בענטשן אַזאַ, איז אָבער זי, לייבלס מוטער, די גערדראָלענע מעיוכעסעס, ניט מער גערירט געווען פון אָט דער ליבע־לויכטנדיקער מיידל־דערשײַנונג נאָר אָף אַזויפיל, אַז זי זאָל בלויז אַ פרעג טאָן בײַ דער מוטער, בײַ איר מיטשפּרעכערן:

— הא, דאָס איז זי, אײַער טאָכטער?

— יאָ, — האָט איר יענע אי גערן, אי ניט גערן געענטפערט.

— איז אָט, — האָט זיך יענע צו דעם פון פריִער איבערגעריסענעם געשפּרעך אומגעקערט מיט דער זעלבער קאַלטער אַנטשלאָסנקײַט, איצט ווען זי האָט שוין יאָ מיליען פאַר די אויגן געהאַט, ווי פאַר דעם, איידער נאָך ניט. זי איז געבליבן בײַ אירס: — זי האַלט פאַר איר כּיוון, — האָט זי געזאָגט, — צו אײַצן דער מוטער פון דער נאַרוואַס דאָ געשטאַנענער טאָכטער אירער, אַז בײַ איר קינד זאָל זיך דער קאָפּ ניט פאַרדרייען, ווי ווײַט מעגלעך אָפּהאַלטן פון צו טראַכטן אין דער ריכטונג, דה. אַז ווען־ניט־איז זאָל צווישן איר און לייבלען עפּעס צושטאַנד קומען. זאָל זי דאָס אין דער לאַנגער באַנק ניט לאָזן, ״אַ ראַכמאָנעס אָף איר קינד און אָף ביידע קינדער, אויב מע וועט זיי לאָזן לעבן אין טאָעס.

זי, מיליעס מוטער, קוקט זי אָן אַזוי, גלײַך זי וואָלט זי געפרעגט: ווער האָט איר געגעבן דאָס רעכט צו ריידן מיט אַזאַ בעטיכעס, ניט אָנפרעגנדיק זיך בײַ איר אייגן קינד, ווי ער וואָלט גאָר קיין דייע ניט געהאַט, ווען עס האַנדלט זיך וועגן זײַן גוירל, צי זיך יאָ בינדן מיט דער, וואָס אים איז ליב, צי ניט. יאָ, זי רעדט אַזוי, ניט האָבנדיק זיך אָנגעפרעגט אפריִער בײַ יענעם, אָבער דאָך מיט דער פולער זיכערקײַט, אַז אויב איר זון האָט געטאָן, וואָס געטאָן ביז אַהער, אָן דער האַסקאָמע און אָן צו האָבן באַגיטיקט פון איר, צי באַשטייט זי אָף זײַן באַגער, צי ניין, און אויב אפילע ער וועט אויך איצט, ווען זי וועט זיך קעגנשטעלן זײַן באַגער, זיך וועלן באַגיין אָן איר באַגיטיקונג, איז זי אָבער סאָפּקאָלסאָף זיכער, אַז ער וועט זיך ברעכן און וועט אָף איר מוטערלעכן צאַד אריבערגיין, ווען זי וועט פאַר אים אַוועקשטעלן די ברייִרע: ער זאָל זיך אויס־קלײַבן צווישן איר, דער מוטער, און צווישן דער, וואָס ער האָט זיך קעגן איר ווילן אויסגעוויילט. ווײַל יאָ, ווײַל אַזוי שטייט די פראַגע, אָדער זי אָדער די טאָכטער פון איר מיטשפּרעכערן, וואָס זיצט איצט בײַ איר זײַט, קוקט זי אָן פאַרוווּנדערט, ניט פאַרשטייענדיק קלוימערשט, וואָס זי רעדט און ניט וועלנדיק פאַרשטיין, אַז זי האָט רעכט אַזוי צו ריידן, מאַכמעס די געשמאַקן בײַ מענטשן זײַנען פאַרשיידענע און האַסאָגעס — אויך, און דאָס, וואָס איינער האַלט פאַר אָפּגעפרעגט, קאָן דער צווייטער האַלטן פאַר טײַער, און פאַרקערט. זי וויל זיך אין קיין לאַנגע מאַכזאָקעס ניט אַרײַנלאָזן, קעדיי אויסצובריִען, אַז זי האָט רעכט צו רעכענען און צו טאָן, ווי איר סייכל באַ־פוילט איר. זי וויל זיך, הייסט עס, פאַלש ניט פאָרשטעלן פאַר אַ הײַנטיקער, וואָס זי איז דאָס בעעמעס ניט און וויל דאָס ניט זײַן, מיינענדיק מיט פולן רעכט, אַז יעדער מעג זיך בלײַבן בײַ זײַנעם, און דערום זאָל דאָ איר דערלויבט זײַן צו פאַרענדיקן, מיט וואָס זי האָט אָנגעהויבן, — מיט דער אָפּנהאַרציקער וואָרענונג, געווענדט צו דער, וואָס זיצט איצט בײַ איר זײַט און קוקט זי אָן פאַרווּנדערט, און איר זאָגן, אַז אויב זי איז אַ מוטער, און אַ געטרײַע מוטער, אין וואָס זי צווייפלט ניט, און אויב זי איז, ווי מע דאַרף קלערן, אַזוי געטרײַ איר קינד, אַזוי ווי זי, לייבלס מוטער, — איר לייבלען, איז זאָל זי וואָס גיכער זען מאַכן אַ צעשיידונג צווישן דער פּאָר, וועלכע איז ניט פון גאָט, און וואָס דערום וועט זי אויך צו לײַט ניט זײַן און וועט קיין טקומע ניט האָבן, מאַכמעס זי וועט קיין האַסקאָמע און עלטערן־בראָכע ניט באַקומען.

— זי האָט געהערט? — האָט זי זיך אַ ווענד געטאָן צו יענער, לעבן איר זיצנדיקער מיליעס מוטער, גלײַך וועקנדיק זי פון שלאָף, אין וועלכן אַזאַ וואָלט זיך געפונען פאַרזונקען.

ריכטיק, יענע האָט זיך טאַקע ווי אין שלאָף־צושטאַנד געפונען, אופוועקנדיק זיך נאָר אַלע ווײַלע אָף קעדיי אַ קוק צו טאָן אָף דער, וועלכע האַלט צו איר אין איין ריידן, און זיך פרעגן דערבײַ: האַ? פונוואַנען האָט זי זיך גענומען אָף איר קאָפּ, אָט די אין שלייער און אין שאַבעס

אָנגעטאָנענע פּרוי? פון וואָס פאַר אַ מאָקעם, פון וואָס פאַר אַ שוואַרץ־סאַזשעדיקן קוימען האָט זי זיך אַרויסבאַוויזן, אָט די ווילד אָפּגעשטאַנענע בריזע, וואָס ווייסט ניט און וויל ניט וויסן, אין וואָס פאַר אַ צייַט זי לעבט, און אַז זי צוזאַמען מיטן גאַנצן רעשטל מעיוכעסדיקע פאָרורטיילן וועלן בעסאַכאַקל געפינען אָרט אָפן אויוון באַ אַן אַלטער באָבעצי, אַן אָפּשפּרעכערן, צווישן אירע גראָזן זיך צו טריקענען. זי, מיליעס מוטער, די מוטער אויך שוין פון אַ פּאָליטיש־געליטער־נעם זון, האָט אוואַדע רעכט געהאַט אָף יענער אַזוי צו קוקן, ניט קאָנענדיק באַנעמען, ווי ווילד, ווי אַלטפרענקיש־אָפּגעפרעגט און אַזוי אומזיניק איבערנעמעריש און פּאַריסן יענע האָט זיך גענומען די האָזע אין אַ מיטן העלן טאָג אין אַזאַ צייַט, אַ צייַט פון רעוואָליוציע, צו קומען צו איר, צו אַ מוטער, שוין אַ געליטענער פון עפּעס וויכטיקערס, ווי פון פּוסטן ייִכעס, ווי אויך צו אַ מוטער פון נאָך אַ קינד, וואָס איז איר ניט וויניקער טייַער, ווי יענער — אירס, קעדיי איר פאָרצולייגן, אַז זי זאָל זען שטערן די ביידע קינדערס גליק, בלויז דערפאַר, וואָס יענער, דער, וואָס זיצט איצט לעבן איר, דוכט זיך, אַז ס'איז ניט פאַר איר קינד קיין גליק, ניט אָנפרעגנדיק זיך אפריער באַ איר אייגענעם, צי ס'איז טאַקע אַזוי בעעמעס, נאָר פון פאָרויס באַשטימענדיק, אַז אַזוי מוז דאָס זייַן, מאַכמעס, פאַרשטייט איר, זייַן מוטער שטייט דער שידעך ניט אָן. או־ווא! מיליעס מוטער האָט געהאַט רעכט אָף יענער אַזוי צו קוקן, באַליידיקט אין אירע מוטער־געפילן, פונקט ווי איר שכיינע, וועלכע איז באַזוכט געוואָרן פאַר מיליעס מוטער, האָט געהאַט רעכט זיך געפינען מער ווי באַליידיקט, ווען יענע איז קעגן איר אַרויסגעפאָרן מיט דעם געוויסן סאָרט טייַנעס, וועלכע זי האָט אויך פאַרענדיקט מיט אַ וואָרענונג, אַז אַזוי און אַזוי, אויב מע הערט זי, איז גוט, און אויב ניט, איז זי גרייט אָפן ערגסטן, ווי אפילע אָף מעסירע.

— זי הערט, — האָט מיליעס מוטער אָף יענערס לעצטער פראַגע זיך געווענדט צו איר און ווי זי פון שלאָף וועקנדיק געענטפערט: — זי הערט, — האָט זי געזאָגט און האָט מער ניט אין זינען געהאַט צו זאָגן מאַכמעס ווידערווילן און מאַכמעס פאַרדראָס: לעמייַ ס'איז איר באַשערט דאָ, באַ איר אין סאָד, אָף יענער איר אַזוי באַליבטער באַנק, וואָס אונטער איר אַזוי באַליבטן אַלטן עפּלבוים, אויסצוהערן אַזוינס באַליידיקנדיקס פאַר דער ליבע פון איר קינד, וואָס זי פאַרעכנט דאָס אויך ווי איר באַליידיקונג. זי האָט מער ניט אין זינען געהאַט צו זאָגן אויך פון שטאָלץ, ניט האַלטנדיק פאַר רעכט אַרייַנצוזאָגן אוואָסערע־ניט־איז קעגן־טייַנע אין אַן אויער פון אַזאַ, וואָס האָט נאָך די אַלע רייד ניט די ווערט, מע זאָל מיט איר אין אַ וואָסער־ניט־איז אַמפּערייַ אַרייַנטרעטן און באַ איר וועלן אויסדינגען מער רעספּעקט צו זיך אַליין אָדער צו איר קינד, וואָס יענע האָט, לויט דעם, ווי זי האָט זיך אָקאָרשט דאָ אַרויסגעזאָגט, געוויס ניט פאַרדינט זי, איר מיליען הייסט עס, פאַר אַן אייגענער אַרייַנצוקריגן — אַ צווייט קינד צו איר קינד. זי האָט ניט אין זינען געהאַט מער צו זאָגן, און דאָך האָט זי זיך ניט אָפּגעהאַלטן פון כאָטש ווי־ניט־איז אויסצולאָדן איר פאַרדראָס, צוגעבנדיק:

— יאָ, זי הערט, נאָר איינס מוז זי איר דאָך זאָגן, דער, וואָס איז ביז אַהער דאָ מיט איר צוזאַמענגעזעסן און וואָס באַלד קלייַבט זי זיך אוועקגיין, אַז ווען זי, מיליעס מוטער, לעמאָשל, וואָלט וויסן, אַז איר מיטשפּרעכערן האָט געמאַכט יאַרשענען איר קינד כאָטש איינעם נאָר אפילע אירן אַן אָדער, וואָלט זי געהאַלטן דאָס צוזאַמענטרעפן זיך פון איר קינד מיט יענערס פאַר אַ ביטערן טאָעס. צום גליק אָבער, דוכט זיך, איז דאָס ניט אַזוי. וואָס זשע געהער דער פאָדערונג פון איר מיטשפּרעכערן, אַז זי זאָל זיך באַצייַטנס נעמען צעשטערן, וואָס זייערע ביידע קינדער האָבן צווישן זיך אין ליבע אויסגעבויט, מוז זי איר זאָגן, אַז זי איז ניט פון די, זי האַלט ניט דערבייַ; האַלטנדיק פאַרקערט, אַז קיינער טאָר זיך אין אַזאַ זאַך ניט מישן, ווייַל דאָס איז בלויז די קינדערס זאַך, און ניט קיין פראַגע פון ייִכעס, און ניט פון דעם, צי ס'שטייט יאָ אָן אָדער ניט. זאָל זי גיין געזונטערהייט, — האָט מיליעס מוטער צוגעגעבן, אַ ביסל שוין גאָר אַן אופגעבייזערטע פון יענערס פּרעך־מעיוכעסדיקער מיסיע, — און אַז מע וועט דאַרפן, וועט מען איר שוין צו וויסן טאָן, ווו עס האַלט.

יענע איז אוועק — אוואַדע ניט קיין איבעריק אופגעלייגטע פון איר באַזוך באַ מיליעס מוטערס שכיינע, וועלכע האָט, אויסהערנדיק אירע טייַנעס, איר גאָרנישט ניט געענטפערט און געקוקט אָף איר, ווי אָף אַ דולער, אָדער ווי אָף אַ מענטשן ניט פון דעם אוילעם, אָדער ווי אָף טאַקע אַזאַ, פאַר וועלכער מע דאַרף מוירע האָבן און, ווי ווייַט מעגלעך, ביז אַ צייַט איר פאַרשווייַגן. און אוואַדע און אוואַדע איז זי אוועק אומבאַפרידיקט און קלאַל ניט אופגעלייגט פון דעם, וואָס מיליעס מוטער, וועלכע האָט לעכאַטכילע איר אויך געדענקט צו פאַרשווייַגן, האָט זיך לעסאָף ניט אײַנגעהאַלטן און איר נישקאָשע פון אַ פּאָר לעצטע ווערטער, ניט וויניקער באַליידיקנדיקע פון אירע, אַרייַנגעזאָגט; און גאָר־גאָר אוואַדע האָט איר אופגעבראַכטקייַט שוין די לעצטע מאָס דערגרייכט, ווען איר לייבל האָט שפּעטער מיט עטלעכע טעג, געוויר ווערנדיק

פון זײַן מאַמעס אַזוי גערעטן שענדלעכן באַזוך, סײַ באַ מיליעס מוטערס שכײנע, סײַ באַ מיליעס מוטער אַליין, איר גענומען פֿירהאַלטן פֿאַר איר גאַר פֿײַנער און געהויבענער טאַט, זאָגנדיק:

— מאַמע, צי ווייסטו כאַטש, צו וואָס פֿאַר אַ נידעריקער שטופּע דו האָסט זיך אַראָפּגע־לאָזט, ביז אַזש צו שרעקן מיט מעסירע, וואָס דאָס, דאַרף זי וויסן, פֿאַרשווײַגט מען ניט, און ווער דער, וואָס באַגייט אַזאַ זאַך און שענדלעכקייט זאָל ניט זײַן, שטעלט מען זיך ניט אָפּ פֿון אים אָפּצוראַמען פֿון וועג אַף אַלערליי אויפֿאַנים, ביז אַפֿילע האַרגענען.

אַז לייבל, אַ זייער אופֿגעבראַכטער פֿון זײַן מוטערס וויזיט באַ מיליעס מוטערס שכײנע, אי אויך באַ מיליעס מוטער אַליין, איז אַרויסגעטראָטן קעגן איר, איר אויסוואָרפֿנדיק איר אומ־ווירדיקע אופֿירונג סײַ באַ דער, סײַ באַ יענער אין דער אָנוועזנהייט פֿון זײַן פֿאָטער, דעם האַלב צערייבענעם, דעגענערירטן שלימאַזל, וועלכן ער האָט געשעטלט פֿאַר אַן איידעס פֿון דער מוטערס ביזויען, אַ זאָג געבנדיק צום פֿאָטער: — זאָג דו, טאַטע, צי האָט די מאַמע גוט געטאָן אַזוי־אַ זיך אופֿירנדיק? — אַז לייבל האָט אַזוי געזאָגט, אַרײַנצײַענדיק אינעם איניען אויך זײַן שלימאַזלדיקן טאַטן, פֿון אופֿרעגונג, אַזוי איז די מוטער פֿון איר אָרט אופֿגעשפּרונגען און, אַ קלאַפּ געבנדיק אין טיש, מײַסע־הערשערן אויסגעשריִען:

— גענוג! גענוג ביזויענעס מיר אָנגעטאָן שוין ביז אַהער, וואָס אַ גאַנצע שטאָט האַלט מיך אין מויל פֿאַר די מײַסים־טויווים, וואָס איך האָב אַזוינס אויסגעהאָדעוועט און וואָס דערפֿאַר דאַנקט ער מיך אָפּ און האַלט אין איין אָנשיקן אַף מיר זײַנע זיסע כעווירע, די „סטרוקציע", וואָס וויל רײַך ווערן פֿון פֿרעמדע קעשענעס, אין וועלכע זי האָט גאָרנישט ניט אַרײַנגעלייגט. איז אים נאָך ווייניק, אַוודע האָב איך עס באַ אים פֿאַרדינט. איז גוט, — האָט זי אַ געשריי געטאָן, זיך ווענדנדיק צו לייבלען, — איז אָט נעם, הארגע מיך און אויך אים, — האָט זי אין גרויס אופֿגעבראַכטקייט אָנגעוויזן אויך אַף איר מאַן, אַף לייבלס פֿאָטער, אַף דעם האַלב צערייבענעם שלימאַזל, וועלכער האָט אַ פֿאַרלוירענער און אַ אָן לאָשן בלײַבנדיקער זיך געזען אַ צוגעצויגע־נעם צו אַזאַ שאַרפֿן סיכסעך, וועגן וועלכן זײַן זון האָט געפֿאָדערט, ער זאָל אויך אַרויסזאָגן זײַן דייע, וואָס ער האָט אָבער ניט, אי פֿון צעטומלונג, אי אַפֿילע ווען ער זאָל ניט זײַן צעטומלט.

— לייבעניו, — איז דער פֿאָטער מער ניט אימשטאַנד געווען, ווי נאָר אַ געשריי צו טאָן, אַ ניט געוויינלעכן פֿאַר זײַן גאַרגל, — לייבעניו, וואָס קומט דאָ פֿאָר, פֿאַרוואָס קומט אונדז האַרגענען, מיך מיט דער מאַמען? — און דערבײַ, די לעצטע ווערטער זאָגנדיק, האָט ער זיך צעכליפּעט פֿון אָנמאַכט און פֿון דעם, וואָס, בײַזײַענדיק בייס אָט דעם העפּטיקן אומגעהערטן קריג צווישן ווײַב און זון, אין וועלכן ער, ווי אַ פֿאָטער, וואָלט אַוודע זיך באַדאַרפֿט אַרײַנמישן, שטעלנדיק זיך אַף וועמעס־ניט־איז צאַד, האָט ער אָבער פֿון נישטיקייט און זעלבסט אָנערקענ־טער מאַכטלאָזיקייט געפֿילט, אַז ער האָט קיין קויעך ניט דערצו. ער האָט געוויינט, און אין דער זעלבער צײַט איז לייבלס מוטער, זײַן ווײַב, שוין דערגאַנגען צו אַזאַ מאַדרייגע, אַז זי האָט שוין אַפֿילע ניט געהערט, וואָס איר מויל ברענגט אַרויס, ווען זי האָט אין דער הייך צו איר לייבלען אַ וואָרף געטאָן:

— גיי פֿונדאַנען, גיי צו דײַן „סטרוקציע" און צו דײַן מויד, וואָס זײַנען דיר אַוודע טײַערער פֿון מיר מיטן טאַטן!

לייבל איז אַוועק, אַ קלאַפּ געבנדיק מיט דער טיר. דער קאָפּ איז אים איצט געווען ניט דערבײַ, ער זאָל זיך פֿרווון נעמען פֿאַרשטענדיקן מיט דער מוטער, וואָס לאָזט זיך ניט, מאַכמעס איר קאַס אַף אים איז דאָך שוין דערגאַנגען ביז קרענקלעכקייט און ביז אַפֿילע זיך צו קאָנען אָפּזאָגן פֿון אים און אים פֿאַר קיין קינד ניט רעכענען. ער איז אַוועק צו די, באַ וועמען ער האָט געקאָנט געפֿינען אַ היים אָן פּענטעס, און וואָס, ווי נאָר מע האָט דערהערט, אַז ער האָט איבערגע־ריסן מיט דער זײַניקער, האָט מען אים אי באַגריסט, אי באַ אים אַ פֿרעג געטאָן: — ווי מיינט ער, די מאַמע זײַנע וועט שווײַגן, און צי איז זי ניט פֿייִק דערויף, אַף וואָס זי האָט אָפֿן אין איר גע־שפּרעך מיט מיליעס מוטערס שכײנע אָנגעטײַט, — אַף מעסירע?

— ניין, — האָט ער, ניט קאָנענדיק זיך פֿאַרשטעלן, אַז זײַן מוטער זאָל האָבן געמיינט מיט איר דראָונג ערנסט, זי געפֿרווט שיצן און פֿאַרטיידיקן פֿון יענעם כשאַד, וועלכן זי האָט אַליין צו זיך אַרויסגערופֿן, — ניין, זי איז דערויף ניט פֿייִק, — האָט ער גזאָגט, — און געזאָגט האָט זי דאָס בלויז אין אַ מאָמענט פֿון פֿאַרצווייפֿלונג, פֿאַר וועלכן זי איז ניט פֿאַראַנטוואָרטלעך, מאַכמעס איר איבערגעטריבענער און קימאַט קרענקלעכער ליבע צו אים, צו איר איינציקן.

מע האָט זיך דערויף באַרויִקט באַ מיליעס מוטערס שאָכן אין שטוב, אויסשטעלנדיק אַף לייבלען און זיך פֿאַרלאָזנדיק אַף אים, אַז אויב ער פֿאַרטיידיקט אַזוי די מוטער, איז ווייסט ער און מיסטאָמע איז ער אַף אַלע הונדערט פּראָצענט מיט איר זיכער. מע האָט זיך באַרויִקט, און אַזוי ווי די צײַט האָט ניט דערלויבט זיך פֿאַרנעמען מיט זײַטיקע זאַכן, איז דאָס פֿאַרבליבן קלינגען ניט מער ווי אַ שפּאַס, אין וועלכן מע האָט זיך דערמאָנט בלויז פֿון צײַט צו צײַט, בלויז אין גוטן

מוט, מיט דעם, וואָס מע פלעגט לייבלען אמאָל א רוף טאָן מיטן נאָמען „טאטנס קינד“ און „מאמינע דעטינע“.

אויך מיליע האָט זיך בארוִקט, זי האָט זיך סאָפקאָלסאָף דערוווּסט פונעם געשפּרעך פון לייבלס מאמע מיט איר מוטער אין יענעם טאָג, ווען זי האָט דערזען א פרעמדלעכע פרוי צוטרוילעך מיט איר מוטער אין סאָד אף דער באנק זיצן דעמלט און ווען זי איז צו דער מוטער צוגעלאָפן, באוויַזנדיק איר דעם מוילוואָרף אין פארטעך. זי האָט אינעם זעלבן טאָג שפּעטער געוומען ארויסציִען בא דער מוטער אייניקע סוידעס פון יענעם געשפּרעך מיט יענער פרוי, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן צו זיַין לייבלס מוטער, און דעמלט האָבן זיך איר לעכאטכילע די ברעמען אָנגעברויגעזט פון יונג־מיידלשן פארדראָס, ווי יעדערער, וואָס פאלט בא זיך אראָפּ, ווען מע טרעט אים אָן אף דער מענטשלעכער ווירדע. שפּעטער אָבער, ווען זי האָט זיך געזען מיט לייבלען און ער האָט איר באליידיקונג צעשטרייט דערמיט, וואָס ער האָט זי פארזיכערט, אז די מוטער איז טאקע — מוטער, אָבער ער איז — ער, און ער רעכנט זיך קלאל ניט מיט דעם, וואָס יענע וויל אים אָנבינדן, און אז בליַיבן וועט ווי בא זייביידע, אים און איר, איז ליב; אז ער האָט איר אזוי געזאָגט און דערצו נאָך האָט ער, געפינענדיק זיך מיט איר אין סאָד ערגעץ אין א ווינקל פארוקט, אין יענעם אָוונט, ווען אָט דאָס געשפּרעך מיקויעך דעם וויזיט פון זיַין מאמע צו אירער איז פאָרגעקומען, איר אויסער ווערטער אויך אָנשוילעך באוויזן, ווי ליב ער האָט זי און ווי טיַיער ער האלט זי אין די אָרעמס ארומגענומען, אזש ער האָט בא איר הייסע פארגעניגטע טרערן ארויסגערופן, — אָט דעמלט האָט זיך אויך מיליע בארוִקט, פארגעסנדיק גאָר באלד, צי דער, וואָס האלט זי אזוי צו זיַין ברוסט, צו די אויגן און צום מויל נאָענט, פארמאָגט נאָך אויסער זיך — א מאמע, וואָס האָט אים געבוירן און וואָס האָט די אזוי נאָענטקיַיט זיַינע מיט איר ניט געוואָלט אנערקענען און זי צו האלטן פאר געזעצלעך, ווי איר גאָט און ווי איר אָפּגעשטאנען געוויסן האָט געבאָטן.

מע האָט זי פארגעסן, די מוטער, וויַיל וועמען איז זי דען אין זינען געלעגן אזא, ווען אזוינע ביז אהער ניט געדאכטע געשעענישן האָבן געגומען אָנשווימען און ווען די געזעלשאפטלעכע לופט איז שוין אזוי וויַיט געווען אָנגעלעקטריזירט, אז אלע האָבן געפילט, אז אָט באלד שלאָגט די שאָ, ווען אף דער מאכטס שיף וועט זיך דער לעצטער שטורעם א טראָג טאָן מיטן פולן אימפּעט אף זי איבערצוקערן; דעמלט, ווען אין דער שפּרודלדיקער קאָך־באוועגונג זיַינען געהאט אריַינגעשלעפּט געוואָרן אפילע אזוינע, וואָס לויט די זיי אייגנטימלעכע נייגונגען האָבן זיי געמעגט שטיין און זיך האלטן וואָס וויַיטער פון איר, אָן קיינע סימפּאטיעס איר ארויסצוויַיזן, און דאָך האָט אויך זיי ווי א מין ווינט פון הינטער די פּלייצעס געשטויסן אהין צו קומען און מיטן קלאל־אָטעם צו עטעמען, צו זייער אויסבעסערונג און מער מאָראלישער אידייִשער געזינונג, ווי אָט, לאָמיר זאָגן, די פארשיידנערליי טאטנס זינדלעך, די גימנאזיסטלעך און סטודענטלעך, וועלכע האָבן יענעם ערעוו־שטורעמדיקן זומער, פאָרנדיק אף קאניקול צו זייערע עלטערן פון דער פרעמד, ווו זיי האָבן זיך געלערנט, גאנצע בינטלעך, פון דער הויט קריכנדיק, זיך געבעטן, מע זאָל זיי צוציִען און זיי אויסנוצן אף אוואָסער־ניט־איז געביט, ווו מע וועט געפינען פאר נייטיק. און אין דער שטאָט, וועגן וועלכער עס גייט דאָ די רייד, און אין יענער אָרגאניזאציע, צו וועלכער די אונדז באקאנטע לייבל און מיליע האָבן געהערט, איז די פאָרבארייטונגס־ארבעט אף צוציִען אזוינע, דה. אף די ערשטע געשפּרעכן מיט זיי האָבן, קעדיי מיט זיי זיך צו באקענען און זיך דערוויסן, מיט וואָס פאר א קאוואָנעס און מיינען זיי ווילן זיך צום קלאל צוטוליען, — איבערגעגעבן געוואָרן טאקע מיליען, וועלכע האָט שוין פאר זיי די געהעריקע שפּראך געהאט, ווי אליין א ביסל פון זייער סוויווע א שטאמענדיקע, ווי אליין א שילערן פון דער גימנאזיע פון הי, ארום וועלכער יענע אָנגעפאָרענע האָבן געקלעפּט.

אזוי איז מיליע דעמלט פארנומען און באשעפטיקט געווען מיט די לײַכטערע אופטראָגן, וועלכע זיַינען איר איבערגעענטפערט געוואָרן, און אוואדע שוין איז מער פארנומען געווען לייבל, וואָס האָט קימאט פון פרי ביז נאכט אומגעשמיַיעט פון אָרט צו אָרט מיט פארשיידענע אופגאבעס, וועלכע ער האָט געהאט צו דערליידיקן אין יענער הייסער ציַיט, ווען מע האָט זיך אָט־אָט שויך געריכט אפן לעצטן טרומייט־שאל פון לעצטע רעוואָליוציִאָנערע אקציעס, נאָך וועלכע די פעסטונג־טויערן פון דער מאכט וועלן שוין האָבן געקראכט און איַינגעפאלן. און אוואדע און אוואדע זיַינען דעמלט נאָך מער פארנומען געווען אזוינע, ווי מיליעס מוטערס שאָכן, וואָס לויט דער מיסיע, וואָס ער האָט געהאט אויסצופירן אלס אָרגאניזאטאָר־פארבינדלער, דה. אלס אָפּנעמער פון פארבאָטענע זאכן, ווי ליטעראטור, ווי געווער, וועלכע מע באקומט דורך דער גרענעץ פון אויסלאנד אריבער־געשיקט, און אלס פארשפּרייטער פון די זעלבע אין די ראיאָנען, ווו זיַין אָרגאניזאציע איז טעטיק, — האָט מען אים אמאָל געקאָנט זען זיך טראָגן איַילנדיק מיט א קוריער־צוג צו דער גרענעץ אָדער א צוריק איַילנדיקן פון דאָרט, און אן אנדערשמאָל מיט טויבע טראקטן אף א פּאָטשט־פורל

מיט גלעקער צו פאָרן א באנאכט, א פארטאָג, א ניט אויסגעשלאָפענעם און מיט א שווערן קאָפּ אין דרימל אראָפּגעלאָזטן, האָבנדיק צופוסנס אין היי אָדער אין שטרוי פארשטעקט דעם טשעמאָדאַן מיט פארבאָטענע מינים, וואָס ער פירט מיט זיך. זעלטן האָט מען דעמלט אזא איינעם אין דער היים געקאָנט טרעפן, ער זאָל אמאָל האָבן אפילע געקומען באזוכן זײַן פרוי, וואָס איז שוין געווען אין די גאָר הויכע כאדאָשים; זעלטן האָט אפילע אזא, ווי לייבל, א ווייניקער פאראנטוואָרטלעכער פון יענעם, צײַט געהאט א טראכט צו טאָן אָדער זיך צו ווועלן דערפרעגן, וואָס אין זײַן היים טוט זיך, נאָך דעם ווי ער האָט זי פארלאָזט, זיך צעגייענדיק אזא צעקריגטער מיט דער מוטער. און אייניקע קרויווים אָדער עלטערע מעשאָרסים פון זײַן מוטערס קראָם האָבן זיך אמאָל אין שאָלעם געוואָלט ארײַנלייגן, טרעפנדיק אים אף דער גאס אָדער ספּעציִעל צו אים אף דער בירזשע פון זײַן אָרגאניזאציע זיך אוועקלאָזנדיק, קעדיי אים אָפּצוזוכן און אים א זאָג צו טאָן מיט פאָרוווּרפלעכן מוסער: — סטײַטש, לייבל, וואָס טראכט ער זיך? און וואָס וועט זײַן דער טאכלעס? און צי ווייסט ער דען ניט, אז זײַן מאמע קאָן אָן אים ניט לעבן, און אז זינט ער האָט מיט איר איבערגעריסן און איז פון דער היים אוועק, איז זי ניט צו דערקענען: זי עסט ניט, טרינקט ניט, האָט ניט די שטוב און ניט קיין מיסכער אין זינען. און אז דער טאטע זײַנער איז שוין גאָר אויס מענטש, ווײַל, ווי לייבל ווייסט, איז ער אזוי אויך דאָך קיין איבעריקער בעריע ניט, ביפראט איצט, אז די שטוב איז אויסגעליידיקט און אז די מוטער גייט ארום אָן א קאָפּ און מע דאַרף מוירע האָבן, זי זאָל זיך כאָלילע פון זינען ניט רירן. איז הא, וואָס טראכט ער זיך, לייבל? און עפּשער וואָלט א סוואָרע געווען, ער זאָל פארבייגן זײַן קאָוועד, אויב די מוטער האָט אים אָנגערירט, טאקע צוליב איר, צוליב דער מוטער, וואָס, ווי אלע זעען, וועט זי דאָס ניט אריבערטראָגן, אויב עס וועט זיך לאנג נאָך אזוי ציִען.

אויסהערנדיק אזא מוסער־טיראַדע פון א קאָרעוו אָדער פון אן אונטערגעשיקטן עלטערן מעשאָרעס פון זײַן מוטערס קראָם, וואָס מעגלעך, אז זײַן, לייבלס, שלימאזלדיקער פאָטער האָט יענעם אָנגעשטעלט, בעטנדיק אים גיין אין אָט דער שליכעס, און מעגלעך, אז יענער האָט דאָס געטאָן פון אייגענער איניציִאטיוו, — אויסהערנדיק די רייד, האָט לייבל, אליין דאָך ניט קיין גאזלען און אין טאָך טאקע עפּשער ראכמאָנעס האָבנדיק אף דער מוטער, אָבער וויסנדיק, פון דער אנדערער זײַט, אז אויב ער וועט זיך צו איר ווײַזן, קומענדיק זי איבערבעטן, וועט דאָס אליין איר ניט גענוג זײַן און זי וועט נעמען ווײַטער פאָדערן, וואָס זי האָט ביז אהער און איידער ער האָט די שטוב פארלאָזט געפאָדערט, און נעמלעך, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זיך און פון אלץ, אין וואָס ער זעט זײַן לײַב־און־לעבן געבונדן, ווי פון זײַן קלאל־ארבעט, אזוי אויך פון זײַן מיליען, צוליב אירע, דער מוטערס, קאפריזן, — דאָס ניט האָט ער זיך געזאָגט. און קעדיי דער קריג מיט דער מוטער זאָל זיך פארשפּאָרן איבערכאזערן, ווען ער וועט אהיימקומען און ווען זי, ווי ער איז זיכער געווען, וועט ווידער וועלן בלײַבן בא אירע פריִערדיקע פאָדערונגען, האָט ער בעסער באשלאָסן, אז זאָל דאָס בלײַבן בא דער זעלבער סטאַדיע, ווי עס האלט איצט, און ניט אָנהייבן ווידער פונסנײַ, וואָס עס וועט אי פאר אים, אי פאר איר זײַן ניט לעטויווע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אָנצונעמען דעם פאָרשלאָג וועגן זיך אומקערן אהיים, ניט וויסנדיק וואָס פאר א פאָלגן עס וועלן זיך דערפון באקומען און אלנפאלס ניט טראכטנדיק, אז די מוטער איז שוין דערגאנגען אין איר אופגעקאָכטן קאס ביז ווירקלעכער קרענק, ווי עס האָט זיך דערנאָך ארויסגעוויזן, און צו אזא מאדרייגע, ווען א מענטש איז שוין לאכלוטן ניט פאראנטוואָרטלעך ניט דערפאר, וואָס ער טוט זיך אליין, ניט אויך דערפאר, וואָס ער טוט אנדערע, וועלכע דארפן אים זײַן ניט ווייניקער טײַער, ווי ער זיך.

און ווירקלעך: אויב לייבל און זײַנע לײַט האָבן זײַן מוטער פארגעסן, ניט גערענקענדיק, וואָס זי האָט אין איר פארביטערט־האָנאָרעוואטן טראנס, קומענדיק צו מיליעס מוטערס שכיינע און אויך צו מיליעס מוטער, גערדראָט, דעמלט נאָך אײַנגעהאלטן און אין די הענט זיך האָבנדיק, האָט אָבער זי זיי זיכער ניט פארגעסן און, זעענדיק זיך א בארויבטע פון אלעם גוטס, וואָס זי האָט איר לעבן לאנג געזאמלט, — פון איר לייבלען, וועלכן זי האָט לויט איר האסאָגע דערצויגן, געקעכלט און געמיינט אלערליי פארגעניגנס פון אים ארויסקריגן, ווי ווערדליק איר האסאָגע, — זעענדיק זיך איצט בארויבט פון דעם אלעם, האָט זיך איר פּלוצעם עפּעס אזא בראָך געטאָן אין הארצן, אין קאָפּ און אין אלע איווורים, אז דאָס האָט זי פון איר גלײַכגעוויכט ארויסגעשלאָגן, מאכנדיק זי פאר אויס סויכערטע אין מארק, אויס באלעבאָסטע אין שטוב, אויס ווײַב צו איר שלימאזלדיקן מאן און אויך אפילע אויס מוטער פון איר לייבלען, וועלכער איז איר, ווי מע דארף קלערן, טײַערער געווען פון אלעם דעם נאָרוואָס אויסגערעכנטן. מע האָט דאָס באמערקט אין איר שטיין, גיין און באנעמונג, ווען זי האָט געטאָן מיסכער, ניט וויסנדיק, וואָס זי טוט, און ווען זי האָט באלעבאטעוועט אין שטוב, ניט זעענדיק, אז עס פאלט איר פון די הענט, ווי אויך ניט באמערקנדיק איר שלימאזלדיקן מאן, גלײַך ער פעלט איר לאכלוטן אויס אין איר באוווסטזײַן

ווי אַזאַ, וואָס זי האָט צו אים אוואָסערע־ניט־איז שײַכעס, אַלקאָלפּאָנעם אַ גרעסערע דאַך, ווי צו אַ פֿליג אַף דער וואַנט. און וואָס געהער איר לייבלען, איז ער איר דאַפקע זייער און זייער אין זינען געלעגן, אָבער ניט אַף צו באַציִען זיך צו אים, ווי צו אַ קינד און ווי צו אירס אַמאָל אַ טײַער געהאַלטן קינד, נאָר פֿאַרקערט, ווי צו אַ קעגנער אַף אופֿצוכאַפּן ווו אַ שלעכטע יעדיִע, אָן עמעסע אָדער אויסגעטראַכטע אַף אים, קעדיי אים צו קאָמפּראָמעטירן און קעדיי צו באַשטעטיקן איר האַלטן אים פֿאַר אַזעלכן, בענעגייע וועלכן זי איז זיך רעכט באַגאַנגען, זיך פֿון אים אָפּזאָגנדיק און אים פֿון זיך דערווײַטערנדיק. זי האָט ראַק געטאָן און געקליבן גאַנצע קאָלעקציעס באַלעבאַטיש־סאָכרישע רעכילעס, וואָס צווישן יענע שיכטן האָט מען דעמלט צוליב געוויסע קאָמפּראָמעטירנדיקע צילן זיך געהאַט אָנצודערציילן אַף יענע, מיט וועלכע מען איז קלאַל ניט געווען שאָווע־בעשאָווע, דה. ניט אײַנשטימענדיק מיט זייערע נײַ־מאָדנע גענג און גאָרער אופֿרײַסערישער טעטיקײַט, וואָס מע האָט זי מיט פֿאַראַכטנדיקער האַלאָצע אָנגערופֿן „קאָמונע מיט קאַשע“.

דעמלט האָט מען זי געקאָנט זען — הער אַ זאַך — אַמאָל אין אַן אָוונט גאָר אַף אַן אַרבעטער־בירזשע פֿאַרבלאָנדזשען, אומדרייענדיק זיך אַ פֿרעמדע צווישן אוילעם, וועלכער האָט, ניט ווילנדיק אַפֿילע, זי געמוזט באַמערקן אַלס אַזעלכע, וואָס האָט זיכער דאָ ניט וואָס צו טאָן, אויב ניט סײַדן עפּשער גאָר מיט עפּעס אַ שלעכטער קאַוואָנע, וואָס צוערשט, קוקנדיק אַף איר און מערקנדיק איר מער־וויניקער אָנשטענדיקע באַנעמונג, ווי אויך איר האַלבאָשע, האָט זיך עס ניט געוואָלט גלייבן. אַזוי לאַנג, ביז דער כשאַד, וואָס זי האָט מיט איר אומזיסטן זיך אַרומדרייען דאָרט אַרויסגערופֿן, האָט זיך פֿאַרגרעסערט, און דעמלט האָט מען זי שוין ווען־ניט־ווען אָדער אַליין מיט די בליקן דורכגעטריבן און איר דעם וועג אַף ערגעץ אַנדערש אָנגעוויזן, אָדער מע האָט זיך אַפֿילע ניט אָפּגעשטעלט פֿון מיט ווערטער און מיט פֿאַרשעמענדיקע אויסרופֿן אַף איר כעזשבן דאָס צו טאָן.

און געטאָן האָט זי דאָס, און געקומען איז זי אַהין, קעדיי אַמאָל פֿונווײַטן צו דערזען דאָרט אויך איר לייבלען מיט דעם איר פֿרעמדן און אַזוי ניט געוווּנטשענעם אוילעם זיך אומדרייען, וואָס דערפֿון האָט זיך איר קעגנערשאַפֿט צו אים נאָך מער געקאָנט שטאַרקן, זעענדיק ווי ווײַט ער איז פֿאַרקראָכן און ווי ריכטיק זי האָט געטאָן, וואָס זי האָט מיט אים אַלע קנופּן איבערגעריסן.

מע האָט זי נאָך געקאָנט זען — זאָל דאָ ווײַטער געזאָגט ווערן — באַם טײַך, דעמלט ווידער אין אַן אָוונט, ווען יונגעלײַט נעמען פֿאַר זייערע שפּאַצירן אַף שיפֿלעך, אָפּשווימענדיק פֿון שטאָטישן ברעג צו יענעם, וואָס ליגט ווײַט פֿון שטאָט, קעדיי דאָרט צו פֿאַרברענגען, וויפֿל מע באַגערט, און צו האַלבער נאַכט און אַמאָל נאָך שפּעטער צוריק קומענדיק פֿון דאָרט מידלעך אויסגעשעפּטע און פֿון וואַסער דערפֿרישטע; אין יענעם זומער האָבן, ווי באַוווּסט, דעם טײַך באַהערשט אַמערסטן די צו פֿאַרשיידענע אָרגאַניזאַציעס געהערנדיקע יוגנטלעכע, וועלכע האָבן אויסגענוצט יענע שפּאַצירן ניט אַזוי צוליב אַמוזירן זיך, ווי צוליב דורכפֿירן קאָנספּיראַטיווע פֿאַרזאַמלונגען אָדער טאַקע אָפּן וואַסער, ווען מע פֿלעגט צונויפֿנעמען אַ גאַנצע קאַוואַלקאַדע שיפֿלעך אַף איין אָרט אָפּצוהאַלטן אַ באַראַטונג צי אַ מיטינג, אָדער אַפֿילע צוליב דעם זעלבן צוועק אויסשטײַגן אַף אַ ווײַטלעכן ברעג ערגעץ. און צווישן אַלע יענע אָפּן וואַסער שפּאַצירנדיקע, האָט זי, די מוטער פֿון לייבלען, ווידער געמיינט אים אַמאָל טרעפֿן אַרײַנשטײַגן אין אַ שיפֿל אָדער אַמאָל אַרויסזעצן זיך פֿון אַזאַ צוזאַמען מיט אַ קאָמפּאַניע זײַניקע, אויך צוזאַמען מיט דער, וועלכע האָט געדינט פֿאַר דער הויפּט־סיבע, פֿאַרוואָס ער האָט זיך פֿון איר אַזוי דערווײַטערט און פֿון איר מוטערלעכער היים־שוועל זיך אָפּגעשלאָגן. און אויך דאָס האָט זי געטאָן, קעדיי דעם קאַס אין זיך ניט לאָזן אויסלעשן, נאָר, פֿאַרקערט, אים צעבלאָזן, און קעדיי צו געפֿינען אַ באַרעכטיקונג דערפֿאַר, וואָס אויך זי, פֿון איר זײַט, האָט זיך אַזוי האַרב געשטעלט צו איר ווידערשפּעניקן זון — אַף אים נאָך מער פֿון זיך דערווײַטערן, ווי ער אַליין האָט דאָס געטאָן.

מע האָט זי ווײַטער געקאָנט זען — זאָל דאָ צום לעצט געזאָגט ווערן — ווי קימאַט שוין אַלע נאַכט פֿלעגט זי ווי אַ נאַכט־וואַנדלערן פֿון איר געלעגער אופֿשטיין און זיך צו איר לייבלען אין צימער אַרײַנשטעלן און, צוקומענדיק צופֿוסנס אָדער צוקאָפּנס פֿון זײַן בעט, פֿלעגט זי לאַנג דערויף קוקן, ווי גלײַך איר זון לייבל איז דאָרט דאָ און גלײַך ער געפֿינט זיך אַ שלאָפֿנדיקער אָדער אַ וואַכנדיקער, מיט וועמען זי פֿלעגט זיך — הער אַ מײַסע — שוין גאָר אַף אַן אומנאָרמאַלן אויפֿן זיך דורכשמועסן אָדער מיט גוטן, אָדער מיט בייזן — מיט איין וואָרט, אַ ביסל האָט לייבלס מוטער שוין טאַקע זיך גענומען אופֿירן גאָר ניט מײַסע נאָרמאַל, וואָס דאָס האָבן געקאָנט באַמערקן די מעשאָרסים פֿון איר קראָם, זעענדיק, ווי זי האָט פֿיל פֿון איר אימפּעטיקער סאָכרײשער גיריקײַט גענומען נאָכלאָזן, אַרויסווײַזנדיק ווייניק אינטערעס צו קויף־ און פֿאַרקויף־זאַכן, בייס אַזעלכע, ווי זי, פֿלאַקערן דאָך טאָמיד אוף פֿון קאָפּ ביז די פּיאַטעס, ווען ס׳האַנדלט זיך וועגן עפּעס־איז צו פֿאַרדינען אָדער עטוואָס וויניקער צו דערלייגן. זי האָט זיך גענומען האַלטן ווי אַ זײַטיקע, פֿאַרלאָזנדיק זיך אַף די מעשאָרסים, וועלכע וועלן מיט דער קלוימערשטער הילף

פון איר מאן דעם טויגעניכטס שוין דערליידיקן וואָס מע דארף. יענע האָבן געטאָן, וואָס עס פאָדערט זיך געוויינלעך פון מעשאָרסים פאר די סכירעס, וואָס זיי האָבן באקומען, אָבער, ניט האָבנדיק אף זיך דאָס שטרענגע האוזשגאָכע־אויג פון דער ביז אהער באשטענדיקער אָנפירערן אין געשעפט, האָבן זיי זיך גענומען אונטערפוילן און קנאפּ זיך קימערן, צי דאָס געשעפט ליידט דערפון צי ניט. עלטערע, אלטפרענקישע מעשאָרסים האָבן שטילערהייט אונטערגעמוסערט די יינגערע, לעמיי זיי באציִען זיך גלייכגילטיק צום אינטערעס פון זייערע באלעבאטים, וואָס איז סאָפּקאָלסאָף אויך זייער אינטערעס. און צי זיי האָבן יאָ געווירקט אף יענע צום בעסערן, צי ניט, נאָר וואָס געהער זיי אליין, האָבן זיי אויסער דעם, וואָס זיי האָבן איצט געזען מער געטריי דינען, גענומען זיך ארייַנמישן אינעם קאָנפליקט צווישן זייער באלעבאָסטע און איר זון, ווייסנדיק, אז דאָס איז דאָך די סיבע פון איר קאלטער שטעלונג צום געשעפט, זעענדיק, אז זי גייט אייַן און האָפנדיק, אז מיטן דערגרייכטן שאָלעם צווישן איר מיטן זון וועט זיך איר די סאָכרישע לוסט צוריק אומקערן און זייער ברויט וועט דערום זיי זייַן מער געזיכערט.

דעמלט האָבן אייניקע פון זיי פאָרגענומען דאָס, וואָס איז פריִער שוין דערציילט, און, קומענדיק אמאָל ספּעציִעל אף דער בירזשע מיט אָט דער מיסיע אָדער צופעליק אף דער גאס דערזעענדיק לייבלען, האָבן זיי גענומען מעקלערן א שאָלעם צווישן אים און זייַן מוטער, וואָס דאָס האָט זיך נאָך אלע זייערע הישטאדלעסן און לאנגן אייַנטייַנען זיי ניט אייַנגעגעבן. און די קרענק פון לייבלס מוטער האָט, ווי געזאָגט, דערווייַל וואָס אמאָל פּראָגרעסירט און זיך געשטארקט, און גאָט ווייסט, מיט וואָס עס וואָלט זיך דעמלט, טאקע דעמלט, געווען געענדיקט, ווען ס'זאָל זיך ניט געווען מאכן איינער א צופאל, וואָס האָט צייַטווייַליק די קרענק דאָך ניט געלאָזט זיך צעשפּילן, ניט לאָזנדיק זי דערגרייכן צו יענער מאדרייגע, צו וועלכער זי איז שפּעטער, ווי עס וועט דערציילט ווערן, דערגאנגען.

ס'איז געשען א פאל, וואָס האָט יעדן איינעם געקאָנט כאָטשבי אף א ווייַלע מאכן פארגעסן זייַנע אייגענע אנגסטן צוליב א צאָרע פונעם קלאל, וואָס האָט אלעמען ווי מיט א דובינע דערלאנגט.

אין איינער א גובערניע־שטאָט, א נאָענטע צו דער, וועגן וועלכער עס גייט די רייד, איז אויסגעבראָכן א פּאָגראָם אף יִידן, א מין שטיקל רעפּעטיציע צו יענע פּאָגראָמען, וואָס די מאכט האָט שפּעטער אום הארבסט, אום כוידעש אָקטיאבער, באלד נאָך דעם, ווי זי האָט אלערהעכסט גנעדיק געשענקט די באוווסטע קאָנסטיטוציע, זיי געלאָזט מאכן אין מאסעוון מאסשטאב איבערן גאנצן אזויגערופענעם יִדישן טכום. דאָס מאָל האָט זי זיך באנוגנט בלויז מיט דער איינער שטאָט, ווו ס'האָבן איר צוגעהאָלפן צום אייסעק א בינטל גאלאָכים און מאָנאכן פונעם דאָרט זיך געפינענדיקן מאָנאסטיר, א ביסל — דער שווארצמייעדיקער פארייַן פונעם הייליקן מיכאִיל און אייניקע טשינאָווניקעס פונעם גובערנאטאָרס קאנצעליאריע, ניט אָן דעם גובערנאטאָרס האסקאָמע, פארשטייט זיך, און אויך ניט אָן דעם וויסן פון דער זשאנדארמעריע־פארוואלטונג און פון דער פּאָליציי. און אָט די אלע צוזאמען האָבן שוין דאָס געוווסט אזוי אייַנצואָרדענען, אז בייס איינער א פּאטריִאָטישער דעמאָנסטראציע, אף וועלכער עס האָט געזאָלט מאניפעסטירט ווערן די געטרייַשאפט פון געוויסע אונטערטאנער צום הייליקן טראָן פון דעם צאר, וועלכער געפינט זיך אין סאקאָנע געשטירצט צו ווערן פון די אָפּט בונטעווענדיקע זשידעס און סטודענטן און אלע אנדערע פרעמדפעלקערלעכע סאָנים פון דער מאכט, — אז בייס אָט דער דעמאָנסטראציע זאָל איינער א זייעריקער, א פּראָוואָקאטאָר, ווארפן א שטיין אינעם קייסערס פּאָרטרעט, וועלכן מע האָט פאָרויסגעטראָגן אין דער ערשטער ריי פון די דעמאָנסטראנטן, און דאָס זאָל דינען פאר א סיבע און פאר א סיגנאל, אז באלד זאָלן די געוויסע אויסגעשרייען זיך דערהערן: — שלאָג די זשידעס! און אז באלד זאָלן טאקע די 'זעלבע דעמאָנסטראנטן זיך ווארפן צוערשט בלויז אף פארבייַגייענדיקע יִידן, און דערנאָך, צוזאמען מיט א פון פאָרויס צוגעגרייטער באנדע כוליגאנעס און ביכלאל מענטשן־אָפּפאל — זיך א לאָז טאָן אף דער פּאָגראָם־מעסע, דה. אף שלאָגן, ראבעווען, הארגענען, איבער אלע יִדישע קווארטאלן פון שטאָט.

די ידיִעס וועגן יענער פּאָגראָם־געשעעניש האָט זיך בליץ־שנעל איבערן גאנצן ראיאָן צעטראָגן, מאכמעס די יִדישע באפעלקערונג פון יענער שטאָט האָט גענומען לויפן אין גרויס פאניק, ווער מיט דער באן, ווער מיט פורן, ווער צופוס אפילע, וווּהין נאָר מע האָט געמיינט, אז מען איז מער געזיכערט. דעמלט האָבן אלע אָרגאניזאציעס פון די דערבייַליגנדיקע שטעט גענומען ארויסשיקן אהין, ווו דער פּאָגראָם איז אויסגעבראָכן, זייערע געהיימע זעלבשוץ־אָטריאדן, וועלכע מע האָט, גרייטנדיק זיך צו אזעלכע געשעענישן, שוין פון לאנג ספּעציִעל דערוף באוואָפנט. און דעמלט איז אויך פון דער שטאָט, וועגן וועלכער עס גייט דאָ די רייד, הילף אין דער פאָרם פון זעלבשוץ־אָטריאדן אהין געשיקט געוואָרן, אף גיך באוואָפנטע און אף גיך צוזאמענגעקליבענע. און אזויווי מע האָט געהאט מוירע מיט דער באן צו פאָרן, ווייַל דאָס וואָלט זיך שטארק געוואָרפן אין די אויגן פון די, וועלכע זייַנען אוואדע מיט אזא סאָרט פארבאָטענער

הילף פון זייער זײַט זיכער ניט גערן געווען, סײַ די פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע פון הי, פונוואַנען מע האָט באַדאַרפט אַרויספֿאָרן, און סײַ די זעלבע פון דאָרט, וווּהין מע האָט באַדאַרפט אַרײַנפֿאָרן, האָט מען דאָס דערום געמאַכט בישטיקע און מע האָט זיך אַוועקגעלאָזט פון פאַרשיידענע ערטער פון הינטער דער שטאָט, אין קליינע גרופּעס אויף פֿורלעך, אויף פֿאַעטאָנעס.

פאַרשטענדלעך, אַז אויך פון דער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער אונדזער לייבל האָט געהערט, איז אַזאַ אָטריאַד אויסגעריכטעט געוואָרן, מע האָט אים געשיקט צוזאַמען מיט אַלע אָרגאַניזירטע אונטער דער אָנפֿירונג פון מיליעס מוטערס שאָכן, וואָס האָט זיך גראָד דעמלט אין שטאָט געטראָפֿן און וואָס אים, ווי אַ גוטן אָרגאַניזאַטאָר, איז איבערגעגעבן געוואָרן אויפֿצופּאַסן אויפֿן אָטריאַד סײַ אין וועג און סײַ ווען ער וועט אויפֿן אָרט קומען און ווען ער וועט אין שלאַכט אַרײַנטרעטן, ער זאָל אים דינען אַלס אַ מין קאָמאַנדיר.

אַ סוואָרע, אַז אויך לייבל, ווי אַ יונגער און אַ היציקער, איז מיט יענעם אָטריאַד מיטגעפֿאָרן. און אַוודאי פאַרשפּאָרט מען זאָגן, אַז אַלע יענע דעמלט אַוועקגעשיקטע אָטריאַדן האָבן געוויסנהאַפֿט און מיט מעסירעסנעפֿעש זייער שליכעס אָפּגעטאָן, אַוועקלייגנדיק היפּש קאָרבאָנעס, עמעס, פון צווישן זייערע אייגענע רייען, און דערפֿאַר אָבער אויך אַוועקפּאַטערנדיק פֿונעם סוינעס רייען, ווי מע האָט דערנאָך געזאָגט, ניט נאָר אַ קאָפּ פאַר אַ קאָפּ, נאָר פאַר איינעם — צען. איידער וואָס און איידער ווען אָבער, ביז אָט די אַוועקגעשיקטע אָטריאַדן האָבן זיך צוריק מיט העלדישן ניצאָכן אומגעקערט, באַווײַזנדיק זייער קויעך אָפּצושלאָגן די צעיושעטע היצליעס און פּאָגראָמשטשיקעס און אָפּצאָלנדיק, ווי עס קומט זיי, אָן דער הילף פון די אָרדענונג־היטער, און ניט געקוקט אפילע, פאַרקערט, אויף דער הילף, וואָס די אָרדענונג־היטער האָבן דאַפקע יענע דערלאַנגט, — איידער מע האָט דערלעבט דערהערן די גוטע בסורע, אַז אַלץ איז שוין דאָרט אײַנגעשטילט אַדאַנק דער הילף, וואָס איז אַהין געקומען, האָט מען דערווײַל באַלד צום אָנהייב, ווען די אָטריאַדן האָבן זיך נאָרוואָס פון אָרט גערירט, אַ פאַרקערטע בסורע דערהערט, נעמלעך: אַז עפּעס איינער פון די אָפּפֿאָרנדיקע אָטריאַדן האָט אויפֿן וועג גאָר שלעכט אָפּגעשניטן, אַוועקלייגנדיק אַלע זײַנע מיט אים מיטפֿאָרנדיקע מיטגלידער ביז איינעם, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אויפֿן אָרט פון דער געשעעניש אָנצוקומען. אַז יענער אָטריאַד האָט זיך שוין געהאַט דערנענטערט צו יענער שטאָט, וווּהין ער האָט געצילט, אָבער, מוזנדיק פאַרבײַפֿאָרן איינס אַ גרויס דאָרף מיט אַ שטאַרק אָפּגעשטאַנענער פּויערים־באַפעלקערונג, וועלכע איז פון פּאָליציי־רייטיריער, צו זיי ספּעציעל פון יענער פּאָגראָם־שטאָט אַרויסגעשיקטע מיט געוויסע אַגיטאַטאָרישע צילן, געוואָרנט געוואָרן, אַז קלוימערשט ייִדן קלײַבן זיך די קריסטלעכע באַפעלקערונג אויסצוקוילען, און אַ סימען האָבן זיי — באַלד וועט אויך אַהער אין דאָרף צו זיי אָנקומען אַ פֿור מיט באַוואָפֿנטע ייִדישע יוגנטלעכע, — איז אָט דעמלט, אַז יענער אָטריאַד האָט זיך דורכן דאָרף דורכפֿאָרנדיק באַוויזן, אַזוי איז אים אַ גרויסער האַמוין מיט העק, מיט פּלעקער און דראָנגען באַפֿאַלן, און איידער יענע קליינע גרופּע האָט נאָך צײַט געהאַט זייער געווער אַרויסציִען פֿונעם היי און פון דעם שטרוי, ווו זיי האָבן דאָס אויסבאַהאַלטן, ביז זיי וועלן אויפֿן אָרט ניט קומען, האָט שוין די אויפֿגעהעצטע און האַריגע־גרייטע מאַסע איר זאַך געהאַט אָפּגעטאָן אָן אַפֿריִער צו וועלן זיך דערוויסן, צי האָבן די אונטערגעשיקטע פּאָגראָם־אַגיטאַטאָרישע פּאָליציי־רייטיריער זיי געזאָגט דעם עמעס. די גאַנצע גרופּע יוגנטלעכע איז ווי סנאָפּעס אויסגעלייגט געוואָרן, און אַלע אַזוי צעבלוטיקט און אַזוי ביז צו די ביינער צעדראָשן, אַז מע האָט נאָכדעם, קומענדיק זיי צו קוורע ברענגען, ניט געקאָנט דערקענען, ווער ווי ס'האָט פריִער אויסגעזען און ווער וואָס פאַר אַ נאָמען ס'האָט אין לעבן געטראָגן.

דאָס געוויינע ווערנדיק, האָט די שטאָט, פֿונוואַנען אָט דער אָטריאַד איז אַרויס, אַ ביטערע יעלאָלע אויפֿגעהויבן. מוטערס זײַנען מיט צום הימל אויפֿגעהויבענע הענט אומגעלאָפֿן, אָנפֿרעגנדיק זיך בײַ אַלע די, ווער עס האָט זיך זיי אין אימפּעטיקן געלויף באַגעגנט, צי ווייסט מען ניט, צי האָט מען ניט געהערט, צי דאָס זײַנען די, צווישן וועלכע זייערע קינדער האָבן זיך געפֿונען. קיינער האָט פּאָרלויפֿיק ניט געוווּסט, וואָס זיי צו זאָגן, און יעדע מוטער האָט זיך דערום געפֿונען באַרעכטיקט איר קינד צו באַווײנען, און אַזוי ווי מוטערס פון אָפּגעפֿאָרענע זײַנען געווען אַ סאַך, האָבן דערום אַלע אַלעמען באַוויינט, און באַזונדערס איז די קלאָג גרויס געווען און האָט ביזן הימל געשטיגן, ווען מע האָט זיך דערוווּסט, אַז די קאָרבאָנעס זײַנען געווען אומזיסטע, אַז זיי זײַנען געפֿאַלן ניט פון ווירקלעכע סאָנים, קעגן וועלכע זיי האָבן ערשט באַדאַרפֿט אַרויסטרעטן און פאַרן בלוט פון די געפֿאַלענע נעפֿאָשעס נעקאָמע נעמען צענפֿאַך און מערפֿאַך, נאָר געפֿאַלן גאָר פון פאַרפֿירטע און פאַרבלענדעטע, וואָס ווען עס וואָלט זיך געפֿונען, ווער עס זאָל זיי אַנדערש געווען אויפֿקלערן, אַזוי וואָלטן זיי זיכער זייער געווער באַדאַרפֿט ווענדן ניט קעגן אָט די זיך פאַרטיידיקנדיקע קינדער, נאָר, פאַרקערט, קעגן יענע, וואָס האָבן אין זיי אומזיסט און אומנישט די פּויעריש־טעמפּע און בלינדע יוכע אויפֿגעקאָכט.

אָבער פארפאלן, מע האָט צוערשט באוויינט די אומזיסט געפאלענע, דערנאָך די ניט אומזיסטע, דה. די, וועלכע האָבן באוויזן אָנצולערנען יענע, וועלכע די מאכט האָט גערונגען און אָנגעהעצט אַף האריגע.

נו, נאַטירלעך, אַז צווישן אַלע וויינענדיקע און קלאָגעדיקע מוטערס וואָלט זיך אוואדע באדארפט געפינען אויך לייבלס מוטער, ווען זי האָט, ווי אַלע, דאָס רעכט געהאַט צו מיינען, אַז איר לייבל איז מיט יענעם אָטריאַד אין יענעם דאָרף מיט די אומזיסט אומגעקומענע דערמלט אומגעקומען. און דערנאָך, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דער דאָרטיקער אומגליק האָט זי אויסגעמיטן און ווען זי האָט זיך אויך דערוווּסט, אַז ער האָט זיך, באַרעכהאַשעם, מיט אַלע לעבן געבליבענע צוריק גאַנץ אומגעקערט, וואָלט זי, ווידער אויך, ווי אַלע, זיך געוויס באדאַרפט פרייען. ווען יאָ, ווען זי, לייבלס מוטער, זאָל געווען זיַין גליַיך צו אַלע. זי איז אָבער ניט געווען אַזאַ, וויַיל, ווען אַלע האָבן געוויינט, איז זי בלויז מיט אָנגערויגעזטע ברעמען אומגעגאַנגען, גליַיך דער גאַנצער איניען גייט זי ווייניק אָן און גליַיך זי וואָלט זיך געפונען אויסערן שוטפעס מיטן קלאַל, וועלכער איז געשטאַנען אין געפאַר און אויסערן שוטפעס אויך אַפילע מיטן פּראַט, דה. אַליין מיט איר זון לייבל, וואָס האָט זיך איַינגעשטעלט פארן קלאַל. און דאָס האָט שוין אוואדע ניט געקאָנט פאַרעכנט ווערן פאַר נאָרמאַל, ווען אַ מוטער זאָל אין יענער ציַיט, געפינענדיק זיך אין קאָך פון אַזוינע געשעענישן, האָבנדיק נאָך דערצו אירס אָן אייגן קינד אַלס אומיטלבאַרן אָנטיילנעמער אין יענעם קאָן איַינגעשטעלט, זאָל קאָנען בליַיבן אַזוי גליַיכגילטיק, אַזוי קאַלט, אַזוי אָפּגעפּרעמדט צו אַלעם דעם, ביז אַפילע ניט צו ציטערן ניט פאַר איר אייגענער הויט און אויך ניט פאַר דער הויט פון איר קינד, וואָס האָט איר דאָך באדאַרפט זיַין גאָר ניט ווייניק טיַיער. אוואדע אומנאָרמאַל און אוואדע לאָזט זיך דאָס ניט אַנדערש דערקלערן, ווי מיט אַ קרענק, וועלכע האָט שוין, וויַיזט אויס, אַ גרויסן טייל פון איר מויעך אָפּגעטעמפּט, מאַכנדיק זי אומפילבאַר צו אַזעלכע זאַכן, וואָס אַלע אַנדערע ווערן פון זיי אופגעשוידערט ביז דער טיף פון זייער זעל. ניין, זי — ניט. זי האָט זיך אין איר קליין שטיקל וואָך־געבליבענעם מויעך פאַרהאַקט מיט איר האַנאָרישעוואַטער ביטער־קרענקלעכער באַליידיקונג, וועלכע האָט זי ניט אָפּגעלאָזט און זי ווי אין קלעם געהאַלטן.

און אויב זי איז נאָך יאָ פייִק צו עפּעס פילבאַר צו זיַין, איז בלויז נאָר דערוף, זי זאָל זאַמלען וואָס מער מאַטעריאַל אַף צו באַרעכטיקן אָט די באַליידיקונג אירע, איר מער בייזקיַיט אונטערצוגעבן, אַזוי ווי איינער, וועלכער האָט מוירע, זיַין שיַיטער זאָל זיך אים ניט אויסלעשן, קליַיבט שפּענער אַף אונטערצולייגן, קעדיי צו פאַרגרעסערן דאָס פיַיער. און דאָס האָט זי זייער פליַיסיק געטאָן. זי האָט געהאַט אַן אויער אַף אופצוכאַפּן אַלדאָס בייז, וואָס געוויסע פאַרינטערעסירטע קעגנער־ליַיט האָבן אויסגעטראַכט אַף די, וואָס זיי האָבן צוליב טויוועס־האַקלאַל אַפילע דאָס לעבן איַינגעשטעלט, ווי אָט, לעמאָשל, דערמלט בייסן פּאָגראָם, וואָס איז פאָרגעקומען ניט אין דער אייגענער שטאָט, נאָר אין אַ פרעמדער, — האָבן זיי אי אַנדערע געוואַגט זיך צו שטעלן אין די רייען פון די פאַרטיידיקער פון די געליטענע, אי זיי אַליין האָבן זיך געפונען צווישן יענע רייען, און ניט געקוקט דערוף, האָבן אָט די נאָרוואָס דערמאָנטע פאַרינטערעסירטע קעגנער געלייקנט שטיין־און־ביין אינעם גוטן ווילן און מיין פון די איַינשטעלער, טיַינענדיק, אַז ווער בעט זיי זייער פאַרטיידיקונג, בעסער וואָלטן זיי לעכאַטכילע גאָר די קאַשע ניט געווען פאַרקאָכט און ניט געווען זיך מישן אין פּאָליטיק, וואָס איז קלוימערשט ניט פאַר ייִדן און וואָס גאָט ווייסט, צו וואָס עס וועט נאָך ברענגען, מאַכמעס דער איצטיקער פּאָגראָם, האָבן זיי געטיַינעט, איז נאָר אַ שפּיל קעגן דעם, וואָס שפּעטער וועט ערשט פאָרקומען, זיי וועלן ברענגען אַפן פיַיער...

נו, און אויך זי, לייבלס מוטער, האָט אַזוי געהאַלטן אין דעם פּראַט, ווי אויך אין אַלע אַנדערע בייזוויליק אויסגעטראַכטע בילבולימדיקע פּראָטים, וואָס יענע האָבן, צווישן זיך ריידנדיק, אַלעמאָל געהאַט אַפּסניַי צו פאַרפאַסן, ווי קעדוימע, אַז וואָס קאָן מען דען וואַרטן פון אַזעלכע, וואָס עלטערן זיַינען בא זיי גאָרנישט, טאַטע־מאַמע אַ שפּיַי, און אַז אין אַ פרעמדער קעשענע, האַלטן זיי, מעג מען אַ האַנט אַריַינטאָן. פרעמדס פאַרהאָרעוועטעס רעכענען זיי פאַר אייגנס, און זיי וועלן באַלד, זאָגט מען, דערגיין אויך דערצו, אַז זיי וועלן אויך פרעמדע וויַיבער פאַרעכענען פאַר אייגענע, טפו אַף זיי! לייבלס מוטער האָט דאָס אַלץ אין זיך אַריַינגענומען, האָבנדיק שוין אַ גאַנצן אַרסענאַל אָנגעהויפט מיט אַזעלכע סאָרטן ווילדעריַיען, וועלכע זי האָט געזען וואָס אַ טאָג פאַרמערן, האָבנדיק פאַר די אויגן איר אייגענעם בייַשפּיל, איר לייבלען, וואָס אַלץ, וואָס מע זאָגט אַף אַנדערע, איז זייער און זייער אָנגעמאָסטן אַף אים, און דערום גרייט זיַיענדיק אַף אַלץ, ביז אַפילע אים פון איר מוטער־בוך אַלס קינד אויסמעקן. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַ מיַיסע, וואָס האָט שוין גאָר איר מאָס איבערפולט.

צו שלוישים נאָך יענעם אויבן דערמאָנטן פּאָגראָם, האָט מען אין דער גרויסער שול בא־

שטימט מאַכן אַ מאָלע און אַ העספּעד נאָך די געפאַלענע קדושים, וואָס צוליב דעם האָט קימאַט די גאַנצע שטאָט אײַנוווינער אַהין זיך צונויפגעקליבן. ווער עס האָט באַוויזן אין שול אַרײַן, איז אַרײַן, און ווער ניט, איז אין דרויסן פאַרבליבן מיט נאָך הונדערטער, מיט נאָך טויזנטער, פאַר וועלכע עס האָט אינווייניק קיין אָרט ניט געקלעקט. די מאָלע האָט געזאָלט מאַכן דער באַוווסטער שטאָט־כאַזן, דער זייער פרומער און ווילדער באַל־מענאַגן, יערוכעם דער קליינער, ווי מע האָט אים גערופן. אַ קורץ געפאַקטער, מיט זשוואַווע הענט צום דיריזשירן און אויסדרעסירן זײַן כאָר, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין עכט מוזיקאַלע צוימען, מאַקפּיד זײַענדיק אויף אַ מינדסטער נאָטע, אויף אַ העלפט, אויף אַן אַכטל, ביז אַפילו קאָנען אַמאָל איינעם אַ גוטן זינגער פאַר אַ גאַנצן אוילעם אָפּשטעקן אַ פּאַטש, ווען יענער האָט עטוואָס געגרײַזט; אַ ייִד מיט אַ מאָפּסיש פּאָנעם, מיט אַ שוואַרצער ציגײַנער־הויט און שוין מיט ווײַס־גראָווע האָר פון קאָפּ און פון די פּייעס, וועלכע האָבן אים זייער געפּאַסט, צוגעבנדיק אים אָריגינעלן כיין. און דעריקער האָט ער געמוזט אויסנעמען און גלײַך באַמערקט ווערן פון יעדן, ווער נאָר עס האָט אויף אים בלויז אַן ערשטן קוק געטאָן, מיט זײַנע אומרויִק־טאַלאַנטפולע אויגן און מיט זײַן עטוואָס לייבישן קאָפּ, וואָס האָט זיך אים געהאַלטן אין איין שאָקלען, גלײַך ער האַלט אין דיריזשירן, און אין אַלע זײַטן פון זײַן לעבן אים שטייענדיקן כאָר אים ווענדן, אַפילו דעמלט, ווען ער האָט ניט דיריזשירט און ווען ער האָט אַפילו בעסאַכאַקל נאָר אַ געמיטלעך געשפּרעך געפירט מיט איינעם אָדער מיט מער פון איינעם. אָבער גאָר דעריקער טאַקע האָט ער אויסגענומען מיט זײַן עכט־ייִדישלעכער נעגינע, וואָס איז געווען באַוווסט בא דער גאַנצער שטאָט, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַן עכט־ייִדישלעכער, און אויך אויסער איר, אויפן גאַנצן קאַנט און ביז אַפילו, קאָן מען זאָגן, אין גאַנצן ייִדישן טכום־האַמוישעוו, און אַפילו נאָך ווײַטער, אין אויסלאַנד, מיט זײַן נעגינע, וואָס האָט אין אויסגענומענע פאַלן, ווי צו סליכעס אַשטייגער, געקאָנט וויינענדיק מאַכן אַ גאַנצע שטאָט, און אַ יאָמקיפּער צו דער אַווידע האָט ער מאַמעש־מאַמעש זײַנע צוהערער געמאַכט אָנצוזען דאָס לעבעדיקע בילד פונעם קויהען־גאָדל, ווי ער פּראַוועט זײַן גאָטעסדינסט אין בייס־האַמיקדעש, בײַטנדיק אָפּטמאָל זײַנע קליידער — פון ווײַס־לײַנענע אויף גאָלדענע, און בייס ער שפּריצט דאָס בלוט פון די קאָרבאָנעס אויפן מיזבייעך און ציילט: אחת, אחת ואחת אַוו.[1] אַט דער יערוכעם דער קליינער, דער אַזוי באַליבטער בא דעם גאָר פרומען טייל אײַנוווינער פון שטאָט, האָט דאָס באַדאַרפט מאַכן די מאָלע נאָך די געפאַלענע, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך איינער אַ ניט קיין ייִד, אַ רוסישער סטודענט מיטן נאָמען, לאָמיר זאָגן, בלינאָוו, אַליין צו אַ סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אַן אָנגעהעריקער, וועלכער האָט בייסן פּאָגראָם, ווי אַזעלכער, צוזאַמען מיט זײַנע ייִדישע כאַווײרים אין די רייען פון די פּאַרטיידיקער זיך געפונען און צוזאַמען מיט אייניקע פון זיי אַלס קאָרבן געפאַלן. דאָס — אַז מע זאָל אויך דעם ניט־ייִדן, דעם געפאַלענעם רוסישן סטודענט פאַרעכענען צווישן די ייִדישע געפאַלענע און אים דערמאָנען אין דער מאָלע — האָבן געפאָדערט די פאָרשטייער פון אַ היסטאָרישער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָבן זיך אויך דעמלט צווישן גרויסן אוילעם אין שול אַרײַן פאַרקליבן. און אַז ס'איז געקומען די צײַט דערצו, נאָכן לייענען, האָבן זיי געפאָדערט דעם בלינאָווס נאָמען אין צעטל פון די קדושים אַרײַנצושטעלן, וועלנדיק דערמיט באַווײַזן די שוטפעס און דאָס אָרנטלעכע און געוויסנהאַפטע אָנטיילנעמען פון אַלע פאָרשטייער פון אַלע פעלקער אין דער אָרנטלעכער זאַך, ווען עס שטייט פאַר צו פאַרטיידיקן אַוואָסער־ניט־איז פאָלק, וואָס די צמעסע רעוואָליוציאָנערן האַלטן דאָס פאַר זייער זאַך, פאַר וועלכער זיי דאַרפן זיך מויסער־נעפעש זײַן.

— וואָס הייסט? — האָבן געוויסע פרום־פאַרביסענע לײַט פון גאַבאָיִש־אָנפירערישן טייל פון שול געטײַנעט. — וואָס קער ער זיך אָן, אַזאַ, ניט קיין ייִד? זאָל מען אים מאַכן אַ מאָלע אין קלויסטער, אַדעראַבע, זאָלן זייערע דאָס טאָן.

— סטײַטש, — האָבן אַנדערע זיי אונטערגעהאַלטן, — טאַקע זייער פײַן, טאַקע זייער וווּיל, טאַקע פאַרן ייִדישן קלאַל געפאַלן, אָבער עס פירט זיך ניט אַזוי, ווײַל ס'איז אינערגעץ ניט געזאָגט...

ס'איז אַוועק אַ קריג צווישן פאַרשיידענע צדאָדים, וואָס אייניקע, די ערשטע, האָבן זיך געהאַלטן שטענדיק באַם דין, באַם מינהעג, וואָס הייסט דערמאָנען אַ נאָמען פון אַ פרעמד געבוירענעם נאָר אין אַזוינע פאַלן, ווען עס טרעפט דער טויט פון אַ מענטש פון מאַלכעס, דער טויט פון אַ קייסער, אָבער ניט מער; און דער צווייטער צאַד, דעריקער די פאָרשטייער פון די אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבן שוין געהאַט דערוואָרבן אויך אַ גרויסן טייל זיי מיטפילנדיקע מיספּאַלעלים אין שול, האָבן צוריק געטײַנעט:

— אַזוי וויל מען עס אָפּדאַנקען אַ מענטשן, וואָס האָט זײַן בלוט פאַרגאָסן? זײַן לעבן

[1] — אכאָס, אכאָס וועאכאָס (אַזוי ציילט דער קויהען־גאָדל: איינס, איינס און איינס, איינס און צוויי...).

אָפּגעגעבן? און צי האָט דען ניט אזא פּארדינט, אז אלע דינים און מינהאָגים זאָלן איבער אים געבראָכן ווערן? און צי איז דען ניט אזא איינער א באַוויַיז, אז עס קומט די צייַט, ווען אלע מעכיצעס צווישן איין פאָלק און דעם צווייטן וועלן ווערן אויס און אָפּגעווישט אף ניט צו דערקענען אפילע דאָס אָרט, וווּ זיי האָבן זיך אמאָל געפונען!

— גערעכט! — האָבן געשריִען אייניקע.

— אומגערעכט! — די אנדערע.

און צווישןביידע צדאָדים שרייַענדיקע און יעדן אף זייַן זייַט ציִענדיקע האָט זיך געפונען דער באַוווּסטער שטאָט־כאזן, יערוכעם דער קליינער: פון איין זייַט, צו די גאבאָישע אָנפירער פון שול געהאָרכזאם און, פון דער צווייטער זייַט, באלאגערט פון די צוטרעטנדיקע צו אים פאָרשטייער פון די אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן געפאָדערט, ער זאָל איצט בלויז זיי געהאָרכזאם זייַן. און דער סאָף איז געווען, אז די לעצטע האָבן געפויעלט, ארויסרופנדיק, עמעס, טרערן בא דעם כאזן, בייס ער, א ניט געוווינטער צו אזעלכע סאָרטן מאָלעס, האָט צווישן די נעמען פון די יִדישע קדושים געזאָלט אויך דערמאָנען דעם נאָמען פון דעם ניט־יִדישן — את הנכרי[1] בלינאָוו, ווי ער האָט פאָרמולירט זייַן באציִונג צו דעם קלוימערשט פרעמדן קאָדעש...

את נשמת הנכרי בלינאָוו שנהרג על קידוש השם בגן עדן תהה מנוחתו.[2]

...מ'דארף זיך פאָרשטעלן, ווי אָט דעם פרומען כאזן, וואָס האָט, ווי געזאָגט, צו סליכעס געקאָנט א גאנצע שטאָט מאכן וויינען, וויִאזוי די צונג האָט זיך אים ניט געלייגט אף ארויסצוברענגען אָט די נאָרוואָס דערמאָנטע ניט געוווינטע פאר אים ווערטער, ניט דערפאר, ווייַל ער האָט די אָפּערוויליקייַט פונעם געפאלענעם ניט געשעצט און האָט אים דעם גאניידן ניט פאַרגונען. ניין! נאָר נאָכאמאָל בלויז פון טראדיציִאָנעלער, אָפּגעשטאנענער רעגילעס, וועלכע איז אים אין וועג געשטאנען און האָט אים פאַרשווערט דאָס ארויסצורעדן... דאָך האָט ער דאָס מיט גרויס געפיל ארויסגעבראכט, און זייַן געבעטפולע אופריכטיקייַט האָט אזוי געווירקט, אז דער גאנצער אוילעם, אים צוהערנדיק, האָט באם דערמאָנען אָט דעם נאָמען ניט וויניקער טרערן געלאָזט פאלן, ווי באם דערמאָנען די נעמען פון די יִדישע געפאלענע. די פייַערלעכע טרויער־שטימונג איז אזוי גרויס געווען נאָך דער מאָלע, אז אלע האָבן געפילט, אז עס פּאָדערט זיך א וואָרט אף צו דערקלערן און באזיניקן דאָס געשעענע, וואָס האָט געפאָדערט די קאָרבאָנעס. דעמלט זייַנען טאקע אייניקע פאָרשטייער פון די פארשיידענע אָרגאניזאציעס ארויס מיט ווערטער, וועלכע האָבן אָנגעוויזן דעם אוילעם אף דעם הויפּט־שולדיקן פון די געשעענישן, — אף דער זעלבסטהערשונג, אובעסויכאָם, צווישן אלע רעדנער, האָט באקומען א וואָרט אויך דער אונדז באקאנטער לייבל, וועלכער איז מיט גרויס יוגנטלעכער היץ ארויס מיט א לויב־געזאנג צו די אונטערדריקטע און אונטעריאָכטע, וואָס וועלן סאָפּקאָלסאָף אן עק מאכן צו יענער אָרדענונג, וואָס איז געגרינדעט אף בלוט און וואָס איר באָדן שאָקלט זיך שוין אונטער די שווערקייַטן פון אירע פאַרברעכנס. און זייַן קאָל האָט אזוי יוגנטלעך, אזוי היציק און איבערצייַגנדיק געקלונגען, אז אלע צוהערער האָבן באם ענדיקן זייַן וואָרט, ווער מיט אָפענע אויסגעשרייען און ווער אלקאָלפאָנעם אין דער שטיל, אין הארצן, אים מיטגעפילט. און די באַגייַסטערונג פון אליין די אָנגעהעריקע צו די פארשיידענע אָרגאניזאציעס, וועלכע האָבן דעם מיטינג מיט די רעדעס אייַנגעאָרדנט, אָן א דערלויבעניש פון דער פּאָליציי, אָבער אלנפאלס מיט איר וויסן און מיט דער געצוווּנגענער האסקאָמע פון איר זייַט, — איז אזוי גרויס געווען, אז איינער א מיטגליד פון די קאמף־דרוזשינעס, די, וועלכע האָבן געהאט די אופגאבע צו פארהיטן אף עפנטלעכע ארויסטרעטונגען זייער אָרגאניזאציע־פאָרשטייער פון א וועמעס־ניט־איז אַנפאל — צי פון פּאָליציי, צי פון אנדערע שלעכט־באגערער — האָט פון גרויס היספּייַלעס, וואָס דער מיטינג מיט דער מאָלע, מיט דעם העספעד האָט זיך אזוי גוט אייַנגעגעבן, פון זייַן רעוואָלווער אויסגעשאָסן לעשעם דעמאָנסטראציע און פון פארגעניגטער איבערפולטקייַט. און דאָס איז שוין געווען איבעריק, דאָס איז שוין געווען א פעלער, ווייַל דער שאָס האָט א פאניק ארויסגערופן און האָט געגעבן דער פּאָליציי, וועלכע האָט ביז אהער בלויז אין דרויסן די אָרדענונג געהיט, דעם אויסרייד, זי זאָל זיך אין שול אריַינרייַסן און וועלן אופזוכן און אויסגעפינען דעם, וואָס פון אים איז דער שאָס געקומען. דאָס איז שוין געווען איבעריק, ווייַל מיטן אריַינרייַסן זיך פון דער פּאָליציי אין שול איז א פאניק אנטשטאנען, א גרויסע שטופּעניש און געדרענג פון אוילעם, וועלכער האָט געוואָלט ארויס, ניט וועלנדיק אומזיסט און אומניסט

---

[1] — עס האנאָכרי — דעם פרעמדן, פון א פרעמדן גלויבן.

[2] — עס נישמאס האנאָכרי בלינאָוו שענעהערעג אל קידוש האשיים בעגאן איידען טהיי מענוכאָסוי — די נעשאָמע פון דעם פרעמדגלויביקן בלינאָוו, וואָס איז אומגעקומען אף קידעש־האשעם, זאָל רוען אין גאניידן.

געפאנגען ווערן פון פאליציי, און אין יענעם געדרענג האבן שוין פיל געליטן און זײַנען פיזיש געשעדיקט געוואָרן.

דער פארשוין, דער שיסער, האָט, עמעס, נאָכדעם פון די זײַניקע זײַן ערלעכע אויסקומעניש געקריגן, פאר ברעכן די דיסציפלין, ביז, דוכט זיך, מע האָט אים אפילע פון דער אָרגאניזאציע אויסגעשלאָסן. אָבער די זאך איז שוין געווען אָפּגעטאָן, און דאָס האָט געגעבן אַן אויסרייד די שלעכט־באַגערער, זיי זאָלן ווײַטער זייער רעכילעס־טרײַבערײַ פאָרזעצן, טײַנענדיק:

— אָט האָט איר זיי, די, וואָס מיינען קלוימערשט באַזאָרגן אפילע גויִם מיט גאנײדן, וואָס אינדערעמעסן איז בא זיי קיין שום הייליקס ניטאָ, ביז אפילע צו קאָנען שיסן אום שאבעס, און ביז אפילע צו קאָנען צוקומען צו יערוכעם האקאָטן, דעמלט ווען ער האָט געקווענקלט, צי זאָל ער מאכן דעם ניט־יִידישן געבוירענעם די מאָלע, צי ניט, אים אָנכאַפּן פאר דער באָרד און מיט גאזלאָנישן אזוס אים אין די אויגן ארײַנזאָגן: איר הערט, רעב יערוכעם, אויב איר וועט איצט ניט מאכן קיין מאָלע דעם, וואָס מיר פאָדערן בא אײַך, וועט מען אינגיכן אײַך אליין דארפן מאכן א מאָלע. וואָס פון אָט דער וויסטער האַזע האָט זיך יערוכעם צעוויינט און, זײַענדיק געצוווּנגען צו פאָלגן זײַנע באַצווינגער, וואָס זײַנען אים, ווי מיט א מעסער, צום גאָרגל צוגע־טראָטן, האָט ער זיך דערנאָך מיט די ווערטער געוואָרגן.

אָט די אלע רעכילעסן האָט אויך לייבלס מוטער צו איר אויער אונטערגעטראָגן באקומען. און פאר איר, וואָס איז אין יענער שול דעמלט ניט בײַגעווען, מאכמעס זי האָט געדאַוונט אין אן אנדערער, האָבן שוין געוויסע לײַט געהאט נאָך א צולאָג צוצוגעבן, אז דאָס אלץ איז קלוימערשט, מעגן זיי שווערן, געטאָן געוואָרן טאקע פון איר לייבלען — דאָס אָנכאַפּן יערוכעמען פאר דער באָרד און צווינגען אים צו ווײַנען. און א סימען, האָבן זיי געזאָגט, אז דאָס איז ער, ווײַל אלע האָבן דאָך אים צווישן די יעניקע געזען און אויך געהערט ריידן נאָך דעם אלעם אומווירדיקן, וואָס ער האָט געטאָן מיט אזא ייִדן, ווי יערוכעם.

— סטײַטש, סטײַטש, — האָבן זיי געטײַנעט צו לייבלס מוטער, מאָנענדיק בא איר רעס־פּעקט פאר יענע הייליקײַטן, וואָס איר זון האָט קלוימערשט פארשוועכט. — סטײַטש, סטײַטש, — האָבן זיי געטײַנעט, — זי, אזא, זאָל ניט קאָנען ווירקן אף איר זון, ער זאָל זיך ניט האָבן צוגויפסקאָמפּאַנייען מיט אזעלכע, וואָס דארפן ניט איר, ניט אים אָנשטיין, ווײַל ווער זײַנען זיי בעעמעס, די דראַטווע־לײַט און פאָלגעס[1]?

דעמלט איז לייבלס מוטערס קרענקלעכע מאָס דערפולט געוואָרן. מע ווייסט ניט, פארוואָס האָט אָט די לעצטע בעעמעס ניט באַגאַנגענע טאט פון איר זון אזוי ביטער זי דערלאַנגט, ביז אפילע זיך ניט וועלן דערפרעגן, צי איז די איר אָפּגעטראָגענע רעכילעס מיקויעך איר זון בא־גרינדעט, צי ניט, נאָר אויסהערנדיק וועגן לעצטן פון איר אייניקע פון איר סאָכרישער בראַנזשע, ווען זי האָט געגלייבט, האָט זי די אויגן צו דער ערד אראָפּגעלאָזט פון בושע און פון ניט האָבן וואָס צו ענטפערן. און מער האָט זי זיי שוין, דוכט זיך, ניט אופגעהויבן, ניט נאָר פון בושע, נאָר דעריקער פון יענער אמביציִעזער געקרענקטקײַט, וואָס האָט זיך, ווי א דיבעק, ארײַנ־געכאַפּט און אין איר זיך באזעצט.

דעמלט האָט לייבלס מוטער פאָרגענומען א זאך, וואָס האָט שוין פון לאנג, ווײַזט אויס, אפן גרונט פון איר שווער פארזונקענער זעל געהויזט, ווארטנדיק, זי זאָל אף דער אויבערפלאַך ארופגעבראַכט ווערן. דאָס איז געווען פאראט, וואָס מע ווייסט ניט, צי האָט זי זיך מיט דער קלאָרער דייע און געגוי באטראכטנדיק אף אָט דעם שענדלעכן וועג געלאָזט, צי ניט באטראכט און בלויז געפינענדיק זיך אין טראנס פון דעם קראנק־מאכנדיקן אמביציִעזן דיבעק, וואָס האָט זיך אין איר באזעצט.

די רעזולטאטן פון איר פאָרגענומענעם שריט זײַנען געווען פאָלגנדע.

אין איינעם אן אָוונט, שוין שפּעט נאָך האלבער נאכט, ווען בא מיליעס מוטערס שאָכן אין שטוב האָבן זיך, ווי געוויינלעך לעצטנס, צונויפגעקליבן א בינטל אָרטיקע אָרגאניזאציע־טוער נאָך א הייסן טאָג ארבעט אין די פארשיידענע ווארשטאטן, אונטערנעמונגען און אויך נאָך דער אָוונט־ארבעט אף די בירזשעס, קעדיי זיך צו טיילן אי מיט די נאכעסן, איז מיט די שוועריקײַטן, וואָס יעדער איינער האָט געהאט אָנגעזאמלט פון די דערפאָלגן און אומדערפאָלגן, וועלכע האָבן זיי זיך געמאכט פאר הײַנטיקן טאָג, ווי אויך צו קריגן אָנווײַזונגען און דירעקטיוון אף מאָרגן, אף איבערמאָרגן פון די העכער שטייענדיקע פון זיך, און אין געגעבענעם פאל איז געמיינט — פון מיליעס מוטערס שאָכן, וועלכער האָט זיך נאָך די פיל אומרײַזעס די לעצטע צײַט איבער די פארשיידענע ראיאָנען מיט פארטיי־אופגאבן צוריק אין זײַן באשטענדיקן ווינאַרט אומגעקערט אהער אין שטאָט צוליב פארטייִיש־געזעלשאפטלעכע צוועקן, אָבער דאָס מאָל אויך צוליב זײַנע

[1] פאלגע — א שנײַדער.

פריוואטע אָנגעלעגנהײַטן, וועלנדיק געוווירע ווערן זײַן פרוי, וועלכע האָט שוין געהאַט לויט דער פרויישער רעכענונג בלויז געציילטע טעג צום האָבן, צום געלעגן ווערן, — אין יענעם אָוונט האָט צווישן אַלע אַנדערע זיך צונויפגעגאַנגענע בא מיליעס מוטערס שאָכן אין שטוב זיך געפונען אויך לייבל, וואָס איז לעצטנס שוין גאָר אַן אָפּטער אַרײַנגייער אַהין געוואָרן, באַזונדערס נאָך דעם, ווי ער האָט ענדגילטיק מיט דער מוטער איבערגעריסן און האָט אופגעהערט באַזוכן זײַן היים, ניט קומענדיק קיינמאָל אַפילע נעכטיקן און באַקומענדיק זײַן געלעגער אַמאָל דאָ, אַמאָל דאָרט און מערסטנטייל טאַקע דאָ...

צווישן אַלץ איבעריקע האָט זיך, פאַרשפּאָרט מען זאָגן, געפונען אויך מיליע, אי צוליב זיך, דה. צוליב לייבלען, מיט וועלכן זי האָט זינט יענער פריער דערמאָנטער נאַכט, ווען זי האָט מיט אים אין איר מוטער־סאָד, אונטערן אַלטן, מיט צוויט באַשאָטענעם עפּלבוים בא דער לעוואָנע־שײַן פאַרבראַכט, שוין ניט איין נאַכט אַזעלכע, מיט א לעוואָנע און ווען אויך ניט, דורכגעמאַכט דאָס זעלבע, — זי איז איצט געקומען, אויסער צוליב לייבלען, אויך צוליב דעם נאָרוואָס אָנגעפאָרענעם שאָכן, וואָס איז לעצטנס גאָר ניט קיין אָפּטער גאַסט געווען אין זײַן היים און וואָס צו אים, ווי צו אַן עלטערן און זייער פאַרערטן אָרגאַניזאַציע־אָנפירער, מיט וועלכן זי האָט זיך געפילט אי שכייניש, אי אידייִש פאַרבונדן, האָט זי געוויס גרויס אינטערעס אַרויסגעוויזן. צוליב דעם זעלבן, צוליב דעם ערשט ניט לאַנג אָנגעפאָרענעם שאָכן, איז אַפילע אַליין מיליעס מוטער אַרויס פון איר שוין עלטערלעך־אײַנגעשטעלטן שטייגער זיך ניט צו לייגן שפּעטער פון האַלבער נאַכט, און זי האָט זיך דאָס מאָל דערלויבט צו פאַרברענגען אין דעם שאָכנס באַגערטער נאָענטקײַט א ביסל שפּעטער. אַגעוו, לעצטנס האָט זי דאָס אָפּט אויך געטאָן, פון איר אײַנגעשטעלטן שטייגער אַרויסקומענדיק, אַפילע ווען ער איז אין דער היים ניט געווען, צוליב זײַן פרוי, צוליב דער שכיינע, וועלכע האָט אין איר שוואַנגער־לאַגע זיך געניטיקט אין דער נאָענטקײַט פון אַן עלטערער און מער דערפאַרענער פון זיך, ווי אַזאַ טאַקע, ווי מיליעס מוטער האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט.

און אָט דעמלט, ווען מע האָט אַזוי שוין שפּעטלעך אין דער היימישלעכער מעסיבע פאַרבראַכט, צי בא א טיי, צי ניט בא טיי, האָבן פלוצעם אַלע דאָרט פאַרזאַמלטע מיטאַמאָל און יעדער איינער באַזונדער דערהערט עפּעס ניט קיין היימישע טריט אין סאָד, וווּהין די פענצטער פון שטוב זײַנען אַרויסגעגאַנגען. פריִער האָבן זיך די טריט געדאַכט צו קומען פון מענטשן, וועלכע ווילן זיך האַלטן שטיל און אומבאַמערקט זיך צו די עפענונגען פון די פענצטער אונ־

טערגאנוווענען, אָבער ס'האָט אפילע קיין געציילטע מינוטן ניט געדויערט, ווי די טריט זײַנען שוין געוואָרן מער הערבאר, און באלד האָט מען אויך דערזען, צו וועמען זיי געהערן. באלד האָבן זיך בא די נידעריקע אין סאָד ארויסגייענדיקע פענצטער באוויזן צורעס פון פּאָליציי און פון שפּיקן, וועלכע האָבן זיך געהאלטן בא דער זײַט און הינטער די רוקנס פֿון די ערשטע, און באלד טאקע אינעם זעלבן מאָמענט, ווען די פּאָליציי־צורעס האָבן זיך פאר די פענצטער געוויזן, אפּאָנעם, צוליב שמירע און קעדיי צו פארשטעלן דעם ארויסגאנג אין סאָד, אויב עמעצער וועט זיך וועלן אהין ארויסשלײַכן, אין זעלבן מאָמענט האָבן זיך אויך פון קאָרידאָר, וואָס פירט פון דרויסן אין שטוב ארײַן, טריט דערהערט, און באלד האָט מען אויך דאָ דערקענט, צו וועמען זיי געהערן.

עס האָט זיך אין שטוב ארײַנגעשאָטן א גאנץ בינטל מיט א געוויסן איבעראשנדיקן אימפּעט אָנקומענדיקע פארשוינען, וואָס בעראָש האָבן זיי געהאט א פריסטאוו פון יענעם ראיאָן, ווי מיליעס מוטערס שטוב האָט זיך געפונען, נאָך אים א זשאנדארמעריע־אָפיצער מיט א האלבן מיניען זשאנדארמען, אויך מיט פּאָליציאַנטן אין א גענוגנדיקער צאָל, און צולעצט אויך עפּעס אן אף נאכט־געפּעלצטער וועכטער פון עפּעס א ניט ווײַטן הויף, וועלכן מע האָט באַדארפט, ווי דאָס זיסע געזעץ האָט געפאָדערט, פאר אן איידעס פון די אזויגערופענע ציווילע בירגער, אלס „פּאָניאטאָי” בייס דער אונטערזוכונג, און אויך דערנאָך, ווען מע וועט דעם פּראָטאָקאָל צונויפשטעלן, און ער, דער ציווילער, וועט דארפן זײַן באשטעטנדיקע כסימע אף אים אוועקלייגן.

מען איז ארײַן מיט א געוויסן איבעראשנדיקן אימפּעט, ווי אלעמאָל אין אזוינע פאלן, ווען מע האָט פריִער, ווײַזט אויס, געהיים אין דרויסן זיך געקליבן פארן איבערפאל, ניט ווענלדיק, מע זאָל א מינדסט דערהערן. ווען מען איז ארײַן און ווען מע האָט דערזען, אז מע האָט ריכטיק אָנגעטראָפן אף דעם, אף די, אף וועלכע מע האָט געוואַרט, האָט מען אויסגעזען יעגעריש באַפרידיקט און דערמונטערט פון דער האצלאָכע פונעם געיעג. הא, אָט זיי, אָט די דאָ פארזאמלטע, וועלכע מע האָט שוין לאנג, ווײַזט אויס, נאָכגעשפּירט, האָט מען געמיינט דאָ צו טרעפן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן די אונטערזוכונג, בייס וועלכער די אלע דאָרט געטראָפענע האָבן געשוויגן, קוקנדיק, ווי מע כאפּט זיך צוערשט צו די שאפעס, צו די קאסטנס, אין וועלכע מע מיינט פאַראַנטנס צו געפינען, דערנאָך ווען מע האָט זיך מיט די זוכונגען דאָרט אין יעדן מעבל־שטיקל אָפּגעפּאַרטיקט, האָט מען זיך גענומען צו די בעטן, אין וועלכע מע האָט אלץ איבערגעקערט, איבערגעראָיעט, באטאפּנדיק און ארײַנקוקנדיק אפילע אין די ציכן, ציכלעך פון די קישנס. אָפּגעפּאַרטיקט זיך אויך מיט דעם, האָט מען זיך געלאָזט צו זוכן העפטן, בריוו, וועלכע מע האָט געפונען ליגן אף א ביכער־שרענקל, אין א טיש־שופלאָד אאוו. דאָס אלץ האָט מען דורכגעמאכט, ניט האָבנדיק דערווײַל נאָך געפרעגט קימאט, ווער עס איז דער באלעבאָס פון דער וווינונג, אויך ניט וויִאזוי מע רופט די פארזאמלטע בא די נעמען. נאָכדעם האָט מען אויך דאָס געטאָן.

א פרעג געבנדיק, ווער איז דער, ווער יענער, און געוווירע ווערנדיק אלעמענס נעמען, האָט מען דערקלערט, אז די און די פון די דאָ פארזאמלטע ווערן לויט א מעלוכע־פאראָרדענונג ארעסטירט. ס'איז אָנגערופן געוואָרן צוערשט אליין דער שאָכן, דערנאָך דער דאָרט זיך אויך געפינענדיקער לייבל, ווי אויך אנדערע, וועלכע האָבן זיך אין יענעם צעטל געפונען פארעכנט פאר מאכט־אונטערײַסער. דערבײַ האָט זיך די שכיינע, וועלכע האָט שוין געהאלטן אָט־אָט ערעוו געלעגן ווערן, לעפּאָנעם געהאלטן מײַסע־מענטש, מײַסע־שטאנדהאפטיקע און באוווּסטזיניקע אונטערערד־טוערן, ניט דערלויבנדיק זיך אפילע, אז א האָר פון אירע ברעמען זאָל זיך וואקלדיק א ריר טאָן, אָבער אינערלעך אין איר האָט דאָך א קאָך געטאָן א קאָנספּיראטיוועער פּארדראָס: לעמײַ האָט עס פונדעסטוועגן געטראָפן נאָך דעם, ווי איר שטוב האָט אזא צײַט באוויזן צו בלײַבן אויסגעהיט פון אזעלכע איבערפאלן. „ניט אנדערש, — האָט זי געטראַכט, — אז א היימישער, א גאָר היימישער האָט דאָ צוגעארבעט, צולייגנדיק א האנט צו דעם, וואָס פּאָליציי און זשאנדארמעריע איז גראָד איצט, ווען איר מאן איז נאָרוואָס פון זײַנער א רײַזע געקומען, אף זײַן שפּור אָנגעפאלן”. מײַסע־מענטש האָט זיך דעמלט געהאלטן, נאַטירלעך, אויך דער שאָכן אליין, וואָס אף אים איז אוואדע ניט געווען צו דערקענען ניט קיין שולד, ניט קיין אומשולד, ווי אויך ניט קיין מוירע פארן געשעענעם, און עפּשער נאָר בלויז א קליין ביסל באדויערן: לעמײַ ער וועט מוזן א צײַט בלײַבן אויסער דער ארבעט, וועלכער ער האָט געקאָנט, לויט זײַנע אָרגאניזיר־פייִקײַטן, אזויפיל נוצן ברענגען. עס האָבן זיך געהאלטן גוט אויך אלע איבעריקע פון די דאָרט פארזאמלטע, ניט ארויסווײַזנדיק קיין מינדסטן סימען פּאכדאָנעס. און זע, א וווּנדער, אפילע אזא, ווי מיליעס מוטער, וואָס אף איר, ווי אף שוין אן עלטערער, האָט אוואדע באדארפט פּלעטנדיק ווירקן אליין דאָס דערשײַנען אונטער איר דאך פון אָט די זעלבע,

וועלכע האָבן בא איר איר ווײַט פאַרזעסענעם אָדער פאַרשיקטן זון גערויבט, — אפילו זי, בא וועלכער אליין פונעם אויסזען פון אָט די אָנשיקענישן אין די פּאָליצייִשע און זשאַנדאַרמישע שינעלן וואָלטן זיך איר באַדאַרפט די קני זעצן, דערזעענדיק זיי פלוצעם זיך באַווײַזן פריִער פון אונטער די פענצטער, דערנאָך אָנקומענדיק פון קאָרידאָר, דערנאָך בייס דער שטומלעכער אונטערזוכונג, דערנאָך ווידער באם שרײַבן און צונויפשטעלן דעם פּראָטאָקאָל, וואָס פון אלעם דעם איז איר קלאָר געוואָרן, אז ניט בלויז מיטן איבערפאַלנדיקן וויזיט און מיט דער אונטער־זוכונג וועט מען דאָ אָפּקומען, נאָר מיט עפּעס ערגערס, מיט דעם, וואָס נאָך דעם, ווי דאָס אלץ וועט זיך ענדיקן, וועלן אָט די פּאָליציי־פאַרשוינען אויך אייניקע איר היימישע נעפּאַשעס מיט זיך פאַרנעמען, — ניט געקוקט דערויף, האָט אויך זי זיך גוט געהאַלטן, ניט נאָכגעבנדיק א מינדסט פון דער ווירדע און ניט מוירע האָבנדיק, אז טאָמער וועט אויך זי, ווי א באַלעבאָסטע פון דער שטוב און ווי א בײַזײַענדיקע אין אזא געזעלשאַפט, וועלכע יענע לײַט האַלטן זי פאַר פאַרברעכעריש, דערפון לײַדן. נייִן, קיינעם איז דעמלט ניט אין זינען געלעגן א קוק צו טאָן, ווי אויך די בײַזײַענדיקע מיליע זעט אויס, ווי די פאַרב אין פּאָנעם האָט זיך איר געביטן בייסן ווײַזן זיך און אָנקומען פון יענע פאַרשוינען, און באַזונדערס, ווען עס האָט זיך דערהערט אויך דער נאָמען פון לייבלען, וועמען עס שטייט פאַר, לויט דער מיטגעבראַכטער פאַראָרדענונג, מיט די איבעריקע צו פאַרנומען ווערן. קיינער האָט אף איר ניט געקוקט. דערפאַר אָבער צום סאָף, ווען אלץ איז שוין געווען אויסגעפאַרטיקט, דער פּראָטאָקאָל פאַרענדיקט און אונטערגע־שריבן אפילו שוין פונעם „פּאָניאַטאָי“, פונעם אף נאַכט־געפעלצטן וועכטער, וועלכער איז די גאַנצע צײַט מיט דערעכערעץ, ווי אַן אָנגעדראָלענער ניכנע[1] און אויך ווי א שטיק אמטסמאַן, בא א זײַט געשטאַנען, ביז ער איז ניט אופגערופן געוואָרן צו גענענען צום טיש און אוועקלייגן זײַן כסימע, וואָס איז באַשטאַנען בלויז פון א ציילעמל, צוליב ניט קאָנען די קונסט פון שרײַבן, — אָט דעמלט, איז ווען אויך דער געפעלצטער וועכטער האָט אי פײַערלעך, אי שווער־שוויצנדיק זײַן שטיקל ארבעט אָפּגעטאָן, און מע האָט באַפוילן די, וועלכע מע האָט באַשטימט געהאַט אלס ארעסטירטע מיטצונעמען, זיך אָנטאָן, זיך שטעלן פאַרויס פאַר דער טיר צום ארויסגיין, — אָט דעמלט האָבן אלע, סײַ די פרעמדע פּאָליציי, סײַ די שטוב־אייגענע, ווי מיליעס מוטערס שכיינע, ווי אויך מיליעס מוטער אליין און די איבעריקע, וועמען ס'איז ניט פאַרגע־שטאַנען קיין ארעסט, דערזען, ווי פלוצעם האָט מיליע, ווי הויך זי איז געווען, ווי זשוואַווע און ווי לײַכט־גימנאַזיסטיש אָנגעטאָן, פון איר אָרט, וואָס זי האָט ביז אהער פאַרנומען, א גיי געטאָן און, אוועקשטעלנדיק זיך לעבן איר לייבל, האַנט־בא־האַנט און מײַסע־סאָלדאַט מושטרירט אויס־געצויגן, האָט צום עלטסטן פון דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמען־גרופּע, פון וועלכן אלע ביז אהעריקע באַפעלן זײַנען געקומען, זיך א ווענד געטאָן און א זאָג געגעבן:

— נעמט מיך אויך, כ'גיי מיט, אויך איך בין, ווי זיי — נידער מיט דער זעלבסטהער־שונג! — האָט זי אויסגעשריִען פײַערלעך און בעשאַס־מײַסע דעם לעצטן גלײַך אין דער צורע געקוקט, ווי אים אָפּגעבנדיק א ראַפּאָרט.

דאָס איז געווען אַן איבעראַשונג און אַן אומגעריכטער ארויספאָר פאַר אלעמען, פאַר די אייגענע, צוערשט פאַר מיליעס מוטערס שאָכן, וועלכער האָט, א קוק געבנדיק דעמלט אף מיליען, אי, דוכט זיך, געוואָלט איר היציקע לײַכטזיניקע אָפּרווויליקײַט פאַרורטיילן, אי ער האָט אין דער זעלבער צײַט אָבער אויך באַגיטיקט איר טאַט אף אזויפיל, אז ער האָט זיך אפילו ניט געקאָנט אָפּהאַלטן פון א מיטפילנדיקן שמייכל צו טאָן אין איר ליבער יונג־מיידלשער זײַט. אַן איבעראַשונג איז דאָס אויך געווען פאַר מיליעס מוטער, וועלכע האָט ניט געוווסט וואָס צו זאָגן און ווי זיך צו באַציִען צו מיליעס ארויספאָר — צי זי זאָל א געשריי טאָן: „וואָס טוסטו, קינד?“, צי עפּשער זיך אָפּהאַלטן פון דאָס צו טאָן, ווײַל אליין אפילו יענע, קעגן וועמען מיליעס דעמאָנסטראַטיווער אויסגעשריי איז געווענדט, וועלן דאָס איר מוחל זײַן און ניט אָנעמען ערנסט איר היציקע קינדערײַ.

איבעראַשט און געפּלעפט זײַנען אויך די זשאַנדאַרמען און פּאָליציי־לײַט געוואָרן, וועלכע האָבן, דערהערנדיק איר אויסרוף, זייערע איבערגעשראָקענע צורעס צום עלטסטן א קערעווע געטאָן, ווי זיך אָנפרעגנדיק און וועלנדיק וויסן, וואָס פאַר א באַשלוס עס דאַרף דאָ אָנגענומען ווערן בענעגייע אָט דער, וועלכע מע קאָן אי שוין באַשטראָפן, ווי א גרויסע, אי נאָך איר שענקען די שטראָף, האַלטנדיק זי נאָך פאַר א ניט דערוואַקסענע, וועלכע איז ניט אזוי פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם, וואָס זי טוט.

דעמלט האָט אויך דער עלטסטער אף איר א קוק געטאָן און, דערזעענדיק זי שטיין א גלײַך אויסגעצויגענע, האַנט־בא־האַנט מיט לייבלען, וועלכער האָט לויט דער פאַראָרדענונג

---

1 — אונטערדריקטער, דערשלאָגענער מענטש.

געדאַרפֿט פֿאַרנומען ווערן און וואָס מיט אים צוזאַמען האָט אויך זי, אָט די אויסרופֿערן, אויסגעדריקט איר באַגער מיטצוגיין, האָט ער צוערשט בלויז געוואָלט א שמייכל טאָן אַף אָט דער יונגער גימנאַזיסטקעס היציקייט. אָבער ווידער, דערזעענדיק איר ערנסטן און פֿעסטן באַשלוס, וועלכער איז אויך נאָך איר אויסרוף אַף איר פּאָנעם שאַרף אויסגעדריקט געבליבן, האָט ער א זאָג געטאָן:

— הא, וואָס, פֿרײַלן, ווי האָט זי געזאָגט? זי האַלט מיט זיי, און נידער האָט זי אויסגעשריִען, און זי באַגערט מיטגיין מיט זיי? איז נו, איז קאָן ער די טויווע טאָן און זי אויך מיטנעמען. נייך, ער וועט איר געוויס דאָס טאָן.

— מאַרש! — האָט ער א באַפֿויל געטאָן צו די אים אונטערגעוואָרפֿענע זשאַנדאַרמען און פּאָליציי, זיי זאָלן, הייסט עס, וואָס גיכער טאָן, וואָס עס פֿאָדערט זיך פֿון זיי, און דעם אוילעם, וועלכער איז באַשטימט צום אַרעסטירן, זיך באַלד הייסן פֿון שטוב פֿאַרנעמען.

דעמאָלט האָט מען געקאָנט זען א שטומע סצענע זיך אָפּשפּילן אין יענער שטוב, בייס מיליעס מוטער איז צו מיליען צוגעגאַנגען ניט אַף צו אַרומכאַפּן און ניט לאָזן זי פֿאַרנעמען אָדער אַף איר האַלדז פֿאַלן און ביטער־מוטערלעך זיך צעיאָמערן אַף איר אומגעריכטן אומגליק, וואָס האָט זי דאָ אָקאָרשט אומזיסט און אומנישט געטראָפֿן. נײַן, ניט צוליב דעם איז זי, מיליעס מוטער, דעמאָלט צו מיליען צוגעגאַנגען, נאָר צוליב עפּעס אַנדערס... זי האָט זיך בלויז צו מיליעס שטערן מיט אירע ליפּן צוגעצויגן זי א קוש צו טאָן, און באַלד ווי זי האָט איר דעם קוש אָפּגעגעבן, האָט זי ניט געוואַרט אפֿילע, זי זאָל צוריק פֿון מיליען געקושט באַקומען, נאָר זי איז איבערגעגאַנגען פֿון מיליען צו דעם לעבן איר שטייענדיקן לייבל און אויך מיט אים האָט זי געטאָן דאָס זעלבע, וואָס מיט מיליען. און שוין, מער האָט זיך קימאַט קיינער מיט קיינעם ניט געזעגנט. גלײַך מיט אָט דער געזעגעניש פֿון מיליעס מוטער מיט מיליען און מיט לייבלען האָבן שוין אויך אַלע איבעריקע יויצע געווען. אפֿילע אַליין דער שאַכן, וואָס איז געווען, ווי מע דאַרף קלערן, דער, אַזוי צו זאָגן, אַמיינסטן געמיינטער פֿון אָט דעם פּאָליציייִשן איבערפֿאַל און אַרעסט, וואָס אים איז זיכער, לויט זײַן אָרט, פֿאַרנעם און ראָליע אין דער אָרגאַניזאַציע, פֿאָרגעשטאַנען מער ערנסט צו לײַדן, ווי אַלע אַנדערע, אפֿילע ער איז קימאַט צו זײַן שוואַנגערער פֿרוי ניט צוגעגאַנגען אַף מיט איר לענגער זיך צו פֿאַרהאַלטן פֿאַרן אַוועקגיין, ער האָט איר נאָר די האַנט דערלאַנגט, א קורצן זאָג געבנדיק דערבײַ: — זײַ געזונט, זע היט זיך אָפּ, זיך און דעם קומענדיקן נעפֿעש, וואָס דאַרף אַף דער וועלט קומען אונדז און אונדזער זאַך צו מאַזל. — און שוין.

דעמאָלט האָט מען די, וועלכע זײַנען באַשטימט געוואָרן אַף פֿאַרנומען צו ווערן, צו דער טיר געהייסן צוגיין, אייניקע פּאָליציִאַנטן זײַנען זיי פֿאָרויסגעגאַנגען און אַנדערע האָבן זיך הינטער זיי געשטעלט, קעדיי די זאָלן זיך געפֿינען אין דער מיט, און די, וואָס זײַנען אין שטוב פֿאַרבליבן, ווי די פֿרוי פֿונעם שאַכן, מיליעס מוטער און נאָך אייניקע, וועלכע האָבן זיך אין פּאָליציי־צעטל צום אַרעסטירן ניט געפֿונען, זײַנען א היפּשע צײַט שווײַגנדיק און אָן לאָשן אין מויל געשטאַנען, ביז מיליעס מוטער האָט די ערשטע זיך פֿון אָרט גערירט און, גאָרניט זאָגנדיק, איז צו זיך אין ווינונג אַוועק צו בלײַבן אַליין און צו פֿאַרברענגען אין איינזאַמע מאַכשאָוועס דעם איבעריקן טייל נאַכט. און דאָס זעלבע האָט אויך געוואָלט טאָן די פֿרוי פֿונעם שאַכן, וועלכער איז איר אָקאָרשט פֿון שטוב פֿאַרנומען געוואָרן, געבנדיק אָנצוהערן מיט א צעבראָכענער מינע, אָן ווערטער, אירע כאַווײרים און כאַווערטעס, וועלכע זײַנען שוין פֿאַרבליבן בא איר נעכטיקן, זיי זאָלן זי לאָזן אַליין, ווײַל זי פֿילט זיך ניט אַמבעסטן. פֿאַרשטענדלעך, אַז מע האָט איר צוליב געטאָן, זעענדיק איר שווער געמיט. זי איז אַוועק צו זיך אין א צווייט צימער, און שפּעטער א ביסל איז ווער פֿון די געבליבענע כאַווײרים ס׳האָט דעמאָלט געקאָנט אײַנשלאָפֿן, איז אײַנגעשלאָפֿן, און ווער ניט, האָט פֿון צווייטן צימער, וווּהין די שכיינע איז אַוועק, צוערשט געהערט, ווי זי גייט דאָרט אום עפּעס אָן אומרויִקע, א שווער באַלאָדענע און באַזאָרגטע, דערנאָך, אַז זי האָט זיך אין בעט געלייגט, האָט מען געהערט, האָט זי אויך דאָרט ניט געפֿונען קיין רו, אַלע־מאָל אופֿשטייענדיק און זיך ווידער אומדרייענדיק א צײַט, דערנאָך האָט מען שוין דערהערט עפּעס אָפּטע אײַנגעהאַלטענע קרעכצן פֿון דאָרט אַרויסקומען, ווי פֿון איינעם, וואָס האָט בויךקראַמפּן און ווייל זיי אין זיך דערשטיקן און פֿאַר א פֿרעמדן אויער זיי ניט לאָזן הערן. מע האָט זיך אָנגעשטויסן, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. און אַז איינע א פֿרוי איז צו איר אַרײַן, פֿרעגנדיק, וואָס איר איז, האָט זי יענער גאָרנישט ניט געזאָגט, נאָר בלויז א בעט געטאָן, זי זאָל אַזוי גוט זײַן צו דער באַלעבאָסטע, צו מיליעס מוטער, הייסט עס, אָנקלאַפּן, ווײַל זי דאַרף זי האָבן. יענע האָט נאָר איינעם א קלאַפּ געטאָן אין דער טיר פֿון דער בעשוטפֿעסדיקער וואַנט פֿון מיליעס מוטערס ווינונג מיט אירע שכיינים, וואָס איז געווען מיט א שאַפֿע פֿאַרשטעלט, און מער האָט זי שוין פֿאַרשפּאָרט, ווײַל, ווי ס׳ווײַזט אויס, איז אויך מיליעס מוטער נאָך ניט געהאַט געשלאָפֿן.

זי איז געלעגן מיט צוויי עסיק־קאָמפּרעסן צום קאָפּ און צום הארצן צוגעלייגט, מאכמעס דער מויעך האָט זיך איר געהויבן און דאָס הארץ האָט ווי מיט האמערס געקלאַפּט, דערמאָנענדיק זיך אין אירע קינדער, אין מיליען און אינעם עלטערן, וועלכע זײַנען בא איר ווי אירע ביידע הענט אָפּגענומען געוואָרן.

„מיליע" — האָט זי א פּארטראָגענע, האלב אין שלומער, האלב מיט אָפענע אויגן, געמורמלט, דערמאָנענדיק זיך אין יענער, וואָס איז איר נאָענט צום הארצן, ווי א ליבע זאלב געוועזן, שפּיגלענדיק זיך אין איר שטאלט, אין איר גראַטענער באוועגלעכקײַט און אין דעם, וואָס זי פּארכאַפּט אן אויג בא אלע, ווער נאָר עס טוט אן ערשטן קוק אָף איר, אָף איר יוגנטלעכער צעבליִונג. דעמלט האָט זי א קלאַפּ אין וואנט דערהערט, זי האָט זיך גלײַך אָנגעשטויסן, וואָס דער קלאַפּ באטײַט, פון ווען ער קומט און צוליב וואָס זי ווערט גערופן, מאכמעס זי האָט פון פריִער, ווײַזט אויס, מיט דער שכיינע געהאט אָפּגערעדט, אז אין א ליאדע מאָמענט, ווען נאָר יענע וועט די ערשטע געבורט־סימאָנים דערפילן, אזוי זאָל זי זיך גלײַך צו איר ווענדן, צי באטאָג, צי באנאכט, אין אלע צײַטן, אלציינס. זי האָט גלײַך אירע אייגענע צאָרעס פארגעסן און באלד איז זי שוין אָן די קאָמפּרעסן צו דער שכיינע אוועק. זי איז צו דער ריכטיקער צײַט ארײַן צו יענער, צו די ערשטע ווייען. זי האָט ווי אן עלטערע און דערפארענע באלד געזען טאָן, וואָס עס פאָדערט זיך, איידער נאָך זי האָט געלאָזט רופן אן אקושערן. און ווען יענע האָט זיך ארײַנגעשטעלט, האָט זי שוין געטראָפן אלע געהעריקע פאָרבארייטונגען פאָרגענומען, ווי פון א געניטער פּאכקענרישער קראנקן־שוועסטער. דער שכיינע איז דאָס האָבן אָנגעקומען שווערלעך, אי ווײַל ס'איז געוועזן אן ערשטלינג, אי דערפאר, ווײַל די אנגסט פון דעם, וואָס מע האָט בא איר אָקאָרשט דעם מאן צוגענומען, האָט זי ניט אָפּגעלאָזט און איר ניט דערלויבט צו בלײַבן בלויז קימפּעטאָרן, דה. זי זאָל אלע קויכעס אָנווענדן אָף איינס — דאָס קינד פון זיך ארויסגעבן, אזוי ווי ס'פאָדערט זיך בייס א געבורט, ווען אלע גײַסטיקע און קערפּערלעכע שטויסקרעפטן דארפן פאר זיך איין איבערמענטשלעכן צו אָנשטרענגונג רופנדיקן ציל האָבן. אָבער דער סאָף איז געווען א בעשאָלעמדיקער — א ייִנגל איז געבוירן געוואָרן, וואָס, ווי עס האָט זיך באוויזן, אזוי איז דאָס גלײַך פון די הענט פון דער אקושערן אין די הענט פון מיליעס מוטער איבערגעגעבן געוואָרן אָף צו טאָן מיט דעם, ווי עס טוט א באָבע, ווי עס טוט א מוטער פון א מוטער, אזוי געטרײַ, אזוי אלוויסנדיק, אז די מוטער אליין האָט, אויסער דאָס קינד אָנזויגן, שוין מיט דעם גאָר פארשפּאָרט, אפּאָנעם, אייסעקן זיך.

— מאזלטאָוו! — האָבן די כאווערטעס, וואָס זײַנען בײַגעווען בייסן שווערלעכן האָבן, נאָכן איבערקומען דער אויסגעמאטערטער מוטער, מיליעס מוטערס שכיינע, זייערע גוטהארציקע ווונטשן אונטערגעטראָגן. — זאָל דאָס זײַן מיט מאזל דער מוטער, דער געוויינערן, ווי אויך דעם פאָטער, וואָס געפינט זיך איצט אונטער א שלאָס, פאר יענער זאך, וועלכע לאָזט זיך ניט אונטער קיינע ריגלס און קיינע שלעסער פארשליסן.

דאָס ברודערל פון דער ארבעטער־זאך — האָבן כאווירים דערנאָך דעם א נאָמען געגעבן, האָבנדיק אין זינען די מוטער, וואָס האָט דאָס געבוירן, דעם פאָטער, ווי אויך מיליעס מוטער, וועלכע איז ארום דעם ארומגעגאנגען און האָט זיך אין דעם געשפּיגלט, ווי אין אן אייגנס, עלעהיי אין איר מיליעס א קינד, פארגעסנדיק דערבײַ אפילע אליין איר מיליען, וואָס ווער ווייסט, וווּ זי געפינט זיך איצט, ווי זי זעט אויס און ווי זי בענקט איצט געוויס צו איר, צו דער מוטער, וועמען זי האָט אן איינזאמע און ניט געטרייסטע אין דער היים געלאָזט.

יאָ, דאָ איצט, א געבורט פון א קינד. און אין אן אנדער אָרט איז שפּעטער מיט א קליין שטיקל צײַט פאָרגעקומען אן איבערראשנדיקע און א גאָר אומגעריכטע לעווײַע. די לעווײַע פון וועמען? — פון מאלקע מינץ, פון לייבלס מוטער.

געשטאָרבן? ניין! זי האָט זיך אופגעהאנגען.

וואָס הייסט, פארוואָס? אָט נאָך דעם ווי זי האָט הינטן־ארום, מיט קיינעם זיך ניט בעראטנדיק און אָן קיינעמס וויסן, איר פארברעכערישע זאך אָפּגעטאָן, צי מיט פולן באוווּסטזײַן, צי מיט גאָר קיין באוווּסטזײַן ניט, נאָר פון דעם, וואָס עס איז זי באפאלן איר קרענק, וועלכע האָט אין איר, ווי א שטילע בראנד געטליִעט, און וואָס דער רעזולטאט איז געווען דער ארעסט פון די אלע אויבן דערמאָנטע, ווי מיליעס מוטערס שאָכן און אנדערע כאווירים, צווישן וועלכע עס האָט זיך געפונען אויך איר זון לייבל, וועמען זי האָט אָדער יאָ געמיינט טרעפן, אָדער ניט, אָבער וואָס אין סאכאקל האָט ער זיך ארײַנגעפּאקט; נאָך דעם ווי דאָס אלץ איז געשען און זי האָט זיך דערזען אן אליין געבליבענע, שוין גאָר אָן לייבלען, וואָס אויב ער האָט לעצטנס, עמעס, פון איר זיך אָפּגעזאָגט, ניט באזוכנדיק איר הויז און ניט קומענדיק אפילע נעכטיקן, איז איר נאָך ווי־ניט־ווי א קליין שטיקל האָפענונג דאָך געבליבן, אז עפּשער פאָרט וועט ער מיט דער צײַט זיך בעסערן, כאראָטע האָבן און, צי פון ראכמאָנעס אָף איר און אָף זײַן פאָטער, צי פון אופריכטיקן איבערצײַגן זיך אין זײַן

אומרעכט וועט ער זיך סאָפּקאָלסאָף א גאַנץ געהאָרכזאַמער אָדער א האַלבער צו איר זיך אומקערן.

איצט אָבער, אַז זי האָט אים אַליין מיט די אייגענע הענט פון זיך אַזאַ ריס אָפּ געטאָן, זײַענדיק אַליין דער גוירעם, ער זאָל אַזש פאַרזעצט ווערן אין טורמע, וואָס, לויט איר השׂגה, איז ווער עס געפינט זיך, זאָל זײַן אַפילע אַף א קליין שטיקל צײַט נאָר, אין יענע ווענט א געפּאַנגענער, דער קאָן שוין קיינמאָל פון זיך דעם פלעק ניט אָפּוואַשן און דער שלעכטער שם וועט אים שוין זײַן גאַנץ לעבן נאָכגיין; איצט, אַז זי האָט זיך דאָס דערוווּסט, איז די קרענק שוין אוואַדע רעכט שטאַרק איר צום האַרצן צוגעטראָטן, זי ניט אָפּלאָזנדיק קיין רעגע און מאַכנדיק זי אויס מענטש צווישן מענטשן, וואָס דאָס האָבן ווידער צוערשט באַמערקט די מעשׂאָרסים פון איר קראָם, זעענדיק, ווי זי האָט זיך אויסגעטאָן פון אַלע מיסכער־אינטערעסן, ניט וועלנדיק האָבן צו טאָן ניט מיט קיין פאַרקויפער, ניט מיט קיין קויפער אַף אַזוי ווײַט, אַז אייניקע סאָכרים־מאָכרים, ווען זיי האָבן דאָס אויך פון זייער זײַט באַמערקט, האָבן זיי גענומען פון איר קראָם אַוועקוקן, ניט וועלנדיק האָבן צו טאָן מיט איר מאַן, מיט דעם האַלב דעגענערירטן שלימאַזל, וועלכער האָט צום אייסעק קיין פייִקײַטן, קיין לאָשן און קיין פאַרשטאַנד ניט געהאַט; זי האָט שוין מערסטנס דעמלט פאַרבראַכט אין דער היים, אומדרייענדיק זיך אויך דאָרט האַלב באָטל און אָן דעם פריִערדיקן באַפוילערישן טאָן, וואָס זי האָט אַלעמאָל געהאַט א פאַרטיקן פאַר די דינסטן, וועלכע פלעגן בלויז אַפילע פאַר איר קוק ציטערן. איצט ניט. זי האָט אַפילע שוין אין שטוב זײַענדיק דעריקער נאָר בא איר לייבלען אין צימער פאַרבראַכט, קוקנדיק אַף זײַן קאַלט־פוסטן פאַרבעטן בעט, וואָס האָט אים שוין לאַנג אַף זיך פאַר קיין שלאָפנדיקן אוירעך ניט געפילט, און ווען דער אינטערעס צום קאַלט־פוסטן בעט פלעגט זיך איר אויסלאָזן, פלעגט זי פון צימער אַרויסגיין, קלוימערשט זי האָט ערגעץ אַנדערש בילכערס צו טאָן, אָבער, אומדרייענדיק זיך אויך דאָרט לאַנג אָן אַרבעט, פלעגט זי זיך ווידער אַפן פריִערדיקן אָרט אומקערן. אַפילע איר מאַן, דער האַלב דעגענערירטער שלימאַזל, וואָס האָט איר אַלע מאָל בלינדלעך־קורצזיכטיק אין מויל געקוקט און וואָס האָט קיינמאָל די האָזע ניט געהאַט זי צו פרעגן, וואָס זי טוט אָדער וואָס זי דענקט פאַרצונעמען, האָט איצט, זעענדיק ווי זי האָט זיך פון איר גאָרן, ביז אַהער טעטיקן שטייגער אַרויסגעשלאָגן, זיך מיט מוט אָנגענומען זי א פרעג צו טאָן:

— מאַלקע, וואָס איז דיר? עפּשער ניט געזונט און עפּשער דאַרף זי זיך ווענדן צו א דאָקטער?

— ניין, — האָט זי אים באַרויִקט, — ס׳גאָרניט, גיי, גיי און טו דײַן אַרבעט, — וואָס דערמיט האָט זי געמיינט צו זאָגן, ער זאָל איר אָרט אין קלייט פאַרבײַטן און ניט פרעגן בא איר, פאַרוואָס זי קומט אויך ניט אַהין.

נו, און מער קיין מוט האָט ער שוין ניט געהאַט, איר שלימאַזלדיקער מאַן, און מיט זײַנע בלינדלעך קורצזיכטיקע אויגן פלעגט ער בלויז צוזען, ווי אָפט פלעגט זי זיך דעמלט ניט אָנטאָן ווי ס׳געהער צו זײַן און ווי זי איז געוווינט געווען אַלעמאָל, אַפילע אין שטוב זײַענדיק, גיין מיטן גאַנצן פוץ, מיטן שלייער און מיט א היפּש קלייד און מיטן בונט שליסל בא דער זײַט. ניין, די לעצטע צײַט האָט ער זי געזען האַלב אָנגעטאָן, אָנעם שלייער, ווי אויך נאָר אין אַן אונטערשט ווײַס קליידל, באַשטענדיק ווי ערעוו שלאָפן גיין אָדער ווי זי זאָל ערשט האָבן אויפגעשטאַנען. וואָס הייסט עס?

און דער סאָף איז געווען, אַז איינמאָל, נאָך דעם ווי זי האָט זיך אַזוי האַלב אָנגעטאָן א שאָ און צוויי אין שטוב אומגעדרייט, ניט זאָגנדיק די סיבע, פאַרוואָס זי גייט אין קראָם ניט אַרויס, און ניט ריידנדיק ביכלאַל גאָרנישט, ניט מיטן מאַן און ניט מיט אירע דינסטן און מעשׂאָרסים, אויבּ עמעצער פון זיי האָט זיך צו איר געוויזן מיט א פראַגע, ווי מען איז געוווינט געווען צו איר מיט ערע אָנצוקומען, ווי צום קאָפּ און צו דער אָנפירערן פון געשעפט, — נאָך אייניקע טעג אַזוי זיך אומדרייען, האָט איינמאָל איר מאַן, אַהיים קומענדיק און זי ניט טרעפנדיק אין עסצימער, וווּ ער האָט גערעכנט זי געפינען, און ניט טרעפנדיק זי ווײַטער, ווען ער איז זי געגאַנגען זוכן אויך אין אַן אַנדער צימער, וווּ זי וואָלט, לויט זײַן מיינונג, באַדאַרפט זײַן, האָט ער לעסאָף א בלינדלעך־זוכנדיקער צו זיך אין שלאָפצימער פאַרבלאָנדזשעט, מיינענדיק, אַז עפּשער פילט זי זיך ניט גוט און האָט זיך אין בעט געלייגט; אָבער ווי נאָר ער איז אַף דער שוועל פון יענעם צימער אַרופגעטראָטן, אַזוי האָט ער דערזען, ווי טאַקע בא דער זײַט פון דער שוועל, אַף דער וואַנט, וווּ באַשטענדיק פלעגט דאָרט א האַנטעך הענגען, איז איצט, מעג ער שווערן, עפּעס אַנדערש געהאַנגען, אויך עפּעס א ווײַס, אָבער צו גרויס פאַר א האַנטעך. א ווײַס קלייד האָט זיך אים פאַר זײַן קורצזיכטיקן בליק געוויזן, און באַלד האָט ער באַמערקט, אַז ס׳איז ניט בלויז א קלייד, נאָר עפּעס מער דערפון, עפּעס א מענטשלעך וועזן. בעקיצער, דאָס האָט זי, זײַן ווײַב, אַזוי ווי זי איז די לעצטע טעג געווען האַלב אָנגעטאָן, געהאַנגען. זי האָט די שיך אין זינען געהאַט אויסטאָן און בלײַבן

אין ווײַסע זאָקן און אױפן קאָפּ האָט זי א ווײַס טיכל געהאַט, וואָס דאָס אַלץ צוזאַמען האָט שוין דאָס ריכטיקע זעלבסטמערדערישע בילד געשאַפן. אגעוו, זי האָט אויך אין זינען געהאַט צום ריכטיקן מאָמענט די דינסטן מיט עפּעס א שליכעס ערגעץ ארויסצושיקן, קעדיי זי זאָל בלײַבן אליין און קיינער זאָל איר אין איר יענער פּירגענומענער מעלאָכע ניט שטערן. ברוך דיין אמת![1]

נו, און וואָס ווײַטער איז פאָרגעקומען, פאַרשפּאָרט מען צו זאָגן, וויאַזוי דער בלינדלעך־קורצזיכטיקער מאַן האָט, ווי צו זײַן לעבן, מיט זײַנע שוואַך־זעענדיקע אויגן זיך סאָפּקאָלסאָף באַדאַרפט איבערצײַגן, אז דאָס, וואָס ער זעט, איז ניט קיין אויסווײַזעניש, און, ניט גלייבנדיק טאַקע צוערשט זײַן קורצזיכטיקײַט, האָט ער זײַן אומגליק געמוזט מיט די הענט אָנרירן און, דערפילנדיק זי שוין א קאַלטע, האָט זיך אים דאָס האַרץ אײַנגעבראָכן און ער האָט אַן אונטער־געשניטענער און מיט אונטערגעהאַקטע קני פאַר איר הענגענדיקן קערפּער געקניט, און וויאַזוי מע האָט אים דערנאָך א קניִענדיק־פאַרכאַלעשטן בא איר צופוסנס ליגן געטראָפן, — וועגן דעם אַלעם איז איבעריק צו דערציילן. און אויב עס דאַרף נאָך עפּעס געזאָגט ווערן, איז בלויז וועגן דער לעווײַע.

א גרויסער סאָכרישער אוילעם האָט צום הויז, וווּ מאַלקע מינץ האָט געוווינט, זיך צונויפגעקליבן. די גאַנצע גאַס, וואָס פאַר איר הויז, איז געווען שוואַרץ פון מענטשן, פון עלטערע, מיטעלע, יִינגערע, וועלכע זײַנען געקומען דעם לעצטן קאָוועד אָפּגעבן און איינוועגס אויך זייער שטילן פּראָטעסט אויסדריקן, די מוירע פאַר יענער זאַך, איבער וועלכער זי, מאַלקע מינץ, איז קלוימערשט פון דער וועלט געגאַנגען, וואָס גאָט ווייסט, וואָס אויך אַנדערע שטייט נאָך פאָר, — אויב ניט קיין געפאַר פאַרן לעבן, ווי אין איר פאַל, איז א געפאַר פאַרן פאַרמעגן, וואָס איז אויך ניט ווייניק וויכטיק. כי הדם הוא הנפש[2], איז געזאָגט, אינעם בלוט שטעקט דאָס כּיִעס, און בא סאָכרים איז געלט — דאָס בלוט...

יאָ, אף אַלעמענס פּענצמער איז געלעגן אויסגעדריקט א מוירע פאַר עפּעס א מעגלעך פאַרשטייענדיקן כורבן, וועלכער קאָן הײַנט־מאָרגן איעדערן פון זיי טרעפן, און די מער עלטערע, די פאַרביסענע, האָבן, שטייענדיק אין רעדלעך און וואַרטנדיק, ביז מע וועט דעם מעס פון שטוב אַרויסטראָגן, אויך גאָר בייזע אָפענע רייד אַרויסגעזאָגט:

— נו, יאָ, — האָט געזאָגט איינער, ווי פאַר אַלע, — ביז זיי, די הײַנטיקע, וועלן די וועלט מיט זייערע טויוועס באַזאָרגן, באַזאָרגן זיי דערווײַל שוין טאַטע־מאַמע מיט א שטריקל אױפן האַלדז און מיט א עק־אָרט אױפן בעסוילעם.

די גאַס איז וואָס אַמאָל מער פאַרפולט געוואָרן מיט א סאָליד־ און שוואַרץ־געקליידטן סאָכרים־אוילעם, וועלכער איז געקומען ווער אין זומער־מאַנטלען, ווער אָן, ווער מיט רעגן־שירעמס, ווער מיט שטעקנס אין די הענט אָדער אונטער די אָרעמס, אָבער אַלע מעיושעוו און מיט פולע ברוסטן מיטגעפיל צו דער, וואָס האָט ווי א מין אָפּקומערן פאַר אַלע געליטן.

— ווער וואָלט זיך געריכט, אז אַזאַ מאַלקע, אַזאַ איישעס־כאַיִל, וואָס האָט אַזויפיל געטאָן און זיך אַזוי אויסגעבראַכט אף איר בעניאָכיד, זאָל דורך אים טאַקע דאַרפן אומקומען, — האָט געזאָגט איינער.

— הײַנטיקע קינדער, — האָט צוגעגעבן א צווייטער, — טאַטע־מאַמע זײַנען בא זיי העפקער.

— יאָ, — האָט געזאָגט א דריטער, — איצט, אז זי איז ניטאָ, ווי וועט שוין אויסזען ער, דער שלימאַזלדיקער מאַן אירער, וועלכן זי האָט אַלעמאָל אין אַלץ פאַרביטן, זײַנע כעסרוינעס פאַרדעקט, אים באַשײַנט און אין דער מײַלע געהאַלטן. איצט וועט דאָך אַלץ צו גרונט גיין, אי ער אליין, אי דאָס געשעפט אָן א פירער.

און, ווירקלעך, ווי דער אוילעם איז אַזוי אף דער גאַס געשטאַנען, וואַרטנדיק ביז מע וועט דעם מעס אין שטוב דאָס רעכט אָפּטאָן און אים אַרויסטראָגן, אַזוי האָט מען שפּעטער, ווען דער געטראָגענער אָרן מיטן מעס האָט זיך שוין פון דער טיר אַרויסבאַוויזן, דערזען, ווי הינטערן אָרן איז מאַלקעס מאַן, פון צוויי מענטשן בא די זײַטן געפירט, אים נאָכגעגאַנגען, אַזוי דערשלאָגן און אַזוי מיט זײַן אייגענעם קאָפּ צום צוקאָפּנס פון מעס אָנגעשפּאַרט, אז מע האָט אים געקאָנט אָנעמען פאַר ניט מער לעבעדיק, ווי דער מעס אליין, מיט דעם איינעם נאָר כילעק, וואָס ער פּלאָנטערט נאָך, דוכט זיך, מיט די פיס, אי דאָס אויך ניט אליין, נאָר מיט דער הילף פון די צוויי מענטשן, וועלכע האַלטן אים אונטער בא די ביידע זײַטן. ער איז געווען אויס און צעריבן, מאַלקעס מאַן, דער קורצזיכטיק־סטולעוואַטער, באַזונדערס נאָך דערפאַר, וואָס אין אַזאַ מאָמענט האָט ער געמוזט אונטערגעהאַלטן ווערן פון פרעמדע און ניט פון זײַן איינציקן זון, לייבלען. און

[1] — באָרוך דאַיאָן עמעס — אַזוי זאָגן רעליגיעזע ייִדן, ווען זיי דערוויסן זיך, אז א מענטש איז געשטאָרבן.

[2] — קי האַדאָם הו האַנעפעש.

אַט אַזוי האָט ער זיך ביזן בעסוילעם געשלעפּט, האָבנדיק הינטער זיך א גרויסן אוילעם באַגליי־טער, וואָס האָט שוין ניט אַזוי דעם מעס, ווי נאָר אים אמערסטן באַדויערט. און נאָך מער איז די באַדויערונג פונעם אוילעם באַגלייטער גרויס געווען, ווען גאָר צום סאָף, ווען מע האָט דעם מעס, מאַלקע מינץ, אין קייווער אַראָפּגעלאָזט און מע האָט באַדאַרפט זאָגן קאַדעש, און איר קאַדעש איז גאָר פאַרזעצט געווען אין טורמע און דערום האָט אים זײַן פאָטער געמוזט פאַרבײַטן, אַט דעמלט אַז ער, לייבלס פאָטער, האָט גענומען דעם געבראָכענעם קאַדעש זאָגן, אַזוי האָבן זיך אים אַלע קוואַלן געעפנט און מע האָט ניט געקאָנט זען, פונוואַנען דאָס געוויין גייט אים: צי פון די אויגן, צי פון פּאָנעם, צי פון מויל, צי אפילע פון די אויערן, — אַזויפיל טרערן האָבן פון אים געשטראָמט, בייס ער האָט באַוויינט אי זײַן אומגליק, אי זײַן ביזויען, אי זײַן שלימאַזל, מיט וועלכן ער פאַרבלײַבט איצט אַזוי פאַרעלנט.

און שוין, און אויס מיט מאַלקע מינץ, און אויס אויך מיט איר שלימאַזלדיקן און צו לעצט דערשלאָגענעם מאַן, וועלכער וואָלט, ווי דער שטייגער, נאָך איר טויט דאָס געשעפט און די אָנפירונג מיט דער שטוב באַדאַרפט איבערנעמען, אָבער וואָס אינדערעמעסן איז ער אַף קיין איינס פון די צוויי ניט פייִק געווען, און א סימען, אַז צוריקגייענדיק פון בעסוילעם, ווען דער באַ־גלייטער־אוילעם האָט אים פאַרלאָזט און געבליבן איז ער בלויז מיט א קליין ביסל קרוויוים און מיט א בינטל עלטערע קלייט־מעשאָרסים, וועלכע האָבן אים ניט געוואָלט לאָזן אַליין און זײַנען די ערשטע אַרײַן אים מענאַכעם־אָוול זײַן, אַט דעמלט, אַז מען איז אין שטוב געקומען און מע האָט אים א קישן אין א ווינקל שטוב אוועקגעלייגט, ער זאָל זיך זעצן שיווע, איז ער אַזוי ווײַט צע־טומלט און אָן זין געווען, אַז מע האָט אים, ווי א קינד, געמוזט די שיך אַראָפּציִען, אונטער די הענט נעמען און פּאַמעלעך אַף דער ערד אַראָפּלאָזן...

אין דער זעלבער צײַט, ווען די מײַסע מיט לייבלס מוטער איז געשען, איז, זײַענדיק אין טורמע און ניט וויסנדיק, וואָס אין דער היים טוט זיך, צווישן לייבלען, וואָס האָט זיך געפונען אין דער מענער־אָפּטיילונג, מיט מיליען, וואָס אין דער אָפּטיילונג פאַר פרויען, פאָרגעקומען א לעבהאַפטיקער בריוו־אויסטויש, וואָס גוטע, געזיכערטע הענט פון געטרײַע טורמע־אָנגעשטעלטע האָבן זיך שוין געמיט, אַז די בריוו פון איינס צום צווייטן זאָלן זיי אַקוראַט אָנקומען, ווי די אַלע אַנדערע אַרעסטירטע, וועלכע פלעגן זיך איבערשרײַבן מיטאַנאַנד. אַז מיליע פלעגט לייבלס א בריוו באַקומען, פלעגט זי אים א כאַפּ טאָן, צוערשט אין אויסשניט פון איר קלייד באַם האַלדז פאַרשטעקן, ווי ניט פאַרגינענדיק זיך גלײַך דורכצולייענען אין דער אָנוועזנהײַט פון פרעמדע, ביז זי האָט שפּעטער ניט אָפּגעוואַרט א שטילע שאָ און ניט אויסגעפונען א שטיל ווינקל און דעמלט פלעגט זי אַמאָל שפּאַרעוודיק מיט לענגלעכע האַפּסאָקעס און אַמאָל גיך־גיך אים דורכ־לייענען, און בייסן לייענען פאַרבאָרגענערהייט יעדע שורע, יעדן אָס קושן. און דאָס זעלבע, א סוואָרע, האָט געטאָן אויך לייבל, פון מיליען א בריוו באַקומענדיק. און אָט איז איינער א בריוו פון אים צו איר.

טײַערע ליבסטע מיליע מײַנע! — שרײַבט לייבל. — ער קאָן בעשום־אויפן זיך ניט פאַר־שטעלן זי אַלס א געפאַנגענע דאָ, עלעהיי א פרײַען, לײַכט אומפּלײַענדיקן פויגל, וואָס די גאַנצע וועלט איז זײַנע, אוביפראַט דער סאָד, דער גאָרטן, ווו ער געפינט זײַן שפּײַז. זי, מיליע, וואָס ער האָט זי לעצטנס אַלעמאָל געזען אומשוועבן אין איר מוטערס סאָד א זומערדיק־פאַרפּאַליעטע און וואָס נאָר אין די שפּעטע אָוונטן, ווען אַלע פלעגן זיך צעגיין, פלעגט זי, בלײַבנדיק מיט אים אַליין, זיך באַרויִקן, זוכנדיק פאַר איר ליבן קאָפּ בא אים אַף דער ברוסט א נעסט, — ניין, זי קאָן ער בעשום־אויפן זיך ניט פאַרשטעלן פאַר א דאָ געפאַנגענער.

און הער, טײַערע! — שרײַבט ווײַטער לייבל צו מיליען. — אָפּט זעט ער זיך, גלײַך ס'וואָלט גאָרנישט ניט געשען, אויסער די טורמע־ווענט, אויסער די גראַטעס און אויסער דעם הויך־פאַר־מויערטן הויף, וואָס זעט אויס ווי א טונקל־לײַדיקער און טויבלעכער ברונעם, — צוזאַמען מיט איר דאָרט, ווו עס קומט זיי צו זײַן און ווו עס קומט אַלע די דאָ פאַרזעצטע צו זײַן, — אין דרויסן, אַף דער פויגל־פרײַ, אַף צו גיין, וווהין זיי ווילן, און אַף טאָן, וואָס זיי דאַרפן אָן שום שטער און אָן קיין אָפּהאַלט. און אַט זײַנען זיי אַף דער פרײַ אַרויס און, דוכט זיך, אַז אַט קומען זיי אונטער די פענצטער פון זײַן בערויגעזער מוטער און בעטן בא איר באַוויליקונג פאַר זייער ליבנדיקן צוזאַמענבונד. זי באַוויליקט און בענטשט זיי אין אַנטקעגנקומענדיקע און שוין כאַראַטע האָבנדיקע אַף איר אומזיסטן און אומנישטן בערויגעז אַף זייער שידעך, און דעמלט גייען זיי אַוועק צו איר מוטער אַהיים, צו איר מוטער אין סאָד, ווו זי פאַרנעמען פּלאַץ אַף דער באַנק אונטערן אַלטן עפּלבוים, וועלכן מיליעס מוטער האַלט אַזוי באַליבט, און זיי פאַרברענגען דאָרט האַנט־בא־האַנט, איינס אַף דאָס אַנדערע קוקנדיק, שווײַגנדיק, א גאַנצן טאָג, אַזוי אויך א גאַנצן אָוונט ביז אין דער שפּעטער נאַכט אַרײַן, ווען אין דער אָנוועזנהײַט פון דער אופגייענדיקער לעוואָנע רופן זיי אַרויס פון א סאָד, וואָס בישכיינעס מיט זייערן, אַט יענעם סאָלאָוויי, וואָס, ווי מיליע געדענקט, האָט

ער אין יענער נאכט פון זייער ערשטן צוזאמען זײַן זיי אזוי זיס שאלנדיק צוגעשפילט. אנטשולדיק, טײַערע, וואָס ער האָט זיך אזוי מעשונע־ווילד פארפאנטאזירט, דען עס איז דאָ קיין פלאץ און קיין צײַט דערויף, און ווען קעדיי דאָס דורכצומאכן, דה. יאָ צו קאָנען פאנטאזירן, האָט ער אויסגעפונען אָט די איצטיקע פארנאכטיקע שטילע שאָ, ווען די קאמערן ווערן געשלאָסן און האָבן ניט קיין פארקער איינס מיטן צווייטן, ווי באטאָג, ווען ס'איז ווי־ניט־ווי יאָ מעגלעך דאָס צו טאָן, און ווען אלע דאָ פארזעצטע ווערן אײַנגעשטילט, קוקנדיק אף דעם שפור שקיִע־שײַן, וואָס דערלאנגט ארײַן דורכן פארדראָטעטן און הויך בא דער סטעליע זיך געפינענדיקן פענצטערל, און פון איינער א טפיסע־קאמער, א נאָענטער אָדער א ווײַטער, הערט זיך איצט די באוווסטע טרויעריק פארבענקטע ליד: „די זון פארגייט אין פלאמען“, מיט א געבראָכן געפיל פון איינעם א געפאנגענעם אויסגעזונגען.

יאָ, דאָ איז, — שרײַבט ווײַטער לייבל, — ווי זײַן מיליע ווייסט, אָן אָרט גאָר פאר אנדערע סאָלאָווייצן, פאר סאָלאָווייען מיט אָפּגעשלאָגענע לונגען אָדער, אויב ניט אָפּגעשלאָגענע, איז שוין כאָרעווע און רויִנירטע. ווי אָט יוינע דער שוסטער, דער שטילער אסקעט, דער עלטערלעכער באָכער, וואָס האָט זיך אינגאנצן, אָן איבערבלײַב, דער באוועגונג געווידמעט, ניט וויסנדיק פון קיינע טײַנוגים, און וואָס דער איינציקער טײַנעג, וואָס ער האָט זיך יאָ פארגינט צו לאָזן, איז זעלבסטבילדונג, איז לערנען, לייענען, ווען ער האָט צײַט און ווען אויך ניט, באטאָג, באנאכט און קעסיידער. די שוסטער־מעלאָכע האָט זיך אים אזוי טיף אין קערפער אײַנגעגעסן, אין די הענט און אין זײַן פּאָנעם, אז ניט קוקנדיק דערויף, וואָס ער פארנעמט זיך שוין ניט מיט איר א צײַט, לאָזט זי זיך ניט אראָפּוואשן. ער האָט זיך דערוואָרבן אזא גרויסן אוטאָריטעט און צוזאמען דערמיט אויך אזויפיל ליבע בא זײַנע פאך־ארבעטער, אז זײַנס א וואָרט ווערט בא זיי גוואלדיק ערלעך געהאלטן און זײַנעם א באפעל האָט קיינמאָל קיינער ניט דערלויבט זיך ניט אויספילן. ער אליין האָט געטאָן אי די מעלאָכע, אי ער האָט אָנגעפירט מיט איר, דה. דעם אלטשטאָטישן פּראָפעסיאָנעלן שוסטער־פאריין אין זײַן האנט געהאלטן, באווירקנדיק זײַן ארבעטער־אוילעם מיט זײַן פּאָשעט־אָרנטלעכער איבערגעגעבנקײַט, אָן פערזענלעכע פניִעס, ווי אויך מיט זײַן שטיל געדעמפט לאָשן, וואָס ער האָט דאָס קיינמאָל ניט באדארפט העכערן, מאכמעס מ'האָט אויך צו זײַן ניט הויכן ריידן געגנוג אופמערקזאם צוגעהערט. און אָט ער, יוינע, האָט אויסער אָנפירערשאפט און אויסער טאָן אליין די מעלאָכע צוליב זעלבסט־אויסהאלט, נאָך געפונען צײַט אף לייענען און שטודירן, וואָס ער האָט געפונען פאר זיך פאר נייטיק, האָבנדיק אלע מאָל אין די קעשענעס ביכלעך, וועלכע ער האָט געלייענט גייענדיק אין גאס אף דער ארבעט, גייענדיק אהיים צוריק פון איר, און אפילע בייס דער ארבעט, ווען ער האָט באוויזן א פרײַ שטיקל האפסאָקע־צײַט ארויסצוכאפּן. ער האָט געלייענט, וואָס נאָר ס'האָט זיך געלאָזט, — לעגאלע, ווי אויך אומלעגאלע ליטעראטור.

איינמאָל, פארגעסנדיק זיך ווו ער האלט, האָט ער, א גרויס נײַגעריקער, גייענדיק פון דער ארבעט, אין עפּעס אן אומלעגאלער שריפט זיך פארטיפט און האָט, ניט באמערקנדיק זײַן אומגליק, זיך אָנגעטראָפן פּאָנעם־על־פּאָנעם מיטן געוויסן קוילער, מיט לוקאשעוויטשן, מיט יענעם, וואָס, ווי מיליע געדענקט געוויס, האָט מען אים אָנהייב הײַנטיקן זומער די אויגן אויסגעסמאליעט. און יענער האָט אים פארנומען. אזוי לײַכטזיניק האָט ער זיך ארײַנגעכאפּט, אזוי אומשולדיק, אזוי אומזיסט און אומנישט און אזוי אומפּאָרזיכטיק, ווי עס פּאסט קלאל ניט פאר קיין פאראַנטוואָרטלעכן קאָנספּיראטיוון טוער, נאָר בלויז אדאנק זײַן פארגעסן זיך און זײַן לײַדנשאפטלעכן באגער צום לייענען.

נו, און יענער האָט אים לאנג געשלאָגן, פריִער מיט די הענט, דערנאָך מיט די פיס, און אז יוינע איז פארכאלעשט געוואָרן, האָט ער אים מיט קאלטן וואסער אָפּגעמינטערט און ווײַטער אזוי לאנג דערלאנגט, ביז ער איז פון אים ארויס א קאָדעש, ווי מע זאָגט, שוין אָן לונגען, וואָס דאָס איז צו זען פון זײַן שטארק בלאס אָפּגעצערט פּאָנעם, ניט געקוקט דערויף, וואָס די שווארצקײַט פון דער מעלאָכע האלט זיך אים נאָך אלץ אונטער זײַן הויט, און אויך צו הערן פון זײַן קאכיקען, וואָס ער קאכיקעט אונטער, אויסשפּײַענדיק אָפטמאָל אויך דערבײַ א שטיקל לייכע מיט רויטס...

און דאָך האָט דאָס יוינען ניט אָנגעלערנט, אים ניט געבראָכן, און אלנפאלס זײַן לײַדנשאפט צו דער באליבטער פון אים מענטשלעכער שריפט האָט זיך בא אים ביז איצט ניט אויסגעזויגן און ניט געמינערט געוואָרן. און ניט נאָר די לײַדנשאפט צו דער אזויגערופענער פאך־ליטעראטור, ווי צו פּאָליטישער עקאָנאָמיע, אף וועלכער עס באזירט זיך זײַן פארטייִש וויסן, נאָר אויך צו וויסן ביכלאל, ניט קאָנענדיק זיך שיידן מיט אזעלכע אווטאָרן, לעמאָשל, ווי א ליפּערט, א דרעסער, א טיילאָר, א באָקל און ספּענסער, אין וועלכע ער האָט ווילדן וויסן און וואָס אלעמאָל בייס א דיסקוסיע צווישן כאווירים אין אונדזער קאמער שלעפּט ער פון זייער קולטור־געשיכטלעכן ארסענאל גאנצע פּעק ציטאטעס און רײַעס אף צו באשטעטיקן דאָס, וואָס ער האָט צו באווײַזן.

אָט דאָס איז דער איינער א סאָלאָווײ, יוינע, וואָס איצט בייס ער שרײַבט איר אָט דעם

בריוו, און בייס פון דער נאָענטער אָדער פון דער וויַטער טפּיסע־קאַמער הערט זיך די טרויעריק־פאַרבענקטע ליד: „די זון פאַרגייט אין פלאַמען“, האָט אַפילע ער זײַן בוך, אין וועלכן ער איז פאַרטיפט, אוועקגעלייגט און מיט זײַן גער זיך פאַרייניקט צו איר נאָגנדיקן טרויער, צו וועלכן ער פילט זיך א געגוג בארעכטיקטער שוטעף, זאָל זײַן אפילע, אז אף אייניקע מינוטן פון זעלישער אראָפּגעפאַלנקייַט, וועלכע ער וועט געוויס באלד גויווער זײַן און באלד זיך ווידער נעמען צו דעם, וואָס איז אים אזוי ליב. און אָט איז א צווייטער סאָלאָוויי, א קורצוויקסיק פאַרשוינדל מיט א הארטן בייך, א האַרטנעקיקער, א דאַר־דראַטיקער און אויסערלעך א שטיק הייפעך פון יוינען, א גאַר ניט קיין שטילנקער און קלאַל ניט קיין ביכל־פאַרשוין, אפילע דאָ אין טפּיסע זיצנדיק, נאָר א קוועקזילבערדיקער, און ס'פּילט זיך אזא, וואָס זײַנע הענט קאָנען ניט רוען. זײַנע אויגן מיט א שאַרפן אָפּשיַין פון בורשטין, ווי בא א ווילדער קאַץ, וועלכע שפּירט און קוקט אַלעמאָל ארויס אף רויב, מיט אופגעהאַלטענעם לאָקער און אומגעדולדיקייַט אין איר בליק. מען איז כוישעד, אז ער האָט אוועקגעלייגט א פּראָוואָקאַטאָר אף קאַלט ערגעץ אין זײַן ווינק־אָרט — באנאכט אין א הינטערגעסל. ער האָט שוין דערפאַר, נאַטירלעך, היפּש אריַינגעלייזט אי פאַר דער אויספאָרשונג, אי בייס דער אויספאָרשונג און אי אויך דערנאָך, כאָטש ער האַלט אין אָפּשאָקלען זיך פון דער באשולדיקונג, באוויַיזנדיק זײַן אליבי, דה. אז דעמלט ווען די האַריגע איז געשען, איז ער גאָר אין יענעם מאָקעם ניט געווען, און דעריקער באוויַיזט ער, אז וויאַזוי האָט ער דען אזא זאַך גע־קאַנט טאָן, אז בעסאכאקל קער אים אָן יענער, דער אוועקגעלייגטער, א נאָענטער קאָרעוו, אן אייגן געשוועסטערקינד, מיט וועמען ער איז צוזאמען געוואקסן, צוזאמען זיך געלערנט, צוזאמען געלעבט קימאַט נעפעש־אכאַס. מע גלייבט אים אָבער ניט. זײַענדיק, פאַרקערט, זיכער, אז אזא פאַרשוין איז, וועדליק ער האָט זיך קוינע־שעם געווען בא די מאכט־פאַרשטייער פון זײַן ווינק־אָרט, אדאַנק די אגענטור־יעדיִעס, וועלכע זיי האָבן וועגן אים געקריגן, איז ער פייִק אף אלץ, אף דעם און אפילע אף ערגערס. דערוויַיל איז זײַן שולד ניט באוויזן. אָבער פון דעם, וואָס מע האָט אים שוין רעכט גוט אין די הענט איבערגעהאַלטן, וועלנדיק בא אים ארויסבאקומען דאָס אלץ, אין וואָס ער וויל זיך ניט מודע זײַן, איז ער שוין א היפּשע צײַט אין טורמע־שפּיטאָל אָפּגעלעגן מיט אן אונטערגעבראָכענעם רוקן, און איצט ווארט ער, אויב זײַן שולד זאָל באוויזן ווערן, אָפּן שטריקל, און אויב ניט, איז אלנפאלס אף לאַנגער און וויַטער פאַרשיקונג. נו, און אויך דער גיט זיך ניט אונטער, ער האָט דעם מוט ניט פאַרלוירן, טריַיבט שפּאַס און אָפּט גאַנוועט ער זיך אונטער, ווי א שטילע קאַץ מיט רויב־קאַוואָנעס, צו עמעצן, וועלנדיק אף קאַטאָוועס יענעם פארן גאָרגל פּאַקן און אין גערַאנגל אים אָפּן רוקן פאַרזיכטיק אוועקלייגן, אזוי ווי גליַיך ער וואָלט דורכגעפירט א רעפּעטיציע צו עפּעס גאָר ניט קיין קאַטאָוועס. וואָס וויל ער, זאָגט מען צו אים מיט שפּאַס, דער־מאָנענדיק אים דאָס, אין וואָס ער ווערט באשולדיקט?

— ער מיינט, אז ס'איז יענער, — ענטפערט ער אָפּ צוריק, — זאָל מען נאָר וועלן פּרוּוון זײַן, ווי יענער, וועט מען שוין זען, ווי מע וועט בא אים אָפּשניַידן... אָבער אויך דער פאַרטראַכט זיך אַמאָל גאָר ניט איבעריק פריילעך, ווי אָט איצט, בייס ער, לייבל, שריַיבט דעם בריוו און בייס יענער זיצט אף דער עק נארע גאָר מיַיסע טאָטער אָדער טערק מיט די פאַרלייגטע פיס אונטער זיך, נאָענט לעבן פענצטער, דורך וועלכן ס'קוקט די לעצטע שקיִע־שיַין, און ווען פון א נאָענטער אָדער וויַטלעכער קאַמער הערט זיך די טרויעריק־פאַרבענקטע „די זון פאַרגייט אין פלאַמען“, און ער, דער, וועמען מען איז כוישעד אין דער האַריגע, שפּירט נאָך א שוויַיגנדיקער דער טרויע־ריקער מעלאָדיע פון דער ליד אָדער מאכמעס אן אָפּגעשלאָגענער אייווער האָט זיך אים איצט מיט ווייטעק אָפּגערופן, אָדער האָבנדיק אין זינען דעם אים פאַרשטייענדיקן אורטייל, וואָס, ווי לײַכט ער זאָל ניט זײַן, וועט ער מיט זײַן פריַיהײַטליבנדיקן טרוים זיך מוזן אָפּגעזעגענען אף א צײַט, אף יאָרן, און ווער ווייסט אף וויפל. אָבער ס'מאכט ניט, — זאָגט וויַטער לייבל אין דעם זעלבן בריוו אָדער אין א שפּעטער קומענדיקן, נאָך דעם ווי ער האָט אין דעם ערשטן א קליין ביסל אָפּגעפאַנטאַזירט אין דער פאַרזענלעכער זײַט, דה. וועגן זיך און מיליען, און נאָכדעם אויך, אז ער האָט זיך געכאַפּט, אז ס'איז צו אייגנליביק אין אזא צײַט און אין אזא אָרט בלויז וועגן אייגענע אינטערעסן צו קלערן, און קעדיי וויַטער דערצו זיך ניט צו דערלאָזן, האָט ער א קע־רעווע געטאָן אין דער געזעלשאַפטלעכער זײַט, דה. זיך גענומען דערמאָנען, ווו ער געפינט זיך, און אז צוזאמען מיט אים זײַנען פאַרזעצט אזעלכע, וואָס זייער גוירל האָט מער פאַרדינט אים אין אכט צו נעמען און צו באדענקען, ווי זײַן אייגענער. — אָבער ס'מאכט ניט, — זאָגט וויַטער לייבל אין זײַן שריַיבן, — וואָס דער טרויער באזוכט דאָ אייניקע אף א וויַיל, דעריקער איז, וואָס די וויַילע געדויערט ניט לאַנג, און באלד קומען ווידער, אלע אָן אויסנאַם, צו דעם, צו וואָס זיי זײַנען בארופן, — צו גיין אנטקעגן דעם שטורעם, וועלכער קלאַפּט און רײַסט זיך שוין אפילע דורך די טורמע־ווענט און וואָס אלע וואַרטן אף אים מיט אויסגעשטרעקטע אָרעמס אים צו באַ־געגענען און אף זיך און אים צו באגריסן מיט דער באגעגעניש, ווי אָט האָט מען דאָ ערשט די

טעג געפּראַוועט דאָס געבורט פון קינד פון דעם, פון וועמעס שטוב ער מיט איר, מיליען, זײַנען צוזאַמען מיט אים פאַרנומען געוואָרן און וואָס, ווי א גוטער און געניטער אָרגאַניזאַטאָר, איז ער, גלײַך ווי ער איז אהער אָנגעקומען, אויסגעוויילט געוואָרן פאר א סטאַראָסטע ניט נאָר פון אונדזער קאַמער, ווו איך מיט אים געפינען זיך, נאָר פון אלע קאַמערן פון אלע פּאָליטישע ארעסטירטע פון אונדזער קאָרידאָר.

ווי נאָר ס'האָט זיך באַקומען פון שטאָט די ידיעה דורכן רויטן קרייץ אָדער דורך די געהיים געטרײַע טורמע־אָנגעשטעלטע, דורך וועלכע מען איז אלעמאָל פארבונדן מיט דער שטאָט, אז אין דער זעלבער נאַכט אָדער מיט א טאָג שפּעטער, ווי זיי זײַנען ארעסטירט געוואָרן, האָט דעם סטאַראָסטעס פרוי אים געבוירן א קינד, אזוי האָט זיך גלײַך באַוויזן דער געהעריקער קיבעד אף צו באַערן אזא סאָרט סימכע, צובײַסן און דעריקער בראַנפן, וואָס איז אין טורמע פארבאָטן און וואָס דאָס מאָל האָבן אפילע די קאָרידאָר־שאָמרים פון דעם נישקאָשע פון א לעק באַקומען, צושטייענדיק צו זיי. מע האָט זיך אלע דעמלט אין איין קאַמער צונויפגעקליבן און, אָנגיסנדיק דעם ערשטן קאָס און דערלאַנגענדיק אים דעם פאָטער פונעם ערשט געבוירענעם קינד, איז, איידער ער צוזאַמען מיט אלע איבעריקע, וועלכע האָבן אויך באַקומען אָנגעגאָסן, האָבן גענומען אויסטרינקען, אזוי האָט מען זיך צוערשט דערמאָנט אין די, וואָס זײַנען געפאַלן קאָרבאָנעס פאר דער זאַך, פאר וועלכער אלע זײַנען דאָ פארזעצט. מע האָט פײַערלעך, שטייענדיק מיט הוילע קעפּ, און אלע מיט איין דייע, צו איין אידיישער מאַכנע געהעריקע, זייער געהייליקט געדעכעניש באערט, זינגענדיק די באַוווּסטע האַזקאָרע־ליד „קאָרבאָנעס זײַט איר געפאַלן”. דערנאָך האָט מען פאר דעם געזונט פונעם נײַ־געבוירענעם, פאר זײַן מוטער און פאָטער אויסגעטרונקען, און ס'איז אוועק א געזאַנג און א געדולע אף א שאָ, אף צוויי און אף מער, אף וועלכע דער סטאַראָסטע, דער פאָטער פון קינד, האָט אפריִער בא דער טורמע־אדמיניסטראַציע א דערלויבעניש אויסגעפויעלט, און יענע האָבן אזוי ווײַט, יאָ געוואָלט אָדער ניט געוואָלט, נאָכגעגעבן, אז אפילע אליין זיי, ביז אפילע דעם נאַטשאַלניק פון טורמע, זײַנען געקומען אף דער סימכע בײַצוזײַן, און, שטייענדיק צוערשט אָפּגעזונדערט, בא א זײַט, אף קלוימערשט אכטונג געבן אף דער אָרדענונג, אז דער אוילעם, הייסט עס, זאָל פון די ארעסטירטע ראַמען ניט ארויס, האָבן זיי זיך לעסאָף אליין אויך אין איר ארײַנגעצויגן, פארגעסנדיק אין זייערע אָפיציִעלע אַמטן און דעם אדמיניסטראַטיוון אייפער, וועלכער האָט דאָס זיי אוודע ניט דערלויבט.

— מאַזלטאָוו, מאַזלטאָוו, — האָבן די ארעסטירטע געווונטשן איינער דעם אנדערן, ווענדנדיק זיך מיטן זעלבן ווונטש אויך צו די קליינע טורמע־אָנגעשטעלטע, ווי די קאָרידאָר־שאָמרים, און אפילע אויך צו די העכערע, וועלכע האָבן גוטמוטיק צוגעשמייכלט און דאָס מאָל, אלס אויסנאַם, די פאַמיליאַרע פּאַניבראַטישע באַציִונג מיט די ארעסטירטע דערלאָזט. דאָס איז אוודע געווען אן אויסנעמלעכער יאָמטעוו־טאָג. אָבער ביכלאַל, מוז מען זאָגן, איז בא זיי דאָ אלע טאָג די שטימונג ניט קיין געפאַלענע, נאָר, פאַרקערט, א געהויבענע, אַדאַנק די ידיִעס, וואָס דערגייען אהער רעגולער און טאָגטעגלעך פון אויסן, פון רויטן קרייץ אָדער פון די אין געהיים איבערגעגעבענע טורמע־דינער, וועלכע באַזאָרגן זיי מיט צײַטונגען און מיט אלץ, וואָס מע דאַרף, און פון אָט די ידיִעס ווערט די דאָ זיצנדיקע וואָס אמאָל מער קלאָר, אז יאָ, אז דער שטורעם דערנעענט זיך, און אז אָט־אָט וועלן זיך, מעגלעך, די טורמע־טויערן אליין עפענען, און קיינער פון די דאָ זיצנדיקע וועט מעגלעך שוין זײַן אים פון די מאַכט־פאָרשטייער באַשטימטע צײַט שוין ניט אָפּזיצן און אז קיינערליי אורטיילן פון די מאַכטהאָבער און באַצווינגער וועלן שוין צושטאַנד ניט קומען, מאַכמעס דאָס פאָלק וועט עפּעס אנדערש וועלן און וועט אויך קריגן קראַפט זײַן הייפעכדיקן ווילן אף דער מאַכט ארופצוצווינגען. יאָ, ס'האַלט שוין, דוכט זיך, טאַקע גאָר נאָענט דערבײַ.

און א סימען זײַנען די שטאַרק היציקע דיסקוסיעס, וואָס קומען דאָ לעצטנס טעגלעך פאָר, אי איינצלנע, אין יעדער קאַמער באַזונדער, און אי אויך אלגעמיינע, ווען אלע קומען זיך צונויף אין איינער א קאַמער צוליבן זעלבן צווישנאַנאַנד־שטרײַטנדיקן צוועק. און דאָ קאָן מען אמאָל זען א זעלטן בילד, א בילד, ווי אין נויעכס טייווע בייסן מאַבל, ווען פארשיידענע מינים כײַעס, קאָשערע און ניט קאָשערע, האָבן זיך אין איין ענג אָרט אָנגעשטופּט, יעדערער מיט זײַן נאַטור און אייגנשאַפט. ווי אָט, לעמאָשל, דאָ, אָנהייבנדיק פון די פּאַטלאַטע סעקטאַנטן, וואָס דערפאר, וואָס זיי זײַנען אין געוויסע פּראָטים ניט אײַנשטימיק מיט דער אָפיציִעלער רעליגיע און מיט אירע קלויסטערישע קאַנאָנען, וועלכע די מאַכט האַלט, פאַרקערט, שטאַרק אונטער צוליב אירע טײַמים, רוידעפנדיק זיי, די סעקטאַנטן, האַלטן זיך דערום די לעצטע פאר באַרעכטיקטע שטיקלעך קרויווים און שוטפים מיט די פּאָליטישע אין געוויסע ווידערשפּעניקע און דער מאַכט קעגנשטייערישע פּראָטים, — אָנהייבנדיק פון אָט די סעקטאַנטן, וועלכע זײַנען צוזאַמען מיט זיי פארזעצט און וואָס האָבן אויך א טצווע ווען־ניט־ווען א וואָרט, געווירצט מיט ביבל־ און עוואַנגעליע־פּסוקים, ארײַנצוזאָגן, בייס עס האַנדלט זיך וועגן די רעדיפעס פונעם קייסער הורדוס, ווי זיי רופן די איצטיקע

מאכט, אָנגעווענדטע צו אלע אנדערש דענקענדיקע בירגער־אונטערטאנען, און ענדיקנדיק מיט די צעכראַסטעטע און פראַזן־שיסערישע אנאַרכיסטן, וועלכע געפינען זיך אף א צווייטן פּאָליוס מיט זייער קעגנערשאַפט צו מעלוכע אין אלע אירע פאָרמען און שאטירונגען ביכלאַל, וועלכע זיי זײַנען ביז אין גרונט ניט גוירעס[1], ווענדיק זיי אונטערײַסן און זיי מאכן אויס; און דאַן ווידער די פאָרשטייער פון יענער עמעסער טאקע הויפּט־פּארטיי, די קעגנערן פון א קלאַסן־געזעלשאַפט, וואָס שטרעבט זי אָפּשאפן און האָבן דאָס גאנצע קלאַסנלאָזע פאָלק אונטער איין ברײדערלעך־שעפערישער וועלט־פּאָן צונויפגעזאמלט; און דאַן ווידער די פאָרשטייער פון די קליינע ארבל־פּארטייעלעך, די שפּליטערלעך פון דער הויפּט־פּארטיי, וואָס איבער קורצזיכטיקײַט און ניט באַנעמען דעם היסטאָריש־נויטווענדיקן גאַנג פון דעם ארבעטער־פאָלק אין א געוויסער ריכטלינינע האָבן זיי מיט איר כלוקעדייעס, האָבן זיך אָרגאַניזאַציאָנעל אָפּגעזונדערט און מאַכן זיך שאַבעס פאַר־זיך, דה. האָבן געגרינדעט קלוימערשט זעלבשטענדיקע, אייגענע פּאַרטייען.

אָט די אלע, אַז זיי קומען זיך אמאָל צונויף אין איינער א קאַמער אף א רעפעראַט און אף א דיסקוסיע, וועלכע אנטשטייט און קומט פאַר דערנאָך, אַזוי דאַרף מען זען און הערן, וואָס עס טוט זיך דעמאָלט און וואָס פאַר א היציקע לײַדנשאַפטן דאָ ברויזן אוף. עס דערגייט אמאָל ביז אפילע צו קריגערײַען, וואָס ווען ניט די פעסט דיסציפּלינירנדיקע האַנט פון דעם פון אלעמען פּאַרערטן סטאַראָסטע, דעם גוטן און געניטן אָרגאַניזאַטאָר, וואָס באַווײַזט אלעמען אין דער צוים צו האַלטן, איז גאָט ווייסט, צו וואָס פאַר אַן אומאָנגענעמלעכקײַטן ס'וואָלט אמאָל דערגאַנגען. בייס מע צעצינדט זיך, בייס מע צעפלאַקערט זיך און בייס די צעכראַסטעטע אנאַרכיסטן, וואָס לעבן שטאַרק ניט בעשאָלעם מיטן סייכל־האיאָשאָר און לאָזן זיך אָפּט אָנפירן בלויז פון זייער אופגעקאָכטן טעמפּעראַמענט, — איז צו זען, אַז ווען זיי האָבן דעמאָלט געוועהר בא זיך, אַזוי וואָלטן זיי גלײַך מיט דעם ארויס, ווי מיט א לעצטן בעסטן און אַנטשיידנדיקסטן ארגומענט. און דאָס אלץ קומט פאָר דערפאַר, ווײַל דער שטורעם קלאַפּט שוין אין די ווענט צו אונדז, רופנדיק די אלע, וועלכע האָבן אים שוין פון פריִער, אָבער דעמאָלט בלויז אפן טעאָרעטישן האָריזאָנט געמערקט, מע זאָל איצט זען, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר אין דער פּראַקטיק, דה. מיט וואָס פאַר א בעזעם ער גייט און וואָס פאַר א זײַלן שטויב ער הייבט אוף צום הימל, איידער דער שעפעדיקער רעגן וועט נאָך אים א גיי טאָן אף אלץ צו פאַרפלייצן און אלץ צו באַפרוכפּערן. און בעקיצער, דער אוילעם איז אומגעדולדיק, מע פילט שוין דעם אָטעם פון דעם באַלד קומענדיקן און געגאַרטן, מע שטייט מיט אופגעשפּיליעטע העמדער פאַר די אָפענע טירן און פענצטער, וואַרטנדיק אף דעם, צו וואָס מע האָט זיך אַזוי לאַנג געגרייט דאָס צו באַגעגענען. נו, און אויך ער, לייבל, וואַרט צוזאַמען מיט אלע, און אויך ער נעמט דערווײַל אָנטייל אין די אלגעמיינע דיסקוסיעס, אף וויפל זײַן יונגטלעכע אומדערפאַרונג און זײַן ווייניק נאָך צײַט פאַרבראַנגען אין דער באַוועגונג דערלויבן אים זײַנס א וואָרט אמאָל ארײַנצוזאָגן; יאָ, און ער באַטייליקט זיך, נאַטירלעך, אויך אין דער שפּײַז־קאָמונע, וועלכע איז אין יעדער קאַמער באַזונדער און אין אלע צוזאַמען דאָ אײַנגעפירט, און וועלכע באַציט אירע רעסורסן, ערשטנס, פון דעם, וואָס אליין די קאַזנא לאָזט אָפּ אף די אַרעסטירטע, צווייטנס, פון דעם, וואָס יעדער איינער פון זיי באַקומט צוגעשיקט פון דער היים, אויב ער האָט אַזעלכע, וואָס זי באַזאָרגט אים, און אויב ניט, שפּײַזט ער זיך א גלײַכבארעכטיקטער מיט אלע פון דעם אלגעמיינעם קעסל, אַזוי צו זאָגן, ווײַל דערוף איז ער דאָך א מיטגליד פון דער קאָמונע. און אַגעוו, טײַערע, געהערט ער, לייבל, צו די, וואָס באַקומען גאָרנישט פון דער היים, גלײַך ער האָט גאָר ניט אַזעלכע. ס'איז אים נאָכאַמאָל אַגעוו א ביסל אומפאַרשטענדלעך, פאַרוואָס עס געשעט אַזוי. ס'גלייבט זיך אים ניט, אַז זײַן מוטער זאָל זיך האָבן אַזוי ווײַט אָפּגעקערעוועט פון אים און אַזוי שטאַרק איר אַמאָליקע ליבע און צוגעבונדנקײַט צו אים אויסגעריסן, אַז אפילע איצט, ווען ער געפינט זיך אין טורמע, זאָל זי ניט קאָנען לאָזן איר קאַס אָפּגיין און ניט וועלן טאָן, ווי אלע אנדערע מוטערס, וועלכע האָבן דאָ קינדער, וואָס זיי דערלאַנגען זיי אַהער, אריבער די גראַטעס, אפילע מער, ווי זיי האָבן זיי אין דער היים דערלאַנגט. עס וווּנדערט אים זייער. און אַוודע, מוז ער דעם עמעס זאָגן, איז ער אלעמען מעקאַנע, ווער עס באַקומט אמאָל עפּעס פון דער היים געבראַכט אין א זונטיק, וואָס איז באַשטימט אף זעונגען מיט קרויווים און אף איבערגעבן פּעקלעך פאַר די אַרעסטירטע. ער — ניט. ניט מע קומט זיך מיט אים זען, ניט ער באַקומט עפּעס. עפּעס באַפאַלט אים אַן אומרו לעצטנס, איבערטראַכטנדיק, צי האָט ניט עפּעס געטראָפן דאָרטן מיט דער מוטער צי מיטן פאָטער, צי מיט ביידע. ער האָט שוין ניט איין מאָל געפּרווט איבערשיקן בריוו אפן אויפן, וואָס אלע אונדזערע שיקן, און ער באַקומט קיין ענטפער ניט. און נאָכאַמאָל אַגעוו, אַז ער האָט געפּרווט זיך אונטערקלאָגן פאַר זײַנע, מיט אים צוזאַמען זיצנדיקע, כאַווײרים מיקויעך דעם, דה. ארויסזאָגן פאַר זיי, וואָס ער טראַכט איבער און

[1] — זײַנען מיט זייערע קעגנער אין קיין זאַך ניט מאַסקים.

וואָס פאר א שלעכטע געדאנקען עס קומען אים לעצטנס אוף אין פארבינדונג מיט דעם, וואָס זײַן היים האָט אים פארגעסן אזוי ווײַט, ווי גלײַך אָדער ער, אָדער עפשער זי עקזיסטירט ניט, — אז ער האָט זיך געפּרוּווט קלאָגן און אויסדריקן זײַן מאָרעשכוירע פאר די כאווײרים און דעריקער פאר דעם זייער געערטן און כאָשעווו געהאלטענעם סטאראָסטע, פאר זײַן און איר מוטערס שאָכן, אזוי האָבן אלע אנדערע פון אים די קעפּ אָפּגעדרייט, ווי סטאם ניט וועלנדיק אים הערן. ער ווייסט ניט, פארוואָס. און אויך דער סטאראָסטע אליין, דער, וואָס ער, לייבל, מיט איר זײַנען צוזאמען מיט אים פון זײַן היים פארנומען געוואָרן, האָט אים יאָ אויסהערנדיק, אף אים אזא קוק געגעבן, אז ער האָט אין אים דערזען אי פאראכטונג, אי באדויערונג, וואָס ער קאָן בעשום־אויפן ניט דערגיין די סיבע פון דעם. עפשער ווייסטו, מיליע, עפּעס? עפשער איז צו איר עפּעס דערגאנגען?

אָט דאָס אלץ ביז אהער געזאָגטע האָט לייבל געשריבן אין איינעם א בריוו אָדער אין עטלעכע צו זײַן מיליען, וועלכע איז אוואדע געווען מער גליקלעך פון אים אין פּראט פון פארבונדן זײַן מיט דער היים, אין פּראט פון זען זיך מיט איר מוטער, וועלכע פלעגט זי בא יעדער דערלויבטער געלעגנהײַט באזוכן, ווי אויך אין פּראט פון אלע מעגלעכע מאָלן צו באקומען עפּעס מיטגעבראכט פון איר היים. זי האָט בייס איינער א זעונג מיט איר מוטער זיך אויך דערוווּסט, וואָס מיט לייבלס מאמע איז געשען, ווײַל די שטאָט האָט דאָך דערמיט געקלונגען. און די יעדיִע האָט אויך דערלאנגט אזש אין טורמע צו לייבלס מיטזיצנדיקע כאווײרים, וועלכע האָבן זי פון אים אויסבאהאלטן, ניט וועלנדיק אים קיין צאר אָנטאָן ניט ווען ער וועט זיך דערוויסן אליין וועגן טויט פון זײַן מוטער, אי נאָך מער, אז ווען ער וועט זיך דערוויסן די סיבע פון איר טויט, דה. אז זי איז די שולדיקע אינעם ארעסט פון אייניקע כאווײרים צוזאמען מיט אים, לייבלען, און אז דערפאר האָט זי דאָס געוויסן ניט געלאָזט רוען, ביז קרענק און ביז זי האָט זיך א מײַסע אָנגעטאָן, וועלנדיק, ווײַזט אויס, אויסקויפן די זינד, וואָס האָט זי געבראכט צו אכזאָריעס אפילו בענעגייע איר אייגענעם זון. אזוי האָבן זיך אופגעפירט מיט אים זײַנע כאווײרים א וואָך און צוויי און מער, ביז זיי האָבן געזען, אז זײַן אומרו ווערט וואָס ווײַטער גרעסער און אז סאָפּקאָלסאָף וועט די יעדיִע ניט מעגלעך זײַן פון אים אויסצובאהאלטן, דערבײַ האָבן זיי, וואָס געהער זײַן מוטער, געטראכט, אז מיסע איז דאָך מעכאפּער, דה., אז מיט איר טויט איז זי אירס שוין אָפּגעקומען, און אז ביכלאל איז פאר די זינד פון דער מוטער לייבל ניט מעכויעוו צו לײַדן. דעמלט האָט מען באשלאָסן אים זאָגן. און גענומען אף זיך האָט דאָס ניט קיין אנדערער, נאָר טאקע אליין דער סטאראָסטע, דער לייבלען אמערסטן נאָענטער און פון אים פארערטער. און יענער, ווייסנדיק פון די באציִונגען פון לייבלען מיט מיליען, וואָס ער האָט, זײַענדיק אין דער היים זיי דאָך א צײַט אין אויג געהאלטן, פרייענדיק זיך מיט זייער אי אָפענער, אי האלב־אויסבאהאלטענער יוגנט־פרייד, — האָט אזוי אײַנגעאָרדנט, אז איצט, נאָך דעם, ווי לייבל וועט דארפן באקומען די דערפלעטנדיקע יעדיִע וועגן טויט פון זײַן מוטער, וואָס איז אים דאָך א מאמע, כאָטש א פארבלענדעטע און אין וועג אים א שטייענדיקע, זאָל זיך באלד געפינען אים צו טרייסטן ניט קיין אנדערער, נאָר אליין טאקע מיליע. ער האָט געפּויעלט בא דער טורמע־אדמיניסטראציע, וועלכע האָט זיך מיט אָפּשײַ צו זײַן וואָרט צוגעהערט, אז אזויווי דאָ איז אן אויסנאם־פאל, איז זאָל דאָס מאָל דערלויבט ווערן, וואָס אן אנדערשמאָל ווערט אף קיין פאל ניט דערלויבט, און נעמלעך, אז דער נאָענטער כאווערטע פון דעם, וואָס דער טרויעריקער פאל האָט אים געטראָפן, זאָל געגעבן ווערן די מעגלעכקײַט קומען פון דער פרויען־אָפּטיילונג אין טורמע אין דער מענער־אָפּטיילונג אף באזוך. ס'געשיקט זיך ניט אין טורמע אזא זאך, וואָס איז קעגן אלע אירע סטאטוטן, אָבער אזויווי דער סטאראָסטע איז א כאָשעוו, מיט וועמען אלע, סײַ אייגענע, סײַ ניט־אייגענע, האָבן זיך שטארק גערעכנט, און דערום, נאָך אלערליי פאָרזיכטיקײַטן, וואָס זײַנען אָנגענומען געוואָרן מיצאד דער טורמע־מאכט, אז די העכערע און איבער זיי שטייענדיקע נאטשאלסטווע זאָל זיך דערפון ניט דערוויסן, די דערלויבעניש דאָך באקומען געוואָרן. און אין איינעם א טאָג, און אין איינער א שאָ, וועלכע זײַנען דערוף באשטימט געוואָרן אף דער זעונג, איז מיליע פון איר פרויען־אָפּטיילונג צו לייבלען אין זײַן מענערישער געבראכט געוואָרן. דערבײַ האָט דער סטאראָסטע, ווידער אפריִער, אזוי אײַנגעאָרדנט, אז אין קאמער זאָל דעמלט קיינער, אויסער לייבלען, ניט אָנוועזנד זײַן און אז די זיך ליבנדיקע פּאָר זאָל, וויפל זיי דארפן, אליין זײַענדיק פארברענגען. דעמלט האָט מיליע, בלײַבנדיק מיט לייבלען אליין, ווי שוין א דערוואקסענע און א בארדאס אים טרייסטנדיק, צווישן אנדערס געזאָגט, אז פון הײַנט אָן וועט אים איר מוטער אויך א מוטער זײַן. ס'וועט קלעקן ליבע בא איר, האָט זי געזאָגט, זי זאָל נאָך איינס א קינד ארומנעמען, אויסער איר, מיליען, און איר ברודער, וואָס אינעם איצטיקן מאָמענט האָט זי זיי ניט, ווײַל ביידע זײַנען פארזעצט, אָבער אז די צײַט פון דער באפרײַונג וועט קומען, וועט זי זיך אוואדע פרייען אים, לייבלען, פאר א דריט קינד צו קאָנען ארײַנקריגן. דערבײַ האָט זי איר שווארצהאָריקן קאָפּ, גלאט אף א שרונט פארקעמט, צו זײַן ברוסט צוגענייגט, מיינענדיק דערמיט צו זאָגן, אז דאָס וועט טאקע זי, מיליע אליין, אים פון

איצט אָן פאַרבײַטן אַ מוטער. זי איז געקומען אָנגעטאָן אין איר גימנאַזיסטישער פאָרם, אין שוואַרצן קלייד און אינעם ברוינעם פאַרטעך, וואָס האָט זיך זייער און זייער געפּאַסט צום טרויעריק־פּײַערלעכן מאָמענט. זי האָט זיך אין אַ מיטנוואָכעדיקן טאָג איבערגעטאָן אין איר יאָמטעוו, דה. אין יענעם קלייד, אין וועלכן ער, לייבל, האָט זי געוויס דאָס ערשטע מאָל דערזען און וואָס אין דעם זעלבן קלייד אויך האָט זי זיך צו אים דאָס ערשטע מאָל דערנעענטערט. זי האָט זיך געהאַלטן אַ ווײַלע פונדערווײַטנס, צום אָנהייב פון דער באַגעגעניש, ניט וועלנדיק אים אָפּציִען און אים פאַרגעסן מאַכן אין דעם, אין וואָס מע טאָר ניט, אַפילו ווען מע קאָן און אַפילו ווען מען איז זיכער, אַז מע פאַרמאָגט אין זיך אַזוינס, וואָס קאָן אַ נאָענטן צווייטן פאַרכאַפּן און פאַרשיקערן אין אַלערליי זײַנע לאַגעס. ניין, זי איז געבליבן צוריקגעהאַלטן, בייס זי האָט מיט אים גערעדט וועגן דעם, וואָס דער מאָמענט האָט געפאָדערט; אָבער נאָכדעם, און וואָס ווײַטער דאָס געשפּרעך האָט געדויערט, אַזוי האָט זי געזען, אַז זי האָט אַפילו אויך איצט רעכט אַף אים נאָענט זײַן, ווי זי איז, פילנדיק אין זיך דעם געטרײַשאַפטלעכן קויעך אי פון אַ מוטער און אי פון אַ געליבטער, מיט וועלכער גאָט אַליין אַפילו הייסט זיך טרייסטן נאָך אַ מוטער... אַז זי האָט צו אים איר יוגנטלעכן ליבן קאָפּ צוגעניגט, האָט ער מיט געדעמפּטער טרויערלעכקײַט און מיט מאַט געשלאָסענע אויגן זי אַרומגעאַרעמט, אַזוי ווי גלײַך ער וואָלט זיך מיט איר שוין ניט דאָ, אין טורמע, געפונען, נאָר אַף דער פרײַ, אין איר מוטערס סאָד, און אַף דער באַנק אונטערן אַלטן עפּלבוים, ווען ער איז געווען שיקערלעך פאַרליבט און ווען דער קאָפּ פלעגט זיך אים פאַרדרייען פון באַגליקט זײַן מיט זײַן מיליען. אַזוי אַז לייבל האָט זיך געטרייסט נאָך זײַן מוטער.

נו, און וואָס האָט מיליעס מוטער געטאָן, נאָך דעם ווי מע האָט בײַ איר איר מיליען צוגענו־מען? זי האָט זיך, פאַר אַלעמען, צוליב פאַרגעסן זיך, געווייסעקט מיטן נײַ־געבוירענעם קינד פון איר שכיינע, וועלכן זי האָט געדינט ווי אַ באָבע, דאָס באַדינענדיק און אַרומגייענדיק אַרום דעם אַזוי, אַז זעלבסט די מוטער האָט שוין אויסערן זויגן מיט דעם קימאַט פאַרשפּאָרט האָבן צו טאָן. אַז זי פלעגט זיך אָפּפאַרטיקן מיטן קינד און מיט איר קליין געמינערטער שטוב־באַלעבאַטישקײַט פון ניט האָבן איצט קיינעם, אויסער איר קליינעם באַדאַרף, צו באַזאָרגן, פלעגט זי אין אַן אָוונט אַמאָל זיך גאָר נעמען באַווײַזן אַף דער בירזשע פון יענער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער אויך איר שאָכן, איר מיליע און לייבל האָבן געקערט. זי האָט זיך גענומען אַרומדרייען אַן איבעריקע, שוין אַן עלטערע און אוואַדע ניט צום בירזשע־אוילעם געהעריקע, אָט אַזוי ווי לייבלס מוטער האָט זיך אין איר צײַט אַן איבעריקע און אַ פרעמדלעכע דאָרט אומגעדרייט, מיט דעם איינעם כילעק נאָר, וואָס אויב יענע האָט מען גלײַך טאַקע אַנערקענט פאַר אַ פרעמדער און פאַר אַ גאָר ניט מיט קיין בעשאָלעמדיקע קאַוואָנעס אַהער אַרופקומענדיקע און מע האָט איר דערום גענומען פאַרדעכטיק נאָכקוקן, האָט מען, פאַרקערט, זי, מיליעס מוטער, אָנגענומען פאַר אַן אייגענער, ווייסנדיק, אַז בלויז איר איינזאַמקײַט, איר בענקען נאָך דער טאָכטער, וועלכע איז אַ געפאַנגענע אין טורמע פאַרזעצט, האָט זי געבראַכט אַהער, און ווער נאָר ס׳האָט צײַט געהאַט און ווער אויך ס׳האָט געוווּסט פון איר מוטערלעכער שײַכעס און אָנגעהעריקײַט צו דעם, וואָס דאָ אַף דער בירזשע טוט זיך, דער האָט איר געזען קאָוועד אָפּגעבן און מיט איר אַן אינטים געשפּרעך פאַרפירן, דערפרעגנ־דיק זיך בײַ איר, וואָס זי ווייסט מער פון די פרעגער וועגן איר מיליען, און דערציילנדיק איר אַמאָל אויך וועגן דעם, וואָס פאַר אַ ווײַט שטייענדיקן און פאַר אַ קנאַפּ שײַכעס־האָבנדיקן צום עצעם איניען מעג דאָס בלײַבן ניט דערציילט.

אָן אַנדערשמאָל, ווען דאָס האַרץ פלעגט זי אַ צי טאָן צו איר מיליען אין אַ פאַרנאַכט, ווען דער אוילעם יוגנטלעכע פלעגט זיך אָוועקלאָזן אַף שיפלעך אַפן טײַך אָדער צוליב דורכפירן עפּעס אַ פאַרטיי־זאַך, אָדער גלאַט אַף אַ שפּאַציר, אָט דעמלט פלעגט מען זי זען אַפן ברעג טײַך זיך באַווײַזן, ווידער ווי לייבלס מוטער אַמאָל, ווען יענע פלעגט אַהין קומען מיט איר פאַרדראָסיקן איניען, און זי, מיליעס מוטער, — מיט קיין פאַרדראָס, נאָר, פאַרקערט, קוקנדיק אַף דער פריילעך־אופגעלייגטער און אופגעברויזטער יוגנט, קעדיי זיך פריש־לעבעדיק דערמאָנען אין איר מיליען, וועלכע וואָלט איצט אויך צווישן אַלע איבעריקע באַדאַרפט זײַן דאָ אינעם לינדן זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען דער טײַך דעמפּט אויס די היץ פון טאָג און ווען קאָמפּאַניעס יוגנטלעכע לאָזן זיך אַוועק אָנהייב אָוונט אַפן וואַסער מיט געזאַנג און שפּעט שוין קערן זיי זיך אום מידלעך־געשטילטע פון דאָרט.

זי האָט אויך צײַט געפונען אַן אַנדערשמאָל, ווען זי האָט איר נאָגנדיקע בענקשאַפט נישט געשטילט ניט אַף דער בירזשע זיך אומדרייענדיק און ניט אויך אַפן ברעג טײַך בייסן באַלייטן אָדער בייסן באַגעגענען די יוגנט אַ צוריקומענדיקע פונעם שפּאַציר, האָט זי אויך צײַט געפונען פאַרן שלאָף אַמאָל באַם צופוסנס פון מיליעס ליידיקן בעטל זיך אוועקשטעלן און ווידער טאַקע, ווי לייבלס מוטער אַמאָל בײַ לייבלס בעטל, שטייענדיק לאַנג אַ פאַרטראַכטע און אַ מוטערלעך באַזאָרגטע, זיך פאָרשטעלן, אַז אָט ליגט זי דאָ און זעט אויס אַזוי, ווי זי איז אַלעמאָל געוווינט

געוועזן זי צו טרעפן פארן שלאָף, א יונג־צווײַגהאפטיקע און מיט אלע מיידלשע רייצן און כיינען. זי פלעגט, אָפּבענקענדיק אמאָל אזוי א וואָך און צוויי, ניט האָבנדיק מיליען פאר די אויגן, סאָפּקאָלסאָף דערציִען ביז צום טאָג, ווען דער טורמע־טויער עפנט זיך אף ארײַנלאָזן עלטערן און קרויווים פון די דאָרט פארזעסענע און ווען ס׳ווערט זיי דערלויבט, וועמען מער, וועמען וויניקער, מיט די אייגענע זיך צו זען. דעמלט פלעגט מיליע, ווי א יונגע הירשן, איר צום האלדז זיך א לאָז טאָן, זי ענג און שטום ארומארמען און בלײַבן מיטן קאָפּ א ווײַלע אין איר שויס רוען פון ניט האָבן קיין ווערטער אף אויסצודריקן די גערולע, וואָס האָט זי פארכאפּט פונעם באגעגענען זי, אקוראט ווי אויך דער מוטער האָט דעמלט ניט געקלעקט קיין ווערטער אף אויסצודריקן דאָס, וואָס אין איר האָט אופגעברויזט, זי באגעגענענדיק. סײַ דער מוטער, סײַ דער טאָכטער פלעגן אי פריידיקע, אי טרויער־טרערן צום האלדז צוטרעטן, ניט וועלנדיק אָבער זיי ארויסברענגען איינס פארן צווייטן און איינס דעם אנדערן קיין יעסורים פארשאפן אין די געקירצטע מינוטן, ווען ס׳איז זיי דערלויבט צוזאמען צו פארברענגען. דערנאָך אָבער, ווען די טרערן פלעגן זיי איבערגיין, פלעגט מיליע טרייסטן די מוטער, דערציילנדיק איר פונעם טורמע־שטייגער, וועלכער איז איר נישקאָשע צו דערלײַדן, מאכמעס דאָס צוזאמענלעבן מיט אירע מיטזיצנדיקע כאווערטעס העלפט איר פיל צו דערלערנען די גוטע מידעס, וואָס יענע האָבן זיך דערוואָרבן אין קאָמפּערישן אויסדויער, וואָס דארפן איר דינען פאר א מוסטער. זי האָט איר אויך דערציילט וועגן דער געהויבענער שטימונג, וואָס הערשט איצט אין די ווענט פון דער היגער טורמע, ווו זי, מיליע, געפינט זיך, אזוי ווי אין אלע טורמעס איצט אין לאנד, אדאנק דעם זיכערן באוווסטזײַן, אז אינגיכן וועט זײַן אויס מיט די טורמעס פאר אזעלכע, ווי זי, מיליע, און פאר איר ברודער, וועלכער וועט צוזאמען מיט אלע זײַן גלײַכן באפרײַט ווערן, און זי, די מוטער, פון אירעביידע קינדער, איצט פארזעסענע, וועט זיי באלד, מענלעך גאָר שוין אינגיכן, אין דער היים האָבן.

— יאָ, מאמע! — האָט זי א האָפּערדיקע א זאָג געטאָן און אינמיטן אָט די פארזיכערנדיקע רייד האָט זי זיך ווידער, ווי א יונגע הירשן, דער מוטער אפן האלדז געוואָרפן, באזונדערס ווען זי האָט דערזען, אז די דערלויבטע מינוטן פון דער מוטערס באזוך בא איר האלטן זיך שוין אָט באלד באם ענדיקן.

דעמלט פלעגט אויך די מוטער, וועלכע האָט צוערשט, מאכמעס די גערולע פון דער באגעגעניש האָט זי פארכאפּט, זיך פארגעסן, איצט געאײַלט צו דערמאָנענען, אז יאָ, אז אויך איר זון, מיליעס ברודער, דער ערגעץ ווײַט פארזעצטער סטודענט, שרײַבט איר לעצטנס האָפּערדיק, אין גאָר א געהויבענעם טאָן און מיט דער זעלבער, מיליעס, זיכערקײַט. נו, און ער? — פלעגט זי דעמלט גאָר אײַליק פרעגן בא מיליען, מיינענדיק מיטן וואָרט „ער“ דעם, וואָס, ווי זי ווייסט, איז ער צו מיליעס הארץ ניט וויניקער נאָענט, ווי זי, די מוטער, און אזויווי זי געפינט זיך מיט אים אין איינע טורמע־ווענט און אין איין געצוימטער נעץ און, מעגלעך, אויך אונטער איין דאך אפילע, דארף זי, מיליע, אוודע וועגן אים וויסן דאָס, וואָס אויך זי, די מוטער, אינטערעסירט.

— גוט! — האָט שוין מיליע דעמלט באוויזן אויסצושרײַען צו דער פון איר דערווײַטערטער מוטער אין דעם מאָמענט, ווען מע האָט יענע אָפּגעריסן פון איר, מאכמעס די צײַט פון זייער זען זיך איז שוין אויסגעגאנגען.

און ווירקלעך, זאָל דאָ געזאָגט ווערן, צום באשטעטיקן מיליעס פארזיכערטקײַט, אזוי ווי די פארזיכערטקײַט פון אלע דעמלט אין די טורמעס פארזעצטע, — די באוועגונג האָט געהאלטן אין איר העכסטן אופשטײַג. ס׳איז שוין געהאט פארבײַ יענער היסטאָרישער זומער, וואָס נאָך אים, אום הארבסט, האָט זיך באדארפט באשליסן דער גוירל פון די פאָרקומענדיקע געשעענישן פון יענעם צײַט־אָפּשניט, אום צו באווײַזן, צי איז די באוועגונג גענוג רײַף צו ברענגען אַן ענדגילטיקן ניצאָכן, צי דערווײַל נאָך ניט... באלד, אין יענעם הארבסט, איז אויסגעבראָכן דער באוווסטער אײַזנבאַן־שטרײַק, וועלכער האָט אָפּגעשטעלט די בלוט־צירקוליאציע פונעם גאָרן עקאָנאָמישן לעבן אין לאנד, און דאָס האָט געזאָלט דינען פאר א באווײַז, אז דאָס לאנד רײַסט זיך שוין ארויס פון די געהאָרכזאמע קייטן פון די ביזאהעריקע הערשער, וועלכע האָבן דאָס באוועלטיקט, אונטערוואָרפנדיק זיך זײַן אייגענער זעלבסטדערקלערטער פאָלקס־הערשאפט, וועלכע האָט געצווונגען די אף טויט דערשראָקענע און צעטומלטע מאכט כאפּן און שענקען א קאָנסטיטוציע, אף וועלכער זי האָט אויך באלד כאראָטע געקראָגן, ארויסציִענדיק אָנשטאָט איר די הענקער־האק, וועלכע האָט איר אלעמאָל געדינט.

אָט אין יענע טעג, וואָס ערעוו די באלד אָנקומענדיקע געשעענישן, זײַנען אין איניקע ערטער אף דער פאָדערונג פון פאָלקס־ווילן, וואָס איז אויסגעדריקט געוואָרן אין עפנטלעכע דעמאָנסטראציעס, אופגעריסן געוואָרן, קעגן דעם ווילן פון דער טורמע־מאכט, שלאָס און ריגל און עס זײַנען ארויס באפרײַטע פיל פּאָליטישע ארעסטירטע פאר דער לעצטער צײַט; און ווען דאָס דעמאָנסטרירנדיקע פאָלק האָט זיי דערזען ארויסקומען פון די טורמע־טויערן, האָט עס זיי בא־

געגענט מיט גרויס יובל און זיי אַף די הענט, ווי מאַרטירער און אָפּקומער, געטראָגן. אַזוינע פאַלן זײַנען פאָרגעקומען אין א סאַך שטעט, און אויך אין דער, וועגן וועלכער עס גייט דאָ די רייד.

אַזוי איז איינמאָל באַוווּסט געוואָרן, אַז אַלע שטאָטישע אָרגאַניזאַציעס רופן אַף דער און דער שאָ זיך צו פאַרזאַמלען דאָרט און דאָרט, אַף א באַוווּסטן פּלאַץ, אַף זיך צו לאָזן מאַרשירן אונטער א רויטער פאָן מיט אַן אופאָדערנדיקער אויפשריפט: „גיט אונדז אָפּ די טאַטעס, מענער, ברידער און שוועסטער, וועלכע איר האַלט אומזיסט און אומנישט אונטערן שלאָס!"

דעמלט האָט מען זיך גענומען קלײַבן אין דער באַשטימטער שאָ אַף יענעם פּלאַץ, קעגן דעם ווילן, נאַטירלעך, פון דער שטאָט־אַדמיניסטראַציע און דער זשאַנדאַרמעריע־פאַרוואַלטונג, וועלכע האָבן צוערשט לעפאַנעם נאָכגעגעבן, אויסנעמענדיק נאָר א טנײַ, אַז די דעמאָנסטראַציע זאָל זיך האַלטן רויִק און ניט שטאַרק אַרויסרופעריש בענעגייען דער מאַכט. די שטאָט־אַדמיניסטראַציע און זשאַנדאַרמעריע־פאַרוואַלטונג האָט, ווײַסנדיק, וואָס אין אַנדערע שטעט קומט פאָר, ווי געזאָגט, לעכאַטכילע נאָכגעגעבן, אָבער אין לעצטן מאָמענט האָבן זיי זיך פאַר דער פון זיי אַליין געגעבענער דערלויבעניש דערשראָקן און זיי זײַנען געקומען באַוואָפנטע און שלאַכטגרייטע, מיט גאַנצע אָפּטיילונגען פּאָליציי און מיליטער. ס'איז געווען, ווי געזאָגט, ערעוו — ערעוו טאַקע דעם שוין באַוווּסטן זיבעצעטן אָקטיאַבער, ווען די אַרטיקע מאַכט־פאָרשטייער האָבן זיך געפילט פאַרלוירן, זעענדיק די פאַרלוירנקײַט פון דער צענטראַלער מאַכט, וועלכע האָט זיך דערהויפּט נאָך געאַקשנט, אָבער אין געוויסע וויכטיקע פּראָטים שוין נאָכגעלאָזט, אַשטייגער ניט געמאַכט קיין אָנפאַלן אַף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, בייס וועלכע ס'פלעגן אַלעמאָל פאָרקומען מאַסן־אַרעסטן, און אַפילע ניט אַזוי שטרענג ניט דערלאָזן קיין דעמאָנסטראַציעס, וועלכע האָבן זיך ביז אַהער אַלעמאָל געענדיקט מיט האַריגעס. קוקנדיק אַפן צענטער, האָבן די אָרטיקע מאַכטהאָבער זיך גענומען פילן עטוואָס אונטערגעשוואַנקט און אין דער דייע צעשאָקלט אי אַדאַנק די אויפאָדערונגען פון די מאַסן, וועלכע זײַנען געקומען וואָס אָפטער און וואָס ווײַטער אַלץ אַף א העכער קאָל, אי פון דעם, וואָס די אויבערמאַכט האָט זיך צעטומלט, האָבנדיק שוין פיל נאָכגעגעבן פון אירע ביז אַהעריקע דיסציפּלינאַרע רעגלען און פון איר אַלעמאָליקן פעסטן ווילן, וואָס אין יעדן פאַל פאַרצונעמען, איצט ניט. איצט האָט די אויבערמאַכט געהאַנדלט בלויז פון פאַל צו פאַל, ניט אָנגעפירט פון איר דווירעס־געהייליקטן און ווי פון אײַזן געשמידטן קאָדעקס, אַף וועלכן די גרונט־יעסוידעס פון דער מעלוכע האָבן זיך גאַנצע אָפּגעשטאַנענע יאָרהונדערטן געהאַלטן. איצט, דערפילנדיק דעם דרייסט באַגינענדיקן דראַנג פון די מאַסן פון אונטן, וועלכער האָט וואָס א טאָג אַלץ מער צו זיי אין די הויך־געמויערטע מעלוכע־ביניאָנים אַרײַנדערלאַנגט, ביז אַזש אַרוף צו זייערע געשיצט־פאַרגראַטעטע פענצטער, האָבן זיי, וועלנדיק זיך ראַטעווען פון דעם מעגלעך אָנקומענדיקן בראָך אַף זיי, זיך גענומען באַראַטן און מיט די דייעס און מיינונגען זיך צעגיין: ווער עס האָט געהאַלטן, מע דאַרף וואָס ענגער דעם בינדנדיקן שטריק פאַרציִען, און ווער — אים נאָכצולאָזן, אַזוי אַז אויב פון אויבן איז די דייע ניט געווען קיין איינהײַטלעכע, א וואַקלענדיקע, אַן איבערגעשראָקענע און ניט איבעריק פעסטע, איז, נאַטירלעך, אַז דאָס האָט נאָך אין א גרעסערער מאָס אין דער פּראָווינץ אַראָפּ דערלאַנגט, און דער באַשלוס, וואָס די לעצטע האָט אַמאָל אָנגענומען אין א פאַראַנטוואָרטלעכן פאַל, ווי, לאָמיר זאָגן, דאָ, בייס די הישטאָטישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציעס האָבן גערופן צו אַזאַ סאָרט דעמאָנסטראַציע, איז אַוואַדע ניט געווען קיין איינהײַטלעכער, אַוואַדע א וואַקלענדיקער. איינע, צום בײַשפּיל, זײַנען צוערשט באַשטאַנען און דערלויבט די דעמאָנסטראַציע און אַנדערע ניט, און זיי זײַנען אַרויס באַוואָפנטע אַף זי ניט צו דערלאָזן, און דערמיט האָבן זיי אַף די לעכאַטכילע יאָ אײַנשטימענדיקע אויך קריגעריש געווירקט, צווינגענדיק זיי זיך אונטערגעבן אין נאָמען פון דער דיסציפּלין, וואָס זיי, די מער פעסטערע און באַם אַלטן זיך האַלטנדיקע, האָבן דאָ אַרויסגעוויזן. אויך דאָ, אין יענער שטאָט, וועגן וועלכער עס גייט דאָ די רייד, איז געשען אַזאַ פאַל: ווען די מאַסע, אַן אויפגעפאָדערטע פון די אָרגאַניזאַציעס צום דעמאָנסטרירן, איז געווען אַן איינהײַטלעכע אין איר באַגער, איז אָבער די מאַכט־אַדמיניסטראַציע אַף א סאַך פון איר געהאַט אָפּגעשטאַנען אין דעם פּראַט, דה. אַז ווען פּאָליציי האָט, לאָמיר זאָגן, דערלויבט, אויסנעמענדיק אַפּריִער נאָר געוויסע טנאָיִם, איז די זשאַנדאַרמעריע דערויף ניט אײַנגעגאַנגען. אָדער, מעגלעך, אַליין די פּאָליציי האָט דערנאָך כאַראָטע געהאַט און איר דערלויבעניש געוואָלט צוריקציִען, ס'איז שוין אָבער געווען שפּעט. דער אויפגעפאָדערטער אוילעם צום דעמאָנסטרירן האָט אין באַשטימטן טאָג, וואָס איז אויסגעפאַלן אַפן פּופצעטן — זעכצעטן אָקטיאַבער, ערעוו דעם לעצטן אַקט פון דער גאָרער לאַנד־אויפרודערונג, זיך גענומען קלײַבן אַפן פּלאַץ, פונוואַנען די מאַסן האָבן זיך באַדאַרפט לאָזן מאַרשירן צו דער טורמע אונטער דער רויטער פאָן מיט די אויבן געזאָגטע לאָזונגען. קינד און קייט האָבן זיך אַהין גענומען צונויפקלײַבן: ווער עס האָט געהאַט א פאָטער, א מאַן, א שוועסטער, א ברודער, אין וועמעס באַפרײַונג ער איז געווען פאַרינטערעסירט, — איז שוין אָפּגערעדט, אַז ער האָט זיך אַף יענעם פּלאַץ דאָרט געפונען. אָבער אויך

אויסער די אומיטלבאר פאַרינטערעסירטע האָבן זיך געלאָזט אהין אויך פיל מיטפילנדיקע, וואָס ווער נאָר עס האָט קיין נעשאָמע ניט געהאַט, דער האָט דעמלט צו זייער צאָל ניט געהערט. און אויך נײַגעריקע, און בירגער סטאַם, וואָס דער אופגערודערטער, אהין שטראָמענדיקער האַמוין האָט זיי מיטגעצויגן, ווען זיי אליין אפילע האָבן זיך גערעכנט פאַר ווײַט־שטייענדיקע און קלאַל ניט צו דער באַוועגונג אָנגעהעריקע. מע האָט זיך געלאָזט פון אלע גאַסן, פון אלע געסלעך און ליקן צו יענעם פלאַץ. און, נאַטירלעך, אז אויך אזא, ווי מיליעס מוטער, האָפנדיק צו זען פאַר דער צײַט באַפרײַט איר טאָכטער צווישן אלע איבעריקע מיט איר מיטזיצנדיקע, האָט זיך צווישן אנדערע דאָרט געפונען, זי צוזאַמען מיט איר שכיינע, וועלכע האָט אין טורמע איר מאַן געהאַט און איז אים איצט געגאַנגען באַגעגענען מיט איר ניט לאַנג געבוירן קינד אַף די הענט. יאָ, אויך אזעלכע יונגע מוטערס מיט גאָר פיצלעך זײַנען גערופן געוואָרן אָדער האָבן זיך אליין ארויסגע־רופן אָנטיילצונעמען אין יענער דעמאָנסטראַציע, וועלכע האָט, לויט דער פאַרזיכערונג פון די אָרגאַניזאַטאָרן, געזאָלט זײַן א גאָר בעשאָלעמדיקע און א געשיצטע פון יעדן מין געפאַר, ווי די פּאָליציי האָט, פון איר זײַט, בייס די אונטערהאַנדלונגען מיט איר פאַרזיכערט. די אָרגאַניזאַטאָרן און אָרדנערס האָבן באַפוילן זיך אויסשטעלן ריי נאָך ריי, איידער מע וועט זיך אין מאַרש לאָזן. און מע ווייסט ניט, פאַרוואָס און וויאַזוי אין דער ערשטער ריי האָט זיך געטראָפן מיליעס מוטער אוועקגעשטעלט, צי דערפאַר בלויז, ווײַל זי איז געווען א הויכוווקסיקע, וועמען מע וועט קאָנען געבן טראָגן די פאָן, אז זי זאָל פון איבער די קעפּ פון די מאַרשירנדיקע זיך ארויסזען, צי עפּשער ניט בלויז דערפאַר, נאָר מאַכמעס מע האָט זי געקענט, און די שכיינע, די פרוי פונעם באַוווסטן אונטערערדישן טוער, האָט אַף איר אָנגעוויזן, ווי אַף א פאַרדינסטפולער און פאַר אזעלכער, וואָס האָט די ווערט, מע זאָל זי אַף אזא געהויבן אָרט ארויסרוקן און מיט אזא פײַערלעכער זאַך, ווי די פאָן טראָגן, צו באַערן. מע האָט זיך אויסגעשטעלט. און דעמלט איז פון די אָרדנערס א באַפעל געקומען, וואָס האָט זיך איבער אלע איינס נאָך איינס שטייענדיקע רייען דערהערט: אין מאַרש זיך רירן! פאָרויס! עס האָט דעם ערשטן פײַערלעכן שפּאַן געטאָן די ערשטע ריי אין שטילשווײַגנ־דיקער אָרדענונג, געבנדיק א בײַשפּיל דער צווייטער, דער דריטער און די ווײַטערדיקע רייען, וויאַזוי מע זאָל זיך האַלטן אין דעמאָנסטרירנדיקן גאַנג, וועלכער איז באַגלייט געוואָרן פון געזאַנג און פון איינציקע אויסרופן, וועלכע זײַנען אונטערגעכאַפּט געוואָרן, פאַר אלעמען — פון אליין אין דער דעמאָנסטראַציע שפּאַנענדיקע און דאַן אויך פון די אלע מיטפילנדיקע און נײַגעריקע, וואָס זײַנען די גאַנצע צײַט די דעמאָנסטראַנטן אין צוויי שפּאַליערן בא ביידע זײַטן נאָכגעגאַנגען און זיי באַגלייט, ווי וואַכלײַט. מען איז אזוי. אָפּגעגאַנגען אין אָרדענונג און בא די געוויסע טנאָיִם זיך האַלטנדיק, ווי ס׳איז פון פאָרויס מיט דער פּאָליציי אויסגענומען געוואָרן, א שטיק וועג, וועלכן ס׳איז אויסגעקומען דורכצומאַכן, ביז מע האָט באַדאַרפט פאַרקערעווען פון איינער א הויפּט־גאַס אין א זײַטיקער, וועלכע האָט געפירט צום אָרט, ווו די טורמע געפינט זיך. דעמלט האָט מען פּלוצעם דערזען, ווי באַם ארײַנגאַנג אין יענער גאַס, וווהין די דעמאָנסטראַציע האָט זיך באַ־דאַרפט לאָזן, זײַנען געשטאַנען אויסגעשטעלט אין א ריי פּאָליציי־לײַט אין א קייט, איינס לעבן איינס, בילדנדיק אַן אָפּהאַלטנדיקן קאָרדאָן און האָבנדיק הינטער זיך אויך מיליטער־טיילן מיט אָנפירנדיקע אָפיצערן אין פולן געווער מיט א פײַקלער בעראָש, וואָס דאָס אלץ איז צו זען ניט לעשעם פאַראַד אויסגעשטעלט און ניט קעדיי די דעמאָנסטראַנטן מיט קאָוועד באַגעגענען, נאָר לעשעם עפּעס אנדערס און, דוכט זיך, גאָר ניט אַף קאַטאָוועס. באַלד האָבן די אָרגאַניזאַטאָרס זיך א ווענד געטאָן צו די אָנפירנדיקע פּאָליציי־לײַט, פרעגנדיק באַשייד אַף דעם פּלוצעמדיקן אָפּהאַלטנדיקן קאָרדאָן, וואָס האָט זיי פאַרכידעשט, פרעגנדיק ווידער, לעמײַ האַלט ניט די פּאָליציי איר וואָרט, נאָך דעם ווי די מאַרשירנדיקע מאַסן האָבן זייערס יאָ געהאַלטן, אזוי ווי ס׳איז לעכאַטכילע אָפּגערעדט געווען, און לעמײַ, הייסט עס, לאָזט מען די דעמאָנסטראַציע ווײַטער צו איר געצילטן אָרט ניט מאַרשירן, לעמײַ און לעמײַ.

דערבײַ האָט זיך געפילט, אז די אָנפירנדיקע פּאָליציי־לײַט זײַנען ניט איבעריק פעסט אין דער דייע און די, מיט וועלכע די אָרגאַניזאַטאָרס פון דער דעמאָנסטראַציע האָבן אָפּצופריִער די פאַרהאַנדלונגען געפירט, שעמען זיך אפילע איצט אונטער פאַר ניט האַלטן דאָס וואָרט, וואָס זיי האָבן געגעבן, אָבער איבער זיי, האָט זיך געפילט, האָבן זיי געהאַט די זשאַנדאַרמערישע אויבער־מאַכט, וועלכער זיי האָבן זיך געמוזט אונטערוואַרפן און וואָס אין יענעם מאָמענט האָט זי דאָס רעכט געהאַט צו דיקטירן און די הויפּט־דייע האָבן. אזוי אז די פּאָליציי־אָנפירער האָבן די קעפּ, די אויגן און דאָס געהער די גאַנצע צײַט געקערעוועט געהאַלטן צו די איבער זיי שטייענדיקע אַף צו הערן און צו פאָלגן, וואָס פאַר א באַפעלן עס וועלן זיך פון זיי באַקומען. דעמלט האָט זיך א באַפעל דערהערט פון א זשאַנדאַרם־אָנפירערס מויל, וועלכן ס׳האָט גלײַך די אויסגעשטעלטע שורע פּאָליציי־לײַט אונטערגעכאַפּט, אויך פון זייער זײַט אלע מיטאַמאָל אויסשרײַענדיק:

— צוריק! צעגייט זיך! קיין דערלויבעניש, קיינע דעמאָנסטראַציעס! אניט וועט מען שיסן.

— שיסן? — איז צווישן די דעמאָנסטרירנדיקע רייען א מורמל דורכגעלאָפן פון ניט גלייבן אין דער מעגלעכקײַט, מע זאָל מיט אזא וואָרט מיינען ערנסט און דאָס וועלן אויספירן בענגייע אזא בעשאָלעם זיך האלטנדיקער מאסע, וועלכע איז געקומען מיט אזוינע, דוכט זיך, גוזעצלעכע פאָדערונגען, ווי וועלן אָפנעמען זייערע קינדער, טאטעס, ברידער און שוועסטער פון דער טפיסע, וואָס ווי מע הערט און ווי אין די צײַטונגען ווערט געשריבן, ווערט דאָס איצט טאָגטעגלעכער שטייגער און פון אלע טורמעס ווערן באפרײַט די ארעסטירטע.

— צעגייט זיך! — איז נאָכאמאָל, און איצט שוין א מער דראָענדיקער באפעל פון פארשיי־דענע פּאָליציי־מאָרדעס און מײַלער ארויסגעקומען.

די מאסע האָט, ניט גלייבנדיק און ניט ריכטנדיק זיך אף קיין סאקאָנע, נאָך געקווענקלט, ווארטנדיק, וואָס אירע אייגענע אָנפירער וועלן זאָגן און באפוילן.

דעמלט האָט זיך דערהערט די דריטע וואָרענונג, און דער סאָלדאט — דער פײַקלער, וואָס האָט זיך געפונען בעראָש פון די מיליטער־טיילן, האָט גענומען דראָענדיקן שרויט אף זײַן פײַקל אויספײַקלען. און איידער די מאסע האָט באוויזן צו באנעמען, וואָס דאָ וועט שפעטער א רעגע פּאַרקומען, אזוי האָט זיך גלײַך דער ערשטער שאָס דערהערט, און גלײַך איז שוין דער ערשטער קאָרבן אוועקגעפאלן — די הויכוווקסיקע פרוי, וועלכע האָט זיך געפונען אין דער ערשטער דעמאָנסטרירנדיקער ריי און וועלכע איז אויך מיט דער פאָן צו טראָגן באערט געוואָרן, מיליעס מוטער. נאָך א שאָס און נאָך זײַנען געפאלן. מע פארשפאָרט דאָ זאָגן, וואָס עס איז באלד אנט־שטאנען צווישן די דעמאָנסטרירנדיקע מאסן, צווישן וועלכע ס'האָבן זיך געפונען יונג און אלט און אויך אפילע מוטערס מיט פיצלעך קינדער אף די הענט, ווי מיליעס מוטערס שכיינע, וועלכע איז

געגאנגען באגעגענען פון טורמע איר מאן און איר קינדס פאָטער. אז זי און נאָך אזעלכע האָבן דערזען די פאלנדיקע קאָרבאָנעס פון די סאָלדאטישע און פּאָליציייִשע שיס־מערדערײַען, אזוי האָבן זיי אופגעהויבן אזעלכע קוילעס, אז ניט נאָר די מענער־דעמאָנסטראנטן האָבן זיך מיט מוט אָנגענומען, וועלנדיק נעקאָמע נעמען פאר די געפאלענע, און זײַנען ארויס מיטן קליין ביסל געוווער, וואָס מע האָט בא זיך אף אלע פאלן, ניט גלייבנדיק דער פּאָליציי, געהאט אויסבאהאלטן, נאָר אפילע זעלבסט די מערדער האָבן זיך דערשראָקן און האָבן גענומען צווייפלען אין דער צוועק־מעסיקײַט פון זייער טאט, מוירע האָבנדיק, אז עפשער האָבן זיי זיך צופיל דערלויבט, פאַרנעמענ־דיק אין אזא צײַט אזוינס, וואָס, ווי מע הערט און ווי אין די צײַטונגען איז געשריבן, איז אין אנדערע ערטער דערלויבט מען זיך שוין ניט, מע רײַסט ניט אײַן מיט קיין מאסן, קעדיי זיי ניט ארויסברענגען פון דער הויט. מע האָט אָפגעשטעלט דאָס שיסן. און דאָ איז געקומען אן אנטשיידנ־דיקע רעגע, א שטילשווײַגנדיקע, א פיל פאראנטוואָרטלעכע, ווען דער מערדערישער צאד האָט דאָס בעטיכעס אָנגעווירן, און, פארקערט, די דעמאָנסטראנטן־מאסע, וואָס האָט זיך געהאט פארלוירן, האָט זיך א ריס געטאָן פאָרויס און האָט מיט דער גאנצער מאסן־קראפט אזא שטויס געגעבן דעם שיטערן פּאָליציייִשן קאָרדאָן, ווי אויך די מער געדיכטע אויסגעמושטירטע און דיסציפּלינירטע מיליטער־טיילן, אז יענע, וואָס זײַנען איצט ניט אונטערגעשטיצט געוואָרן פון העכער און האָבן ניט באקומען קיין באפעל אף ניט צו דערלאָזן דער מאסע טאָן דאָס, וואָס זי טוט, האָבן זיך איצט אָפּטרעטנדיקע אין די זײַטן אָפּגערוקט און האָבן דער מאסע פרײַ גיין געלאָזט אהין, וווּ זי האָט זיך א ריס געגעבן. דער אומגליק מיט די קאָרבאָנעס איז, נאטירלעך, געבליבן אומגליק. מע האָט זיי אָפּגעפירט, ווו געדאַרפט. אָבער דערפאר, אז די דעמאָנסטראנטן, אופגעהיצטע פונעם בלוט פון די געפאלענע, וואָס זיי האָבן הינטער זיך געלאָזט, האָבן צום טויער פון דער טורמע זיך

דערשלאָגן און האָבן גענומען פּאָדערן פון דער אדמיניסטראציע מיט אויסגעשרייען, זי זאָל וואָס גיכער עפענען די טורמע, אניט וועט מען זי ביז א מינדסטן שטיין צעטראָגן, אזוי האָט דער אוילעם דערזען, ווי דאָס ערשטע מאָל פאר דער לאנגער רוסיש־צארישער געשיכטע האָט א טורמע־נאטשאלניק אליין מיט זײַן אייגענעם קאָוועד זיך מאטריִעך געווען און איז ארויס די מאסע צו באַרויִקן, אויספּויעלנדיק בא איר א קליין ביסל געדולד, ביז ער וועט באווײַזן אירע פאָדערונגען צו באפרידיקן. ער האָט וואָרט געהאלטן, דער נאטשאלניק. ס׳האָט ניט לאנג געדויערט און דער גאנצער אוילעם פּאָליטישע איז, ווער מיט די זאכן, ווער אָן זאכן ארויס צו די אייגענע, וועלכע זײַנען אים געקומען באגעגענען, דורכגייענדיק דעם בלוטיק־געפערלעכן וועג ביז צו זײַן באפרײַונג. מע קאָן זיך פאָרשטעלן, וואָס פאר א יובלדיקע פרייד ס׳איז פאָרגעקומען בייס אָט דער באגעגעניש מיט אייגענע, ווען מען איז איינער אפן אנדערנס האלדז געפאלן און זיך לאנג ניט געקאָנט אָפרײַסן. ווייל די, וואָס האָבן דערלעבט ניט נאָר מיט אייגענע זיך צו האלדזן און קושן, נאָר אפילע מיט פרעמדע, וועלכע מע האָט אין יענעם מאָמענט געפילט צום הארצן נאָענט, ווי אייגענע. און ווי די, ווי א מיליע, לעמאָשל, וואָס, ארויסקומענדיק מיט אזא אימפּעט פון טויער און זיך ריכטנדיק, ווי אלע, אז אָט־אָט וועט איר ליבער מוטערס ברוסט איר יונגן קאָפּ אין לאנגן שטיל־שווײַגנדיקן נאכעס צו זיך האָבן צוגענייגט, און אז ביידע, אי זי, אי די מוטער, וועלן אי לאכן, אי וויינען פון פרייד, — ווי מיליען, וואָס קיינער איז איר ניט אנטקעגן געקומען און וואָס אלע די, וועלכע האָבן זי געקענט און האָבן געוווּסט, וואָס מיט דער מוטער איז אָקאָרשט געשען, האָבן פון איר די קעפּ און די בליקן אָפּגעדרייט, ניט וועלנדיק איר אויסזאָגן, וואָס פאר א ביטערע בסורע ס׳וואַרט אף איר.

אף אן אנדער אויפן ביטער איז אויך געווען איר לייבלען, ווען עס האָט אויך קיינער ניט באגעגנט, ניט, נאטירלעך, זײַן מוטער, וועלכע איז שוין ניט געווען, און ניט אויך דער פאָטער, וואָס איז אויך בעשאס די מוטער האָט געלעבט ווייניק מענטש געווען, ביפראט איצט, נאָך איר טויט, איז ער אוואדע ניט געווען דער, וואָס זאָל זיך צווישן אָט די צו דער טורמע קומענדיקע געפינען, אי איבער זײַן שטאנד, אי איבער זײַן געזונט־צושטאנד, אי איבער זײַן דעגענערירטקײַט, וועלכע האָט זיך איצט אין גאָר א גרויסער מאָס געמערט, מאכנדיק אים אי מער אין דער פלייצע געבויגן, אי קורצזיכטיקער, אי אויך מער אין קאָפּ און אין די געדאנקען געשלאָגן.

אויך מיליעס מוטערס שאָכן האָט זײַן פרוי און קינד ניט באם טורמע־טויער באגעגנט, נאָר שוין אין דער היים, ווו ער האָט זײַן פרוי געטראָפן א וויינענדיקע און קימאַט א פארכאלעשטע, באָך דעם, ווי זי איז בײַגעווען בא דער הארינגע פון מיליעס מוטער, און נאָך דעם, ווי זי איז, קריגנדיק מוירע פארן קינד, וואָס זי האָט געהאט אף דער דעמאָנסטראציע מיטגעטראָגן, אוועק אהיים, דעם אומגליק אויסצווויינען און פארגעסן גאָר, אז זי האָט אויך געהאט וועמען צו באגעגענען.

אין שטוב באם שאָכן איז אוואדע שפּעטער דער כורבן נאָך גרעסער געוואָרן, ווען מיליע האָט זיך וועגן דער טרעפעניש מיט איר מוטער דערוווּסט און ווען זי האָט זיך גענומען רײַסן, וועלנדיק לויפן אין מאָרג, וווהין די מוטער איז אָפּגעפירט געוואָרן שוין א טויטע, אָן שום סימאָנים פון א מינדסטן ביסל לעבן, און די שכיינים, סײַ ער, סײַ זי, האָבן זי אָפּגעהאלטן דערפון און, אף וויפל ס׳איז נאָר מעגלעך אין אזא פאל, האָבן זיי זי געוואָלט טרייסטן. נו, און פארפאלן, די שכיינים האָבן שוין יענע ערשטע נאכט, נאטירלעך, זי ניט געלאָזט צו איר מוטערס העלפט שטוב אריבערגיין, זי זאָל ניט בלײַבן אליין דאָרט, ווו יעדעס מינדסט וועט איר דערמאָנען אין איר מוטער, וואָס איר אָטעם, וואָלט איר געדאכט, שוועבט נאָך אום איבעראל און אין אלע ווינקעלעך.

ס׳האָט זיך אָבער דערפאר א שטיקל גליק געמאכט, וואָס אף מאָרגן פון דער געשעעניש האָט זיך אומגעריכט ארײַנגעשטעלט אן אָנגעפאָרענער פון ערגעץ א באפרײַטער מיליעס ברודער, וואָס, נאטירלעך, אז ווען אויך ער האָט זיך דערוווּסט פון דעם טויט פון דער מוטער און בא וואָס פאר אן אומשטענדן זי איז אומגעקומען, איז זײַן בראָך ניט קלענער געווען, ווי מיליעס. דאָך, ווי אן עלטערער און ווי א מאנצבל, האָט ער זיך געמוזט בעסער האלטן, ווי זי, האָבנדיק די אופגאבע אי זיך, אי דאָס שוואכע שוועסטערל צו טרייסטן. דעמלט האָט זיך באוויזן אויך לייבל, דער דריטער פונעם געטראָפענעם דרײַלינג. און ווי ווײַט ער האָט געקאָנט און ווי ווײַט ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט, האָט ער מיליען, ווי א צווייטער ברודער, אין איר אומגליק גענומען דינען מיט ריידן און מיט שווײַגן, מיט יאָ דערמאָנען די מוטער, ווען מע דארף, און ניט דערמאָנען, ווען מע דארף ניט, און דעריקער טרייסטנדיק זי מיט דעם, וואָס די מוטער איז ווי א העלד געפאלן און ווי אזעלכע איז זי ניט נאָר איר פארלוסט, נאָר אלעמענס, ווײַל זי איז אלעמען אלציינס טײַער.

און ווי די לעווײַע האָט באוויזן, איז טאקע אלעמען. זי איז פאָרגעקומען אף מאָרגן־איבערמאָרגן, פונקט אינעם טאָג, ווען מע האָט דערקלערט די קאָנסטיטוציע און ווען דאָס פאָלק האָט זיך גוואלדיק באגײַסטערט גענומען פראווען דעם זיג אין מאסשטאב פון גאנצן לאנד און מיט אן אלפאָלקישן יובל, ווידער איז קינד און קייט אף די גאסן ארויס, ציִענדיק זיך צום צענטער שטאָט, ווו פון די באלקאָנען האָבן באדארפט אראָפּריידן די פארשיידענע פאָרשטייער פון די אלערליי

פארן פאָלק זיך אײַנשטעלנדיקע פאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס. באלד אָבער האָט מען זיך דערוווּסט, אַז אײדער מע וועט עפֿענען דעם אַלשטאָטישן מיטינג געווידמעט דעם לאַנג געוואַרטן און שווער אָנגעקומענעם זיג, וועט מען אַפֿריִער דאַרפֿן אָפּגעבן קאָוועד די געפאַלענע אין קאַמף, דאָס מיינט מען טאַקע די, וואָס זײַנען אָקאָרשט מיט אַ פּאָר טעג צוריק בײַם דעם געוויסן דעמאָנסטראַציע־מאַרש צו דער טורמע אומגעקומען און וואָס וואַרטן נאָך ביז איצט אַף קוווּרע. מע האָט די איינציקע הארוגים טאַקע באלד געבראַכט אַפֿן פּלאַץ, ווו דער אוילעם האָט אין אַ גרויסער ערן־וואַך אַרומגערינגלט זייערע אָרנס, וועלכע זײַנען געבראַכט געוואָרן פאַרדעקטע, און וואָס איצט, שוין אַפֿן פּלאַץ אָנקומענדיק, האָט מען זיי ערשט אָפּגעדעקט. צווישן אַנדערע האָט זיך געפֿונען אויך דער אָרן פֿון מיליעס מוטער, אַ לענגערער, ווי אַנדערע, ווײַל די, וואָס האָט זיך אין אים געפֿונען, איז געווען אַ הויכוווּקסיקע. די אָרנס זײַנען, נאַטירלעך, מיט רויטן שטאָף געווען באַצירט, ווי אויך קרענץ מיט בלומען און מיט אויפֿשריפֿטן זײַנען פֿון פֿאַר זיי געטראָגן געוואָרן.

מע האָט מיט די געטראָגענע מייסים אין דער ערשטער ריי זיך געשטעלט, וואַרטנדיק, מע זאָל זיך צום בעסוילעם לאָזן און די גאַנצע שטאָט זאָל אין אַ פֿײַערלעך־שווײַגנדיקן צוג די לעווײַע נאָכגיין. דערבײַ האָט זיך אַזוי באַקומען, אַז דער אָרן פֿון מיליעס מוטער האָט אַרײַנגעטראָפֿן אין דער מיט פֿון די איבעריקע געטראָגענע, און די, וואָס האָבן אים אַף די הענט געהאַלטן, האָבן אים געהאַלטן אַזוי, ווי בײַ איינציקע קאַווקאַזער פֿעלקער טוט מען, ווען מע טראָגט זיי אַ ביסל מעשופּע, דער צוקאָפּנס העכער און דער צופֿוסנס נידעריקער, ווײַזט אויס, צוליב קאָוועד פֿאַרן קאָפּ. און קעדיי אויך די, וואָס געפֿינען זיך אין אַ זײַט פֿון דער לעווײַע, זאָלן דעם מעס גוט אָנזען. גלײַך באַלד הינטערן אָרן זײַנען נאָכגעגאַנגען מיליע אין דער מיט און איר עלטערער ברודער, דער פֿריִער געזעסענער און איצט באַפֿרײַטער סטודענט, פֿון איין זײַט, און לייבל — פֿון דער צווייטער. צוזאַמען מיט די לעצטע און אין איין שורע מיט זיי זײַנען מיטגעגאַנגען דער שאָכן פֿון מיליעס מוטער, ווי אויך זײַן פֿרוי מיט איר פּיצל קינד אַף די הענט, וועלנדיק אַפּאָנעם, אַז אויך דאָס קינד זאָל בײַזײַן בײַ דער לעווײַע פֿון דער, וואָס, ווי נאָר ס'איז אַף דער וועלט געקומען אין יענער נאַכט, ווען איר מאַן איז פֿאַרנומען געוואָרן, האָט זי דעם, ווי אַ געטרײַע באָבע געדינט, פֿאַרגעסנדיק, אַז מע האָט אויך בײַ איר איר געליבט קינד, מיליע, דעמלט פֿאַרנומען.

מען איז געקומען אַפֿן בעסוילעם, ווו די קוואָרים זײַנען שוין געווען פֿאַרגרייט, און ווער נאָר ס'האָט זיך נאָענט געקאָנט צושטופּן, האָט מער געהערט, וואָס מע האָט אַף די קוואָרים גערעדט, און ווער ניט, ווער ס'איז פֿון ווײַט געבליבן, האָט אויך קיין וואָרט פֿון די רעדעס ניט פֿאַרלוירן, מאַכמעס דער גאַנצער אוילעם האָט זיך אַזוי שטיל און אַזוי קיין וואָרט אויסרייִדנדיק געהאַלטן, אַז אַלץ האָט ביז דער לעצטער ריי און ביז אַ לעצטן מענטשן, וואָס אַפֿילע אויסער דער ריי, געקאָנט דערלאַנגען. דערבײַ, אײדער מ'האָט מיליעס מוטער אין קייווער באַדאַרפֿט אַראָפּלאָזן, זײַנען צוויי צערעמאָניעס מיטאַמאָל פֿאַר איר אָרן דורכגעפֿירט געוואָרן, וואָס מע ווייסט ניט, ווער ס'האָט זיך צו זיי דערטראַכט. און ווער עס האָט זיי נאָענט שטייענדיק צוגעזען און ווער ס'איז געשטאַנען פֿונווײַטן און מע האָט אים שפּעטער וועגן דעם דערנאָך איבערגעגעבן, האָט מיט ערפֿולן נאַכעס־רועך זיי אויפֿגענומען באַגײַסטנדיק, גלײַך ער אַליין איז אַפֿן גוטן ערפֿולן געדאַנק געפֿאַלן.

צערעמאָניע נומער איינס:

מ'האָט דאָס פּיצל קינד פֿון מיליעס מוטערס שכיינע, וואָס בײַ דעמס געבוירן האָט זיך מיליעס מוטער אַזוי באָביש־געטרײַ געייסעקט, איצט אַ נאָמען געגעבן נאָך איר, אַ ביסל נאָר ענדערנדיק דעם פֿרויען־נאָמען אַף אַ מאַנצבל־נאָמען און סימבאָליזירנדיק דערמיט די שײַכעס פֿון מיליעס מוטערס טויט צו אָט דעם נײַ־געבוירענעם קינדס לעבן. דערבײַ ווידער האָט די מוטער פֿון קינד, צופֿאַלנדיק מיטן פּאָנעם צום אָרן פֿון מיליעס מוטער, זיך ביטערלעך צעוויינט און דאָס קינד, וואָס זי האָט בייסמײַסע אַף די הענט געהאַלטן, האָט, דערפֿילנדיק אַפּאָנעם דעם געבראָכענעם שטאַנד פֿון דער מוטער, איר נאָכגעטאָן, זיך אויך צעוויינט.

און דאָ איז געקומען צערעמאָניע נומער צוויי:

ווען מיליע, וואָס איז מיט איר ברודער געבליבן שטיין פֿון איין זײַט אָרן, און לייבל פֿון דער צווייטער זײַט, האָבן זיך איינס דעם אַנדערן איבער דער מוטערס קערפּער די הענט דערלאַנגט, אַ סימבאָל אַף פֿאַרקנאַסונג און אייביקן צוזאַמענבונד אין אָנגעזיכט פֿון דער, וואָס האָט די זכיִע ניט געהאַט זיי צווינטשעווען גליק אָבער, צוקוקנדיק מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זייער פֿאַרייניקונג, האָט זיי, דוכט זיך, דאָך געווינטשעוועט.

און שוין. דעמלט האָט מען די אָרנס אַראָפּגעלאָזט און פֿאַרשאָטן. און צוריקקומענדיק אין שטאָט, האָט די גאַנצע באַפֿעלקערונג אָן אויסנאַם קימאַט ערשט רעכט פּאָמפּעז דעם דעמלטיקן אָקטיאַבער־זיג געפּראַוועט מיט פֿרייד.

ארום דעם ראָמאַן „פון פינפטן יאָר“

„נאָכוואָרט און פאָרוואָרט“

אין יון 1962 האָב איך באַקומען א בריוו פון דעם ליטעראַטור־פאָרשער נאָכעם אויסלענדער, ווו ער האָט, צווישן אנדערס, געשריבן פאָלגנדיקס:

„...באַ אונדז (אין רעדאַקציע „סאָוועטיש היימלאַנד. — ל.פ.) געפינט זיך איצט ניסטערס מאַנוסקריפּט. באַקומען האָבן מיר אים פון דעם ניסטערס פרוי (יעלענא סעגאַלאָווסקאַיאַ. — ל.פ.). די ערשטע נײַן זײַטלעך לאָזן זיך לייענען און עס איז צו זען, אַז ס׳איז א ווערק, וואָס שילדערט די עפּאָכע פון 1905. אַזוי הייסט טאַקע באַם ניסטער דאָס ווערק: „פון פינפטן יאָר“. דער מאַנוסקריפּט האַלט 160 זײַטן. אָנהייבנדיק פון צענטן זײַטל, ווערט דער קסאַוו שטאַרק פאַרדרייט, ערטערווײַז זײַנען אַרײַנגעטראָגן אַזױפיל אויסבעסערונגען, אַז ס׳איז שווער צו דערגיין, וואָס ווערט דאָ געזאָגט. הייסט עס, דער מאַנוסקריפּט דאַרף דעשיפרירט ווערן... אָט די אַרבעט רעכענען מיר פאַרטרויען אײַך.

...באַלד ווי מיר וועלן באַקומען אײַער ענטפער, וועלן מיר אײַך אַרויסשיקן דאָס ווערק, וואָס הייסט „פון פינפטן יאָר“. אַגעוו, דאָס ווערק האָט אין מאַנוסקריפּט נאָך אַן אונטערקעפּל: „לײבל, מיליע און אַנדערע“. ס׳איז אָנגעוויזן נאָך א טייל, וואָס האָט געזאָלט הייסן: „צוויי מוטערס“, נאָר דער טעקסט פון דעם טייל איז ניטאָ[1]. וואַרטן מיר אויף אײַער ענטפער...“

מיט א פּאָר יאָר פאַר דעם איז מיר אויסגעקומען פאַנאַנדערצוקלײַבן אייניקע מאַטעריאַלן פון דעם ניסטערס ליטעראַרישן אַרכיוו. דאָס זײַנען דעריקער געווען אומבאַקאַנטע פראַגמענטן פון „מישפּאָכע מאַשבער“.

איך האָב זיך דאַן אָנגעשטויסן צווישן די דאָזיקע מאַטעריאַלן אויף אַן אויסערגעוויינלעך ווערטפולן דאָקומענט אונטערן נאָמען „נאָכוואָרט און פאָרוואָרט“, וואָס וועט געוויס פאַרנעמען א וויכטיק אָרט אין דער ניסטער־פאָרשונג. דער ניסטער שטעלט דאָ אויף דעם פּלאַן פון זײַן גרויסער עפּאָפּיי און מערקט אָן די וועגן, מיט וועלכע די העלדן פון „מישפּאָכע מאַשבער“ קומען צו זייער „אָנגעצייכנטער באַשערטקײַט“, צו זייער „געשיכטלעך־נויטווענדיקן לעצטן גאַנג“ און אויף זייער אָרט באַווײַזן זיך אַנדערע „מענטשן, וואָס האָבן איבערגענומען דעם רודער און האָבן פאַרקערעוועט די געזעלשאַפטלעכע שיף אויף גאָר־גאָר אַנדערע ריכטונגען און רייסן“...

אַזוי ווי דאָס „נאָכוואָרט און פאָרוואָרט“ איז לעסאַטע ניט פאַרעפנטלעכט און דאָרט געפינען זיך, כוץ אַלעמען, אויך אייניקע שטעלן, וואָס האָבן א דירעקטע שײַכעס צום געגעזיס פונעם ווערק „פון פינפטן יאָר“, ווילן מיר גענויער וועגן דעם איצט מיטיילן און אויך דערלויבן זיך ברענגען אייניקע גרעסערע אויסצוגן.

„אַריבערגייענדיק צום צווייטן טייל, — שרײַבט דאָרט דער ניסטער, — וועלן מיר זיך נויטיק זײַן מיט אים, ווי מיטן ערשטן, ד.ה. געבנדיק אין דער פאָרם פון א פּאָרעדע דעם פּלאַן, אויף וועלכן דאָס ווײַטערקומענדיקע בילד וועט געמאָלט זײַן...

דער פּלאַן מיינט — די שטאָט N, ווי זי האָט אויסגעזען אַן ערך 15—20 יאָר שפּעטער, ווּהין מיר טראָגן זיך איצט אַריבער, און וואָס, אָנקומענדיק איצט אַהין, וועלן מיר שוין האָבן צו טאָן מיט גאָר א נײַעם דאָר, מיט גאָר א נײַעם שטייגער און נײַע פאַרהעלטענישן — א רעזולטאַט פון גרינטלעכע ענדערונגען אויף אַלע געביטן, ווי ס׳וועט באַלד ווײַטער דאָ געוויזן ווערן“.

אין א קאָנדענסירטער, מאַמעש קאָנספּעקטאַרטיקער פאָרם צייכנט דער ניסטער אָן א רײַך און פאַרביק בילד פון די עקאָנאָמישע, שטייגערישע און קולטורעלע ענדערונגען, וועלכע עס האָט פאַר דער צײַט דורכגעמאַכט די שטאָט N. אָנשטאָט די קליינשטעטלדיקע באַלמעלאָכעס, דעם פּאַטריאַרכאַלן גוויר מוישע מאַשבער, טרעטן אַרויף אויף דער געשיכטלעכער אַרענע דער קאַפּיטאַליסט לײוויק פײַעס און די אַרבעטער פון זײַן לעדער־פאַבריק. די צענטראַלע העלדן פונעם ראָמאַן וועלן שוין זײַן ניט לוזי און סרולי גאָל, אויך אפילע ניט די „פּראָטעסטאַנטן“ מיכל בוקיִער און יאָסעלע מאַגײַפע, נאָר די יוגנט, וואָס איז אַוועק אין די גובערניע־שטעט און קערט זיך אום אין N „אָנגעשטעקט מיט יענע נײַע אידייען קעגן דער מאַכט“...

די געזעלשאַפטלעכע ווידערשפּרוכן וועלן געשילדערט ווערן אויפן פּלאַן פון צוויי דיִאַמעטראַל־קעגנזעצלעכע טיפּן: הימלמאַן — דער טרעגער פון דער בורזשואַזער אידעאָלאָגיע, און ערדמאַן — וואָס פאַרקערפּערט אין זיך דאָס פּראָגרעסיווע אין דער נײַ־אויפקומענדיקער ווירקלעכקײַט. אָט די צוויי געשטאַלטן זײַנען א נײַס אין דער טיפּן־גאַלעריי, וואָס דער ניסטער האָט ביז דאַן באַשאַפן. אין דעם אויפן, ווי זיי ווערן אונדז פאָרגעשטעלט, אין די סיטואַציעס, אין וועלכע זיי ווערן אָנגעצייכנט, פילן מיר דעם ברויזנדיקן אָטעם פון ערעוו 1905.

ערדמאַן באַווײַזט זיך אין דער שטאָט N אונטער א קאָנספּיראַטיוון נאָמען ראַוורעבע און הייבט אָן פאַרזייען די ערשטע זוימען פון דער קומענדיקער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג. צוערשט בעסאָד־סוידעס, אויסבאַהאַלטן אין א פאַרוואָרפן הײַזל פון „דריטן רינג“, וואָס ליגט „נײַן איילן אין דער ערד“. „אָבער, ס׳מאַכט ניט, — באַמערקט דער ניסטער, — דאַפקע דאָרט, אין יענעם מין ווױנונג, ווו די סטעליע איז אויפן קאָפּ און ווו פונעם איינציקן פענצטערל, וואָס איז געלעגן אין א נישע־גריבל פיל טיפער פון דער דרויסנדיקער ערד און האָט נאָר ווי דורך א פינפטל, דורך א זעקסטל שויב ווען אַמאָל די טאָג־שײַן דורכגעלאָזט, — דאַפקע אָט די קעלער־ווױנונג איז געוואָרן דער זאַמלפּונקט, צוערשט בלויז פאַר א גרופּע שטיל פאַרטרויטע, וואָס באַלד שפּעטער א קליין ביסל צײַט וועט איר קאָל זיך לאָזן הערן פאַר אַלע־אַלע, פון די אָרעמסטע ביז די רײַכסטע... און זיך פאַר זיי מיט אָנפירערישער קראַפט אַנטפּלעקן...

...דערווײַל האָט דער אין אַקסל געבויגענער, שלעכט געשוירענער בלאָנדער ראַוורעבע, אַמאָל אָפּדערנאַכט, און ווען זײַנע נאָכפאָלגער האָבן געהאַט פרײַ, אויך באַטאָג, זיי איבערגעגעבן אין א קלאָר פאַרשטענדלעכער, צוגענג־

---

[1] אויסצוגן פון דעם דאָזיקן טייל זײַנען דאָ ניט לאַנג געפונען געוואָרן.

לעכער שפּראַך־פאָרם די לערע וועגן אַרבעט און קאַפּיטאַל, דאָס מיינט מען די געזעצן פון דער הערשנדיקער אָרדענונג, ווי אויך די קעגן־געזעצן, וועלכע וועלן זיי דאַרפן מאַכן אויס, זיי אָפּשאַפן און מיט אַן אַנדערער פאַרבײַטן.

אָט די לערע האָט גאָר אינגיכן שוין געווירקט אַזוי, אַז מע האָט אָנגעהויבן איבערגיין פון רייד צו מעשׂים, פון טעאָריע צו פּראַקטיק".

און ווײַטער באַשרײַבט דער ניסטער אונטערערדישע פאַרזאַמלונגען, שטרײַקן, אַ דעמאָנסטראַציע, אַרעסטן און פאַרענדיקט: „וועגן דעם וועלן מיר שפּעטער פיל צײַט אָפּגעבן און מיט אַ גרויסן באַאַריכעס דערציילן".

פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז ניט קיין „פאַמיליע־כראָניק", אויך ניט קיין „ראָמאַנטישע פּאָעמע" וועגן די בראַסלאַווער חסידים איז אויסן געווען דער ניסטער מיט זײַן עפּאָפּיי „משפּחת מאַשבער". אין אַ קינסטלערישׂ ווערק איז צומאָל ניט אַזוי וויכטיק דער „פונוואַנען", נאָר — וווּהין דער קינסטלער קלײַבט זיך אונדז פירן, וועלכע האָריזאָנטן ער דעקט פאַר אונדז אויף און צו וועלכע „ריכטונגען און רייסן" ער טוט „קערעווען זײַן שיף".

אין דעם „נאָכוואָרט און פאָרוואָרט" זײַנען שוין, אין אַן עמבריאָנעלן צושטאַנד פאַראַן אַלע קאָליזיעס און אַספּעקטן, און אַפילע דער סטיל און די לעקסיק פון אַ ווערק וועגן 1905.

אַז די פּערסאָנאַזשן פון „משפּחת מאַשבער" זײַנען באַרופן געווען צו צעאַקערן די מעזשעס, פון וועלכע עס האָבן שפּעטער באַדאַרפט אַרויסשפּראָצן די קנאָספּן פון אַ נײַעם רעוואָלוציאָנערן דאָר, האָט דער ניסטער אַליין גענוג קלאָר און דײַטלעך אָנגעוויזן:

„דער עיקר־ציל פון מײַן אַרבעט איז געווען — ניט נאָר צו פאַרענדיקן מיט אַן אַלטן דאָר... ס׳האָט דאָך, ווי באַוווּסט, שוין אין יענער צײַט געריפּט דער לעבנספּייזקער זוימען, וואָס פון אים זײַנען צעוואַקסן די אויפקלערערישע און שפּעטער די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג... עס זײַנען שוין דאָן געוואַקסן יענע קינדער, וועלכע האָבן שפּעטער געריסן מיט גאָר דעם אַלטן, טראָגנדיק פײַער אין די פּאָלעס פון אַלעם דוירעסדיקן שימל, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן ביז זיי...

...איז אָט צו דעם באַהאַלטענעם פײַער, וואָס אין די פּאָלעס פון יענעם יונגן דאָר, איז מײַן אויג געווענדט. כ׳וויל זיך צו אָט דעם דאָר דערקלײַבן, קינסטלעריש אים שילדערן און אים אָפּגעבן די ערע, די פאַרווונדערונג און אַכטונג, וואָס גייענדיק מיט אים האַנט בײַ האַנט, האָב איך אַ לעבן לאַנג געזאַמלט"[1].

האָט דער ניסטער אָט דעם טרוים זײַנעם באַוויזן צו פאַרווירקלעכן? אויב יאָ, צי איז עפּעס־וואָס דערפון פאַרהיט געוואָרן? אין נ. אויסלענדערס בריוו האָט זיך געפונען אַן ענטפער אויף אָט די פראַגן. איך האָב אים גלײַך וועגן דעם אָנגעשריבן און אין אַ קורצער צײַט אַרום באַקומען דעם מאַנוסקריפּט צוגעשיקט.

„גוייִעס־אײדעס"

...יעלענע סעגאַלאָווסקאַיאַ, דעם ניסטערס פרוי, באַשטעטיקט, אַז דעם ראָמאַן „פון פינפטן יאָר" האָט דער ניסטער אָנגעהויבן שרײַבן אין סוף פון די דרײַסיקער יאָרן. אין שײַכעס דערמיט ווילט זיך צוגעבן איינעקע

[1] פונעם פאָרוואָרט צום ערשטן טייל „משפּחת מאַשבער".

פּראָטים. אין די יאָרן 1944—1948 איז מיר אָפּט אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיטן ניסטער. געדענקט זיך, ווי שטאַרק ער האָט זיך אויך אין יענע יאָרן אינטערעסירט מיט דעם פּעריאָד פון 1905: געלייענט מעמואַרן פון רעוואָלוציאָנערע טוער, געזוכט פאָלקסלידער און פאָלקסמעשׂיות פון יענער צײַט. עס דערמאָנט זיך אויך, ווי איינמאָל אין אַ שמועס האָט ער אין גוטן מוט אַ זאָג געטאָן: „די יונגעלײַט באַרען זיך מיטן פינפטן יאָר, אײַ, ווי זיי באַרען זיך"...

צי האָט דער ניסטער נאָך אין די פערציקער יאָרן געשריבן אָט דאָס ווערק, איז, פאַרשטייט זיך, איצט שווער פעסטצושטעלן. ווי עס זאָל אָבער ניט זײַן, איז קלאָר, אַז ער האָט יאָרנלאַנג אויסגעטראָגן אין זיך אָט די טעמע. ער האָט געהאָפט, אַז דאָס וועט זײַן אַ געזאַנג וועגן דעם דאָר, מיט וועלכן ער איז האַנט־בײַ־האַנט מיטגעגאַנגען.

דער קסאַוויאַד

בײַ דער ערשטער אויסערלעכער באַקאַנטשאַפט מיטן מאַנוסקריפּט פילט מען בעכוש די אָנגעגליטע אַטמאָספער, וואָס האָט באַהערשט דעם קינסטלער, ווען ער איז צוגעטראָטן אויספאָרמירן דעם מאַטעריאַל. מע באַקומט דעם אײַנדרוק, אַז דער שעפער האָט מוירע געהאַט, עס זאָל כאָלילע עפּעס־וואָס ניט פאַרלוירן גיין פונעם שטאָף. אַ שלאַל בילדער און אַסאָציאַציעס זײַנען פאַר דעם מײַסטערס אויגן אויפגעשווומען. ער סטאַרעט זיך שנעל זיי אויסלייגן אויפן פּאַפּיר, אַזוי שנעל, אַז די צייכנס זעען סיראָוו אויס ניט מער, ווי אַ רעמעז אויף אויסיִעס. ער מאָלט אָן איינעקע וואַריאַנטן פון ענלעכע בילדער, צייכנט אָן פאַרשיידענע כאַראַקטעריסטיקעס פון איין און דעם זעלבן געשטאַלט, קעדיי מיסטאַמע דערנאָך ערשט אָפּקלײַבן דאָס טיפּישע.

בײַם צווייטן מאָל איבערלייענען דאָס אָנגעשריבענע האָט דער קינסטלער, זעט אויס, אָנגעהויבן אויסמעקן דאָס, וואָס האָט זיך אים אין דער ערשטער מינוט אויסגעוויזן פאַר איבעריק. אין זײַן דימיען אָבער האָבן אָפּסנײַ אויפגעטויכט אַלץ נײַע און נײַע בילדער און ער פּרוּווט זיי גלײַך טאַקע אויף דעם זעלבן אָרט, צווישן די אַזוי שוין אָנגעשפּיקעוועטע שורעס, פאַרשרײַבן.

אין אָנהייב האָב איך, דעם עמעס געזאָגט, זיך פאַרלוירן און קלאָל ניט געגלייבט, צי קאָן מען זיך אין דעם אַלעם פאַנאַנדערקלײַבן. אָבער נאָך אָנגעשטרענגטער אַרבעט מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז האָב איך צוערשט אויפגעכאַפּט איינצלנע אויסיִעס, דערנאָך גאַנצע ווערטער, וואָס האָבן זיך געלאָזט לייענען. ביסלעכווײַז האָב איך זיך צוגעוווינט צום קסאַוו. כ׳האָב צוערשט אויסגעזוכט אַ מער ווייניקער דײַטלעכע שטעל און גראָד געטראָפן צו דעם אָרט, וווּ אויף אַן אומלעגאַלער פאַרזאַמלונג טרעט אַרויס איינער מיטן נאָמען באָרעך־בער. לויט דער באַשרײַבונג פון זײַן אויסערלעכן אויסזען און די ביִאָגראַפישע יעדיִעס, וואָס דער ניסטער גיט אָן וועגן אים, האָב איך אין אים דערקענט דאָס געשטאַלט פון דעם יונגן בער באָראָכאָוו.

די באַקאַנטע שטריכן פון אַ רעאַלער פיגור האָבן עפּעס פאַרלײַכטערט דאָס לייענען. שילדערונגען, וואָס זײַנען געבויט אויף היסטאָרישע פאַקטן, האָט זיך מיר אײַנגעגעבן אויסצוגעפינען עטלעכע, און דאָס האָט געהאָלפן פאַנאַנדערקלײַבן זיך אין די סוידעס פונעם ניסטער־קסאַוו.

אין גאַנג פון דער דעשיפרירארבעט איבערן ווערק זײַנען אויפגעקומען אויך אַנדערע שוועריקײַטן. איינעקע ווײַטלעך האָט דער ניסטער אויסגעמעקט. דאָס האָט

געזאָלט באַטײַטן, אַז די שטעלן זײַנען פונעם אַוטאָר אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן געוואָרן. איבערהיפערן זיי אָבער איז ניט מעגלעך געווען, עס וואָלט זיך קיין שום לאָגי־שער העמשעך ניט באַקומען. עס קאָן זײַן, אַז דער ניסטער האָט אין זינען געהאַט זיי שפּעטער אָפסניי אָנשרײַבן און דערנאָך אַרײַנפלעכטן אינעם געוועב פון דער דער־

באַשרײַבן. די רעוואָליוציאָנערע געשעענישן זײַנען דאָ ניט קיין אויסערלעכער פאָן. מיר ווערן אַרײַנגעצויגן אינעם סאַמע קנויל און געווירבל פון די געזעלשאַפטלעכע אָפטרייסלונגען אין אָנהייב XX יה. דערבײַ ווערט דער שטרײַט באַוויזן ניט אָפן באָדן פון שטייגערישע און ענג־נאַציאָנאַלע ווידערשפרוכן, נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט



א זײַטל פון דעם ניסטערס מאַנוסקריפט פונעם ראָמאַן „פון פינפטן יאָר“.

ציילונג. אין אַזעלכע פאַלן האָב איך זיך באַמיט אויפשטעלן כאָטש אַ קליינעם אָבזאַץ, קעדיי עס זאָל זיך באַקומען אַן אָרגאַנישער איבערגאַנג צו דעם ווײַטער באַשריבענעם.

דאָס ווערק

אַז איינצײַטיק מיט „מישפּאָכע מאַשבער“ איז שוין פאַרקלערט געווען (און מעגלעך אויך געשריבן געוואָרן) דאָס ווערק „פון פינפטן יאָר“ האָט, ווי געזאָגט, דער ניסטער אַליין אָנגעוויזן. דאָס איז געווען אַ לאָגישע און קינסטלערישע נויטווענדיקײַט.

„אויב מיר האָבן פאַר זיך ווירקלעך אַ גרויסן קינסטלער, האָט ער כאָטש אייניקע פון די וועזנטלעכע זײַטן אין דער רעוואָליוציע געמוזט אָפשפיגלען אין זײַנע ווערק“ (לעניִן, ב. 15, ז. 179).

די נײַע סטיל־עלעמענטן, וואָס שיידן אונטער אין אַ געוויסער מאָס דעם ראָמאַן „פון פינפטן יאָר“ פון דער „מישפּאָכע מאַשבער“, באַטײַטן ניט, אַז דער שרײַבער איז אָפגעטראָטן פון זײַן פריערדיקן קינסטלערישן נוסעך. די טעמע און די אידיי פונעם ווערק האָבן געפאָדערט פאַר זיך אַ נײַע לעקסיק און אַ נײַעם שילדערונגס־מעטאָד. אין „מישפּאָכע מאַשבער“ האָט דער שרײַבער זיך געהאַלטן באַם באַוווּסטן מעטאָד פון „מאָל, מאָלער, און שווײַג“, זײַענדיק זיכער, אַז די טענדענץ וועט אַרויסוואַקסן פונעם עצעם געטרײַען מאָלן, דה. פון דער אינערלעכער לאָגיק פון די גויראָלעס. אין דעם ווערק „פון פינפטן יאָר“ טרעט דער ניסטער אַרויס ווי אַן אַקטיווער און אומיטל־באַרער אָנטיילנעמער פון די געשעענישן. ער איז לײַדנ־שאַפטלעך, קאַמפעריש. אין די רעפליקעס, פובליציסטישע אָפנייגן און כאַראַקטעריסטיקעס פון די געשטאַלטן ווערן אונטערגעשטראָכן די אידייִשע פאָזיציעס פונעם אַוטאָר, זײַן באַציִונג צו די געשיכטלעכע פראָצעסן, וואָס ווערן

דעם, וואָס אין לאַנד און אין דער דעמלט יוירנדיקער געזעלשאַפט טוט זיך. דאָס ווערק צייכנט זיך אויס מיט זײַן דיסציפלינירטער אַרכיטעקטאָניק און אינערלעכער אָרגאַניזירטקײַט. אַלע קאָמפאָנענטן פונעם ראָמאַן, די קאָמפאָזיציע, האַנדלונג און אַוטאָרישע באַטראַכטונגען זײַנען אונטערגעוואָרפן דער הומאַניסטישער און סאָציאַ־לער אידיי פונעם אַוטאָר.

דער ראָמאַן „פון פינפטן יאָר“ איז מער ווי אַ ליטע־ראַריש־קינסטלערישער דענקמאָל, וואָס איז אַלפינעס ניצל געוואָרן. דאָס איז אַ וויכטיקער היסטאָרישער און מענטש־לעכער דאָקומענט. גלײַכצײַטיק ווערט דער ראָמאַן צע־שטערן די לעגענדע, אַז דעם ניסטערס וועג פון באַגרײַפן די ווירקלעכקײַט בלײַבט דער וועג פון סימבאָלישער אויס־טײַטשונג, פון אינטערפרעטירן זי דורך סימבאָלישע ביל־דער, אָדער, אין בעסטן פאַל, ווי דער אַוטאָר פון מײַס־טערישע שילדערונגען פון דער ווײַטער פאַרגאַנגענהײַט.

דעם ניסטערס „געדאַכט“ האָט אַזוי צעטומלט אייניקע קריטיקער, אַז זיי האָבן פאַרזען די רעאַליסטישע וואָרצלען פון זײַנע ווערק, די טיפע און אַקטועלע גרונט־טענדענצן.

דער ראָמאַן „פון פינפטן יאָר“ וועט רעטראָספעקטיוו וואַרפן אַ שײַן אַף זײַן גאַנצן שעפערישן וועג און העלפן באַזיניקן זײַן איינגאַרטיקן און קאָמפליצירטן קינסט־לערישן גאַנג.

דעם ניסטערס ליטעראַרישע ירושע איז אונדז „פאַר־בליבן ווי אַ לאָזונג, ווי אַ וועגווײַזונג, ווי אַ באַגײַסטיקונג און באַגריסונג פון דעם נײַעם גײַסט, וואָס איז אַנט־שטאַנען אין פלאַם פון דער רעוואָליוציע“ (נ. אויסלענדער). זײַן ראָמאַן „פון פינפטן יאָר“ וועט אַן איבעריק מאָל אונטערשטרײַכן זײַן אָרט און באַדײַטונג אין דער ייִדי־שער סאָוועטישער ליטעראַטור, ווי איינער פון אירע „שיינע אָוועס“.

ל. פאָדריאַטשיק.

פעטרוס בראָווקא

געבוירן אין 1905 אין דאָרף פּוטילקאָוויטשי (איצטיקע וויטעבסקער געגנט). אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1926. פאָלקס־דיכטער פון ווײַסרוסלאַנד.

ווינט און שטורעם

א ווינט, ווען ער קומט, — איז לויט טויזנט סימאָנים
דערקענען מע קאָן אים...

צום ערשטן עס נעמט זיך א שפּין־געוועב צאַפּלען,
דערנאָכדעם הייבט אָן די אָסינע צו פלאַפּלען.

די האָריקע בין וויגט זיך אום מיטן בלימל,
ס׳צעקנייטשט זיך דער טײַך און ס׳ווערט טונקל דער הימל.

עס הודען די סלופּעס, עס הודען די דראָטן,
א בינטעלע שטרוי האָבן סנאָפּעס צעשאָטן...

אלץ האסטיקער בלאָזט ער און וואַרפט זיך מיט האָזע,
ער פײַפט אין דער לאָזע און בייגט די בעריאָזע.

דער קאַרשן־בוים שיט אפן גראָז די קאַרעלן,
דער קאָרן צעוויגט זיך מיט רוישיקע וועלן.

די וואָראָנעס אין א געשריי זיך פאַרגייען,
דער שטויב אפן שליאַך, ווי א סטויפּ, נעמט זיך דרייען.

דער סאָד הייבט אָן קרעכצן, דער וואַלד הייבט אָן רוישן,
א צווײַג מיט א צווײַג מיט די ערטער זיך טוישן.

עס לויפן די גענדז פונעם ווינט פונעם שטאַרקן,
דעם האָן, וואָס צעקרייט זיך, פאַרבלאָזט ער פון פּאַרקן.

ער שרײַט אין די סטויגן, אזוי ווי א טויבער,
אָט האָט ער א שטרויענע סטרעכע צעשויבערט.

אָט כאַפּט זיך דער וויכער ארײַן אין די וואָלקנס, —
ער רײַסט זיי, ער שמײַסט זיי, ער פליקט זיי די קאָלטנס.

ביזוואַנען די כמאַרע פון הימל פאַרטרײַבט ער,
א מידער, א מאַטער, אָן קויכעס פאַרבלײַבט ער.

די זון דורך צעריסענע וואָלקנס נעמט גלאַנצן,
דער שטורעם שטילט אײַן זיך און ווערט ניט אינגאַנצן.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

א ווינט גייט פאַרבײַ, א מעטעליצע שטילט זיך,
כ׳געדענק ווי אין מיר האָט א שטורעם צעשפּילט זיך.

א מיידל — א ווינטל, א צאַפּלדיקס וועזן —
די שטילקײַט א וויג געטאָן קוים, ווי א גרעזל.

עס האָט איר געשטאַלט און דאָס לאַכן דאָס יונגע
מײַן האַרץ זאָל זיך האסטיקער קלאַפּן געצווונגען.

און בײַקומען כ'האָב דעם ניסויען געקאָנט דען? —
די קרוין אפּן קאָפּ פון די צעפּ פון די בלאָנדע,

די אויגן, וואָס האָבן מײַן הארץ דורכגעבויערט,
צוויי אויגן, צוויי שטערן, צוויי פײַערן בלויע.

א וויכער! קיין רעטונג איך קאָן ניט געפינען,
איך וויג זיך אזוי, ווי אין ווינט די אָסינע.

דער שטורעם ווערט שטארקער, אין הארצן ער שרײַט דאָרט,
אין אָפּגרונט מיך ווארפט און אין הימל מיך שלײַדערט...

אדורך איז פון דעמלט שוין כ'ווייס וויפל יאָרן,
און כאָטש פון א דעמב בין איך הארבער געוואָרן,

וואָס טוט אין דעם הימל דעם אָפענעם שטײַגן,
פאר איינער, פאר איר נאָר פארבייג איך די צווײַגן,

פאר איר נאָר אליין כ'האָב דעם קאָפּ אײַנגעבויגן,
ניט איין מאָל א ראָסע באפּײַכט מיר די אויגן.

איך קלאמער זיך אײַן מיט די וואָרצלען אין רויערד, —
— גענוג שוין, — איך שרײַ, נאָר דער שטורעמווינט דויערט!

פון ווײַסרוסיש — ז. טעלעסין.

דעם עכטן אמעריקאנער

כ'האָב נאָענט זיך מיט דיר באקאנט.
כ'זע דײַנע אויגן־רונדן.
פון קליינווײַז אָן האָסט ליב דײַן קאנט,
מיט אים — געקניפּט, געבונדן.

א קונדעס, ציט דיך שוין אָן שפּאס
צו פליינען און צו יארן.
צו אָקלאכאָמע, צו טעכאס,
צו שטראָמען ניאגארער.

פארשטיין דו ווילסט נאָך יונגערהייט
פון דער מאשין די ריטמען,
פון לעבעדיקער שפּראך די פרייד
געבראכט האָט דיר אויטמען.

האָסט האָרעפּאשנע הענט. דו ביסט
א בויער, זייער, שניטער.
ביסט, זאָגן קאָן איך, אָף געוויס,
א מײַסטער א געניטער.

דײַן יעדער פרידלעכער דערפאָלג
איז מיר צום הארצן. ס'פּאסט דיר
דײַן ווערטל און דײַן פריילעך קאָל
אין לוסטיקער כאליאסטרע.

ווילסט, ס'זאָלן אין דײַן הויז מיט גליק
די יאָרשים דײַנע וואקסן.
פארשטייט זיך, ביסט א פײַנט פון קריג,
פון אירע בייזע שלאקסן.

און ס'ציט דיך ניט צו פרעמדער ערד —
קאָרייער, צי טײַוואנער.
פיל אייגענע איז דיר באשערט,
פיל ערד אמעריקאנער.

איך רייד צו דיר — דו קוק זיך אום.
איך זאָג דיר פּראָסטע־מאָסטע:
ס'איז פריילעכער, ווען אומעטום
כאווײרים גוטע האָסטו.

האָב ליב בייסבאָל און קעגלבאַן
און זינג, ווען ס'ווילט זיך זינגען.
ס'וויל קיינער איבער אָקעאַן
מיט וואָפן דיך באצווינגען.

אויב אויספּרוּוון די קויכעס ווילסט,
איז מיט דער שענסטער ערע,
אָן אייצע גיב איך דיר — דו פלי
אָף מארס און אָף ווענערע.

מיר קוקן גאָר אָף דיר ניט קרום,
אָן סינע און אָן צאָרן.
מיט הארץ מיט אָפענעם קום, קום
צוגאסט צו אונדז צו פאָרן.

באגעגענען דיך יעדעס מאָל
מיר וועלן זייער גערן.
ס'וועט זיכער דיר בא אונדזער פאָלק
א סאך געפעלן ווערן.

אנטרינען דאן דער ליגנער וועט,
און ס'וועט אונדז ניט פארדריסן:
צוליבן שאָלעם אָף דער ערד
מיר וועלן פרײַנטשאפט שליסן.

ייִדיש — כ. מאלטינסקי.

נאָטע לוריע

צווייטער טייל

קאַפּיטל איינס

אלעקסיי איוואַנאָוויטש אַרעשין, עלקעס מאַן, איז שוין בא דריַי יאָר געווען אין א לאַגער פאַר באַזונדערס שווערע פאַרברעכער. דער לאַגער האָט זיך געפונען עטלעכע הונדערט קילאָמעטער צאָפּנדיקער פון מאַגאַדאַן, אַף דער העכסטער סאָפּקע פון דער אומגעגנט. די „וויַיסע סאָפּקע", ווי מע האָט זי גערופן, איז א קיַילעכדיק יאָר געווען באַדעקט מיט שניי. דאָ איז גאָרנישט ניט געוואַקסן, אפילו קיין פויגל איז אַהער קיינמאָל ניט פאַרפלויגן. שטענדיק האָבן געבלאָזן קאַלטע שטעכיקע ווינטן. אָפטמאָל פלעגט דער ווינט אַזוי בושעווען, אַז מענטשן פלעגן פאַלן פון די פיס.

אַף דער מיט סאָפּקע, צווישן די הויכע הורבעס שניי, זיַינען געשטאַנען עטלעכע נידעריקע הילצערנע באַראַקן אַרומגעצאַמט מיט שטעכיקן דראָט. פאַרטאָג פלעגט מען פון די באַראַקן אַרויספירן די „זעקא" אַף אַרבעט אויסער דער זאָנע און פאַרנאַכט פאַרקאַלייעטע ברענגען צוריק.

אַלעקסיי האָט זיך געפילט שוואַך און מע האָט אים איבערגעלאָזט אַרבעטן לעבן דער זאָנע. זיַין אַרבעט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט באַדאַרפט מיט נאָך איינעם, שוין אַן עלטערן מענטשן, שלעפּן אַף א שליטן שטיינער פון קאַריער. לעבן דעם קאַריער האָבן זיי אָנגעלאָדן די שטיינער, נאָכדעם זיך איַינגעשפּאַנט, אָנגעטאָן די שטריק אַף די אַקסל און געש־לעפּט דעם שווערן שליטן באַרג־אַרויף.

דער „נאַפּאַרניק" זיַינער איז געווען א רויקער מענטש. אים איינעם האָט דער נאַטשאַלניק פון לאַגער דערלויבט טראָגן א באָרד, און אַלע האָבן אים מיט אָפּשיַי גערופן „באַטיא". דער אַלטער האָט ווייניק גערעדט, געאַרבעט שוויַיגנדיק, געטאָן יעדע זאַך אַקוראַט, מיט פאַרשטאַנד, און האָט מיט דעם געמאַכט אַף אַלעקסייען א גוטן איַינדרוק. פאַר וואָס יענער זיצט, האָט ער ניט געפרעגט. אַלעקסיי האָט שוין געוווּסט דאָס ניט געשריבענע געזעץ: אויב מע דערציילט אַליין ניט, דאַרף מען ניט פרעגן.

אַף דער אַרבעט האָט זיי מער פאַר אַלץ געמאַטערט די קעלט. דער פראָסט האָט דורכ־גענומען אַף דורך און דורך, דערצו האָט דער ווינט געשמיסן מיטן שניי אין פּאָנעם, זיך פאַר־קליבן אונטערן בושלאַט, אין די אַרבל, אין קאָלנער. דער אַלטער האָט געקראָגן א פּאָר שטיקלעך געוואַנט, אופגעניייט פאַר זיך און פאַר אַרעשינען נאָז־בענדלעך. אין די בושלאַטן, אין די שמאַ־טאָווע היטלען, אַראָפּגערוקטע איבער די ברעמען, מיט די נאָז־בענדלעך אַף די נעזער, האָבן זיי אויסגעזען ווי סטראַשידלעס.

אַלעקסיי האָט ראַכמאָנעס געהאַט אַף דעם אַלטן, געשאַנעוועט אים, און געסטאַרעט זיך די שווערערע אַרבעט טאָן אַליין. באַם אָנלאָדן די שטיינער פלעגט ער נעמען די גרעסטע און לייגן זיי אַף דער זיַיט, ווו ער פלעגט זיך איַינשפּאַנען, קעדיי דעם אַלטן זאָל זיַין גרינגער. ער האָט אַפילע אָפּגעשפּאָרט פון זיַין קנאַפּער פּיַיקע און צוגעשאַרט דעם אַלטן אַן איבעריקן ביסן. דער אַלטער האָט ליב געהאַט געזאַלצנס און אַלעקסיי פלעגט שוין ניט עסן דאָס שטיקל הערינג, וואָס ער פלעגט צומאָל באַקומען, נאָר אָפּגעבן עס דעם „באַטיא". דאָס, וואָס ער האָט דאָ עמעצן געהאָלפן, האָט אים פאַרשאַפט א ביסל מענטשלעכע פרייד.

---

¹ דע ערשטן טייל אין „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4 און 5 פון 1963.

דער אלטער פלעגט אמאָל פאר אים אויך עפעס אָפשפּאָרן — א ציגײַער מאכאָרקע אָדער אפילע א שטיקל צוקער, וואָס ער האָט אויסגעביטן פאר עפעס.

אף דער ארבעט האָט מען געמוזט די גאנצע צײַט זיך באוועגן, אנדערש וואָלטן זיי דער־פראָרן געוואָרן.

שלעפנדיק דעם שליטן ארוף־בארג, האָט אלעקסיי אײַנמאָל זיך אויסגעגליטשט, אומגעפאלן און שטארק צעקלאפּט א פוס. דער אלטער האָט אים געהאָלפן זיך אופהייבן און זיי האָבן ווײַטער געשלעפּט דעם פול־אָנגעלאָדענעם שליטן.

— נעם זיך ניט אזוי צום הארצן, — האָט דער אלטער מיט מיטגעפיל געזאָגט אָרעשי־נען, — עס וועט שוין לאנג ניט דויערן.

„וועגן וואָס רעדט ער?“ — האָט אלעקסיי אף אים א קוק געטאָן.

— דער דאָזיקער יאריד וועט לאנג ניט דויערן... עס מוז פּלאצן... — האָט דער אלטער מיט סינע געזאָגט. — וויפל האָסטו באקומען ?

— צען.

— פאר וואָס?

— פאר וואָס? פאר גאָרניט.

— פאר גאָרניט זעצט מען ניט. פאר מיר האָסטו ניט, וואָס מוירע צו האָבן, — ער האָט זיך אומגעקוקט צו דער בודקע, ווו ס'האָט זיך געוואַרעמט דער קאָנוואָיר, — איך האָב זיי פײַנט, ווי סאַם... ניט לאנג שוין געבליבן צו וואַרטן... די דײַטשן, די יאַפּאָנער וועלן אונדז בא־פרײַען... אינגיכן... גאָר אינגיכן וועלן זיי זײַן דאָ... אָט דאָ... — האָט ער א טאָפּטשע געטאָן מיטן פוס אפן שניי.

— וואָס רעדט איר?! — האָט אלעקסיי דערשטוינט אויסגערופן. — איר הערט, וואָס איר רעדט? איר זײַט דאָך א רוסישער מענטש...

— און דו ביסט וואָס? געוועזן עפּשער בא זיי א קאָמוניסט?

— איצט אויך א קאָמוניסט, — האָט אלעקסיי בייז און מיט ווירדע געזאָגט.

דער אלטער האָט פײַנטלעך אף אים א קוק געטאָן. ער האָט ניט פארשטאנען, וואָס יענער רעדט. איצט, אײַנגעשפּאנט, ווי א פערד, אין שליטן, איז ער א קאָמוניסט? ער מאכט כויזעק אָדער ער איז גערירט פון די געדאנקען.

— אפילע דאָ האָסטו אויך מוירע, — האָט דער אלטער א צישע געטאָן, — און איך האָב ניט, וואָס מוירע צו האָבן. איך ווייס, פאר וואָס איך זיץ. איך האָב זיי געשאָסן און וועל נאָך מיט די אייגענע הענט שינדן די הויט פון זיי... ניט לאנג געבליבן צו וואַרטן...

באנאכט, ווען אלעקסיי איז געלעגן אף דער אייבערשטער נארע, האָט ער זיך פאנאנדער־גערעדט מיטן שאָכן, דעם געוועזענעם סעקרעטאר פון אירקוטסקער געגנטקאָם פון דער פּארטיי, און זיך דערוווּסט, אז דער אלטער איז געווען א באלעגוף, ער האָט דערשאָסן דעם פּאָרזיצער פון דאָרפסאָוועט, זײַן ווײַב און צוויי פּיצלעך קינדער.

פון אָט דעם טאָג אָן האָט אלעקסיי דערפילט א שרעקלעכע סינע צום אלטן. אים איז אומדערטרעגלעך שווער געוואָרן דאָס, וואָס ער דארף צוזאמען מיט אָט דעם נעפעש שלעפּן דעם שליטן, זען אים, האָבן אים א גאנצן טאָג לעבן זיך, הערן ווי ער אָטעמט, ווי ער הוסט, ווי ער סאָפּעט.

„מיט וועמען בין איך דאָ?“... — ער האָט מיט דעם אלטן ניט אויסגערעדט קיין וואָרט. ער האָט אף יעדן שריט און טריט אויסגעדריקט זײַן פאראכטונג, זײַן עקל צו אים.

געארבעט האָבן זיי שווײַגנדיק, שווײַגנדיק אָנגעלאָדן, שווײַגנדיק זיך אײַנגעשפּאנט אין דעם שליטן. נאָר דער קאָנוואָיר האָט, פּונקט ווי פריִער, געקוקט אף זיי און א בורטשע געטאָן פון מאָל צו מאָל:

— נו, דאווײַ, קאָנטרא.

אלעקסיי האָט איצט געוואָלט נאָר איינס: מע זאָל אים שיקן אף אן אנדער ארבעט, זאָל זײַן אף א שווערערער, אפילע אף דער שווערסטער, נאָר ער זאָל ניט דארפן מיט אָט דער כײַע זײַן אין איין שפּאן...

אין א פּאָר וואָכן ארום, ווען זיי האָבן שווײַגנדיק אָנגעלאָדן דעם שליטן, איז א נאדזיראטעל געקומען נאָך אלעקסייען.

אלעקסיי האָט ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, וואָס דאָס זאָל באטײַטן. אין א האלב שאָ ארום איז ער שוין געזעסן אין א וואָראָנאָק. די שווארצע מאשין האָט זיך באלד גערירט פון אָרט. וווּהין פירט מען אים? זאָל זײַן, אז אין אן אנדער לאגער? פארוואָס פּלוצלינג? און פארוואָס נאָר אים? צוליב וואָס? מעגלעך, אז מע האָט באשטימט אים אויסנוצן לויט זײַן ספּעציאַליטעט. אָט דאָס וואָלט געווען גוט. א גליק פאר אים. ער האָט זיך אזוי אויסגעבענקט נאָך זײַן ארבעט, נאָכן

וואטמאן־פאפיר, נאָכן רייספעדער, נאָך דער לאָגאַריטמישער ליניקע. ער וואָלט געאַרבעט טאָג און נאַכט און געשאַפן עפּעס ווערטפולס, עס וואָלט דאָך געבראַכט נוצן דעם לאַנד...

אין עטלעכע טעג אַרום איז ער שוין געזעסן אין אַ „סטאָליפּין־וואַגאָן" אויף דער סטאַנציע כאַבאַראָווסק. דעם וואַגאָן האָט מען צוגעטשעפּעט צום סאָף פון אַ פּאַסאַזשיר־צוג און אינגיכן האָט אַלעקסיי דערפילט, אַז דער צוג פאָרט. אין קאָפּ זײַנען געקראָכן פאַרשיידענע געדאַנקען. עפּשער קיין טשיטאַ? עפּשער האָט מען באַשטימט איבערקוקן זײַן איניען? ווידער טורמע, ווידער דעריוגין? ניין, דעריוגין קער שוין אין טשיטאַ ניט זײַן. ער האָט נאָך דעמלט, בײַס דעם ערשטן פאַרהער, געזאָגט עמעצן אין טעלעפאָן, אַז אינגיכן בײַט ער דעם קלימאַט, מע פירט אים אַריבער אויף דאָרעם... אויב מע האָט איבערגעגעבן דעם איניען אַן אַנדער אויספאָרשער, קאָן ער האָפן, אַז אַלץ וועט נאָך זײַן גוט. ער האָט, עמעס, ניט געהערט, מע זאָל עמעצן האָבן אַרויס־גערופן אויף איבערקוקן אַן איניען און באַפרײַען, נאָר פאַרוואָס זאָל אַזוינס ניט זײַן מעגלעך?

אַלעקסיי האָט אויסגעשפּרייט אויף דער פּאָלקע דעם בושלאַט, צוקאָפּנס אַוועקגעלייגט דאָס טאָרבעלע, ווו ס'האָט זיך געפונען זײַן טײַערסטער פאַרמעגן — דאָס אַלטע היימישע גרעט, שקאַרפּעטקעס, אַ נאָזטיכל; ער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער פּאָלקע און גענומען זיך אויסמאָלן ווי וועט עס זײַן, אויב מע וועט אים טאַקע באַפרײַען. ער וועט אַרויס פון טורמע־הויף אַליין, אָן אַ וואַך, אַוועקשפּאַנען, און איבער דער גאַס וועלן פריילעך אָפּהילכן זײַנע טריט. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט: ער קלאַפּט אָן שטיל אין טיר, און עלקע, אָן איבעראַשטע, באַגעגנט אים, דאָס קינד דערפרייט זיך און לאָזט זיך לויפן אים אַנטקעגן.

אין קאַמער איז געווען שטיל, עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס קלאַפּן פון די רעדער און די שווערע טריט פון קאָנוואָיִר, וואָס האָט געשפּאַנט הין און צוריק איבערן קאָרידאָר.

יעדעס מאָל, ווען דער קאָנוואָיִר פלעגט פאַרבײַגיין אַלעקסייס קאַמער, פלעגט ער זיך אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן און קוקן אויף אַלעקסייען מיט אַזאַ אָנגעכמורעטן און בייזן בליק, ווי ער וואָלט זיכער געווען, אַז ער היט אַ שרעקלעכן פאַרברעכער. פון אָט דעם קוק איז אַלעקסייען שווער געוואָרן און ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז דערויף, מע זאָל אים באַפרײַען, איז ניטאָ אַפילע וואָס צו האָפן. ווער ווייסט, עפּשער האָט עפּעס פּאַסירט מיט עלקען... דאָס האָט אים געשראָקן מער פאַר אַלץ, ער האָט מוירע געהאַט אַפילע צו טראַכטן וועגן דעם. ווען ער האָט כאָטש מיט וועמען אויסצורײדן אַ וואָרט.

ער האָט זיך צוגעשפּאַרט מיטן אויער צום הילצערנעם ווענטל און מיט אַ פּאַרטײַען אָטעם זיך צוגעהערט, צי איז עמעצער ניט פאַראַן פון יענער זײַט. ניין, קאָנטיק דאָרט איז קיינער ניטאָ. ער הערט ניט קיין מינדסטן שאָרך. ער הערט אויך ניט, אַז דער קאָנוואָיִר זאָל זיך אָפּ־שטעלן לעבן די דערבײַיקע קאַמערן. און טאַקע ווען דער קאָנוואָיִר האָט אים געפירט זיך וואַשן, האָט ער געכאַפּט אַ קוק און זיך איבערצײַגט, אַז ער איז דאָ דער איינציקער, און דער קאָנוואָי באַוואַכט נאָר אים.

אָרעשינען איז נאָך טרויעריקער געוואָרן. קעדיי זיך פאַרגעסן אַ ביסל, האָט ער זיך געפּרוּווט אַריבערטראָגן אין די געדאַנקען אין יענער ווײַטער וווּנדערלעך־טײַערער צײַט, ווען ער איז, אַ זיבעצניאָריקער יאַט, אַרײַנגעטראָטן אין קאַמסאָמאָל און פרײַוויליק אַוועק אין דער רויטער גוואַרדיע זיך שלאָגן קעגן קאָלטשאַקן, דעניקינען און מאַכנאָ... עס זײַנען אופגעקומען אין זיקאָרן פאַרשיידענע בילדער פון זײַן שפּעטערדיקן רוישיקן לעבן, ווען ער האָט געלערנט אין דער אַקאַדעמיע, געאַרבעט אין וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט. ער האָט זיך דערמאָנט מיט אַלע איינצלהײַטן, ווי ער האָט אין מאָסקווע אויפן רויטן פּלאַץ נאָך דער מײַ־דעמאָנסטראַציע זיך באַקענט מיט עלקען, ווי ער איז געקומען צו איר קיין הולײַפּאָליע. און אָט פאָרן זיי קיין טשיטאַ. זיי זײַנען זאַלבעצווייט אין קופּע; ס'איז מײַ, אַלץ בליט. און זיי איז אַזוי גוט...

אַלעקסיי האָט אַ מעוולבעלער אופגעעפנט די אויגן, זיך אומגעקוקט און אומגעריכט אַנטקעגן אין קאָרידאָר־פענצטער, אין דעם מאַטעוון ניט דורכזיכטיקן גלאָז, באַמערקט אָן אויסגעריבן קרײַזעלע, די גרייס פון אַ פּיאַטאַק. ער האָט זיך אופגעהויבן אויף די שפּיצפינגער און דערזען פונדאַנען אַ גרינע לאָנקע מיט בונטע קווייטן. ער איז, ווי אַ פּאַרקישעפטער, געשטאַנען, ניט רירנדיק זיך פון אָרט, און געקוקט מיט דורשטיקע אויגן. עס האָבן פאַרבײַ־געשווינדלט וועלדלעך, לאָנקעס. ער האָט דערזען אַ בעהיימע צווישן גראָז, גענדז אויף אַ סאַזשל־קע, אַ וואָגן אויפן וועג. ער האָט דאָך שוין קימאַט געהאַט פאַרגעסן, אַז אַזוינס איז גאָר פאַראַן. און אָט אויף אַ הילצערן בריקל שפּילן זיך קינדער... וויפל יאָר איז אַדורך, אַז ער האָט זײַן טעכטערל ניט געזען...

אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט טריט פונעם קאָנוואָיִר, און אַלעקסיי האָט זיך אַוועק־געזעצט. נאָר זיצן האָט ער שוין ניט געקאָנט. אים איז אײַנגעפאַלן — אויב ער זאָל זיך לייגן אויף דער מיטלסטער פּאָלקע, וועט ער פון דאָרט קאָנען דורך דעם שטיקעלע ריינעם גלאָז זען

די וועלט. דעם גאנצן טאָג איז ער געלעגן און זיך ניט גערירט פון אָרט... ווי גרויס איז דאָס לאנד, ווי שיין עס איז, וויפל נײַע הײַזער מיט ליכטיקע פענצטער ארום די וואָקזאלן. וויפל אווטאָמאשינעס אף די וועגן, טראקטאָרן אף די פעלדער. ער האָט פריִער גאָר אזויפיל ניט געזען. און אנטקעגן זײַנען געגאנגען עשעלאָנען — אף די פלאטפאָרמעס הייבקראנען, מאָטאָרן, קאָמ־בײַנען, אווטאָמאָבילן... דאָס לאנד לעבט, דאָס לאנד בויט, ס'האָט אים געפרייט און גלײַכצײַטיק ווייטעקדיק באנק געטאָן, וואָס ער האָט איצט אין דעם קיין כיילעק ניט. יאָ, דאָס לאנד לעבט.

אָט האָט דער צוג זיך אָפּגעשטעלט לעבן א סטאנציע. אפן פעראָן — אויסגעפּוצטע מענטשן, פיל פון זיי מיט קווייטן אין די הענט. ווער עס באגעגנט, ווער עס באגלייט. מע פרייט זיך. מע לאכט. און קיינער פון זיי שטויסט זיך אפילע ניט אָן, אז ער, אן אומשולדיקער, זיצט דאָ פארשפארט אינעם באוואכטן „סטאָליפּין־וואגאָן". מיליאָנען מענטשן לעבן, ארבעטן און טראכטן געוויס, אז אויב מע פירט עמעצן אין אזא וואגאָן, איז עס א פארברעכער. ער האָט דאָך אויך אזוי געטראכט ביז מע האָט גענומען בליוכערן און, דעריקער, ביז מע האָט אים גענומען...

עס איז קאָנטיק געווען א גרויסע סטאנציע. דער צוג איז לאנג געשטאנען. אלעקסיי האָט אף אלץ געקוקט און איז ביז ווייטעק מעקאנע געווען די מענטשן, וועלכע האָבן פרײַ שפּאצירט אף דער פלאטפאָרמע. אָט גייען זיי וווּהין זיי ווילן, געוויס האָט יעדערער פון זיי זײַנע זאָרגן, נאָר זיי ווייסן גאָר ניט, ווי גליקלעך זיי זײַנען.

אָן גייט א כאָפּטע יוגנט. איינער שפּילט אף א הארמאָשקע, צוויי־יען טאנצן. קיינער פון זיי קוקט זיך ניט אום אהער. מיטאמאָל דערזעט ער ווי צוויי מיטליאָריקע פרויען שטעלן זיך אָפּ פונדערווײַטן, קוקן אף דעם וואגאָן מיט די שמאָלע פארגראטעטע פענצטער און שאָקלען פארזאָרגט מיט די קעפּ.

מיט א ראש האָט זיך פארבײַגעטראָגן א לאנגער פראכטצוג. ווידער פלאטפאָרמעס מיט דיזעלן, מיט הייבקראנען, מיט אווטאָמאָבילן, מיט טראקטאָרן, מיט ווערקשטעלן... יעדן אינ־דערפרי האָט מען אים ארויסגעגעבן א פּײַקע ברויט, עטלעכע געטריקנטע פישלעך, א קליין מעסטעלע צוקער און א קענדל אָקרעפּ. ער האָט עס געגעסן זייער שפּאָרעוודיק. גוט אויסגעזויגן יעדעס ביינדל פון די דארע פישלעך, נאָר איצט האָט ער גאָרנישט ניט געקאָנט נעמען אין מויל ארײַן.

די קאָנוואָירן האָבן זיך געביטן און אלעקסיי איז אלץ געלעגן אף דער פּאָלקע, און געקוקט און ניט געקאָנט זאט אָנקוקן זיך...

דער צוג האָט זיך שוין געטראָגן איבער היימיש באקאנטע ערטער. ער האָט באמערקט, אז מען איז דורכגעפאָרן די סטאנציע מאגאטשא, נאָכדעם נערטשינסק, שילקא און אָט־אָט, באלד וועט שוין זײַן טשיטא... אלעקסיי איז געוואָרן אומרויִק. אים האָט זיך זייער פארוואָלט רייכערן, נאָר ער האָט שוין פון לאנג ניט געהאט קיין גרײַפּעלע מאכאָרקע. יעדעס מאָל, ווען אין קאָרידאָר האָבן זיך דערהערט טריט, האָט זיך אים געדוכט, אז אָט באלד וועט מען אים הייסן קלײַבן זיך מיט די זאכן. אָט באלד וועט מען אָפּשליסן די טיר, ארויספירן אים פון וואגאָן און ער וועט דערזען פאר זיך דעם באקאנטן וואָקזאל. עפּשער האָט עלקע זיך דערוווּסט, אז מע פירט אים אהער און זי איז שוין מיט סוועטקען אפן פעראָן, און אָט־אָט וועט ער כאָטש פונדערווײַטן זי דערזען... זיך איבערצײַגן, אז זי איז דאָ, אז מע האָט זי ניט געטשעפּעט...

אלעקסיי האָט זיך אופגעהויבן, פאריכט אף זיך די לאגערנע אָפּגעבליאקעוועטע קורטקע און זיך צוריק אוועקגעזעצט. „נאָר רויִק. דײַן זאך איז וואַרטן. אויב מע פירט דיך אהער, וועסטו ווײַטער ניט פאָרן. רויִק, געדולד. ביז דער סטאנציע איז נאָך קאָנטיק פאראן צײַט". נאָר ער הייבט זיך ווידער אוף. ער הערט א טופּען אין עק קאָרידאָר, דער קאָנוואָי קלײַבט זיך שוין מיסטאם. דער נאטשאלניק גיט עפּעס א פאראָרדענונג. אלעקסיי איז אָנגעשטרענגט. אָט־אָט וועט מען צוגיין און אויסרופן זײַן פאמיליע.

דער צוג פארלאנגזאמט דעם גאנג, עס גייט דורך נאָך א רעגע, נאָך א רעגע. און דער צוג בלײַבט שטיין. ס'איז טשיטא. זײַן סטאנציע, זײַן שטאָט. אָט דאָ לעבט עלקע, סוועטע. דאָ האָט ער געדינט. דאָ האָט מען אים גענומען.

פון דער פּלאטפאָרמע צעטראָגט זיך א טומל. מע רופט עמעצן. מע לאכט. עמעצער וויינט. דוכט זיך, א פרוי. זאָל זײַן עלקע?

ער פילט, אז דאָס הארץ שפּרינגט בא אים ארויס. פארוואָס קומט ניט דער קאָנוואָי? פארוואָס שליסט מען ניט אוף די טיר? פארוואָס רופט מען אים ניט?.. „רויִק. האָב געדולד. דײַן זאך איז וואַרטן. אויב מע האָט דיך געבראכט אהער, וועט מען דיך ווײַטער ניט פירן. זיי קערן וואַרטן אפן אָרטיקן קאָנוואָי. אָן בילט, דוכט זיך, א הונט. אויב אזוי, גייט מען שוין. מע גייט, מע גייט,

רוּיִק". נאָר דאָס בילן דערוויַיטערט זיך. וואָס זאָל דאָס הייסן? ס'איז דאָך טשיטאַ... טשיטאַ... מיטאָמאָל דערהערט זיך א קלונג און נאָך א קלונג. דער לאָקאָמאָטיוו לאָזט ארויס א לאנגן טרויעריקן פּיַיף, דער וואַגאָן גיט באַלד א ציטער און עס הייבן אָן קלאַפּן די רעדער איבער די רעלסן... דער צוג איז אוועק. אוועק. אוועק...

אלעקסיי שטייט א דערשיטערטער. ער פילט זיך שרעקלעך אָפּגענאַרט. האָט מען אים געפּירט, הייסט עס, ניט אַהער, ניט קיין טשיטאַ, וווהין זשע? און עלקע? און סוועטע?.. וועט ער זיי טאַקע קיינמאָל מער ניט זען?

ער האָט זיך אנידערגעזעצט, זיך צוריק אויפגעהויבן, ארופגעקראָכן אַף דער מיטלסטער פּאָליקע, זיך אויסגעצויגן, איַינגעצויגן זיך מיט ביידע אויגן אין שטיקל ליכטיקן שויב. די פּלאַט־פאָרמע איז שוין פארשווּנדן, אָט איז דער פּארק ארום וואָקזאל. אָט דאָ, איבער דער אליי, פלעגט ער שפּאַצירן מיט עלקען. אָן אַף יענער באַנק פלעגן זיי זיצן... און אָט איז דער וואַסער־טורעם, די איַיזערנע בריק... הינטער דער דעפּאָ, בא א בערגל איבערגעברענטע קוילן, האָט א קליין בלאָנד מיידעלע זיך געשפּילט. מיטאָמאָל האָט זי זיך אויסגעגליַיכט, זיך אומגעקוקט און מיט א געלעכטער א שליַידער געטאָן א זשוזשעליצע אינעם לעצטן וואַגאָן, אין דעם „סטאָליפּין־וואַגאָן".

אלעקסיי האָט דערשראָקן פאַנאנדערגעעפנט די אויגן און שיר ניט אויסגעשריִען. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז דאָס איז זיַין טעכטערל, זיַין סוועטקע... סוועטקע? ווי קומט זי אַהער? פאר־וואָס מיינט ער גאָר, אז דאָס איז זי? ער האָט זיך א רוק געטאָן פאָרויס, א זוך געטאָן מיט די אומרוּיִקע אויגן, נאָר דאָס מיידעלע האָט מען שוין ניט געזען. דאָס הארץ האָט בא אים שטאַרק געקלאַפּט. איז עס טאַקע געווען סוועטקע? און עלקע... מיט איר איז עפּעס געשען?.. זי איז דאָ ניטאָ? און דאָס קינד איז אליין? ניין, ניין. פארוואָס זאָל ער גאָר אזוי טראַכטן? פארוואָס זאָל ער אלץ אויסלייגן צום ביזן?

פאר די פיר יאָר האָט ער פיל איבערגעטראַכט, זיך נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אומגעקערט צו יענעם טאָג, ווען עס איז געשען דאָס שרעקלעכסטע אין זיַין לעבן.

ער האָט צוגעמאַכט די אויגן און פאר אים איז אופגעשווומען דאָס בילד, וואָס וועט שוין קיינמאָל ניט אויסגעמעקט ווערן פון זיַין זיקאָרן:

דער קוריער־צוג מאָסקווע—וולאַדיוואָסטאָק דערנעענטערט זיך צו דער סטאנציע טשיטאַ. ער שטייט א פריידיקער באַם פענצטער פון וואַגאָן, דעם פּראָיעקט פונעם נייַעם אוויִאַמאָטאָר האָט מאָסקווע באַשטעטיקט. באַלד וועט ער אָנזאָגן עלקען די גוטע נײַס. אָט זעט ער זי שוין: זי שטייט אינעם בלויען זשאַקעטל, וואָס פּאַסט איר אזוי, האַלט סוועטקען אַף די הענט און לעבן זיי — זיַין כאַווער, דער מאַיאָר גרישקאַנאָוו.

און אָט שטייט שוין אלעקסיי לעבן זיי. גרישקאַנאָוו איז אופגעלייגט, און עלקע קוים, וואָס זי רעדט. ער פילט, אז עפּעס איז געשען.

— וואָס האָט געטראָפן? — פרעגט ער בא עלקען, און גרישקאַנאָוו ענטפערט:

— בליוכער איז ארעסטירט, א סוינע פון פאָלק. אזא נידערטרעכטיקייַט.

איצט ערשט הייבט אלעקסיי אָן צו פארשטיין, פארוואָס גרישקאַנאָוו האָט אזוי אופמערקזאַם אים געקוקט אין די אויגן, געוואַרט, וואָס ער וועט זאָגן. נאָר אויך איצט וואָלט ער געענטפערט ווי דעמאָלט:

— ניין, ניין, ס'קאָן ניט זיַין. איך גלייב ניט! — און גרישקאַנאָוו האָט גליַיכגילטיק אזוי געזאָגט, אז ער ווייסט נאָר איינס: אומזיסט נעמט מען קיינעם ניט.

אַף מאָרגן שפּעט באַנאַכט האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. מען איז געקומען נאָך אים.

וויפל ער האָט ניט איבערגעטראַכט, האָט ער ניט געקאָנט באַנעמען, פאר וואָסערע זינד ער קומט אָפּ? סיַידן דאָס געשפּרעך מיט גרישקאַנאָוון? און איז נאָכאַמאָל געקומען צום אויספיר, אז ער פארשטייט גאָרנישט ניט... ניט נאָר ער אליין האָט עס ניט פארשטאַנען. אַף די עטאַפּ־פונקטן און אין לאַגער האָט ער זיך געטראָפן מיט מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט א סאַך גרעסערע פארדינסטן, ווי ער, — אלטע באָלשעוויקעס, קאָמאַנדירן, אקאַדעמיקער, שריַיבער, — אויך זיי האָבן ניט אָנגעהויבן צו פארשטיין, פאר וואָס און צוליב וואָס דאָס טוט זיך. אים האָט שוין לאַנג אזוי ניט געגאַגט דאָס הארץ, ווי איצט. אָט איז ער דורכגעפאָרן דאָס אָרט, ווו ער האָט געלעבט, ווו עס לעבט עלקע. ווען עלקע ווייסט, אז ער איז אָט ניט לאַנג געווען אַף דער סטאַנציע... און עפּשער איז גליַיכער, אז זי ווייסט ניט... פונדעסטוועגן, ווען ער קאָן איר אָנשריַיבן כאָטש עטלעכע ווערטער.

...הייסט עס, ניט קיין טשיטאַ... וווהין זשע פירט מען אים?

און דער וועג האָט זיך געצויגן און געצויגן דורכן וויַיטן מיזרעך, דורך סיביר, דורך אוראַל. שוין וויפל טעג ווי מע פירט אים. ער האָט שוין פארלוירן דעם כעזשבן. ער ווייסט ניט קיין דאַטע. ער ווייסט ניט, וואָס פאר א טאָג ס'איז. מע לאָזט אים באַטאָג שוין ניט ליגן אין דער

הייך. מע הייסט אים זיצן אונטן אין ווינקל. נאָר דאָך האָט ער אָף איינער א סטאנציע געכאפּט א קוק דורך זײַן קליין פענצטערל און דערזען שטיין א פּאסאזשיר־צוג. אָף די נײַע שיינע וואגאָנעס זײַנען געווען פריילעכע שילדלעך: „סאָטשי — סווערדלאָווסק”.

שיין פארברווינטע פרויען אין געקווייטלטע לײַכטע סאראפאנען און מענער אין פּיזשאמעס האָבן זאָרגלאָז־פריילעך אומגעשפּאצירט לעבן די וואגאָנעס, געלאכט און געגעסן קארשן... און ער האָט גאָר געהאט פארגעסן, אז עס זײַנען פאראן קוראָרטן מיט זון, מיט יאם. ער מיט עלקען האָבן דאָך אויך גערוט אין יאלטע... דער קאָנוואָיִר האָט באמערקט, אז ער שטייט, און שטרענג באפוילן אים זיך זעצן.

און דער צוג איז ווײַטער געגאנגען און געגאנגען. פון לאנגווײַל, פון ניט האָבן וואָס צו טאָן, האָט אָרעשין באטראכט ווּ א דעטאל אין קאמער, און באמערקט, אז איבער אים אָף דער פּאָלקע איז זייער דין, ווי מיט א שפּילקע, אויסגעקריצט: „ווען סטאלין ווייסט”... „לעבן זאָל סטאלין!” „איך וועל שטארבן, ווי א קאָמוניסט!”

וועמען האָט מען דאָ געפירט? ווּהין?

דאָס, וואָס מע האָט אים פארווערט באטאָג ליגן אָף דער פּאָלקע און ער האָט שוין ניט געקאָנט ארויסקוקן דורך זײַן פּיצינקן פענצטערל, האָט אים שטארק געדריקט.

ווען עס האָט זיך געביטן דער קאָנוואָי, האָט אלעקסיי דערזען ארומשפּאנען אין קאָרידאָר א יונגן בלאָנדן רויטארמייער. דער רויטארמייער האָט עטלעכע מאָל זיך פארהאלטן לעבן דער קאמער. יעדעס מאָל א קוק געטאָן אָף דעם זעקא מיט א פרעגנדיקן בליק און אוועקגעשפּאנט ווײַטער איבערן קאָרידאָר. אלעקסיי האָט דערפילט, אז דער יונגער רויטארמייער האָט צו אים מיטלייד. פארנאכט, ווען דער בלאָנדער קאָנוואָיִר האָט ווידער פארנומען זײַן פּאָסטן פון דעזשורנעם, איז ער צוגעגאנגען נאָענט צו דער קאמער, זיך ארומגעקוקט, ענדלעך אנטשלאָסן זיך און זייער שטיל געפרעגט בא אלעקסייען:

— פאר וואָס?

דער רויטארמייער האָט מיט טיפן נײַגער געקוקט אלעקסייען גלײַך אין די אויגן און געוואָרט אָף אן ענטפער.

אלעקסיי איז געווען אין פארלעגנהײַט. אים האָט זיך זייער געוואָלט ענטפערן: „פאר גאָר־ניט”. אים האָט זיך אפילו געוואָלט, אז דער רויטארמייער זאָל וויסן, אז ער איז א געוועזענער פּאָלקאָווניק, א קאָמוניסט פונעם אכצעטן יאָר, אן אָרדענטרעגער, אז ער איז קיין שום פארברעכן ניט באגאנגען. ער האָט אים אָבער גאָרנישט ניט געזאָגט. יענער איז נאָך אזוי יונג, צוליב וואָס ארײַנטראָגן ביטערקײַט אין זײַן הארצן.

דער רויטארמייער איז געשטאנען און געוואָרט אָף אן ענטפער.

— פאר וואָס? — האָט ער נאָך שטילער איבערגעכאזערט.

אלעקסיי האָט ניט געוווּסט, וואָס צו זאָגן.

— צוליב א טאָעס, — האָט ער ניט גערן געענטפערט.

דער רויטארמייער האָט מיט גוטע אויגן א קוק געטאָן אָף אים און איז אוועק.

שפּעטער א ביסל איז ער ווידער צוגעגאנגען.

— און ווער... ווער זײַט איר פריִער געווען? — האָט ער פארשטיקט א פרעג געטאָן.

אלעקסיי וואָלט זיך מעכײַע געווען, ווען ער קאָן זיך דורכשמועסן א ביסל, — שוין אזויפיל טעג קיין וואָרט ניט אויסגערעדט. ער האָט אָבער געוווּסט, אז דעם קאָנוואָיִר איז פארבאָטן צו ריידן מיט אים, און ניט געוואָלט, אז דער רויטארמייער זאָל איבער אים לײַדן. דעריבער האָט ער א מאך געטאָן מיט דער האנט, ווי ער וואָלט זאָגן: ניט קעדײַ, מע דארף ניט.

דער רויטארמייער האָט גיך ארויסגענומען פון קעשענע א קעסטעלע שוועבעלעך, עטלעכע פּאפּיראָסן און זיי אים דערלאנגט דורך די גראטעס. ער איז גלײַך אוועק און גענומען ארומשפּאנען איבערן באלויכטענעם קאָרידאָר.

אלעקסיי האָט זיך פארקליבן אין א ווינקל, פארייכערט און דורשטיק זיך פארצויגן. ער האָט זיך ניט באוויזן ארומקוקן, ווי ער האָט אויסגערויכערט דעם גאנצן פּאפּיראָס. די איבעריקע צוויי האָט ער באהאלטן אָף מאָרגן. ער האָט זיך געלייגט אָף דער אונטערשטער פּאָלקע, צוגעמאכט די אויגן און דערפילט, אז ס'איז אים עפּעס זייער לײַכט געוואָרן. פון וואָס? ער ווייסט אליין ניט. ער האָט אָנגעטאפּט מיט דער האנט די צוויי פּאפּיראָסן און פארשטאנען. ער האָט זיי געהאלטן אין דער האנט, ווי א טײַערע זאך, ווי אן איידעס פון מענטשלעכער גוטסקײַט.

אָף מאָרגן האָט דער רויטארמייער, פארבײַגייענדיק, אים ארײַנגערוקט א האלב פּעקעלע מאכאָרקע, קאָנטיק פון זײַן פּאיאָק, און אָנגעשניטענע פּאפּירלעך פון אן אלטער צײַטונג. אָט די פּאפּירלעך זײַנען אים געווען איצט זייער טײַער, ער האָט געהאָפט פון זיי זיך דערוויסן כאָטש עפּעס וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אָף דער וועלט. אלעקסיי האָט אין סאמע ווינקל פון דער

פאָלקע צונויפגעלייגט די פאַפּירלעך אַזוי, ווי זיי זײַנען געווען ביז מע האָט צעשניטן די צײַטונג. מיטאַמאָל האָט ער דערזען פאַר זיך א פּאַטאָ — מאָלאָטאָוו מיט אַדאָלף היטלערן. אַלעקסיי האָט ניט געגלייבט די אייגענע אויגן.

מאָלאָטאָוו און היטלער? ער האָט ניט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס זאָל באַטײַטן.

אין אָוונט, ווען דער קאָנוואָיִר האָט געמאָלדן „אָטבוי“, האָט ער, אוועקגייענדיק, זייער שטיל געזאָגט: „א גוטע־נאַכט“.

אַלעקסייען האָט זיך זייער געוואָלט מיט עפּעס גוטס אָפּדינען דעם רויטאַרמייער. נאָר מיט וואָס? ער האָט זיך געסטאַרעט ווייניקער דערקוטשען דעם בלוי־אויגיקן קאָנוואָיִר, זיך שוין אינגאַנצן ניט געלייגט אַף דער מיטלסטער פּאָלקע, אפילו ניט ארויסגעקוקט דורך זײַן פענצטערל. אַלעקסיי איז געזעסן שטיל, אין סאַמע ווינקל, און ווען ער פלעגט דערהערן דעם קאָנוואָיִרס טריט, פלעגט ער מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער דרעמלט. אפילו ווען ער האָט געכאַלעשט א טרונק, האָט ער אים גאָרנישט ניט געזאָגט. ער האָט געליטן און געוואַרט אַף א צווייטן קאָנוואָיִר.

נאָר וואָס ווייניקער ער האָט באַמרויקט דעם בלוי־אויגיקן, האָט ער ארויסגערופן אַלץ מער מיטלײַד בא יענעם. אַלעקסיי האָט געפילט, ווי דער רויטאַרמייער שטעלט זיך אָפּ אַנטקעגן, שטייט, וואַרט, קאַנטיק, אַז ער זאָל אויפהייבן דעם קאָפּ, ער זאָל זיך אופכאַפּן. „נאָר ניין, טו עס ניט. ס'איז זייער א גוטער מענטש, טשעפּע אים ניט, באַנוץ זיך ניט מיט זײַן גוטסקײַט, ווײַל ער קאָן האָבן צאָרעס צוליב דיר“, האָט אַלעקסיי געטײַנעט צו זיך אַליין. דאָך האָט דער קאָנוואָיִר איינעם אַן אינדערפרי אים געטראָפן א וואַכעדיקן, זיך פאַרלוירן און שטיל א פרעג געטאָן:

— עפּשער דאַרפט איר עפּעס?

אַלעקסיי האָט א שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַף ניין. נאָר יענער האָט אים ווידער געבראַכט פּאַפּיראָסן.

א גאַנצן טאָג איז אַלעקסייען געווען גוט אַפן האַרצן. זינט ער לעבט, איז ער נאָך קיינעם ניט געווען אַזוי דאַנקבאַר, ווי אָט דעם מענטשן.

אַף איינער א סטאַנציע האָט מען דעם קאָנוואָי געביטן און אַלעקסיי האָט דעם בלאָנדן שוין מער ניט געזען. בא אים איז פאַרבליבן א בענקשאַפט נאָך דעם יונגן רויטאַרמייער, נאָך זײַן קאָנוואָיִר, וועמעס נאָמען ער האָט אפילו ניט געוווּסט.

איצט האָט אַלעקסיי זיך ווידער פאַרקליבן אַף דער מיטלסטער פּאָלקע, געקוקט אַף די פאַרבײַשווינדלענדיקע טעלעגראַף־סלופּעס, וועלדער, אײַזנבאַן־בודקעס, ראַכוועסדיקע ווייץ־פעלדער און ברייט־פאַנאַנדערגעגאָסענע טײַכן. „גרויס ביסטו, מײַן לאַנד, און שיין ביסטו, און רײַך, און מעכטיק. נאָר צוליב וואָס טרײַבט מען איבער דײַנע ראַכוועסן דעם סטאָליפּין־וואַגאָן? — האָט ער אַן אופגערודערטער געטראַכט. — ווען מע זאָגט אים, וווהין ער דאַרף זיך מעלדן, וואָלט ער אַליין דאָך געקומען פּינקטלעך צו דער מינוט“.

דער צוג איז געגאַנגען און געגאַנגען און די רעדער האָבן, ווי שטענדיק, געקלאַפּט מאָנאָטאָן.

אַף איינער א סטאַנציע, שוין נאָך סווערדלאָווסק, האָט אַלעקסיי דערזען אַן עשעלאָן מיט רויטאַרמייער. א סאַך פרויען ארום אים. דערהערט געשרייען און א געוויין. וואָס זאָל עס הייסן? — האָט ער א טראַכט געטאָן, — וואָס איז דאָס געוויין?

אַף דער צווייטער סטאַנציע — דאָס זעלבע.

„עפּעס שרעקלעכס איז געשען“ — האָט אים ארומגעכאַפּט אַן אומרו. און דאָ האָט ער דערהערט, ווי עמעצער פון די קאָנוואָיִרן האָט אין עק פון וואַגאָן געזאָגט: „אָט האָסטו דיר א מילכאָמע“...

„א מילכאָמע?“

אַלעקסיי האָט זיך שוין ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט. ער האָט זיך געלייגט, צוריק אופגעהויבן, געמאַכט א שפּאַן אַהין און צוריק: „א מילכאָמע? מיט וועמען? פּלוצלינג?“

אַף דער פּלאַטפאָרמע פון א גרויסער סטאַנציע האָט געשפּילט מוזיק. מע האָט באַגלייט פּריזיוויניקעס. ווידער פרויען, ווידער א געוויין. און מיטאַמאָל האָבן זיך צו אים דערטראָגן אָפּגעהאַקטע ווערטער פון א הויכריידער: די היטלערישע האָרדעס... אָן א וואָרענונג... אָנגעפאַלן...

הייסט עס, א מילכאָמע מיט דײַטשלאַנד, מיט היטלערן. און ער האָט זיך פּלוצלינג דערמאָנט אין דער פּאָטאָ — היטלער מיט מאָלאָטאָוון.

עס איז אוועק א רעגן. דער רעגן האָט געקלאַפּט אין דאַך, פאַרגאָסן די שויבן, איצט האָט מען שוין גאָרנישט ניט געזען.

אַף עפּעס גאָר א גרויסער סטאַנציע האָט מען דעם „סטאָליפּין־וואַגאָן“ אָפּגעקייטלט און איבערגעלאָזט ווײַט אַף א זײַטיקער ליניע. א גאַנצן טאָג איז דער וואַגאָן, ווי מע וואָלט פאַרגעסן אין אים, געשטאַנען אונטער דער ברענענדיקער זון. פון צײַט צו צײַט האָבן פאַרבײַ דורכגעשווינדלט פאַרשיידענע צוגן, עשעלאָנען מיט מיליטער, פּלאַטפאָרמעס מיט טאַנקען, האַרמאַטן,

זעניטקעס, איבערגעדעקטע מיט ברעזענטן, און אָפענע סאניטאר־מאשינעס, פעלד־קיכן, שווערע שלעפּ־טראקטאָרן. אין אָוונט האָט זיך אופגעהויבן אן אליארעם. עס האָבן אָנגעהויבן וואָיען סירע־נעס און ערגעץ גאָר נאָענט האָט זיך דערטראָגן א שארף און דראָענדיק געריוש פון עראָפּלאנען. און ווידער א צעצויגן וואָיען פון סירענעס, וואָס האָט געוואָרנט: פײַנטלעכע באָמבארדירער דער־נעענטערן זיך... מיטאמאָל האָט איבערן סאמע קאָפּ זיך עפּעס אופגעריסן. דער וואגאָן האָט א ציטער געטאָן. עס האָבן זיך אויסגעשאָטן די שויבן פון די פארגראטעטע פענצטער.

אלעקסיי איז געשטאנען אינמיטן דער קאמער און זיך צוגעהערט צו די טריט אין קאָרידאָר. דער קאָנוואָיִר האָט געשפּאנט הין און צוריק, הין און צוריק.

עס האָבן זיך אופגעריסן נאָך עטלעכע באָמבעס, נאָר שוין ערגעץ ווײַטער, און אין א ווײַל ארום איז אינגאנצן שטיל געוואָרן.

אין אָוונט האָבן פון ערגעץ ווײַט זיך דערטראָגן איינציקע ווערטער פון א הויכריידער, און אלעקסיי האָט פארשטאנען, אז די רויטע ארמיי האָט נאָך שווערע שלאכטן פארלאָזט ווילנע.

ווי א פארגעסענער פון אלעמען, איז דער וואגאָן געשטאנען שוין דעם צווייטן מעסלעס. פארטאָג, ווען אלעקסיי האָט זיך אופגעכאפּט פון שלאָף, האָט ער דערפילט, אז ער פאָרט. דער וואגאָן הוידעט זיך אונטער.

דעם פינף־און־צוואנציקסטן יון, שפּעט באנאכט, איז צום אויסגעלאָשענעם מינסקער וואָקזאל אָנגעקומען א לאנגער צוג מיט פארשטויבטע פּאסאזשיר־וואגאָנעס, אָנגעשטאָפּט מיט מיליטער, אמערסטן יונגע אָפיצערן, וועלכע האָבן געײַלט אפן פראָנט. צום סאָף פונעם צוג, אין סאמע עק, איז צוגעטשעפּעט געווען דער געהיימניספולער וואגאָן מיט די געדיכט־געפלאָכטענע גראַ־טעס אף די שמאָלע פענצטער. נאָך עטלעכע און צוואנציק טעג האָט מען סאָפּקאָלסאָף געבראכט דעם זעקא אלעקסיי איוואנאָוויטש אָרעשין פון דער ווײַטער קאָלימא קיין מינסק, איבער וועלכן עס האָבן זיך שוין געריסן באָמבעס און סנאריאדן.

דעם „סטאָליפּין־וואגאָן“ האָט מען, לויט אלע קלאָלים, וואָס זײַנען פאָרויסגעזען געווען דורך די אינסטרוקציעס, אונטערגעשריבענע פון בעריאן, אָפּגעטשעפּעט אף א זײַטיקער ליניע. דאָרט האָט שוין געווארט א וואָראָנאָק, וואָס האָט אָפּגעפירט אָרעשינען אין דער אָרטיקער טורמע. ווידער אן איינצלקאמער. ווידער איז ער פארבליבן אליין. נאָך וואָס האָט מען אים געבראכט אהער, האָט ער שוין לאכלוטן ניט פארשטאנען. אין מינסק איז ער ביכלאל קיינמאָל ניט געווען. ער האָט דאָ קיינעם ניט געקענט, איז וואָס זשע זאָל עס פאָרט באטײַטן?

אינמיטן נאכט האָבן דײַטשישע עראָפּלאנען שטארק באָמבארדירט די שטאָט. די סירענעס זײַנען זיך פארגאנגען אין א געוויין. ערגעץ ניט ווײַט פון דער טורמע האָבן זיך געריסן באָמבעס. עס האָבן געציטערט די ווענט. די פאראשע איז אונטערגעשפּרונגען אפן דיל.

דאָס האָט געדויערט אוואדע א האלבע שאָ, און עפּשער מער. נאָכדעם איז זייער שטיל געוואָרן. דורך דעם טורמע־פענצטערל, וואָס איז, ווי אומעטום, פארשטעלט געווען מיט א „קאָזי־ראָק“, האָט זיך געזען א רויט פּאסיקל הימל.

די שטאָט ברענט.

שפּעט באנאכט האָט מען אים אוועקגעפירט צום אויספאָרשער. די פענצטער פונעם אויספאָר־שערס קאבינעט זײַנען געווען זאָרגזאם פארהאנגען מיט שווארצע שטאָרעס. עס האָט געברענט איין לעמפּעלע. דער אויספאָרשער, א בלייכער מאיאָר מיט רויט־געשוואָלענע אויגן פון ניט שלאָפן די נעכט, האָט לאנג געבלעטערט א גראָבע פּאפּקע מיט פּאפּירן, איינע און א צווייטע. אלעקסייען האָט זיך געוואָלט שוין וואָס גיכער וויסן, נאָך וואָס האָט מען אים געבראכט אהער.

דער מאיאָר האָט עפּעס פארשריבן און נאָכדעם באוויזן אלעקסייען פאָטאָגראפיעס פון פיר פארשיידענע מענטשן.

— וועמען קענט איר פון זיי? — האָט ער געפרעגט.

אף איין פאָטאָגראפיע האָט אלעקסיי גלײַך דערקענט זײַן אלטן פרײַנט, דעם פאָלקאָווניק פּאָלאָגאָוו, מיט וועלכן ער האָט פונקט פארן ארעסט זיך צופעליק באגעגנט אין מאָסקווע.

— פּאָלאָגאָוו אנדריי אנדרייעוויטש, — האָט אָרעשין אָנגעוויזן אף איינער פון די פאָטאָס.

זײַן באלדיקער קלאָרער ענטפער האָט קאָנטיק ארויסגערופן באם אויספאָרשער א געוויסן צוטרוי צו אלעקסייען און ער האָט אים גלײַך געזאָגט, אז פּאָלאָגאָוו אנדריי אנדרייעוויטש איז ארעסטירט, עס האָט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז אן אגענט פון אן אויסלענדישער אויסשפּירונג, א מיטגליד פון א טעראָריסטישער גרופּע. — דעריבער, — האָט געזאָגט דער אויספאָרשער, — וועט זײַן בעסער פאר אָרעשינען אָפנהארציק דערציילן אלץ, וואָס ער ווייסט וועגן פּאָלאָגאָווס קאָנטררעוואָליוציאָנערער אנטיסאָוועטישער פארברעכערישער טעטיקײַט.

„צוליב דעם האָט מען אים געפירט אהער פון קאָלימאַ?.. עטלעכע און צוואנציק טעג מיטן עטאַפּ פון איין עק לאנד ביזן צווייטן“... ס'איז פאר אים געווען אי אומפארשטענדלעך, אי ווילד.

„מיט וואָס פאַרנעמען זיי זיך?" — האָט ער אַ דערשיטערטער אַ טראַכט געטאָן, און, אײַנהאַלטנדיק די אופגערעגטקייט, געמאָלדן דעם אויספאָרשער, אַז וועגן קיין שום קאָנטררעוואָלוציאָנערער אַנטיסאָוועטישער פאַרברעכערישער טעטיקייט ווייסט ער ניט. ער קען פּאַלאַגאַוון, ווי אַן אויסגע־צייכנטן מיליטער־מאַן און אַלטן קאָמוניסט, וועלכן לענין אַליין האָט געשעצט.

— דאָס אינטערעסירט מיך ניט! — האָט דער אויספאָרשער אומצופרידן אים איבערגעשלאָגן.

— וואָס זשע אינטערעסירט אײַך? — האָט אַלעקסיי אויסגערופן. — אַפילו איצט, ווען עס גייט אַ מילכאָמע, אינטערעסירט אײַך דען אומצוברענגען די בעסטע מיליטער־קאַדרען?!.. — אים האָט זיך זייער געוואָלט דאַפקע איצט זאָגן עפּעס וועגן בליוכערן, נאָר דער מאַיאָר האָט זיך צע־שריִען און באַפוילן אים אָפּפירן צוריק אין דער איינצלקאַמער.

— זאָל ער זיך דאָרט אָפּרוען עטלעכע טעג, וועט ער קומען צו־זיך... דער זיקאָרן וועט זיך באַ אים אויסלײַטערן.

דאָס איז געווען דעם 25 יוני פאַרטאָג. און דעם 26־טן האָט אין דער סוואַדקע פון סאָווינ־פאָרמבוראָ זיך באַוויזן מינסקער ריכטונג. דער דײַטש איז שוין געווען באַ די טויערן פון דער שטאָט. דעם 27 יוני האָט מען אין גרויס אײַלעניש עוואַקויִרט די לעצטע פּאַרטיע פון מינסקער טורמע. קיין טראַנספּאָרט איז ניט געווען. מע האָט זיי געטריבן צופוס מיטן מאָהילעווער שליאַך. צווישן די אויסגעבלייכטע און אָפּגעשוואַכטע מענטשן איז אויך געווען אַלעקסיי איוואַנאָוויטש אָרעשין.

אויפן אַכצעטן קילאָמעטער איז גאָר נידעריק איבער דער קאָלאָנע אַרעסטירטע אָנגעפלויגן אַ דײַטשישער אעראָפּלאַן און זיי באַשאָסן פון אַ קוילנוואַרפער. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ פּאַניק. דער קאָנוואָי האָט אויך אָנגעהויבן שיסן. פּלוצלינג האָט באַ אַלעקסייען פאַר די אויגן אַ בלענד געטאָן אַ שטיק פײַער. אַ שטאַרקע כוואַליע האָט אים אַ הייב געטאָן, אָפּגעשלײַדערט אין אַ זײַט און אַ זעץ געטאָן אָן דער ערד — ניט ווײַט האָט זיך אופגעריסן אַ שווערע דײַטשישע באָמבע.

געקומען צו־זיך איז אַלעקסיי ערשט פאַרטאָג. ער האָט אופגעעפנט די אויגן און פאַרוווּנדערט זיך אַרומגעקוקט. ווו איז ער? ווי קומט ער צווישן קאָרן? פאַרוואָס איז ניטאָ דער קאָנוואָי? אין רעגע איז געווען זייער שטיל און מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן אַ שיסערײַ. ערגעץ רעכטס האָבן געשטעפּט עטלעכע קוילנוואַרפערס. עס האָבן זיך געריסן סנאַריאַדן. אַלעקסיי האָט ערשט איצט פאַרשטאַנען, וואָס מיט אים איז געשען. ער איז פאַרבליבן אַליין. איינער אַליין.

וואָס טוט מען איצט? וווּהין גייט מען? עס טוט אים שרעקלעך ווי דער לינקער פוס. ס'הלו־שעט אין די אויערן. ער האָט פאַרזאָרגט געקוקט אויף מײַרעוו. דער הימל איז געווען שטאַרק רויט. עס האָט געפלאַקערט אַ שרעקלעכע סרייפע. מינסק האָט געברענט פון אַלע זײַטן. די שיסערײַ האָט זיך דערנעענטערט. אַ קאָלאָנע מאָטאָציקליסטן האָט מיט אַ גערויש זיך אַרויסגעריסן פון הינטער אַ בערגל און געבליבן שטיין אויפן טראַקט. עס האָבן זיך דערטראָגן צו אים הייזעריקע אויסגעשרייען, אומבאַקאַנטע ווערטער.

דאָס האַרץ איז באַ אַלעקסייען פאַרקילט געוואָרן: „דײַטשן".

אַלעקסיי האָט מיט די לעצטע קויכעס גענומען גיך־גיך פּויזען צו מיזרעך, צום ניט ווײַטן בערעזע־וועלדל.

— נאָר ניט אַרײַנפאַלן צו די דײַטשן, — האָט ער פאַרביסן פאַר ווייטעק די ליפּן, — דער־קלײַבן זיך, אומבאַדינגט, אום יעדער פּרײַז דערקלײַבן זיך צו אונדזערע...

קאַפּיטל צוויי

זעלדע האָט שוין פון לאַנג געהאַט אָנגעגאָסן דעם באָרשטש אין די טעלער און מיט אַ שווער געמיט געוואַרט. וואָס מער ס'האָט געדויערט און שעפּטל מיט עלקען האָבן זיך ניט אומגעקערט, האָט זי אַלץ מער געפילט, ווי ס'ציטערן איר די הענט. זי האָט זיך שוין ניט געקאָנט מויכל זײַן, וואָס זי האָט זיי געלאָזט גיין. ס'איז איר געווען אַ ביזויען, נאָר דאָך האָט זי ניט אויסגעהאַלטן און איז אַרויס אין הויף אַ קוק טאָן, ווו זײַנען זיי.

אויפן הויף זײַנען זיי ניט געווען.

— מאַמע, וועמען זוכסטו? — האָט שמועלקע אויסגעשריִען, אַרויסקוקנדיק פון הינטער דער שטאַל.

איר האָט זיך ניט געוואָלט פרעגן באַם קינד, נאָר דאָך האָט זי אים אַ רוף געטאָן.

— דעם טאַטן האָסטו ניט געזען, שמועלקע? — און דערפילט, אַז זי איז רויט געוואָרן.

— דעם טאַטן? דער טאַטע איז אַוועק מיט דער טיאָטיען אַהין־אָ, — האָט ער געוויזן אין גאָרטן, און, דערזעענדיק הינטער דער סקירדע היי קורטן, זיך געלאָזט מיט אַ פרייִלעכער קוויי־טשערײַ לויפן נאָך אים.

„אהין... אין גאָרטן?..“ — אף דעם האָט זעלדע זיך שוין אינגאנצן ניט גערוכט. — „מע שעמט זיך גאָר ניט פאר מענטשן... דער כוטאָר וועט שוין האָבן וואָס צו ריידן“...

זי איז אָפּגעגאנגען אין א זײַט, זיך געשטעלט אונטער דער סטריכע, אז קיינער זאָל זי ניט זען. אין גאָרטן איז קיינער ניט געווען. די קוקורוזע האָט זיך ניט געשאָקלט. ווּ זשע זײַנען זיי?

זעלדע איז צוריק ארײַן אין שטוב, אָפּגעשטעלט זיך בא דער טיר און זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אין וואנט.

„איצט... אינמיטן העלן טאָג... א טאטע פון פיר קינדער... און זי... ווי שעמט זי זיך ניט... זי האָט דאָך א מאן... א קינד... זי וואָלט עס אף איר קיינמאָל ניט געגלייבט... איצט פארשטייט זי שוין אלץ... פאראכטאָגן האָט ער געטעכטיקט בא איר... און איצט איז זי געקומען צו אים... זיך אויסגעפּוצט... אין אזא צײַט... אזא מילכאָמע אף דער וועלט...“

זעלדע האָט זיך קיין אָרט ניט געקאָנט געפינען, זי איז ווידער ארויס פון שטוב און דערזען פונדערווײַטן גיין עלקען מיט שעפטלען, זי איז אוועק צו א שכיינע, אבי ניט באגעגענען זיך מיט זיי.

פונקט דעמלט, ס'איז שוין געווען ווײַט נאָך האלבן טאָג, האָט, אופהייבנדיק א געדיכטן שטויב, זיך באוויזן אף דער הויך־אָנגעשאָטענער הרעבליע די מאשין פונעם מילך־זאוואָד און מיט א פריילעכער קלינגערײַ פארקערעוועט ארוף בערגל צו דער פערמע.

— געקומען די מאשין, — האָט עלקע זיך א כאַפּ געטאָן, — קום גיכער, שעפטל.

— וועסט באווײַזן... — שעפטל האָט מיט א ברייטן שפּאן זי קוים נאָכגעהאלטן.

— איך בעט דיך, — האָט זי אים אונטערגעײַלט, — זי קאָן אוועקפאָרן... זי וועט דאָך ניטווארטן אף מיר...

— זי וועט ניט אוועקפאָרן. ביז זיי וועלן נעמען די סליווקעס, וועלן מיר נאָך באווײַזן אָפּעסן מיטיק... זעלדע ווארט דאָך אף אונדז...

— ניין, ניין... — האָט עלקע דערווידערט, כאָטש ס'האָט איר שטארק געצויגן באם הארצן און ס'איז געווען ניט אָנגענעם פאר זעלדען, — כ'וועל זיך געזעגענען און לויפן...

— קיין הונגעריקע וועלן מיר דיך פון שטוב ניט ארויסלאָזן... זעלדע!.. זעלדע!.. — האָט ער, עפענענדיק די טיר, א רוף געטאָן.

עלקע איז א צעטראָגענע ארײַנגעלאָפן אין צימער. באלד נאָך איר איז ארײַן שעפטל. אפן געדעקטן טיש זײַנען געשטאנען די טעלער מיטן קאלט־געוואָרענעם באָרשטש.

— זעלדע!.. ווּ ביסטו?.. — האָט שעפטל העכער א רוף געטאָן. ער האָט ארײַנגעקוקט אין קיך און אין אלקערל צו דער מאמען, נאָר דאָרט איז אויך קיינער ניט געווען.

— וווהין איז זי אוועק?.. נו, זעץ זיך, עלקע... עס אָפּ... איך בעט דיך... — האָט ער זי אָנגענומען בא דער האנט.

— ניין, ניין... כ'ל גיין... ווּ זשע איז זעלדקע... כ'וואָלט וועלן זיך געזעגענען מיט איר... — עלקע האָט געכאַפּט דאָס מאנטעלע און אפגיך עס אָנגעטאָן. — באדאנק זי פונמײַנעטוועגן... וועסט איר זאָגן, אז כ'האָב זיך געײַלט... זאָל זי קיין פאריבל ניט האָבן... נו, זײַ געזונט, שעפטל... און אז דו וועסט זײַן אין הולײַפּאָליע... — האָט זי אים אויסגעשטרעקט די האנט.

— איך גיי אויך... כ'ל דיך צופירן אף דער בעדארקע...

— מע דארף ניט, שעפטל... בלײַב אין דער היים... איך בעט דיך...

— בעט אפילע ניט, — האָט ער געזאָגט. ער איז ארויס מיט עלקען פון הויף און אוועק צו דער בעדארקע.

די קינדער, וועלכע האָבן זיך געשפּילט אין דער פארוואקסענער קאנאווע אונטער דעם מילבער־בוים, האָבן זיי דערזען און מיט א פריילעכן טומל זיך געלאָזט זיי אנטקעגן.

— טאטע, זע, וואָס די טיאָטיע האָט אונדז געשאָנקען, — האָט עסטערקע געוויזן די פארביקע פושקע.

— ווּ 'איז די מאמע? — האָט שעפטל צעטראָגן געפרעגט, אָפּבינדנדיק די לייצעס פונעם פארקן.

— איך ווייס ניט, — האָט עסטערקע געענטפערט, און איז אוועקגעלאָפן מיט דער פושקע אין האנט.

— גייט אינערגעץ ניט אוועק... אירט זאָגן דער מאמען, אז כ'וועל באלד קומען... — ער האָט זיך געזעצט מיט עלקען אף דער בעדארקע און אוועקגעשמיסן.

די שמאָלינקע בעדארקע האָט זיך האסטיק געטראָגן בא דער זײַט וועג און אונטערגע־שפּרונגען אף די הרודעס ערד. שעפטל האָט געפילט עלקעס אקסל, איר הייסע האנט, דעם שטײַפן

פוס אירן, וואָס האָט פון מאָל צו מאָל זיך אָנגערירט אין זײַנעם, און ער האָט א פײַף געטאָן אינדערלופטן מיט דער בײַטש, גלײַך ער וואָלט וועלן עפּעס פאַרהלושען אין זיך.

עס האָט אים געקלעמט דאָס האַרץ פאַר איר.

די בעדאַרקע האָט זיך פאַרנומען פאַרבײַ דעם זאַהאָן צו דער הרעבליע. פון אייניקע הויפן האָבן אַרויסגעקוקט נײַגעריקע ווײַבער, וועלכע האָבן געוואָלט וויסן, מיט וועמען פאָרט עס דער בריגאַדיר.

עלקע האָט אַראָפּגערוקט נידעריקער דאָס טיכל איבערן שטערן. איר האָט זיך קיינעם ניט געוואָלט איצט זען.

שעפּטל האָט א ציאָסקע געטאָן, דער גניאַדער האָט אָנגעשפּיצט די אויערן און פריילעך זיך צעהירזשעט.

— זאָלסט ניט פאַרגעסן, שעפּטל, וואָס כ'האָב דיך געבעטן, — האָט עלקע געזאָגט, ווען זיי זײַנען שוין געווען לעבן דער הרעבליע, — טאָמער וואָס... וועגן סוועטען... נאָר זאָל עס זײַן צווישן אונדז... יאָ... זאָג מיר... — האָט זי זיך מיטאַמאָל דערמאָנט, — האָסט זעלדען דערציילט, אַז דו ביסט געווען בא מיר?

— ניין... ניט דערציילט... — שעפּטל איז רויט געוואָרן. — וואָסי?..

— אָך, ס'האָט זיך באַקומען ניט גוט, — האָט עלקע באַדויערט.

— כ'האָב ניט באַוויזן... ניט געקאָנט... — האָט ער שטיל געזאָגט און אָנגענומען זי בא דער האַנט.

עלקע האָט פאַרזיכטיק איר האַנט צוגענומען.

שעפּטל האָט פאַרלוירן אָנגעצויגן די לייצעס. זיי זײַנען דורכגעפאָרן טראָט בא טראָט די הויך־אָנגעשאָטענע הרעבליע, פון וועלכער עס האָבן, שטיל מורמלענדיק, געבוויטעט די שוואַ־כינקע בלוילעכע כוואַליעס פונעם סטאַוואָק.

לעבן דעם ווײַס־געקאַלכטן סקלאַד פון דער מילך־פערמע, איבער וועלכן ס'איז געהאַנגען דער רויטער לײַוונט מיט די גרויסע ווײַסע אויסיעס: „אַלץ פאַרן פראָנט!", האָט מען נאָך געהאַלטן אין אָנלאָדן די שווערע בידאָנען מיט סליווקעס אויף דער הולײַפּאָליער מאַשין. דערבײַ זײַנען געשטאַנען עטלעכע באַיאָרטע קאָלווירטניקעס, וועלכע האָבן באַדינט די פערמע, און אויך יונגע און עלטערע קאָלווירטניצעס מיט סאָפּקעס אין די הענט. זיי האָבן מיט דעם וועג זיך אומגעקערט פון סטעפּ, ווו זיי האָבן געיעט די קוקורוזע. פאַרקערעוועט האָבן זיי אהער, קעדיי אָנ־טרינקען זיך. ווי נאָר די בעדאַרקע איז צוגעפאָרן, האָבן זיי זיך אַלע אומגעקוקט, דערקענט עלקען און, ווי זיי וואָלטן דערזען זייער א נאָענטן מענטשן, זיך געלאָזט צו איר.

— כאַווערטע רודנער!..

— ס'איז דאָך עלקע רודנער...

— כאַווערטע עלקע... — האָבן זיי זי אַרומגערינגלט.

עלקע האָט מיט באַדויערונג א טראַכט געטאָן, אַז ס'האָט זיך איר ניט אײַנגעגעבן אוועקפאָרן אומבאַמערקט.

— אזא גאַסט! — האָט קאַלמען זאַהאַט דערלאַנגט איר זײַן אויסגעהאָרעוועטע האַנט.

די קאָלווירטניקעס, און דעריקער די קאָלווירטניצעס, האָבן זיך געשטופּט, אָפּגעשטויסן איינער דעם צווייטן מיט די אַקסלען, יעדערער פון זיי האָט געוואָלט צוגיין נעענטער צו עלקען.

— האָסט פונדעסטוועגן זיך דערמאָנט אין אונדז, — קאַטערינע טראַסקון האָט זי אַרומגענומען און זיך צעקושט מיט איר, — ביסט אַזוי שיין ווי געווען... וויפל איז שוין, אַז דו ביסט אוועקגעפאָרן פון אונדז?

— אין דרײַ־און־דרײַסיקסטן... — האָט עלקע ניט הויך געזאָגט.

— גאָט מײַנער, אכט יאָר!.. — האָט קוקוייכע אויסגערופן, — דערקענסט מיך כאָטש?..

— איך געדענק אַפילע, ווי איר האָט ניט געלאָזט אײַער מאַן גיין אין קאָלווירט...

— טאַקע? — האָט קוקוייכע אָנגעהויבן פינטלען מיט די אויגן, און אַלע, דעריקן אויך זי, האָבן זיך צעלאַכט.

— און מיך געדענקט איר, כאַווערטע רודנער, — האָט נעכאַמקע מיט איר קלינגענדיקער שטים געפרעגט.

עלקע האָט מיט באַוווּנדערונג א קוק געטאָן אויף נעכאַמקעס פאַרפלאַמט פּאָנעם מיט די הייסע שוואַרצע אויגן און ניט זיכער א פיר געטאָן מיט די אַקסל.

— ס'איז דאָך נעכאַמקע... נו, כאָנציע דעם פאָרזיצערס...

— פונוואַנען קאָן די כאַווערטע רודנער דיך געדענקען, — האָט עמעצער פון די פרויען געזאָגט, — דיר איז דאָך דעמלט געווען עפּשער אכט־נײַן יאָר, ניט מער...

— איך בין שוין דעמלט געווען א פּיאָנערקע און די כאַווערטע רודנער איז געווען אונדזער וואָזשאַטע...

עלקע האָט מיט נאָך מער נײַגער א קוק געטאָן אף איר. „ס'אַרא שטאַלטנע, ס'אַרא שיין מיידל עס איז געוואָרן"...

— ווען ביסטו עס געקומען? — האָט קאַטערינע געפרעגט. — אַט ערשט־אָ?.. וועסט גיין צו מיר... געדענקסט, האָסט דאָך אַמאָל אויך גענעכטיקט בא מיר...

— איך געדענק... איך פאָר אָבער שוין אוועק...

— וואָס רעדסטו?

אַלע האָבן זי אָנגעקוקט פאַרוווּנדערט.

— וואָס הייסט, דו פאָרסט שוין אוועק, — האָט קאַלמען זאַהאַט געזאָגט, — ווילסט אפילע ניט א קוק טאָן אונדזער ווירטשאַפט?..

— כ'בין דאָ צופעליק... כ'ל אַן אַנדערש מאָל...

— א שאָד... וועסט דעם קאָלווירט אונדזערן איצט ניט דערקענען... האָסט שוין דאַפקע געמעגט א קוק טאָן...

— כ'אײַל זיך... כ'פאָר מיט אָט דער מאַשין...

— לעמײַ זאָל איך זאָגן, — האָט דאָדיע בורלאַק מיד צוגעשאָקלט מיט דעם גראָווּן קאָפּ, — מע וואָלט שוין איצט געקאָנט לעבן, ווען ניט די מילכאָמע... זאָג, כאַווערטע עלקע, וואָס וועט עס זײַן... וויפל וועט עס דויערן... דו ווייסט דאָך מער פאַר אונדז...

— איך ווייס דאָס, וואָס איר...

— נו, פונדעסטוועגן... דו ביסט דאָך דאָרט אין די הויכע פענצטער. ביזוואַנען וועלן זיי שפאַרן. זיי זײַנען דאָך שוין לעבן מינסק...

— אַלע טאָג אַן אַנדער ריכטונג, — האָט טריאַנדאַליס זיך געערגערט.

— זיי קאָנען נאָך כאַסוועכאַלילע אהער אויך אָנשפאַרן...

— אזוי שטאַרק זײַנען זיי טאַקע, אז מע קאָן זיי גאָר ניט אָפּשטעלן?

— און איך פאַרשטיי אזוי, — קאַלמען זאַהאַט האָט אַרויסגענומען א שטרייעלע פון דער באָרד, — איך מיין, אז מע פאַרנאַרט זיי אין זאַק אַרײַן און זיי וועלן גיך כאַפּן די מאַפּאָלע...

— האַלעווײַ... האַלעווײַ... — האָט קאַטערינע צוגעשטימט. — נו, און וואָס הערט זיך בא דיר?.. דערציייל כאַטש, ווי לעבסטו... ווער איז דײַן מאַן... א הולײַפאַליער?..

— ניין... פון אוראַל...

— פונוואַנען? פון אָראַל?.. — האָט קוקוויִכע איבערגעפרעגט. — אהא... מיסטאַמע אויך א גרויסער נאַטשאַלניק...

עלקע האָט געפילט, ווי עס דרייט זיך איר דער קאָפּ, מעגלעך פון דעם, וואָס זי האָט פאַרן גאַנצן טאָג קיין ביסן אין מויל ניט געהאַט. זי האָט אומגעדולדיק זיך אומגעקוקט אף דער מאַשין. איר האָט זיך געוואָלט שוין וואָס גיכער אוועקפאָרן.

די בידאָנען האָבן פאַרנומען דעם גאַנצן קוזאָוו. שעפטל איז געשטאַנען א פאַרזאָרגטער לעבן שאָפער, עפּעס גערעדט מיט אים און געקוקט פונדערווײַטן אף עלקען. דער אַלטיטשקער, זשוואַווער עקספּעדיטאָר האָט דערבײַ אפן פליגל פון דער מאַשין אונטערגעשריבן דינע ראָזלעכע פּאַפּירלעך.

— נו, זײַט געזונט, — האָט עלקע גענומען זיך געזעגענען, — גריסט כאַנציען, כאַמען, אַלעמען... אַלעמען...

— איך האָב געוואָלט אײַך עפּעס בעטן, — האָט זייער שטיל זיך אָנגערופן דאָבע יודל פּיסקונס, נאָכגייענדיק נאָך איר, — יודל דאַרף די טעג זיך אומקערן פון לאַגער. וויל איך אײַך בעטן, רעדט זיך דורך מיט דער ראַיאָנער נאַטשאַלסטווע... זאָל מען אים דערלויבן לעבן דאָ אין קאָלכאָז...

— מע וועט אים אזוי אויך לאָזן, — עלקע האָט עס געזאָגט אזוי, ווי זי וואָלט ניט פאַר־שטיין, וואָס איז זיך דאָ פאַראַן צו באַאומרויִקן.

— מיט זײַן סטאַטיאַ, זאָגט מען, לאָזט מען ניט... נו, טוט א טויווע, זאָגט כאַטש איין וואָרט דעם פּרעדסעדאַטעל פון ראַי־אויספּירקאָם... מיט אײַער וואָרט וועט ער זיך רעכענען...

— אומזיסט מיינט איר אזוי, — האָט עלקע ביטער א שמייכל געטאָן.

— איך ווייס זייער גוט... איר זײַט דאָך דער גלאַוונער פּרעדסעדאַטעל פון גאַנצן „זאַגאָט־זערנאָ"... איך בעט אײַך...

דער שאָפער האָט אײַנגעשלאָסן דעם מאָטאָר און עלקע האָט אַפּגיך זיך געלאָזט צו דער מאַשין.

— אַט אזוי ווערט מען גרויס בא זיך און מע וויל יענעם די מינדסטע טויווע ניט טאָן, — האָט דאַבע געבורטשעט, — ווען איר מאַן זאָל זיצן...

— מיר פאָרן שוין? — האָט עלקע, מיט א געפיל פון א מענטשן, וואָס וויל זיך ראַטעווען, א פרעג געטאָן באַם עקספּעדיטאָר.

— אהא, — האָט ער געענטפערט, פארייכערנדיק א פּאַפּיראָס.

עלקע האָט א טראַכט געטאָן, אַז ווען ער בעט זי איצט זיך זעצן אין קאַבינע, וואָלט זי זיך ניט אָפּגעזאָגט. ס'האָט איר ביכלאַל ניט געאַרט דאָס, וואָס זי דאַרף זיצן צווישן די בידאָנען, נאָר דערבײַ זײַנען געשטאַנען די קאָלווירטניקעס און דעריקער שעפטל און ס'איז איר איצט געווען עפּעס ניט אָנגענעם צו קריכן פאַר זיי אין די אויגן אין קוזאָוו. נאָר דער עקספּעדיטאָר האָט איר ניט פאָרגעלייגט.

— נו, שעפּטל... — זי איז צוגעגאַנגען צו אים, א דריק געטאָן די האַנט, מער גאָרנישט ניט געזאָגט, זיך אָנגעכאַפּט אינעם קוזאָוו, מיטן רעכטן פוס זיך געשטעלט אַף דער שטײַפער ראָד, און, צוהאַלטנדיק מיט איין האַנט דאָס קלייד בא די קני, אַרופגעקראָכן אַף דער פול-געלאָדענער מאַשין, שמייכלענדיק־פאַרלוירן א מאַך געטאָן מיט דער האַנט צום אוילעם.

אין דער זעלבער רעגע איז דער מאָטאָר זיך פאַרגאַנגען אין א שטאַרקער הודערײַ, די מאַשין האָט האַסטיק זיך א ריס געטאָן פון אָרט, עלקע האָט זיך א וואַקל געטאָן, איז אומגעפאַלן אַף די אונטערטאַנצנדיקע בידאָנען און, פאַרטשעפּענדיק זיך אָן א דראָט, צעריסן פון פאָרנט ביז סאַמע אַראָפּ דאָס מאַנטעלע.

„פונוואַנען האָט זיך נאָך, צו אַלדי רוכעס, גענומען דער דראָט אהער!"... — עלקע האָט זיך קוים אײַנגעמאָסטיעט צווישן די פאַדערשטע בידאָנען, דאָ האָט ניט אזוי געטרייסלט, און אומגעקוקט זיך ערשט דעמלט, ווען די מאַשין איז שוין געווען לעבן די זונרויזן. זי האָט פונדער־ווײַטן דערזען, ווי שעפּטל האָט אַף דער בעדאַרקע זיך געלאָזט צוריק צום כוטאָר...

שעפּטל איז געפאָרן טראָט בא טראָט. אפן האַרצן איז שוין לאַנג ניט געווען אים אזוי קאַלעמוטנע. „אָט איז זי דאָ געווען, עלקע, און שוין ניטאָ. אוועקגעפאָרן"...

לעבן הויף האָט ער איבערגעלאָזט די בעדאַרקע, מיט שווערע טריט אַרײַן אין שטוב און געבליבן שטיין לעבן דער טיר מיט ברייט־פאַנאַנדערגעעפנטע אויגן. אַף שמועלקעס בעטל איז א צונויפגעדרייטע געלעגן זעלדע, דעם קאָפּ אײַנגעגנורעט אין קישן און געוויינט הויך אַף א קאָל. אַף דער ערד זײַנען געזעסן די קינדער שווײַגנדיק, און נאָר קורט איז געשטאַנען און געגלעט זעלדען דעם פוס.

— וואָסי... וואָס האָט געטראָפן?.. — האָט ער א פרעג געטאָן.

די קינדער האָבן דערשראָקן זיך אומגעקוקט אַף אים, און זעלדע, דערהערנדיק זײַן שטים דאָ אין צימער, האָט נאָך שטאַרקער זיך צעוויינט.

— וואָסי... ס'טוט שטאַרק ווי דער פינגער?.. — ער איז צוגעגאַנגען צום בעטל און זיך איבערגעבויגן איבער זעלדען.

זעלדע האָט ניט אופגעהערט כליפּען.

— וואָס האָט איר זיך צונויפגעקליבן אהער, — האָט ער זיך צעשרִיען אַף די קינדער, — גייט אין הויף אַרײַן... גייט שפּילט זיך...

— וואָס טרײַבסטו די קינדער פון שטוב, — האָט זעלדע זיך מיטאַמאָל אופגעזעצט, — זאָלן זיי וויסן... איצט אין אזא צײַט... אזא מילכאָמע... מאָרגן, גאָט באַהיט, קאָן מען אים צו־נעמען... איבערלאָזן מיך מיט אזא מישפּאָכע... און אים... וואָס ליגט אים אין קאָפּ... איך וויל מער ניט לעבן... איך קאָן ניט... — האָט זי געכליפּעט.

שעפּטל האָט שטרענג א קוק געטאָן אַף די קינדער און זיי זײַנען אָנגעכמורעטע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּלעך אַרויס פון שטוב.

זעלדע איז צוריק אַנידערגעפאַלן אפן בעטל. זי האָט געוויינט שטיל, פאַרשטיקט, ווי זי וואָלט שוין קיין קויעך ניט געהאַט.

— זעלדע... וואָסי... נו, וואָס האָב איך אזוינס געטאָן?.. — ער האָט פאַרזיכטיק זיך צוגע־זעצט לעבן איר און זי א גלעט געטאָן איבערן אַקסל.

— גיי אוועק פון מיר... כ'ווייס שוין, פאַרוואָס דו האָסט זיך דעמלט פאַרהאַלטן, — האָט זי וויינענדיק געטײַנעט, — איך האָב זיך שיר פון די געדאַנקען ניט געריִרט... ניט געוווסט, וואָס איבערצוטראַכטן, און ער האָט זיך פאַרבראַכט בא איר... א טאַטע פון פיר פּיצלעך קינדער...

— וואָס רעדסטו, זעלדע... רעדסט דאָך נאַרישקײַטן, — שעפּטל האָט דערפילט, אַז דאָס העמד איז אַף אים נאַס געוואָרן, — נו, איז וואָס, אַז כ'בין אַרײַן צו איר... איך האָב ניט געטאָרט אַרײַן?..

— ס'איז דאָך שוין א וואָך ציַיט אדורך, אז דו ביסט געווען בא איר, — פארוואָס זשע האָסטו מיר ניט דערציילט? — האָט זעלדע, אָנעמענדיק זיך מיט קויכעס, זיך אופגעזעצט. — פארוואָס האָסטו פון מיר אויסבאהאלטן... פארוואָס האָסטו מיר ניט דערציילט, אז דו האָסט גע־נעכטיקט בא איר?..

פון געוויין איז דאָס פּאָנעם בא זעלדען געווען פארקרימט, די אויגן געשוואָלן און די נאָז איז געווען נאַס און רויט. זי האָט אויסגעזען אומגליקלעך. ער האָט זי נאָך קיינמאָל אזא ניט געזען.

— וואָס רעדסטו... ווער האָט גענעכטיקט?.. דו ווייסט שוין אינגאנצן ניט, וואָס דו רעדסט. איך בין א ווײַלע געזעסן, בין איך... און אוועק אין קאָלווירטישן אײַנפאָר־הויז, בין איך אוועק...

— איז נאָך וואָס איז זי געקומען צו דיר?.. וווהין ביסטו מיט איר פארפאלן געוואָרן?..

— שרײַ ניט... וואָס שרײַסטו?.. מיר זײַנען... זי האָט געוואָלט... זי האָט מיר געדאַרפט דערציילן עפּעס... — ער האָט געקוקט אראָפּ, זי זאָל ניט באמערקן זײַן פארלוירנקײַט.

— וואָס האָט זי דיר צו דערציילן?.. ווער ביסטו איר?..

— וואָס הייסט, ווער בין איך איר... מען איז דאָך מענטשן... ס'איז איר איצט זייער שלעכט... ס'האָט בא איר געטראָפן...

— וואָס האָט געטראָפן?

— נו, — האָט ער זיך א קנייטש געטאָן, — דאָס קאָן איך דיר ניט דערציילן...

— דעם אייגענעם ווײַב קאָנסטו ניט דערציילן... זי איז נעענטער פון מיר!.. האָסט מיט איר סוידעס... בעסער וואָלט איך דאָס ניט דערלעבט, — איז זי ווידער זיך פארגאנגען אין א געוויין, — גיי אוועק... גיי אוועק פון מיר...

אין הויף האָבן זיך דערהערט טריט. עמעצער איז געגאנגען אהער.

שעפטל האָט אומבאהאָלפן זיך אומגעקוקט, ניט געוווּסט, וואָס צו טאָן. זינט ער לעבט איז נאָך מיט אים אזוינס ניט געווען...

קאַפּיטל דרײַ

שוין אַף מאָרגן נאָך דעם, ווי מע האָט וואָווען מיט די איבעריקע מאָביליזירטע קאָלווירט־ניקעס ארויסבאגלייט פונעם כוטאָר אַף דער מילכאָמע, האָט נעכאמקע אָנגעהויבן ווארטן אַף א בריוו. נאָך דעם אלעמען, וואָס עס איז געשען צווישן זיי פארן צעשיידן זיך, האָט זיך איר בא־זונדערס געוואָלט וואָס גיכער באקומען כאָטש עטלעכע שורעס פון אים.

פון פארטאָג ביז אָוונט האָט זי געארבעט אין סטעפּ אונטער דער צעגליטער זון — א שטארק פארברוינטע, א פארפאליעטע געיעט די קוקורוזע. דאָרט, צווישן די קאָלווירטניצעס, האָט זי זיך פארגעסן א ביסל.

אָבער אין די אָוונטן, ווען זי פלעגט זיך אומקערן פון סטעפּ, פלעגט איר אָנהייבן נאָגן דאָס הארץ. פון דעם, וואָס וואָווע איז דאָ ניט געווען, האָט דער כוטאָר אויסגעזען אומעטיק און פּוסט.

דער קלוב, ווו זיי האָבן פריילעך פארבראַכט, איז געשטאנען א פארמאכטער. די גרויסע פענצטער, וואָס האָבן געקוקט צו דער שטילער גאַס, זײַנען געווען פינצטער און עס האָט גע־מאכט אן אײַנדרוק, ווי ס'וואָלט דאָרט גאָר קיינמאָל קיין פײַער ניט געברענט. אינעם יונגן סעדל און באַם סטאַוואָק האָט זיך ניט געהערט קיין געזאַנג.

זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן די מילכאָמע האָט נעכאמקע קימאַט ניט געזען דעם טאַטן. ער פלעגט אוועקגיין זייער פרי און אומקערן זיך שפּעט באַנאַכט, ווען זי איז שוין געשלאָפן. דער שטענדיק פארנומענער קאָלווירט־פאָרזיצער האָט איצט ניט געהאַט קיין ציַיט אפילע א טראַכט צו טאָן וועגן זײַן טאָכטער און אירע יונג־מיידלשע איבערלעבונגען.

נעכאמקע איז געווען זיכער, אז דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר וואָווע איז געקומען קיין הוליײַ־פּאָליע, האָט ער איר גלײַך אָנגעשריבן, און זי האָט אויסגערעכנט, אז דעם ערשטן בריוו פון אים דאַרף זי באַקומען ניט שפּעטער, ווי מיטוואָך. אָנהייבנדיק פון אָט דעם טאָג, האָט זי מיט א באַזונדער אומגעדולד ארויסגעקוקט אַפן בריווטרעגער, דעם אלטן ראַכמיִעל, וועלכער פלעגט יעדן פארנאכט ברענגען צו טראָגן די פּאָטשט פון דאָרפראַט. נאָר ס'איז אדורך אי מיטוואָך, אי דאָנערשטיק, אי פרײַטיק, אי שאַבעס און קיין בריוו פון וואָווען איז ניט געווען. נעכאמקע האָט שוין ניט געוווּסט, וואָס איבערצוטראַכטן.

אייניקע אַפן כוטאָר האָבן שוין געהאַט באַקומען די ערשטע בריוו פון די מאָביליזירטע, און נעכאמקע האָט דערפאַר נאָך מער איבערגעלעבט. איר גאַנצע האָפענונג איז געווען אַף דער הײַנטיקער, זונטיקדיקער, פּאָטשט.

נאָך האלבן טאָג האָט נעכאמקע באזונדערס גיך געיעט די קוקורוזע. זי האָט געוואָלט פריִער ענדיקן, קעדיי באוויַיזן זיך אומקערן אין כוטאָר צו דער ציַיט, ווען מע ברענגט די פּאָטשט.

נעכאמקע האָט די ערשטע פּארענדיקט יעטן איר לאָנקע, געהאָלפן איר בעסטער כאווערטע באסיע, וואָס האָט געארבעט בישכיינעס מיט איר, אויך פארענדיקן, און ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן, האָבן זיי איַילִיק זיך געלאָזט אראָפּ בארג, צום כוטאָר. נעכאמקע איז שיר ניט געלאָפן.

איבער דער ברייטער גרין־פארוואקסענער גאס פונעם פארנאכטיקן כוטאָר האָט די טשערעדע מיט א צעצויגענעם זאטן מרוקען זיך אומגעקערט פון דער פאשע און פאנאנדערגעטראָגן מיט זיך דאָס באקאנטע און אָנגענעמע גערוך פון פרישן זאפטיקן גראָז, ווארעמען מילך און קיזיק. די בעהיימעס, מיט שווערע פולע איַיטערס, זיַינען מיד געגאנגען, פאמעלעך איבערשטעלנדיק די פיס, און מיט בענקשאפט געמרוקעט, אויסציִענדיק די העלדזער אין דער הייך.

אין א וויַילע ארום, ווי נאָר די בעהיימעס זיַינען זיך צעגאנגען, יעדערע צו זיך אין הויף, האָט דער שטויב זיך אָפּגעזעצט אפן אויסגעטראָטענעם וועג, און אין עק פון דער קרומלעכער, עטוואָס ארוף־בארגיקער גאס, וואָס איז געווען באגאָסן מיט רויטקיַיט פון דער פארגייענדיקער זון, האָט זיך באוויזן ראכמיִעל דער בריווטרעגער.

אין די הויפן האָט מען זיך צעפּאָלאָכעט, די וויַיבער האָבן איבערגעלאָזט אלץ מיטאנאנדער און, ווישנדיק די הענט אָן די פארטעכער, זיך געלאָזט לויפן אים אנטקעגן.

נעכאמקע איז שוין אויך גרייט געווען זיך לאָזן לויפן — זי וואָלט איצט אלעמען אריבערגעיאָגט, נאָר זי האָט זיך אָנגעכאפּט אין א וויַינשלבוים און זיך אָפּגעשטעלט. און טאָמער איז היַינט ווידער קיין בריוו ניטאָ? וואָס וועט דעמלט זיַין? זי האָט מוירע געהאט אפילע צו טראכטן וועגן דעם און איז מיט אן אומרויִק געמיט אוועק צום ברונעם. זי האָט צוגעבונדן דעם עמער צו דעם שטריק און האסטיק מיט א ראש אָפּגעלאָזט דעם סקריפּענדיקן קאָלוואָראָט. זי האָט גיך ארויסגעצויגן אן עמער וואסער, אוועקגעשטעלט מיט אים אין פאליסאדניק און גענומען באגיסן די אגרעסן, קוקנדיק דערביַי ארוף גאס.

דאָ און דאָרט זיַינען אפן מיטן וועג און לעבן די פאליסאדניקעס געשטאנען רעדלעך מענער און פרויען און געלייענט די אָקאָרשט אָנגעקומענע בריוו. און דער אלטער ראכמיִעל, עטוואָס אן איַינגעבויגענער, איז שוין געגאנגען וויַיטער איבערן כוטאָר.

לויט דעם, וואָס קימאט אנטקעגן יעדן הויף האָט ער זיך פארהאלטן, איז קאָנטיק געווען, אז ער האָט היַינט געבראכט א סאך בריוו.

נעכאמקע האָט ערשט איצט באמערקט, אז זי האָט אויסגעגאָסן דאָס וואסער גאָר ניט ארום די קוסטעס, נאָר אין דער זיַיט, דאָרט, וווּ מע האָט ניט געדארפט. דערפילט, אז ס'איז איר נאס אין די פיס, איז זי א פארטראָגענע ווידער אוועק מיטן עמער צום ברונעם. דורך דעם שיטערן פאליסאדניק האָט זי דערזען, אז דער בריווטרעגער איז שוין ניט וויַיט פון זייער הויף. דאָס הארץ האָט בא איר אָנגעהויבן שטארק צו קלאפּן און זי האָט מוירע געהאט זיך אומקוקן. זי האָט אָנגעשטרענגט געווארט. אויב ס'איז פאראן א בריוו, וועט ראכמיִעל באלד פארקערעווען אהער, אין הויף אריַין. זי האָט זיך אָנגעבויגן איבערן ברונעם, געוויגט דעם שטריק, געקלונגען מיטן עמער.

נעכאמקע האָט פארטראכט: אויב זי וועט ארויסציִען דעם עמער א פולינקן, ניט פאנאנדערפליוכענדיק קיין איין טראָפּן, איז א סימען, אז ס'איז פאראן א בריוו פאר איר...

זי האָט פּאמעלעך גענומען דרייען דעם קאָלוואָראָט און ארויסגעצויגן א פולינקן עמער מיט קילבלעכן וואסער. זייער פאָרזיכטיק האָט זי אוועקגעשטעלט דעם עמער אפן סרוב, אָפּגעבונדן דעם נאסן עטוואָס צעדרויבלטן שטריק, טראכטנדיק וועגן דעם, וואָס אשטייגער קאָן וואָוועשריַיבן אינעם בריוו. און מיטאמאָל האָט זי דערהערט, אז ראכמיִעל רופט זי. נעכאמקע האָט א ציטער געטאָן, אָפּגעלאָזט דעם עמער, און ער האָט מיט א דזלינגעריַי און ראש זיך א טראָג געטאָן אראָפּ, איבערגעקערט זיך עטלעכע מאָל אין דער טונקעלער טיפקיַיט פונעם ברונעם און מיט א טראסק זיך א פליוכע געטאָן אין וואסער.

— אוי, — האָט זי א געשריי געטאָן און זיך געלאָזט לויפן אנטקעגן דעם אלטן ראכמיִעלן. א פארפלאמטע האָט זי א כאפּ געטאָן בא אים פון די הענט דעם בריוו, צוגעדריקט אים שטיַיף צום הארצן און, פארגעסנדיק אפילע צו באדאנקען, א גליקלעכע אוועקגעלאָפן אין שטוב. זי האָט אראָפּגעוואָרפן די טופליעס, פארקליבן זיך מיט די פיס אף דעם שמאָלן איַיזערנעם בעטל, אומגעדולדיק אופגעריסן דעם בלוילעכן קאָנווערט און געבליבן זיצן אנטוישט. דער בריוו איז גאָר געווען פון איר עלטערער שוועסטער, פון קרוינען, וועלכע האָט זיך געלערנט אין קיִעוו.

נעכאמקע האָט זיך צעוויינט. זי איז דאָך זיכער געווען, אז דער בריוו איז פון וואָווען.

א דערצאָרנטע איז זי געזעסן א היפשע ווײַלע אפֿן בעטל, נאָכדעם אופֿגעהויבן דעם בריוו און מיט א פֿארקלעמט הארץ גענומען לייענען.

דער בריוו איז געווען פֿון 20 יוני. קרוינע האָט געשריבן, אז זי בענקט זייער שטארק נאָכן טאטן און נאָך איר איינציקער ליבער שוועסטערקע, וועלכע זי וויל זייער זען, נאָר הײַנטיקן זומער וועט זי קאניקול-צײַט שוין אהיים ניט קומען, ווײַל זי קלײַבט זיך מיט א גרופּע סטודענטן אף אן עקסקורסיע. פֿון קיִעוו וועלן זיי פֿאָרן מיטן דניעפּער ביז כערסאָן. אין קאניעוו וועלן זיי זײַן אף שעווטשענקאָס קייווער. אין זאפּאָראָזשיע וועלן זיי זען דניעפּראָהעס. פֿון יעווּפּאטאָריע ביז אלושטע וועלן זיי גיין צופֿוס לענגויס דעם דאָרעם-ברעג פֿון קרים. אף איי-פּעטרי וועלן זיי באגעגענען דעם זון-אופֿגאנג איבערן יאם. זיי וועלן זײַן אף דעם העכסטן בארג ראָמאן-קאָש און אין קוזמא-דעמיאנאָווער מאָנאסטיר, אין „ניקיטסקי סאד", אין געוועזענעם קייסערלעכן פּאלאץ אין ליוואדיע... קיין סאך געלט וועט די עקסקורסיע ניט קאָסטן. שלאָפֿן וועלן זיי אין ברעזענטענע פּאלאטקעס, וועלכע זיי נעמען מיט זיך אין די רוקזעק. עסן וועלן זיי אליין זיך גרייטן, נאָר דאָך וועט די סטיפּענדיע איר ניט קלעקן, און דעריבער בעט זי, גלײַך ווי זיי וועלן באקומען דעם בריוו, ארויסשיקן איר א ביסל געלט...

נעכאמקע האָט ביטער א שמייכל געטאָן:

— ערשט צוריק מיט א וואָך איז קרוינען געלעגן אין קאָפּ עקסקורסיעס, פּאלאטקעס... און איצט... וואָס איז מיט איר, וווּ איז זי?

פֿונעם ברעג כוטאָר, ווו ס'האָט זיך געפֿונען די קאָלווירט-פֿארוואלטונג, האָט זיך דערטראָגן א פֿארטויבט געקלאנג איבער דער רעלס, וואָס איז געהאנגען צוגעבונדן צו א צווײַג פֿון אן אלטן אקאציע-בוים.

„וואָס איז שוין דאָרט ווידער?" — האָט נעכאמקע צעשטרייט א טראכט געטאָן, אראָפּ פֿון בעטל און גענומען זיך איבערטאָן.

קעדיי קיינער זאָל ניט באמערקן, אז זי לעבט איבער, וואָס זי האָט פֿון וואָוען ניט באקומען קיין בריוו, האָט זי זיך בעקיוון פֿארפּוצט אין דעם לײַכטן בלוי-געקווייטלטן קליידל, וואָס האָט איר זייער געפּאסט, איבערגעפֿלאָכטן דעם צאָפּ, אנגעטאָן די נײַע טופֿליעס און איז אוועק.

ווען זי איז געקומען אפֿן קאָלווירט-הויף, איז שוין דאָרט געווען פֿול מיט מענטשן. עלטערע קאָלווירטניקעס און קאָלווירטניצעס זײַנען געשטאנען אין רעדלעך לעבן טויער, אינמיטן הויף, געזעסן אף די דישלס פֿון די אויסגעשפּאנטע וועגענער, אף די לאנגע שווערע בענק, וואָס זײַנען געווען אויסגעשטעלט אין פֿאליסאדניק. מע האָט גערעדט וועגן דער לעצטער סוואָדקע, וועגן עלקע רודנער, וועלכע אייניקע פֿון זיי האָבן געזען באטאָג בא דער מילך-פֿערמע, און דעריקער וועגן די בריוו, וואָס מע האָט הײַנט באקומען.

די מיידלעך, איבערגעטאָנענע, זײַנען געשטאנען לעבן ברונעם ארום דער יונגער לערערן, וועלכע האָט זייער אופֿגעלעבט עפּעס דערציילט. מיט א קוויטשערײַ האָבן צווישן די וועגענער און הארבעס זיך ארומגעיאָגט די קינדער.

נעכאמקע האָט זיך שוין געלאָזט גיין צו די מיידלעך, נאָר דערזען דאָרט די לערערן און פֿארקערעוועט אין א זײַט.

אפֿן הויף איז געשטאנען א טומל, אלע האָבן גערעדט, און צו נעכאמקען האָבן פֿון אלע זײַטן זיך דערטראָגן אָפּגעריסענע פֿראזעס:

— דאָדיע בורלאק האָט הײַנט ווידער באקומען פֿינף בריוו.

— און איר האָט ניט באקומען?..

— מײַנער האָט אָנגעשריבן דעם זעלבן טאָג, ווי נאָר ער איז געקומען קיין הולײַפּאָליע...

— איך האָב דערווײַל איין בריוו באקומען... וואָס איז א מאמע?..

— ווען ער האָט א מיידל, וואָלט ער געשריבן אלע טאָג...

— אלע האָבן, דאנקען גאָט, הײַנט באקומען...

„אלע"... — האָט נעכאמקע מיט ווייטעק א טראכט געטאָן, פֿארבײַסנדיק די ליפּ. דאָס הארץ האָט בא איר גענאָגט פֿון קינע. זי האָט געוואָלט וויסן, צי האָבן וואָוועס עלטערן באקומען א בריוו. „מיסטאמע האָבן זיי אויך ניט באקומען, — האָט זי זיך געפּרוווט טראכטן. — זייער מעגלעך, אז וואָוועס בריוו האָבן זיך ערגעץ פֿארהאלטן".

נעכאמקע האָט דערפֿילט, אז עמעצער האָט זי אָנגענומען בא דער פּלייצע. זי האָט זיך האסטיק אומגעקוקט. לעבן איר איז געשטאנען די כאָווערטע אירע, באסיע.

— א גרוס דיר פֿון יאָסקען, — האָט זי א פֿריילעכע געזאָגט, — כ'האָב באקומען א בריוו... ער שרײַבט, אז ער איז צוזאמען מיט וואָווען... און וואָס שרײַבט דיר וואָווע?

— איך האָב ניט באקומען, — האָט נעכאמקע שטיל געזאָגט.

— וואָס הייסט, — האָט באַסיע פאַרוווּנדערט אויסגערופן, — ווי קאָן עס זײַן... שלוימע־קאַלמען האָט דאָך הײַנט באַקומען...

— פונוואַנען ווייסטו?

— איך האָב אַליין געזען.

נעכאַמקע האָט דערפילט, ווי עפּעס האָט באַ איר אינווייניק זיך אָפּגעריסן. „הייסט עס, זיי האָט ער געשריבן, און איר ניט... איך האָב עס קאָשער פאַרדינט...״

— לעב ניט אַזוי איבער... וועסט באַקומען. קום, וועלן מיר זיך זעצן נעענטער, — האָט באַסיע זי אַ שלעפּ געטאָן פאַר דער האַנט, — ווייסט ניט, וועגן וואָס איז די פאַרזאַמלונג?

— די פאַרזאַמלונג? — האָט נעכאַמקע צעטומלט איבערגעפרעגט. — ניין, איך ווייס ניט...

פונעם קאָלווירט־הויז איז אַרויס כאָמע טראַסקון, דער באַפולמעכטיקטער פון דאָרפראַט און פאַרטאָרג פונעם קאָלווירט, צוזאַמען מיט טריאַנדאַליסן, דרויאַנען און נאָך עטלעכע קאָמוניסטן פון כוטאָר.

— נו, לאָמיר, כאַווײרים, אָנהייבן, — האָט כאָמע הויך אַ זאָג געטאָן און זיך געלאָזט גיין צום פּאַליסאַדניק.

אַלע זײַנען באַלד אַוועק נאָך אים און זיך אויסגעזעצט ווער אויף די בענק, ווער אויפן גראָז. אייניקע זײַנען געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן דיביימער.

כאָמע האָט פאַרנומען דאָס אָרט לעבן קליינעם טישל, וואָס איז געווען אײַנגעגראָבן אין דער ערד, און, זשמורענדיק די אויגן, אופמערקזאַם באַטראַכט דעם אוילעם.

— לאָמיר, כאַווײרים, אָנהייבן, — האָט ער איבערגעכאַזערט, — כאַנציע איז פאַרבליבן אין סאַנזשאַראָווקע. אויף אַ באַראַטונג. דער ראַיפּאַרטקאָם האָט צונויפגערופן. אַזוי, אַז וואַרטן אויף אים איז ניט שײַעך. דער בריגאַדיר שעפּטל איז דאָ? — האָט ער אַ זוך געטאָן צווישן אוילעם.

— באַ אים אין שטוב איז פריילעך, — האָט ריקליס אַ בורטשע געטאָן.

— וואָס פריילעך?.. — האָט כאָמע, וועלכער האָט זייער ניט ליב געהאַט ריקליסן, אומצופרידן געפרעגט.

— כ׳ווייס וואָס... איר האָט סײַדן ניט געהערט, ווי זעלדע האָט געכליפּעט... פונוואַנען זאָל איך וויסן, — האָט ריקליס מיט קאַס אויסגעשפּיגן.

— שאַ. אָט גייט שעפּטל, — האָט קאַלמען זאַהאַט, אומקוקנדיק זיך צום טויער, זיך אָנגערופן. כאָמע האָט געעפנט די פאַרזאַמלונג. ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם־קעשענע די אינדערפּרײַקע סוואָדקע, ניט געײַלט איבערגעלייענט, זיך גוט אויסגעהוסט און אָנגעהויבן דערקלערן, וואָס פאַר אַן אופגאַבן עס שטייען איצט פאַר זייער קאָלווירט. מע דאַרף אַראָפּנעמען אָן פאַרלוסטן די גערעטעניש, אַרויספירן וואָס פריִער דאָס ברויט, וואָס עס פאָדערט דער פראָנט, און פאַרשטאַרקן די וואַכזאַמקײַט. כאָמע האָט דערציילט, אַז עס זײַנען פאַראַן יעדיעס וועגן דעם, אַז פאַשיסטישע עראָפּלאַנען וואַרפן אַראָפּ באַנאַכט פאַראַשוטיסטן, באַזונדערס אין די ראַיאָנען, ווו עס געפינען זיך די דײַטשישע קאָלאָניעס, דעריבער האָט דער שטאַב פון דער דרוזשינע, וועלכע זיי האָבן אָרגאַניזירט, באַשטימט: אויסטיילן יעדע נאַכט צוויי פאָסטנס אויף צו היטן די פעלדער און נאָכקוקן נאָכן הימל... הײַנט באַנאַכט וועלן טראָגן די וואַך אין דער קאָוואַלעווסקער באַלקע מיקיטע דרויאַן און ריסע קוקוי — אָן עלטערער מיט אַ ייִנגערן, און אויפן הולייפּאָליער וועג, ביז דער דײַטשישער קאָלאָניע זאָנענטאַל, — דאָדיע בורלאַק און נעכאַמקע כאַנציע דעם פאַרזיצערס.

נעכאַמקע איז צופרידן געווען, וואָס זי וועט הײַנט באַנאַכט ניט דאַרפן זײַן אַליין אין שטוב. זוען מע האָט זיך שוין גענומען פאַנאַנדערגיין, האָט זי דערהערט, ווי ריקליס האָט צו עמעצ געזאָגט, אַז אויב מע וועט אים אויסטיילן, וועט ער סײַווי ניט גיין כאַפּן קיין פאַראַשוטיסטן. ער וועט ניט אײַנשטעלן דאָס לעבן.

און נעכאַמקען האָט זיך דאַפקע איצט געוואָלט אײַנשטעלן דאָס לעבן. ס׳איז איר איצט קיין שום זאַך ניט שרעקלעך געווען. ווען מע שיקט זי איינע אַליין אין סטעפּ, וואָלט זי זיך אויך ניט אָפּגעזאָגט.

פון דער פאַרזאַמלונג איז דאָדיע בורלאַק צוגעגאַנגען אהיים נאָך דער בורקע. ער האָט געווײצט נעכאַמקען אויך עפּעס מיטנעמען מיט זיך. נאָר נעכאַמקע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און ניט געוואָלט. אָט אַזוי, ווי זי איז געגאַנגען, אָן אויסגעפוצטע, איז זי אַוועק אויף נאַכט אין סטעפּ, ווי זי וואָלט געטאָן מיט דעם עמעצן אָפּצולאָכעס.

דאָדיע בורלאַק איז שווער געגאַנגען, אָנשפּאַרנדיק זיך אויף זײַן סוקעוואַטן שטעקן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער אָפּגעאַרבעט אין קוזניע און זיך געפילט מיד. נאָר דאָס האָט אים ניט געשטערט אויסדערציילן נעכאַמקען, וואָס עס שרײַבן די זין, די איידעמס און אייניקלעך אין די בריוו, וועלכע ער האָט הײַנט באַקומען. זיי זײַנען אַלע איצט אין דער אַרמיי און ער האָט זיך געגרייסט מיט דעם.

אין סטעפּ איז צוביסלעך געוואָרן טונקל, נאָר דער אויסגעפּאָרענער זאַמדיקער וועג האָט זיך בוילעט געזען. ניט געוויילט האָבן זיי זיך דערנעענטערט צו דער אָפּגעקאָסיעטער היי־לאַנקע, וואָס האָט געגרענעצט מיט דער דיכטשישער קאָלאָניע זאַנענטאַל. דאָ זיינען זיי געבליבן שטיין. ארום איז געווען שטיל.

— לאָמיר, טאַכטערקע, זיך צוזעצן... מירן זיך אָפּרוען א ביסל, — האָט דאַדיע בורלאַק געזאָגט צו נעכאַמקען.

דער אַלטער האָט זיך צוגעזעצט הינטער א קאָפּיצע היי. דאָס היי, וואָס האָט פאַרהיט אין זיך די וואַרעמקייט פון דער באַטאַגיקער זון, האָט זייער שאַרף און מעכטיקדיק געשמעקט און געשיקערט.

דאַדיע בורלאַק האָט אַראָפּגעלאָזט דעם שווערן קאָפּ אָף דער ברוסט און אין א ווײַלע ארום אָנגעהויבן דרעמלען.

„זאָל ער שלאָפן“, — האָט נעכאַמקע א זאָג געטאָן צו זיך אַליין. זי איז אוועק צו דער שכיינעסדיקער הויכער קאָפּיצע, אַרופגעקראָכן אָף איר, ווי אָף א טורעם, און געגומען קוקן אין אַלע זײַטן. איר האָט זיך דאַפקע געוואָלט, אַז עפּעס זאָל געשען. זי האָט פאַרהייבן דעם קאָפּ און זיך אײַנגעקוקט אין הימל.

ארום, אינעם גראָז, האָבן דין געגרילצט די צירקונען. נעכאַמקע האָט א פאַרגאַפּטע זיך צוגעהערט צו דער מוזיק פון דער נאַכט און ס'האָט בא איר פון דעם צוביסלעך זיך אײַנגעשטילט דאָס האַרץ.

מיטאַמאָל האָט זיך צו איר דערטראָגן א הודרײַ. נעכאַמקע האָט אָנגעשטרענגט זיך אײַנגעהערט, געזוכט מיט די אומרויִקע אויגן אין הימל, צי פליט ניט אהער קיין עראָפּלאַן. זי האָט נאָרנישט ניט געזען. די הודרײַ האָט זיך אָבער אַלץ דערנעענטערט.

נעכאַמקע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קאָפּיצע, צוגעלאָפן צו דאַדיע בורלאַקן און אים אופגעוועקט.

— זיידע, שטייט אוף... שטייט אוף, גיכער... איר הערט?

דאַדיע בורלאַק האָט א צעטומלטער זיך אופגעהויבן, א ווײַל זיך אײַנגעהערט, און מיט א פאַרשלאָפן קאָל געזאָגט:

— ס'איז א מאַשין...

— און עפּשער אַן עראָפּלאַן?..

— אַן עראָפּלאַן הודעט ניט אַזוי... — ער האָט אופגעהויבן פון דער ערד דעם שטעקן און זיך געלאָזט גיין.

— קום, טאַכטערקע, מירן א קוק טאָן, ווער פאָרט עס באַנאַכט צו אונדז?..

זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען עטלעכע קאָפּיצעס און ארויס צו דעם גוט־אויסגעפּאָרענעם וועג. מיטאַמאָל האָט אופגעהערט הודען.

— וואָס קאָן עס זײַן? — האָט נעכאַמקע שטיל א פרעג געטאָן.

— שאַ... וואַרט צו א ווײַל...

ס'איז געווען שטאָק פינצטער.

— איר הערט... עמעצער רעדט, דוכט זיך...

פון הינטערן בערגל האָבן זיך אהער דערטראָגן ניט קיין דײַטלעכע שטימען.

— יאָ, טאַקע...

דאַדיע בורלאַק און נעכאַמקע זײַנען מיט גיכע טריט אוועק ארוף בערגל און האָבן דערזען א מאַשין מיט אָנגעצונדענע פאַרעס. אין די בלאַסע פּאַסן שײַן, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן וועג, האָט זיך געזען א מענטש. ווען זיי זײַנען צוגעגאַנגען נעענטער, האָבן זיי באַלד דערקענט דעם סעקרעטאַר פון ראַיפּאַרטקאָם מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש איוואַשטשענקאָ.

— ווער איז? — האָט ער אויסגערופן און געמאַכט עטלעכע טריט אַנטקעגן זיי.

— בוריאַנאָווקער... און מיר האָבן שוין געמיינט, מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש, אַז מיר האָבן געפּאַקט א שפּיאָן, — האָט דאַדיע בורלאַק גוטמוטיק א שפּאַס געטאָן און דערלאַנגט איוואַשטשענקאָן די האַנט, — מיר, ווי איר זעט, היטן דאָ... איך און אָט, כאַנציעס טאָכטער... — האָט ער מיטן קאָפּ א ווײַז געטאָן אָף נעכאַמקען, — און וואָס האָט געטראָפן בא אײַך?..

— דער מאָטאָר איז קאַליע געוואָרן, — האָט איוואַשטשענקאָ פאַרזאָרגט געענטפערט, — און איך אײַל זיך פונקט... א באַראַטונג אין דאָרפּראַט... אין וועסיאַלאָקוט שנײַדט מען שוין. און בא אײַך?..

— מיר הייבן שוין אויך אָן... מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש, ווי לאַנג קאָן עס דויערן די מילכאָמע, אַ?

— ווער ווייסט, — האָט איוואשטשענקאָ א צוק געטאָן מיט די אקסל, — דערווייל איז ניט פריילעך...

— אלע מײַנע פיר זין זײַנען דאָרט, אין פײַער...

— און בא מיר די טאָכטער... אן איין־און־איינציקע, — האָט איוואשטשענקאָ טויבלעך געזאָגט, — פרײַוויליק אוועק... פון דריטן קורס... — ער האָט מיטאמאָל זיך אויסגעדרייט מיטן פּאָנעם צו דער מאשין. — סעמיאָן, מירן לאנג שטיין? — דער שאָפער, וואָס האָט זיך געפּאָרעט אין מאָטאָר, האָט געענטפערט:

— כ'האָב מוירע, אז לאנג, מיקאָלע סטעפּאַנאָוויטש.

— נו, אויב אזוי, וועל איך גיין צופוס... ביזן דאָרפראַט איז א קילאָמעטער פינף, ניט מער... נאָר ס'איז א פינצטערניש... און מיט מײַנע אויגן...

— איך וועל אײַך באגלייטן, — האָט דאָדיע בורלאַק פאָרגעלייגט, — מירן גיין פאַרבײַ די באשטאנען, פאראן דאָרט א סטעזשקע, אזוי וועט זײַן נעענטער...

— און דאָס מיידל? — האָט איוואשטשענקאָ א פרעג געטאָן.

— ביז דער שאָפער וועט פאריכטן דעם מאָטאָר וועל איך זיך אומקערן... זי איז בא אונדז ניט פון די שרעקעוודיקע...

— נו, גוט, — האָט איוואשטשענקאָ געזאָגט, — סעמיאָן, קום נאָר אהער...

דער שאָפער, א יונגער, בלאָנדער און זייער שיינער יאט, אָנגעטאָן אין א נײַעם בלויען קאָמבינעזאָן, איז צוגעגאנגען, געוואָלט קענטיק עפּעס זאָגן איוואשטשענקאָן, נאָר מיטאמאָל דערזען דאָס מיידל און געבליבן שטיין א פארגאפטער.

— נעכאמע?!.. — האָט ער אויסגערופן.

איוואשטשענקאָ מיט דאָדיע בורלאַקן זײַנען באלד אוועק. פארשווּנדן אין דער פינצטערניש. נעכאמקע און סעמיאָן האָבן געקוקט איינער אפן אנדערן, ווי זיי וואָלטן זיך ניט געגלייבט, אז זיי האָבן טאַקע זיך באגעגנט אָט דאָ אינמיטן סטעפּ.

קאַפּיטל פיר

נעכאמקען איז געגאנגען דאָס פופצעטע יאָר, זי איז געווען אין זיבעטן קלאס, ווען סעניע, שוין א שילער פון צענטן קלאס, האָט זי צום ערשטן מאָל באמערקט. זי איז געווען א דאַר און בלייך מיידעלע, זייער אן אומרויִקע, מיט גרויסע שיינע אויגן און מיט צווי ווילד־סטאַרטשענדיקע צעפּלעך. בייס די איבערײַסן איז זי קיין איין מינוט ניט געשטאנען אף אן אָרט: געשפּרונגען איבער די פּאַרטעס, געלאַכט, געשטיפט. פאַר קיינעם ניט ניספּאָעל געוואָרן. געשפּילט נאָר מיט די יינגלעך. מיט אלע יינגלעך, נאָר ניט מיט אים. סעניע פלעגט זען, ווי די יינגלעך יאָגן זיך נאָך איר, כאפּן זי פאַר די צעפּלעך, און ער איז זיי שטאַרק מעקאנע געווען. מיט אלע איבעריקע מיידלעך פון שול האָט ער אויך געשטיפט, און ס'האָט זיך געטראָפן — אפילע אָנגעפּאַטשט, נאָר צו נעכאמקען האָט ער ניט געוואגט צוגיין נאָענט. ווען זי פלעגט נאָר פארבײַלויפן, פלעגט אים שוין אָנהייבן טיאָכקען דאָס הארץ און ער האָט ניט געוווּסט ווו זיך אהינצוטאָן.

נעכאמקע האָט זיך ווענן דעם אפילע ניט אָנגעשטויסן, און פונוואנען האָט זי עס געקאָנט וויסן?..

אפן ארויסלאָז־אָוונט, ווען דער אָרקעסטער האָט געשפּילט און די שילער פון די עלטערע קלאסן האָבן זאַרגלאָז זיך געדרייט אין א פריילעכן וואלס, איז צו סעניען, וואָס איז געשטאנען איינער אליין בא דער זײַט, צוגעלאָפן נעכאמקע, פלינק, אז קיינער זאָל ניט באמערקן, ארײַנגעשטופּט אים אין האנט א צונויפגעלייגט אינפירען שטיקל פּאַפּיר און ארויסגעלאָפן אין דרויסן.

סעניע האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דאָס צעטעלע און ניט געגלייבט די אייגענע אויגן:

„איך וואַרט אף דיר לעבן טאָפּאָל“, — איז דאָרט געשטאנען אָנגעשריבן.

סענקען איז געוואָרן הייס. אים האָט זיך געדוכט, אז זי מאכט כויזעק פון אים. פונדעסטוועגן איז ער אין א ווײַלע ארום ארויס אין דרויסן און דערזען זי שטיין אונטער דעם הויך־פאַנאַנדער־געוואַקסענעם טאָפּאָל.

אינעם ווײַסן קעלנערל, וואָס האָט ארומגענומען איר שלאנקן האלדז, איז זי געווען מאָלע־כיין.

— סעניע, — האָט זי געזאָגט, ווי זי וואָלט אים פאַרטרויט א סאָד, — איך האָב מוירע אליין גיין אהיים. וועסט מיך באגלייטן?

ער האָט זיך פארלוירן. זי רעדט ערנסט, צי זי מאכט כויזעק פון אים?

— ווילסט ניט? — האָט זי, באמערקנדיק זײַן פארלוירנקײַט, דערשראָקן א פרעג געטאָן.

— פּאַרוואָס?.. — האָט ער זיך פּאַרויטלט.

נעכאַמקע האָט מיט דאַנקבאַרקייט אַ שמייכל געטאָן צו אים מיט די שטיפעריש־פינקלענדיקע אויגן און לײַכט, ווי אויף די שפּיצפינגער, זיך געלאָזט גיין. סעניע איז אוועק נאָך איר.

אין שול האָט נאָך אַלץ געשפּילט דער אָרקעסטער. מע האָט געטאַנצט. דורך די פֿאַנאַנדערגעעפֿנטע פֿענצטער האָט זיך דערטראָגן אינעם ווארעמען דרויסן אַ פריילעכער טומל. נעכאַמקע מיט סעניען זײַנען געגאַנגען אַראָפּ מיט דער שוואַך־באַלויכטענער גרינלעכער גאַס, האַלטנדיק זיך נעענטער צו די שאָטנדיקע פּאַליסאַדניקעס, קעדיי מע זאָל זיי ניט באַמערקן. אינגיכן זײַנען זיי אַרויס פון דאָרף אינעם אָפענעם פרישן סטעפּ, וואָס איז באַגאָסן געווען מיט לעוואָנע־שײַן. געדיכטע ווייץ־פעלדער און בליענדיקע זונרויזן האָבן זיך געצויגן ווײַט אַרום בארג פון איין זײַט דאָרף, קוקורוזע־פעלדער און באַשטאַנעס האָבן זיך געשפּרייט פון דער צווייטער זײַט. פרישע סקירדעס היי זײַנען געשטאַנען אויף דער אָפּגעשניטענער לאָנקע, ביידע זײַטן וועג זײַנען געווען באַזעצט מיט יונגע אַקאַציעס. אויף דעם אַלעם האָט פון הויכן קלאָר־בלויען הימל פריילעך אַראָפּגעקוקט די ווײַסע לעוואָנע.

— ס'אַרא שיינקייט, — האָט נעכאַמקע אויסגערופן און זיך געלאָזט לויפן.

סעניע האָט אָנגענומען אַ פולע ברוסט מיט לופט און אוועקגעיאָגט נאָך איר. נעכאַמקע האָט מיט אַ קלינגענדיק געלעכטער לײַכט, ווי אַ נאַכט־באַבעלע, זיך געטראָגן צווישן די יונגע אַקאַציעס, פלינק אויסדרייענדיק זיך פון סעניעס ניט געניטע דרייסטע הענט.

— וועסט מיך ניט דעריאָגן, — האָט זי אַ פאַרפלאָמטע זיך געדרייצט מיט אים, — וועסט מיך ניט כאַפּן...

נאָר סעניע האָט געקענט לויפן ניט ערגער פון איר. סאַמע אַרום בערגל האָט ער זי דעריאָגט און אפילו אַליין ניט באַמערקט, וויאַזוי ער האָט זי אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענט און אַ ציי געטאָן צו זיך.

פון אָט דער אומגעריכטער באַרירונג האָט נעכאַמקע אופגעציטערט. זי האָט זיך אינסטינקטיוו צוגעדריקט צו אים, אַרומגענומען און מיט פאַרמאַכטע אויגן אַ קוש געטאָן אים אין די הייסע ליפּן. זי האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעריסן פון זײַנע הענט און זיך האַסטיק געלאָזט לויפן אַראָפּ וועג, וואָס האָט געפירט קיין בוריאַנאָווקע, צו איר אַהיים.

סעניע איז געבליבן שטיין, ווי אַ פאַרשיקערטער. „וואָס איז געשען?"... ער האָט גאָרנישט ניט פאַרשטאַנען. נאָר אויף דער נעשאָמע איז אים געווען זייער ריין און ליכטיק.

אין שול האָט ער זיך שוין צוריק ניט אומגעקערט. ער איז אויך אוועק אַהיים, צו זיך אין כוטאָר, וואָס האָט זיך געפונען זעקס קילאָמעטער פונדאַנען.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט דער ראַיקאָמיוג מאָביליזירט קאָמיוגיסטן אויף אַרבעט קיין קאָמסאָמאָלסק אויפן אַמור. סעניען האָט מען אויך מאָביליזירט.

פאַרן אָפּפאָרן האָט זיך אים זייער געוואָלט זען מיט נעכאַמקען. צי וועט זי זיך דערפרייען מיט אים? וואָס וועט זי אים זאָגן?.. נאָר גיין קיין בוריאַנאָווקע צו איר אַהיים האָט ער ניט געוואַגט. יענע ווײַסע לעוואָנע־נאַכט האָט אים אויסגעזען, ווי אַ כאָלעם, און אים האָט זיך שוין אַפילו געדוכט, אַז דעם כאָלעם האָט ער אויך אַליין צוגעטראַכט... זי איז גאָר קיינמאָל ניט געגאַנגען מיט אים זאַלבעצווייט אין סטעפּ, ניט געיאָגט זיך צווישן די באַזילבערטע אַקאַציעס, ניט צוגערירט זיך צו אים מיט די ליפּן...

ער וואָלט פונדעסטוועגן צוגעגאַנגען קיין בוריאַנאָווקע, ווען ער האָט דערצו אַ טערעץ. נעכאַמקעס כוטאָר האָט זיך אים איצט פאָרגעשטעלט ווי דער שענסטער אויף גאָר דער וועלט. אים האָט זיך געדוכט, אַז אַלץ מוז דאָרט זײַן אַנדערש. אים האָט זיך זייער געוואָלט אַ קוק טאָן אויף דער שטוב, וווּ נעכאַמקע לעבט. און עפּשער וועט ער זי טאַקע באַגעגענען אויף דער גאַס...

נאָר וויפל ער האָט ניט געדרייט זיך דעם קאָפּ, האָט ער קיין זאַך ניט געקאָנט צוטראַכטן. פּאַשעט דערפאַר, ווײַל ער האָט ניט געקאָנט זאָגן קיין ליגן...

דרײַ יאָר האָט סעניע געאַרבעט טיף אין דער טײַגע, אַ צוויי הונדערט קילאָמעטער פון קאָמסאָמאָלסק. ערשט ניט לאַנג, נאָכן אומגעריכטן טויט פונעם טאַטן, האָט די מאַמע, וואָס איז פאַרבליבן איינע אַליין, אים אַרויסגערופן צו זיך קיין הוליײַפּאָליע, ווו זי האָט איצט געוווינט. אין דער אַרמיי האָט מען סעמיאָנען דערווײַל ניט גענומען צוליב דעם צעקאַליעטשעטן פינגער אויף דער רעכטער האַנט, און איוואַשטשענקאָ האָט אויף מאָרגן נאָך דעם, ווי מע האָט מאָביליזירט זײַן שאָפער, אים אוועקגעזעצט צו זיך אויף דער אַלטער, צעהוידעטער „עמקע"...

— —

— און יענעם אָוונט... דעם אַרויסלאָז־אָוונט געדענקסטו כאָטש?.. — האָט סעניע ניט זיכער געפרעגט.

זיי זײַנען געשטאַנען זאַלבעצווייט לעבן דער מאַשין. פון די ניט אויסגעלאָשענע פאַרעס איז געפאַלן א בלאַסע מינענדיקע שײַן אף איר פאַרברווינטן פאָנעם, אף אירע נאַקעטע הענט, אף דעם שוואַרצן צאָפּ, וואָס איז פאַרוואָרפן געווען איבערן אַקסל און זיך באַ־וועגט צוזאַמען מיט איר שטײַפער ברוסט.

סעניע האָט מיט באַוווּנדערונג געקוקט אף איר און ס'האָט זיך אים אַלץ ניט געגלייבט, אַז דאָס איז זי, — זי, צוליב וועלכער ער האָט אַזויפיל איבערגעלעבט, וועגן וועלכער ער האָט אַזוי־פיל געטרוימט.

— נעכאַמע... — האָט ער זיך שטיל אָנגערופן.

— וואָס?

— און דו האָסט, געוויס, שוין מיך אינגאַנצן פאַרגעסן...

זי האָט געשוויגן.

— און איך געדענק אַלץ... דעם סטעפּ... דעמלט אין דער לעוואָנע־נאַכט... די אַקאַציעס באַם וועג... איך געדענק אפילע דאָס ווײַסע קעלנערל, וועלכן דו האָסט יענעם אָוונט גע־טראָגן... און...

— וואָס און?.. — האָט זי מיט נײַגער א קוק געטאָן אף אים.

סעניע איז פאַר די דרײַ יאָר, וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען, געוואָרן העכער, קרעפּטיקער. נאָך א קאַפּעלע וואָלט זי אויסגעצויגן די האַנט און אים א צי געטאָן פאַר די קוטשעראַווע בלאָנדע האָר, וואָס זײַנען אים געפאַלן איבערן שטערן.

נעכאַמקען איז דורכגעלאָפן א געדאַנק, אַז אָט די צופעליקע באַגעגעניש, פונקט איצט, ווען איר איז אַזוי שווער אפן האַרצן, איז עפּשער א באַשערטע זאַך. אין דער רעגע איז זי צופרידן געווען, וואָס זי קאָן זיך כאַטש אף א ווײַלע פאַרגעסן און ניט טראַכטן וועגן וואָוועו, וועלכער איז, קאָנטיק, בערויגעז אף איר. אָבער גלײַכצײַטיק האָט עפּעס זי געשראָקן.

נעכאַמקע האָט זיך באַגעגנט מיט סעניעס בליק און זיך פאַרויטלט.

— איז וואָס זשע שווײַגסטו? — האָט זי געפרעגט.

— גאָרניט.

— ווילסט ניט זאָגן?

— ווייסט אַליין... — האָט ער ניט דרייסט זי אָנגענומען באַ דער האַנט.

נעכאַמקע האָט דערפילט אין זײַנע פינגער א שטילן אָנגענעמען ציטער און ס'איז איר געוואָרן וואַרעם. זי האָט צוגענומען איר האַנט.

— דערצייל נאָך עפּעס וועגן דער טײַגע, — האָט זי אים געבעטן.

סעניע האָט זיך אומגעקוקט אף דעם פינצטערן סטעפּ, וואָס האָט זיי פון אַלע זײַטן אַרומ־גערינגלט, און זיך צוגעהערט, צי עס דערנעענטערן זיך ניט קיין טריט, צי קערט זיך ניט אום דער אַלטער, וואָס האָט באַגלייט איוואַשטשענקאָן. סעניען האָט זיך געוואָלט, קאָלזמאַן זיי זײַנען דאָ זאַלבעצווייט, דערוויסן זיך באַ איר, פאַרוואָס איז זי דעמלט פּלוצלינג אַנטלאָפן פון אים, — ער האָט וועגן דעם א סך מאָל איבערגעטראַכט און ביז איצט ניט געקאָנט פאַרשטיין די סיבע, און דעריקער: צי וויל זי זיך באַגעגענען מיט אים...

אָבער פרעגן וועגן דעם איז אים געווען ניט גרינג.

— נו, וואָס שווײַגסטו? — האָט נעכאַמקע זיך אָנגערופן.

— וועגן דער טײַגע האָב איך שוין דערציילט... נאָר אָט וואָס... איך וויל פרעגן באַ דיר...

— שאַ... — האָט נעכאַמקע אים איבערגעשלאָגן, פאַרהייבנדיק דעם קאָפּ צום הימל, — הערסט?..

ערגעץ פון דער הייך האָט זיך דערטראָגן א פאַרהלושעטע הודערײַ. באַלד האָט נעכאַמקע באַמערקט א שטערנדל, וואָס האָט זיך גיך באַוועגט.

— אַן אַעראָפּלאַן, — האָט זי אויסגערופן, — ער פליט אַהער... לעש אויס די פאַרעס... גיכער, סעניע...

— ס'איז אונדזערער, — האָט ער זי באַרויקט, נאָר די פאַרעס פונדעסטוועגן אויסגעלאָשן.

אַרום איז געוואָרן שטאַרק פינצטער.

— און עפּשער איז דאָס א פאַשיסטישער, — האָט זי געזאָגט, ניט אַרויסלאָזנדיק פון אויג דאָס זיך באַוועגנדיקע שטערנדל.

די הודערײַ איז אָנגעוואַקסן, געוואָרן אַלץ שטאַרקער. דאָס בלאַסע שטערנדל האָט זיך דורכגעטראָגן איבערן סאַמע קאָפּ און זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג צו דעם דײַטשישן דאָרף זאָנענטאַל.

— זע, ער לאָזט זיך, דוכט זיך, דאָרט אַראָפּ, — האָט נעכאַמקע מיט דערשרעק אויסגע־שריִען און זיך געלאָזט לויפן.

—ווארט צו... נעכאמע... וווהין לויפסטו, — האָט סעניע זי דעריאָגט.
— דער אעראָפּלאַן האָט זיך, דוכט זיך, אַראָפּגעלאָזט אין דער באַלקע...
— ער איז אוועקגעפלויגן... ס'איז אונדזערער.
— ביסט זיכער?
— פאַרשטייט זיך.
— און עפּשער... קום, מירן א קוק טאָן.
— נו, קום.

סעניע איז גרייט געווען גיין מיט איר, וווהין זי זאָל אים ניט רופן. ביז ס'וועט ווערן ליכטיק וועט ער סײַווי ניט קאָנען פאַריכטן דעם מאָטאָר.

זיי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען דער פאַראַיאָריקער הויכער סטערטע שטרוי. אײַנקוקנדיק זיך אין דער געדיכטער פינצטערניש, האָבן זיי פּאַמעלעך זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער זאָנענטאַלער באַלקע. אין דער טרוקענער באַלקע איז געווען שטיל, ס'האָט דאָ מעכײַעדיק געשמעקט מיט די גערוכן פון סטעפּ־קווייטן און רײַפנדיקע טוווּעס.

נעכאַמקען האָט זיך פאַרוואָלט צוזעצן זיך א ביסל אויפן ווייכן גראָז, נאָר זי האָט עפּעס דערפילט אין סעניען, וועלכער האָט זי פּלוצעם א שטאַרקן נעם געטאָן פאַר דער האַנט.

— קום פונדאַנען... — האָט זי אים א רוף געטאָן.

סעניע האָט געשוויגן.

— נו, קום! — האָט זי איבערגעכאַזערט.

— ווארט צו... — ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און זיך צוגעזעצט אויף דעם ווייכן ווארעמען גראָז. — איך וויל דיר עפּעס זאָגן, נעכאמע... זע, ווי גוט דאָ איז... זעץ זיך...

אינגאַנצן אומגעריכט האָט פון ערגעץ נידעריק איבער דער ערד זיך אָנגעטראָגן א קאַלטער ווינט. אין איין אויגנבליק איז דער הימל דראָענדיק שוואַרץ געוואָרן.

— זע, וואָס עס טוט זיך, — האָט נעכאַמקע אויסגערופן און זיך געלאָזט גיין.

שווערע לאָכמאַטע וואָלקנס האָבן איינס נאָך דעם אַנדערן זיך גיך גערוקט נעענטער אַהער. א שאַרפער דינער בליץ האָט דורכגעשניטן זיגזאַגאַרטיק דעם הימל און אָנגעצונדן די וואָלקנס. ס'האָט אָנגעהויבן דונערן.

— גיכער, סעניע, — האָט זי אים צוגעײַלט, — עס וועט באַלד א גאָס טאָן א רעגן...

דער ווינט איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, געשמיסן אין פּאָנעם אַרײַן. דאָס קליידל האָט אויף נעכאַמקען זיך שטאַרק געפּאָלדעוועט, געפּאַטשט איבער די נאַקעטע פיס.

זיי זײַנען שוין געווען ניט ווײַט פון דער גרויסער סטערטע שטרוי. סאַמע פאַרבײַ די אויגן האָט זיי א בלענד געטאָן א שטיק פײַער. און איבערן קאָפּ האָט א קנאַל געטאָן א דונער און ס'האָט מיט א ראַש א שמיץ געטאָן א געדיכטער קאַלטער רעגן. זיי האָבן מיט א געשריי זיך געלאָזט לויפן צו דער סטערטע, וואָס איז געשטאַנען אויפן בערגל.

די פאַראַיאָריקע סטערטע איז געווען פון אונטן היפּש אויסגעסמיקעט. נעכאַמקע מיט סע־ניען האָבן, שווער עטעמענדיק, זיך פאַרקליבן אין איר, ווי אונטער א דעכל. זיי האָבן זיך פאַרוקט ווי מעגלעך טיפער אין דער ענגער טונקעלער שטרוי־נאָרע, קעדיי דער רעגן, וואָס האָט קרום געשמיסן, זאָל זיי ניט דערגרייכן.

ס'האָט אָן אויפהער געבליצט. די שוואַרצע וואָלקנס זײַנען אַלע ווײַלע אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט פלאַמען, דאָ און דאָרט האָבן זיך געקײַקלט איינער נאָכן אַנדערן שווערע דולע דונערס.

פון מינוט צו מינוט איז דער רעגן געוואָרן אַלץ שטאַרקער, גערוישט און געקלאַפּט מיט די גרויסע שווערע טראָפּנס איבער דער סטערטע, אָנפילנדיק די לופט מיט פרישער קילקײַט.

נעכאַמקע האָט דערשפּירט, ווי די קילקײַט איז דורכגעדרונגען צו איר אונטערן העמד. זי האָט שטײַף פאַרוקט דאָס קליידל צווישן די נאַקעטע פיס און, ווי זי וואָלט געזוכט א ביסל וואַרעמקײַט, זיך צוגערוקט נעענטער צו סעניען.

— ס'איז דיר קאַלט? — האָט ער זייער שטיל א פרעג געטאָן.

— ניין, ניין... — האָט זי זיך אַליין אַרומגענומען מיט די הענט און מיט א פאַרטײַעטן אָטעם זיך צוגעהערט צום צעבושעוועטן סטעפּ.

„אוי, וואָס עס טוט זיך, — האָט נעכאַמקע מיט זאָרג געטראַכט, — דער קוקורוזע און דעם באַשטאַן וועט דער רעגן ניט שאַטן, אָבער דער טוווּע“...

סעניע איז דאַפקע צופרידן געווען, וואָס עס האָט זיי פאַרכאַפּט דער רעגן. אים האָט זיך געוואָלט, אַז ער זאָל גיין און גיין, אָן א סאָף. ער האָט אָט דאָ, אין דער טרוקענער פינצטערער באַהעלטעניש, געפילט נעכאַמקען גאָר נאָענט לעבן זיך, געשפּירט דאָס גערוך, וואָס האָט גע־טראָגן פון אירע האָר, וועלכע האָבן זיך אָנגערירט אָן זײַן באַק. ער איז געזעסן זייער ניט באַ־קוועם, נאָר מוירע געהאַט זיך א מינדסטן ריר טאָן, קעדיי זי זאָל זיך ניט אָפּרוקן פון אים.

וויפל האָט סעניע געטרוימט וועגן דער מינוט, ווען ער וועט זי ווידער באַגעגענען און וועט כאַטש אויסריידן עטלעכע ווערטער מיט איר, און אַט זיצן זיי דאָ זאַלבעצווייט אַזוי נאָענט איינער לעבן אַנדערן... אַף אַזוינס האָט ער זיך אינגאַנצן ניט געריכט. ס'האָט זיך אים אַפילו ניט געגלייבט. און ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצײַגן, אַז ס'איז אַן עמעס, האָט ער זיך צוגערירט צו איר מיט דער האַנט און לײַכט אַ גלעט געטאָן זי איבער דער פּלייצע.

— נעכאַ...מע...

זי האָט אויפגעציטערט און זיך אָפּגערוקט פון אים.

דער כאַשכעסדיקער סטעפּ האָט געדרוישט, געבושעוועט, דער רעגן האָט געפּליוכעט אָט עטוואָס שטילער און אָט ווידער שטאַרקער. די אומופּהערלעכע בליצן אין הימל האָבן געצונדן די וואָלקנס, וועלכע האָבן דראָענדיק זיך דערנעענטערט און ענדלעך זיך צונויפגעשטויסן. איבערן סאַמע קאָפּ האָט אַ קנאַק געטאָן אַ שרעקלעכער דונער, און נעכאַמקען האָט זיך געדוכט, אַז דער הימל האָט זיך צעשפּאָלטן אַף שטיקער.

— אוי, סעניע!.. — האָט זי אויסגעשריִען. ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעטוליעט צו זיך.

— מע דאַרף ניט, — האָט זי קוים אַרויסגערעדט.

נאָר סעניע האָט גאָרנישט ניט געהערט. עס האָט ווידער שטאַרק געדונערט. ער האָט אַ פאַרשיקערטער גענומען איר גלעטן די האָר, די פּלייצע, און מיט יעדן ריר פון זײַנע פינגער האָט ער איר פאַרטרויט אַזוינס, וואָס מיט ווערטער וואָלט ער עס גאָר ניט געקאָנט איבערגעבן.

נעכאַמקע האָט אָנגענומען זײַן האַנט, אַ גלעט געטאָן און גלײַכצײַטיק געוואָלט אָפּפירן אין אַ זײַט, נאָר סעניע האָט זי צוגעדריקט נאָך שטאַרקער צו זיך און דורשטיק אָנגעהויבן זי קושן. זי האָט אַף איין רגע זיך אַ צי געטאָן צו אים מיטן גאַנצן גוף און ציטעריק־דערשראָקן גענומען בעטן:

— לאָז אָפּ, סעניע... לאָז אָפּ...

— כ'האָב דיך ליב... כ'האָב די גאַנצע צײַט געטראַכט וועגן דיר... געבענקט נאָך דיר... — האָט ער זי נאָך שטאַרקער צוגעדריקט, אָנרירנדיק זיך מיט די הייסע הענט אין אירע יונגע שטײַפע בריסט. זי האָט אויפגעפלאַמט. אַ ציטער איז איר אדורך איבערן גאַנצן לײַב. די באַקן האָבן באַ איר געפלאַמט. ס'איז איר געוואָרן שטאַרק הייס. זי האָט גיך און שווער געעטעמט, שיר ניט אַף דערשטיקט צו ווערן. מיט אַלע אירע קויכעס האָט זי אים אַ שטופּ אָפּ געגעבן און איז אַרויסגעשפּרונגען פון אונטער דער סטערטע. זי האָט געכאַפּט די טופליעס אין די הענט און אַ באָרוועסע זיך געלאָזט לויפן אונטערן רעגן מיט דעם צעשווענקטן וועג אַהיים, צום כוטאָר.

דער רעגן האָט שנײַדנדיק געשמיסן אין פּאָנעם. דאָס נאַסע קליידל האָט זיך צוגעקלעפּט צום לײַב און אויסגעטיילט אירע שטײַפע גלידער. פון צײַט צו צײַט האָט אויפגעפלאַמט אַ בליץ, נאָר ס'האָט שוין ניט געדונערט. דער ווינט איז שטילער געוואָרן.

אינגאַנצן אַ נאַסע, איז זי מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געקומען צו לויפן אַהיים. ס'האָט שוין אָנגעהויבן טאָגן. דער טאַטע איז נאָך ניט געווען. זי האָט קוים מיט מאַטערניש אַראָפּגעשלעפּט פון זיך די דורכגעווייקטע זאַכן, מיט אַ לײַלעך אויסגעווישט די האָר, דאָס לײַב, און אַ נאַקעטע, אינגאַנצן אַ צעבראָכענע, אַרײַנגעקראָכן אין דעם ווייכן בעט. נעכאַמקע האָט זיך צוגעדעקט מיט דער וואַרעמער קאָלדרע און אין אַ ווײַלע אַרום אײַנגעשלאָפן.

ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, איז דער רעגן שוין ניט געגאַנגען. דער הימל איז געווען ריין, און די זון, וואָס האָט אַרײַנגעקוקט אין פענצטער, האָט גוט געוואַרעמט.

נעכאַמקע האָט אָנגעטאָן אַ טרוקן העמד, אַן אַנדער קליידל, מיט פאַנאַנדערגעלאָזטע האָר צוגעגאַנגען צום שפּיגעלע. איר האָט זיך געדאַכט, אַז די באַקן פלאַמען באַ איר און אַלע וועלן דערקענען, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען...

— אוי, מאַמעניו, — האָט זי אויסגעשריִען, כאַפּנדיק זיך פאַרן האַרצן.

הינטערן פענצטער האָבן זיך דערהערט טריט. זי האָט זיך אומגעקוקט און דערזען גיין אַהער דעם אַלטן ראַכמיִעלן. נעכאַמקע איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן.

— אַ גוט־מאָרגן... איך האָב דיר געבראַכט נאָך אַ בריוו, — האָט ראַכמיִעל אַרויסגענומען אַן אָנגעפּאַקעוועטן קאָנווערט פון דער בוזעם־קעשענע, — געפונען צווישן די צײַטונגען...

דאָס האַרץ איז באַ נעכאַמקען פאַרשטאַרבן געוואָרן. זי האָט געכאַפּט דעם בריוו און גיך אַ קוק געטאָן אַפן קאָנווערט.

דער בריוו איז געווען פון וואַווען...

(סאָף קומט)

יאנקעוו שטערנבערג

וואָס ניט געוווּסט האָט אויך דער קליגסטער מאַן

(באלאדע)

א

די קליגסטע פון שלאנגען — דער נאָכאָש־האקאדמוין —
פלעגט יעדן טאָג קומען צו שלוימען צוגאסט,
א שמועס פארפירן, אים האלדזן און רימען —
געזאָגט, אז נאָר זי פאר א קראנץ שלוימען פאסט.

אויך הײַנט גליטשיק־ליסטיק[1] די שלאנג איז דערשינען,
זײַן שטערן געקושט, מיט איר הויט אים געגלעט,
געשארט זיך, געוויקלט, געטריפט אים אין אויער:
„אויך דו ווייסט ניט אלצדינג, מײַן כאָכעם־פּאָעט".

און שלוימע, וואָס פײַנט האָט געהאט איר כאניפע,
האָט וויליק געהערט אירע גיפטיקע רייד.
ווען זי איז אוועק, ער באפעלט האָט דערלאנגען
זײַן וואָגן, וואָס שטייט צום שפּאציר אָנגעגרייט.

ווי פארביקע פייגל — אי קישעף, אי קאָוועד
פאר אים, פאר זײַן רײַטוואָגן, פליִען פאָרויס.
געזען דאָס האָט שלוימע, און דאָך לעבט דער צווייפל
באנאנד מיט זײַן גלויבן, ווי דאָרן מיט רויז.

אין הארץ פונעם פאָלק, צי אין אייגענעם דימיען,
ווי בוימל ווי גוטער, שמעקט דופּטיק זײַן שעם? —
די דאָזיקע פראגע ניט איין מאָל געפאנגען
זי האָט זײַן געמיט, עס געהאלטן אין קלעם.

נאָר הײַנט האָט דער נאָכאָש זײַן זעל אופגערודערט,
אזוי ווי דער שטורעם דעם יאם ביז דער טיף.
„און גוט אזוי, — שלוימע זיך זאָגט, — אָן געוויטער
דער גײַסט טריקנט אויס, ווי אָן וואסער א שיף"...

גאס אײַן און גאס אויס... זײַן מאכשאָווע זיך שלענגלט,
אזוי ווי די גאסן, דורך וועלכע ער פאָרט...
כאָטש מענער און פרויען די הענט צו אים שטרעקן,
ער האָט ניט פאר זיי הײַנט קיין איינציק גוט וואָרט.

„אָף רײַכע ניט שטיצט אײַך"... ער הייסט דערפאר פאָרן
אהין, צו די געסלעך, וואָס ליגן אין טאָל,
נאָר טרעפט דאָרט בלויז קינדער — די ציגעלעך ריינע.
ווי אָרעמשאפט — שיין, ווען זי ברעכט צוים און אָל!

„ווּ זײַנען די טאטעס?" — ער פרעגט בא די קינדער.
„די טאטעס? אָף ארבעט זיי מוזן דאָך גיין.
דעם מילוי[2] אין דאָווידס שטאָט שלוימע געבויט האָט —
אזוי אין „מעלאָכים" א פּאָסעק וועט שטיין".

פונעם בוך „לידער וועגן קיניג שלוימע".

[1] — געמיינט כיטרע־פאלש.

[2] מילוי — א פעסטונג, וואָס שלוימע האָט געבויט אין יערושאלאיִם.

דער ענטפער געווען איז פאַר שלוימען נאָך ליבער
פון פייגל־געצוויטשער פאַרטאָג אַף א בוים.
און פּלוצעם: „דער פײַנט דאַווידס שטאָט קאָן צעשטערן,
די שטים פון זײַן שטאַם וועט דאָך בלײַבן אין רוים“.

עס דרייט זיך אויס שלוימען צו זען, ווער געזאָגט האָט
די דאָזיקע זיסע און ביטערע רייד.
אַן אַלטיטשקע פרוי מיט א דיבער א שאַרפן
פון מענטש און פון בײַסיקער שלאַנג פאַר אים שטייט.

זי רעדט און זי בוקט זיך: „מײַן נאָמען צערוע,
איך בין פון צערײַדע, די פרוי פון נעוואַט.
ווען ער איז געשטאָרבן, דײַן לײַבקנעכט יעראָוואַם
א פּיצעלע קינד נאָך געלאָזט מיר ער האָט“.

„ווו זײַנען די איבעריקע פרויען?“ — פרעגט שלוימע.
„קוק! יעדע באַהאַלטן שטייט הינטער איר טיר,
ווײַל האָסט ניט פון טויזנט קיין איינע קיין רעכטע
געפונען, — איז האָט מען פאַריבל אַף דיר.

און מ'האָט מיך געשיקט, איך זאָל אָפּן דיר זאָגן:
אונדז, אָרעמע פרויען, וואָס טראָגן דעם יאָך
פון קינדלען און שפּינדלען, א הילף אויך דעם מאַן זײַן —
אין שמאַלץ־טאָפּ איניינעם מיט דײַנע ניט קאָך.

נעם צריק דײַנע ווערטער — אויב ליב האָסט דעם פרידן.
אַניט — מיר דעם קריג פירן ווײַטער מיט דיר.
דײַן מאַמע, וואָס איז דאָך די שווערסטע זינד דאַווידס,
וועט אויכעט דיר זאָגן: גערעכט זײַנען מיר.

און איצט, ווײַל די מאַנצבלען זײַנען אַף אַרבעט,
איך איינע אַליין בין צו אַלט, אַז דעם בונט
פון ווײַבער אַזויפיל כ'זאָל קענען דערשטיקן.
ניט האַלט זשע דיך אוף דאָ און פאָר דיר געזונט!“

צעלאַכט האָט זיך שלוימע, באַרוישט, ווי פון ווײַנען,
און האָט צו צערוע אַזוי זיך געווענדט:
„ווי ס'שטעלט זיך ניט אָפּ די שוואַלב אין איר וואַנדער —
א פלוך ניט פאַרדינטע שוועבט דורך און ניט שענדט.

בין איך דאָך דער מאַן, וואָס געזאָגט אויך, געלערנט:
מיט קלוגשאַפט פון ווײַבער געבויט ווערט א הויז“.
„דערבײַ אויך געמאָלדן, — דערמאָנט אים צערוע, —
די נאַרישע פרוי עס צעשטערט און מאַכט אויס“.

געזען דעמלט שלוימע, ווי טיף זײַנע ווערטער
עס האָבן פאַרקריצט זיך, אין האַרץ איר אַרײַן,
און דאַנקבאַר ער זאָגט צו צערוען: „באַ מוטער,
ווי דו, מוז דער זון א גראָטענער זײַן!

גיב איבער אויך יענע, וואָס פּלאַנצן און וועבן,
און זײַנען דער רום פון דעם מאַן און זײַן ציר:
א לויב צו דער פרוי, וואָס איז טײַערער פון פּערל, —
צו איר און איר מיזאַמקײַט צײַטיקט אין מיר“.

אין רײַטוואָגן זײַנעם עס פאָרט אָפּ דער קיניג,
צערוע די ווײַבער רופט אַלע אַרויס.
און ווידער אַי קישעף, אַי קאָוועד געפלויגן,
ווי פאַרביקע פייגל, פאַר שלוימען פאַרויס.

ב

און דאָרטן, ווו שלוימע געבויט האָט דעם מילוי,
פון פעסטונגען אלע זײַן פעסטונג — אנטיק,
דער ארבעטער בעסטער געווען איז יעראָוואָם,
א יונג, ווי א צעדער, און שיין פארן בליק.

מיט יעדן א פרײַנט און א מאן פון מילכאָמע,
א מויל פול מיט שפאס און צוויי גאָלדענע הענט.
פון אלע ביניאָנים די טרעגערס, די מוליערס,
די שניצערס, די שמידערס אים האָבן געקענט.

און ס'איז צווישן זיי אזא זאָג אומגעגאנגען:
„עס לאָזט אָפּ יעראָוואָם, דער זון פון נעוואָט,
אזויפיל שטעכווערטער און וויצן אף שלוימען,
געננוי וויפל ווײַבער צום שלאָפן ער האָט“.

און כאָטש ס'איז באוווּסט, אז א זון פונעם דאלעס
ער איז גלײַך מיט זיי און ער טראָגט אויך די לאסט,
וואָס שלוימע מיט איר האָט דאָס פאָלק שווער באלאָדן, —
יעראָוואָם, זיי זעען, ניט קרעכצט, נאָר ער האסט

פון אלע פאריאָכטע נאָך קרעפטיקער, שטארקער.
די שטיינהעקערס הארטע — זיי פרעגן דערשטוינט:
„וואָס קאָן ער אזוינס ניט מיט שלוימען צעטיילן?
די קרוין פון בייס־דאָוויד, דעם פאלאץ, ווו ר'וווינט?“.

נאָר מ'האָט ניט קיין מוט — אין פאָנעם אים זאָגן.
עס ווייסן דאָ אלע: יעראָוואָם, ער שטאמט
פון שייוועט עפראַים, וואָס פײַנט האָט יעהודען, —
דעריבער ער העצט, די געמיטער פארסאמט.

נאָר ברענגט ער אהער צו דער ליים און די ציגל,
צום שטיין און צום האָלץ, ווו מע קנעט און מע זעגט,
א ליד פון די פאסטעכערס פרומע געצעלטן,
וואָס קלאָגט אף שולאַמיס און פרעגט זיך נאָך, פרעגט:

„געשען וואָס מיט איר איז אין פאלאץ פון שלוימען?“ —
דאן כאפן אוף אלע די דאָזיקע ליד.
אפילע די אופזעער מאכן זיך דרעמלען,
און לערנען עס אויס און שטיל זינגען אויך מיט.

ג

„קלאפט, האמערס, גראָבט, רידלען, און זעגן, איר זעגט,
און בויט אויס פאלאצן פאר שלוימען, ניט פרעגט:
צי טוט ער אונדז שוינען,
און ווער וועט דאָרט וווינען?
ווײַל שלוימע דער כאָכעם, ער ווייסט ניט, מיר שײַנט:
דער פראכט־שווערער פאלאץ — דאָס איז דאָך זײַן פײַנט.

דו, קנעכט, און דו, רײַטער אף מיצרישע פערד,
וואָס ביידע צום רײַטוואָגן שלוימעס געהערט.
יאָ, טרײַהײַט אים שווערט איר,
יאָ, שלוימען געהערט איר,
אזוי ווי מײַן אייזל, מײַן ווײַב און מײַן זון,
און שלוימע ניט ווייסט, אז מײַן האס קומט דערפון.

איר, פאַסטעכער פרומע, אין טאָל און אויף באַרג,
איר נעמט אײַערע קאָלעס, ווי שאָף אפן קאַרק, —
מיט בליק צו די רוימען,
און פירט זיי צו שלוימען.
ווײַל שלוימע דער כאַכעם, ער ווייסט ניט, מיר שײַנט:
אין טײַוועס אין טויזנט ער האָט טויזנט פײַנט.

איר, טרעטערס פון טרויבן, ניט שוינט אײַערע פיס,
און זײַן זאָל פאַר שלוימען דער ווײַן האָניק־זיס.
טראָגט אָפּ אַלע ווײַנען
אין ווײַן־קעלטער זײַנעם,
ווײַל שלוימע דער כאַכעם, ער ווייסט ניט, מיר דאַכט:
אויך אים וועט פאַרשלינגען די אייביקע נאַכט.

איר, הערשער, רעגירער, איר, טראַנזיצערס, איר —
געזאַלבטע צו טראָגן דאָס קרוינדל־געשיר.
נו, טראָגט עס, נו, מיילע.
אײַער לעבן — א קיילע
פאַר טויט, גלײַך ווי אונדזערס, פאַרגענגלעך, ווי רויך.
יאָ, „העוועל האוואָלים" איז שלוימעס פײַנט אויך".

דעם דאָזיקן שיר אויך דער נאָווי אכייאַ[1]
געהערט איינמאָל זינגען יעראָוואַמען האָט,
און האָט אים געזאָגט, אַז פון ביניען צו ביניען
ער טראָגן די ליד זאָל — דאָס איז זײַן געבאָט.

איצט האָבן געזונגען זי יונגע און אַלטע,
אָט דאָרט, וווּ ס'האָט שלוימע דעם מילוי געבויט,
און האָבן דעם זין פון די ווערטער פאַרמויערט,
אין ציגל פאַרזיגלט, דעם שטיין אים פאַרטרויט.

ד

געררויש און באַוועגונג — די אַרבעט צעפלאַקערט
אי אונטן, אי אויבן, אויף לייטערס און ווענט.
און אַלע מאַכשירים צעקלונגענע מעלדן:
מע האָט שוין דעם רײַטוואָגן שלוימעס דערקענט.

נאָר ס'פּאַנעם פון מעלעך איז הײַנט ווי פאַרפאַנצערט.
ער קומט גראָד אהער באַלד נאָך דעם, ווען מיט שפּאָט
עס האָט אים באַגעגנט צערוע. דעריבער
איר זון מיט גרויס נײַגער געזוכט דאָ ער האָט.

דאָס קלאָר ערשט געוואָרן אים, ווען ער דערזען האָט
א יונג, ווי א צעדער, און שיין פאַרן בליק.
עס האָט דאָך די אַלטע מיט איין וואָרט אַפילע
איר זון ניט געשילדערט. פאַרוואָס זשע ער שיקט

גראָד רופן אָט דעם, וואָס ער שטייט אויף דעם מויער
און טעסעט א שטיין מיט צוויי זיכערע הענט,
אויף דלאָניע אים האַלט, ווי א יעגער א פויגל?..
נאָר אָט קומט דער קנעכט, פעסט געגורט אין די לענד.

„דײַן נאָמען יעראָוואָם, דער זון פון צערוע?"
„יעראָוואָם, מײַן קיניג, צערוע מיך האָט
געבוירן, געגנערט און אין ליבשאַפט דערצויגן,
נאָר הייסן און זײַן כ'וויל: דער זון פון נעוואָטו"

---

[1] דער נאָווי אכייאַ איז געווען שלוימעס א קעגנער.

וואָס זעט ער, יעראָוואָם? ער זעט איצט אָף שלוימען
זײַן איידלשטיין-קלייד, וואָס עס בלענדט אָף דער זון.
וואָס הערט ער? עס דאכט אים: דאָס קאָל פונעם נאָווי
אכיאָ עס רופט אים: „יעראָוואָם, מײַן זון,

שטרעק אויס דײַנע הענט צו דעם מאלכעס-קלייד שלוימעס,
אָף שטיקער אָף צוועלף נעם צערײַס עס, זאָגט גאָט,
צוליב מײַן קנעכט דאָוויד צווי טיילן לאָז שלוימען,
די אנדערע צען שטיקער — פאר דיר, בען-נעוואָט".

נאָר ווען שוין יעראָוואָם געווען גרייט צו פאָלגן
דאָס קאָל, וואָס באפאלן איז אים מעכטיק-ווילד,
אזוי ווי דער ווינט אין דעם זאמדיקן מידבער,
געפאלן איז שלוימעס וואָרט ריכטיק געצילט:

„די שטים פונעם קיניג שענקט כיין און ווארפט אומכיין,
צו דיר, בען-צערוע, אזוי הײַנט זי רעדט:
דיך איבער בייס-יויסעף איך מאך פאר אן עלטסטן,
דײַן גאנצן שטאם מעלדן עס — שיק א שטאפעט.

זאָל ווערן מעקוײעם דײַן כאָלעם פון הערשן,
וואָס ברענט אין דײַן אויג, ווי אין בוימל א קנויט".
יעראָוואָם שטייט, הערט און ער פלאטערט אזוי ווי
א הונגעריקער, ווען מע דערלאנגט אים זײַן ברויט.

נאָר ער איז זיך גויווער, מיט קראפט פון א גיבער
ער האָט צו זײַן זעל שוין די רו אומגעקערט.
און פלינק און אויך שיין, ווי דער שפרונג פון א לעמפערט,
פאר שלוימען א וואָרף זיך געטאָן אָף דער ערד.

געלעגן פארטײַעט און לאנג נאָכגעקוקט האָט
דעם מעלעכס רײַטוואָגן און האָט זיך געגרייסט
אין הארץ איבער שלוימען, דעם מאן — אָ-דעם קליגסטן,
געשטוינט, וויאזוי אָט דער כאָכעם ניט ווייסט:

דערהויבנדיק אים איבער אלע סאבאָלים[1],
ער האָט אים דערמיט שוין אליין דאָך אָף האלב
פארגרינגערט צו ווערן דער מוירעד אין מאלכעס,
אליין אין די אויגן פון פאָלק אים געזאלבט.

„ניט אנדערש, אין כוישעך גייט אום נאָר און כאָכעם,
פארהוילן עס זײַנען די וועגן פון גאָט.
די וואָר מיר אנטפּלעקטע: אויך שלוימע ניט אלץ ווייסט —
מײַן ערשטער ניצאָכן" — עס טראכט בען-נעוואָט.

און שלוימע? זײַן קנעכט יעראָוואָמען זעט ער
אין פורפור געהילט... ניין, אין פלאם פון א טרוים...
„ווער איז ער?" — זיך פרעגט אין פארווירונג דער קיניג —
און ס'דאכט אים: ער שפיגלט זײַן בליק אין טעהאָם.

פונוואַן אָט דער אומרו? אליין ער געזאָגט דאָך:
„דער גנאָד פונעם מעלעך, ווי רעגן, ברענגט זעט",
און דאָך פילט דאָס בלײַ פון באדויער און מידקײַט,
גלײַך ערשט זיך געראנגלט ער האָט מיט א שעד...

ווי פארביקע פייגל — אי קישעף, אי קאָוועד
פאר אים, פאר זײַן רײַטוואָגן, פליען פארויס,
נאָר שלוימע פארמאטערט די אויגן שליסט, דרעמלט,
און ס'שלאָפט אויך דער נאָכאָש בא אים אָף דער שויס.

---

[1] סאבאָלים — לאסט-טרעגער.

יעכיעל שרייַבמאַן

קיינמאָל ניט פאַרגעסן

ער האָט אוועקגעלייגט אפן טיש דעם גרויסן דאָקטערשן פּאָרטפעל זייַנעם, האָט אים צעעפנט און עס האָבן זיך געגעבן א שאָט צייַטונגען, בראָשורן, פּאָטאָגראַפיעס.

איך זע דעם מענטשן דאָס צווייטע מאָל, מייַן שוועל האָט ער איצט צום ערשטן מאָל איבערגעטראָטן — און גלייַך געגומען שפּאַנען אין שטוב בא מיר מיט אזויפיל היימישקייַט און כשיוועס, טאַקע נאָר ווי א דאָקטער קען, — איך דאַרף אים, ניט ער דאַרף מיך.

אפילע דער דינער שמייכל אף זייַן פּאָנעם, דער אויפן, ווי ער האָט א נעם געטאָן א בענקל, האָט גערעדט וועגן כשיוועס. ער האָט זיך אוועקגעזעצט, א ווייַלע געשוויגן און שטיל אָנגעהויבן פויקן מיט די פינגער אין טיש. זעט אויס, האָב איך געטראַכט, קעדיי צוצוגעבן דעם איניען נאָך מער וויכטיקייַט. ער האָט א הייב געטאָן די אויגן אריבער מייַן קאָפּ און פאַרקנייטשט דעם שטערן: זעט אויס, קעדיי צו ווייַזן, האָב איך געקלערט, פאַרטיפטקייַט. דאָס פּאָנעם זייַנס איז מיטאמאָל געוואָרן ווי אָפּגעצויגענער און עלטער. ער האָט אָנגעהויבן:

— נו, האקלאל... מירן בעסער צוגיין גלייַך צו דער זאַך... ווי כ׳האָב אייַך נעכטן געזאָגט, איז עס פאַר אייַך אינטערעסאנט ווי פאַר א שרייַבער... מע דאַרף אזא זאַך דערציילן... האקיצער, אין דער צייַט פון דער מילכאָמע האָט א רוסישע מישפּאָכע געראַטעוועט פון די דייַטשן צוויי יידישע קינדער... א ברודערל מיט א שוועסטערל... כ׳בין ניט לאַנג צוריק געווען אין לוגאנסק... אָ־דאָ איז דאָס אלץ באַשריבן... — האָט ער מיט ביידע הענט א שאַר געטאָן אפן טיש די צייַטונגען.

אָפּשטעלן אים? זאָל איך אים באַלד א זאָג טאָן, אז ער האָט מיט א פּופּצן יאָר פאַרשפּעטיקט, ווער ווייסט שוין אזעלכעס הייַנט ניט? צי זאָל איך אים לאָזן האַנאָע האָבן, לאָזן מיינען, אז ער האָט דער ערשטער דערזען וואַקסן ווייץ, אופגיין די זון?

כ׳האָב א קוק געטאָן אף זייַן פאַרפלאַמט פּאָנעם און געטראַכט וועגן יענעם קויעך, וואָס מאַכט אמאָל, אז א מענטש, א טאַטע פון קינדער, א פאַרשמייַעטער אין טאָגטעגלעכע דייַגעס, זאָל שאָענוויַיז אָפּשטיין מיט דיר, דערציילן אַן אלטע מייַסע: נעמט און באַשרייַבט זי! כ׳האָב א קוק געטאָן אפן דאָקטערשן פּאָרטפעל, טאָמיד ליגט מיסטאָמע דאָרטן א כאלאַט, אַן אַפּאַראַט אף צו מעסטן דעם בלוט־דרוק. וואָס האָט ער נעכטן אזוי דערפרייט זיך, ווי א קינד, ווען ער האָט זיך מיט מיר באַקענט? וואָס פאַר א קויעך האָט אים געצווונגען אַרייַנשטופּן אין פּאָרטפעל אלטע צייַטונגען, אזש פון לוגאנסק?..

— איין רעגע!.. — האָב איך א זאָג געטאָן, — איידער איר דערציילט מיר, וואָלט איך וועלן עפּעס פרעגן...

— פרעגן וועט איר דערנאָך!.. — האָט ער אָפּגעהאַקט, קימאַט ווי א בייזער געטאָן זיך.

אפן פּאָנעם זייַנעם האָט זיך באַלד ווידער באַוויזן א דינער, ווינקלדיקער שמייכל:

— האקיצער, הייסט עס, א רוסישע מישפּאָכע... קולישאָוו איוואַן דעמיאַנאָוויטש. האָט געראַטעוועט צוויי יידישע קינדער... דאָווידל און ראָכעלע. און אָט זיצט דאָס דאָזיקע דאָווידל איצט קעגן אייַך.

ס׳האָט מיך א הייב געטאָן פונעם בענקל. ער האָט זיך אויך אופגעהויבן און שטיפעריש אזוי, זיגעריש, א נייג געטאָן זיך: אי ווי פאַרגעשטעלט זיך, אי ווי פּאָשעט פאַרגעזעצט:

— ...דאָוויד מאָיסייעוויטש! אַן אויגן־דאָקטער. אַן אָקוליסט!..

ער האָט מיר דערלאַנגט א צייַטונג פונעם טיש, און כ׳האָב אים דערזען דאָרטן פּאָטאָגראַ־פירט מיט אַן אלטיטשקן. ער שטייט אין א ווייַס זומערדיק רעקל. בא דעם אלטיטשקן איז א ווייַ־סער קאָפּ, א פּאָר גראָבע ווייַסע וואָנצעס, גרויסע, פּראָסטע פּאָנעם־שטריכן. די הענט זייערע האַלטן זיי איינער אפן אנדערנס אקסל. א קאָרעספּאָנדענט באַשרייַבט, ווי זיי האָבן זיך אין יאָרן ארום באַגעגנט. נאָר ער אליין, דאָווידל, דערציילט עס בעסער, פּאָשעטער.

— כ׳עפן אוף די קאַליטקע און גיי אַרייַן אין הויף. דעם הויף דערקען איך. כ׳קלאַפּ אָן אין טיר. ער אליין עפנט מיר אוף. ער קוקט מיך א ווייַלע אָן און פרעגט מיך, וואָס איך וויל. איך שטעל אראָפּ דעם טשעמאָדאַנטשיק און וויל עפּעס זאָגן, טוט ער מיטאמאָל א צעשפּרייט די הענט: — דאָדיק!

ביז מיט א פּאָר מינוט פריִער איז בא מיר אין שטוב גאָרניט פּאַרגעקומען. איצט איז די שטוב מײַנע פול מיט דײַטשן, מיט שטעכיקן לאַגער־דראָט, מיט שיסערײַען. כ׳האָב דערזען קרעמאַטאָריע־קוימענס. כ׳האָב דערפילט דאָס געריך פון פאַרסמאַליעטן לײַב. כ׳האָב דערהערט קינדערשע קולעס. א פאַרשאָטענע גרוב רירט זיך. א ייִנגעלע, א שאָטן, איז געבליבן ליגן אפן דראָט מיט אראָפּהענגענדיקע הענטלעך און פון די שמאַטעס, וואָס אף זײַן לײַב, האָבן זיך צעשאָטן עטלעכע קאַרטאָפל. ראָכעלע און דאָווידל לויפן, לויפן... כ׳מאַך אף א רעגע צו די אויגן און דערפיל ארום זיך א שטילקײַט. כ׳דערזע א פּאָר צעשפּרייטע הענט. כ׳דערהער א וויכן, פאַר־טערלעכן אויסגעשריי: — דאָדיק!..

דאוויד מאָסייעוויטש באַמערקט, אפאַנעם, די צוגעמאַכטע אויגן מײַנע, פרעגט מיך:

— איר הערט, צי איר הערט ניט?

איך ענטפער אים:

— איך הער. איך הער.

דאָווידל האָט געזאָגט: — ווייסט וואָס, לאָמיר אויך שטאַרבן!..

ראָכעלע האָט געזאָגט: — אליין קאָן מען דען?

דאָווידל האָט געזאָגט: — איז לאָמיר כאָטש וויינען!..

ראָכעלע האָט געזאָגט: — שאַ, ביסט א נאַריש קינד! מע קאָן נאָך דערהערן...

דאָווידל האָט געשוויגן. און ראָכעלע האָט א זאָג געטאָן, ווי אן אַלטיטשקע:

— וויינען... פון וויינען ווערט מען דען זאַט?..

זיי האָבן געמיינט, אז זיי קערן נאָך ערגעץ האָבן איין קאַרטאָפל, און זיי האָבן זיך דערנאָך דערמאָנט, אז זיי האָבן שוין די איינע קאַרטאָפל אופגעגעסן רויערהייט, געהריזעט קוים־קוים מיט די שפּיץ ציין, ווי מײַזלעך, ס׳זאָל א סאך געדויערן.

אין אויסגעליידיקטן באַראַק איז געווען פינצטער. דורך די שפּאַלטן שײַנט א ביסל אַרײַן. נאָר אין דרויסן איז א ווינט, און די שײַן־פּאַסן אין באַראַק, די שײַן־שאָטנס, שאָקלען זיך, רירן זיך.

ביז אייערנעכטן האָט נאָך דער דאָזיקער לאַנגער באַראַק געהייסן די געטאָ. זיי זײַנען דאָ געווען מיטן טאַטן און מיט דער מאַמען. ס׳איז דאָ געווען א וועלט מיט מענטשן: בעסאַראַבער, אָדעסער — געכאַפּטע אפן וועג, באַם עוואַקויִרן זיך. אלע פאַרטאָג פלעגן זיי זיך ביידע ארויס־גאַנווענען פונדאַנען און פאַרנאַכט־צו אומקערן זיך מיט א ביסל קאַרטאָפליעס. אייערנעכטן האָבן זיי דערזען דעם באַראַק ארומגערינגלט מיט דײַטשן. זיי האָבן זיך ארײַנגערוקט ערגעץ צווישן ביימלעך: קוקן פונדערווײַטנס, וואָס עס וועט זײַן. און זיי זײַנען דאָרטן אזוי, פאַר יעסורים, אפאַנעם, צי פאַר קעלט, אנשלאָפן געוואָרן. גאַנצפרי איז שוין דער באַראַק געווען ליידיק — אויס געטאָ.

דאָווידל האָט געזאָגט:

— דער טאַטע האָט זיך אפן וועג געקערט פאַרקילן, ווען מ׳האָט זיי געפירט שיסן. ער איז אזוי אויך געווען שלאָף...

ראָכעלע האָט געזאָגט:

— הער אוף, הער אוף, רעדט מען צו דיר!

דאָווידל האָט געזאָגט:

— וויל איך ניט אופהערן. סײַווי־סײַ וועלן מיר אויך שטאַרבן... נאָר ס׳וועט מעסוקן א סאך געדויערן... אהער וועלן שוין די דײַטשן ניט קומען...

— הער אוף!

— וויל איך ניט אופהערן!..

— נו, כ׳בעט דיך. טײַערינקער.

זי האָט אים צוגעבויגן צו זיך, אײַנגענורעט אין זיך, און פאַמעלעך, מיט די דאַרע פינגערלעך אירע, גרינג אָנגעהויבן קראַצן אים אין קאָפּל — עפשער וועט ער אנשלאָפן ווערן. זי האָט א טראַכט געטאָן, אז ס׳וואָלט טאַקע ניט געווען שלעכט א ביסל אויסצווויינען זיך. מיט הוילע, הוילע טרער־רעלעך. שטיל־שטילערהייט. נאָר דער האלדז איז איר געווען פאַרקנוילט, פאַרשטיינערט, און ס׳האָבן בעשום־אופן קיין שום טרערעלעך ניט געקאָנט ווערן.

דאָווידל איז געלעגן און געדרעמלט, געשוויגן. פּלוצעם האָט ער זיך געגעבן א ריס אוף, שטיין געבליבן אף די פיס און אָנגעהויבן שלעפּן נאָך זיך ראָכעלען באַם הענטל:

— לאָמיר גיין. שוין לאָמיר גיין!

זי האָט זיך געגעבן א צי אף צוריק, אויסגעריסן פון אים די האַנט, און ער האָט זיך געלאָזט לויפן איבערן באַראַק, צום ארויסגאַנג. זי איז אים נאָכגעלאָפן:

— וווהין? נאַריש ייִנגל! הער אוף!..

זיי זײַנען אַזוי געלאָפן, וויפל זיי זײַנען געלאָפן, און האָבן דערנאָך, וואָס אַמאָל פאַמעלעכער, אָנגעהויבן גיין. טראָט בא טראָט, איינס לעבן אַנדערן. זיי האָבן געשפּאַנט אינמיטן וועג, צוויי געטאָ־קינדער, אויסגעהונגערטע, פאַרלײַזיקטע, האַלטנדיק זיך בא די הענטלעך.

דער ווינט האָט געשמיסן אין פּנים, געריסן דאָס אָנטועכץ פונעם לײַב.

די הילצערנע שטיבלעך אין שאַכטיאָרן־יישעוו זײַנען געשטאַנען אין דער נאַכט פאַרצאַרנטע און פאַרכמורעטע. אַרום און אַרום — פינצטער, כוישעך. וו־ניט־ווו שאָטנט אַ לאַמטערן־סלופּ. אף די סלופּעס, ווייסן די קינדער, הענגט אַ מוידאָע: „פאַר אויסבאַהאַלטן ייִדן — טויט!..“

נאָר דאָווידל איז אַריבערגעשפּרונגען אַ פּלויטל. דאָס ערשטע פּלויטל, אף וועלכן ער האָט זיך אָנגעשטויסן, ער האָט אַריבערגענומען ראָכעלען. זיי זײַנען צוגעגאַנגען צום ערשטן פענצטער.

אף דער טיר האָט זיך באַוויזן אין ווײַס אַן עלטערער מענטש. ער איז געשטאַנען באָרוועס און געהאַלטן אין דער האַנט אַ קאַנעץ. הינטער אים האָט אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ אַן עלטערע פרוי מיט אַ געפינטלט קאָפּטל אפן לײַב.

זי האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט:

— מאַטושקי... קינדער!.. דוכט זיך, ייִדישע קינדער!..

— נו, וואָס שטייט איר און שווײַגט?.. — האָט זיך דער מענטש אַ בייזער געטאָן און אָפּגערוקט זיך אין אַ זײַט, זיי זאָלן אַרײַנגיין.

און מורמלענדיק עפּעס, בייזערנדיק זיך, האָט ער אַזוי פּראָסט צוגעקייטלט די טיר, גלײַך ווי די דאָזיקע קינדער וואָלטן שוין דאָ בא אים געווען פון לאַנג און וואָלטן זיך פּאָשעט איצט ערגעץ באַנאַכט פאַרזאַמט, אַהיימגעקומען אין אַזאַ צײַט, שפּעט.

די שטוב איז שוין ביז פאַרטאָג געווען וואַך. ס'האָט זיך געהייצט די פּליטע. ס'האָבן זיך געוואָרעמט טשוהונען וואַסער. אין אַ קעסעלע האָט געבולבעט אַ קאַשע.

דאָווידל האָט געזאָגט:

— און אויב מע וועט אײַך דערפאַר שיסן?

קולישאָוו האָט געזאָגט:

— און אויב, און אויב... „און אויב“ איז ניט קיין ריכטיק וואָרט... ביסט שוין געגאַנגען אין שול, צי ביסט נאָך ניט געגאַנגען? נישקאָשע, וועסט נאָך גיין אין שול אויך.

די קולישאָווע האָט געוואַשן ראָכעלען און געזאָגט:

— מאַטושקי... אַ קופּקעלע ביינדעלעך... ס'זאָל זיי דאָרטן אַזוי אויפגעפרעסן ווערן דאָס לעבן זייערס... גאָט מײַנער, גאָט מײַנער...

ראָכעלע האָט געזאָגט:

— מע דאַרף ניט, מאַמעשע, מע דאַרף ניט וויינען...

גאַנצפרי זײַנען די קינדער אַנשלאָפן געוואָרן.

דערנאָך גייען ווידער באַקאַנטע געשיכטעס.

דאַוויד מאָיסייעוויטש האָט אויסגעטאָן דאָס רעקל און אופגעהאַנגען עס אפן בענקל. ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ טיכעלע פון דער קעשענע, אַ שפּאַן געטאָן הין און צוריק איבערן צימער, געווישט דעם שטערן און באַלד ווידער קעגן מיר זיך אַוועקגעזעצט.

...אַ געשיכטע ווי אין איינעם אַן אָפּדערנאַכט האָט קולישאָוו זיך געזעגנט מיט דער קולישאָווע. די קולישאָווע האָט געקרעכצט:

— ווײַ, ווײַ... עס זאָל כאָטש זײַן בעשאָלעם... כ'זאָל דיך נאָך זען צוריק אַ לעבעדיקן...

און איוואַן קולישאָוו האָט, ווי זײַן שטייגער איז, אַ בייזער געטאָן זיך. ער האָט אַ נעם געטאָן לעבן זיך אין איין זײַט דאָווידלען בא אַ הענטל, אין דער אַנדערער זײַט — ראָכעלען, און אַזוי זײַנען זיי אַלע דרײַ אַוועק אַ לאַנגן באַנאַכטיקן וועג.

די קינדער זײַנען געווען צוגעגרייט. זיי האָבן שוין געוווּסט: אָדער — אָדער. אַ פּאָר מאָל איז צו די קולישאָווס אַרײַנגעקומען נישטערן דער סטאַראָסטע פונעם יישעוו — די דײַטשן האָבן, הייסט עס, עפּעס אָנגעשמעקט. די קינדער האָבן שוין געוווּסט, אַז אַ זון פון די קולישאָווס, וויקטאָר, און אַ טאָכטער — טאַטיאַנאַ, זײַנען ביידע דאָרט, פון יענער זײַט, אפן פראָנט.

זיי זײַנען געגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט. איצט לייענט זיך עס גרינג, מיר ווייסן שוין דעם סאָף. אָבער דעמלט? כאָלילע איין קרומער שפּאַן אין יענער נאַכט. זיי זײַנען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר פאַרברענטע דערפלעך, אַ וועלדל, עטלעכע אופגעריסענע בריקלעך, באַן־ליניעס. זיי זײַנען דורכגעקראָכן דראָטן, גריבער. זיי האָבן זיך פּאַמעלעך געדרוקט אפן בויך — ערגעץ־וווּ האָט אופגעקנאַלט אַ שאָס, אַ בליץ. זיי האָבן צווישן זיך די גאַנצע צײַט קימאַט ווי ניט גערעדט. קולישאָוו האָט נאָר וו־ניט־ווען אַ זוך געטאָן אַרום זיך: דאָדיק, ראַכיל... מיטאַמאָל זײַנען זיי שטיין געבליבן, עטלעכע רעגעס איבערגעוואַרט. אַרום איז געווען מעסוקן שטיל. און קולישאָוו האָט אַ שעפּטשע געטאָן:

— נו, קינדער, מיט דעם־אָ סטעזשקעלע לויפּט, בערגל־ארוף. זײַט גליקלעך. לויפּט.

...א געשיכטע, ווי דאָווידל און ראָכעלע האָבן א שטיק צײַט אופגעהאלטן זיך ארום אַן אַרמייִשן שפּיטאָל. אף בענק אין הויף, אף א טעראַסע, זײַנען געזעסן רויטארמייער מיט פאַר־באנדאזשירטע קעפּ, מיט קוליעס לעבן די פיס. זיי זײַנען געגאנגען אָנגעטאָן אין ווײַסע סאָל־דאטסקע פאָרלעך גרעט, אין ווייכע שפּיטאָל־כאלאטן — בא א סאך כאלאטן זײַנען געווען פארשטעקט אין די גארטלען ליידיקע ארבל.

דאָווידל איז אומגעלאָפן אין שפּיטאָל־הויף מיט א פילאָטקע אפן קאָפּ. ער איז געלאָפן עמעצן ארויסברענגען פון דער פאלאטע א טאָרבעלע מאכאָרקע, עמעצן — א טרונק וואסער, עמעצן — אַן אָנגעצונדענעם ציגײַער צוצורייכערן. ער איז געלאָפן עמעצן ארײַנוואַרפן א בריוו.

ראָכעלע האָט געהאָלפן פאנאנדערטיילן די טערמאָמעטערס, געהאָלפן די סאניטארקעס אופ־ראמען, צעטראָגן דאָס עסן אין די פאלאטעס. לעבן יעדן נײַעם פּאָנעם פלעגט זי זיך אָפּשטעלן, אײַנקוקן זיך, פרעגן:

— דיאדיענקע! איר הייסט ניט וויקטאָר איוואנאָוויטש? און אינערגעץ אים ניט באגעגנט?..

אין שפּיטאָל צווישן די מעדשוועסטער זײַנען געווען צוויי טאטיאנא איוואנאָוונעס, נאָר קיין איינע ניט יענע, קולישאָווס.

ערשט העט־העט שפּעטער, נאָך אלעמען, אין קינדערהיים אין מאָסקווע, צי נאָך שפּעטער, ווען דאָווידל און ראָכעלע זײַנען שוין ביידע געווען סטודענטן פון א מעדינסטיטוט און זיך אלץ נאָכגעפרעגט, געזוכט, געשריבן, האָבן זיי זיך דערוווּסט, אז דער אלטער קולישאָוו און די אלטע קולישאָווע ווינען ווײַטער איינע אליין אין זייער שאכטיאָרן־יִישעוו. ניט וויקטאָר און ניט טאטיאנע האָבן פון דער מילכאָמע ניט אומגעקערט זיך.

דאָ איז דאוויד מאָיסייעוויטש א רעגע אנשוויגן געוואָרן. ער האָט ווידער שטיל אזוי אָנגע־הויבן פויקן מיט די פינגער אין טיש. און מיטאמאָל, אי דערעכאגעווּדיק, אי, דוכט זיך, מיט א ביסל פאריבל אף מיר, א זאָג געטאָן:

— מע דארף עס, הייסט עס, גדענקען אזוי: איין זײַט איז געקומען אונדז אומברענגען. נו, כ'מיין אונדז, דאָווידלען און ראָכעלען... און די צווייטע זײַט איז געגאנגען פאר אונדז אומקו־מען... פאקט! געשיכטע איז געשיכטע.

— קלאָר, — האָב איך געזאָגט, — ס'איז אלץ באוווּסט.

אף זײַנע ליפּן האָט זיך באוויזן דער פריִערדיקער, ווינקלדיקער שמייכל:

— שאדט ניט. עס זײַנען דאָ זאכן, וועלכע מע מעג וויסן נאָכאמאָל. טאָמיד... זיי דארפן אונדז אמאָל א פיר טאָן בא דער האנט. און אפילע אמאָל אָנשרײַען אף אונדז.

און ער האָט דערנאָך צוגעגעבן:

— נו, האקלאל, נאָך עטלעכע מינוט.

— דערציילט. דערציילט! — האָב איך געזאָגט.

— דער פאָטער מײַנער! נאט, טוט א קוק אף דער־אָ אלטער פאָטאָגראפיע. כ'געדענק אים קוים־קוים. אזעלכן־אָ, ניט מער, א שווײַגנדיקן, א שוואכן אזא און א פארשאָטנטן. כ'האָב אויס־געפרעגט צענדליקער מענטשן, איבערגעזוכט ארכיוון. כ'האָב אפילע פריִער א זינדיק געטאָן קעגן אים, זיך א ביסל געשראָקן: אנדערע צײַטן — ווער ווייסט, צי ער איז געווען אזא, ווי איך וואָלט וועלן? מע קאָן אמאָל זינדיקן קעגן א דערהארגעטן טאטן אויך. הײַנט ווייס איך שוין אלץ. עמעס, ער איז טאקע ניט געווען אזא, ווי איך האָב מיך פאָרגעשטעלט. ס'האָט, אפּאָנעם, ניט געקלעקט קיין קויעך פאָרצושטעלן זיך אים גרעסער...

כ'האָב געוווּסט, אז ער איז געווען א קינדער־דאָקטער. הײַנט ווייס איך, אז אין שטאָט פלעגן אים קרעמערלעך רופן „דער קאבצאָנישער רויפע“, דער דאָקטער פון דער „אלטער בריק“...

נאט, טוט א קוק אף דער־אָ בראָשור. כ'האָב זי אָפּגעזוכט אין אַן ארכיוו. ער באשרײַבט דאָ אופגעבלאָזענע קינדערשע בײַכלעך, מעגושעמדיק־צעוואקסענע קעפּ אף קינדערשע אקסלען, שטעקלדיק־אײַנגעדארטע פיסלעך. ער רעדט וועגן דיפטעריט, טובערקוליאָזן מענינגיט, בראָנ־כאָדעניט, דיסטראָפיע, קרעץ... א טרוקן מעדיציניש ביכל וועגן קינדער־קרענק. נאָר טוט א קוק צווישן די שורעס: ס'איז דאָך גאָר וועגן דער „אלטער בריק“, וועגן בעסאראבער אָרעמקײַט...

ער אליין פלעגט אָפּטמאָל אײַנפאלן, קרענקען. און מיר, די אייגענע קינדער, פלעגן נאָר דעמלט זען אים אין שטוב. ער פלעגט ליגן אין בעט אזא־אָ, ווי אף דער פאָטאָגראפיע, א שוואכער אזא, א פארשאָטנטער. די שטוב בא אונדז, דערמאָן איך זיך, פלעגט דעמלט פול זײַן מיט ווײַבער אין צעפּיצלטע שאלן, מיט פּישטשענדיקע קרעכצערײַען. די מאמע פלעגט אין אונדז פארגעסן. און מיר, נארישע קינדער, פלעגן, אפּאָנעם, מעקאנע זײַן די קראנקע אייפעלעך אף אירע הענט...

פארוואָס זשע האָט מען טאטע־מאמע געהארגעט, הא?

כ׳דערמאָן זיך, ווי ער איז אין געטאָ־באַראַק אומגעגאַנגען קראַנק, פאַרכאַלעשט. און אַזוי־אָ, קראַנקערהייט — געהיילט, פאַרכאַלעשטערהייט — געטרייסט, אָפּט געבליבן זיצן מיט א בענקעניש נאָך דעם איינעם סאָוועטישן יאָר אין דער היים.

כ׳ווייס ניט, אין וואָס פאַר א ברודער־קייווער טאַטע־מאַמע ליגן. עס זײַנען דאָ א סאַך ברידער־קוואָרים. כ׳האָב זיך ניט געקאָנט דערוויסן, וווּהין מע האָט זיי געפירט אומברענגען. כ׳ווייס ניט פּינקטלעך ווען. נאָר כ׳ווייס, אַז זיי האָבן אין יענעם לעצטן וועג געטראַכט וועגן אונדז — וועגן די קינדער.

מעגלעך, אַז זיי זײַנען דערפאַר געשטאָרבן שווערער. און מעגלעך — גרינגער. עפּשער האָבן זיי געפילט, אַז מיר וועלן לעבן...

מעגלעך, אַז דאָס איז פאָרגעקומען גראָד אין יענעם באַנאַכט, ווען די קולישאָווע האָט געוואַרעמט און געוואַשן ראָכעלען, מיט נאַסע אויגן געזיפצט: „מאַטושקי, א קופקעלע ביינדעלעך...“ און קולישאָוו האָט א זאָג געטאָן דאָווידלען: „נישקאָשע... וועסט נאָך גיין אין שול אויך...“

און מיר האָבן די גאַנצע צײַט נאָך ביידע טאַטע־מאַמעס, וואָלט איך געזאָגט, גלײַך געבענקט, זיי גלײַך געזוכט, גלײַך זיי געדענקט.

קיינמאָל ניט פאַרגעסן איז זייער א גוט געפיל. נאָר אין „קיינמאָל ניט פאַרגעסן“ טאָר ניט פאַרטונקלען דעם צווייטן „קיינמאָל ניט פאַרגעסן“...

— —

דאָוויד מאָיסייעוויטש האָט אָנגעהויבן צונויפנעמען די צײַטונגען פונעם טיש, די פאָטאָגראַפיעס, די בראָשורן.

כ׳האָב געקוקט, ווי ער לייגט אַלצדינג אַרײַן אין פּאָרטפעל פאַמעלעך און מיט ליבשאַפט, און כ׳האָב געטראַכט, אַז אַלץ איינינעם האָט זיך גראָד גוט פאַרקײַלעכיקט, פאַרסאַכאַקלט: דער דאָקטערשער פּאָרטפעל, דעם טאַטנס געשטאַלט און קולישאָווס האַנט אויף דאָווידלס אַקסל, דער פריידיקער אויסגעשריי זײַנער: — דאָדיק!..

ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אַלצדינג איז שוין אָפּגעזאָגט געוואָרן, אויסגעהערט געוואָרן און פאַרשטאַנען געוואָרן.

אין שטוב בא מיר איז נאָר געבליבן ניט פאַרטײַטשט דער דינער, ווינקלדיקער שמייכל זײַנער אויף די ליפּן. כ׳האָב א רעגע צוגעמאַכט די אויגן און דעם שמייכל ווידעראַמאָל דערזען. איצט, אַליין, האָב איך מערער אײַנגעקוקט זיך אין אים. און כ׳האָב, דוכט זיך, געכאַפּט דעם מיין זײַנעם, דעם פאַריבל אויף מיר: „עך דו, איך האָב דיך געדאַרפט געפינען?..“

●

דאָס האָרבאַטע מיידל

אינעם עסזאַל פון דער סאַנאַטאָריע זײַנען מיר ביידע געזעסן בא איין טישל. די אַנדערע צוויי טיש־כאַווײרים — א פאָרזיצער פון אַן אָרטעל אין א ווײַסרוסיש שטעטל און א יונגערמאַן מיט פלינקע עלעגאַנטע באַוועגונגען — פלעגן, ווי זיי וואָלטן אָפּגערעדט, טאָמיד פאַרשפּעטיקן, זעצן זיך עסן נאָך דעם ווי מיר האָבן זיך אויפגעהויבן...

יאָ, זי איז געווען א קליינינקע, אַן אײַנגעהויקערטע, א מיִעסע. דער קאָפּ אירער אַרײַנגעקוועטשט אין די אַקסל. בײַס זי איז געזעסן, האָבן אירע האָר קוים געגרייכט די אייבערשטע פּאָרענטשע פונעם בענקל. נאָר אויגן האָט זי געהאַט אָפענע און פולע, טיפע, עפּעס אַזעלכע בלויגרויע הימל־אויגן, וואָס האָבן געפינקלט מיט זייער שיינקײַט אי ווען זיי זײַנען געווען פאַרצויגן מיט אומעט, אי ווען זיי האָבן זיך א בייזער געטאָן, אי ווען זיי פלעגן באַגעגענען די דאָזיקע צוויי „פאַרשפּעטיקטע“ מיט א שמייכל, מיט א באַדויערנדיקן שמייכל.

נאָר וועמען זײַנען אָנגעגאַנגען אירע אויגן?

איינע אַליין האָט זי אַרומגעשפּאַצירט איבער די שאָטנדיקע אַלייעס מיט א ביכל אין האַנט. זי פלעגט זיך אַוועקזעצן אויף א באַנק אָדער שטיין און לאַנג באַטראַכטן די פּאַסאַדן פון די סאַנאַטאָריע־קאָרפּוסן, צוקומען פאַרשרײַבן זיך אויף אַן עקסקורסיע. אין קאַסע־פענצטערל פון קלוב פלעגט זי קויפן איין בילעט. באַנאַכט האָט זי געהערט ווי אירע פּאַלאַטע־כאַווערטעס קומען צו גיין אויף די שפּיצפינגער, שטיל, איר כאָלילע דעם שלאָף ניט שטערן.

זי איז שוין דאָ געווען אַריבער צוויי וואָכן און קיינער פון אונדז האָט ניט געוווּסט, ווער זי איז, פונוואַנען זי איז. קיינער האָט ניט געוווּסט, אַז מיט פערצן יאָר צוריק איז א צעניאָריק מיידעלע אַראָפּגעשפּרונגען פון אַן עשעלאָן, וואָס איז געגאַנגען קיין אָשווענטשים, א ווײַסרוסישע

פויערטע האָט דאָס פאַרבלוטיקטע קינד דערמינטערט, אהיים געגומען, אויסבאַהאַלטן, אופגעהאָדעוועט, געלערנט... קיינער האָט ניט געוווּסט, אַז פאַראיאָרן האָט דאָס דאָזיקע מיידל פאַרענדיקט אַ בוי־אינסטיטוט און איז אוועקגעפאָרן אַפן צאָפן, אַז איר ערשטער פּראָיעקט — אַ שול פאַר די סיבירער נײַע יישוּווים — איז באַשטעטיקט און פּרעמירט געוואָרן...

קיינער האָט ניט געוווּסט מער ווי דרײַ זאַכן: אַ קליינינקע, אַן אײַנגעהויקערטע, אַ מיִעסע. קיינער האָט זיך מיט איר ניט באַפרײַנדעט...

כ'האָב אַ סאַך געטראַכט וועגן דעם, און איינמאָל, נאָכן עסן, אַ זאָג געטאָן:

— קומט, איר ווילט זיך אַ ביסל דורכגיין צום יאַם?

זי האָט גיך אַ הייב געטאָן אַף מיר די אויגן, אַ פּאָר רעגעס באַטראַכט מיך און געשוויגן.

זי האָט געפרעגט:

— וואָס עפּעס... צום יאַם?

— וווּהין־ניט־איז... אין גאָרטן. אין גאַס. וווּהין איר ווילט.

זי האָט איראָניש אַ שמייכל געטאָן:

— וואָס עפּעס... פּלוצעם?

— גאָרניט, עס ווילט זיך אַ ביסל דורכגיין, דורכשמועסן.

— און טאַקע שוין?

— אַפילו שוין!

אירע פּולע אויגן האָבּ אַ לויכט געטאָן מיט גײַווע:

— ניין! ניט איצט. אַן אַנדערשמאָל!

מיר זײַנען צוגעקומען צום עק באַרג, געשטאַנען באַם אַראָפּגאַנג צווישן צוויי פעלדזן און געקוקט צום יאַמבּרעג. לענגויס דעם ברעג האָט זיך געצויגן דער זאַמדיקער פּליאַזש: פאַרביקע שירעמס, רייען קאַבינקעס, טישלעך. ערגעץ ווײַטער האָט זיך געזען אַ טאַטעריש דערפל. אַ שיף אַפן יאַם איז וואָס אַמאָל געוואָרן קלענער. כ'האָב געוואָלט, אַז דאָס מיידל זאָל וויניקער זען די שלאַנקע בראָנזענע קערפּערס, מיט וועלכע ס'איז פול געווען קימאַט דער גאַנצער ברעג, און כ'האָב אַ ווײַז געטאָן מיט דער האַנט אַפן דערפל. די הײַזלעך מיט פלאַכע דעכער, איין הײַזל אונטערן אַנדערן, האָבן אויסגעזען, ווי טרעפּ. כ'האָב געוואָלט פאַרפירן אַ שמועס וועגן אַרכיטעקטור. נאָר זי, פאַרקערט, האָט אַ טײַט געטאָן מיט אַ פינגער אַף אַ פּאָר יינגלעך און מיידלעך, וואָס זײַנען ראַשיק אַרײַן אין די יאַם־כוואַליעס. זי האָט געזאָגט:

— פאַרצווייפאָרן זײַנען מיר, אַ גרופּע סטודענטן, געווען אין ריגע. די כאַווײרים האָבן מיך געלערנט שווימען. ביכלאַל... מיר דוכט, אַז דאָס שענסטע אין יאַם זײַנען גראָד די ברעגן זײַנע. זעט נאָר, וויפל מענטשן, וויפל פאַרבן!

מיטאַמאָל האָט זי מיך אַ ריר געטאָן באַם אָרעם:

— ווייסט איר וואָס, קומט אַראָפּ צום יאַם, כ'וועל זיך באָדן!..

און האָט זיך באַלד צוריקגעכאַפּט:

— ניין, דאָ, אַף די קוראָרטן, זײַנען די מענטשן ווי איבערגעביטן... מערקווירדיק. אַפּאָנעם, אַז מע באַפרײַט זיך פון טאָגטעגלעכע פליכטן, ווערט מען לײַדיקער, אויבערפלעכלעכער. אָט זיצן זיי דאָרטן, די צוויי באַקאַנטע אונדזערע, וואָס „פּאַרשפּעקטיקן” קלוימערשט. אָט דאָרטן.

מיר זײַנען צוריק געקומען אין גאָרטן אַרײַן. כ'האָב געשפּאַנט לעבן איר און געהערט. זי האָט גערעדט גיך, גערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן — וועגן טוואַרדאָוסקיס נײַע לידער, וועגן מאָלדאַווישער מוזיק, וועגן דײַטשלאַנד, וועגן אופשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ, וועגן דער ווײַסרוסישער פּראָסטער קאָלווירטלערן — די צווייטע און גוטע מאַמע אירע.

מיר האָבן געשפּאַנט אין דער מיט אַליי. פון ביידע זײַטן, אַף די בענק, האָבן מענטשן אופגעהויבן די קעפּ פון די ראָמאַנען, וואָס זיי האָבן געלייענט. ס'האָט זיך געהערט ווי עס שורשען צווײַגן: מענטשן זײַנען אַרויסגעקומען פון צווישן די ביימער.

ס'האָט זיך מיר געוואָלט גיין נעענטער לעבן איר: זאָל מען זען אונדזערע אָרעמס אָנגערירט איינער אין אַנדערן. ס'האָט זיך מיר געוואָלט אַ זאָג טאָן עפּעס זייער פריילעכס: זאָל מען זען אונדזערע לאַכנדיקע פּנעמער.

כ'בין געוווען צופרידן מיט זיך. סאַפּקאָלסאָף בין איך אימשטאַנד צו דערזען עמעסע שיינקײַט...

און כ'האָב זיך ניט אָפּגעגעבן קיין כעזשבן, אַז די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אַלץ קאַליע געמאַכט. זיי זײַנען געווען איבעריק, כ'האָב מיך דורך זיי ניט אופגעהויבן העכער, כ'בין געבליבן אַף דער זעלבער פלאַך ווי די „פּאַרשפּעקטיקטע”...

●

דער ערשטער קוש

עס זיצט קעגן מיר א מיידל און לייענט פּאַר לידער. ליבע־לידער. שטערן הענגען נידעריק, מאַמעש איבערן קאָפּ; זי לויפט אַפן פעלד מיט א צעפּלאַטערט טיכל אין די הענט, זי טראָגט אים, דעם געליבטן, אנטקעגן דאָס סאַמע ריינסטע אירס — דעם ערשטן קוש.

כ'בין זיך מוידע: ניט אַלץ, וואָס זי לייענט, הער איך. אַלעמאָל טוט זי א הייב צו מיר פונעם פאַרשריבענעם העפטל די אויגן, און אַלעמאָל פאַרליר איך דעם פאָדעם. כ'פּיל, אַז די שענסטע שורעס וואָלטן ניט געקאָנט זײַן שטאַרקער פון די צווי כיין־גריבעלעך, וואָס קײַלעכיקן זיך אויס אַף אירע באַקן, בעשאַס זי לייענט.

איך קוק אַף אירע אָפּגעברענטע הענט, אַף איר זומערדיקן קאַפּטל, אַף די שוואַרצע גלאַנציקע האָר, וואָס ליגן צעפאַלענע איבער אירע אַקסל, און טראַכט, אַז וועגן די דאָזיקע לידער, ווי שילעריש און אומבאַהאָלפן זיי זאָלן ניט זײַן, וועל איך קיין איין שלעכט וואָרט ניט קאָנען זאָגן.

— האָט קיין פאַריבל ניט, זאָגט מיר, — טו איך א פרעג, ווען זי בלײַבט א רעגע שטיל, — וויפל זײַט איר אַלט?

— נו, איין און צוואַנציק!.. — ענטפערט זי מיר גיך, מיט א פּאָר בערויגעזלעך־אָנגעבלאָזענע ליפּן.

— איר פאַרשטייט, — הייב איך אָן שטאַמלען, — לידער... ביכלאַל... קונסט... דאַרף זײַן עמעס, ערדיש. ווען איר פּרוווט בעסער, לאָמיר זאָגן, פּאָשעט געבן אין א ליד זיך. פּאָשעט זיך. איר פאַרשטייט?

— ניין, איך פאַרשטיי ניט!

— געשיקט זיך? געשיקט זיך, אַז אַזוי איז בא אײַך פאָרגעקומען דער ערשטער קוש?

זי טוט זיך א רויטל, לאָזט אַראָפּ די אויגן צום העפטל, קנייטשט די בלעטלעך און שווײַגט.

אי איך ווער יינגער, אי איך פּיל, אַז איך בין שוין עלטער. עס באַמבלט זיך מיר אין קאָפּ א כאַסענע אין שטעטל. די קלעזמער שפּילן, דער אוילעם טאַנצט אין דרויסן, מיר שטייען און קוקן. עמעצער לאָדט זי אײַן צום טאַנץ. זי גיט מיר האַלטן דאָס אָפּגעריבענע מאַנטעלע אירס. און שטײַלערהייט, קיינער זאָל כאָלילע ניט באַמערקן, בייג איך פּאַמעלעך אָן דעם קאָפּ און גיב דעם ערשטן קוש מײַנעם... דעם אָפּגעריבענעם מאַנטעלע.

דאָס מיידל קעגן מיר הייבט צוריק אויף די אויגן, פאַרײַסט זיי ערגעץ צו דער סטעליע אַרויף און אַלע כיינען טוען זיך א לייג אַף איר פאַרקנייטשטן שטערן.

— איך פאַרשטיי, — זאָגט זי, — כ'האָב וועגן דעם גלאַט קיינמאָל ניט געטראַכט. נאָר דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. דאָס איז שוין פּראָזע.

— פּראָזע טויג ניט? — שמייכל איך.

— כאָלילע, — לאַכט זי, — פאַרקערט, נאָר יענער פאַל איז פאָרגעקומען מעסוקן פּראָסט, וואָכעדיק. כ'האָב אים אינגאַנצן געוואָלט פאַרגעסן, נאָר... ער איז פאָרגעקומען! — טוט זי א צענעם ביידע הענט, גיט זיך באַלד ווי א כאַפּ צוריק, לאַכט, און ווײַזט מיט די אויגן צום פאַרשריבענעם העפטל אירן. — ניין. דער ערשטער קוש איז פונדעסטוועגן דער!

— פּראָזע, — לאַך איך אויך, — האָט ליב קלאָרקײַט.

זי טוט א זיפץ, ווי א קינד, בייס מע פאַרגיט דעם א שווערע אַרבעט:

— נו, גוט. דאָס איז פאָרגעקומען שוין גאָר לאַנג...

— און פינקטלעכער, — זאָג איך, — וואָס קאָן, אַשטייגער, בא איין און צוואַנציק יאָר הייסן גאָר לאַנג?

— נו, פאַרדרײַיאָרן. כ'בין דעמלט נאָרוואָס, באַלד פון דער מעדשול, געקומען אין דאָרף אַרײַן. א קליין דערפל אין א טאָל, פול מיט אַקאַציע־צווײַט. כ'בין פאַרליבט אין ווײַסן כאַלאַט. עס גלוסט זיך מיר אים גאָר ניט אויסטאָן. כאָטש אין מעדפּונקט קומט די ערשטע פּאָר טעג זעלטן־ווען אַרײַן א קראַנקער. איך בינד איבער עמעצן א פינגער, שטעל אָן אַלטיטשקער באַנקעס, פאַרזוך דעם זופּ אין קינדער־יאַסלע, גיי אום איבער די הויפן אכטונג געבן אַף ריינקײַט און זיץ אָפּ שאָענווײַז לעבן א גלעזערן שאַפקעלע, די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אין ווײַסן טישל און בענק נאָך אָן עמעצן קראַנקן.

זי דערציילט פונקט אַזוי, ווי זי האָט פריִער געלייענט: דער זעלבער טאָן און דער זעלבער ניגן, גלײַך זי וואָלט גערעדט מיט גראַמען. זי שטעלט זיך אַלעמאָל אָפּ, כאַפּט איבער דעם אָטעם, קלײַבט אָפּנעם צו ווערטער און דאָס דערציילן אירס באַקומט זיך אי א ביסל פאַרפּוצט, אי א ביסל צעשויבערט.

נאָר איך זיץ און הער. די הענט זײַנען מיר געבליבן ליגן אפֿן טיש. אפֿן פּאַפּיראָס, וואָס צווישן מײַנע פֿינגער, וואַקסט אָן א לאַנגער שטיק אַש און איך טרייסל אים ניט אָפּ. עס דוכט זיך מיר, אַז די מינדסטע באַוועגונג מײַנע וועט זי צעטומלען, זי וועט זיך מיטאַמאָל אופֿהייבן און אַוועקגיין. און איך וויל, זי זאָל זיצן. איך וויל קוקן אױף איר, איך וויל הערן איר קאָל.

...פּלוצעם, אין עטלעכע טעג אַרום, קאַיאָר, קלאַפּט מען אין איר פֿענצטער:

— שוועסטער! גיכער! אַ מענטש איז שטאַרק פֿאַרשלאָפֿט געוואָרן! שוועסטער!

זי האָט געוואַרט אױף אַן עמעסן קראַנקן, נאָר אַז זי איז שטיין געבליבן קעגן אים, האָבן איר אָנגעהויבן ציטערן די קני, ברעכן די הענט, דאָס פּאָנעם אירס, האָט זי געפֿילט, איז ווײַסער, ווי דאָס פּאָנעם בײַ דער פֿרוי, וואָס ליגט אַ פֿאַרכאַלעשטע אין בעט. וואָס הייבט מען אָן טאָן? גלײַך זי האָט גאָר קיינמאָל אין קיין מעדשול ניט געלערנט. זי האָט די פֿרוי אַרומגעלייגט מיט קאָמ־פּרעסן, אײַנגעשפּריצט קאַמפֿער. נאָר אַלץ איז איר געפֿאַלן פֿון די הענט: עפּשער טוט זי ניט דאָס, וואָס מע דאַרף, צו וואָס מאַכן פּרוּוון? מע דאַרף די פֿרוי גלײַך אָפּפֿירן אין אַ שפּיטאָל.

און ס'איז גראָד געווען שניטצײַט. אַלע מאַשינעס זײַנען אױף די פֿעלדער. אין דער קאָלווירטי־שער קאָנטאָר האָט קיינער קיין צײַט ניט אַפֿילע אַ קוק צו טאָן אױף דיר. דער קאָלווירט־פּאָרזיצער שרײַט עפּעס אַרײַן אין טעלעפֿאָן, הייסט איר זאָגן קלאָרער, וואָס זי וויל, און לאָזט זי אינמיטנ־דערינען איבער. זי לויפֿט אַרויס אין קאָרידאָר. עמעצער פֿרעגט זי, וואָס זי פּלאָנטערט זיך דאָ פֿאַר די פֿיס, זי וויל עפּעס ענטפֿערן, און... צעוויינט זיך.

ערשט איצט האָט מען זי דערזען. דער פּאָרזיצער האָט איר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ, אַרײַנגעפֿירט זי אין קאַבינעט און דערנאָך אַ זאָג געטאָן:

— הער־הער! דרייט זיך אַרום אין דאָרף אַ מיידל אין אַ ווײַסן כאַלאַט... בײַ אונדז טראָגן אַלע מעלקערנס ווײַסע כאַלאַטן. גיי ווייס. וווּנדערלעך. וווּנדערלעכע טרערן! לויף. גרייט צו די קראַנקע. באַלד קום איך אָן מיט דער מאַשין מײַנער. כ'דאַרף בעמיילע זײַן הײַנט אין ראַיאָן!

אין עטלעכע מינוט אַרום זײַנען זיי אַרויסגעפֿאָרן פֿונעם דאָרף. דער פּאָרזיצער איז געזעסן פֿאָרנט בײַם רודער און זי האָט הינטן, אין אַן אויסגעבעטער מאַשין, צוגעהאַלטן די קראַנקע. אױף די פֿעלדער האָט ער, ניט אָפּשטעלנדיק זיך, אַלעמאָל צעעפֿנט דאָס טירל און איבערגעשריִען זיך מיט קאָמבײַנערס, בריגאַדירן, מיט מענטשן, וואָס האָבן אַרום אַ סטויג געריינִיקט די טוווּע. זיי זײַנען אַרײַן אין וועלדל. און פּלוצעם, אינמיטן וועג, ווי עס גייט אַמאָל אַלץ קאַפּויר, האָט אויסגעשאָסן אַ ראָד.

דער פּאָרזיצער איז אַרויסגעשפּרונגען פֿון דער מאַשין און זי גיך אָנגעהויבן פֿאַריכטן. ער האָט מיט אַ דאָמקראַט זי אונטערגעהויבן, אויסגעצויגן זיך אונטער דער מאַשין מיטן פּאָנעם אַרויף, געדרייט, געקלאַפּט און פּלוצעם אַ רוף געטאָן:

— היי, שוועסטער, קום אַהער, וועסט מיר העלפֿן!

זי האָט אויסגעטאָן דעם כאַלאַט און אַזוי־אָ, אין דינעם זומערדיקן קליידל אירן, אָנגעהויבן בייגן זיך לעבן אים. און אָט... אומגעריכט האָט ער זי אַ קוש געטאָן... זי האָט זיך אויסגעגלײַכט, אָפּגעמאָסטן אים מיט אַ בייזן בליק און צוריק אַרײַן אין דער מאַשין, צו דער קראַנקער.

אַ רעגע איז זי געזעסן אַ צעטומלטע. דערנאָך אָנגעהויבן גלעטן דער קראַנקער די הענט. דער פּאָרזיצער האָט אַלץ גערופֿן: „שוועסטער, וווּהין ביסטו אַוועק? נו, קום אַרויס, העלף צו!" דאָס געשריי זײַנס האָט זיך אויסגעמישט מיט דער פֿרויס פֿאַרכאַלעשטן קרעכצן. זי, די שוועסטער, האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז עס רופֿט זי אַ באַשעפֿעניש מיט הערנער אױפֿן קאָפּ.

— —

דאָס מיידל האָט מיך לאַנג שוין געלאָזט אַליין אין שטוב.

אױפֿן טיש איז געבליבן ליגן איר שילעריש לידער־העפֿטל. איך זיץ און בלעטער עס. איך הער נאָך, דוכט זיך, דעם ניגון פֿון איר אימפּראָוויזירטן פּראָזע־פּרוּוו.

דעם קאָלווירט־פּאָרזיצער פֿאַרשטיי איך. כ'בין אױף אים ניט בייז.

כ'בין זיך מודה: פּונקט ווי דעמלט דאָס מאַנטעלע, האָב איך זי איצט אַ קוש געגעבן...

ניט אין די אויסגעקײַלעכטע כיין־גריבלעך אױף אירע באַקן און ניט אין די אָפּגעבערנטע הענט אירע, — נאָר אין איר האַרצן, כ'וואָלט אַפֿילע געזאָגט, אין איר דיכטערישן האַרצן...

ראָכל בוימוואָל

א גרויסן דאנק!

בײס ארכעאָלאָגישע אויספאָרשונגען אין קומראַנער הייל (אין ראַיאָן פון יאם־האמעלאך) האָט מען געפונען אויסערסט ווערטפולע העברעיִשע מאַנוסקריפטן פון דער עפּאָכע פון באר־קאָכבא (פון די צײַטונגען).

די ארכעאָלאָגן — א גרויסן דאנק!
זיי קענען דורכדרינגען דורך צײַטן־גאנג.
זיי האָבן אופגעשטעלט א גאנצן דאָר
צוריק אַף צוויי א האלבע טויזנט יאָר...

דעם בעדויִנער אויך א גרויסן דאנק,
וואָס, בלאָנקענדיק איבערן מידבער לאנג,
האָט ער זיך אָנגעשטויסן אַף דער הייל,
זיך אומגעקערט, און וועגן דעם דערציילט.

אפילע יענער ציג — א גרויסן דאנק!
זי האָט פארבלאָנקעט אָן א שום געדאנק,
געמאכט, דער פאסטעך זאָל זי זוכן גיין,
און... אלץ, וואָס ווײַטער, ווייסט איר שוין אליין.

א דאנק דער הייל אין מידבער אין צעגליטן:
אזא מין אוצער פאר דער וועלט פארהיטן!

איך שרײַב

איך זאָג דער באלעבאָסטעס קינדער:
— כ'דארף שרײַבן. שטערט מיר ניט אצינדער.
און זיי — ווער עלטער און ווער יִנגער —
גלײַך נעמען גיין אַף די שפּיצפינגער...

דאָס יִנגעלע מיט האָר מיט ווייצענע —
ער כאפּט א קוק איבער מײַן פּלייצע.
מײַן העפט איז ריין. ער ווארט געדולדיק.
נאָר איך דערפיל מיך גלײַך ווי שולדיק...

מע קאָן זיך אויסשלאָפן גרויסארטיק.
ביזוואנען כ'מאך א שורע פארטיק.
כ'פיל — אלעמען דאָ שטעכט די אויגן
מײַן קוקן אַפן ווײַסן בויגן.

איז אָט, דער צושטאנד זאָל אריבער,
כ'נעם שרײַבן האסטיק, ווי אין פיבער...
הין און צוריק פאָרט אום מײַן ארבל,
און אלע זעען, אז איך ארבעט.

ס'דערפילט אליין די באלעבאָסטע,
אז כ'בין א מענטש ווײַט ניט קיין פּראָסטער.
מײַן האנט איז האסטיק זיך צעלאָפן —
איך שיט מיט שורעס און מיט סטראָפן. —

איך שרײַב (זאָל אײַך ניט זײַן דערווידער)
לויטן זיקאָרן פּושקינס לידער...

אַף מײַן ביכער־פּאָליצע

פון מײַן פּאָליצע איר, אלטע ביכער,
איר זײַט פרײַנט מיר, פאר אײַך בין איך זיכער.

אין ווייכע טאָוולען און אין הארטע,
גראָב צעשוואָלענע און אײַנגעדארטע,
בונט־קאָלירִיקע, שטרענגע און מילדע,
אָן בילדער און אויך מיט בילדער,
קליינע „בענטשערלעך" און „ציגל" שווערע, —
אײַך פארמאָגן איך האָב די ערע.

איך האָב ניט, גאָט צו פארדאנקען,
לאנגע רייען מיט גלעזערנע שראנקען,
ווו די נײַיִנקע ביכער שטייען,

ווי בייסן פאראד ארמייען,
און זעען אויס אזוי טשיקאַווע
אין דער פּאָזע „רררעוונײַס נאַפּררעוואָ!"

מײַנע ביכער זײַנען ציווילע.
זיי מעגן א לאך טאָן אפילע
פון דורך מיר דעם פארפאסטן בענדל,
וואָס שטייט אין א גרויִנק העמדל.

און גוט איז מיר נאָכצוקלערן,
ווען אַף אָן אָרט א ניט ברייטן
טרעפט, א בוך פאלט צו מיטן שטערן
צו דעם אקסל פון א צווייטן...

צוגעטולי'עטערהייט

ווי האמער־קלעפּ — די שטויסן פון דײַן הארץ,
ווי דער געסקרוך פון פלאסטן ארץ,
ווי פון טורבינעס דאָס געברויז...

צי גאָר — א שפּערעלע פארפרעסט אין פויסט,
וואָס רײַסט זיך אלץ און וויל ארויס,
נאָר ס'ווייסט פון דעם איך איינע בלויז.

א גוטע שטימונג

ס'איז בא מיר א גוטע שטימונג —
כ'ווייס אליין גאָר ניט, פון וואָס.
עפשער האָט דער פראָסט געלאָזן? —
ניין, עס האלט זיך גראָד דער פראָסט!

ווײַל די זון מיט אירע שטראלן
האָט א ליכטיקייט פארשפרייט? —
שײַנט די זון ניט. כ'ווייס אליין ניט,
ווי עס קומט צו מיר די פרייד.

עפשער האָט א גוטע בסורע
אָנגעזאָגט א גוטערפרײַנט? —
האָב איך, פונקט ווי אפצולאָכעס,
קיינעם ניט געזען נאָך הײַנט.

וואָס זשע איז אף מיר די סימכע,
צוליב וועמען, צוליב וואָס? —
עפעס פון א פיצל ווינטל,
וואָס האָט מילד געטאָן א בלאָז.

אף אָפּרו

ס'האָט אויסגעקליבן אונדזער הויז
אן אויסגעצייכנט ערטעלע:
עס שטייט דאָס הויז — איין איינציקס בלויז —
טיף־טיף דאָרט צווישן גערטנער.

דאָס שטעגעלע דאָס שמאָלינקע
אין זונענשײַן אין בלענדיקן —
עס לויפט און לויפט פאַוואָלינקע,
און וויל זיך גאָר ניט ענדיקן...

פונווײַטן שטייען שטיבעלעך,
ווי צופעליק צעוואָרפענע,
צווישן גרינע ציבעלע
און זונענרויזן דאָרפישע.

עס איז דאָ שטיל און פוסט באנאכט,
און קלוימערשט אויך סאקאָנעסדיק.
עט, ווייס איך וואָס „סאקאָנעסדיק" —
אבי עס איז לעוואָנעדיק!

אָן טומל אלץ, אָן קיין שום רייד,
באם שוועל — צוויי טרעפלעך הילצערנע.
עס כאפט ארום אזא מין פרייד,
אז ס'ווילט זיך... גאָרנישט ווילט זיך ניט!

אפן שיפּועדיקן דאך —
א לאנג און שמאָלינק לייטערל.
דאָס פיצל וועלט מיר זאָגט א סאך,
כ'וועל הײַנט עס ניט פארברייטערן.

* * *

אין ראם אין גאָלדענער פון זומער־היץ
די ביימער פונעם סאָד — ווי אויסגעשניצט.
אף יעדער צווײַג א רײַפע פּיירע זיצט
און בעט זיך: נעם מיך, נעם, אָט שוין! אָט איצט...

פון זיך אליין, נאָך איידער איך באשליס,
צום עפּלבוים פארפירן מיך די פיס.
די עפּל בעטן זיך: „מיר זײַנען צוקער־זיס.
זײַ מויכל, רײַס אראָפּ און טו א ביס..."

מיך רופט צו זיך דער אלטער בארנבוים,
וואָס זײַנע בארן האלט ער אײַן שוין קוים.
דער פלוימענבוים שטרעקט אויס צו מיר א פלוים,
וואָס שפּילט אונטער דער הויט מיט ווײַסן שוים.

דער נוסבוים וואקסט אנטקעגן אקוראט.
א צווילינג ניסלעך שנעלט דאָרט אין א בלאט.
און כאָטש ס'איז ווײַטלעך, זע איך גאנץ באשײַמ־
פערלעך,
מיר ווינקען כיינעוודיק די רויטע ווײַמפערלעך.

פינף כושים

עס איז מיר מײַן לעבן הײַנט זיס און געשמאַק:
איך טראָג פון באגינען דײַן קוש אפן באַק.
און דורכזיכטיק איז ער, דײַן קוש, אזוי גרינג,
אז יעטווידער כוש אין מיר פרייט זיך און זינגט.
דער אויער דעם קלאנג פון דײַן קוש האָט געהערט —
קיין שענערער קלאנג איז ניטאָ אף דער ערד!
דער אויער דערהערט האָט, די הויט האָט דערפילט,
ווי ס'האָט זי דײַן קוש אי געהיצט, אי געקילט.
דאָס אויג האָט באוויזן אין שפיגלשן גלאָז:
די באק די צעקושטע געוואָרן איז רויז.
און וווּ איז דער טאַם — וועסטו פרעגן מיסטאָם —
ניט פרעג! אלע טאַמען געהאַט האָט דער טאַם!
עס האָט נאָר פאראַטן פון רייעך דער כוש,
ווײַל ס'האָט מיר דעם אָטעם פארכאַפּט פון דײַן קוש.

הארבסט

גוט, וואָס אין הארבסט קומט צו פליִען דערווינט
און נעמט זיך טרייסלען די ביימער.
ער פארוואָרפט די געלע בלעטער געשווינד
אף די רינוועס און הינטער די קוימענס...

ווען ניט דער ווינט, וואָלט הענגען דער בלאט
ביז ער וואָלט אָנהייבן פוילן.
און אזוי איז קיין טרויער ניטאָ קימאט
אין דעם הארבסטיקן בוים אין דעם הוילן.

דער בוים קאָן זיך האלטן אין שטארקסטן ווינט, —
ער ווערט קליגער פון יעדן שאָקל,
און דער בלאט אף אים איז, אזוי ווי א קינד, —
טומלדיק, שוואך און צעשראָקן.

און עפשער איז דאָ א מײַלע אין דעם,
וואָס עס קאָנען די בלעטער שרײַען,
און ער, דער בוים — דער באלגײַווע זיך שעמט
און שווײַגנדיק בייגט זיך אינדרײַען...

ער ראנגלט און ראנגלט זיך, ביז ער באשטימט,
אז פונדעסטוועגן מוז ער דערלאָזן:
איידער פון וואָרצל אראָפרײַסן אים,
בעסער די בלעטער צעבלאָזן.

אוי, דער צווייפאכער ווייטעק פון בוים —
פאר די וואָרצלען און פאר די בלעטער! —
שטענדיק אזוי שוין: פארטראכט איך זיך קוים,
גלײַך צו דעם הארץ מײַנעם רעדט ער.

איך פיל מיטן רוקן דעם אָנשטרענג פון שטאם,
וואָס ציט צו הויך און צו נידער,
וואָס לאָזט קיין בלעטל ניט אומקומען סטאם,
און איז מיט די וואָרצלען פארברידערט.

א ווינט קומט און א ווינט פליט אוועק, —
טוט אָפּ אלץ, וואָס עס איז אים נייטיק,
דער בלאט שרײַט און ציטערט פאר שרעק,
און אין שטאם איז דער גאנצער ווייטעק.

ווילט איר וויסן...

ווילט איר וויסן, וואָס הייסט שרײַבן? —
זאָל עס צווישן אונדז נאָר בלײַבן:

שרײַבן — דאָס איז גראָבן ארץ,
שרײַבן — דאָס איז בלוט פון הארץ.
שרײַבן — דאָס הייסט נעכט ניט שלאָפן,
אויג און אויער האלטן אָפן,
זיך ארײַנלייגן אין אלץ,
אופעסן א פוד מיט זאלץ,
אײַנזאפן פון ערד דעם וויי...
שרײַבן איז א וויי-געשריי
שרײַבן איז א פרייד-געשריי.

אוי, דאָס שרײַבן, אוי, דאָס שרײַבן —
מע קאָן פון דעם אָן קויכעס בלײַבן...

☆

מאָטל הארצמאַן

מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז העלדיש אומגעקומען אין דער גרויסער פאַטערלענדישער מילכאָמע דער טאַלאַנטפולער דיכטער מאָטל הארצמאַן, געבוירן אין בערדיטשעוו אין 1909, אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1926. מיר באַקאַנען אונדזערע לייענער מיט אַן אויסצוג פון אַ ניט פאַרעפנטלעכטער ליד, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין די ערשטע כאָדאָשים פון דער מילכאָמע.

* * *

איך קוק אינעם הימל: די שטערן, ווי בערנעס.
דער פײַנט האָט דאָרט אונדזער פּילאָט אָנגעצונדן,
און ער מיט זײַן לײַב, מיט פאַרסאַרפּעטע ווונדן,
האָט אופגעריסן דעם סוינעס ציסטערנעס.
זײַן טויט האָט אַף שטענדיק באַלויכטן מײַן לעבן,
איך טרויער ניט מער, ווען איך קוק אַף גאַסטעלאָן,
און פרעג אים, ווי קאָן מען עס ברענען נאָך העלער,
ווי קאָן אַ לעגענדע נאָך העלער זיך וועבן?
איך וויל ווי אַ שוואַן אינעם הימל ניט שטאַרבן!
און ניט ווי אין פעלדזן דער אָדלער — דער גיבער,
אויך ניט, ווי די זון שטאַרבט פאַרנאַכט אין די גאַרבן, —
דער טויט פון גאַסטעלאָ איז טויזנט מאָל ליבער.

איז טאַקע די וועלט אַזוי אָרעם געוואָרן?
איז טאַקע די ליבע געטייט פונעם צאָרן?
איז טאַקע דער עמעס אַ ליכט אין אַ ווינקל,
צי גאָר אין אַן אָפּגרונט דאָס גאָלדענע רינגל?
מיר וועלן דעם לויטערן עמעס דערלאַנגען,
אַפילע דער אָפּגרונט זאָל שווייבלען מיט שלאַנגען.
אַף אונדזערע לײַבער מיר וועלן זיי טייטן,
מיר וועלן צערײַסן די שלאַנגען, ווי קייטן.

הייב אוף זיך, מײַן פאָלק, מיט די פעלקער צוזאַמען
און לאָז זיך אין שלאַכט פאַרן לאַנד פון די ראַטן.
דײַן לאַנד איז געטרײַ דיר, אַזוי ווי אַ מאַמע,
און צען מאָל געטרײַער פון לײַבלעכן טאַטן.

די שווערד פון באַפרײַונג שמיד אויס פאַר די ברידער!
איר קלונג זאָל דיר זײַן, ווי אַ ליד איבער לידער,
איר גלאַנץ זאָל באַשײַנען דאָס ראָצכישע פּאָנעם,
דער סאַם און די שטראָף זאָל זי זײַן פאַר די סאָנים.

מייער יעלין

עס הייבט זיך ערשט אָן...

עס איז שוין געוואָרן פינצטער, און מאלקינד — אַן אײַנגעשרומפּענער, אײַנגעהויקערטער — בלאָנקעט נאָך אלץ ארום איבער די איימעפּולע געסלעך פון דער געטאָ. בלאָנקעט ארום און פילט אליין ניט, ווי די ליפּן מורמלען אָן אופהער איינס און דאָס זעלבע, איינס און דאָס זעלבע:

— אויס מיט דער געטאָ... אויס מיט אונדז... אויס מיט אלץ און אלעמען...

רייפן, אײַזערנע רייפן האלטן אײַנגעקלעמט זײַן ברוסטקאסטן, דריקן אומבעראכמאָנעסדיק. שארפע שנעבעלעך, אָן א שיר שנעבעלעך פּיקן זײַנע שלייפן. און אין קאָפּ — א געווימל געדאנקען, ביטערע, סאמהאמאָוועס־געדאנקען... ס׳טרעפט, אז די רייפן לאָזן א ביסל אָפּ. און די שנעבעלעך הערן א ווײַלע אוף צו פּיקן. מאלקינד קומט צו־זיך, אָטעמט טיף אָפּ, גלײַכט זיך אויס, הייבט אוף די אויגן־לעדלעך און איבערצײַגט זיך אַן איבעריק מאָל: ניט געבליבן קיין זייכער פונעם גרויען פארנאכט. עס רעגירט א כמורער, שפּעט־הארבסטיקער אָוונט. דער ווינטער האָט שוין געפּרוּווט א שפּרײַז טאָן איבער דער ערד און געלאָזן אף איר טונקעלער אויבערפלאַך אומדרייסטע שפּורן פון זײַנע טריט — ניט צעגאנגענע פלעקן שניי. אף מאלקינדן טוט עס א ווייע מיט קעלט. עס נעמט אים שוידערן. „מע קאָן זיך צוקילן“, — פאלט אים אײַן. די דאָזיקע מאכשאָווע ווערט אָבער באלד פארשטויסן פון א גלײַכגילטיקן אויספיר: „איז וואָס, אויב זיך צוקילן? וועט מען לעכאָלהאָפּאָכעס שטארבן מיט א נאטירלעכן טויט“...

דער פלוצעם אָנגעלאָפּענער ווינט טוט א שויבער מאלקינדס לאנג ניט געשוירענע, צעפּודלטע האָר. מאלקינד דערפילט, אז ער איז אָן א היטל. ארויס אָן דעם. און עס ארט אים ווידער ניט. ווען עס זאָל איצט אָנקומען א וואכמאן, וואָלט ער, מאלקינד, גדארפט אויספילן די שטרענגע פאראָרדענונג — אראָפּנעמען דאָס היטל, טיף פארנייגנדיק זיך. פאר ארומגיין אין געטאָ בעגילוי־ראָש, שוין אָפּגערעדט פאר ניט באגריסן לויט אלע דינים א פאָרשטייער פון דער מאכט, קאָן מען אים שיסן אף אן אָרט. נו, איז וואָס? סײַווי, פריִער צי שפּעטער...

און אויבן אפן הימל שנײַדט דורך פאר זיך א וועג דורך וואָלקן־קנוילן דאָס אָפּגעהריזעטע פּאָנעם פון דער לעוואָנע. איר איינציק פארבליבן אויג טוט געשפּענסטיש א שיקל אף מאלקינדן. אויך די לעוואָנע ענדיקט זיך... מאלקינד דערשפּירט א ווייפּולע, נאָגנדיקע קרויוועשאפט מיט דעם קאלטן, לימענעקאָליריקן פּאָנעם, וואָס שווימט דאָרט בייזלעך אינעם וואָלקן־שוים. ניט לאנג צו ווארטן, און די לעוואָנע וועט אינגאנצן אײַנגעשרומפּן ווערן. און ווען זי וועט, ווי דער סיידער־האָוילעם איז, ווידער זיך באנײַען אינעם גרויען מענטעלע פונעם מוילעד, ווער ווייסט, צי ער, מאלקינד, וועט נאָך אלץ ארומשפּאנען איבער די אויסגעליידיקטע, אומהיימלעכע, מיט גרויל איבערגעזעטיקטע געסלעך פון דער געטאָ... ווער ווייסט?.. אָט האָט מען דאָך הײַנט ווידער פארענגט דעם שטעכדראָטענעם גארטל ארום זיי. אזוי פון צײַט צו צײַט, ביז עס וועט פון קיינעם דאָ קיין זייכער ניט בלײַבן. און אויס מיט די נארישע אײַנריידענישן, אז דעם שעיירים־האפּלייטע וועלן די ראָצכים שאנעווען. דערשראָקענע פאר זייערע מײַסים־נוירויִם, דערשראָקענע פאר דעם, אז זיי וועלן דארפן אָפּגעבן פאר אלץ א כעזשבן, וועלן זיי אופהערן קוילען. נאַיִווע, קינדישע אײַנריידענישן... צײַט צו פארשטיין, אז ס׳וועט אויסגעלאָשן ווערן דאָס לעבן פון איטלעכן, וואָס איז ארײַנגעפאלן הינטערן שטעכדראָט. וואָרעם מיט וואָס איז דער זכוס פון די לעבעדיקע גרעסער פארן זכוס פון די, וואָס זײַנען שוין פארשניטן געוואָרן?

— היי, פּעטער, ווו קריכט איר?

עמעצער טוט א שטויס מאלקינדן, און ער דערשפּירט אפסנײַ, דערזעט די הארבסטיקע כאשכעס. אף איר פּאָן טיילט זיך אויס די פעך־שווארצע קאָנטור פון א צווייראָדערדיק וועגל, א

באַלאַדנס מיט געפעק. א פּאָר בענקלעך, איבערגעקערטע מיט די פיס ארויף, סטאַרטשען פון אויבן. עטלעכע מענערשע סילועטן דרייען זיך ארום וועגל, שלעפנדיק און שטופנדיק עס.

מאלקינד פארשטייט: די מענטשן פארענדיקן זיך איבערקלייַבן פון דעם קווארטאל, וואָס איז הייַנט אָפּגעשניטן געוואָרן. אין די לעצטע מינוטן ראַטעווען זיי, וואָס עס לאָזט זיך.

— היי, פעטער, דרייט זיך ניט ארום, ווי א יאָלד אף א פרעמדער כאַסענע. לייגט בעסער צו א האנט, — רופט צו אים אויס איינער פון די, וועלכע שטופּן דאָס וועגל.

מאלקינד שפּירט זיך ניט געטראָפן פון דער וויליונגערישער כוצפע, מיט וועלכער מע רעדט צו אים. הייסט עס, מע בעט צולייגן א האנט. נו, מע קאָן העלפן. ער שלעפט זיך סיַיווי ארום אָן א באַשטימטן ציל. פאלט ער צו מיט ביידע הענט צום וועגל.

ס׳איז שוין אינגאנצן פינצטער. ער זעט ניט די פּנעמער פון די, וועמעס בעבעכעס ער העלפט אריבערפירן. ווער זייַנען זיי? וואָס שלעפּן זיי? עס דערוועקט זיך אין אים א ראַכמאָנעס־געפיל צו די דאָזיקע מענטשן. וואָס מאַטערן זיי זיך? מאָרגן־איבערמאָרגן וועט מען דאָך ארויסטרייַבן אויך פון די נייַע ווינקעלעך, ווהין זיי פארקלייַבן זיך, ארויספירן ווי מע שטייט און גייט אף וואָגל און אומקום. דער גוירל איז געכאַסמעט! און אייגנטלעך, ער האָט עס געהאַט פאָרויסגעזען שוין דאַן, ווען ער איז געזעסן אין די קאַפע־הייַזער, געטרונקען שווארצע קאַווע, פון וועלכער ס׳האָט זיך נאָכדעם שלעכט געשלאָפן...

— היי, פעטער, איר שטופּט גאָר ניט... מיר מוזן אייַך גאָר שלעפּן...

דערהערט דעם פאָרוואורף, שפּארט מאלקינד זיך אייַן אין וועגל מיט אלע קויכעס. אין הארצן אָבער צאַפּלט אויף בא אים לייַכטער כויזעק, א מילדע פאראכטונג צו די דאָזיקע באַשרענקטע מענטשלעך, וועלכע פארטאכלעווען אומזיניק זייער לעצט ביסל כּיִעס.

דאָס וועגל טאנצט פּלוצעם אויף, פארקערעוועט שארף אין א זייַט און בלייַבט שטיין.

ס׳איז א הויף, ארומגעצוימט מיט א הילצערנעם פּלויט. עס פּראַלט אויף א טיר אין א נידעריק שטיבל. ס׳פאלט פון איר ארויס א געלער פּאַס שייַן און בלייַבט ליגן אף דער ערד, טיפער מאַכנדיק די ארומיקע פינצטערניש. עטלעכע מענטשן נעמען האַסטיק אויסלאָדן דאָס וועגל, טראָגן דאָס געפעק איבערן אויסגעשפּרייטן פאַס ליכט, ווי איבער א טעפּעך, אין שטיבל ארייַן. מאלקינד באַמערקט, אז דאָס זייַנען קלאל ניט קיין באַאָרטע מענטשן, ווי ער האָט פריִער געמיינט, נאָר יונגע, רירעוודיקע.

— קומט צום כאַנוקאַס־האַבאַיִס, — רוימט אים איצט אייַן אין אויער דאָס זעלבע וויליונגערישע קאָל, וואָס האָט פריִער געלאָזט זיך אליץ הערן.

מאלקינד ציטערט אויף: „א שיינער כאַנוקאַס־האַבאַיִס. כאַנוקאַס־האַקייוועך וואָלט עס באַדארפט הייסן“...

מע לאָזט אים אָבער ניט פירן קיין לאַנגן ייִשעוו־האַדאַס. אין זייַנע געדאנקען מישט זיך ארייַן די שטים פונעם צודרינגלעכן פרעמדן:

— נישקאָשע, קומט ארייַן.

אָן ענג צימערל, קוים באַשייַנט פון א ליכטל. אייניקע יונגעלייַט אייסעקן זיך ארום דעם ארייַנגעטראָגענעם געפעק, קוקן צומאָל פארלעגן אין מאלקינדס זייַט און שושקען זיך מיט איינעם א באָכער אין א קורץ שאָפּן פעלצל.

אָן אויסדוכטעניש? ניין. מאלקינד הערט דייַטלעך ווי דער דאָזיקער מענטש טוט א זאָג:

— פארן שרייַבער מאלקינד איז ניטאָ וואָס מוירע צו האָבן...

ס׳איז די זעלבע שטים, וואָס האָט אים אין גאַס פארהאַלטן, געהאַט צוגעוואָרפן עטלעכע כוצפּעדיקע רעפּליקעס באַם שטופּן דאָס וועגל און אים פארבעטן ארייַנצוגיין אהער. בלויז די פריִערדיקע פארשייַטקייַט איז פון איר אוועקגענומען געוואָרן ווי מיט דער האנט.

„פונוואַנען ווייסט דער דאָזיקער טיפּ, ווער איך בין?“ — טוט מאלקינדן א טיאָכקע דאָס הארץ. — „איצט דארפן די היטלעריסטן זיך בלויז דערוויסן, אז א לעבעדיקער שרייַבער דרייט זיך ארום אין געטאָ“...

און דער יונג אינעם פעלצל טוט א כאַפּ דאָס ברענענדיקע ליכטל, מיט א געוויסן ייִראַס־האַקאָוועד לייגט ער ארויף די האנט אף מאלקינדס פּלייצע און פירט אים ארייַן אין א דערבייַיִק קעמערל.

געבראָכענע שאָטנס פון א צווייִשטאָקיקער נארע טוען זיך א באַוועג בא דער שייַן פונעם ארייַנגעטראָגענעם ליכטל.

— וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט? — ווערט שוין מאלקינד אין קאַס. — און פארוואָס רופט איר מיך באַם נאָמען מאלקינד. איר האָט, יונגערמאַן, א טאָעס.

— א טאָעס? — טוט יענער א בליץ מיט א פּאָר שווארצע אויגן און ווערט גאָר מאָלע־סימכע: — איך דערקען ניט דעם שרייַבער מאלקינד? מיר זייַנען דאָך עפּעס שטיקלעך קאָלעגן. איר,

עמעס, זײַט אַ פּראַזאַיִקער און איך פּלעג פּאַרפּאַסן לידער. איר געדענקט עפּשער, איינמאָל האָט איר געמאַכט אויסצודרייען פון מײַן שרײַבעכץ.

— ווילט איר דאַפקע איצט זיך אָפּרעכענען? נו, גיט וואָס גיכער מיך אַרויס...

— וואָס רעדט איר, וואָס רעדט איר! — ווערט דער יונג אינעם פּעלצל מאַמעש דערשי־טערט. — פאַרקערט... ביטע, ביטע, לאָמיר זיך צוזעצן.

האַלב צוגעזשמורעטע קוקט מאַלקינד אַף דעם, וואָס זיצט אַנטקעגן אים. אַ געדיכטע קוטשמע שוואַרצע האָר באַקרוינט אַ מאָגער, טונקלהויטיק פּנים, אַף וועלכן עס זעען זיך אַרויס מידלעכע אויגן, פאַרצויגענע מיט אַ גלאַנציקער פּײַכטקײַט, ווי מיט טוי.

„אָנגעהאָרעוועט, אָנגעטומלט זיך באַם אַריבערפירן דאָס געפּעק, — באַדויערט מאַלקינד דעם פאַרמאַטערטן פרעמדן מענטשן. — ניט געפונען שוין קיין אַנדערע דײַגעס. גיט זיך אַרויס פּאַר אַ שטיקל ליטעראַט. און זײַן גאַנצע אינטערעסן־וועלט באַשרענקט זיך אין אַריבערשלעפּן בע־בעכעס פון אָרט צו אָרט“...

מאַלקינדס גרינגשעצונג גייט אַריבער אין פאַראַכטונג צום נײַעם באַקאַנטן, אַף וועמעס ברוסט עס באַמבלט זיך, אַ קוים צוגעטשעפּעטע, די געלע לאַטע. ווען די וואַכלײַט זאָלן באַמערקן, אַז די לאַטע איז ניט צוגענייט! ס'איז אַ סימען, דער מענטש דרייט זיך אַרום אין שטאָט אָן די געלע צייכנס, האַנדלט אַוודע מיט שפּײַז־פּראָדוקטן, שמוגלט זיי אַרײַן אין געטאָ, איז אויווער אַף די שטרענגסטע באַפעלן... ניט איינער פון די דאָזיקע טיפּן האָט דערפאַר באַצאָלט מיטן קאָפּ, מיט די לעבנס פון זײַנע קרויווים...

מאַלקינד דערשפּירט אַ כיִעסדיקע פּײַכטקײַט אַף די ליפּן. ער כאַפּט זיך אָפּ דאָס האַרץ מיט אַ מײַכלדיק שטיק ברויט, באַדעקט מיט עפּעס אַ זיסער שמירעכץ. ניט ער — די הענט זײַנען שולדיק, וואָס זיי טראָגן דאָס עסנוואַרג צום מויל. און דער מאַכניס־אורעך זעט אויס צו האָבן האַנאָע פון קוקן, ווי דער גאַסט איז זיך מעכאַבעד מיט אַ געשמאַקן ביסן.

— עפּשער נאָך?

מאַלקינד נעמט זיך אַזש פאַרטיידיקן:

— וואָס רעדט איר! פאַר מיר איז דאָס שוין צופיל. קרעפּטן האָב איך איצט איבערגענוג. מער, ווי נייטיק...

— אויב אַזוי, — הייבט אָן דער מאַכניס־אורעך, — און אויב איר וועט ניט דערווידערן, וויל איך עפּעס... וואָלט איך מיך אומגעקערט צו דעם... איר האָט דערמאָנט כעזשבוינעס... כ'וואָלט געזאָגט, אַז מע דאַרף זיי צונויפירן, ריכטיקער געזאָגט...

מאַלקינד שטעלט זיך אויף, טוט אופגערעגט אַ פרעג:

— מיט וועמען צונויפירן?

און דער, מיט וועמען ער רעדט, שטרעקט אויס די רעכטע האַנט:

— מיר דאַרפן זיך טאַקע באַקאַנען: זאַליע!

— זאַליע? — פאַרוווּנדערט זיך מאַלקינד. — אַ פאַמיליע־נאָמען? אַ פּסעוודאָנים? ניט גע־הערט פון אַזאַ שרײַבער.

— דעם עמעס געזאָגט, ניט קיין שרײַבער, נאָר אײַערער אַ שטיקל קאָרעוו. עמעס, אַ גאַנץ ווײַטער. פון אײַער בוך „די לעצטע יידן“...

— טאַקע, טאַקע, — ווערט מאַלקינד אַ ביסל פאַרינטריגירט. — עמעס. פאַראַן דאָרט אַזאַ. באַלד פאַרגעסן...

— און איך דאַפקע טראַכט אָפּט וועגן אײַער זאַליען. ס'איז פאַלש, ער זאָל זיך האָבן אופ־געהאַנגען אין טפיסע. איר, דער אוטאָר, האָט אַ טיפּן טאָעס געהאַט...

— וואָס פאַר אַ טאָעסן, יונגערמאַן, האָב איך נאָך געמאַכט? — טוט מאַלקינד אַ שמייכל.

דער מענטש אינעם פּעלצל בעט ווידער זײַן אורעך זיך צוזעצן אַף אַ רעגע און כאַפּט אוף דעם פאָדעם פון זײַנע איבערגעריסענע רייד:

— ווי איר ווילט זיך, איך האָב אײַער זאַליען געזען אַ לעבעדיקן און מונטערן אין יענע טעג, אין די ניט לאַנג צוריק פאַרגאַנגענע ווונדערלעכע טעג, ווען דאָס פאָלק האָט אויך באַ אונדז אין ליטע געמאַכט אַ סאָף מיט דער הערשאַפט פון פּריצים און פאַבריקאַנטן. כ'האָב אים געזען אַרויסגיין פון דער טפיסע... מע האָט אים מיט בלומען באַגעגנט...

„זאַליע, זאַליע, זאַליע“, — כאַזערט מאַלקינד איבער אין זײַנע געדאַנקען דעם נאָמען, ווי וועלנדיק אין עפּעס זיך דערמאָנען. און ער דערמאָנט זיך טאַקע: דאָס דאָזיקע עפּיזאָדישע גע־שטאַלט זײַנס האָט זיך געהאַט פאַרמאָסטן וועלטן איבערצוקערן, איז אָבער אַרײַנגעפאַלן הינטער גראַטעס, געלאָזט אַף העפּקער אַ פרוי מיט קינדער. פאַרייִעשט געוואָרן, זיך גענומען דאָס לעבן.

— איר זאָגט, ניט געדאַרפט דערפירן זאַליען צום טראַגישן סאָף? — נעמט מאַלקינד אומ־

געריכט פאַר זיך אַליין פאַרטיידיקן זײַן שטאַנדפּונקט. — וואָלט ער זיך איצט דערוואַרט אויף עפּעס בעסערס?

— אַ שרײַבער, אַ שרײַבער טאָר ניט...

מאַלקינד האָט אומגעדולדיק איבער יענעמס רייד:

— ווייסט איר, אויב איר זײַט אויך אַ שטיקל פּען־מענטש, וועט איר פאַרשטיין: כ׳האָב דערפילט, אַז ס׳רוקט זיך אָן דער סאָף פונעם מענטש, דעם האָמאָ סאַפּיִענס. וואָס בלײַבט אַ מענטשן, איר פאַרשטייט — אַ מענטשן! — וואָס בלײַבט אַנדערש צו טאָן, ווי אַנטלויפן? איך אַנטרין אַפילע פון דער געטאָ. פאַר מיר איז די היטלעריסטישע געטאָ לוי האָיאָ וועלוי ניוורא[1]. איך האָב מיך פאַרגראָבן, ווי אַ קראָט. ריכטיקער געזאָגט, ווי כוינִי האַמעאַגעל (חוני המעגל), ווי יענער אין דער לעגענדע, האָב איך געמאַכט אַרום זיך אַזאַ קישעף־קרײַז, וועלכן קיינער קאָן ניט אַריבערטרעטן. איר דערמאָנט זיך, אין יענעם קרײַז איז ער אָפּגעשלאָפן גאַנצע זיבעציק יאָר... אַזאַ רעטונג פאַר דער נעשאָמע — אײַנשלאָפן, אײַנגראָבן זיך אין דער אויסלייזנדיקער פינצטערניש. אָ, ווען ניט די דערוואַכונגען! נאָר מיר גייט סײַווי קיין זאַך ניט אָן...

— אָט וועגן דעם האָבן מיר זיך געאַמפּערט שוין דאַן, ווען עס זײַנען נאָך קיין געטאָס באַ אונדז ניט געווען, — צינדט זיך אָן דער יונגערמאַן אינעם פעלצל. — איך מיין אויך דעם שטרײַט אַרום מײַנע פערזן. איר האָט דאַן געפּאַסקנט — באָמבאַסטישע שורעס. טענדענץ. כ׳בין געווען בייסמײַסע אין קאַס אויף אײַך. שפּעטער פאַרשטאַנען — ס׳פעלט אין מײַנע שורעס דאָס פּינטעלע, די ראָזשינקע, וואָס זאָל זיי פאַרוואַנדלען אין עכטער דיכטונג. וואָס קאָן מען טאָן, ניט אַלע זײַנען באַשאָנקען מיט טאַלאַנט. און פונדעסטוועגן נעם איך ביז הײַנט די פעדער אין האַנט, ווען עס איז נייטיק.

ער ווערט פּלוצעם אַנשוויגן. אויך מאַלקינד שווײַגט. זײַן אויסגעטריקנט פּאָנעם, די אײַנגעקאַרבטע קנייטשן אויפן הויכן שטערן, איבער וועלכן ס׳איז פאַרגליוורט געוואָרן אַ גרויער שוים האָר, די אַראָפּגעלאָזענע וויִעס, די בלויע קישעלעך אונטער די אויגן, די פאַרביסענע ליפּן — אַלץ ווײַזט אויף דעם, אַז ער קלײַבט זיך ניט צו ריידן, שוין אָפּגערעדט — פירן אַ וויקועך. ווערט זײַן באַלשמועס אָנגרײַפעריש:

— שרײַבער מאַלקינד. האָט אײַך צו עפּעס אָנגערעגט דאָס איינציקע סאָוועטישע יאָר, וואָס איז אונדז באַשערט געווען? מיר דוכט, אַז איר האָט ווײַטער געדרעמלט צווישן אײַערע כמורע, אין האַרבסטיקן ווײַמוט פאַרזונקענע „כורוועס“. מיט האַרצווייטעק, דורך אַ טרערן־נעפּל האָט איר געקוקט אויף אײַער אויסגעדיכטעטן „סאָף פונעם שטעטעלע נ.“, זיך געקוויקט מיט דער ביטערער ווײַניקײַט פון דער לופט אַרום אײַערע אומבאַהאָלפענע, רעזיגנירטע „לעצטע יידן“... איך האָב געדענקט גוט אײַערע ווערק.

— דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט מיר צו זאָגן?

— נאָך אַ פּאָר ווערטער. איר האָט דערשפּירט, אַז עס רוקט זיך אָן אויף דער וועלט עפּעס גוירלדיקס, אַנטשיידנדיקס. און, ווי איר זאָגט אַליין, איר זײַט אַנטלאָפן, ניט געוואָלט וואַרפן אײַער וואָרט אויפן וואָגשאָל פון דער געשיכטע. אָנשטאָט דעם האָט איר זיך געקוויקט דערמיט, וואָס איז פאַרורטיילט. אין ייִעש און אויסגאַנגלאָזיקײַט געזוכט אַ באַהעלטעניש פון די אַרומיקע שטורעמס, אַ קלוימערשטע רעטונג פאַר דער נעשאָמע... אויך איצט צאַפּלט איר זיך אַ פאַרלוירענער, כאָטש דאָס לעבן האָט אַ סאַך דערוויזן...

מאַלקינד ענטפערט נאָך אַלץ ניט. אָבער מיט זײַן גאַנצן מעהוס וויל ער דערווײַזן, אַז ער צאַפּלט זיך קלאַל ניט. בלויז הײַנט אין אָוונט האָט אים עפּעס אַ ניטגוטער אַרויסגעשלעפּט פון זײַן ווינקל, אָן אַ ציל, אַרומגעטריבן איבער די לעצטע געסלעך פון דער געטאָ, סײַדן זיך צו געזעגענען מיט זיי. מאַלקינדס קאָפּ ציט זיך אײַן, באַהאַלט זיך אינעם קאָלנער פון מאַנטל, דעקט זיך איבער מיט צעשויבערטע האָר־פּאַסמעס, וועלכע די שײַן פונעם ליכטל פלעכט אַדורך מיט ליכט־ און שאָטן־פעדעם.

— איר הערט, שרײַבער מאַלקינד! — ווערט די שטים פונעם יונגנמאַן אינעם פעלצל אויפאָדערנדיק, מאָנענדיק, וואָרענענדיק. — איר זײַט איצט אין געטאָ דער איינציקער שרײַבער מיט אַ נאָמען, מיט דערפאַרונג. ס׳איז אַ זכוס צו בלײַבן פון די לעצטע. און דאָס פאַרפליכטעט. פאַרצייכנט אַלץ, וואָס טוט זיך אַרום אונדז. לאָזט קיין זאַך ניט דורך. שרײַבט, די וועלט זאָל וויסן און זאָל אויפציטערן! זײַט אַ ווירדיקער איידעס. ברענגט אײַערע מאַנוסקריפּטן. מיר וועלן זיי באַשטאַטן אין זיכערע הענט...

— האַ? — קוקט מאַלקינד לאַנג און דורכדרינגלעך אויף דעם, וואָס מאַכט אים דעם אויסטערלישן פאָרשלאָג.

---

[1] — לא היה ולא נברא — אַזוינס, וואָס איז אויף דער וועלט ניט געווען און עקזיסטירט ניט.

ניט צום ערשטן מאָל פֿאַרלאַנגט מען דאָ פֿון אים — שרײַבן. עס פֿאַרפֿאָלגט אים מאַמעש אַ מאַנצבל מיט אַן אַשקאָלירִיק פּאָנעם, מיט אַן ערגעץ אין דער ווײַט געוועגדטן בליק. ווען זיי זאָלן זיך ניט באַגעגענען, שטייט יענער צו מיט דער האַרבער טײַנע: „שרײַבט איר כאָטש, פֿאַרשרײַבט איר כאָטש? זאָל אונדזער בלוט ניט פֿאַרזינקען שפּורלאָז, ווי וואַסער!“ און אָט ווידער דאָס זעלבע — שרײַבן! גאָט אין הימל, ווי קאָן מען אָנקליידן אין אַ ליטעראַרישן לעוווש פֿאַקטן, וועלכע ליגן אָף יענער זײַט פֿון מענטשלעכן פֿאַרשטאַנד? אָף יענער זײַט פֿון ליטעראַרישע גרענעצן... דאַנטע? בא אים איז דער געהענעם אַלעגאָריע, פּראָדוקט פֿון דימיען. און דאָ — אַ ווירקלעכקײַט, אין וועלכער דער אומזיניקסטער אומזין ווערט רעאַלע וואָר, ווי אין שיגאָען. איז מעגלעך, אַזוינס זאָל פֿאַרוואַנדלט ווערן אין אַ קונסט־דערשײַנונג? שרײַבן, שרײַבן! האָט שוין ווער געפּרוווט שרײַבן אונטערן הענגענדיקן דאַמאָקל־שווערד? אין געטאָ שרײַבן! אַ שטיקל פּאַפּיר, טינט און פּעדער איז דאָ אַ פּראָבלעם. אָן אָפּגעזונדערט ווינקעלע — אַ פּראָבלעם. דאָ פֿעלט אָטעם. אַלץ ווערט דערשטיקט. דאָ פֿליסט אָן אופֿהער אומשולדיק בלוט. דער קוילער שעכט, און דער שרײַבער זאָל אין אָנוועזנהײַט פֿונעם הענקער שרײַבן! און צו וואָס? — אַז מיט די קסאָווים, מיט דעם שרײַבערס מי, מיטן מאַרך פֿון זײַנע ביינער וועט מען אונטערצינדן שײַטערס!.. און דאָך פֿאָדערט מען פֿון אים — שרײַבן! דער דאָזיקער יונגערמאַן, וואָס רופֿט זיך זאַליע, שלאָגט פֿאָר אויסצוהיטן די קסאַוויאַדן... און ווער זײַנען עס די „מיר“, אין וועמעס נאָמען ער רעדט?

און יענער, ווי ער וואָלט זיך אָנגעשטויסן אין מאַלקינדס געדאַנקען, ווערט נאָך אַ לענגערער פּאַוזע און יישעווו־האַדאַס מיט זיך אַליין אָפּנהאַרציקער:

— מיר האָבן פֿאַר אײַך קיין מוירע ניט. כ׳וועל ריידן אָפֿענע דיבורים. מיר, כ׳מיין מיך און מײַנע כאַוויירים, זיצן ניט מיט פֿאַרלייגטע הענט. פֿאַרשטייט איר שוין? דאָס זעלבע ווילט זיך הערן פֿון אײַך. מיט אײַער באַרוף דאַרפֿט איר דינען דעם פּילגעפּרוווטן, שרעקלעך געטראָפֿענעם פֿאָלק און לאַנד. ווי דען אַנדערש? אַ שרײַבער! לאָזט אַ דאָקומענט פֿאַר די קומענדיקע דוירעס! מע קאָן שרײַבן, האָבנדיק אין זינען אויך לויפֿנדיקע נויטן... מיר וואָלטן זיך געדאַרפֿט אָפֿטער באַגעגענען. לאָמיר ניט אָפּלייגן. אָט גלײַך, מאָרגן. פֿאַראַן אַ סאַך, וועגן וואָס צו ריידן, וואָס צו טאָן...

וואָס צו טאָן? אין געטאָ עפּעס טאָן? פֿעלט מאַלקינדן אײַן אַ כשאַד: עפּשער וויל מען אים גאָר פּראָוואָצירן? אָט דער־אָ האָט אָקאָרשט געדעדט אַ לאָשן פֿון אַ פּראָסטאַק און פּלוצעם גיט ער זיך אָן פֿאַר אַ ליטעראַט, שיט מיט ווילקלינגעוודיקער מעליצע. זײַן זאַליע איז געווען פֿון אַן אַנדער טייג געקנאָטן...

און דער, וואָס האָט זיך איצט געהאַט אָנגעגעבן אַלס זאַליע, לאָזט ניט נאָך:

— ריזיקירט. ווי זאָגט אַ רוסיש שפּריכוואָרט: Риск — благородное дело[1]. קוקט ניט, וואָס כ׳בין געווען אין אָנהייב אַ ביסל האָזעדיק, גראָבלעך. געפּרוווט שפּילן אַ פּראָסטן כײַ־וועקײַעם, געוואָלט צוציִען אײַער אופֿמערקזאַמקײַט. אַמאָל, ווי איך געדענק, האָט איר אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס פֿאַר אונטערוועלט־טיפּן, פֿאַרעפּנטלעכט פֿאַרשטאָט־פֿאָלקלאָר... נאָר לאָמיר עס איבערלאָזן אָף מאָרגן, מירן זיך טרעפֿן פֿאַרנאַכט, אָט דאָ־אָ...

צי דאָס, וואָס האָט פּאַסירט, איז טאַקע געשען אָף דער וואָר, אָדער ס׳איז אַן אויסטראַכטעניש פֿון זײַן דולן קאָפּ? ווײַל אויבן, צווישן די זעלבע צעדרויבלטע וואָלקן־קנוילן, שנײַדט זיך נאָך אַלץ דעם וועג דאָס ביז העלפּט אָפּגעהריזעטע פּאָנעם פֿון דער לעוואָנע. דער ווינט צופּט מיט רוגזע מאַלקינדס האָר און די אָזעסדיקע קעלט קערט מײַסים אונטער די פּאָלעס פֿון זײַן פּאַנאַנדערגעשפּיליעטן מאַנטל... אַלץ ווי געווען. בלויז די פּלוצעם דערזעענע פֿינקלענדיקע, פֿון אַ פֿאַרבאָרגענער שײַן געגנערטע אויגן פֿון עפּעס אַ רעוואָליוציאָנער אין זײַנעם אַ ראָמאַן פֿאַרפֿאָלגן אים. און די שטים פֿון דעם נײַעם זאַליען אין פּעלצל — אַזאַ האָפּערדיקע, זעלבסטזיכערע, גאָר ניט ענלעכע אָף דער שטים פֿון יענעם אין זײַן בוך, מישט זיך איצט אַרײַן אין אַלע מאַכשאָוועס. זי לייגט ניט קיין אכט אָף דעם, אַז מאַלקינד האָט גאָר קיין קויעך ניט עמעצן אויסצוהערן, פֿאַרטראַכטן זיך איבער וועלכע־ניט־איז איניאָנים. צו וואָס, צו ווען? ער וועט גלײַכער אַזוי שוין אַרומבלאָנקען איבער די געסלעך פֿון דער גויסעסדיקער געטאָ, פֿאַרבײַגיין אירע אין כאַשכעס אײַנגענורעטע שטיבלעך און דעם בלוטיקן שטעכדראָטצוים, וואָס האָט מיט אַ כאַלעף־שאַרף אָפּגעשניטן די געטאָ פֿון דעם גאַנצן אַרום, פֿון דער שטאָט, פֿון דער היימשטאָט...

— שטיין, יודע! — גיט עס אַ גרילץ אין דײַטש. — וואָס זוכסטו באַם צוים?

אַ סנאָפּ ליכט וואַרפֿט זיך פּלוצעם אָף מאַלקינדן. „אַ דײַטש, אַ וואַכמאַן!“ — פֿאַרשטייט ער שוין. דערמאָנט זיך, אַז ער איז אָן אַ היטל. איז ער זיכער, אַז דאָ איז דער סאָף צו זײַן בינטל יאָרן. ווערט ער זיך ניט. ער וויל בלויז אופֿשטעלן דעם עמעס:

[1] — ריזיקע איז אַ ווילע זאַך.

— ניט געקראָכן צום צוים. גאָט באהיט. בלויז פארבײַגעגאנגען... פונדערווײַטנס...

— לײַגסט נאָך, שמוציקער הונט! — טוט א ריטשע עמעצער אין דײַטש שוין הארט לעבן אים.

דער סנאָפּ ליכט, וואָס האָט געהאלטן מאלקינדן אײַנגעקלאמערט, ציט זיך פּלוצעם אײַן, פארבאהאלט זיך. ארום ווערט שטאָק־פינצטער, ווי די וועלט וואָלט געוואָרן אָפּגעטויוולט אין שווארצן טינט. אז ער איז נאָך פייַיק עפּעס צו זען, שטעלט פּעסט די האלבע לעוואָנע, וואָס קריכט ארויס פון א וואָלקן־געדיכטעניש און טוט א בלייך דאָס געשטאלט פון א וואכמאן מיט אן אויס־געשטעלטער ביקס.

א שאָס. א דונער. מאלקינדס הארץ צאפּלט אוף און רײַסט זיך ארויס מיט א ווייטעק פון דער ברוסט, וועלנדיק ערגעץ זיך אויסבאהאלטן. נאָר עמעצער פארקײַכט זיך איבער אים אין א געלעכטער...

„וואָס טוט זיך דאָ?״ — פאמעלעך עפנט מאלקינד די אויגן. ער דערזעט א שניי־פלעק, דער־פילט די קעלט פון דער ערד, צו וועלכער ער טוליעט זיך. ניט אנדערש, אז א נעס. די קויל האָט אים ניט געטראָפן! גייט דאָס לעבן אין אים באלד ארויס מיט זײַן פּיקכעס: מע דארף מאכן דעם אָנשטעל פון א טויטן, ווארטן, דער היטלעריסט זאָל זיך אָפּטראָגן...

א ליכט־אופבליץ פריטשמעליעט ווידער מאלקינדן. און ווידער הילכט א שנײַדיק געלעכטער, באגלייט פון ווערטער:

— זיך דערשראָקן! כאַ־כאַ...

און ווי מיט א בײַטש דערלאנגט א שמיץ איבערן געלעכטער דער באפעל:

— אופשטיין! אופשטיין! צום קאָמענדאנט!

שווערע, דומפּע קלעפּ פאלן אף מאלקינדן, צווינגען אים אופשטיין. כאָטש אף א רגע. עפּשער וועט מען דאן אופהערן שלאָגן.

— אָט אזוי, מארש, מארש! — גוואלדעוועט דער וואכמאן, באגלייטנדיק איטלעכן אויס־געשריי מיט א שטויס אין זײַט, אין רוקן. אזוי לאנג, ביז ביידע טרעטן אריבער די שוועל פון א ליידיקן, מאָדנע ליידיקן, העל באלויכטענעם רוים.

דאָ בלײַבט מאלקינד שטיין. דאָ ווארט ער. די שײַן — ווי זי וואָלט אָנגעשאָטן שארפן זאמד אין די אויגן. ס׳איז דאָ ווארעם. און די ווארעמקײַט מאניעט ארויס אלע פארבאָרגענע ווייטעקן אין קערפּער...

— אכטונג! — טוט עמעצער א געשריי.

ווי פון אָט דעם געשריי ארויס קומט פּלוצעם אָן א הויכער, שטאַלטנער מיליטער־מאן אין א גרינער אוניפאָרם מיט א שווארץ קראגעלע און בלישטשעדיקע קנעפּ אפן מונדיר. אף זײַן דינער נאָז זיצן אין גאָלד אײַנגערעמלטע ברילן, דורך וועלכע עס נעמט שטראָמען אף מאלקינדן גרענעצ־לאָזע פאראכטונג. ער טוט זיך א ווענד צום וואכמאן:

— וואָס ברענגסטו מיר דאָס מיסט? איך אײַל גאָר אוועקצוגיין!

— דער דאָזיקער לומפּ איז געקראָכן דורכן צוים, הער קאָמענדאנט! — ראפּאָרטירט דער וואכמאן, אויסצײַענדיק זיך און א קנאק טוענדיק מיט די אָפּצאסן.

— עך, קראוזע, — שמייכלט דער קאָמענדאנט, — צי וועט אזא שײַסמײַאָר עפּעס זוכן אף יענער זײַט? אומזיסט דרייסטו מיר א קאָפּ צוליב איבעריקע צווײ באָרדעל־קופּאָנעס...

מאלקינד שפּיצט זיך אָן. הייסט עס, ס׳איז עמעס! עס באשטעטיקן זיך די קלאנגען, אז פארן ברענגען א לעבעדיקן יידן, וואָס איז געקראָכן דורכן צוים, באקומען די וואכלײַט פינף אומזיסטע קופּאָנעס אין נײַ־געעפנטן מיליטערישן שאנדהויז, בייס פאר א דערשאָסענעם באם צוים — בלויז דרײַ... אָט פארוואָס דער וואכמאן האָט געהירזשעט, געפרייט זיך ווי א באזוסענער...

א ניטגוטקײַט ביז צום ברעכן גייט אוף אין מאלקינדן, ווען ער קוקט אָן דעם וואכמאן, וואָס שטייט מיט אן אראָפּהענגענדיקער אונטערשטער ליפּ, ווי א הינטל אף די הינטערשטע לאפּעס, בייס עס דערווארט, זײַן הער זאָל אים צוווארפן א כעסעד־גאָב.

— איך האָב גאָר קיין צײַט ניט צו אייסעקן זיך מיטן שײַסדרעק! — שרײַט דער קאָמענ־דאנט. — געמעגט אים, אייזל, אוועקלייגן אף אָן אָרט, און שוין. אלץ די פארפלוכטע איבעריקע צווײ קופּאָנעס! ווארף ארײַן דעם פארלײַזיקטן לומפּ אין... אײַן... נו, געפין דאָרט אין נײַעם געטאָ־פערטל א פאסיקע שווײַנען־לאָך. און מאָרגן, מאָרגן וועט ער שוין דערציילן, אָ, ער וועט דער־ציילן, פארוואָס ער איז געקראָכן דורכן צוים און צו וועמען ער איז געגאנגען אין שטאָט...

אינעם לעבעדיקן קיווער איז די פינצטערניש א פולשטענדיק בלינדע. אינעם לעבעדיקן קיווער איז די סטעליע נידעריק — זיך ניט אוועקצושטעלן. די ווענט זײַנען אײַז־קאלט, ענג צונויפגערוקט, זיך ניט א דריי צו טאָן. מאלקינד קארטשעט זיך צונויף אפן דיל. זײַן גאנצער קער־פּער ציטערט, די איוורים צוקן, און ער האָט אף זיי ניט קיין שליטע. קאלט. שוידערלעך קאלט.

אָבער מאָרגן וועט נעמען א סאָף... א לויטערע רויִקײַט באַהערשט אים. דער קאָפּ ניכטערט זיך אויס. די געדאַנקען נעמען פליסן אומגעשטערט... ווען ער זאָל דאַרפן באַשרײַבן די לעצטע שאָען פון זײַנעם א פערסאָנאַזש, וואָס איז ארײַנגעפאלן אין אן ענלעכער לאגע, ווי דער אווטאָר איצט, וואָלט ער מיסטאמע אזוי אָנגעהויבן:

„דאָס ענגע טויט־קעמערל האָט אים ארומגעהילט מיט א געדיכטער כאשכעס, ארומגעפּאַנצערט מיט א טויבער שטילקײַט. און אין דער דאָזיקער כאשכעס, אין דער דאָזיקער שטילקײַט איז צײַטיק געוואָרן די שאָ פון כעזשבן־האַנעפעש. ווי א רײַפע פרוכט האָט זי געהאלטן אָט־אָט באַם אָפּרײַסן זיך פון דער צווײַג פון דער צײַט, גרייט א פאל צו טאָן אין שויס פון דעם פארורטיילטן — נעם מיך, בײַס אײַן, ווי דעם עפּל פון אייץ־האַדאַס... און דאָס גאנצע לעבן זײַנס אַף דער בידנער ערד האָט זיך געגומען פאנאנדערוויקלען, ווי די טאַשמע פון א מוטנע־ווייפּולן, מיט גאָרנישט אָנגעפּילטן און דאָך פּײַנפולן פילם...“

באַ דעם פארהאלט זיך מאלקינד. עס ווערט מעטושטעש די זעונג. בלויז זײַן אייגענער טרויעריקער סאָף, ווי דער ארומגעהריזעטער איבערבלײַב פונעם אייץ־האַדאַס־עפּל, הענגט אים פאר די אויגן... אזוי אויסטערליש האָבן זיך איבערגעפלאָכטן די געשעענישן הײַנט אָוונט. אזוי אומזיניק האָט ער זיך ארײַנגעפּלאָנטערט אין א צאָרע. מאָרגן וועט מען אים נעמען אָפּן פארהער. מע וועט דערגיין, אז ער איז געווען א שרײַבער. אָ, זיי וועלן זיך ניט קאָנען אָנפרייען מיט דער מעציִע, וואָס איז אזוי אומגעריכט ארײַנגעפאלן אין פאסטקע. עפּעס א קלייניקײַט, א שרײַבער! מע וועט עס מעלדן ווײַטער, העכער. אזוי און אזוי. אזא און אזא שרײַבער איז אופגעדעקט געוואָרן. דער וואכמאַן וועט מיסטאמע באַקומען א צולאָג פון נאָך פינף קופּאָנעס, און אים, מאלקינדן, וועט מען נעמען פּײַניקן... גערעכט געווען, גערעכט געווען... ער דערמאָנט זיך ניט, ווען ער עס געהערן די גאָלדענע ווערטער, אז פונעם לאָרבערבוים פון דער קונסט קאָן מען ניט אָפּרײַסן אפילע קיין איין בלעטל, ניט באַצאָלנדיק דערפאר מיטן לעבן... איצט איז געקומען זײַן ריי צו דעקן דעם כעזשבן. מע וועט אים פּײַניקן, ער זאָל ארויסגעבן זײַן פרוי און קינדער, וואָס דאַרפן פארטיליקט ווערן צוזאמען מיטן פארשולדיקטן מישפּאָכע־ראָש. די היטלעריסטן וועלן ניט גלייבן, אז ער האָט קיין היים, קיין מישפּאָכע ניט אופגעשטעלט. דעריבער וועלן זיי נאָכמער פּײַניקן. זיי וועלן פאָדערן, ער זאָל ארויסגעבן זײַנע לעצטע מאַנוסקריפּטן. און וועלן ניט גלייבן, אז ער האָט אין געטאָ זיך ניט צוגערירט צו דער פעדער. זיי וועלן פּײַניקן... נאָר מאָרגן אָוונט וועט אלץ שוין זײַן פארענדיקט. מע וועט זײַן צעקאטעוועטן קערפּער אוועקפירן הינטער דער שטאָט, צום שײַטער, אַף וועלכן די היטלעריסטן פארברענען זייערע קאָרבאָנעס. ער וועט אופגיין מיטן רויך. דער ווינט וועט זײַן אש צעווייען, און אויס, אויס מיטן שרײַבער מאלקינד. „פיניטא לא קאָמעדיא“... און דער ווייטעק פון שאָפעלן, שפּורלאָזן פארגיין צעכליפּעט זיך אין זײַן הארצן... וואָלט ער כאָטש געהאט געשריבן אין געטאָ! די פאשיסטן האָבן שטענדיק מוירע געהאט פאר שרײַבער, געברענט זייערע ביכער. זײַנע שריפטן וואָלטן דעם ווויל־אויסזעענדיקן קאָמענדאַנט אין די גאָלד־אײַנגערעמלטע ברילן ארײַנגעבראכט אין גרימצאָרן. און עס וואָלט דעם היטלעריסט שוין קיין זאך ניט געהאָלפן — די קסאוויאדן זײַנען באַשטאַט אין זיכערע הענט... דער מענטש מיטן נאָמען זאליע מאָנט שוין גאָר, פאָדערט. כאָטש א טרוקענע גוויִעס־אײדעס... אלע, אלע קעגן אים! דער קאָמענדאַנט ביכווידוי־אווועאצמוי טוט אים אָן שפּאָגל־נײַע אינקוויזיציעשיך, שנורעוועט זיי צונויף, קוועטשט זיי צונויף. די אינווייניק אָנגעהאקטע טשוועקעס שטעכן דורך דאָס פלייש פון די פיס, דרינגען אדורך די ביינער...

און אז ער טשוכעט זיך אוף... צי ליגט ער שוין לאנג אזוי, גלײַך אן ארויסגעשלײַדערטער נאָך א שיף־ברוך אַף א קאלטן, שווארצן יאַבאָשע־ברעג? צי וועט ער לאנג אזוי ליגן מיט פארפראָרענע פיס און ווארטן, עס זאָל אָנפויזען דער באַגינען און פארצוקן די לעצטע ברעקלעך פון זײַן לעבן? וועט עס עפשער זײַן אזא באַגינען, ווי צום סאָף פון זײַן בוך „די לעצטע יִידן“? אומגעפער אזוי האָט עס דאָרט אויסגעזען. ער דערמאָנט זיך געגוי:

„ערגעץ אין די פארהוילענישן פון דער ערד האָט עס א קרעכץ געטאָן: עך, עך... נעפּלען האָבן אויסגענאָגט די נאכטיקע כאשכעס, און דאָס גליִענדיקע אפּל פון א העלן אומגעהייער איז אומבאַמערקט ארויסגעקראָכן פון הינטערן הימל־ראַנד... גרויס און איינזאם האָט געסטאַרטשעט אינעם נעפּל א געבויגענער ייִד, דער לעצטער פון יִישעוו. א קלומעקל אונטערן אָרעם, אָנגעלענט אין א סוקעוואַטן שטעקן. ס׳האָט ניט געוווסט דער ייִד, וווהין זיך צו קערן, וווהין דעם טראָט צו ווענדן, אז אומענדלעך פיל וועגן האָבן זיך געקרייצט אינעם פּיצל ערד, אַף וועלכן ער איז געשטאַנען, און אלע וועגן זײַנען פאר אים פארווישט געווען. האָט ער א קרעכץ געטאָן, ווי איבערענטפערנדיק דעם פארהוילענעם קאָל פון דער ערד: עך, וועלט, דעמערונג, וואָס דו ביסט!“

— מאלקינד, מאלקינד! — א שטראָם פרישע לופט טראָגט אָן דעם האַסטיקן, קוים הערבאַרן אויסרוף פון זײַן נאָמען. — אהער, שנעלער!

מאלקינד צוקט אוף, שפארט זיך צו צו דער וואנט. שוין! מע ווייסט אפילו, ווי ער הייסט! און ווידער: ניט ער, — דאָס נאקעטע לעבן אין אים, וואָס האָט צום ווייפלטן מאָל זיך געהאט א בונטעווע געטאָן קעגן דעם ווילן פון זײַן געביטער, שטעלט א פארצווייפלטן ווידערשטאנד דער קראפט, וועלכע קומט אים ארויספירן צום לעצטן גאנג.

— קומט, זאָגט מען אײַך! — באפוילט אין יידיש אן אומגעדולדיקע, אומבא־קאנטע שטים.

און אז ער רופט זיך אלץ ניט אָפּ, נעמט מען אים גאָר שלעפּן איבערגוואלד.

— שטיל! אָן א פּיפּס געגאנגען! — באפוילט דער, וואָס שלעפּט אים.

מע האָט זײַן מידן גוף ארופגעזעצט אָף שטאָלצן און מע צווינגט אים גיין. ניט ער גייט. עמעצער טוט עס פאר אים... און ער שלעפּט זיך...

א כאָלעם, צי וואָר, צי אן אויסטראכטעניש פון זײַן דולן קאָפּ? זאלבעדריט זיצן זיי אָף ניט געהובלטע, מיטן טערפּקן האָלץ־גערוך שמעקעדיקע ברעטער. מאלקינד, דער זעלבער באָכער אינעם שאָפּענעם פּעלצל און א דריטער אומבאקאנטער מאנצבל מיט העלע וואָנצעס — א ביסל אָפּגערוקט פון זיי ביידן. אנטקעגן, אין א קליינער וואנט־נישע, ברענט א ליכט, וועלכע באַשײַנט א געוועלב, שטייניקע פונדאמענט־ווענט. זיי געפינען זיך, קאָנטיק, אין א קעלער־באהעלטעניש, א „מאלינע”, ווי מע רופט עס אין געטאָ. אראָפּגעלאָזט זיך דורך אן אויסטערליש געדרייטער לאָך, געפּויזעט אָף אלע פיר...

ערשט איצט באגרײַפט מאלקינד, אז עס איז געשען עפּעס אומגעהייערס:

— וואָס האָט איר געטאָן? וואָס האָט איר געטאָן? — כאפּט ער זיך פאר די שלייפן.

— גאנץ פּאָשעט, געראטעוועט א מענטשן פון היטלעריסטישע ראָצכים, — ענטפערט געלאסן דער, וואָס אינעם פּעלצל, א טרייסל טוענדיק זײַן קאָפּ שווארצע האָר, און גיט צו שטאָלץ: — דערצו נאָך א שרײַבער!

— וואָס פאר א וויצן מאכט איר, יונגערמאן! — שפּרינגט מאלקינד אוף, וויל ערגעץ לויפן. און צו זײַן מיטשמועסער, וועלכער פארשטעלט אים דעם וועג מיט אויסגעשפּרייטע הענט, זאָגט ער: — זיי קאָנען פאר אזוינע כאכמעס אָפּוישן די געטאָ. אומשולדיקע וועלן לײַדן צוליב עפּעס א געוועזן שרײַבערל, צוליב עפּעס אן אראָפּגעפאלן פון בוים פארטריקנט בלעטל... איר פארגעסט, אז אלע צאָלן דאָ פאר איינעם... לאָזט, לאָזט, איך מוז צוריקגיין, אן אומגליק אָפּן קלאל וועט איר ארופברענגען!

מאכט צו אים יענער מיט א שמייכל אָף די ליפּן, מיט א בליאסק אין די אויגן:

— וואָס שײַעך דעם קלאל, וועלן מיר שוין זאָרגן. אן אראָפּגעפאלן בלעטל, זאָגט איר? אויך אזא האָט זײַן ווערט. עס קערט אום דעם באָדן פרוכטבארקײַט... נו, זעצט זיך, בארויִקט זיך. פארשטייט, אויב זיי קלײַבן זיך די געטאָ ליקווידירן, דארפן זיי קיין צוטשעפּענישן ניט האָבן: אויב עס האלט נאָך ניט דערבײַ, וועלן זיי דעם איניען מיט אײַך אראָפּשלינגען. עפּשער איינעם, א צווייטן שטראָפן, און שוין. איר׳ט זען. אליין דער קאָמענדאנט וועט די זאָך צונישט מאכן, אזא ביזויען פאר אים: געטאָ־ארעסטאנטן האָבן פארשטאָפּט דאָס מויל בא זײַנעם א וואכמאן, באפרײַט פון קארצער א יידן. דעם יעקעס גליק, וואָס מע דארף, אז דער אייסעק זאָל אראָפּ מיט וואָס ווייניקער טומל. ווען ניט, וואָלט ער פארזוכט דעם טאם פון א שארפן מעסער. פארשטייט איר, מיר דארפן נאָך געווינען א ביסל צײַט... איר וועט זען, דער קאָמענדאנט וועט פארטושן דעם איניען. פאר אזא נאכלעסיקײַט קאָן ער זיך דערדינען א לוסטרײַזע אָפּן מיזרעך־פראָנט און אן אומזיסטן בילעט אָף יענער־וועלט. אײַער גליק, וואָס זיי האָבן אלס צײַטווײַליקן קארצער בא־נוצט עפּעס א שטעלכל...

— פונוואנען ט׳איר עס געוווּסט? — טוט מאלקינד א קוק מיט כשאד אָף זײַן רעטער.

— מיר ווייסן אלץ, וואָס געשעט אין געטאָ.

— אזוי גאָר... זאָגט דעם עמעס, איר האָט מיך ארויסגעראטעוועט אויס מוירע, טאָמער פלאפּל איך? הײַנט האָב איך עפּשער צופיל זיך דערוווּסט...

— ניט מוירע געהאט, — פארזיכערט דער, וואָס אינעם פּעלצל, — איר האָט דאָך ניט געוווּסט, אז איר׳ט געהאָלפן שטופּן א וועגל מיט געווער...

א פּריטשמעליעטער, קאָרטשעט זיך מאלקינד צונויף. ער נעמט זיך דאן פארענטפערן:

— און איך, איך האָב פארורטיילט אײַך, אײַערע האסאגעס. געטראכט: איר ראנגלט זיך פאר אן איבעריקער שאָ הינטיש לעבן... מאטערט זיך צוליב עפּעס בעבעכעס, וואָס וועלן אײַך ניצן עפּשער א טאָג, צוויי... עך, שרײַבער מאלקינד, אן אויסגעגאנגענער לויך ביסטו... — א שמייכל מילדערט דאָס כמורע פּאָנעם: — ניט אינגאנצן אויסגעגאנגען. ווי זאָגט איר, כ׳האָב געהאָלפן שטופּן. ס׳הייסט, צוגעלייגט א האנט...

— פון אײַך, פארשטייט זיך, — זאָגט מאלקינדס רעטער, — פון אײַך דארף מען דערווארטן

אַן אַנדער האַנט. פֿון אַ שרײַבער! דאָס איז אַ כּאַשעווער, זייער אַ כּאַשעווער קאָמפּער, ווען ער צילט ריכטיק.

פֿראַגמענטן פֿון צוויי, דרײַ צי מער אַדורכגעלעבטע לעבנס, אָפּגעריסענע אײנס פֿון צווייטן, מישן זיך צונויף, פֿאַרפּלאָנטערן זיך. וועלכע פֿון זיי זײַנען ווייפֿולע זעונגען, וועלכע — קאָשמאַר און וועלכע — האַרבע וואָר? און ווו איז דער אויסוועג פֿון דעם דאָזיקן שרעקלעכן מישמאַש? עפּשער אין אַנטלויפֿן, פֿאַרשווינדן, ווי ער האָט ביז איצט געטאָן? פֿאַרשטעלט אָבער אַלץ מיטאַנאַנדער דער בליק פֿונעם מענטשן, וועלכער האָט הײַנט אָוונט זיך אַרײַנגעריסן אין זײַן האַוזיע און אים צערודערט... נעמט מאַלקינד שטאַמלען:

— זאַליע, מײַן זאַליע. מײַן בלוט און פֿלייש, וואָס האָט זיך אַמאָל אָפּגעריסן פֿון מיר...

— ניט זאַליע, — האַקט אים יענער איבער. — אַנטשולדיקט פֿאַר די פֿאַרוואַנדלונגען. רופֿט מיך פֿינקטלעכער: פּאַווקע.

— פּאַווקע?

— יאָ.

— עפּשער פֿון בוך „ווי שטאָל האָט זיך פֿאַרהאַרטעוועט"?

— יאָ.

אַזויפֿיל צאַר אַף מאַלקינדס פּאָנעם. אַזויפֿיל געבראָכנקײַט אין די ווערטער, וועלכע ער ברענגט אַרויס מער צו זיך, ווי צו עמעצן אַ צווייטן:

— ניט מער זאַליע. זיך ניט דערדינט. פּאַווקע, זאָגט איר...

— יאָ, כּאַווער מאַלקינד! — דער יונגערמאַן אינעם פּעלצל באַטאָנט דאָס וואָרט „כּאַווער", וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אָנגעווענדט לעגאַבע דעם שרײַבער. — איך וויל, איר זאָלט וויסן, מיט וועמען איר האָט צו טאָן: איך בין אַ קאָמוניסט. מיר זײַנען פּאַרטיזאַנער...

עס ענדיקט זיך אויסשמעלצן דאָס ליכטל אַרום דעם לאַנג געוואָרענעם, רויכערנדיקן קנויטל, וואָס פֿילט אָן דעם כּאַלאָל מיט אַ געדיכטער שײַן, ווי מיט אַ גרוי־געלבלעכן שטויב. די ערפּאָרכטיקע שאָ פֿון מישפּעט איבער אַ גאַנצן מענטשן־לעבן איז געוויס אָנגעזעטיקט מיט אַזאַ־אָ שטויב און מיט אַזאַ־אָ שטימונג. און אַלס קלאַל האָט דער אָנגעקלאָגטער דאָס רעכט אַפֿן לעצטן וואָרט, איידער ס'ווערט אַרויסגעטראָגן דער פּסאַקדין. און מאַכמעס דער אָנגעקלאָגטער וויל אין אָט דעם וואָרט אַרײַנטאָן אַלץ, וואָס דאַרף, לויט זײַן מיינונג, געזאָגט ווערן, בלײַבט עס שטענדיק פֿאַר אים ניט דערזאָגט. אויך מאַלקינדס לעצט וואָרט איז אומבאַהאָלפֿן, צעשויבערט, ניט דערזאָגט.

— הערט איר, איר האָט מיך בעעמעס גערעטעוועט פֿון דער לייבן־גרוב. אין אַזאַ בלוטיקער צײַט אַרויסגעשלעפּט... גלייבט מיר, איך בין אַזוי מיד, אַזוי מיד... און וואָס טראַכט איר ווײַטער צו טאָן מיט מיר?

— איר פֿאַרלאָזט זיך אַף אונדז? — פֿרעגט דער מענטש, צו וועמען ער ווענדט זיך, ווי צו אַ ריכטער.

שמייכלענדיק שאָקלט מאַלקינד מיטן קאָפּ אַף יאָ.

דער יונגערמאַן אינעם פּעלצל שטייט אוף, טוט עפּעס אַ ווונק צום צווייטן מיט די העלע וואָנצעס, וואָס איז די גאַנצע צײַט געזעסן ווי אָפּוועזנד, און פֿאַרשווינדט. דער, צו וועמען דער ווונק איז געווענדט, שפּרייט אויס אַף דער באַנק אַ בעגעד, דרייט צונויף אַ צוקאָפּנס און מאַכט צו מאַלקינדן:

— דאָ האָט איר אַ פּענעץ ברויט מיט מאַרמעלאַד. בײַסט צו און כאַפּט אַ דרעמל. נאָר מאַכט עס בעקיצער. איצט זײַט איר אין מײַן דייע. באַ אונדז, פֿאַרשטייט איר, איז דיסציפּלין, שטרענג. און הײַנט באַנאַכט שטייט אונדז נאָך פֿאַר דאָס עמעסע שטיקל אַרבעט. מיר וואַרטן אַפֿן סיגנאַל...

מאַלקינד עסט אָפּ, שפּאַרט זיך געהאָרכזאַם צו. די נערוון אַנטשפּאַנען זיך. אַלע קויכעס רינען אויס, ווי טראָפּנס פֿון אַן אויסגעדרייט שטיקל גרעט. און ס'איז אים ווויל. אַ זעלטענע שטילקײַט פֿאַנצערט אים אַרום, אַן אומענדלעכע שוץ פֿון אַלע ספּייקעס, זאָרגן און וואַקלענישן, און דאָס גאַנצע לעבן זײַנס, קאָרעוו צו די פּופּציקער, איז איצט אַלט געווען בלויז איין אָוונט און אַ קעזאָיס נאַכט. דאַרף ער אָנהייבן ווי אַן אייפּעלע לערנען זיך גיין, שטעלן טראָט באַ טראָט, ווי אַ זיבנטאָגיק קעצל אופֿרײַסן די אויגן און דערזען די וועלט, באַמערקן, אַז אַפֿילע אין געטאָ באַרויִקן זיך ניט מענטשן, שטופּן וועגעלעך, גרייטן געוועור, שטעלן זיך אַנטקעגן דער רישעס. דאָס איז מענטשלעך. בלויז ער, מאַלקינד... מע האָט אים אין געטאָ די גאַנצע צײַט אונטערגעהאַלטן — וועד מיט אַ שטיקל ברויט, מיט אַ טעלער זופּ, וועד מיט אַ גוטער אייצע, מע האָט אים ניט איין מאָל מאַמעש געצוווּנגען באַהאַלטן זיך בייס אַקציעס אין געטאָ. הײַנט האָט מען אים פֿון זיכערן טויט גערעטעוועט. אַלץ דערפֿאַר, ווײַל ער איז אַ שרײַבער, ווײַל ער דאַרף געבן לאָשן זייערע אַלעמענס ליידן און טרוימען, ווײַל ער דאַרף אָנשרײַבן זייער צאַר־ און צאָרן־צוואָע פֿאַר

קינדסקינדער... און ביז איצט האָט ער אלעמען אנטוישט. זיך בעסויכאָם. זײַן שאַפן, דאָס טײַערסטע, וואָס ער האָט פארמאָגט, געלאָזט אײַנדארן, אונטערגיין. זיך ניט צוגערירט אין געטאָ צו דער פּעדער! און דאָ, באלויכטן פון בלענדיקע לאָמפּן, דערשײַנט אין פולן גלאַנץ דער געטאָ־קאָמענדאנט מיט די גאָלד־אײַנגערעמלטע ברילן. פארקײַכנדיק זיך פון געלעכטער, כאַפּט ער אָן מאלקינדן פארן האלדז און שטיקט, ווערגט...

— שאַ, שאַ, כאַווער שרײַבער! — דערהערט ער איבער זיך א הייזעריקלעך קאָל. געעפנט די אויגן — ס'איז דער מאנצבל מיט די העלע וואָנצעס.

— ווער האָט אײַך צו רו ניט געלאָזט? א בייזער כאָלעם, צי וואָס? — פרעגט יענער. שאָקלט מאלקינד מיטן קאָפּ אף ניין:

— ניט קיין כאָלעם.

און ס'טוט אים האַנאָע, ווען ער דערמאָנט זיך אינעם קאָמענדאנט, וואָס האָט ווילד געריטשעט, געוואָלט אים דערשטיקן. אוודע אויך אין פײַער ארײַנוואַרפן... געוויס וועט מאלקינד אים פארשאַפן א ביסל אומאָנגענעמלעכקײַט מיטן פארשווינדן. אָבער אזוי צו גוואַלדעווען, בושעווען? סײַדן ער ווייסט שוין, ווער ס'האָט זיך ארויסגעגליטשט פון זײַנע הענט. איז ער טאַקע אזוי געפערלעך דעם היטלעריסט? אָ, ווען ס'איז טאַקע אזוי...

דעם סאָף פון זײַן כעזשבן מיט זיך און מיט דער וועלט מאַכט ער שוין אריבערקומענדיק א פארפלאָנטערטן אונטערערדישן וועג, וואָס האָט מאַשמאָעס געפירט דורך קאַנאַליזאַציע־רערן, ווײַל דאָרט האָט עס דעם אָטעם פארכאַפּט, און געבראָדזשעט האָבן זיי איבער שמוץ און בלאָטע. ארויסגעקראָכן אף דער פרײַ דורך א ברונעם ערגעץ, קאָנטיק שוין אויסער דער געטאָ. זײַן באַגלייטער, אָנגעטאָן ווי א פויער, האַלט אים אונטערן אָרעם. אויך ער, מאלקינד, טראָגט שטיוול, א דאָרפיש טולופּל, פון וועלכן עס שמעקט מיט שעפּסן־פּעל. ער טוט אומגערן א טאַפּ די ברוסט. ניטאָ, ניטאָ דאָרט די געלע לאַטע.

די געטאָ, די שטאָט זײַנען שוין ווײַט הינטער זיי. עטעמט זיך לײַכטער. דער ווינט בלאָזט אין רוקן, ווי אין א זעגל, און העלפט שפּאַנען...

און אויבן הענגט דער הימל נאָך אלץ א צעפּליקטער אף שטיקער און עס ציטערן אין זײַנע ריסן פארלוירענע דימענטן — שטערנדלעך. דאָס שטיקל לעוואָנע — מיד, אויסגעשעפּט פון וואַנדערן איבערן הימל־פּליין, — נידערט אף אָפּרו צום ראַנד פון דער ערד. „די לעוואָנע ענדיקט זיך“, — טראַכט מאלקינד. — „צום סאָף, אינעם מוילעד, וועט זי זיך באַנײַען, אפּסנײַ געבוירן ווערן. אויך מיט אים האָט די נאַכט אזאַ נעס פּאַסירט“. ווייטעקן ווערן אויס ווייטעקן. מוירע ליגט ערגעץ צונויפגעקאָרטשעט און הייבט דעם קאָפּ ניט אויף. א געשפּאַנטע דערוואַרטונג פון עפּעס אומבאַוווּסטעס פארמעקט אלע שפּורן פון אָפּהענטיקײַט...

די צוויי מענער שווײַגן דעם גאַנצן וועג. פארטיפן זיי זיך אָבער אין א וואַלד, האַלט מאלקינדס באַגלייטער זיך ניט אײַן, נעמט שעפּטשען אין ייִדיש:

— אָ, אונדזער פּאַווקע. מיר האָט ער אײַך אָנגעטרויט. ווען ער דאַרף ניט בלײַבן אין געטאָ, וואָלט ער אליין געגאַנגען... כ'האָב נאָך דאָרט א ווײַב, א קינד. ביז איצט אויסגעהיט. געטאָן פּונקט קאַפּויער, ווי די יעקעס האָבן געהייסן... מײַן אייצע — טוט אויך שטענדיק אזוי...

מאלקינד דריקט צו זיך צו זײַן באַגלייטערס אָרעם און טוט א מורמל:

— אונדזערע טאַטעס וואָלטן געזאָגט, אז איר פארדינט די גרויסע מיצווע פון מאַטיר־אסירים.

— וואָס זאָגט איר? — פארשטייט יענער ניט.

— כ'מיין, איר ווײַזט וווּנדער.

— מיר ווײַזן, וואָס מיר קענען, — ענטפערט דער באַגלייטער. — מיר ווײַזן, אז נאָך אלעמען האָבן מיר זיי אין דער ערד...

זיי שפּאַנען איבער דעם נאַכט־איבערפולטן, אין אומרו פארקראַמפּטן וואַלד. א ווינט לויפט איבער די ביימער־קרוינען, וואָס שושקען זיך, הודען סוידעספול. אונטער די פיס טרעשטשען צווײַגן. בלויז צווײַגן? מאלקינד הערט גאָר, ווי ער ברעכט דעם קרײַז, וואָס אין זײַן שוץ האָט ער געגאַרט איבערשלאָפן כאָטשבי זיבעציק יאָר... דער קרײַז ברעכט זיך. און הינטער אים ליגט די שוועל פון א נײַער וועלט. מאלקינד טרעט זי אריבער, אונטערגעהאַלטן און געפירט פון נײַע ייִדן, נײַע מענטשן און צוזאַמען מיט זיי...

— ווי מיינט איר, פאַפיר, א פעדער, א בלײַער וועלן זײַן? — גיט ער א פרעג זײַן באַגלייטער.

— ווי דען, לאָזן א שרײַבער אָן זײַן קלאַפּערגעצײַג? — ענטפערט יענער רויִק.

באַם ציל פארהאַלט זיי א בילערײַ פון א הונט. זיי דערזעען פאַר זיך אַן איינזאַם צווישן ביימער און קוסטעס שטייענדיק שטיבל, פון וועלכן די פרימאָרגעדיקע דעמערונג שיילט שוין

ארום די נאכטיקע שאָטנס. אױף די אומופהערלעכע קוילעס פונעם אָנגעקײַטן שוימער עפנט זיך די שטוב־טיר.

— זײַט געגריסט, אנטאנאס! — רופט אויס אין ליטוויש מאלקינדס באגלייטער צום הויכן, מעגושעמדיקן מענטשן, וואָס באווײַזט זיך אין דער טיר.

— ביטע, ביטע, — בעט זיי ארײַנגיין א טיפע ברוסטיקע שטים. — האָט אײַך קיינער ניט באמערקט?

— איך טראָג זיך באלד אָפּ, — דערקלערט מאלקינדס באגלייטער, בייס אלע קומען ארײַן אין דער טונקעלער, מיט ווארעמקײַט און רייעך פון פּאראָשטשינעט ברויט אָנגעזעטיקטער שטוב. — אָט־דאָ, אנטאנאס, בלײַבט בא דיר א כאווער. פּאווקא, אויב ער'ט קאָנען, וועט נאָך הײַנט אריבער־קומען, וועט ער זאָגן, וואָס ווײַטער צו טאָן. מע טרויט דיר אָן א כאַשעוון מענטשן, א שרײַבער...

— אָ, ביטע, ביטע, אָ! — בלײַבט הענגען אין דער טונקעלער ווארעמקײַט דער ציטער פון א באַסאָווער סטרונע.

מאלקינד שטייט א פארטײַעטער. דער מויעך ווערט אים שטײַף, ווען ער טוט א קלער, אז ס'איז פאר אים אויס געטאָ, אויס אונטערגאנג, אויס יעכידישע אָפּגעזונדערטקײַט, אויס איין־אליינקײַט. ווידער — לעבן. דאָס לעבן גייט ווײַטער. ניין, עס הייבט זיך ערשט אָן...

●

מענדל ליפשיץ

דערמאָנונג

ניטאָ די קינדהײַט... דורכגעבליצט און שוין.
און די דערמאָנונג בלײַבט נאָך לײַכטן קלאָר:
פארבליבן איז אין איר א בארנבוים,
א ווילדער בארנבוים... און דאָס איז גאָר, —
א בארנבוים, א ווילדער בארנבוים.

ס'איז ניט געווען בא אונדז קיין אנדער פלאנץ,
בלויז ער די בידנע בייטן האָט באהעלט
אין שפעטן אָסיען מיט זײַן קופּער־גלאנץ,

מיט קליינע בארעלעך, וואָס ברענען געל, —
דער בארנבוים, דער ווילדער בארנבוים!

מיט סעדער־זון האָט מיך די צײַט געגריסט,
מיט גערטנער־גאָלד האָט מיך געגריסט די צײַט.
נאָר קיין דערמאָנונג איז אזוי ניט זיס,
ווי אָט די הארבסטיקע, די ראָזע צווײַג
פון בארנבוים, פון ווילדן בארנבוים...

אומענדלעך ליב איז מיר די וועלט

אומענדלעך ליב איז מיר די וועלט,
מיט איר אומופהערלעכן אומבײַט,
און וועסנע גרינט, און אָסיען געלט,
און זומער שטײַגט אין גרינעם זון־בעט.

כאָטש נעם דאָס הארץ ארויס, גיב אָפּ
פאר נאָר איין בליק פון איר באגינען,
כאָטש לאָז אין יאמען זיך אראָפּ
פאר אָט דער ערד, אז זי זאָל גרינען.

זײַ מיט דײַן ליד אים ווערט!

ווילסט, ביז גרונט באשײַנען ליכטיק
זאָל דעם אָנהייב טאָג דײַן דיכטונג?
ווילסט, דײַן דיכטונג ביזן דעק
זײַן זאָל פאר דעם דראנג אנטפלעקט? —

פויגלען זינגען — האלט זיי אונטער!
מענטשן ראנגלען זיך — דערמונטער!

אים, דעם מענטש, האָב ליב און לויב,
מיט דײַן קויעך אים דערהויב.

זינג פון אים! אים קענסטו, וויסטו,
דו טרייסט אים — וועט ער דיך טרייסטן.
אים, וואָס בויט, באנײַט די ערד —
זײַ זשע מיט דײַן ליד אים ווערט!

* * *

ווען איך וועל זיך צעשיידן מיט דער ערד,
די זון אין הימל וועט מיר זײַן אן אײדעס,
אז אלץ, וואָס איז מיר טאָן געווען באשערט,
געטאָן האָב איך באטאָג אָן קיין שום סוידעס.

געליבט, געזידלט כ'האָב אין פּאַנעם גלייך,
כ'האָב קיינעם ניט געשיקט צום מאלכהאמאָוועס.
די פריינטשאפט איז געווען מיין קיניגרייך,
די בייזקייט איז געווען נאָר אף קאַטאָוועס.
— — — — — — — — — — — — — — —
פאר זיך אליין קאָן זיין גענוג דיין וויי,
פאר מענטשן אָבער טראָגן דאַרפסט א שמייכל, —
און אויב מע וועט דערמאָנען מיך אזוי,
דאָס איבעריקע בין איך אלץ שוין מוחל.

* *
*

און פאר דעם טאָג — אין זון און שיין,
און פאר דער נאכט, וואָס לייכט דיר אויך,
און פאר דער ערד, ווו דיר איז זיין
באַשערט אין פייער און אין רויך,

און פאר די הימלען — בלוי און גרוי,
און פאר די וועלדער — געל און גרין,
און פאר דעם מענטש, וואָס ברעכט און בויט
און אלץ זוכט צוגעבן א זין,

און פאר די יאַמען — ברויזיק ברייט,
ווו דיינע שיפן הייסטו: „שווימט",
און פאר די שטעט, וואָס הייסט זיי „שטייט!",
פאר פלעצער, ווו עס קלינגט דיין שטים,

און פאר דער האַנט, וואָס גיט דיר ברויט,
וואָס גיסט דיר אָן א קאָס מיט ווייַן, —
פאר אלץ, וואָס דיר איז אָנגעטרויט,
דו קאָנסט דאָך ניט נאָר דאַנקבאַר זיין.

אויב דיר איז אָנגעטרויט די האַק,
איז ווילסטו וועלדער מאכן ריין,
דו האָסט אין הימלען זיין געוואָגט,
איז צו דער העכסטער הייך דערגיי!

אזוי דאַרף זיין

און ווען די ערד וואָלט ניט געווען,
וואָלט איך ניט זיין.
און ווען די זון וואָלט ניט געווען,
וואָלט איך ניט זיין.

און ווי וואָלט זיין, ווען איך ניט זיין
זאָל אף דער ערד? —
וואָלט ערד געווען און זון וואָלט זיין
אָן מיר אף דר'ערד.

און ס'דריקט פון דעם מיך אזא פּיין,
איז ווי וואָלט זיין?
ניט וויסן וויל דאָס הארץ פון פּיין:
אזוי דאַרף זיין.

דאָס נייע וואָרט

דאָס נייע וואָרט אונדזערס פאַרגליכן ווערן דאַרף מיט פייער,
מיט פייער, וואָס פאַרברענט ניט, נאָר וואָס שמידט;
און אונדזער טאָג קומט אוף א ליכטיקער, א נייער,
א וואַרעמער, ווי אונדזער ליד.

און פונקט, ווי אונדזער ליד איז פול מיט מוטיקייט און אופטו,
אזוי איז פול דער דאָר מיינער מיט דראַנג.
וווהין ער זאָל מיך נאָר א רוף טאָן —
עס גייט מיט אים צוזאַמען מיין געזאַנג.

ס'האָט ציאָלקאָווסקי צו די ווייטע שטערן
דעם ערשטן וועג אין דימיען זיינעם אויסגעשפּרייט,
און איצט מיר קאָנען שוין דעם קריג פאַרווערן
אף ברייטן וועג, וואָס אין די ווייטסטע הימלען גייט.
יאָ, צו א יאַמטעוו איז געגליכן אונדזער וואָך,
איז ווילן מיר יאָמטויוים נאָך און נאָך...

ארן ווערגעליס

צו דער פראגע וועגן דעם נאציאָנאלן כאראקטער פון דער היינטצייטיקער יידישער ליטעראטור

א „דזשאב" מיט פאלשע מעזוזעס

„ענדלעך האָט מען אין ייִסראָעל אָפיציִעל אָפגע־פאסקנט, ווער עס איז א ייִד. די ערשטע אָפיציִעלע דעפיניציע, וואָס די ייִסראָעל־רעגירונג האָט געגעבן אין 1958, האָט באשטעטיקט, אז א ייִד איז דער, וואָס געהערט ניט צו קיין אנדער רעליגיע ווי די ייִדישע. אָבער די קלעריקאלע קרײַזן פון ייִסראָעל האָבן געהאלטן, אז אזא דעפיניציע איז צו ליבעראל. לעצטנס האָט דער אינערן־מיניסטער מוישע שאפירע געגעבן א נײַע דעפיניציע: „א ייִד איז דער, וואָס האָט א ייִדישע מאמע און איז געמאלעט, אויב ס׳איז א מאַן, אָדער איז געטויוולט געוואָרן נאָכן געבורט, אויב ס׳איז א מיידל" (פון צײַטונגען).

„עלקע רודנער, די העלדן פון נאָטע לוריעס ראָמאן „דער סטעפ רופט", פארמאָגט לאכלוטן ניט עפּעס ייִדישס אין זיך, וואָס זאָל בארעכטיקן איר ארבעטס־העראִישקײַט ווי א ייִדישע. זי, עלקע, איז א געטרײַע קאָמסאָמאָלקע, וואָס היט די פארטיי־געבאָטן. און דער כאָלעם און די פרייד, וואָס איר באשאפער נאָטע לוריע באוויליקט איר, איז דער כאָלעם און די פרייד צו בויען א סאָציִאליסטיש דאָרף" (שלוימע ביקל, נאציִאָנאלע מאָמענטן אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראטור. פאַר־עפנטלעכט אין זשורנאל „די גאָלדענע קייט", נומ. 29).

לאָמיר דאָס אלץ אָנעמען פאר ערנסט. שלוימע ביקל איז אן אלטער ליטעראטור־קריטיקער, עמעס, ניט פונעם פראָגרעסיוון לאגער, נאָר דאָס פרעגט, נאטירלעך, ניט אָפּ די שרײַבערישע קוואלי־פיקאציע זײַנע. אויך די מעלוכע־מענער אין ייִסראָעל ווערן, ווי געוויינלעך, קאָמפּלעקטירט פון מענטשן, וואָס ווייסן א טאָלק אין יורידישע דעפיניציעס. דעריבער דארפן מיר דאָס אויבנגעבראכטע אָנעמען פאר ערנסט...

ס׳איז אויך קלאָר, מיסטאמע, אז די צוויי ציטאטעס ברענג איך דאָ ניט צופעליק. זיי זײַנען טיפּיש פאַרן pro און פאר דעם contra. די געטרײַע קאָמסאָמאָלקע, וואָס „היט די פארטיי־געבאָטן" פונקט אזוי, ווי איר קריסטלעכע כאווערטע, און האָט די זעלבע מיט איר „כאָלעם און פרייד", — זי „פארמאָגט לאכלוטן ניט עפּעס ייִדישס אין זיך", איר ארבעטס־העראִישקײַט קאָן ניט באטראכט ווערן ווי א ייִדישע. זעט איר, ווען זי וואָלט אין איר טאָגטעגלעכער טועכץ געפאָלגט דעם ראָוו און דערצו געקאָנט דערווײַזן, אז נאָכן געבורט איז זי געטויוולט געוואָרן, — דאן וואָלט מען זי געמעגט רעקאָמענדירן נאָטע לוריען פאר א העלדן פון זײַן קאָל־ווירטישן ראָמאן, און דער ייִדישער סאָוועטישער פראָזאִיקער וואָלט באקומען פון שלוימע ביקלס הענט סמיכעס אף עכטער ייִדישקײַט.

איבערלאָזנדיק די פּאָלעמיק מיט שלוימע ביקלען אף א ביסל שפּעטער, קאָן איך צום ציטירטן ברענגען נאָך עפּעס — מיט דעם מיין, אז דער צאד־שעקענעגעד זאָל באקומען מערער לאָשן, זײַנע ארגומענטן זאָלן שטארקער ווערן, און דעמלט, גלייב איך, וועט שוין אויך דער סיכ־סעך מיט אים האָבן מערער וואָג.

יאנקעוו לעשטשינסקי, דער באקאנטער מײַסטער פון ניט מאָטיווירטער פּאָלעמיק, איז נאָך הײַנט אויך ניט מיד צו האלטן דאָס אויג אף די מאָסקווער, קיִעווער, ווילנער, אוראלער ייִדן. אין אן ארטיקל „דער מאצעוו פון סאָוועטישן ייִדנטום" זאָגט ער, אז, ווי ער פארשטייט, איז קאמף קעגן ציִעניזם דאָס זעלבע, וואָס אנטיסעמי־טיזם... און דאָ טאקע טוט ער ניט פארגעסן די רעליגיע: „קאמף קעגן דער ייִדישער רעליגיע איז איינס פון די מיטלען, וועלכע דארפן צערײַסן דעם ייִדישן ציבור, אים צעברעקלען, אופרייצן און צערייצן די פארשיידענע טיילן פון דער ייִדישער באפעלקערונג און אָנרייצן איין טייל קעגן צווייטן".

אומזיסט מיינט איר, אז לעשטשינסקיס „אָנרייצן... אופרייצן... צערייצן..." איז, פאר קיינעם געדאכט, אן אָפּגרעפּץ פון א שלעכטער שטימונג, ווען בא א מענטשן אין אזא עלטער, קיין אײַנהאָרע, מאכט זיך א צערייצט־קײַט איבער שלאפע נירן, צי איבער שלאָפלאָזיקײַט. ניין, יאנקעוו לעשטשינסקי דריקט דאָ אויס אן אָפיציִעלן שטאנדפונקט. די ייִדישע רעאקציע זוכט אײַנצושטעלן פאר די ייִדישע מאסן א לעבנס־סיידער פונעם מיטלאל־טער, קעדיי זיי אָפּהאלטן פונעם פרײַהײַטס־קאמף פון אונדזער עפּאָכע. צוליב דעם ווערט קוידעמקאָל אלץ געטאָן אף צו דערקלערן ייִדן פאר א רעליגיִעזער סעקטע, דערבײַ — פאר א מאָנאָליטער, אײַנגעשלאָסענער רעליגיִעזער סעקטע, וואָס ווייסט דערצו ניט פון קיין אָרעמע און רײַכע, עקספּלואטירטע און עקספּלואטאָרס: אלע ייִדן לעבן אין איר מיט איין און דעם זעלבן גאָט אין הארצן...

אין 1962, בעשאס אין ייִסראָעל איז דורכגעפירט גע־וואָרן א ציילונג פון דער באפעלקערונג, האָבן בלויז בלינדע ניט געזען, אז אין פראגע־בויגן, וואָס די בירגער האָבן געדארפט פארפילן, האָט געפעלט די רובריק

„נאַציאָנאַליטעט“. אַנשטאָט איר איז פאַרגעלייגט געוואָרן צו אונטערשיידן איין מענטש פון דעם צווייטן לויט דער רעליגיעזער אַנגעהעריקייט: „ייִד“, „קריסט“, „מוסולמענער“, „דרוז“.

אזא צוגאנג איז אין פולן איינקלאנג מיט די נאַציאָנאַלע אידעאַלן פון די ציִעניסטישע פירער. ס׳איז קעדײַ צו דערמאָנען בען־גוריאָנס א זאָג, אז עס וואָלט געווען גוט, ווען דאָס ייִדישע פאָלק „זאָל באשטיין פון צוועלף מיליאָן נעטוירײ קאַרטאַניקעס“[1]. דאָס איז דער ווילן ניט נאָר פון בען־גוריאָנען. פאַראן, לעמאָשל, בא דער אמעריקאנער ייִדישער גרויס־בורזשואזיע אזעלכע אָרגאַניזאַציעס, ווי „יונײַטעד דזשויִש אפיל“, צי די „וועלפעיִר באָארדס“, וועלכע זאמלען יאָר־יערלעך ארום 200 מיליאָן דאָלער פאר צדאָקע־צילן, און די סטאַטיסטיק באַווײַזט, אז מערסטנס גייען אָט די פאָנדן אף פארשטארקן אין ייִסראָעל, און אויך אין אמעריקע גופע, די רעליגיִעזע האשפאָע אפן פאָשעטן פאָלק. בא זיך אין דער היים וואָלטן די אמעריקאנער מאַנאָפאָליעס געוויס ניט דערווידערט, אז דאָס קאָנסערווירט־פארבליבענע אין דער צווייטער העלפט פון צוואנציקסטן יאָרהונדערט מיטלאַלטערלעכע געטאָ אין ברוקלין — דער אָרטאָדאָקסיש־פּרומאקישער וויליאמסבורג, וווּ ייִדן אין ווײַסע זאָקן און אין שטרײַמלעך זײַנען „אונטערטעניקע“ פון דעם סאטמארער רעבן און וווּ אָפּגעזונדערט פונעם גאנצן ניו־יאָרקער לעבן שטייען אף בעדפאָרד־עוועניו קאָלערליי קרעמלעך, קאָשערע יאטקעס, ווי אין אמאָליקן טכום פון צארישן רוסלאנד, — אז אָט דער וויליאמסבורג זאָל ווערן די אידענטיפיצירונג פון דער גאנצער אמעריקאנער „ייִדישער גאס“.

די רעאקציע איז ניט זאָרגלאָז אין אָפּהיטן איר אײַדײיִשע באזע, אין פארשפּרייטן און פארפעסטיקן איר ווירקונג. באזונדערס אקטיוו איז זי אף דעם פעלד, וווּ ס׳איז גרויס די אינערץ, וווּ ס׳איז מעגלעך א ספּעקוליר צו טאָן, וווּ ס׳איז, בארעכהאשעם, דאָ פאר וואָס זיך אָנצוכאפּן, — אף דעם פעלד פון די נאַציאָנאַלע געפילן. אהער ווארפט זי אירע מאָבילע קויכעס. איינער פון די טרובאדורן אירע, יאנקעוו לעשטשינסקי, קומט, ווי מיר זעען, „טעאָרעטיש“ באגרינדן, אז רעליגיע בא ייִדן איז — א סגולע צו בלײַבן א פאָלק און אז נאָך איין מיטל דערצו איז דאָ — ניט קעמפן קעגן ציִעניזם...

מיר ווייסן שוין אויך, וויאזוי שלוימע ביקל „באארבעט“ דאָס פעלד פון דער ליטעראטור־קריטיק פאר לעשטשינסקיס קאָנצעפּציע, — ער „רייניקט“ אָפּ, ווי איִם ווילט זיך גלייבן, די ייִדישע פּראָזע פון קאָמסאָמאָלקעס, וואָס פאָלגן ניט דעם ראָוו און ווײַזן ארויס ניט־ייִדישן סאָוועטישן ארבעטס־הערױִזם...

און אָט איז נאָך א קאָל — עס קומט פון מאָרדכע שטיגלערן, וואָס האָט, געדענקט זיך, אין דער אמעריקאנער פּויאַלעציִעניסטישער וואָכנבלאט „ייִדישער קעמפער“[2] געמאָלדן אנומלטן, אז די טראגעדיע פון דער ייִדישער ליטעראטור איז אין איר וועלטלעכקײַט. עמעס, מאָרדכע שטיגלער איז, ווען מע דארף, בייגעוודיק. אין זײַן ארטיקל

---

[1] — נוטרי קרתא — היטער פון די טויערן (אזוי רופן זיך די רעליגיעזע פאנאטיקער אין יערושאָלאיִם).

[2] אין מײַן ארטיקל „די גאָלדענע קייט פון דער ייִדישער ליטעראטור“ (סאָוועטיש היימלאנד“ נומ. 4, 1963) איז אָט די צײַטשריפט אלפיטאָעס פארעכנט געוואָרן אלס בונדישע.

„די טראגעדיע פון דער ייִדישער ליטעראטור“ פארפינקטלעכט ער דאָס אָרט, וווּ די פּעסט איז מעסוגל צו פארשפּרייטן זיך, אַנווײַזנדיק, אז וועלטלעכקײַט איז ספּעציִעל געפערלעך אין ייִדיש. „דער העברעיִש־וועלטלעכער נוסעך האָט זיך אָנגעקלאמערט אין ציִעניזם“... די בסאָמים פון ציִעניזם קאשערן אפילע וועלטלעכקײַט. זאָל אָבער גאָט אויסהיטן פון וועלטלעכקײַט אָן ציִעניזם... אזא וועלטלעכקײַט וועט דאָך אָנשפּארן סאָפּקאָלסאָף צו איר, צו דער קאָמסאָמאָלקע... און מיינען מיינט מען דאָך בעפּײַרעס אָן אנדער אידעאל: „ייִדן זײַנען א פאָלק פון לערנער און פון סאָכרים“ — פּראָקלאמירט אין 1963 אין „פאָרווערטס“ דער דאָרטיקער עקספּערט אף נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען א. מענעס.

אוועלכער פונדעסטוועגן איז ער, זייער „אידעאל פון ייִדישקײַט“? אָט וואָס עס שרײַבט וועגן דעם אין ניו־יאָרקער „טאָג־מאָרגן־זשורנאל“ ש. ל. שנײַדערמאן: „דאָס איז דער דראנג נאָך ייִדישער אידענטיטעט, וואָס קומט צום אויסדרוק קוידעמקאָל אין דער איראציאָנעלער גוירלגעמיינשאפט פונעם ייִדישן פאָלק. דאָס איז דער היסטאָרישער אָרעאָל, וואָס ווייסט ניט פון קיין טעריטאָריִעלע גרענעצן, קלאסן־פארטיילונג אָדער אידעאָלאָגישע דיפערענצירונגען“...

ווייסן מיר, הייסט עס, אין וואָס דאָ גייט. עס טויג ניט שנײַדערמאנען די „קלאסן־פארטיילונג“ און „אידעאָלאָגישע דיפערענצירונגען“, ווײַל ייִדן דארפן זײַן א קלאסןשאָלעמדיק „איינהײַטלעך“ פאָלק, וואָס איז קוילעל אין זיך דעם ארבעטנדיקן אָרעמאן פון אונטן און דעם ניט־ארבעטנדיקן גוויר פון אויבן.

וואָס פאר א פרײַז די רעדלפירער פון פּאָליטישן ציִעניזם זײַנען גרייט צו צאָלן פאר זייער „ייִדישער איינהײַט“, איז צו זען פון אן ארטיקל פון זייערן א טוער אין אמעריקע — מיסטער וואקסמאן רופט מען אים — אין דער וואָכנצײַטונג „קאליפאָרניא דזשויִש פּרעס“. „אדאָלף היטלער איז געווען דער מענטש, וואָס האָט צעמענטירט די קרויוועשאפט צווישן דעם וועלט־ייִדנטום“, — שרײַבט וואקסמאן. ווײַל — דערווײַזט ער זײַן טעזיס — ביז היטלערס גזיירעס זײַנען די ייִדן געווען פארייניקט בלויז אין לאָקאלע נאַציאָנאַלע גרענעצן פון די לענדער, אין וועלכע זיי האָבן געלעבט, און אָט, ווען די נאציסטן האָבן פארשניטן 6 מיליאָן לעבנס, האָבן די ייִדן פארשטאנען צו ווערן א וועלט־פאָלק... וואקסמאן פארכלינעט זיך אין זײַן דאנקבארקײַט צום מאן, וואָס האָט אף אזא אָריגינעלן אויפן געהאָלפן צעמענטירן דאָס ייִדנטום: „עפּשער דארפן מיר באשטימען צוויי טעג פאר היטלערן: א טאָג צו שילטן אים און א טאָג צו דאנקען אים פאר דער טויווע“...

יאָ, יאָ, אזוי ווערט טאקע אף אן עמעס געזאָגט: „א טאָג צו דאנקען אים (היטלערן!) פאר דער טויווע“... און אויב די שיינע „נאַציאָנאַלע ייִדן“ האלטן שוין דערבײַ, איז אונדז, ווײַזט אויס, געבליבן איצט צו ענטפערן נאָך אף איין פראגע: צי איז פון נאטירלעכן פּסיכאָלאָגישן שטאנדפּונקט מעגלעך, אז דער „אידייען“־קאָמפּלעקס, וועלכן מיר האָבן דאָ ערשט באקומען, זאָל בא נאָרמאלע מענטשן זײַן א רעזולטאט פון אינערלעכער איבערצײַגטקײַט, פון ערלעכע לאָגישע באטראכטונגען?

ניט לאנג צוריק האָט אן אמעריקאנער ראָוו, ארן שורין, מודיִע געווען אין ניו־יאָרקער „פאָרווערטס“, אז עס זײַנען „פאראן שוין, ב״ה, א סאך ייִדן אין אמעריקע, וועלכע הענגען אוף א מעזוזע אפילע בא זיך אין קאר־

(אין אווטאָמאָביל. — א.וו.)... האַראָוו שורין האָט אָבער באלד אפן אָרט געמוזט מודה זײַן, אז די מעזוזעס, מיט וועלכע מען איז מעזאקע דעם אמעריקאנער ייִדן, זײַנען גאָר „פאלשע סכוירע״, פּאַסעלע מעזוזעס: „יעדער ייִד ווייסט, אז א מעזוזע דאַרף געשריבן ווערן אף פּארמעט מיט אלע דינים, ווי עס ווערט געשריבן א סייפער־טוירע, צי טפילן... נו, האָבן גענומען די שווינדלער און האָבן פאָטאָגראַפירט מעזוזעס אף פּאַשעטן פּאפּיר און זיי האָבן עס פארקויפט פאר עכטע, קאָשערע מעזוזעס. עס פארשטייט זיך, אז זיי האָבן געמאכט א גוטן דזשאב״.

ס׳ארא סקאנדאל! דער „פאָרווערטס״־ראָוו פרעגט: „אָבער ווער איז טאקע געווען דער שולדיקער?״ און ענטפערט: „פאראן אף דעם צוויי מיינונגען: אייניקע גלייבן, אז די געפעלשטע מעזוזעס זײַנען פּראָדוצירט געוואָרן אין אמעריקע, אנדערע, ווידער, ווילן גלייבן, אז מע האָט זיי געבראכט פון מעדינאס ייִסראָעל״...

דער דאָזיקער פאל, גענומען דירעקט פון לעבן, זאָגט אונטער דעם ענטפער אף דער אוועקגעשטעלטער פראגע. יאָ, ס׳איז א „דזשאב״ מיט פאלשע מעזוזעס. די ייִדישע רעאקציע טומלט וועגן „נאַציאָנאלע אידייען״, פארבארי־קאדירט זיך מיטן גאנצן אלטפרענקישן ריטועלן רעק־וויזיט, ביז צו מעזוזעס „אפילע בא זיך אין קאר״, מיינענ־דיק דערמיט צו פארטומלען דאָס ארבעטנדיקע פאָלק, וואָס לעבט מיט זײַנע אייגענע קלאָלים אין איינקלאנג מיט די געבאָטן פון אונדזער צײַט און ניט לויט די דינים פון שולכן־אָרעך. די פאלשע מעזוזעס אין דער אידעאָלאָגיע ווערן, זאָל מיר זײַן דערלויבט איבערפראזירן האַראָוו שורינס מוסער־רייד אין „פאָרווערטס״, סײַ פּראָדוצירט אין אמעריקע, סײַ געבראכט פון ייִסראָעל, — און דאָ און דאָרט קומט עס ניט פונעם פאָלק, נאָר פון די, וואָס מאכן א „גוטן דזשאב״...

זייער ייִדישקײַט

אף וויפל די רעאקציאָנערע ליטעראטור־קענער האלטן טאָמיד די האנט אונטערן פארטעך און הערן ניט אוף דאָרט צו קלינגען מיט די שליסלען צו „נאַציאָנאלער ייִדישקײַט״, — ווילט זיך שוין וואָס גיכער א קוק טאָן, וויאַזוי זי זעט אויס, די ייִדישקײַט אף זייער מאניר.

איך בלעטער די ביכער, וואָס ווערן ארויסגעגעבן אין די בירגערלעכע פארלאגן פון אמעריקע, ייִסראָעל און אנד. לענדער, און פיל א געוויסע שווערקײַט באַם פעסטשטעלן דעם נאַציאָנאלן סימען פון יענער ליטעראטור. די שווערקײַט באשטייט דערין, וואָס אין אונדזער ווײַטהײַט ניט סיסטעמאטיזירטער שרײַבערישער ווירטשאפט געשעט אָפט אזוי, אז די רעאקציע אייגנט זיך צו שרײַבער בלויז דערפאר, ווײַל זיי זײַנען אָרגאניזאציאָנעל ניט פארבונדן מיט די פּראָגרעסיווע ליטערארישע אויסגאבעס און פארלאגן. פאר וועמען איז, לעמאָשל, ניט קלאָר, אז אידייִש האָבן צו דער רעכטער ליטעראטור א גאָר קנאפּן שײַכעס די ווערק וועגן די פאשיסטישע אכזאָריעסן, וועלכע עס האָט ארויסגעלאָזט אין י.־ל. פּערעץ־פארלאג פון ייִסראָעל אזא שטארקער רעאליסט, ווי ק. צעטניק. ווען מיר לייענען דעם „אלמאנאך פון די ייִדישע שרײַבער אין ייִסראָעל״[1], — די איינמאָליקע אויסגאבע, וואָס פרעטענדירט צו פאָרשטעלן די „נאַציאָנאל־בירגערלעכע״ ייִדישע שרײַבער פון אָט דעם לאנד, — קאָנען מיר זיך ניט באפרײַען פון דעם אײַנדרוק, אז לעגאמרע פרעמדע פילן זיך אין אָט דעם צונויפקום פון ארכאַיִשער גאָטזוכערײַ און „מאָדערנעם״ אנטיסאָוועטיזם אזעלכע ווערק, ווי, צום בײַשפיל, די דערציילונג פון א. מ. פוקס „שווערע טעג״, וואָס געהערט צום רעוואָליוציאָנער־ראָמאנטישן זשאנער, די נאָוועלע „דער גאנעוו פון ברויט״ פון ש. אבני (איר גרונט־אידיי איז צו באווײַזן, ווי פארדאָרבן עס איז די אייגנטימערישע נעשאָמע פון א פּניי־מענטש אפילע אין כעזשבן־האנעפּעשדיקע באדינגונגען פונעם פאשיסטישן טויט־לאגער).

אזעלכע בײַשפילן זײַנען פאראן ניט ווייניק, און ס׳איז ניט קלאָר, פארוואָס אין דער ייִדישער ליטעראטור פון די לענדער, וווּ זי איז אידיייִש ניט קיין מאָנאָליטע, ווערן אלפּי־קלאל געברויכט בלויז צוויי עקסטרעמע מאָסן: פּראָגרעסיוו און רעאקציאָנער, אָפּהענגיק, מערסטנס, פון דעם, אין וועלכער צײַטונג אָדער זשורנאל דער אווטאָר ארבעט מיט. ס׳איז דאָך באוווּסט, ווי גרויס און ווי פרוכטבאר עס איז אין דער פראנצויזישער, ענגלישער, דײַטשישער, שפּאנישער ליטעראטורן (און אויך אין דער העברעיִשער, צום בײַשפּיל ש.־י. אגנאָן, א. שליאָנסקי, יעהודע בורלא, נאטאן אלטערמאן אא.) דער שטראָם פונעם קריטישן רעאליזם, וואָס באזירט זיך ניט אף דער סאָציאַליסטישער וועלט־אָנשויונג, און דאָך קאָנען זײַנע פאָרשטייער ניט פארעכנט ווערן אלס רעאקציאָנערע שרײַבער, די ווערק זייערע זײַנען אָביעקטיוו פּראָגרעסיוו, כאָטש אָט די שרײַבער ווײַזן ניט קיין אויסוועג פון דער לאגע, אין וועלכער עס געפינען זיך זייערע העלדן. איך וועל ברענגען אַן ארויסזאָגונג וועגן דער דאָזיקער פראגע (אין „פּראַוודא״ פון 15 סענטיאבער 1963) פון איינעם פון די אמערסטן אווטאָריטעטע רוסישע סאָוועטישע ליטעראטור־פאָרשער אי. אניסימאָוו: „דער סאָציאַליסטישער רעאליזם — דאָס איז דער סאמע פאָרגעשריטענער, דער סאמע פולקומער רעאליזם פון אונדזער צײַט. אין די באדינגונגען פונעם סאָציאַליזם האָט ער אומבאגרענעצטע מעגלעכקײַטן פאר פרוכטבארער אנטוויקלונג. אין די באדינגונגען פונעם קאפּיטאליזם לייגט ער זיך דורך א וועג דורך די סאמע שווערע שטערונגען און ווערט אַן אלץ שטארקערער קויעך, אַן ענג צונויפגעבונדענער מיט דער ליטעראטור פונעם קריטישן רעאליזם, וואָס פארהיט נאָך א ברייטן ווירקונגס־דיאַפּאזאָן״.

אָט פארוואָס, ווען איך בלעטער די ביכער, וועלכע די רעאקציאָנערע ליטעראטור־קענער שטעלן געוויינלעך ארויס אלס שאפונגען פון „נאַציאָנאל־ייִדישע״ שרײַבער, מוז איך, קוידעמקאָל, אייניקע פון זיי אוועקלייגן אין א זײַט, ווײַל די רעאקציע האָט זיי אָן רעכט דערצו צוגעשטוקעוועט צו איר אידייִשער זשופּיצע. ווען איך לייען אנדערע „נאַציאָנאל־ייִדישע״ ווערק און טראכט וועגן דער באָדנלאָזיקײַט פון זייערע אווטאָרן, פארשטיי איך, אז אף וויפל אָט די שרײַבער זײַנען אין דער אָדער אין יענער מאָס, אף אזא אָדער אנדער אויפן, ארײַנגעצויגן אין דער אכזאָריעסדיקער פארלאג־ און פּרעסע־מאשין פון דער קאפּיטאליסטישער ברויטגעבערײַ, מוזן א סאך פון זיי — ערלעכע, אָבער שוואכע — זיך אונטערגעבן דעם געפערלעכן דרוק: איבער זייערע קעפּ הענגט דאָך די דאמאָקל־שווערד פון באשולדיקט ווערן אין פריידיקן פּראָגרעסיווע אָנשויונגען, אויב די פאָרם פונעם ווערק וועט ניט זײַן קיין ארכאַיִשע, דער אינהאלט — קיין ייִדישאָפּגעגרענעצטער, די אידיי — קיין אויסגעשפּראָכן קאָנסערוואטיווע.

[1] טעל־אוויוו, 1962.

מיר ווייסן גוט, אַז קעדיי דער שרײַבער זאָל קאָנען
מעקײַעם זײַן אָט די דרײַ ליטעראַרישע מיצוועס, מוזן
ער און זײַן ווערק שטיין וואָס ווײַטער פונעם לעבן.
פונדאַנען שטאַמט דער אַנשווילעכער טעמאַטישער דאַלעס
אין די הײַנטצײַטיקע רעאַקציאָנער־בירגערלעכע ליטע־
ראַרישע ווערק, זייער שאָקירנדיקע ענלעכקײַט. דער
ייִדישער שרײַבער, וואָס ווײַכט פון פּראָגרעס, וואָלט
עפּשער הײַנט געשריבן וועגן שטעטל, איז אָבער דאָס אַל־
טע שטעטל שוין לאַנג אָף דער וועלט ניטאָ. ער וואָלט נאָך
פאָרגעזעצט צו שרײַבן וועגן דעם שוידערלעכן פאָלקס־
אומגליק בייס דער היטלער־הערשאַפט, ווערט אָבער אַלץ
שווערער און שווערער צו ספּעקולירן אָף דער ביטערער
טרער, אָף די טײַכן פאַרגאָסענעם בלוט. פון זינט עס
האָבן זיך דורכגעריסן דורך דער פאַרגעסעניש אַנאַ
פראַנק, דאָווידל רובינאָוויטש, עלמאַר ריוואָש, מוז דאָס
וואָרט וועגן גרויסן בראָך זײַן געצוימטער, שטרענגער,
אָן אַ שעמעץ פון מעלאָדראַמע און כורבן־עקזאָטיק. פאַר
אַלעמענס אויגן האָט זיך אויסגעשפּרייט די בריק צווישן
די טאָגביכער פון אַנאַ פראַנק, דאָווידל רובינאָוויטש,
עלמאַר ריוואָש און דער קינסטלערישער ליטעראַטור אָף
דער קדוישים־ און העלדן־טעמע. זי, אָט די ליטעראַטור,
האָט פאַר דער גאַנצער וועלט אויסגעשריִען איר ווײַ־
וואָגיק וואָרט אין אַזעלכע טראַגיש־דערהויבענע ווערק,
ווי פּ. מאַרקישעס „מילכאָמע“, ה. לייוויקס „אין טרעבלינ־
קע בין איך ניט געווען“, ווי בערגעלסאָנס, דעם ניסטערס,
אָפּאַטאָשוס דערציילונגען, ווי דער דערשיטערנדיקער
אייכאָ פון ייִצכאָק קאַצנעלסאָן און אַנדערע פאַרבליבענע
אין זיקאָרן קינסטלערישע דאָקומענטן פון יענער צײַט.

בלײַבט איבער דעם רעאַקציאָנערן שרײַבער צו פּרוּוון
דעמאָנסטרירן זײַן „ייִדישקײַט“ אָף אַנדערע דרײַ, אין
גרונט גענומען, פּלאַצדאַרמען: ערשטנס, איז עס אַנטי־
סאָוועטיזם, ווו מע ברענגט אַרײַן אַ „נאַציאָנאַלן בײַ־
טראָג“ מיט דעם ביסל רעכילעס וועגן דער לאַגע פון די
סאָוועטישע ייִדן; צווייטנס, די באַנאַלע פּרוּוון צו
ווירקן מיט פּסעוודאָ־ביבלישע פּייזאַזשן, וואָס דאַרפן צע־
בלאָזן דאָס פײַער פון דער הײַנטצײַטיקער ייִסראָעל־
אידעאַליזאַציע; דער דריטער וועג, אָף וועלכן עס גייט
הײַנט דער שרײַבער פון דער ייִדישער רעאַקציע, —
דאָס איז דער וועג פון ייִעש, איינזאַמקײַט, מיסטיציזם,
קלויז־ און געטאָ־נאָסטאַלגיע, און אין לעצטן סאַכאַקל —
דער קאָשמאַר פון אָבערגלויבענישן, פון קרענקלעכער
עראָטיק.

צי איז פאַראַן אין דעם דאָזיקן שווינדלענדיקן באַרג־
אַראָפּ עפּעס אומגעריכטס? צי דאַרף מען עסן די גאַל די
הײַנטיקע שעפּער פון דער רעאַקציאָנערער ליטעראַטור
פאַר צעטרענצלען די ליטעראַרישע ווערטן, וועלכע זײַנען
נאָך געווען בײַ זייערע פאָרגייער, פאַר דערפירן די
ליטעראַטור זייערע צו אַזאַ ביזע־ביזויענדיקער געפאַלנ־
קײַט? ניין, בײַ זיי גייט אַלץ „ווי גאָט האָט געבאָטן“ —
גוזעצלעך, אומפאַרמײַדלעך. לאָמיר דאָ זיי באַזונדערס
שטאַרק ניט יאָדען.

איינער אַן אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער האָט
אין „ניו־יאָרק־טײַמס“ אָנגעשריבן שוואַרץ אָף ווײַס, אַז
דער וויכטיקסטער ייִדישער שרײַבער בײַ הײַנטיקן טאָג
איז ייִצכאָק באַשעוויס־זינגער. אַדעראַבע, לאָמיר טאַקע
אַ קוק טאָן אָף אים, אָף דעם „וויכטיקסטן“.

זײַן ראָמאַן „דער שאָטן פון גאָריי“ — דאָס איז, לויטן
פאַרטראַכט פונעם אַוטאָר, אַ בוך, וואָס פאַרקערפּערט
אין זיך די נאַציאָנאַלע קאָנצעפּציע פון דער הײַנטצײַטי־
קער ייִדישער בירגערלעכער ליטעראַטור. אין דער זעל־
בער צײַט, אַלס אַוטאָר פונעם קאָלום אין „פאָרווערטס“
(אונטערן פּען־נאָמען י. וואַרשאַווסקי), באַצייכנט באַשע־
וויס ווי ליקווידאַטאָרן פון ייִדישקײַט פּערעץ מאַרקישן,
לייב קוויטקאָ, איציק פעפערן, איזי כאַריקן. צו זיי
רעכנט ער צו אויך רייזענען, אָפּאַטאָשון, לייוויקן און
אפילע... די קלאַסיקער פון דער ייִדישער ליטעראַטור[1].

באַשעוויס־זינגער פירט אַוועק אין זײַן ראָמאַן דעם
לייענער אין דער געדיכטעניש פון מיטלאַלטער. ער מאָלט
אָן מיט פעטע נאַטוראַליסטישע פאַרבן אַ בילד פון שכי־
טעס, מאַגייפעס, הונגער, שיידים־טענץ, פײַניקונגען. אין
סאַמע ברען פון די צאָרעס מעלדעט זיך, ווי אַן אויסליי־
זער, שאַבסײַ צווי. די ייִדן, אויסגעמוטשעטע פון גרוי־
ליקע איבערלעבונגען, כאַפּן זיך אָן פאַר דעם פאַלשן
מאָשיעך. דאַן הייבט מען אָן אַראָפּוואַרפן די באַדינגלעכ־
קײַטן פון דער טוירע. אָף וויפל עס איז געקומען מאָ־
שיִעך, — זאָגן די אָנהענגער פון שאַבסײַ צווי, — זײַנען
די באַוואָרענישן מער ניט נייטיק. מע לאָזט אַרויס דעם
יעיצערהאָרע פון שטײַג, און פאַר דעם אופגעשרויפטן
לייענער אַנטפּלעקט זיך אַ לעבנס־סיטואַציע, ווו זינד און
יענע־וועלט פאַרנעמען דעם אויבן־אָן: אין אַן אומגליקלעך
יעסוימעלע כאַפּט זיך אַרײַן אַ דיבוק, וואָס נעמט אָן דאָס
געשטאַלט פון אַ העסלעכער באַוואַקסענער באַשעפעניש;
אַן אָקס באַהעפט זיך מיט אַ מענטשן־פרוי און אַ
מענטשן־מאַן — מיט אַ כאַזער... און אַזוי ווײַטער, און
אַזוי ווײַטער, און אַזוי ווײַטער.

ווי איר זעט, קאָנען מיר שוין אָפּגעבן אַ מאַזלטאָוו
דער ייִדישער ליטעראַטור — זי האָט שוין איר אייגענעם
עקזיסטענציאַליסט, דערבײַ פונעם ערגסטן מין, ניט כאָ־
לילע פון יענע, וואָס זייער קינסטלערישער מעטאָד רײַסט
זיי ניט אָפּ פון די הײַנטצײַטיקע סאָציאַלע שלאַכטן. ניין,
מיר האָבן אַן עקזיסטענציאַליסט, וואָס זינקט איבערן
קאָפּ אין דער סיטרע־אַכרע[2] פון מיסטיק און אין דער
טומע פון עראָטיק.

באַשעוויסעס „איידעלע“ געניג האָבן דערפירט דערצו,
אַז אַנומלטן האָט ניט אויסגעהאַלטן יאַנקעוו גלאַטשטיין,
וואָס שטייט, ווי באַוווּסט, אָף דער וואַך, אַז בײַ די רעכטע
אין כיידער זאָל מען דאָך ווי ווײַט מעגלעך וויסן אַמאָל
אויך פון מאָראַלישע מאָסן, און דעריבער מוז ער אויך
אָנשרײַען אָף אַזאַ איינעם, וואָס פאַרגעסט, אָף וועלכער
וועלט ער איז, — עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז יאַנקעוו
גלאַטשטיין האָט אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל“ עפנטלעך
פּראָטעסטירט קעגן באַשעוויסעס „אַזעלכע ייִדישקײַט־
זאַכן, ווי רעאַליסטישע שילדערונגען וועגן געשלעכט־
לעבן צווישן שיידים, רוכעס, שרעטעלעך, לאַפּיטוטן,
ניט־גוטע, לייצים און אַנדערע פונעם אַשמעדײַס כעווּרוסע.
ער (באַשעוויס. — א.וו.) באַשרײַבט און באַשילדערט
עס אַלץ מיט אַלע פּישטשעווקעס, ווי ער וואָלט אַליין
געווען דערבײַ, און סערווירט עס ווי — ייִדישקײַט. אַז מע
וועט שרײַבן אַזאַ ייִדישקײַט אָף ייִדיש, וועט, הייסט
עס, ייִדיש גענעזן ווערן...“

גלאַטשטיינס אָפּשאַצונג פון אַזאַ סאָרט ליטעראַטור־
פאַרזעעניש זעט אונדז אויס צו זײַן אַ ריכטיקע, אײַנ־
געשלאָסן, אין דעם געגעבענעם פאַל, זײַן קוק אָף „זייער“
ייִדישקײַט. מיר קאָנען אַפילע פּרוּוון אַ קוק טאָן אַ ביסל

---

[1] „פאָרווערטס“, 30 דעקאַבער 1962.

[2] — סטרא אחרא — די אומרײנע קראַפט פון שיידים, רוכעס.

ווײַטער און דאָרט דערזען, וויִאַזוי י. באַשעוויס (דערהויפּט, ווען ער פיגורירט אין „פאָרווערטס" אונטערן פּען־נאָמען י. ווארשאַווסקי) באַגעגנט זיך אין הילכעס־ייִדישקייַט מיטן עסעיִסט ש. ביקל. די סאָוועטישע ליטעראַטור, די ליטעראַטור פון סאָציִאַליסטישן רעאַליזם, — זאָגט ביקל, — „פאַרמאָגט לאַכלוטן ניט עפּעס ייִדישס אין זיך"; פּערעץ מאַרקיש, — זאָגט באַשעוויס, — איז געווען אַ ליקווידאַטאָר פון ייִדישקייַט. פאַרוואָס? ווײַל אָנשטאָט שילדערן, וויִאַזוי קליינע ייִנגלעך האָבן געקוקט דורך די שפּאַרונעס פונעם מערכעץ בייס די נאָשים האָבן זיך געטויוולט אין דער מיקווע, באַשרײַבט ער גאָר בירגערקריגן, שלאַכטן, דאָס אַריבערגיין פון ייִדן אָף ערד־אַרבעט, די מילכאָמע מיט היטלערן אאַוו. דאָס איז, פון באַשעוויסעס שטאַנדפונקט, ניט ייִדיש, כאָטש אַזעלכס איז געשען אין דער וועלט און אין אונדזער ייִדישן לעבן, געשען פאַר אונדזערע אויגן, אין דער צײַט, ווען דאָס, וואָס באַשעוויס מאָלט, איז געשען בלויז אין זײַן אייגענער קראַנקער פאַנטאַזיע.

אויב דאָס רעאַלע לעבן, די היַינטצײַטיקעווירקלעכקייַט, דאָס סאָוועטישע, דאָס פּראָגרעסיווע „פאַרמאָגט לאַכלוטן ניט עפּעס ייִדישס אין זיך", ווי ס'זאָגט ביקל, איז וואָס פאַרלייגן אַלס אַלטערנאַטיוו? באַשעוויס לייגט פאָר.

די לאָגיק פונעם ראָמאַן „דער שאָטן פון גאָריי" איז אַזאַ: וואָס איז שײַעך די גזיירעס און מאַגייפעס, וועלכע ווערן אין בוך באַשריבן, איז עס אַ שטראָף פאַר אונדזערע זינד. דער אַווטאָר שרעקט אָן ווי ס'געהער צו זײַן דעם לייענער מיט שרעקלעך און לאַפּיטוטן און שעפּטשעט אים אַרײַן אַ געדאַנק, אַז פּונקט ווי פאַר די ייִדן פון גאָריי, איז אויך פאַר אים, דעם מיטצײַטלער באַשעוויסעס, געפערלעך, ער זאָל זיך צוהערן צו „פאַלשע נעוויִים", וואָס צעבינדן אין אים „שלעכטע קויכעס", — זיי לאָזן פרײַ דעם יעיצערהאָרע, וועקן אויף אַן אילויזיע פון קעגנשטעלן זיך גאָטס סיידער־האָוילאָם. דער בײַשפּיל פון די ייִדן פון גאָריי באַווײַזט, אַז בעסער איז זיך האַלטן באַם אײַנגעשטעלטן פון דויר־דוירעס סיידער. די וועלט וועט דאַן בלײַבן אַ וועלט, כאָטש (אַזוי וויל גאָט!) הונגער און שכיטעס, מאַגייפעס און פאַרפאָלגונגען וועלן אויך בלײַבן. שליסנדיק דעם ראָמאַן, זאָגט ייִצכאָק באַשעוויס־זינגער אַרויס אַ ווונטש, „אַז קיינער זאָל זיך ניט אַנטקעגנשטעלן דעם ווילן פונעם אייבערשטן, קעדיי צו מאַכן אַ סאָף צו אונדזער פּײַן אָף דער וועלט".

בעט איך באַ די, וואָס ווערן מאַמעש אופגעבראַכט, ווען זיי דערהערן די ווערטער פּאַרטייִשקייַט אין ליטעראַטור, זיי זאָלן ענטפערן אָף דער פראַגע: זייער נאָווי באַשעוויס איז פּאַרטייִיש, צי ניט? ער היט פּאַרטיי־געבאָטן פונעם אָפּגעלעבטן קלאַס, דעם קאַפּיטאַליזם, צי ניט?

און מע קאָן שוין פאַרייניוועגס אַ פרעג טאָן אויך באַם אינערן־מיניסטער פון ייִסראָעל: ווען עס טרעפט אַשטייגער אַזאַ מאָדנער קוריאָז, אַז עס יאָוועט זיך צו אײַך נאָך אַ דערלויבעניש זיך רופן „ייִד" די קאָמסאָמאָלקע, וועלכע היט די „פּאַרטיי־געבאָטן" פונעם נײַעם קלאַס און בויט אַ נײַע געזעלשאַפט, און עס קומט אויך צו אײַך דער העלד פון באַשעוויסעס ראָמאַן, וועלכער האָט אונטערן דרוק פון שרעטעלעך און שיידים זיך מאָבילייזירט אָף אָפּצוהיטן די „פּאַרטיי־געבאָטן" פונעם אַלטן קלאַס, — ווּעמען, זײַט מויכל, וועט איר פאַררעכענען פאַר אַ ייִדן און ווּעמען — ניט? וועגן דער קאָמסאָמאָלקע האָט שוין אַרויסגעטראָגן דעם פּסאַקדין שלוימע ביקל. נו,

און דער ייִד פון גאָריי — ער איז שוין, ווי מיר געדענקען, באַוואָרנט מיט אײַער דעפיניציע און, הייסט עס, באַגליקט צו זײַן דער סאַמע אידעאַל פון אַן „עכטן ייִדן" פון אונדזער צײַט...

אויב אַזוי — איז טאַקע נאָכאַמאָל: ווען די „נאַציִאָנאַלע" ייִדן צעטראָגן אָף אַלע ראָגן זייער „פרומע" זאָרג וועגן דעם, אַז די סאָוועטישע ייִדן און זייער ליטעראַטור זאָלן כאַסוועכאָלילע זיך ניט אַרײַנטאָן צופיל אין די ספּוטניקעס, אין דער צעלינאַ, אין סאָציִאַליסטישן אַרבעטס־ענטוזיאַזם און נעענטער זיך האַלטן אַרום די באָטעמעדראָשים, אָנעמענדיק זיך פאַר די הענט מיט די „נעטוירײַ קאַרטאַניקעס" פון יערושאָלאַיִם און מיט די „אונטערטעניקע פונעם סאַטמאַרער רעבן" אין ווילִיאַמסבורג, — צי טוען זיי ניט, די דאָזיקע „נאַציִאָנאַלע ייִדן", זייערן אַ באַשטימטן פּאַרטייִשן איניען?

די טעאָריע וועגן אַם ניווכאָר בעשוטפעס מיט דער „אַמעריקאַנער סטאָליערײַ"

דאָס בילד וואָלט זיכער געווען ניט פול, ווען מיר דערציילן ניט וועגן דער נאַציִאָנאַלער גײַווע, מיט וועלכער עס איז הײַנט אָנגעשטעקט אַ געוויסער טייל פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין ייִסראָעל.

אין איינער פון זײַנע רעדעס, וואָס איז אָפּגעדרוקט געווען אין ניו־יאָרקער „טאָג", האָט בען־גוריאָן געזאָגט פאָלגנדעס: „מיט דער באַנײַונג פון דער ייִדישער מעדינע וועלן ייִדן ווידער זײַן דער אַם ניווכאָר[1], דער אַם סגולאָ[2], דער וועגווײַזער פון דער וועלט"...

ווען אַ שרײַבער פּריידיקט אַזעלכע ווילדקייַטן אין זײַנע ווערק, זאָגט מען וועגן אים אָפּן ליטעראַרישן סינײַ, אַז ער איז „נאַציִאָנאַל ייִדיש".

איז לאָמיר אַ קוק טאָן, וויִאַזוי דאָס זעט טאַקע אויס. די דערציילונג רופט זיך אָן „מאַרוסיאַ"[3]. איר אַווטאָר — ייִצכאָק בראַט. זי הייבט זיך אָן אַזוי: „מאַרוסיאַ צינדט ליכט לעקאָוועד שאַבעס, זי פאַרוואַרפט אָפּן קאָפּ אַ זײַדן טיכל און פאַרדעקט מיט ביידע הענט דאָס פּאָנעם... מאַרוסיאַ שעפּטשעט אין דער שטיל אַ טפילע און דאַנקט צום ייִדישן גאָט". מאַרוסיאַ איז אַ געוועזענע סאָוועטישע רוסישע פרוי. די האַנדלונג קומט פאָר אין ייִסראָעל. אין אונדזערע טעג.

וואָס איז עס? אַ שפּאַס?

ניין, לויט ווי עס זאָגט דער ייִדישער שרײַבער ייִצכאָק בראַט, איז עס אַ רעאַל בילד פון דער ווירקלעכקייַט. בעשאַס דעם לעצטן קריג, ווען עמעצער מיט עמעצן האָבן זיך ערגעצווו געשלאָגן, איז אַ ייִד פון פּוילן, דער העלד פון דער דערציילונג יאַנקעוו, פאַרוואָגלט געוואָרן, נעבעך, קיין סאָוועטן־רוסלאַנד, קיין קאַזאַכסטאַן. „גאַנצע נעכט איז ער געלעגן אין דרויסן, באַ אַ כורוועקיביטקע, און געטרוימט וועגן אַ שטיקל ברויט צו דערהאַלטן די נעשאָמע". איז געשען אַזוי, אַז אין אים האָט זיך שטאַרק אײַנגעקאָכט דאָס רוסישע מיידל מאַרוסיאַ, און זי בעט זיך באַ אים ראַכמים, ער זאָל זי איבערדערציִען אין אַן אַנדער גײַסט, כאָלילע ניט אין רוסישן און ניט אין סאָוועטישן. הייבן הייבט זיך עס אָן פון אַזאַ

1 — דאָס אויסדערווײילטע פאָלק.

2 — דאָס אָנגעזעענסטע פאָלק.

3 „אַלמאַנאַך פון ייִדישע שרײַבער אין ייִסראָעל", ז. 252—255.

געשפרעך. מארוסיא זאָגט: „דער בארג אונדזערער (אין קאזאכסטאַן. — א.וו.) האָט זיך אײַנגעהילט אין א בלויען לײַלעך“... יאנקעוו פאריכט זי: „ניין, אין א בלויען טאלעס, ער פראוועט די פרימאָרגן־טפילע“. און ווײַטער: „טאלעס? טשטאָ עטאָ? ראסקאזשי, יאשענקא“. „דאָס איז אזא מין פלאטאָק, א שאל, מיט וועלכער ייִדן דעקן זיך איבער בייסן דאווענען“. און מארוסיא זאָגט טרוימעריש: „קויף מיר אזא פלאטאָק אפן ראיאָנעם באזאר, יאשענקא“. יאשע „האָט זי ווארעם ארומגענומען“.

די יונגע סאָוועטישע פרוי מארוסיא, די „רוסקע“, ווי זי רופט זיך אין ייִצכאָק בראטס דערציילונג, טראָגט זיך ארום בעשאס דער גרויסער פאָטערלענדישער מילכאָמע מיט איין געדאנק: „יאשענקא, וועסט מיך מיטנעמען אין אײַער פאלעסטינע?“ יאשע הייסט איר נאָך גוט א טראכט טאָן און גיט איר דערוף א טערמין „ביז די מילכאָמע וועט זיך ענדיקן“. נו, און איצט, ווען די דערציילונג „מארוסיא“ שרײַבט זיך, זײַנען זיי שוין, באָרעכהאשעם, צען יאָר אין ייִסראָעל. מארוסיא איז גליקלעך, וואָס זי האָט פארלאָזט איר פאָטערלאנד, איר היים טשימקענט, וווּ זי האָט, נעבעך, געהונגערט. מארוסיא ווײַזט א בײַשפּיל פון ייִדישקײַט: „איצט בין איך א ייִדישקע... דאָ טאָר מען ניט האָדעווען קיין כאזיירים. אונדזערע קינדער וועלן זײַן פאָלנע ייִדן, געטויפט לויט די ייִדישע זאקאָנעס“. אזוי רעדט די „רוסקע“ מארוסיא, וואָס איז אוועק פונעם „געהענעם“, פון סאָוועטן־רוסלאנד, און דאָ, אין ייִדישן לאנד, ווערנדיק א באלעבאָסטע פון א גרויסן מעשעק[1], א לול[2] מיט טויזנטער הינער, א שטאל מיט בעהיימעס, האָט זי איבערגעביטן דעם נאָמען אף מיריאם און ביידע ייִנגלעך אירע, קעדיי זיי זאָלן זײַן „פאָלנע ייִדן“, האָט זי געפּראוועט די „אָברעזאניע“...

איך ווייס ניט, צי דער שריפטשטעלער בראט האָט געשריבן ווי זײַן בלינדע אויסדאכטעניש האָט אים אונטערגעזאָגט, צי ער אליין איז פון די דעזערטירן, וועלכע האָבן בעשאס דער בלוטיקער „וועלט־מילכאָמע זיך אויסבאהאלטן אין די שטיבער פון גאסטפרײַנטלעכע סאָוועטישע קאזאכן און דערנאָך, קומענדיק אפגיך א גראָבן טאָפּטשע טאָן די רויִנען פון זייער פויליש מאמע־ערד, האָבן זיי א שפּײַ געטאָן איר אין פּאָנעם און אוועקגעלאָזט זיך פארקויפן די נעשאָמע צו אנטיסאָוועטישע און אנטיפּוילישע „סאָכרים“. אזוי צי אנדערש, נאָר איינס איז קלאָר, אז, נעמענדיק זיך פארפאסן זײַן שונד־ און שאנד־דערציילונג, האָט בראט געהאט א „סאָציִאַלע באשטעלונג“ פון די, וואָס פורעמען אויס אין ייִסראָעל דעם עקסטרעם־נאציִאָנאליסטישן שטאנדפונקט אף „ייִדישקײַט“. דאָס איז אויך, וועט יעדערער מוידע זײַן, אן אנטיסאָוועטישער, שאָוויניסטישער שטאנדפונקט.

די ייִדישע און רוסישע ליטעראטורן האָבן אין זייער פּראָגרעסיוון גאנג געשאפן שוין א גאנץ רײַכע טראדיציע פון שילדערן דאָס מיטוווינען און מיטארבעטן פון די צוויי פעלקער. אין דער רוסישער ליטעראטור זײַנען געשאפן געוואָרן ניט ווייניק פונדאמענטאלע געשטאלטן פון ייִדן, וואָס ניט דורך איקאָנעס און קאדילעס באהעפטן זיי זיך מיטן רוסישן פאָלק, ניט דורך איבערגייִן אין פּראוואָסלאוונעם גלויבן און ריידן רעכילעס אף זייער אייגן פאָלק. אין די אלמענטשלעך גרויסע היסטאָרישע אופטרייסלונגען, וואָס דער רוסישער סאָוועטישער שרײַבער שילדערט, שפּילן זיי שטענדיק א פּאָזיטיווע ראָליע אלס רעוואָליוציִאָנערן, אלס מענטשן, אלס ייִדן. אויב נעמען אזעלכע וויכטיקע פּעריִאָדן אין דער אנטוויקלונג פון דער רוסישער געזעלשאפט אין הײַנטיקן יאָרהונדערט, ווי דעם רעוואָליוציִאָנערן אופברויז ערעוו דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע, דעם גרויסן אָקטיאבער און די בויונגס־צײַט פון די פּינפּיאָרן, — קאָן מען אלס בײַשפּיל אָנרופן בא גאָרקין „וואסא זשעלעזנאָווא“ (ראשעל), בא פאדייעוון „צעקלאפּט“ (לעווינסאָן), בא אזשײַעוון „ווײַט פון מאָסקווע“ (זאלקינד). ניט די רוסישע קלאסיק און ניט די רוסישע סאָוועטישע ליטעראטור האָבן זיך קיינמאָל ניט פארומווירדיקט מיט אונטערוקן זייערע לייענער א שילדערונג פון א ייִדן אין גײַסט פון דער „רוסקע“ מארוסיא באם ייִדישן שרײַבער בראט.

פרעגן מיר: צי וואָלט בא די ייִדישע שרײַבער אין ייִסראָעל ניט מער געשטימט מיט נאציִאָנאלער אכרײַעס, ווען דער זעלבער ייִצכאָק בראט אָדער אן אנדער שרײַבער פונעם „עכט־נאציִאָנאלן“ כיידער זאָלן שילדערן, לאָמיר זאָגן, וויאזוי פונקט אזא ייִנגעלע, ווי מארוסיעס און יאנקעווס קינד אורי פון דער דערציילונג „מארוסיא“, א ייִנגעלע, וועמעס מאמע איז א רוסישע און דער טאטע — א ייִד, איז אין ייִסראָעל, ניט פאר קיין שום אנדער קינד גערדאכט, געשטאָרבן, און די אָרטיקע מאכטהאָבער, שטיצנדיק זיך אף זייער דעפיניציע, ווער עס איז א ייִד, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן דעם קליינעם ניפטערל אן אָרט אפן בעסוילעם.

פארבײַגייענדיק איז נייטיק אָנצוווײַזן, אז פון נאציִאָנאל־ייִדישן שטאנדפונקט איז ניטאָ קיין גרעסערע העפקיירעס, איידער דאָס ארײַנפלעכטן אין די ווערק וועגן ייִדישן העמשעך א פיגור פון אן איבערלויפער, וועלכער ווארפט איצט שמוץ אף דעם לאנד, וואָס האָט אים, צוזאמען מיט מער ווי א פערטל מיליאָן ייִדן־פּליטים פון פוילן, געראטעוועט פון די קאלך־אויוונס. וועגן אָט דעם איניען וועט עפשער זײַן צום אָרט אין געגעבענעם פאל, ווען אונדזערע אָפּאָנענטן זײַנען „נאציִאָנאלע ייִדן“, צו פארופן זיך אפן באוווּסטן „כאזן איש“ (אווראָם־יעשוע קארעליטש), דעם פארשטאָרבענעם פירער פון דער אָפיציִעלער אָרטאָדאָקסיע פון ייִסראָעל, דעם גרעסטן אווטאָריטעט פון די רעליגיִעזע ייִדן. אין דרײַסיקסטן באנד פון די ווערק פון כאזן איש, וואָס איז ערשט ניט לאנג דערשינען, לייענען מיר: „נאָכן לעצטן קריג איז קלאָר געוואָרן, אז אין אייראָפּע איז געבליבן א מינדערהײַט ייִדן, און זיי קאָנען אײַנגעטיילט ווערן אין פאָלגנדיקע קאטעגאָריעס: אזעלכע, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם דײַטשישן גרויל און זײַנען געבליבן לעבן, ווײַל די דײַטשן האָבן זיי גענוצט פאר אווידאס־פּערעך[1]; די, וועלכע זײַנען געראטעוועט געוואָרן דורך ניט־ייִדישע פרײַנט, — און זיי זײַנען זייער ווייניק; די, וועלכע האָבן זיך פארשטעלט פאר ניט־ייִדן אָדער זיך אויסגעקויפט, ווײַל זיי האָבן געהאט געלט, — און די זײַנען גאָר ווייניק; און די מערסטע, וועלכע זײַנען אוועקגעפירט געוואָרן טיף אין רוסישן לאנד און זיי זײַנען קימאט אלע געראטעוועט געוואָרן“ (מײַן קורסיוו. — א.וו.).

דער ייִדישער לייענער וואָלט זיכער באגריסט רעאליסטישע ווערק וועגן אָט די הונדערטער טויזנטער געראטעוועטע ייִדן, וועגן דעם, ווי אין סאָוועטנפארבאנד האָבן זיי באקומען ניט נאָר א שוץ קעגן די פארדארבער, —

1 — א ווירטשאפט, באלעבאטישקײַט.

2 — א הינער־שטאל.

1 — שקלאפן־ארבעט.

אויך א היים. דער לייענער וואַרט אָף ווערק וועגן דער העראָישער, ניט גרינגער מי אפן אינדוסטריִעלן אוראַל, אין די קאָלווירטן פון אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן, אַלטײַ, וועגן דער מי, וואָס האָט אין די קאָמפּליצירטע באַדינגונגען פון עוואַקואַציע איבערגעפורעמט דאָס לעבן פון אַזוי פיל געוועזענע דעקלאַסירטע מענטשן, געקומענע פון די פּוילישע שטעטלעך אונטער פּילסודסקיס הערשאַפט. בײַ הײַנטיקן טאָג קאָן מען טרעפן אין ייִסראַעל, אין די גרעסערע אונטערנעמונגען, ניט ווייניק הויכקוואַליפיצירטע מעטאַל־אַרבעטער, טאָקערס, שלאָסערס, וואָס האָבן זייערע פאַכן אויסגעלערנט בײַ רוסישע מײַסטערס, זײַענדיק, ווי יִצחאָק בראַט דריקט זיך אויס, „פאַרוואָגלט" אַהין פון די לובלינער, לאָדזשער, ביאַליסטאָקער וואָיעוואָדסטוועס בעשאַס היטלער האָט געבויט זײַנע קרעמאַטאָריעס אָף דער פּוילישער ערד.

א ליטעראַטור, וואָס רעכנט זיך מיטן לעבן, דאַרף טאַקע פונעם שטאַנדפּונקט פון אָט די שלאָסערס און טאָקערס שטעלן די פראַגע וועגן די צווישן־באַציִונגען צווישן ייִדן און רוסן אין די באַדינגונגען, וועגן. וועלכע עס גייט דאָ א רייד. און וויכטיק איז אויך אָנצוווײַזן: בײַ דער ייִדישער ליטעראַטור אין ייִסראַעל, און ניט נאָר אין ייִסראַעל, זײַנען פאַראַן אויך א ריי אַנדערע נאַציִאָנאַלע פּראָבלעמען, וועלכע בראַט און זײַן גלײַכן ווילן פאַרשטעלן און פאַרקלאַפּן מיט שאַנד־מאָלערײַען וועגן פּראַווען „אַברעזאַניע" פאַר מאַרוסיעס ייִנגלעך.

פאַראַן א פּראָבלעם פון אַראַבישער רעכטלאָזיקײַט אין דעם ייִדישן לאַנד ייִסראַעל. פאַראַן אַפילע א פּראָבלעם פון ווײַסהויטיקע און קאָלירטהויטיקע בײַ די ייִדן גופע אין ייִסראַעל. ווער ווייסט ניט, אַז די טיימענער ייִדן, לעמאָשל, זײַנען געשטעמפּלט אַלס מענטשן פון צווייטן סאָרט!

איר ווילט זיך דערוויסן וועגן די דאָזיקע נאַציִאָנאַלע פּראָבלעמען? זוכט זיי ניט אין די ווערק פון די „נאַציִאָנאַלע ייִדן". אָבער אין זעלבן ייִסראַעל איז פאַראַן און נעמט זיך אַלץ מער אָן מיט קויכעס א נײַע, א פּראָגרעסיווע ליטעראַטור. זי איז פילשפּראַכיק — העברעיִש, ייִדיש, אַראַביש — און אַלע אירע שפּראַכן זײַנען אינטערנאַציִאָנאַל־פאַרברידערט. די דאָזיקע ליטעראַטור זעט די נאַציִאָנאַלע פּראָבלעמען דאָרט, וווּ זיי זײַנען פאַראַן אין דערווירקלעכקײַט. זי רעדט וועגן בויען דעם העמשעך פונעם ייִדישן פאָלק — ניט אָף מיטלאַלטערלעכע, ניט אָף רעליגיִעזע, נאַציִאָנאַל־פאַרשלאָסענע און אײנצײַטיק שאָוויניסטישע יעסוידעס, נאָר אָף יעסוידעס וועלטלעכע, פּראָגרעסיווע. זי רעדט וועגן פעלקער־פרײַנטשאַפט און סאָציִאַליזם. זי שטעמפּלט דעם שענדלעכן בונד פון די בען־גוריאָנס מיט די מערדער פון זעקס מיליאָן ייִדן. זי וואַרפט קאַטעגאָריש אָפּ די טעאָריע וועגן אויסדערוויילטן ייִדישן פאָלק און גיט אָפּ קאָוועד דעם פּראָסטן און באַשיידענעם אַרבעטנדיקן פאָלק פון ייִסראַעל — די ייִדן און אַראַבער, וואָס בויען הײַזער און לעבן אויף דעם מידבער, שפּילן אָף פידלען און בלאָזן אין האָרן בײַם צונויפרופן דאָס פי, פירן דורך פרידנס־מאַניפעסטאַציעס אין וואַלד פון דער סאָוועטישער אַרמיי און באַקעמפן די אומגערעכטע סאָציִאַלע סיסטעם אין זייער לאַנד. די פּראָגרעסיווע ייִדישע ליטעראַטור אין ייִסראַעל, ווי די פּראָגרעסיווע ייִדישע ליטעראַטור אין אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, דערציילט וועגן א וועלט פון פּריוואַט־אייגנטום און ניט געצוימטער עקספּלואַטאַציע, וווּ אַלדאָס מענטשלעכע ווערט דערנידעריקט און אונטערדריקט און וווּ דער נאַציִאָנאַלער אונטערשייד צווישן מענטשן ווערט אויסגענוצט אָף שטאַרקער צו מאַכן דעם סאָציִאַלן און עקאָנאָמישן דרוק.

לאָמיר א שמועס טאָן נאָך וועגן צוויי ייִסראַעל־דערציילונגען: יעכיִעל האָפּערס „רעב פישעלע" אין „אַלמאַנאַך פון די ייִדישע שרײַבער אין ייִסראַעל"[1] און ש. טאַלס „יעפעט קיידאָר" אין „סאָוועטיש היימלאַנד"[2]. האַגאַם זיי זײַנען פּובליקירט קימאַט אין איין און דער זעלבער צײַט, זײַנען זיי פּונקט ווי געשאַפן געוואָרן אין פאַרשיידענע היסטאָרישע טקופעס. לויט „רעב פישעלע" קומט אויס, אַז אָף דער וועלט איז קיין אַנדער פּראָבלעם גאָר ניטאָ, כוץ דער טראַגישער מעגלעכקײַט, אַז דער סאָטן זאָל אַראָפּפירן פון גלײַכן וועג א ייִד א לאַמדן, וואָס איז אינגאַנצן אויסגעטאָן פון אוילעמהאַזע. קעדיי אַרײַנכאַפּן דעם גרויסן לאַמדן רעב פישעלע אין זײַן נעץ, נעמט דער סאָטן און טוט אָפּ אַזאַ קונץ: אָנשטאָט צו זיצן אין בעסמעדרעש און קנעלן, מוז רעב פישעלע, דער כאָסיד פונעם קאָצקער רעבן, זיך גאָר פאַרנעמען מיט ערדישע פּאַרנאָסע־זאַכן — העלפן דעם ווײַב אין שניטקראָם. און טאַקע דאָס האָט גוירעם געווען דעם גרויסן אומגליק. קומענדיק אין באַריר מיט „גויִים און גויעס", האָט רעב פישל אָנגעהויבן זען זינדיקע כאַלוימעס, — „...זיך געזען טאַנצן א כסידישן טאַנץ אינמיטן א גרויסן קאַראַהאָד פון נאַקעטע גויעס און שיקסעס, וואָס האָבן פאַרשײַט געוויגט מיט זייערע בײַכער און היפּטן"...

יאָ, ס'איז ניט קיין שפּאַס. עס האָט שוין געהאַלטן דערבײַ, אַז ייִדישקײַט זאָל, כאָלילע, אינגאַנצן אונטערגיין. איז אָבער גאָט א פאָטער, און „רעב פישעלע איז געוואָרן א באַלטשוווע. און א באַלטשוווע איז זדונותיו נעשׂות לו כזכיות[3] — בײַ א באַלטשוווע ווערן אַפילע די אַווירעס, וועלכע ער איז באַגאַנגען במזיד[4], פאַררעכנט ווי רעכטפאַרטיקע מײַסים"...

דער אויספיר: מע דאַרף זיך האַלטן בײַ אָרטאָדאָקסאַלער ייִדישקײַט. אויב אָבער מען איז שוין געווען אין דער לאַגע פון רעב פישעלען, איז דאָ אַן אויסוועג: ווערן א באַלטשוווע. רעב פישעלע באַווײַזט זיך פון דעם נעפל פון פאַרגאַנגענע יאָרהונדערטער, קעדיי אין הײַנטצײַטיקן ייִסראַעל אונטערפעסטיקן דעם טעזיס, אַז אָף וויפל מיט דער באַנײַונג פון דער ייִדישער מעדינע וועלן ייִדן ווידער זײַן דער אַם ניווכאָר, דער אַם סגולאָ, דער וועגווײַזער פון דער וועלט, דאַרפן זיי איצט, נאָך א לאַנגן וועג פון זינד און אַווירעס אין גאָלעס, ווערן באַלטשוווס און, אַזויאַרום, שטאַרקער מאַכן זייער נאַציִאָנאַלן יעסאָד דורך אומקערן זיך צו די באָטעמעדראָשים, צום אַלטן שטייגער, וואָס איז געהייליקט דורך דער טוירע. עס דאַרף זײַן אַזוי, ווי יעכיִעל האָפּערס פאַנטאַזיע מאָלט אויס: „דאָס כסידעס האָט זיך ווײַט און ברייט צעשפּרייט איבער פּאָדאָליע, וואָלין, גאַליציע, פּוילן, רײַסן, ראַסיי. די כסידישע סימכע איז אַרײַנגעדרונגען אין די ייִדישע שטיבער. זי האָט פאַרווישט די גרענעצן צווישן רײַך און אָרעם"...

א גלײַכן וועג צו אָט דער אידיליע ווײַזט אײנער א דיכטער, ייִרמעיאָהו העשעלעס, וועלכן דער אויבנדערמאָנטער שלוימע ביקל לויבט און פרײַזט (אין מײַ—יוני־נומער פונעם אַמעריקאַנער זשורנאַל „צוקונפט" פאַרן 1963). ייִרמעיאָהו העשעלעס שווערט זיך:

---

[1] ז. 38—55.

[2] „סאָוועטיש היימלאַנד" נומ. 4, 1963, ז. 95—99.

[3] — זדוינויסאָוו נאַאַסויס לוי קעזאָכיעס.

[4] — בעמייזיד (בעקיוון, באַוווסטזיניק).

> ...דער בעסטער וועג צום אייבערשטנס שטול פירט דורך עלטערמומעס טײַט־פינגער און דורך שוועל פון שול.

דער לייענער האָט שוין געוויס באַמערקט די טעמאַטישע מאָנאָטאָנישקײַט בײַ די „נאַציאָנאַלע" שרײַבער, די ענלעכקײַט פון די קינסטלערישע מיטלען, מיט וועלכע זיי באַנוצן זיך. אין זייערע ווערק פאַרופן זיי זיך אָף דעם נעכטן און רעקאָמענדירן אונדז אומקערן זיך אָף זײַנע פרומע סטעזשקעס. אומעטום הערשט בײַ זיי דער נעגאַטיווער קויעך (שאַבסײַ צווי און דער סאָטן), וואָס פירט אַראָפּ פון דערעך־האַיאָשער — אין איין פאַל איין פרומען ייִדן, אין צווייטן פאַל אַ שטאָט מיט ייִדן. דערנאָך שפּרייט זיך אויס סײַ דאָ סײַ דאָרט אַ געדיכטער זומפּ פון פּיקאַנטע אויסווײַזענישן און אויסדאַכטענישן און לעסאָף הייבט זיך אָן דאָס טשוווע טאָן, דאָס כאַראָטע האָבן, דאָס קלאַפּן זיך אַלכעט און דאָס קומען צום סייכל. מע קאָן מיינען, אַז קיין אַנדער פּראָבלעמען־קרײַז איז גאָר ניטאָ פאַר די הײַנטיקע ייִדישע מעכאַברים. ניט אַנדערש, — אַז די „נאַציאָנאַל"־ייִדישע שריפטשטעלער זוכן בעקיוון צו פאַרהלושען דעם לייענער מיט אָט די עקסקורסן אין דער וועלט פון קאָשמאַר, פון מיטלאַלטער, קעדיי אָפּצווענדן אים פון די אַקטועלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען.

די דאָזיקע פּראָבלעמען שטייען אָבער אויף אין די ווערק פון די פּראָגרעסיווע ייִדישע שרײַבער. וואָס זאָל מען טאַקע טאָן, לעמאָשל, אויב אויסער די רעב פישעלעך, די „היטער פון די טויערן", זײַנען אין ייִסראָעל פאַראַן הונדערטער טויזנטער אַרבעטנדיקע מענטשן, וואָס בויען דאָס לאַנד מיט זייער מאַמאָשעסדיקער שווערער האָרעוואַניע? און צי קאָן מען פאַרלייקענען, אַז צווישן אָט די אַרבעטנדיקע מענטשן זײַנען פאַראַן אַראַבער און שוואַרצהויטיקע ייִדן, וועלכע האָבן אויסצושטיין אַ צווייענדיקן יאָך — אַלס אַרבעטסלײַט און אַלס קאָלירטע? וועגן איינעם אַ שוואַרצהויטיקן דערציילט ש. טאַל אין זײַן נאָוועלע „יעפעט קיידאָר". אַ ייִד לויטן אָפּשטאַם, אַן ערלעכער האָרעפּאַשניק, עטוואָס אַ נאַיִווער אין זײַן מיזרעכדיק־קינדערישער „ניט־געפּאַטערטקײַט", — איז דער טיימענער יעפעט קיידאָר פאַרעכנט אַלס מענטש פון צווייטן סאָרט בלויז דערפאַר, ווײַל די הויט איז בײַ אים ניט קיין ווײַסע. יעפעט קיידאָר איז אַ „דכאַק"־אַרבעטער, דה. אַן אַרבעטסלאָזער, וואָס ווערט באַשעפטיקט פאַר אַ דריטל פון נאָרמאַלן לוין. איז, הייסט עס, יעפעט קיידאָרס גוירל אַ דאָפּלט שווערער: סײַ אַלס טיימענער, סײַ אַלס „דכאַק"־אַרבעטער. זאָלן די „נאַציאָנאַלע" ייִדן ענטפערן: דאָס איז אַ נאַציאָנאַלע פּראָבלעם, צי ניט? וואָסערע פון די צוויי טעמעס אַנטשפּרעכט דעם נאַציאָנאַלן טאָך פון אַ ייִדיש נאַציאָנאַל ווערק — די דאָזיקע, צי די טעמע וועגן אומקערן צוריק אין בעסמעדרעש אַרײַן רעב פישעלען?

די ייִדישע ליטעראַטור, איינע פון די ליטעראַטורן פון די הײַנטצײַטיקע פעלקער, דאַרף אָפּשפּיגלען דאָס רעאַלע הײַנטיקע לעבן פון איר פאָלק. און דאָס הײַנטיקע רעאַלע לעבן באַשטעטיקט, אַז דאָס נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע זײַנען, ווי אומעטום, אויך בײַ די ייִדן ענג צונויפגעפלאָכטן. אָט איז אַ באַלערנדיקע ציטאַטע פון ש. טאַלס דערציילונג. זי געהער זיך אָן צו יעפעט קיידאָרס געדאַנקענגאַנג.

„...פאַרוואָס קומט דאָס אים אָפּצופינצטערן אַ לעבן אַלס פּויעל־דכאַק? דערפאַר, ווײַל ער איז אַ טיימענער? און עפּשער, ווער ווייסט, איז ער גאָר אַליין שולדיק אין זײַנע צאָרעס, צוליב זײַן האַכנאָע און נידערגעפאַלנקײַט? אָט וועט ער זיך אָנעמען מיט דרייסטקײַט און אַראָפּברענגען אין דער לישקאָ (אין דער קאָנטאָר. — א.וו.) זײַן ווײַב מיט די קינדערלעך, אויסזעצן זיך מיט זיי בײַם אַרײַנגאַנג... און יעפעט דערזעט זיך אין געדאַנק, ווי ער ליגט אַ צעטראָטענער אָפּן דיל. די סאַדראָנים (אָרדענונגסהיטער. — א.וו.) שלעפּן זײַן ווײַב פאַר די האָר, זי שרײַט, זי קלאַמערט זיך אין די פיס פון די אַרומשטייענדיקע מענטשן. די פּאָליציאַנטן הייבן אים אויף... און שלײַדערן אים אַרײַן אין אַ פאַרמאַכטן אַוטאָ, אים, זײַן ווײַב און די קינדערלעך — איין צאַפּלדיקן קנויל...

אַ סאַך מאָל איז אים שוין אויסגעקומען בײַצוזײַן אַזעלכע סצענעס. אַנומלטן האָט אַלמאַז דער אַלזשירער געמאַכט אַ סקאַנדאַל, מע זאָל אים געבן אַרבעט, זײַנען זיך צונויפגעלאָפן צענדליקער מענטשן. אייניקע האָבן זיך צוגעקוקט מיט צאָרנדיקע בליקן, אַנדערע ווידער, פאַרשווינען מיט זאַטע, אָפּגעפּרעסענע פּאַרצעפּס, האָבן געצישעט ווי שלאַנגען:

— קוקט נאָר אָן די דאָזיקע שוואַרצע כײַעס!..

געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן אַרײַנגעשעפּטשעט אַ סאָד אין אויער, מיט אַ פילבאַדײַטנדיק שמייכעלע אָף די ליפּן:

— איר זעט דען ניט? זיי זײַנען דאָך אונטערגעהעצט פון די קאָמוניסטן!.."

אין די דאָזיקע עטלעכע שורעס פון ש. טאַלס דערציילונג איז פאַראַן מערער נאַציאָנאַלע עכטקײַט, נאַציאָנאַלע פאַראַנטוואָרטלעכקײַט, נאַציאָנאַלע אויסדריקלעכקײַט, איידער אין דער גאַנצער אַזויגערופענער „נאַציאָנאַל־ייִדישער" ליטעראַטור פון די באַשעוויסעס און האָפּערס. ס'איז דאָ אין אָט די שורעס דער הײַנטיקער טאָג פון דער ייִדישער מעדינע און אויך דער גרויסער קויעך פון די פאָלקס־מענטשן מיט די „צאָרנדיקע בליקן", וואָס וועגן זיי דערציילן איז באַרופן, אייגנטלעך, די ליטעראַטור. עס דערטראָגן זיך צו אונדז מיט זייער גאַנצער רעאַלער פאַרשאַרפטקײַט סײַ די נאַציאָנאַלע, סײַ די סאָציאַלע ווידערשפּרוכן, וואָס זײַנען אַ טאָגטעגלעכע פּראָבלעם פאַר יעדן בירגער אין ייִסראָעל.

די האַנדלונג אין ש. טאַלס דערציילונג קומט פאָר אַרום דער „אַמעריקאַנער סטאָליערײַ", וואָס דער פרעמדלענדישער מיסטער גוטהערץ האָט אויסגעבויט אין ייִסראָעל („די אומדאַנקבאַרע ייִסרעיילים שאַצן ניט אָפּ ווי געהעריק זײַנע אינוועסטיציעס אין ביניען־האָאָרעץ", דה. אין אויפבוי פון לאַנד. — א.וו.), ער, מיסטער גוטהערץ — אָט ווער עס איז פאַרינטערעסירט דעריך, אַז דאָס לעבן אין ייִסראָעל זאָל זײַן אויסגעהוילט פון נאַציאָנאַלער אייגנאַרטיקײַט. ער האָט אין דער מעדינע אַלמעכטיקע פאַרבינדעטע. דאָס זײַנען די, וואָס, פון איין זײַט, סובסידירן זיי די ליטעראַטור, וועלכע פירט אַוועק דעם לייענער פון די הײַנטיקע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען צו די רעב פישעלע־צײַטן; פון דער צווייטער זײַט, אַמעריקאַניזירן זיי מיט אַלע קויכעס דאָס הײַנטיקע לעבן אין ייִסראָעל. וועגן דעם לעצטן איז זייער אויסדריקלעך געזאָגט אין אַ בריוו פון דעם ייִדישן פאַרלעגער מוישע שקליאַנסקי, פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרקער „טאָג". מוישע שקליאַנסקי האָט געבעטן בײַ די טעל־אָוויווער מאַכט־אָרגאַנען, מע זאָל „אַרײַנלאָזן אין לאַנד די ווערק פון שאָלעם־אַליכעמען אָף ייִדיש", האָט אַ רעגירונגס־באַאַמטער אים געענטפערט, אַז „רידערס דײַדזשעסט" און „לײַף" (צוויי אַמעריקאַנער

רעאַקציאָנערע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין ענגליש. — א.וו.) זייַנען וויכטיקער פאַר דעם יִשׂראל־לייענער ווי שאָלעם־אַלייכעם".

צום גליק וואַרפן אָפּ מיט עקל די פּראָגרעסיווע שיכטן אין ייִשׂראָעל סײַ דעם וועג פון אָפּגעבן דאָס לײַב־און־לעבן דעם אַמעריקאַנער ביזנעסמען, סײַ דעם וועג פון אָפּגעבן דעם גײַסט דער היפּערשאָוויניסטישער אַם ניוור־כאַר־טעאָריע.

עלקע רודנער און דער פּילפּל וועגן איר „כאָלעם און פרייד"

לאָמיר זיך אומקערן צו שלוימע ביקלס רייד וועגן עלקע רודנער, דער העלדן פון נאָטע לוריעס ראָמאַן. דער שטרענגער קריטיקער זאָגט זיך אָפּ צוצופּאַסקענען איר „עפּעס ייִדישס". לויט אים דאַרף אין אַ קינסטלערישׂ ווערק פון אַ ייִדישן שרײַבער באַווײַזן ווערן אַ ספּעציִעל ייִדישער אַרבעטס־העראָיִזם. די פּאַרטיי־געבאָטן, וואָס די פּערסאָנאַזשן היטן אָפּ, דאַרפן אויך זײַן ספּעציִעל ייִדישע. דער קאָמסאָמאָל, דאָס סאָציִאַליסטישע דאָרף פאַרמאָגן ניט אין זיך „עפּעס ייִדישס", פונדאַנען שטאַמט ביקלס האַרבער פּסאַק־דין.

שלוימע ביקל וועט זיכער צעפּענען אַ פּאָר גרויסע אויגן, אויב איך וועל זאָגן, אַז זײַן קאָנצעפּציע „פאַרמאָגט לאַכלוטן ניט אין זיך עפּעס ייִדישס". דאָס איז אָבער אָן שום ספק אַזוי, ווײַל דאָס נאַציִאָנאַלע איז ניט סטאַטיש, די נאַציִאָנאַלע פאָרם ענדערט זיך, ווען באַם פאָלק ענדערן זיך די לעבנס־פאָרמען. דאָס, וואָס נעכטן איז געווען נאַציִאָנאַל, קאָן הײַנט ווערן אַנטינאַציִאָנאַל.

אין לעבן איז געשען אַזוי, אַז די ייִדן אין רוסלאַנד זײַנען פאַר די לעצטע יאָרצענדליקער אַרויס פון דער טכום־אויסקומעניש, געוואָרן אויס „ווײַסע וואָראָנע" צווישן די פעלקער. דאָס, וואָס אַמאָל האָט זיי אויסגעטיילט אין אַן אָפּגעשלאָסענער גרופּע, איז אַצינד פון זיי אַליין אָפּגעוואָרפן געוואָרן. ביקלען איז עס ניט געפעלן, אונדז געפעלט עס יאָ. סײַ אין ערשטן, סײַ אין צווייטן פאַל איז די באַציִונג צום פאַקט ניט מעסוגל צו ענדערן עפּעס אין אים.

אָט פאַרוואָס מיר זאָגן, אַז עלקע רודנער, פּונקט ווי צענדליקער און צענדליקער אַנדערע העלדן, וואָס די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט גענומען פונעם לעבן, איז טיף נאַציִאָנאַל, און אַז דער קריטיקער, וואָס לייקנט עס אָפּ און וויל אָנשטאָט דער קאָמסאָמאָלקע, וועמעס „כאָלעם און פרייד... איז דער כאָלעם און די פרייד צו בויען אַ סאָציִאַליסטיש דאָרף", אונטערוקן דער ליטעראַטור פון די סאָוועטישע ייִדן אַ רעב פּישעלע, אָדער די לאַפּיטוטלעך פון באַשעוויסעס גאָריי, — אַזאַ קריטיקער שטייט אַף רעאַקציאָנערע, אַנטינאַציִאָנאַלע פּאָזיציעס.

ווײַל וועגן וואָס גייט דאָ די רייד? וועגן דעם קיִעם פונעם ייִדישן פאָלק. צי קאָן מען זאָגן, אַז דער קיִעם פונעם ייִדישן פאָלק אין דער הײַנטצײַטיקער עפּאָכע וועט זײַן באַוואָרנט און געשיצט באַם באַדינג, אויב עס וועט בלײַבן אָפּגעהיט דאָס אַלטע, דאָס אַמאָליקע, דאָס טכום־האַמוישעווּדיקע, דאָס רעליגיִעז־ריטועלע, — קורץ, דאָס אַלץ, וואָס אונטערן שלייער פון קלוימערשטער נאַציִאָנאַלער אייגנאַרט באַטײַט אין טאָך נאַציִאָנאַלע אָפּגעשטאַנענקײַט? צי זײַנען מיר אַ פאָלק בלויז מיט דעם באַדינג, אַז מירן זיך האַלטן פאַרן נעכטן? צי איז די לאַגע ניט קיין פאַרקערטע: די געשיכטע פון יעטווידן פאָלק, דערונטער אויך פונעם ייִדישן, באַווײַזט אַ שטענדיקע טענדענץ צום נײַעם, פאָראויסשרײַטנדיקן און אין אָט דעם נײַעם שעפּט עס זײַן אויסדויער. באַ אַלע פעלקער אין דער וועלט איז דער קיִעם פאַרבונדן מיט דער מוטיקער אָנשטרענגונג אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך די געוויכטן פונעם נעכטיקן טאָג. איך נוץ דאָס וואָרט „מוטיקע אָנשטרענגונג", ווײַל אַלס קלאַל איז די ריטועל־שטייגערישע פאַרגליווערטקײַט, ווען דאָס לעבן האָט געשאַפן נײַע פאָרמאַציעס, געגליכן צו אַ וואַרעמען קלעפּיקן זומפּ, וועלכער ווײַזט אַרויס אַ גאַנץ שטאַרקן קויעך אַף אַרײַנציִען אין זיך און ניט אָפּלאָזן. ניט שטענדיק סטײַעט מוט אַרויסצוקלײַבן זיך פון אים אַף די קילבלעכע ווינטלעך, אַף דער פרישער לופט. און דאָך, אויב מע וויל אויך אַף ווײַטער ציִען דעם דוירעסדיקן פאָלקס־קיִעם, מוז מען פון דער אָפּגעשטאַנענער און דערשלאָגענער פאַרגאַנגענהײַט אַרויסקריכן. און מע קאָן ניט אָנעמען פאַר פרײַנט פונעם פאָלק גראָד די, וואָס האַלטן עס באַ די פּאָלעס און שלעפּן עס צוריק אין יענעם זומפּ, אַרויסוואַווײַזנדיק קלוימערשטע זאָרג, אַז דאָס פאָלק, אַרויסגייענדיק פון דעם זומפּ, זאָל, כאָלילע, ניט פאַרשמירן די פיס אין דעם גראָז פון די לאָנקעס.

פרעגט באַ ייִצכאָק באַשעוויסן אָדער באַ יעכיִעל האָפערן, וועלן זיי טאָן שווערן באַ באָרד און פּייעס, אַז זינט די פרוי פון אַזערבײַדזשאַן האָט אַראָפּגעוואָרפן די טשאַדרע, איז זי געוואָרן אויס אַזערבײַדזשאַנקע. זאָגט שלוימע ביקלען, אַז אָט די „געוועזענע אַזערבײַדזשאַנקע" איז דערצו נאָך אַרײַנגעטראָטן אין קאָמסאָמאָל און אַז די אַזערבײַדזשאַנער שרײַבער (צום בײַשפּיל, אַלעקבער־זאַדע אַבולגאַסאַן אין זײַן באַוווּסטן ראָמאַן „אויפשטײַג") שילדערן, וויאַזוי איר כאָלעם און פרייד איז געוואָרן דער כאָלעם און פרייד צו בויען אַ סאָציִאַליסטיש דאָרף, וועט ער קאַטעגאָריש אָפּפּאַסקענען, אַז די הײַנטצײַטיקע אַזערבײַדזשאַנער ליטעראַטור, אַרײַנגערעכנט אַבולגאַסאַנען און זײַן ראָמאַן „אויפשטײַג", פאַרמאָגט לאַכלוטן ניט עפּעס אַזערבײַדזשאַנישס...

נאָר דאָס זײַנען ניט מער ווי כאָלוימעס פון געשוואָרענע „ריטער" פון דער אָפּגעגאַנגענער וועלט. צי ווילן זיי יאָ, צי ווילן זיי ניט, נאָר די טשאַדרע איז אין אַזערבײַדזשאַן שוין פאַרשוווּנדן, און די אַזערבײַדזשאַנקעס זײַנען דאָך געבליבן אַזערבײַדזשאַנקעס. עלקע רודנער איז דער נײַער נאַציִאָנאַלער כאַראַקטער פון אַ ייִדישער סאָוועטישער פרוי. אַלעקבער־זאַדע אַבולגאַסאַן איז אַן עכט נאַציִאָנאַלער אַזערבײַדזשאַנער שרײַבער. נאָטע לוריע איז אַן עכט נאַציִאָנאַלער ייִדישער שרײַבער.

ס'איז עפּשער ניט דאָ דאָס אָרט צו ברענגען סטאַטיסטישע ציפערן, ביפראַט, אַז מיר ווייסן שוין פון לאַנג, וואָס פאַר אַ ציפערן יאַנקעוו לעשטשינסקי געדענקט און וואָסערע ער געדענקט צו פאַרגעסן. נאָר מע דאַרף דאָך אַמאָל אויך מיט אַ ציפער באַווײַזן יענע ערלעכע מענטשן, וועלכע הערן זיך נאָך, לײַדער, צו צו די לעשטשינסקיס, אַז דער אָביעקטיווער עמעס דולדעט ניט קיין קונציק פאַבריצירטע סטאַטיסטיקעס.

איז אָט — אַ פּאָר געציילטע ציפערן. ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זײַנען צווישן די צוויי אַ האַלבע מיליאָן רוסישע ייִדן געווען אַרבעטער און באַלמעלאָכעס נאָענט צו 160 טויזנט. צוזאַמען מיט די מישפּאָכעס — 15 פּראָצענט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג. אויב צוגעבן 8 פּראָצענט אָנגעשטעלטע באַם מיסכער און 2 פּראָצענט אַנדערע אָנגעשטעלטע, באַקומט זיך, אַז 25 פּראָצענט פון

דער יִדישער באפעלקערונג אין דער רוסלענדישער אימפעריע זייַנען געווען ארבעטער, באלמעלאָכעס, אָנגעשטעלטע און מענטשן פון פרייַע פראָפעסיעס. נו, און פון וואָס האָבן געלעבט די איבעריקע 75 פראָצענט — א מיליאָן מיט אכט הונדערט פינף און זיבעציק טויזנט נעפאשעס? — פון „לופט“.

אָט פארוואָס שאָלעם־אַלייכעם באשרייַבט דעם לופט־מענטש. פארשטענדלעך, אז ער האָט אָפגעשפיגלט דאָס לעבן פון זייַן צייַט. שאָלעם־אַלייכעמס שאפונג איז טיף נאציאָנאל.

פארוואָס שרייַבן מיר הייַנט וועגן זאוואָדן און קאָלווירטן? ווייַל פאר דעם לעבנס־פייזאזש פון אונדזער לאנד איז כאראקטעריסטיש דער זאוואָד און דער קאָלווירט. די סאָוועטישע יִדן, אָן שום אויסנאם, פונקט ווי די מענטשן פון אלע אנדערע סאָוועטישע פעלקער, זייַנען אָדער ארבעטער, אַדער קאָלווירטניקעס, אָדער אָנגעשטעלטע. ווען שאָלעם־אַלייכעם וואָלט געלעבט הייַנט, וואָלט ער אוודע געשריבן וועגן דעם זעלבן. ווען באשעוויס, לעהאוודל, וואָלט געלעבט אין סאָף XIX — אָנהייב XX יה., וואָלט ער אויך געשריבן וועגן שרעטעלעך און שיידים, און שאָלעם־אַלייכעמען וואָלט ער ניט אנערקענט אלס נאציאָנאל־יִדישן שרייַבער.

פארוואָס שילדערן מיר ארבעטס־העראַיִזם? ווייַל ארבעט, סאָציאַליסטישע מי האָט איבערגעאנדערשט דעם לופט־מענטש. פונדאנען נעמט זיך די טעמע פראָדוקטיוויזאציע, וואָס איז דער אינהאלט פון דעם לעבן פון די סאָוועטישע יִדן אין די צוואנציקער, דרייַסיקער, פערציקער יאָרן און דעריבער — די מאגיסטראל־טעמע פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור אין דעם זעלבן פעריאַד: די ליטעראטור פון סאָציאַליסטישן רעאליזם שפיגלט שטענדיק געטרייַ אָפ דאָס לעבן.

ארבעטס־העראַיִזם... זאוואַדן... קאָלווירטן... נו, און דער מענטש?

וועגן דעם גוואלדעווען טאקע די רעאקציאָנערע אָפאָנענטן אונדזערע. זיי טומלען, אז דער מענטש איז אין דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור פארגעסן. מיר ענטפערן: איר ווייסט, פארוואָס עס איז אייַך אזוי ארייַן אין דער לעבער עלקע רודנער? ווייַל זי איז ניט קיין „גייַסט“, וואָס איז ארויסגערופן פון יענער־וועלט, ווי עס זייַנען אייַערע יִדן פון גאָריי, זי איז ניט קיין סכעמע, — זי איז א לעבעדיקע שוועסטער אונדזערע, מיט לעבעדיקן בלוט און פלייש, זי ווייסט, וואָס זי טוט, צוליב וואָס זי לעבט, זי האָט ליב, זי לייַדט, זי קעמפט פארן נייַעם גליק, און זי טוט עס ניט מיט פוסטע רייד, נאָר מיט אזעלכע מאמאָשעסדיקע מייַסים און מיט אזא קראפט, אז די קעגנער פון אָט דעם גליק, די שאָטנס פונעם נעכטן, שיסן אין איר, און נעמען שיר ניט צו בא איר דאָס לעבן. עלקע רודנער היט אָפ די געבאָטן פון דער פארטיי, וואָס האָט איבערגעאנדערשט דאָס לעבן פון די פעלקער, אייַנגעשלאָסן דאָס יִדישע פאָלק.

וויִאזוי איבערגעאנדערשט, פרעגט איר?

ווי מע דערציילט, האָט דער שרייַבער ש. אנ—סקי אין איינעם א ווינטער־פארנאכט פון שווערן 1908, נאָכן דערשטיקן די ערשטע רוסישע רעוואָליוציע, געלייענט א לעקציע אין דער שטאָט סמאָלענסק. די טעמע פון דער לעקציע — „דער גוירל פון יִדישן פאָלק“. ש. אנ—סקי האָט צווישן אנדערס געזאָגט: „ווען איך וואָלט געווען א מאָלער און וואָלט געמאָלט א בילד פון א יִדן, וואָלט איך אויסגעמאָלט א מענטשן מיט א גרויסן קאָפ, אָבער מיט א קליינעם גוף, מיט שוואכע הענט און פיס. אזא טראגישע פיגור וואָלט ריכטיק סימבאָליזירט דאָס יִדישע פאָלק“.

די עלקע רודנערס, די נייַע סאָוועטישע מענטשן, געטרייַ די געבאָטן פון לענינס פארטיי, האָבן זיך דערשלאָגן צו דעם, אז דער יִד איז אין דער וועלט פון סאָציאַליזם געוואָרן אויס טראגישע פיגור. די נאציאָנאלע גרויסקייַט פון דער יִדישער סאָוועטישער ליטעראטור באשטייט טאקע דערין, וואָס זי שפיגלט עמעסדיק אָפ אָט די איבערגעשטאלטונג.

נאציאָנאלער כאראקטער פון דער יִדישער ליטעראטור

ס׳איז באוווּסט, אז ביז דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע ווערט דאָס נאציאָנאלע אין דער יִדישער ליטעראטור אנטפלעקט אין דער שילדערונג פון די פאָלקסמאסן, וועלכע זייַנען פארטריבן פון די ברייטע לעבנס־מאגיסטראלן אין טכום ארייַן, פארוואָגלט צווישן גלופסק און קאסרילעווקע, פון די עקספלואטירטע פאָלקסמאסן, וואָס האָבן באוואָרנט זייער צוקונפט דורך ארויסבאפרייַען די הענט פון די שווערע פענטעס, וועלכע עס האָבן אף זיי אָנגעטאָן די „אייגענע“ פארדארבער, און דורך אָנשליסן זיך צום אלגעמיינעם גרויסן קאמף פונעם רוסלענדישן פראָלעטאריִאט פאר א גערעכטן לעבנס־סיידער.

אף מאָרגן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע האָט אונדזער ליטעראטור גענומען זיך אָנפילן מיט נייַעם אינהאלט. איצט ווערט דאָס נאציאָנאלע אנטפלעקט, ערשטנס, אין באשטעטיקן, באווייליקן דאָס נייַע, דאָס סאָוועטישע, אין פראָקלאמירן עס פאר אייגנס, נאציאָנאלס, אין צונויפגיסן טראָפן־אין־טראָפן דאָס נאציאָנאל־יִדישע מיט דער רעוואָליוציע. צווייטנס, ווערט דאָס נאציאָנאלע אנטפלעקס אין שילדערן, וויִאזוי די יִדישע פאָלקסמאסן הייבן זיך אָן איבערגעשטאלטיקן באלד ווי די רעוואָליוציע פירט זיי ארויף אף די גרויסע פלאצדארמען פונעם קאמף: פארטרויט זיי פונקט אזא סאָציאַלע און פאָליטישע ראָליע, וועלכע עס שפילן אלע אנדערע פעלקער פונעם לאנד, לייגט זיי ארייַן אין די הענט געווער און הייבט מיט דעם אוף אף אן אומגעהייערע הייך זייער מענטשלעכע ווירדע, רופט זיי צו אָנטיילנעמען אין לייזן דעם גוירל פון דער געוועזענער רוסישער אימפעריע, פירן ווייַטער דעם סיידער־האָוילעם צוזאמען מיט אלע באפרייַטע פעלקער.

ווען די רעוואָליוציע זיגט ענדגילטיק, דער בירגערקריג פארענדיקט זיך, ווערט דאָס נאציאָנאלע אין אונדזער ליטעראטור אנטפלעקט אין דער שילדערונג פונעם גרויסן וועג, וואָס די יִדישע פאָלקסמאסן האָבן דורכגעמאכט אונטער דער אָנפירונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, אין די באדינגונגען פון פעלקער־פרייַנטשאפט און פראָלעטארישן אינטערנאציאָנאליזם: דאָס ארויסגיין פונעם טכום אף די ברייטע ראכוועסן פונעם סאָוועטישן לעבן, דאָס ווערן א פאָלק פון דורכויסיקער ארבעט, דאָס מאכן א סאָף צו דער באגרענעצטקייַט און אָפגעשטאנעקייַט אין שטייגער און אין דער קולטור, דאָס בייַטן דורכויס די פראָפעסיעס (פריִער — שטריקלדרייער, ראבאָנים, שאדכאָנים, קאָמיוואָיאזשאָרן, שוסטערס, שנייַדערס, הענדלער, באדכאָנים, קאצאָווים, אויך ארענדאטאָרן, סאָכרים, פאבריקאנטן; איצט — שלאָסערס, טאָקערס, שאכטיאָרן, מעטאלורגן, טראקטאָריסטן, שטאָלגיסער,

קאָמבײַנערן, טעכניקער, שאָפערן, פּילאָטן, מיליטערלײַט, פּראָפעסאָרן, כימיקער, פיזיקער) און — וואָס עס איז אויך זייער וויכטיק — דאָס בײַטן די געאָגראַפיע פונעם פאָלק (פריִער — בערדיטשעוו, קריטשעוו, טעפּליק, הײַסין, באַלטע; איצט — מאָסקווע, לענינגראַד, סווערדלאָווסק, קיִעוו, נאָוואָסיבירסק, בּיראָבּידזשאַן, קראַמאַטאָרסק, מאַגניטאָגאָרסק, טאַשקענט).

דעם פּעריִאָד ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע אַנטשפּרעכט, ווי מיר ווייסן, די שאַפונג פון די קלאַסיקער און זייערע מיטצײַטלער — די ליטעראַטור פון קריטישן רעאַליזם. ווען מיר ריידן וועגן דעם ערשטן נאָכאָקטיאַבערשן פּעריִאָד (אַן ערעך ביז דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע), ד.ה. וועגן דעם פּעריִאָד, ווען עס איז פאַרווירקלעכט געוואָרן די פּראָדוקטיוויזאַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג בא אונדז אין לאַנד, — האָבן מיר אין זינען דעם אָנהייב־עטאַפּ פונעם סאָציאַליסטישן רעאַליזם אין דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איינעקע פון זײַנע גרונטלייגער האָבן אין זייערע יונגע יאָרן נאָך געשאַפן אין דער סוויווע פון די קלאַסיקער, אַנדערע זײַנען געקומען דירעקט פון דער רעוואָליוציע. מיר האָבן דאָ אין זינען אויך די צענדליקער שעפער פון דער צווייטער און דריטער נאָכאָקטיאַבערישער פּאַלאַנגע, די געקומענע אין דער ליטעראַטור ווי דערצויגלינגען פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקײַט.

האַרט פאַר דער גרויסער פּאַטערלענדישער מילכאָמע איז שוין קלאָר געווען, אַז דער פּעריִאָד פון פּראָדוקטיוויזירן די דעקלאַסירטע ייִדישע מאַסן איז פאַרענדיקט. דער ייִד אין סאָוועטנפאַרבאַנד האָט פאַר צוויי צענדליק יאָר דורכגעמאַכט א וועג פון יאָרהונדערטער. זײַן נאַציאָנאַלער מאַצעוו האָט זיך אַזוי ראַדיקאַל געענדערט, אַז דאָס, וואָס איז ערשט נעכטן געווען די געוווּנטשענע אַקטועלע טעמע (פּראָדוקטיוויזאַציע), איז שוין געוואָרן געשיכטע. די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור איז געקומען צו איר צווייטן עטאַפּ, ווען אין נאַציאָנאַלן אַספּעקט גייט זי אַרויס פון דער האַנאָכע, אַז ייִדן זײַנען א פאָלק ווי אַלע פעלקער, די נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקײַט דריקט זיך אויס ניט אין אויסנעמלעכקײַט פון אַן אויסדערוויילט פאָלק און ניט אין דערשלאָגנקײַט פון א פאָלק א קאַסטע.

אין אָט דער צײַט איז דער גאַנצער וועלט־האָריזאָנט שוין געווען פאַרצויגן מיט דער כמאַרע פונעם פאַשיזם, עס האָבן זיך אָנגעצונדן די סרייפעס פון דער מילכאָמע, און דעריבער איז באַלד אין אָנהייב פונעם נײַעם עטאַפּ אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור באַזונדערס שאַרף געשטאַנען די פראַגע: וואָס פאַר אַן אָרט פאַרנעמט אין דעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמף דער ייִד (די פאַשיסטן, ווי באַוווּסט, האָבן אין זייער פאַרניכטונגס־פּראָגראַם אויסגעטיילט א באַזונדער אָרט פאַר די ייִדן), און פונדאַנען — וויאַזוי דאַרף אָט דער קאַמף אָפּגעשפּיגלט ווערן אין דער ייִדישער ליטעראַטור? די מילכאָמע קעגן פאַשיזם איז געווען דער היסטאָרישער אויספּרוּוו פאַר אַלע סאָוועטישע פעלקער, דערונטער אויך פאַר דעם ייִדישן פאָלק. זי איז געווען א האַרבער אויספּרוּוו אויך פאַר דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וועלכע האָט אין די שוצגראָבנס פון אָט דער מילכאָמע פאַרלאָרן העכער פערציק שעפער אירע און איינצײַטיק אַרײַנגעטראָגן אין די קולטור־אוצרעס פון די סאָוועטישע פעלקער א ריי וויכטיקע ווערק אַלס פאַרקערפּערונג פון אָט דעם אויספּרוּוו.

קיינער צווייפלט ניט, אַז אין דער פראַגע וועגן דעם אָרט פון די ייִדן אין דעם אַנטיפאַשיסטישן קאַמף, אין די שלאַכטן פאַר באַשיצן דאָס סאָוועטישע היימלאַנד האָט סײַ דאָס פאָלק, סײַ, נאַטירלעך, די ליטעראַטור אָפּגעוואָרפן די נאַציאָנאַליסטישע קאָנצעפּציעס וועגן אַן „אייגענעם ייִדישן כעזשבן“ מיטן פאַשיזם, האַגאַם ס'איז פון סאַמע אָנהייב רעאַל אָפּגעשאַצט געוואָרן דער באַזונדערער כעזשבן, וואָס די היטלעריסטן האָבן אַרויסגעשטעלט קעגן די ייִדן. דאָס הייליקע געפיל פון סאָוועטישן פּאַטריאָטיזם, די פאַרברידערונג מיט די אַנדערע סאָוועטישע פעלקער, דער באַפרײַטער פאָלקס־קויעך, וואָס האָט איצט געפונען אַן אויסדרוק אין דער העלדישקײַט פון די יויסעף בומאַגינס, די לײַבלעכע ברידער פון די אַלעקסאַנדער מאַטראָסאָווס, — דאָס אַלץ האָט זיך אין יענע יאָרן איבערגעפלאָכטן מיט דעם גרויל און מוט פון די געטאָס אויף די אָקופּירטע טעריטאָריעס, מיט דעם שוידער פון די זעקס מיליאָן אויסגעשאָכטענע.

דאָס איז דער אָנהייב פונעם נײַעם עטאַפּ אין דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור, וואָס פאַרלייגט אים האָבן די הײַנטצײַטיקע שעפער אין איין ריי מיט יענע שרײַבער־העלדן, וועלכע האָבן זיך ניט אומגעקערט פון די פראָנטן און וועלכע זײַנען פאַרטרונקען געוואָרן אין די כוואַליעס פונעם סטאַלין־קולט.

אויפן הײַנטיקן עטאַפּ אַנטוויקלט זיך די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור אין די באַדינגונגען פונעם אַלזײַטיקן פאַרויסגאַנג פון אַלע סאָוועטישע פעלקער צום קאָמוניזם. דאָס גיט צו אירע ווערק א נײַע קוואַליטעט. אין צענטער פון דער שילדערונג שטייט א בירגער פון סאָוועטנפאַרבאַנד, א ייִד, וואָס איז שוין אַפילע אין זיקאָרן ווײַט פון דעם אַמאָליקן לופט־מענטשן און וואָס האָט אויך דעם וועג פון פּראָדוקטיוויזאַציע שוין אַליין, קאָן זײַן, ניט דורכגעמאַכט, אָדער, אויב ער איז א באַיאָרטער מענטש, אים דורכגעמאַכט שוין מיט א סאַך יאָרן צוריק.

אַזעלכע אָדער ענלעכע ענדערונגען זײַנען מער־ווייניקער אינטענסיוו פאָרגעקומען אין אַלע אָן אויסנאַם ליטעראַטורן פון די פעלקער, וואָס האָבן ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע געשמאַכט אונטער א צווייענדיקן יאָך — א נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן. אויב פאַר די נאַציאָנאַלע שרײַבער פון דער ערשטער נאָכאָקטיאַבערישער קאָהאָרטע איז פריִער פאַר אַלץ געשטאַנען אַן אויפגאַבע פון אינווייניק־נאַציאָנאַלן כאַראַקטער: העלפן זייערע פעלקער בײַצוקומען די נאַציאָנאַלע אָפּגעשטאַנענקײַט, זיי זאָלן זיך דערפילן ווי גלײַכבאַרעכטיקטע בירגער פונעם פילנאַציאָנאַלן סאָוועטנפאַרבאַנד, — איז איצט אָט דער פּעריִאָד שוין אַדורך. איצט שטייען אַלציינע אויפגאַבן פאַר אַלע סאָוועטישע ליטעראַטורן — די אויפגאַבן פון דערציִען בויער פון דער קאָמוניסטישער געזעלשאַפט. פאַרשטייט זיך, דאָס הייסט בעשום־אויפן ניט, אַז עס ווערט ניוועלירט די נאַציאָנאַלע פאָרם, די אייגנאַרטיקײַט און אַנדערשדיקײַט פון יעדער קאָנקרעטער נאַציאָנאַלער ליטעראַטור.

לאָמיר דאָ דערמאָנען, וויאַזוי אויף יעדן עטאַפּ האָבן די טרובאַדורן פונעם נעכטן רעאַגירט אויף די ליטעראַרישע אַנטפּלעקונגען פונעם הײַנט. אין די אידייִשע שטרײַטן האָבן זיי שטענדיק אַרויסגערוקט זייער פאַרשפּרייטן טעזיס וועגן קלוימערשטן נאַציאָנאַלן ניהיליזם בא די ייִדישע שרײַבער. אַזוי איז געווען אין די צײַטן פון די קלאַסיקער, ווען די קלעריקאַלן און רעאַקציאָנערן האָבן געטאַדלט מענדעלען פאַר זײַן „אַנטיסעמיטיזם“. מיר ווייסן אויך וועגן די פּילצאָליקע אָנפאַלן (פון אָרטאָדאָק־

סאל־ייִדישע פּאָזיציעס), וועלכע עס האָבן געהאַט אויסצושטיין שאָלעם־אַלייכעם און פּערעץ. די קלאַסיקער האָבן שאַרף און אומבעראַכמאָנעסדיק, מיט נייַע און נייַע קינסטלערישע ווערק, מיט סאַרקאַסטישע פּאַמפלעטן, מיט שלאָגנדיקע אַרטיקלען, בריוו און מינדלעכע אַרויסטרעטונגען געענטפערט אַף די אָנפאַלן פון דער רעאַקציע. שאָלעם־אַלייכעם האָט אין אַן אָפענער שלאַכט צעקלאַפּט דעם שאָמעריזם, וועלכער האָט, אַגעוו, די שונד זייַנע אויך אָנגעטאָן אין אַ „נאַציאָנאַל" העמדעלע. און געבליבן איז די ליטעראַטור אַזאַ, ווי עס האָבן זי אָנגעהויבן און געבויט די גרויסע פאָלקס־שרייַבער, געבליבן איז זי געטרייַ דעם רעאַליזם, געטרייַ דעם עמעס וועגן די ווייען און נויטן פונעם פאָלק.

די רעאַקציע אין יענע צייַטן איז געווען בייז ניט ווייניקער, איידער איצט. מענדעלען, פּערעצן, שאָלעם־אַלייכעמען, דער פּלעיאַדע האַסקאָלע־שרייַבער, ווי אויך די שפּעטערדיקע פּראָזאיִקער־רעאַליסטן און אַוואַדע און אַוואַדע די רעוואָליוציאָנער־דעמאָקראַטישע דיכטער איז ניט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן, ווי עס שיטן זיך אַף זיי אומווירדיקע היסטערישע אויסרופן און זידלערייַען, און דער אָבסקוראַנטיש־ספּעקוליאַטיווער „טעזיס", אַז מע האָט ניט אין זיך „עפּעס ייִדישס", האָט, פּונקט ווי הייַנט, פאַרביטן די לאָגיק, דעם רעאַלן פאַקט.

די געשיכטע איז געגאַנגען איר וועג. די רעאַקציאָנערן האָבן געשריִען זייערס, און דאָס לעבן איז געגאַנגען פאָרויס. די אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט אויסגעפאָרמירט אַ נייַע נאַציאָנאַלע ייִדישע ליטעראַטור — די סאָוועטישע אין רוסלאַנד און די פּראָגרעסיווע אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער. די רעאַקציע האָט ווידער געצויגן איר אַלט לידל, איצט, קאָן זייַן, מיט מער פאַרדאָרבנקייַט און טאַקע אויך אָרגאַניזירטער און צילגעווענדטער, אַף וויפל די געפאַר פאַר איר איז געוואָרן גרעסער: דער נייַער קלאַס, דער פּראָלעטאַריִאַט, האָט אַף אַ זעקסטכיילעך פון דער וועלט גענומען ענערגיש איבערמאַכן דאָס לעבן פון די פעלקער.

און ווידער דער אַלטער אָבסקוראַנטיש־ספּעקוליאַטיווער „טעזיס" פון דער רעאַקציע: דאָס, וואָס די באָלשעוויקעס טוען און שרייַבן, איז ניט נאַציאָנאַל. דאָס פאָלק דאַרף „אויסגעלייזט ווערן" פון די באָלשעוויקעס. גיין דאַרף עס אַף צוריק: אין טכום אַרייַן, אין קלויז אַרייַן, אין דער נויט אַרייַן. וויפל שמוץ איז דעמלט אויסגעגאָסן געוואָרן אַף מאַרקישן, בערגעלסאָנען, פעפערן, קוויטקאָן, כאַריקן, קושנירעווון, פיניגבערגן! און דער פּסאַק איז איינער: זיי זייַנען ניט נאַציאָנאַל, זיי ווילן דאָס זעלבע, וואָס מענדעלע מויכער־ספאָרים האָט געוואָלט: אָפּשאַפן און איבערמאַכן דאָס אַלטע לעבן. מע שילדערט, וויִאַזוי אין שטעטל קומט אַ לערערקע און עס פאַרמאַכט זיך דאָרט דער כיידער (איזי כאַריק „מיט לייַב און לעבן")? — איז עס אַ סימען, אַז מען איז שוין אויס ייִדן. מע באַווייַזט, ווי ייִדן גייען אַריבער אַף ערד־אַרבעט (פּערעץ מאַרקיש „ניט געדייַגעט")? זיי ווערן שאַכטיאָרן (איציק פעפער „פּלאַסטן", מ. אַלבערטאָן „שאַכטעס")? פאָרן אַריבער אַף ווייַטע ערדן, צום אַמור (דאָוויד בערגעלסאָן „ביראָבידזשאַנער")? קלייַבן אויס קאָלעקטיווע, סאָציִאַליסטישע פאָרמען פון דער מי (נאָטע לוריע „דער סטעפּ רופט", עליע גאָרדאָן „ווילדגראָז")? זיי פירן מיט היטלערן ניט קיין ייִדישע מילכאָמע, נאָר אַ סאָוועטישע, פּאַטערלענדישע, אַנטיפאַשיסטישע (פּערעץ מאַרקיש „מילכאָמע", אַרן קושנירעוו „פּאָטער־קאָמאַנדיר", עזראַ פיניגבערג „פון סאָמע פייַער", מוישע טייף „מילכאָמע־באַלאַדן")? — הייסט דאָס, אַז זיי טראָגן ניט מיט זיך „עפּעס ייִדישס".

אין זייַנע זיכרוינעס „דאָס געשטאַלט פון פּערעץ מאַרקישן"[1] דערמאָנט מייִלעך ראַוויטש, מיט וואָס פאַר אַ צייִנקריצעניש די רעאַקציע האָט צוגעזען, ווי אין אָנהייב פון דער סאָוועטישער עפּאָכע און אין באַדינגונגען, וועלכע האָבן, פאַרשטייט זיך, אויסגעשלאָסן „צוואַנג" און „פּראָפּאַגאַנדע", האָבן צוויי באַדייַטנדיקסטע ייִדישע שרייַבער פונעם נאָכקלאַסישן פּעריִאָד אויסגעקליבן זייער וועג אין יענער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס איז נאַציאָנאַל, ווייַל זי איז סאָוועטיש. דאָס איז געווען די צייַט באַלד נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווען דאָוויד בערגעלסאָן האָט אַרויסגעגעבן זייַן אַלמאַנאַך „אין שפּאַן" און פּערעץ מאַרקיש דאָס זאַמלבוך „כאַליאַסטרע". „ביידן האָט עס געצויגן קיין רוסלאַנד צוריק... — שרייַבט ראַוויטש. — זיי האָבן אַרויסגעגעבן צייַטשריפטן — מאַרקיש אין וואַרשע און פּאַריזש, בערגעלסאָן — אין בערלין. און די צייַטשריפטן האָבן גאַנץ דייַטלעך אַריבערגעקוקט איבערן גרויסן מיזרעך־פּלויט"... איז וואָס זשע, פרעגן מיר, האָבן זיי געזען אַף יענער־זייַט „מיזרעך־פּלויט"? זיי האָבן געזען דעם היסטאָרישן פּראָצעס פון פּראָדוקטיוויזירן די ייִדישע מאַסן, פון פאַרוואַנדלען זיי אין גלייַכבאַרעכטיקטע בירגער. ראַוויטש האָט זיך געשראָקן פאַר דעם דאָזיקן פּראָצעס, ווייַל פאַרייִנוועגס איז צעבראָכן געוואָרן דער גאַנצער טכום, וואָס נאָר ער האָט ראַוויטשן אויסגעזען צו זייַן עכט־נאַציאָנאַל. בערגעלסאָן און מאַרקיש האָבן אָבער געטראַכט אַנדערש. זעענדיק וויִאַזוי אין די אוקראַיִנישע און ווייַסרוסישע ייִדישע שטעטלעך ווערן דורכגעפירט די ערשטע מאָסמיטלען אַף אַרויספירן די ייִדישע מאַסן אין דער גרויסער וועלט אַרייַן, האָבן זיי אין די געדאַנקען זיך איבערגעטראָגן צום דווירעסדיקן טרוים פונעם ייִדישן פאָלק צו לעבן מיט אַלע פעלקער גלייַך, צום טרוים נאָך פּראָדוקטיווער אַרבעט, וואָס עס האָט שוין קלאָר פאָרמולירט י.־ל. פּערעץ אין זייַן אַרטיקל „בילדונג": „מיר מיינען די בילדונג, וואָס מאַכט פאַבריקן, באַנען, שאָסייען, — בילדונג, וואָס לערנט אַרבעטן, — זיך און דער וועלט צום נוצן, אויך די בילדונג, וואָס מאַכט דעם מענטש ערלעך און גוט...".

די גאַנצע ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור האָט זיך מאָביליזירט אַף צו העלפן פאַרווירקלעכן אָט דעם נאַציאָנאַלן טרוים פונעם פאָלק. און וואָס שווערער עס איז געווען דער וועג, אַלץ מער זייַנען געקראָכן אונטער די פיס די „נאַציאָנאַלע ייִדן", קעדיי ווי ווייַט מעגלעך מאַכן אים נאָך שווערער און לענגער. זיי האָבן אויסגעפּרוּווט אַלע מיטלען. באַ יעדן אופשוידער פונעם סטאַלין־קולט האָבן זיי צוגעגאָסן אויך זייער אייל אין פייַער: געמיט זיך צו קאָמפּראָמעטירן די פעלקער־פרייַנטשאַפט אין סאָוועטנפאַרבאַנד, וואָס איז היסטאָריש געווען איינער פון די ווירקנדיקסטע באַריערן קעגן סטאַלינס קולט, געטאָן אַלץ, קעדיי אָפּשוואַכן און אַראָפּרייַסן די באַמיִונגען פון די סאָוועטישע ייִדן באַ זייער אָנשליסן זיך צו די טיטאַנישע אויפגאַבן פון אַלע סאָוועטישע פעלקער. אין ריין־ליטעראַרישן פּלאַן האָט די רעאַקציע אַלץ געטאָן, קעדיי אַרייַנוואַרפן אין כיירעם די קאָריפייען פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור. זי האָט אויך ניט איין מאָל געפּרוּווט אַרויסרייַסן פון די קאַמפּס־רייען פון די סאָוועטישע שרייַבער דעם אָדער יענעם דיכטער, פּראָ־

[1] זשורנאַל „די גאָלדענע קייט", נומ. 35, 1959.

זאִיקער, אופהייבנדיק ארום אים א פאלשן טומל, אז אין הארצן, זעט איר, איז ער „נאציאַנאל" אף זייער נוסעך, נאָר די באַלשעוויקעס „האלטן אים אין די צוואנגען". פלעגט טאקע דער אָפּגענארטער לייענער אזוי אָפט זיך שטארק כידעשן, ווען אזא שרײַבער פלעגט מיט זײַנעם א נײַעם בוך „אָנרײַבן א נאָז" דער רעאקציע, ווען מוישע קולבאק האָט אף דער שיידים־שפיל ארום אים געענטפערט מיט „דיסנער טשאילד האראָלד", שמועל האלקין — מיט „קאָנטאקט", ליפע רעזניק — מיט דער פּאָעמע וועגן XVI פארטיי־צוזאמענפאָר. דער גרויסער נאציאַנאלער שרײַבער דער ניסטער האָט מיט קלוג־צוגעזשמורעטע אויגן געקוקט אף די טעמפּע אונטערזאָגער פון א „נאציאַנאלן אויסדרוק" פאר זײַנע ווערק און דערווײַל געשריבן פארצייכענונגען וועגן סאָוועטישן לעבן — דאָס בוך „דרײַ הויפטשטעט", און שפּעטער שוין געשאפן, באנאנד מיט דער רעאליסטישער עפּאָפּיי „מישפּאָכע מאשבער", די פובליציסטיש־טעמפּעראמענטפולע שילדערונג פונעם 1905 יאָר, דעם טיף פארטייִשן, וואָלט איך זאָגן, ראָמאן, וועלכן אונדזער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" האָט הײַנט דעם קאָוועד צו ברענגען פאר דעם לייענער.

און איצט הערן מיר ווידער דאָס גוואלדעווען פון דער יִדישער רעאקציע וועגן דעם, אז עס זײַנען „ניט נאציאַנאל" די ווערק פון די הײַנטצײַטיקע יִדישע סאָוועטישע שרײַבער. מיר זײַנען שוין געוווינט צו אָט דעם גוואלדעווען. פאר אונדז איז עס א סימען, אז ניט אומזיסט שרײַבן מיר אונדזערע ווערק — זיי טרעפן, ווײַזט אויס, ניט שלעכט אין פינטל.

שטעלט ארײַן א נײַעם ציפערבלאט...

אין פארלויף פון צווייטן נאָכאָקטיאבערישן עטאפ, ווען די לעבנס־געשיכטע פון די יִדישע מאסן אין סאָוועטנפארבאנד האָט אריבערגעשפּאנט דעם פּראָצעס פון פּראָדוקטיוויזאציע און איז ארײַנגעטראָטן אין נײַע, פריִער ניט געזעענע פאָרמען, האָט די יִדישע סאָוועטישע ליטעראטור געשטעלט פאר זיך א ריי פּראָבלעמען, וועלכע זײַנען דיקטירט פונעם לעבן און מוזן באקומען א ריכטיקע באלײַכטונג אין דער ליטעראטור.

אין נאציאַנאלן פלאן איז, זעלבסטפארשטענדלעך, אויך געשטאנען פאר אירע אויגן, ווי א שווערע, ניט פאָרויסגעזעענע אין אזא מוירעדיקער גרייס, כמארע, די „כורבן־טעמע", די טעמע פון דער פארניכטונג פון א דריטל פון אונדזער פאָלק. ווער ווייסט ניט, אז ווען עס שטארבט אן אייגענער, אן איינציקער, זײַנען צווישן די לעבעדיקע פאראן אזעלכע, וואָס ברעכן זיך איבערגעטריבן־שטארק די הענט און מאכן איבערגעטריבן־גרויסע געשרייען. פאראן, פארקערט, אנדערע, וואָס אין די טיפענישן פון זייערע אויסגעטריקנטע אויגן ליגט א ניט גערירטער דער שווערער גזאר, וועלכער מאכט עטוואָס אײַנגעבויגענער דעם רוקן, גראָווער די האָר, טיפער די קנייטשן אפן פּאָנעם און אויך — אָנגעשטרענגטער, פעסטער די הענט, וואָס וועלן באלד דארפן ארויסטראָגן פון שטוב דעם אייגענעם, דעם איינציקן און גלײַך נאָך דעם ארײַנטראָגן אין שטוב א פענעץ ברויט פאר די קינדער, א נײַ לעבן פאר די לעבנגעבליבענע.

אין דער יִדישער ליטעראטור און זשורנאליסטיק פירט אלפי־ראָוו די רעאקציע זיך אוף בענעגייע דעם געטראָפענעם נאציאַנאלן אומגליק אזוי ווי יענע, וועלכע ברעכן זיך איבערגעטריבן־שטארק די הענט און מאכן איבערגעטריבן־גרויסע געשרייען. זי מיינט עפשער, עס איז שוין פארגעסן געוואָרן איר נאָכבאָמקען דעם פאשיזם דורך צעבלאָזן אויך אף דער יִדישער גאס דעם אנטיסאָוועטיזם אין די 30־ער יאָרן. און האָט זי דען עפּעס געטאָן אין די מילכאָמע־יאָרן אף אויספּאָרמירן דאָס נאציאַנאלע אנטיפאשיסטישע באוווסטזײַן פון די יִדן אין די אָקאָפּעס באם געווער, באם נעקאָמע־קאמף קעגן די היטלעריסטן? צי איז ניט דער קאסטנעריזם און אנדערע שענדלעכע דערשײַנונגען פון יענער צײַט אין א געוויסער מאָס א רעזולטאט פון יענער לאנגיאָריקער פארדארבערישער אידעאָלאָגישער ארבעט, מיט וועלכער די „נאציאַנאלע יִדן" האָבן אָפּגעסאמט די מויכעס און אָפּגעשוואכט די מאָראלישע קויכעס בא אייניקע זייערע לייענער, צוהערער און מיספּאלעלים?

נאָכן 9 מײַ 1945 זײַנען זיי געקומען צו לויפן מיט איבלדיקע געשרייען, אז די סאָלדאטן, די העלדן פון די שלאכטן אף דער וואָלגע, און אויך די גיבוירים פון די מוראנאָווער בונקערס אין ווארשע, — אז אָט די פארשטויבטע, פארבלוטיקטע העלדן האָבן נאָך ניט מיט דער געהעריקער שפּאנונג באשריבן די ליידן פון די קדוישים, אין דער צײַט, ווען זיי, די „נאציאַנאלע יִדן", האָבן שוין באוויליקט אָנצוטאָן זייערע זײַדענע קאפּאָטעס און צונויפנעמען דאָ און דאָרט א שווארצן מיניען, קעדיי, רייִשיס, לאָזן גיסן א טרער אף דעם געטראָפענעם אומגליק, שייִניס, אָנהייבן א נײַע בעסטיאַלישע קאמפּאניע קעגן דער סאָוועטישער ארמיי, וועלכע איז נאָך געווען דעמלט פארנומען מיט עפענען די טויערן פון די היטלעריסטישע טויט־לאגערן און ארויסלאָזן פון דאָרט די געבליבענע באם לעבן אסירים.

און ביז הײַנטיקן טאָג האלטן זיי נאָך אלץ אין איין ברעכן זיך איבערגעטריבן־שטארק די הענט און מאכן איבערגעטריבן־גרויסע געשרייען. אלעמאָל, ווען דער יִדישער סאָוועטישער שרײַבער, דער געוועזענער סאָלדאט אָדער פארטיזאנער, קומט צו צום ליטעראַרישן טיש — עטוואָס אײַנגעבויגן דעם רוקן, גראָווער די האָר און טיפער די קנייטשן אפן פּאָנעם — און לייגט אוועק א נײַ ווערק, א ווערק וועגן די קדוישים און וועגן די העלדן, וועגן די ווייען און וועגן די זיגן און, פארשטייט זיך, וועגן דעם, אז מע דארף א פענעץ ברויט פאר די קינדער פון די קדוישים, א נײַ גליקלעך לעבן פאר די יאָרשים פון זייערע אָנהייבן, אז אליין די יאָרשים, אין זכוס פון די פארשניטענע, דארפן אויסקעמפן און אויסבויען דאָס נײַע גליקלעכע לעבן, אויסוואָרצלען די רעשטן פונעם פאשיזם, באקעמפן די נײַע מילכאָמע־געפאר, — אלע מאָל הייבט זיך אוף ארום גערעכטן וואָרט פונעם סאָוועטישן שרײַבער א וואַיִצאקו פון די באשעוויסעס און זייער גלײַכן, וואָס שרײַען מיט אלע קויכעס, אז דאָס איז ניט נאציאַנאל־יִדיש, ווײַל אָנשטאָט העמשעך און צוקונפט האָבן מיר בלויז מאצייוועס, און דאָס איינציקע, מיט וואָס מע קאָן יאָ ארומרינגלען די מאצייוועשטיינער, דאָס איז: שרעטעלעך, היישעריקן, רוכעס, לאָפיטוטן, שיידים און... שיידים ווייסן וואָס.

וואָס פאר א שײַכעס האָבן אָט די פּראָפעסיאָנעלע קלאָגערס צו דער פאָלקס־טראגיק? האָט דאָך ה. לייוויק אזויפיל מאָל זיך מיסנאצל געווען פאר אָנעמען זיך מיט מוט אף צורירן זיך צו דער הייליקער טעמע:

אַ, ווער וועט אָף די סליאַדן פון טרעבלינקע־גאנג פאַרגעבן דיר די שולדן פון געזאַנג[1].

און מערקווירדיק, ווי מיט לייוויקן רופט זיך איבער דער היינטצײַטיקער גרויסער רוסישער דיכטער אַלעקסאַנדער טוואַרדאָווסקי:

«Но еслиб мы одноі лишь скорбью жили,
мы были б нынче недостоійны их»[2].

די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור — זי איז פון די ערשטע מילכאָמע־יאָרן אָן צוזאַמענגעגאַנגען מיט דער גרעסטער אַכרײַעס צו דער שילדערונג פון דער טאָטאַלער אויסראָטונג, וואָס היטלער האָט אָנגעווענדט לעגאַבע ייִדן. די פאָלקס־טראַגעדיע ווערט געשילדערט ניט אָפּגעריסן פון דעם באַפרײַערישן קאַמף פון אַלע פעלקער, אין דער ערשטער ריי פון די פעלקער פון סאָוועטנפאַרבאַנד, קעגן דעם פאַשיזם. אין פּערעץ מאַרקישעס ראָמאַן „טראָט פון דורות“, אין יעכיעל פאַליקמאַנס ראָמאַן „די שײַן קומט פון מיזרעך“, אין די גרעסערע פּאָעטישע ווערק פון אַרן קושנירעוו („די מוטער ראָכל“), איציק פעפער („שאָטנס פון וואַרשעווער געטאָ“), אין די דערציילונגען וועגן די פאַשיסטישע אַכזאָריעסן, וועלכע עס האָבן פאַרעפנטלעכט דאָוויד בערגעלסאָן, דער ניסטער, נויעך לוריע, מוישע אַלטמאַן, יויסעף ראַבין, איציק קיפּניס, שירע גאָרשמאַן, אין די לידער און באַלאַדעס, וועלכע האָפּשטיין, פינינבערג, האַלקין, שטערנבערג, טייף, דריז, רויטמאַן, גרוביאַן, גאָנטאַר, אַשעראָוויטש, טעלעסין, מאַלטינסקי, קערלער, באָרוכאָוויטש אאַ. האָבן געווידמעט די אַכזאָריעסן פון די דײַטשישע פאַשיסטן, — אין די אַלע און אין אַ סאַך אַנדערע ווערק פון דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור ווערט דערציילט וועגן אַ גרויסער מילכאָמע, וואָס די פעלקער פון דער וועלט האָבן געפירט קעגן זייער בלוטיקן פײַנט, קעגן דעם פאַשיזם. אַלס ייִדישע שרײַבער טיילן, פאַרשטייט זיך, אויס די אווטאָרן פון אָט די ווערק באַזונדערס בוילעט די מאָמענטן, וועלכע זײַנען נעגייע דער נאַציאָנאַלער סוויווע, אין וועלכער זיי שאַפן. אָט די מאָמענטן פירן זיי אַרויס, ווי מע זאָגט געוויינלעך, אויפן פאָדערשטן פּלאַן. נאָר עס וואָלט אומעגלעך געווען צו פאַרשטיין דעם ווילדן שיגאָען פון דערמאָרדן זעקס מיליאָן ייִדן, ווען אין די ווערק זאָלן ניט זײַן די גרויסע וועלט־היסטאָרישע קאָליזיעס פון אָט דער צײַט, דער טיטאַנישער קויכעס־פּאַרמעסט צווישן דער סאָוועטישער אַרמיי מיט די היטלער־האָרדעס, דער גרויסער סאָוועטישער עמעס, וועלכער זיגט, די פעלקער־פרײַנטשאַפט אין לאַנד פון סאָציאַליזם, וואָס האָט ניט געלאָזט די ייִדן אָף העפקער, ניט פאַרלאָזט זיי, נאָר געדינט ווי אַ פּאַנצער, וועלכן אויך זיי, די ייִדן, צוזאַמען מיט אַלע פעלקער, האָבן, לויט לעגינס געבאָטן, אויסגעשמידט.

אין דעם גייט עס טאַקע, אַז באַווײַזן אַלזײַטיק און עמעסדיק די נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען הייסט ניט אויסטיילן זיי באַזונדער אין אַ מין פאַרמאַכטן קאָמפּלעקס. פאַרקערט, בלויז דורך אַרײַנשרײַבן זיי אין דעם קאָנטעקסט, אין וועלכן זיי עקזיסטירן רעאַל אין לעבן, איז מעגלעך געבן וועגן זיי אַוועלכע־ניט־איז פאָרשטעלונג.

אויך די לעצטע צײַט, אין די דערשינענע העפטן „סאָוועטיש היימלאַנד“, איז צו מערקן אַ באַדײַטנדיקן אינטערעס מיצאַד דער ייִדישער סאָוועטישער ליטעראַטור צו דער שילדערונג פון דער היטלערישער אויסראָטונגס־פּאָליטיק בענעגייע די פעלקער, ספּעציעל בענעגייע דעם ייִדישן פאָלק. איצט, באַ דער פּערספּעקטיוו פון צוויי צענדליק יאָר, וואָס טיילן אונדז אָפּ פון די געשעענישן, איז אָנשוילעך קלאָר, אַז דאָס נאַציאָנאַל־ייִדישע האָט אין די דאָזיקע געשעענישן באַקומען אַ טיקן בלויז אין קאָנטעקסט פונעם גרויסן לעבן.

אין מ. לעווס דאָקומענטאַלער דערציילונג „ווען ניט די פרײַנט מײַנע...“[1] איז צוערשט אפילע ניט צו באַמערקן, אַז צווישן די סאָוועטישע קריגער — מיליטערישע קורסאַנטן איז דאָ אויך די „ייִדישע טעמע“. די קורסאַנטן־ייִדן האָבן ניט געדאַוונט, ווי אַמאָל די ניקאָלײַעווער סאָלדאַטן, מע האָט זיי ניט גערופן „זשיד“ און אויך ניט „אינאָווערצעס“. זיי, פון זייער זײַט, האָבן אונטער די סאָלדאַטישע קאַסקעס ניט געטראָגן קיין יאַרמלקעס... נאָר אָט עפּנט זיך אָן אַנדער בלעטל: דער סאָוועטישער מענטש אין געפאַנגענשאַפט באַם פאַשיסט. דאָס נאַציאָנאַלע פאַרלירט אַרום זיך, דוכט זיך, דעם סאָוועטישן קלימאַט. נאָר ניין, דאָס, וואָס איך האָב דאָ אָנגערופן „סאָוועטישער קלימאַט“, דה. די דערצויגענע געמיינזאַמקײַט אין דעם גוירל פון פאַרשיידענע פעלקער, די פאַרברידערטקײַט זייערע, די קרויוועשאַפט אין פרייד און לייד, — דאָס אַלץ בלײַבט אויך דאָ אינווייניק, צווישן די סאָוועטישע מענטשן, אין זייערע הערצער, אין זייערע זיסן, כאָטש אַרום זיי הערשן שוין פאַשיסטישע פּאַראַנדקעס. און דאָ ווערט די ייִדישע נאַציאָנאַלע טעמע אַנטפּלעקט אָף אַן אָריגינעלן אויפן: די סאָוועטישע מענטשן טוען אַלץ, אַז זייער שלאַכט־כאַווער דער ייִד זאָל ניט אַרויסזען זיך צווישן אַלע איבעריקע. טשיקאַווע צו וויסן — וואָס טראַכט וועגן דעם שלוימע ביקל: באַ דעם ייִדן אין אָט אַזאַ אומגעבונג איז פאַראַן „עפּעס ייִדישס“, צי ניט?

אָט איז אַ דערשיטערנדיקער עפּיזאָד פון מישע לעווס דערציילונג.

„פון דעם געשפּרעך, וואָס עס האָט געפירט דער פעלדשער מיט אונדזער סאַניטאַר קוזיע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די קראַנקע פאַרשרײַבט מען דאָ אין עפּעס אַ ספּעציעל קאַרטל. מינאַסטאַם וועט מען מיך פריִער באַטראַכטן, און איך וועל זיך מוזן אויסטאָן נאַקעט...

פעדיע האָט מיך ניט איין מאָל געוואָרנט: דײַן נאָמען און פאַמיליע איז נאָך אַהין־אַהער, נאָר דעם פאָטערס נאָמען, אַראָן, זאָלסטו אומבאַדינגט בײַטן.

מײַן טאַטנס נאָמען... די וויִעס מײַנע זײַנען אַראָפּגעלאָזט, נאָר אפילע ווען איך קוק אָף עמעצן מיט אָפענע אויגן, זע איך אים ניט אַזוי בוילעט, ווי איך זע איצט דעם טאַטן מײַנעם, זײַן לאַנגע געל־רויטע באָרד, די האַרטע פאַרמאָזאָליעטע הענט.

ער האָט געטאָגט און גענעכטיקט אפן קאָלווירטישן ווײַנגאָרטן, און קוים איז געקומען די צײַט, — עס האָט געמעגט דונערן און בליצן, — האָט ער זיך געשטעלט דאַווענען. זײַנע ליפּן שעפּטשען עפּעס הייס. מיר דוכט, אַז ער בעט באַ גאָט אַ רעגן צו דער צײַט, ער בעט וואָס מער זוניקע טעג — דער ווײַנגאָרטן זאָל רײַף ווערן...

מײַן טאַטנס נאָמען... איך בין דער ייִנגסטער פון זיבן

[1] ה. לייוויק. אין טרעבלינקע בין איך ניט געווען.

[2] — נאָר אויב מיר וואָלטן בלויז מיט טרויער לעבן, מיר וואָלטן זייער אָנדענק ניט געווען ווערט.

[1] „סאָוועטיש היימלאַנד“ נומ 3, 1961.

קינדער, וואָס ער האָט אויסגעכאַוועט און דערצויגן... מיר האָבן געוווּסט, וואָס ער וויל פון אונדז. ער וויל, אַז מיר זאָלן זײַן אָרנטלעך, אַליין ליב האָבן אַרבעט און שעצן די מי פון אַ צווייטן...

מײַן טאַטנס נאָמען... זײַן לעצטן בריוו האָט מיר איבערגעשיקט מײַן ברודער, אויך אַ קורסאַנט פון אַ מיליטערישער שול. דער טאַטע האָט געשריבן אין יון כוידעש פון דעם איין־און־פערציקסטן יאָר: „איך און די מאַמע שלאָפן ניט קיין נעכט, דאָס האַרץ טוט ווײ פאַר אײַך, קינדער. נאָר מיר בענטשן און באַשווערן אײַך: שלאָגט אים, דעם בלוטיקן סוינע".

אָט דעם טאַטנס נאָמען מוז איך בײַטן...
זײַ מיר מויכל, פאָטער..."[1]

די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער מאַכן ניט קיין עקזאָטיק אַרום דער טעמע וועגן דעם אומקום פון אונדזערע שוועסטער און ברידער, מאַמעס און טאַטעס. פון דער טיף פונעם האַרצן רײַסט זיך באַם סאָוועטישן שרײַבער אַרויס אויך איצט, אין דער צײַט פונעם אויפבלי פון אונדזער גאַנצן לעבן, אַ טויט־קלאָלע אויף די קעפּ פון די מערדער פון אונדזער פאָלק, דעם פאַשיזם, וואָס רע־סטאַווירט איצט זײַן קויעך אויף דעם באָדן פון דער מײַרעווודיקער „דעמאָקראַטיע".

הײַנט איז ניט גענוג אויסטאָן און נאָכמאָל אויסטאָן די שיך אויף צו זיצן שיווע. די אויפגאַבע באַם באַוויזיקן הײַנט דעם נאַציאָנאַלן אומגליק אין די מילכאָמע־יאָרן באַשטייט אין מאָביליזירן אַלע קויכעס, דעם גאַנצן אויסדויער פון פאָלק און מענטש, קעדיי ניט דערלאָזן צו קיין נײַעם קריג, צו קיין נײַעם היטלער, צו קיין נײַער אויסראָטונג פון די פעלקער.

אָט פאַרוואָס מיר זײַנען קעגן אַ ליטעראַטור בלויז פון מאַצייווע. און כאָטש אַזאַ ליטעראַטור האָט צו טאָן טאָג און נאַכט מיט אויסערלעך נאַציאָנאַלע אַטריבוטן, זאָגן מיר, אַז זי איז ניט נאַציאָנאַל, ווײַל זי ווענדט אָפּ דאָס פאָלק פון זײַנע אויפגאַבן אין דעם העמשעך.

דער ייִדישער סאָוועטישער שרײַבער טעוויע גען שיל־דערט אין זײַן דערציילונג „אין דער היימשטאָט"[2] די אופשווידערנדיקע טראַגיק פון אַ מענטשן, וואָס ווו ער זאָל ניט גיין און ווו ער זאָל ניט שטיין רופט אים צו זיך דער שאָטן פון זײַן מיידעלע, דאָס פאַרלאָרענע אין אומקום־ווירבער: עפּשער לעבט עס פאָרט... דער מענטש טרויערט, דער מענטש רוט ניט, דער מענטש אָבער לעבט, און אין זײַן לעבן הייבט זיך אָן עפּעס נײַס, און דאָס נײַע וועט זיך צעוואַקסן אַזוי ברייט, אַזוי גרויס, אַז כאָטש עס וועט ניט פאַרדעקן מיט זיך די בענקשאַפט נאָך די קדוישים, וועט עס דאָך מיט אַלמעכטיקייט אָוועקטראָגן דעם מענטשן אויף די ראַכוועסן פונעם לעבן. ניט קיין נאַציאָנאַלע מיסטיק דערוועקט אין דעם סאָוועטישן מענטשן די ביטערע טויט־דערמאָנונג, זי מאָביליזירט זײַן צאָרן און מוט. דער מענטש פון טעוויע גענס דערציילונג איז אַן אינזשעניער־מעטאַלורג. אויסגעוואַקסן אין אַ גרויסן סאָוועטישן זאַוואָד, קערט ער זיך נאָכן קריג אום אַהין. דאָס, וואָס זײַן ליבע האָט זיך „גוט אויסגעוואָרעמט לעבן די פײַערדיקע רולאָנען און קאָכיקן בראַנזש", מי־נערט אויף קיין האָר ניט זײַן עכטקייט אין נאַציאָנאַלן זין, פאַרקערט, עס זאָגט איידעס וועגן דעם, אַז דאָס איז ניט קיין אויסגעטראַכטער, נאָר אַן עכטער סאָוועטי־שער ייִד, אַ דערצויגענער אין נײַע באַדינגונגען. אָט דער ייִד פרעגט ניט באַ ייִצכאָק באַשעוויסן קיין דערלויבע־ניש צו עקזיסטירן, ער פרעגט אויך ניט קיין דערלויבע־ניש באַ שלוימע ביקל אויף ווערן אין ט. גענס ווערק דער טרעגער פונעם נאַציאָנאַלן, פונעם ייִדישן מאָטיוו.

פאַראַן אין טעוויע גענס דערציילונג אַ זײַטיקער פּער־סאָנאַזש — גדאַליע באַקסערמאַן, דער זייגערמאַכער, וואָס איז אַרויס פון אַשווענטשים און נאָך דעם שטענדיק געווען דערוויטערט פון דעם שפּרודלדיקן לעבן, אַפילו קעגנעריש צו דעם. און נאָך איין זײַטיקער פּערסאָנאַזש — הירשל גוטיס, אַ געוועזענער סאָלדאַט. ער בויט בעשוט־פעס מיט גדאַליען אַ שטוב. נאָכן קריג האָט ער כאַסע־נע און זעצט פאַר דאָס לעבן אויף די רוינען. גדאַליע באַקסערמאַן, ווי געזאָגט, האָט ניט געוואָלט שאָלעם מאַכן מיטן לעבן. נאָר עס געשעט אָט וואָס: באַ גוטיסן ווערט געבוירן אַ קינד. גדאַליע באַקסערמאַן גייט צו צו דעם און טוט אויף דעם אַ קוק —

„און דאַן האָב איך דערזען, — דערציילט גוטיס, — עפּעס ענלעכס אויף אַ שמייכל אויף די טרוקענע, בלוילעכע ליפּן גדאַליעס. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער זײַ־גערמאַכער האָט אַרײַנגעשטעלט אין זײַן אייגענעם אַלטן אָפּגעבליאַקעוועטן זייגער אַ נײַעם ציפערבלאַט, און עס האָט גאָר אַנדערש אַ לויכט געטאָן די גאַנצע מאַשי־נעריע..."

פאַר די גדאַליע באַקסערמאַנס איז הײַנט טיף־נאַציאָ־נאַל ניט די אָפּגעשלאָסענע, אָן אויסוועג און אָן העמשעך, כורבן־ליטעראַטור, נאָר די ליטעראַטור, וואָס פירט פון דעם כורבן צום לעבנס־העמשעך. דער באַגריף „כורבן־ליטעראַטור" איז, ביכלאַל גערעדט, גענומען פונעם אַרסענאַל פון די „נאַציאָנאַלע ייִדן", וואָס ווילן מיט דעם אונטערשטרײַכן, אַז די טעמע פירט אינערגעץ ניט אויף אַז זי איז אָפּגעצאַמט פון אַלדאָס איבעריקע מיט אַ בעסוילעם־וואַנט.

זיי פילן ניט די צײַט, די „נאַציאָנאַלע ייִדן". אַ סך פון זיי וואָלט עפּשער געהאָלפן, ווען מע שטעלט זיי אַרײַן אַ נײַעם ציפערבלאַט...

צוקונפט — דאָס איז לעבן

אין דער ביזאָקטיאַבערישער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך געדערכנט, אַז דער גאַנצער ציקל פון פאַרשיידנערליי לעבנס־פּראָגן לייגט זיך אַרײַן — פון אָנהייב און ביזן סאָף — אין דעם טכום־שטעטל. ס'איז פאַראַן אַ „ייִדישע וועלט", אויף די ראַנד־גאַסן פון וועלכער עס לעבן „גוייִם". און דאָ, אין אָט דער וועלט, מיט דעם ריבוינעשעלוילעם פון אויבן, לעבן אויף זייער לעבן דורעס ייִדן, ניט אָנקו־מענדיק צו קיין אַנדער וועלט.

איך וויל דאָ ניט אַרײַנגיין אין אַ פּאָלעמיק מיט יענער צײַט. דאָס האָבן שוין מיט זייער שאַפונג געטאָן די קלאַסיקער. עס איז קלאָר פאַר יעדן, אַז הײַנט איז אַזוינס אומעגלעך. ניטאָ דער טכום, ניטאָ די אָפּגעזונדערטקייט. דער מעטאָדאָלאָגישער צוגאַנג אין דער ליטעראַטור מוז זײַן אַן אַנדערער. די צאָרע אָבער פון די אַזויגערופענע „נאַציאָנאַלע ייִדן" און פון זייער ליטעראַטור באַשטייט דערין, וואָס אויך הײַנט שאַפן זיי קינסטלעך אַ פאַרשלאָ־סענעם ייִדישן לעבנס־ציקל. און אויב פון יענער צײַט „ייִדישן ציקל" ליגט דאָס גרויסע געראַנגל פון אידייען און מעלוכע־אָרדענונגען, דער פלי פון ספּוטניקעס, די

[1] דאָרט, ז. 54—55.
[2] — „סאָוועטיש היימלאַנד", נומ. 1, 1961.

רעוואָליוציע אין קובע, די אפריקאנער אנטיקאָלאָניִאַליסטישע עפּאָפּיי, די קיבערנעטיק, די קאָמסאָמאָלישע צעלינא־שטורעמס, — איז זאָל זיך עס אַלץ זײַן ערגעץ דאָרט, הינטער די ווײַטע בערג, ווי אַף אַנדערע פּלאַנעטן, און פאַרן שילדערער פונעם „ייִדישן ציקל“ זאָל זײַן וויכטיקער א ליאַדע „קאָשערע יאַטקע“ פון יענער זײַט וויליאַמסבורגער בריק, אין דעם „ייִדישן ברוקלין“, איידער אָט דאָס אַלץ, וואָס האָט ניט אין זיך „עפּעס ייִדישס“.

פונדאַנען נעמט זיך אויך די טענדענץ צו אויסנעמלעכקײַט, דאָס אוועקשטעלן דאָס ייִדישע אין סאַמע צענטער דאָרט, וווּ אין צענטער געפינט עס זיך ניט. לעמאָשל, די לעצטע גרויסע וועלט־מילכאָמע האָט, קלוימערשט, געקנאַלט בלויז אַרום איין פראַגע: דער ייִדישער. קיין אַנדער פראַגע איז ניט געווען. און אויב א ייִדישער פּאָעט וועט אָנשרײַבן, לאָמיר זאָגן, א ליד וועגן דער טראַגעדיע פונעם טשעכישן דאָרף לידיצע, וועלכן די היטלעריסטן האָבן פאַרברענט צוזאַמען מיט אַלע אײַנוווינער, — איז ער דאַן ניט קיין ייִדישער פּאָעט, ער איז ניט נאַציאָנאַל. אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ האָט יאַנקעוו שטערנבערג געדרוקט לידער וועגן דעם גענאַלן רוסישן שרײַבער לעוו טאָלסטאָי, מאָטל גרוביאַן — וועגן דער רעוואָליוציע אין קובע. וווּ איז דאָ דאָס ייִדישע? ניטאָ. זײַנען, אויב אַזוי, די לידער ניט נאַציאָנאַל. אויך דער סטאַלין־קולט אינטערעסירט אַף אַזויפיל, אַף וויפל ער האָט זיך אָפּגערופן אַף די ייִדן. נו, און אַלדאָס איבעריקע — די „אַנדערע“ נײַן און נײַנציק פּראָצענט פון אָט דער דערשײַנונג? וועגן זיי דאַרף ריידן דער „גויִישער שרײַבער“. אין דער שטאָט N, אין זאַוואָדישן ייִשעוו NN וווינען הונדערט ייִדישע מישפּאָכעס צווישן פינף טויזנט „אַנדערע“ מישפּאָכעס פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. וויאַזוי אים באַשרײַבן, דעם הײַנטצײַטיקן ייִדן, אויב ער וווינט ניט אין קאַסרילעווקע און לעבט זיך ניט אויס אַף די מערק, אין די באָטעמעדראָשים? די סאָוועטישע ליטעראַטור ענטפערט אַף דער פראַגע אַזוי: דעם הײַנטצײַטיקן ייִדן דאַרף מען דערזען אין קאָנטעקסט פון דעם לעבן, אין וועלכן ער לעבט, מע דאַרף אים פון דאָרט ניט אַרויסרײַסן. מע דאַרף אים באַשרײַבן און אים בענטשן אין זײַן נײַעם לעבן, צוזאַמען מיט די אַנדערע פעלקער, מיט וועלכע ער לעבט און אַרבעט, אין דער שײַן פון די גרויסע אידייען פון דער הײַנטצײַטיקײַט, וועלכע באַגײַסטערן אים. דער שרײַבער, וואָס, אַרויסגייענדיק פון אָט די פּרינציפּן, וועט אַרײַנברענגען אין דער ליטעראַטור א רעאַליסטישע שילדערונג פון דעם ייִדן פון דער צווייטער העלפט פון אונדזער יאָרהונדערט, וועט, וואַרשײַנלעך, בלײַבן צווישן די גרונט־שעפער פון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אַזוי ענטפערט אַף אָט דער פראַגע די ייִדישע סאָוועטישע ליטעראַטור. די „נאַציאָנאַלע ייִדן“ דערווידערן. זיי וועלן אַזאַ שרײַבער אַרײַנוואַרפן אין כײרעם, ווײַל לויט זייערע מאָסן האָט ער אין זיך ניט „עפּעס ייִדישס“: אַלס רעאַליסט וועט ער ניט אויסטיילן די הונדערט ייִדישע מישפּאָכעס פון דעם זאַוואָדישן ייִשעוו NN אין א ייִדישער געטאָ! די נאַציאָנאַלע ייִדן זעען דעם הײַנטצײַטיקן העלד אין א קאָנטעקסט, וואָס עס איז ניט וויכטיק, צי ער איז דאָ אין דער ווירקלעכקײַט, צי ניטאָ, — די „נאַציאָנאַלע ייִדן“ ווילן, ער זאָל זײַן:

שטיינער גלאַטיקע פון טריט. אַף זיי געגאַנגען
דער הייליקער אלשייך אין קיטל און אין פּעז.
אַף זיי געצימבלט האָט זײַן „לעכאָ דוידי
ליקראַס קאַלע“ אַלקביץ,
און דער אר״י געפירט האָט מיט דער
סיטרע־אַכרע זײַן געראַנגל.
איצט גיי דאָ איך, אן אייניקל פון בעש״ט...[1]

איר האָט עפּעס פאַרשטאַנען? איך אויך — ניט אַלץ. נאָר ניט אין דער „ריינער ייִדישער שפּראַך“ פון דעם שיר און ניט אין טאַלאַנט פונעם אַווטאָר גייט דאָ. עס ווילט זיך פּאָשעט דורך אָט דעם ייִדישן דיכטער זיך ווענדן צו זײַנע גײַסטיקע פּאָטערס, די „נאַציאָנאַלע אידעאָלאָגן“: איך בעט איבער אײַער קאָוועד, ראַבויסײַ. אין וועלכן יאָרטויזנט לעבט איר?

און פאַר דער לעבעדיקער און זוכנדיקער ייִדישער ליטעראַטור, פאַר דעם שרײַבער אונדזערן, פאַר דעם לייענער קאָן מען איבערכאַזערן די ווערטער, וואָס אין עליע שעכטמאַנס ראָמאַן „ערעוו“ זײַנען זיי געזאָגט וועגן דעם געדאַנקענגאַנג פון דער רעוואָליוציאָנערקע כײרוס: „אין איינס איז זי גערעכט — מיט דער פאַרגאַנגענהײַט קאָנען מיר מער ניט לעבן. ניין, אקיווע־פרײַנט, ניין, נאָר ניט מיטן אָווער... מיר זײַנען שוין זאַט מיט אים. דער אָווער קריכט אונדז שוין פונעם גאָרגל. ווידער און אָבעראַמאָל דאָס אַלטע לידל: אַמאָל איז געווען א מעלעך... דער אָווער וועט סײַווי פון אונדז אינערגעץ ניט אוועקגיין, ער שטייט אייביק פאַר אַלעמענס. אקיווע־פרײַנט, מיר דאַרפן האָבן א מאָרגן... לעבן מיטן אָווער — איז א פריצײַטיקער טויט. צוקונפט — דאָס איז לעבן...“[2]

---

[1] מוישע יונגמאַן. באַגעגענישן אין צפאַס. „אַלמאַנאַך פון די ייִדישע שרײַבער אין ייִסראָעל“, ז. 130. לכה דודי לקראת כלה — א נאָמען פון א טפילע, וועלכע מע זאָגט פרײַטיקצונאַכטס; אר״י און בעש״ט — ראָשעטייווען פון נעמען (אר״י — דער שעפער פון דער נײַסטער קאַבאָלע, געלעבט אין XVI יה; בעש״ט — דער גרינדער פונעם כאַסידיזם, געלעבט אין XVIII יה.).

[2] — „סאָוועטיש היימלאַנד“, נום. 1, 1962, ז. 23.

מוישע גאָלדבלאט

פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר, פארדינסט־פולער קונסטטוער פון דער אוקראַיִנישער ססר, פאָלקס־ארטיסט פון דער קאזאכישער ססר

קולבאקס שוואנען-ליד

אין די יאָרן 1936—1937 איז מיר אויסגעפאלן דער קאָוועד צו זייַן רעזשיסער פון מוישע קולבאקס פיעסן „בויטרע גאזלען“, „ביניאָמין מאגידאָוו“ און שפילן די הויפט־ראָלן אין זיי. נאָר אויב „בויטרע“ איז, ווי באוווסט, באוויזן געוואָרן אין עטלעכע טעאטערס פון סאָוועטנפארבאנד, האָט די צווייטע פיעסע ניט דערזען די שייַן, ווייַל פונקט אין יענער צייַט איז דער אווטאָר אירער געפאלן א קאָרבן פונעם סטאלין־קולט. פאַסירט האָט אזוי, אז אינגיכן איז פארלוירן געגאנגען אפילע דער טעקסט פון דער פיעסע און ביז הייַנט האָט זיך ניט אייַנגעגעבן געפינען אָט דאָס טאלאנטפולע טעאטערווערק. איך פיל דעריבער פאר מייַן כויוו דערציילן, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט קולבאקס שוואנען־ליד — די הערויִשע קאָמעדיע „ביניאָמין מאגידאָוו“, און וואָס פאר אן אָרט זי האָט פארנומען אין זייַן שאפונג.

די געשיכטע פון דראמאטורגיע ווייסט א סאך פאלן, ווען שריפטשטעלער האָבן איבערגעלאָזט טיפע שפורן אין דער טעאטער־קולטור, ניט געקוקט אף דער ביז גאָר קליינער צאָל דראמאטישע ווערק, וואָס איז פארבליבן נאָך זיי. גענוג צו דערמאָנען גריבאָיעדאָוון מיט זייַן איינציקער געניִאלער פיעסע „צאָרעס פון סייכל“; לעוו טאָלסטאָיען, וואָס האָט פאר זייַן לאנגן שעפערישן לעבן אָנגעשריבן ניט מער, ווי דרייַ טעאטער־ווערק; גאָגאָלן, טורגעניעוון, וואָס זייער דראמאטורגישע יערושע איז אין צאָל ניט איבעריק גרויס, אא. אויך אין דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראטור קאָן מען אָנרופן די נעמען פון מאיאקאָווסקי, ווישנעווסקי, ווסעוואָלאָד איוואנאָוו, וועלכע האָבן אָנגעשריבן קלאל ניט קיין סאך דראמאטישע שאפונגען, אָבער אזעלכע, וואָס ווערן שוין הייַנט ארייַנגערעכנט אינעם צעטל פון דער סאָוועטישער קלאסיק. איך בין דערמיט אויסן אונטערצושטרייַכן, אז כאָטש קולבאקס ווונדערלעכער טאלאנט האָט אין זייַן פולער טיפקייַט און פילבארקייַט זיך אנטפלעקט ניט אזויפיל אין דער דראמאטורגיע, וויפל אין זייַן פאָעזיע און פראָזע, האָבן מיר דאָס רעכט, ניט מוירע האָבנדיק איבערצוטרייַבן, פארעכענען קולבאקן אלס איינעם פון אונדזערע גרעסטע בינע־שריפטשטעלער.

קולבאק האָט אייַנגעזאפט אין זיך דאָס דינסטע און קליגסטע פון אונדזער קלאסישער דראמאטורגישער יערושע, אָנגעהויבן פון גאָלדפאדענען און ביז פערעצן. גאָלדפאדנס סצענישע אויסדריקלעכקייַט און שפילעוודיקייַט איז קולבאקן געווען פונקט אזוי אייגנטימלעך, ווי מענדעלעס קלוגע איראָניע און בייַסנדיקע סאטירע. שאָלעם־אלייכעמס שטייגער־קענטעניש און הארציקע פאָלקסטימלעכקייַט איז בא אים געווען באהעפט מיט פערעצעס טיפער געדאנקלעכקייַט און פאָעטישער פאראלגעמיינערונגס־קראפט. טאקע דערפאר איז ער ארייַן אין אונדזער ליטעראטור ווי אן אָריגינעלער, זעלבשטענדיקער קינסטלער, וואָס האָט געשאפן זייַן אייגענעם גאנג אויך אין דער דראמאטורגיע.

די ערשטע און וויכטיקסטע אייגנשאפט פון קולבאקס פיעסן איז — קלאָרקייַט פון געדאנק. דעם דראמאטורגס אידייִש־קינסטלערישע קאוואָנע, די סאָציִאל־פסיכאָלאָגישע טענדענץ פליסט אָרגאניש ארויס פון דער טעמע, פונעם סוזשעט. קולבאק בויט מייַסטעריש אויס די דראמאטישע קאנווע פון יעדער סצענע און יעדן עפיזאָד. דאָס איז א מין געפעכט, א קאמף, א צוזאמענשטויס פון די סצענישע העלדן, אין וועלכע עס אנטפלעקט זיך זייער כאראקטער. פון אזעלכע בליצנדיקע געפעכטן ווערן קולבאקס פיעסן אומגעהייער דינאמיש. זיי טאקע שאפן עס די טראגיק פון „בויטרע“ און ברענגען צו שארפע קאָמישע סיטואציעס אין „מאגידאָוו“. די צווייטע אייגנשאפט פון קולבאקס פיעסן, וועלכע איך, אלס רעזשיסער, שאץ באזונדערס, איז די קאָנקרעטקייַט פון סצענישן זשאנער, אויב מע מעג אזוי זיך אויסדריקן. ריכטיק באשטימען דעם זשאנער (אין ענגערן זין פון וואָרט) פון א דראמאטיש ווערק הייסט געפינען דעם פאסיקן שליסל צום אינטערפרעטירן עס, צום אויסטייַטשן אף דער בינע־שפראך זייַן אייגנארטיקייַט, געפינען דעם אנטשפרעכיקן קאָלאָריט פאר דער פיעסע, איר אָרגאנישע פאָרמירונג. ס'איז מאמעש צו באוווּנדערן קולבאקס מייַסטערשאפט אין דער הינזיכט. צי קאָן בא עמעצן ארויסרופן א סאָפעק דער זשאנער פון „בויטרע גאזלען“? דאָס איז א פאָלקס־דראמע אין בעסטן זין פון וואָרט. אין איר איז פאראן אין דער פולער מאָס דאָס, וואָס פושקין רופט אָן „גוירל פון מענטש און גוירל פון פאָלק“.

...די פינצטערע צייַט פון ניקאָלייַ פאלקין. אפן טכום־האמוישעוו האָט זיך אראָפגעלאָזט, ווי א כמארע, די גזיירע וועגן רעקרוטן־פראָצענט. די „כאפערס“ יאָגן ארום, ווי צערייצטע הינטשלעגער, איבער שטעט און שטעטלעך און כאפן אָרעמע ייִנגלעך לויט די צעטלען, וואָס די „פייַנע־לייַט“, די „פניי־האָיר“ האָבן צונויפגעשטעלט. זיי, די שטעטלשע נעגידים, קויפן אויס די אייגענע קינדער בא דער צארישער אדמיניסטראציע און שטעלן אָנשטאָט זיי ארייַן אין די צעטלען די געכאפטע אָרעמבאָכערים, וועלכע ווערן פארשיקט אף פינף און צוואנציק יאָר אין דער פארשאָלטענער ניקאָלאיעווער רעקרו־

טשינע. אין אזא צעטל פאלן אויך ארײַן כאִים בויטרע מיט זײַנע כאַווײרים. עס גיט זיך זיי אָבער אײַן ארויסרײַסן זיך פון די „כאַפּערס“. זיי אנטלויפן אין וואלד און ווערן די נעקאָמענעמער פאר די באוואלטע און אונטערדריקטע. די אָרעמשאפט פון דער גאנצער געגנט ציט זיך אין וואלד צו כאִים בויטרע מיט זײַן כעוורע, מאכמעס זי דערפילט אין זיי באשיצער, קעמפער קעגן צווייענדיקן יאָך — פון סאָציִאלער און נאציִאָנאלער אונטערדריקונג. אָבער צו שוואך זײַנען די קויכעס פון ווידערשטאנד, און כאִים בויטרע קומט אום אינעם קאמף קעגן א צארישן שטראָף־אָטריאַד.

פארשטייט זיך, אז איבערדערציילן דעם אינהאלט פון אזא פּאָעטיש ווערק, ווי „בויטרע“, איז גוואלדיק שווער. ס׳איז אומעגלעך איבערצוגעבן אין קארגע ווערטער דעם ווונדערלעכן כיין און די פאָלקסטימלעכקײַט פון דער קלעזמער־קאפּעלע, די שארפזיניקײַט און יאָמטעוודיקע דערהויבנקײַט פון מיירום־מארשאלעק, די נאִיווע און צארטע לירישקײַט פון סטערקעלען און פאר אלעמען און איבער אלעמען די גײַסטיקע קראפט פון כאִים בויטרע, דעם הויך־באגאבטן פאָלקס־מענטש און פאָלקס־העלד. כאִים בויטרע איז באוויזן ווי אן אייגנארטיקער, א נאציִאָנאלער וואריִאנט אין דער אינטערנאציִאָנאלער גאלעריי פון נאָבעלע „רויבער“, אזעלכע, ווי קארל מאָאָר בא שילערן אָדער דובראָווסקי בא פושקינען.

צווישן אלע טעאטראלע זשאנרען איז פאראן איינער, וואָס גיט זיך זעלטן עמעצן אײַן, ער איז עפשער דער שווערסטער פארן דראמאטורג. דאָס איז דער זשאנער פון דער הערואִישער קאָמעדיע. די שווערקײַט באשטייט דערין, וואָס אזא פיעסע ווערט געבויט אף א קאָמישן סוזשעט, וועלכער איז בארופן צו אנטפלעקן און אונטערצושטרײַכן דאפקע דאָס ערנסטע און הערואִישע. באהעפטן דאָס הערואִישע און קאָמישע אין איין געפלעכט — דערמיט קאָן זיך ספראווען בלויז א קינסטלער פון גרויסן פארמעסט. אין „בינֿיאָמין מאגידאָוו“ האָט קולבאק דאָס מײַסטערהאפט פארווירקלעכט.

און ווידער שטעלט זיך פאר מיר אן אומגעהייער שווערע, קימאט אומדערלייזבארע אופגאבע — איבערדערציילן אין קורצן דעם אינהאלט פון דעם זעלטענעם קונסטווערק, וואָס איז געווען, ווי איך האָב עס אופגענומען, דער העכסטער פונקט אין מוישע קולבאקס דראמאטישן שאפן.

בינֿיאָמין מאגידאָוו, דער גארבער־יונג, וואָס האָט פון דער פריסטער יונגט פארבונדן זײַן גוירל מיט דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג, וואקסט אויס פאר אונדז אין דער דאָזיקער פיעסע ווי א געניטער פארטיזאנישער פירער אין די ערשטע יאָרן נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע. די ווײַסרוסישע ערד, אן אויסגעמאטערטע אין די שווערע יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מילכאָמע, ווערט באפאלן פון די פויליש־שליאכטישע לעגיִאָנען. שטאָט און דאָרף גייען אָפ מיט בלוט אונטער דער נאהײַקע פונעם פארכאפער, פעלדער און וועלדער גייען אוועק מיטן פײַער, די בעסטע זין און טעכטער פון פאָלק ווערן געשענדט און געמאָרדעט. פונוואנען זשע וועט קומען הילף און רעטונג? די אויגן פונעם פײַנלײַדנדיקן פאָלק זײַנען געווענדט צו דער יונגער, העלדישער רויטער ארמיי, צו די פאָלקס־נעקאָמענעמער די פארטיזאנער, וואָס פירן א הערואִישן קאמף קעגן סוינע.

אָט אין אזא אָנגעשטרענגטער צײַט באווײַזט זיך אין איינעם א ווײַסרוסישן שטעטל, וואָס ליגט באם סוינע אין הינטערלאנד, בינֿיאָמין מאגידאָוו. דאָס דאָזיקע שטעטל איז א וויכטיקער סטראטעגישער פונקט, פונוואנען די אָנגרײַפנדיקע רויטע ארמיי קלײַבט זיך צוזאמען מיט די פארטיזאנישע טיילן דערלאנגען א טויטקלאפ דעם סוינע. דאָס שטעטל שטייט אפן ברעג פון א גרויסן טײַך. די בריק איבער דעם טײַך איז דאָס וויכטיקסטע קאָמוניקאציע־מיטל פונעם סוינע. עס איז נייטיק שטילערהייט אָנזאמלען אין שטעטל פארטיזאנישע קרעפטן און אין געהעריקן מאָמענט אופרײַסן די בריק, ארויסרופן א פאניק אין דעם סוינעס רייען, איבערשנײַדן אים דעם וועג, ער זאָל ניט קאָנען אָפטרעטן, און דערמיט פארלײַכטערן דעם אָנגעמערקטן אָנגריף־מארש פון דער רויטער ארמיי. פארווירקלעכן אָט די פאראנטוואָרטלעכע אָפעראציע, וואָס פאָדערט קאָנספיראטאָרישע געניטקײַט און אָרגאניזאטאָרישן טאלאנט, ווערט אָנגעטרויט בינֿיאָמין מאגידאָוון. אזא איז די איינפאכע פאבולע פון דער פיעסע. אין די הענט פון א דראמענמאכער וואָלט פון אזא מאטעריאל ארויסגעקומען ניט מער, ווי אן אויבערפלעכלעכער פרימיטיווער פלאקאט, אָדער א שרײַענדיקע מעלאָדראמע, ווו עס דאָמינירן צוויי פארבן: שווארץ און ווײַס. מוישע קולבאקס געבענטשטע פען האָט פון אָט דעם מאטעריאל געבוירן א ווערק פון גרויסער קינסטלערישער קראפט.

קולבאק האָט אונדז קוידעמקאָל ארײַנגעפירט אין דער אטמאָספער פון צײַט און אָרט דורך א פראָלאָג, וואָס האָט געקאָנט פארנעמען א וויכטיק זײַטל אין זײַן דיכטונג לויט דער געשטאלטלעכער פּאָעטישקײַט און אָנגעזעטיקטקײַט מיט דראמאטיזם. גלײַך נאָכן פראָלאָג, אומדערווארט, ווי א שארפער קאָנטראסט, ווערט געוויזן א שטוב פון אן אָרעמען קליינשטעטלדיקן בעקער, וואָס האָרעוועט מיט ביטערן שווייס, קעדיי צו פארדינען זײַן שטיקל ברויט און אויסהאלטן זיך און זײַנע צוויי „פארזעסענע“ טעכטער. וועגן וואָס טרוימט אזא טאטע? פארשטייט זיך, וועגן אויסגעבן די טעכטער. ביפראט, אז די עלטערע איז שוין טאקע פארזעסן ביזן „גרויען צאָפּ ארײַן“. צו דעם אלעם איז ער נאָך אן אקשן, דער אלטער בעקער, קיין פּאָשעטער „כײַ־וועקײַעם“ פאר א כאָסן דער טאָכטער שטייט אים ניט אָן, ער יאָגט זיך דאפקע נאָך א לאמדן, א בען־טוירע.

איז אָט, אין איינעם א שיינעם אָוונט עפנט זיך די טיר פון דער בעקערײַ און אף דער שוועל שטעלט זיך אוועק אַן אָרעמבאָכער, א מין וואנדערנדיקער טאלמיד־כאָכעם. ער בעט באם בעקער נאכטלעגער. באם אלטן בליצט גלײַך אוף א געדאנק, אז דאָס האָט אים גאָט אליין, וואָס זיצט אין הימל און איז מעזאווועג זיוווגים, צוגעשיקט א כאָסן פאר דער עלטערער טאָכטער. ער נעמט אוף דעם באָכער מיט גרויס קאָוועד, בעט אים פארבלײַבן דאָ לענגער, מאכמעס די צײַט איז א שווערע, אינמיטן העלן טאָג באפאלט מען און מע הארגעט מענטשן. עס הערשט א הונגער, און דאָ, בא אים, באם בעקער, איז מען כאָטש פארזיכערט מיטן לעבל ברויט. ער דערקלערט, אז ער איז אויסן ניט מער, ווי פארדינען א מיצווע. ער האָט אמאָל געהערט פון א באלדארשן, אז דער, וואָס באדינט א טאלמיד־כאָכעם, פארדינט א כיילעק אוילעמהאבע. שטילערהייט קנעלט ער אײַן מיט דער עלטערער טאָכטער, ווי זי זאָל זיך אופירן, אָנטאָן זיך, ריידן, קעדיי געפעלן ווערן דעם יונגנמאַן. דער יונגערמאַן — און דאָס איז מאגידאָוו — האָט לעכאטכילע ניט פארשטאנען דעם בעקערס „דיפּלאָמאטיע“, אָבער די גאסטפרײַנטלעכקײַט, וואָס ווערט אים ארויסגעוויזן, קומט אים צוניץ, זי אנטשפרעכט זײַנע פּלענער צו פארוואנדלען די בעקערײַ אין א קאָנספּיראטיווער קווארטיר.

אינעם פינצטערן קעמערל, וואָס דער בעקער האָט אויסגעטיילט פאר מאגידאָוון, קומען פאָר געהיימע זיצונגען פונעם פארטיזאנישן שטאב. פונדאנען ציִען זיך די פעדעם צו אלע פארטיזאנישע מאכנעס פון דער געגנט. אָבער די צײַט גייט, און קיין געניויע אָנווײַזונגען וועגן אָנהייבן דעם אופשטאנד זײַנען נאָך ניטאָ. דערווײַל ווערט דער בעקער פון טאָג צו טאָג אלץ מער צוגעזאָטן צום „זײַדענעם יונגנמאַן“ (אזוי האָט ער געקרוינט מאגידאָוון) און ער הייבט אָן אונטערשיקן צו אים שאדכאָנים. אויך דעם בעקערס טאָכטער האָט זיך איבער די אויערן פארליבט אין מאגידאָוון און פארווארפט אים מיט ליבע־בריוולעך, צונויפגעשטעלט אין סטיל פון די באוווסטע יידיש־טײַטשישע בריוונשטעלערס.

די לאגע אין שטאָט ווערט אלץ מער אָנגעשטרענגט, דער סוינע בושעוועט, אלע נאכט קומען פאָר אָבלאוועס, מע זוכט פארטיזאנער, רעוואָליוציאָנערן. בעשאס איינער אזא אָבלאווע ווײַזט דער בעקער אָן אף מאגידאָוון, ווי אף זײַנעם אן איידעם. מאגידאָוו באשטעטיקט עס. אף דעם סמאך פּאָדערט בא אים דער בעקער צו באשטימען א צײַט אף שרײַבן טנאָים.

זייער קאָמיש און אין דער זעלבער צײַט דראמאטיש אָנגעשטרענגט איז געווען די סצענע פון טנאָים־שרײַבן. אף דער דאָזיקער צערעמאָניע האָט דער בעקער פארבעטן די „שענסטע באלעבאטים“ פון שטעטל מיטן ראָוו בעראָש. דער בעקער האָט אלעמען פארזיכערט, אז אין דעם אָוונט וועט דער וויללערנער, דער „גאָלדענער קאָפּ“, האלטן א דראָשע און באווײַזן זײַן כאריפעס. אָט זיצן שוין די געסט באם טיש און ווארטן, די קאלע אין צווייטן ליידער גייט שיר ניט אויס פון אומגעדולד, די קעלישקעס זײַנען שוין אָנגעגאָסן, נאָר דער כאָסן... דער כאָסן איז ניטאָ! בא מאגידאָוון אין קעמערל, בא א פארשלאָסענער טיר און אין פולער פינצטערניש קומט פאָר א זיצונג פונעם פארטיזאנישן שטאב. מאגידאָוו גיט די לעצטע אָנווײַזונגען פאר דעם אופשטאנד, וואָס דארף זיך אָנהייבן פונקט האלבע נאכט.

נו, און דער קנאסמאָל? — פרעגט בעסער ניט! די געסט זײַנען אויסער זיך: סטײַטש, אזא פּכיסעס־האקאָוועד, אזוי לאנג לאָזן אף זיך ווארטן, די קאלע גיסט מיט טרערן, פאלט כאלאָשעס. נאָר דער כאָסן, ווי ניט אים מיינט מען דאָס, זיצט זיך פארשלאָסן אין זײַן כיידערל און פון צײַט צו צײַט לאָזט זיך נאָר פון דאָרט הערן א טרויעריקער געמאָרע־ניגן. „דאָס גרייט ער זיך צו דער דראָשע“ — פרווט דער בעקער בארויִקן זײַנע געסט. מאגידאָוו וואָלט עפשער ארויסגעגאנגען צו די געסט, אָבער ער טאָר זיך פאר דער צײַט ניט דעמאסקירן, כוץ דעם ווייסט ער, אז מע ווארט אף זײַן דראָשע, און ער איז גראָד א קנאפּער ווייסער אין די שווארצע פינטעלעך.

צו האלבער נאכט זײַנען פארבליבן געציילטע מינוטן. און אין דעם מאָמענט דערגרייכט די סצענע צו דער קולמינאציע פון קאָמיזם. מאגידאָוו באווײַזט זיך ענדלעך פאר די געסט. דער ראָוו נעמט אים פארגעבן קאשעס, און מאגידאָוו טראכט צו קאָלערליי כיטרע טשוּוועס, אבי אָפּציִען די צײַט. נאָר אָט שלאָגט האלב נאכט. אומדערווארט פאר אלעמען פראלט מאגידאָוו אוף דאָס פענצטער, שיסט דרײַ מאָל אויס אינדערלופטן, און, ווי א ווידערקאָל, דערהערט זיך פונעם טײַך א דונערנדיקער אופרײַס. די בריק איז צעשטערט, דער אופשטאנד הייבט זיך אָן.

דאָ וויל איך באטאָנען נאָך א וויכטיקע אייגנשאפט פון קולבאקן דעם דראמאטורג: די מײַסטערהאפטע שפראך, מיט וועלכער ער האָט כאראקטעריזירט זײַנע העלדן. יעדע סצענישע פערזאָן רעדט בא אים מיטן אייגענעם לאָשן. ביניאָמין מאגידאָווס מאָנאָלאָגן און רעפּליקעס זײַנען איבערצײַגעוודיק און עלאסטיש. ווען ער רעדט מיטן אלטן בעקער, דוכט זיך אײַך, אז איר האָט צו טאָן מיט א טיפּישן קליינשטעטלדיקן אָרעמבאָכער, א באטלען; ווען ער פירט די זיצונגען פונעם אומלעגאלן פארטיזאנישן שטאב, רעדט ער מיט א שפראך פון אן ענערגישן געניטן רעוואָליוציאָנער, א מײַסטער פון קאָנספּיראציע; ווען ער ווענדט זיך אפן מיטינג אינעם לעצטן בילד פון דער פּיעסע מיט א רעדע צו דער באפרײַטער באפעלקערונג, הערט מען אין עמעסן פאָלקסטריבון. פונקט אזוי טרעפלעך איז דאָס שפראכלעכע געמעל בא די שטייגערישע פערסאָנאזשן: דער אלטער בעקער, זײַנע צוויי טעכטער, דער ראָוו און זײַנע מעקוראָווים. אין דער שפראך פון יעדערן פון זיי האָט איר געפילט זײַן כאראקטער, דעם קאָלאָריט פון דער סוויווע. א סאך פון די גלײַכווערטלעך, אפּאָריזמען און פארגלײַכונגען, וואָס קולבאק האָט מיט אזא מילדער האנט צעטיילט צווישן זײַנע פערסאָנאזשן, וואָלטן געקאָנט ארײַן אין אויצער פון דער פאָלקסשפראך.

ריידנדיק וועגן קולבאקס וואָרט־מײַסטערשאפט, דערמאָן איך זיך, אז אויך בא זײַנע ניט יידישע פערסאָנאזשן איז די בינע־שפראך אויסערגעוויינלעך דיפערענצירט. אינעם פּראָלאָג פון „בינימין מאגידאָוו“ איז באוויזן א גרופּע ווײַסרוסישע פרויען, גרעט־וועשערנס. די רײַכע בילדערישקײַט און יאָדערדיקײַט פון זייערע רייד איז אזוי געטרײַ און נאָענט צום לעבן, אז עס דוכט זיך: איר הערט ניט יידיש ריידן, נאָר עכטע ווײַסרוסישע דאָרף־מענטשן ריידן אף זייער מוטערשפראך. אומפארגעסלעך איז דאָס בילד, ווען אף דער בינע רײַסט זיך ארײַן א יונג ווײַסרוסיש מיידל און קלאָגט אויס איר גרויסן ווייטעק, וואָס זי, די באטראטשקע, די געשענדטע פונעם פארהאסטן פּאן, טראָגט אין זיך. קולבאק, וואָס האָט פארמאָגט אזא אויסערגעוויינלעך קינסטלעריש געשמאק, האָט דערבײַ

אויסגעמיטן סײַ גראָבשטייגערישן נאטוראליזם, סײַ מעלאָדראמאטישע דעקלאמאציע. דער גאַנצער פּראָלאָג האָט זיך אײַנגעשניטן אין זיקאָרן, ווי א שטיק פון א פאָלקס־עפּאָפּיי, ער האָט געשאפן די געהעריקע עקספּאָזיציע פאר דער גאַנצער פיעסע. די סוזשעטישע ליניע פון „מאגידאָוו" איז איבערגעפלאָכטן מיט עכט־קאָמישע סיטואציעס, וואָס פלעגן אפילע בעשאס די רעפּעטיציעס ארויסרופן בא די אָנטיילנעמער א געלעכטער, דער פּראָלאָג אָבער האָט געשאפן די דערהויבענע אטמאָספער און די שטימונג אף אופצונעמען די העראָיִשע געשעעניש, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער פיעסע. דער קאָמיזם איז געווען ניט קיין זעלבסטציל, נאָר א מיטל צו אנטפּלעקן שארפער דאָס ערנסטע און האָט געהאט בא קולבאקן זײַן אידייִשע צילגעווענדטקײַט און צוועקמעסיקײַט.

קולבאקס בינע־ווערק זײַנען אָנגעזעטיקט קעסיידער מיט לידער. ער פלעגט אליין פארפאסן אויך מוזיק צו זײַנע לידער. הערנדיק, ווי ער לייענט פאָר זײַנע א פיעסע און זינגט דערבײַ אויס די לידער, האָט מען געשטוינט, וואָס פאר א מענאגן עס זיצט אין אים. ער פלעגט זייער אָפט ווי ניט פאָרלייענען זײַנע פּאָעטישע ווערק, נאָר אויסזינגען זיי. דער ברייטער צושויער האָט אופגענומען קולבאקס לידער ווי פאָלקסשאפונג. איך דערמאָן זיך: אין א פאָר וואָכן ארום נאָך דער פּרעמיערע פון „בויטרע" בין איך ארײַנגעקומען אין דער בירָאבידזשאנער נייפאבריק און דערהערט, ווי די נייטערנס זינגען בויטרעס ליד:

וועלדער שלאָפן שוין, עס שלאָפט דאָס דאָרף,
די כלאָפּעס און די סראָרעס,
נאָר בויטרע גאזלען אין דעם טיפן וואלד
שלאָפט ניט אײַן פאר צאָרעס.

כאָטש איך האָב די ליד גוט געקענט און צענדליקער מאָל געזונגען זי פון דער בינע, האָט דאָס געזאנג פון די נייטערנס פאר מיר א בליץ געטאָן מיט א באזונדערן כיין, איך האָב דערפילט, ווי די ליד איז געוואָרן אן עמעס פאָלקס־אייגנטום.

ווי א גרויסער בינע־מײַסטער, האָט קולבאק גוט פארשטאנען דעם באטײַט פון אן אומדערווארטן קער אין דער סוזשעטישער ליניע. מע האָט בעשום־אויפן ניט געקאָנט זיך אָנשטויסן, מיט וואָס די אָדער יענע סצענע וועט זיך ענדיקן. ער האָט געוווסט צו דערפירן יעדע סיטואציע צו אזא געשפאנטקײַט און אָנגעשטרענגטקײַט, אז דער צושויער פלעגט פארכאפּט ווערן פון די בינע־געשעענישן און מיט א קלאפנדיק הארץ נאָכשפירן נאָך זיי. די קולמינאציע פון יעדן עפּיזאָד און פון דער פיעסע אינגאנצן גענומען קומט בא אים אלעמאָל אומדערווארט, ווי א דונער אין א העלן טאָג. זי האָט אָבער קיינמאָל ניט פאָרגעשטעלט מיט זיך קיין פוסטע סצענישע עפעקטן. ער האָט וווּנדערלעך געפילט דעם אָטעם פון דער בינע און אירע אייגנארטיקע געזעצן, וועלכע פאָדערן באווײַזן דעם בינע־העלד אין זײַן דינאמיק, אין יענע מאָמענטן, ווען אין זײַן באוווסטזײַן ווערט רײַף די גרייטקײַט צום קאמף, צו אקציע.

אין קולבאקס פיעסן אנטפּלעקט זיך נאָך איין גרויסע מײַלע זײַנע: די פייִקײַט אָפּצוקלײַבן, סעלעקציִאָנירן פאקטן, אָפּווארפן דריבנע לעבנס־פאסירונגען און אויסגעפינען דאָס כאראקטעריסטישע, דאָס טיפּישע, דאָס וויכטיקסטע, וואָס לאָזט זיך פאראלגעמיינערן.

טראכטנדיק וועגן מוישע קולבאקן, דערמאָן איך זיך, ווי דער גרויסער אלטגריכישער קאָמעדיע־שרײַבער אריסטאָפאן דערקלערט אין איינער זײַנער א פיעסע די סיבע, פארוואָס דאָס פאָלק האָט ליב דעם פּאָעט: „פאר זײַנע עמעסדיקע רייד, פאר זײַנע גוטע אייצעס און דערפאר, וואָס ער העלפט די בירגער פון אונדזער מוטער־ערד ווערן בעסער און קליגער". קולבאק איז געווען פון דעם מין פּאָעטן, ער האָט אָבער פײַנט געהאט דאָס, וואָס מע רופט „פריידיקן מאָראל", ער האָט גוט געוווסט, אז טרויעריק איז דער גורל פון א קינסטלער, וואָס שטעלט זיך אוועק, ווי א דארדעקע־מעלאמעד, לערנען דעם צושויער סייכל. אין אזוינע פאלן ווערט דעם צושויער לאנגווײַליק. אף קולבאקס א ספּעקטאקל איז פּאָשעט אומעגלעך צו בלײַבן גלײַכגילטיק. די געשעענישן אנטוויקלען זיך מיט אזא קאָנסעקווענטקײַט און אָרגאנישקײַט, די האנדלונג איז געוועבט און געפלאָכטן מיט אזא לײַכטקײַט, אז דער צושויער פארגעסט אינגאנצן, אז ער זיצט אין טעאטער. מיר, אקטיאָרן, וואָס האָבן געארבעט האנט בא האנט מיט קולבאקן, האָבן געוווסט, וויפל שווערע מי און גײַסטיקע אָנשטרענגונג עס ליגט אין דער דאָזיקער לײַכטקײַט.

קולבאק האָט זיך באצויגן צו זײַן ארבעט אויסערסט שטרענג און קריטיש. גענוג געווען אים ארויסזאָגן דעם מינדסטן צווייפל וועגן דער אָדער יענער פראזע, סצענע, עפּיזאָד, ווי אין אים פלעגט זיך גלײַך אָנצינדן זײַן ברויזנדיקער שעפערישער טעמפּעראמענט, ניט, כאָלילע, קעדיי אָפּווארפן, באשטרײַטן אײַער מיינונג, נאָר קעדיי לײַדנשאפטלעך דורכאנאליזירן אײַער באמערקונג. אויב ער האָט פארשטאנען, אז זי איז א ריכטיקע, האָט ער מיט דער באשיידנקײַט, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר א גרויסן מײַסטער, מאסקים געווען מיט אײַך און גענומען זיך פיבערהאפט פאריכטן דאָס אָנגעוויזענע אָרט. ווי פארכאפנדיק אינטערעסאנט עס איז געווען נאָכצושפירן קולבאקן אין אזא מאָמענט. אין זײַנע אויגן פלעגט א בליץ טאָן עפּעס א באזונדער פײַערל, די פינגער פלעגן אווטאָמאטיש זיך אָנהייבן באוועגן, ווי זיי חאָלטן געזוכט א פּעדער, דערנאָך פלעגט ער עטלעכע מאָל מיט ביידע דלאָניעס א וויש טאָן דאָס פּאָנעם, ווי ער וואָלט וועלן אָפּוואשן פון זיך דעם גלײַכגילט און, ווי אן אָפּגעפרישטער, זיך א וואָרף טאָן אפן פאפיר. שרײַבנדיק, איז ער געזעסן טיף אײַנגעבויגן און געמורמלט איינעם פון זײַנע ניגונים, ווי ער וואָלט געשריבן ניט קיין ווערטער, נאָר מעלאָדיעס. מיטאמאָל פלעגט ער האסטיק אופשטיין, זיך אויסגלײַכן, ווידער א פיר טאָן מיט די דלאָניעס איבערן פּאָנעם און א ניכטערער, אן אויסגעלײַטערטער, נאָר א ביסל א פארמאטערטער, דערלאנגען דאָס פאפיר: „נא, לייען!"

מוישע קולבאק האָט געהערט צו יענע קינסטלער, בא וועלכע דער שאפונגס־פּראָצעס פארשלינגט אלע זייערע קויכעס, געדאנקען און עמאָציעס. ער פלעגט מיר אָפט זאָגן, אז נאָר בא אזא ארבעטס־מעטאָד ווערט דער קינסטלער אליין רײַכער, גײַסטיק שטארקער און אינערלעך אָנגעפילטער, אָנגעזעטיקטער. „קונסט, — פלעגט ער זיך וויצלען, — איז אזא מיסכער, בא וועלכן, וואָס מער מע גיט אוועק, אלץ רײַכער ווערט מען".

שטענדיק געטרײַ דעם עמעס און דער ווירקלעכקײַט, איז קולבאק אין דער זעלבער צײַט געווען א ראָמאנטיקער; זײַן ראָמאנטישקײַט שטעקט מיט אלע וואָרצלען אין דער פאָלקסשאפונג. אין יעדן פערסאָנאזש זײַנעם זינגט די נעשאָמע פון פאָלק.

קולבאקס דראמאטורגיע צייכנט זיך אויך אויס מיט איר פעסטער ארכיטעקטאָניק און אויסערגעוויינלעכער,

וואָלט איך געזאָגט, באַקוועמלעכקייט צום אופירן און שפּילן. זײַן פּיעסע איז געבויט אַזוי מאַסיוו, אַז קיין שום ראַדיקאַלע ענדערונגען, דערגאַנצונגען דערלאָזט זי ניט. איר קאָנט זי אָדער אָננעמען אינגאַנצן ווי זי איז, אָדער לאַכלוטן ניט אָננעמען. זי איז ווי אַ פעסטער מעכאַניזם, פונוואַנען מע קאָן ניט אַוועקנעמען דאָס מינדסטע שרײַפעלע. בלויז אין איין פאַל פלעגט קולבאַק אײַנשטימען אָף ענדערונגען: ווען ער האָט זיך איבער־צײַגט, אַז זײַן מאַטעריאַל פאַלט ניט צונויף מיט דער אינ־דיווידואַליטעט פונעם אַקטיאָר. ער האָט געוווּסט, אַז אַ סצעניש געשטאַלט ווערט געבויט פון צוויי גלײַכבאַרעכ־טיקטע עלעמענטן: פונעם אַוטאָרס טעקסט און פונעם אַקטיאָרס פּערזענלעכקייט. די גרעסטע דראַמאַטורגן אין דער וועלט פלעגן, בעדערעך־קלאַל, בויען זייערע בינע־געשטאַלטן אין העסקעם מיט דער אינדיווידואַליטעט פונעם קומענדיקן אויספּילער. אַזוי האָבן געשריבן שעקספּיר, מאָליער, אָסטראָווסקי. און אויב עס איז שוין געקומען צו רייד וועגן אָט די גיגאַנטן, מוז איך אָנווײַזן אָף נאָך איין אייגנשאַפט, וואָס קולבאַק האָט בא זיי געיאַרשנט: דאָס איז די רעזשיסערישע קאָמפּאָזיציע. יעדעס קלאַסיש בינע־ווערק שטעלט מיט זיך פאָר אײַנצײַטיק אויך אַ קימאַט פאַרענדיקטן רעזשיסערישן סצענאַרי. אויך די רעמאַרקע טראָגט דאָ אַ ריין רעזשיסע־רישן, דינאַמישן כאַראַקטער. דאָס זײַנען ניט קיין לירישע קאָמענטאַרן, נאָר אָנווײַזונגען צו טאַט, צו אַקציע. עס פילט זיך, אַז דער דראַמאַטורג זעט זײַן פאַרשוין אין אַ ווערטיקאַלן צושטאַנד, אין באַוועגונג און ניט ווי אַ ליטעראַריש־עפּיש געשטאַלט, וועגן וועלכן עס ווערט עפּעס דערציילט. דאָס שליסט ניט אויס, אַז יעדער רע־זשיסער און יעדער טעאַטער זאָל אופנעמען אָף זײַן אייגענעם אויפן דעם רעזשי־פּלאַן פונעם אַוטאָר, פאַר־קערט, אַזאַ דראַמאַטורג שאַפט דעם גרעסטן אימפּולס פאַר רעזשיסערישער דערפינדערישקייט.

אַקטיאָרן, וואָס האָבן געהאַט דאָס גליק צו שפּילן אין קולבאַקס פּיעסן, זײַנען אים באַזונדערס דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס ער האָט ווידעראַמאָל אײַנגעפירט די טראַ־דיציע פון גרויסן סצענישן מאָנאָלאָג, אין וועלכן דער שוישפּילער קאָן זיך באַווײַזן אין דער פולער מאָס פון זײַן טעמפּעראַמענט, פון זײַן סצענישער און שפּראַכ־לעכער קולטור. קולבאַק אַליין איז געווען, לויט מײַן טי־פער איבערצײַגונג, אַן אויסגעצייכנטער שוישפּילער. איידער ער פלעגט אַרײַנשרײַבן דעם מאָנאָלאָג, פלעגט ער אים פריִער אויספּרוּוון, ווי אַן אַקטיאָר, אַליין אויסשפּילן. עס זײַנען אין אים געווען פאַרקערפּערט אײַנצײַטיק די שעפערישע אייגנשאַפטן פון אַ פּראָפעסאָר און רעזשיסער, שוישפּילער און מוזיקער.

אָט דאָס האָב איך געוואָלט דערציילן וועגן קולבאַקן דעם בינע־דיכטער, וועמען עס געהערן מײַנע בעסטע געפילן אַלס רעזשיסער און אַקטיאָר. אָט אַזאַ שטייט ער מיר די גאַנצע צײַט פאַר די אויגן — אונדזער גרויסער קינסטלער, אונדזער אומפאַרגעסלעכער מוישע קולבאַק.

•

הירש בלאָשטיין

דער וועג צו זיך

שאָלעם שטערן. אין קאַנאַדע. פּאָעמע. ב. 1, 480 ז.; ב. 2, 235 ז. אַרויסגעגעבן דורך דעם שאָלעם שטערן־בוך־קאָמיטעט, מאָנטרעאַל, 1960—1963.

די פּאָעמע דערציילט די געשיכטע פון אַ ייִדישן באָכער, וועלכער האָט עמיגרירט קיין קאַנאַדע, פון זײַן פײַנלעך־שווערן, געפּלאָנטערטן וועג צום זין און ציל פון זײַן לעבן.

אַ זון פון די פאַראָרעמטע, עקאָנאָמיש און נאַציאָנאַל געגרודעפּטע ייִדישע פאָלקסמאַסן אינעם פאַרמילכאָמע־דיקן בורזשואַז־פּריצישן פּוילן, איז יאָסל צוקער, דער צוואַנציקיאָריקער ייִדישער לערער, וואָס שרײַבט „לאָשנ־קוידעשדיקע לידער", געצוווּנגען, ווי אַ סאַך אַנדערע זײַנע גלײַכן, צו פאַרלאָזן זײַן היימלאַנד. די צײַט און די פּאָ־ליטישע לאַגע איז אַזאַ, אַז עמיגראַציע באַטײַט ראַטעווען זיך ניט בלויז עקאָנאָמיש, נאָר אויך — און אין דער ערשטער ריי — פיזיש. די האַנדלונג פון דער פּאָעמע (ריכטיקער: ראָמאַן אין פערזן) קומט פאָר שוין נאָכן פאַרעטערישן „מינכען־פּאַקט", האַרט ערעוו דעם אָנפאַל פונעם היטלער־דײַטשלאַנד אָף פּוילן. ייִדן לעבן שוין דאָרט מיט די קאָשמאַרע פאָרגעפילן פון היטלערס „ענד־גילטיקער לייזונג פון דער ייִדן־פראַגע". אין עטלעכע וואָכן אַרום נאָך זײַן קומען קיין קאַנאַדע דערציילט יאָסל דעם אַרבעטער־טוער גאָרמאַן,

אַז די נאַכט אין כאַלעם
טראָגט גרויל אין מויל.
עס בריט זײַן לײַב אַ מעסער־שניט,
און עס הילכט איבער דער גאַס
דער האַגל פון די היטלעריסטישע טריט...

אין זײַן נײַער היים וואָלט יאָסל לאָגיש, לויט דעם רוף פון דער צײַט, באַלד געדאַרפט זיך פּראָלעטאַריזירן און אויך פאַרנעמען זײַן פּלאַץ אין די רייען פון דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־באַוועגונג, ווײַל דעם עמעסן און אײַנציק־ריכטיקן וועג צו אַ פרײַער, אָף יושער און גערעכטיקייט געבויטער וועלט האָט יאָסל שוין געדאַרפט זען נאָך אין זײַן פּוילישן געבורטס־שטעטל, וווּ ער איז געווען נאָענט מיט דער אונטערערדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָרט איז ער געווען אומענדלעך פאַרגליווּבט אין דער מעסירעסנעפעשדיקער קאָמוניסטקע צירל. אָבער

פון אָנהייב שטעקט נאָך יאַסל מיט אַלע זײַנע וואָרצלען
אין דער פרום־טראַדיציאָנעלער „ייִדישקייט". ער איז אַ
„וויל־לערנער", אַ לאַמדן און, ווי געזאָגט, שרײַבט ער
„לאַשנקוידעשדיקע לידער", דערבײַ גאַנץ פּאַרוועו: וועגן
„פּרויען־סילועט" אדג... אויך אין קאַנאַדע, באַלד נאָך
זײַן קומען, פּאַלט ער אַרײַן אין אַ סוויווע פון קאַלערליי
קליינבירגערלעכע עלעמענטן: ציוניסטן, פּויאַלעציוניסטן,
„ייִדישיסטן", פּרומאַקעס, באַלעבעסלעך — פּאַרביסענע
שׂאָנים פון קאָמוניזם און פון די „יעווסעקעס". דעריבער
מאַכט יאַסל דורך מערערע גײַסטיקע גילגולים, און דאָס
אייגנטלעך שאַפט די אידיישע אַטמאָספער און דעם
גרונט־סוזשעט פון דער פּאָעמע „אין קאַנאַדע".

אַף דער קאַנווע פון די איבערלעבונגען פון אַן איינ־
צלנעם, אַ יאַכיד, שילדערט דער פּראָגרעסיווער דיכטער
שאָלעם שטערן דאָס לעבן פון אַ קלאַל, פון גרויסע מאַסן,
ייִדישע און ניט־ייִדישע. ער פירט אַרויס אַ פּאַרביקע
גאַלעריי פון צענדליקער טיפּישע פּערסאָנאַזשן, פּאָזי־
טיווע און נעגאַטיווע. ער גיט אונדז בילדער פון שטיי־
גער און קאַמף אין צוויי לענדער: אין פּוילן (רעטראָ־
ספּעקטיוו) און אין קאַנאַדע, דורך רעמיניסצענצן און
אַרײַנגעשטעלטע נאָוועלן דערציילט ער וועגן דער ברו־
טאַלער קאָלאָניזאַציע פון קאַנאַדע דורך ענגלאַנד און
פראַנקרײַך, וועגן דער אויסראָטונג פון די אינדיאַנער
און זייער העלדישן ווידערשטאַנד, וועגן דעם שווערן לעבן
פון די נעגערס.

אַ באַדײַטנדיק אָרט אין דער פּאָעמע פאַרנעמט דאָס
געראַנגל, וואָס קומט פאָר אין דער ייִדישער סוויווע פון
דער קאַנאַדער גרויסער שטאָט מאָנטרעאַל פאַר יאַסלס
„נעשאָמע". עס ראַנגלט זיך פאַר געווינען יאַסלען אַף
איר זײַט די „סאָסייטע" (לאַנדסמאַנשאַפט), וואָס באַ־
שטייט אין איר גרויסן טייל פון אָרופּגעאַרבעטע באַלעבאַ־
טים און באַלעבעסלעך, „אַלרײַטניקעס", סאָחרים, קרעמער
אאַ. זיי רופן אַ ספּעציעלע פאַרזאַמלונג וועגן דעם,
וויאַזוי בעסער אײַנצוואָרדענען יאַסלען, און דאָ אָפּן אָרט
טאַקע זאַמלען זיי אַ היפּשע סומע געלט אַף עפּענען פאַר
אים אַ „קאָרנער־סטאָר", אַ קראָם; עס ראַנגלט זיך פאַר
אים זײַן עלטערער ברודער יִצחאָק, אַ „ייִדישיסט" און
קלאַל־ייִסראָעל־טוער: ער וויל, יאַסל זאָל ווערן אַ לערער
און דערציִען די קינדער אין „נאַציאָנאַלן ייִדישן גײַסט";
עס ראַנגלט זיך פאַר יאַסלען דער פאַבריקאַנט מערסאָן —
דער פּויאַלעציוניסט און קאָמוניסטן־פרעסער; עס וויל
יאַסלען געווינען אַף איר זײַט די לינקע אַרבעטער־באַ־
וועגונג (פייגע, גאָרמאַן, פּיער אאַ.). וואָס האָבן זיי אַלע
אויסגעפונען אין דעם דאָזיקן צוואַנציקיאָריקן באָכער,
דעם „דאַרן און לאַנגן דראָנג", ווי עס מאָלט אים דער
אַווטאָר? דער קאַמף גייט פאַר יאַסלס דיכטערישן טאַלאַנט,
פאַר אַ פאָרשטייער פון דער ליטעראַטור און קונסט, וועל־
כער איז זיי נייטיק אין אידעאָלאָגישן קאַמף. יאַסל ווערט
אַן אָביעקט אינעם אַלגעמיינעם קאַמף צווישן די צוויי
אידעאָלאָגיעס, — דער בורזשואַזער און קאָמוניסטי־
שער, — וואָס גייט אָן אַף דער גאַנצער וועלט.

באַזונדערס בוילעט און אָפן קומט עס צום אויסדרוק
אינעם קאַפּיטל „דער רעפעראַט". יאַסלס שיפס־ברודער
באַרנבוים לייענט אינעם „לינקן צענטער" אַ לעקציע אַף
דער טעמע: „וואָס גיט די ייִדישע ליטעראַטור דעם
פּראָלעטאַריאַט". מיר קאָנען, פאַרשטייט זיך, הײַנט ניט
מאַסקים זײַן מיטן רעפערענט, ווען ער רופט זיך אָפּ־
צוזאָגן פון גאַנץ־ביאַליק, גאַנץ־אַש און אַנדערע גרויסע
פאָרשטייער פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אָבער מיר
אַפּלאָדירן דעם רעפערענט, ווען ער זאָגט:

מיר נייטיקן זיך אין אַרבעטער־טיפן,
וואָס אונדזערע געפילן
ריידן דורך זייערע ליפן...

דיסקוסיעס וועגן דעם אָרט און די אויפגאַבן פון
דער ליטעראַטור אין דער געזעלשאַפט קומען נאָך ניט
איין מאָל פאָר אין גאַנג פון דער האַנדלונג. ס׳וועט נאָך
לאַנג דויערן, ביז יאַסל וועט זיך אָפּזאָגן צוערשט פון
זײַנע סטאַם־לידער „וועגן אַ פרויען־סילועט" און שפּע־
טער פון זײַן סטאַם־ייִדישיזם. עס וועט זיך נאָך פילן בײַ
אים די פאַרהערלעכונג פון די „ייִדישע אויסיִעס" בלויז
צוליב דעם אַליין, וואָס זיי זײַנען ייִדישע, אומאָפּהענגיק
פון זייער אינהאַלט, און זײַנע רייד וועלן נאָך לאַנג זײַן
איבערגעלאָדן מיט פרום־ייִדישן נוסעך. און שוין אפילו
דאַן, ווען ער וועט שרײַבן פאַר דער אַרבעטער־צײַטונג,
וועט אים דער פרומער אַרבעטער רעב העניעך, אַ זעלטן־
שיינע פאָלקס־פיגור, נאָך זאָגן: „אין דײַנע שירים קלינגט
פון געמאָרע דאָס קאָל". אָבער די עצם פּראָבלעם האָט
שאָלעם שטערן ריכטיק געשטעלט. דער פּראָצעס פון
אויסקריסטאַליזירן דאָס באַוווסטזײַן איז גאָר ניט אַזאַ
גרינגער און שנעלער, ווי עס דוכט זיך אַמאָל עמעצן.
אפילו דאַן, ווען יאַסלס קלאַסן־באַוווסטזײַן איז שוין
אויסגעלײַטערט, גייט אים נאָך צײַטנווײַז נאָך דאָס אידי־
לישע שטעטל מיטן „ייִדישן כאַלאַט", און פייגע, דאָס
מיידל, וואָס האָט אים ליב, מוז אים זאָגן:

איר האָט שוין אַרבעטער־הענט,
אָבער איר אַליין זײַט נאָך
דער זעלביקער צעקראָכענער אינטעליגענט!

אַזאַ איז דער קאַמף מיט די זייער לעבהאַפטיקע רעשט־
לעך פון נעכטן אין דער פּסיכיק.

שאָלעם שטערן האָט ברייט צעעפנט די טירן פון זײַן
פּאָעמע פאַר פּראָלעטאַרישן אינטערנאַציאָנאַליזם און
פעלקער־פרײַנטשאַפט. אין די קאַפּיטלען, ווו עס ווערט
געמאָלט מאָנטרעאַל און די פּראָווינץ קוועבעק, דער פראַנ־
צויזישער טייל פון קאַנאַדע, ווערט, צוגלײַך מיט די
ייִדישע פּערסאָנאַזשן, פולבלוטיק באַוויזן אַ גרויסע צאָל
געשטאַלטן פון פראַנצויזן: די רעוואָלוציאָנערן פּיער,
מישעל, די „שאַפּ־מאַמע" סעסיל, דער יעגער־פּאָעט דזשע־
ראַם, מסיו פּיקאַרד — אַ מין פראַנצויזישער צווילינג־
טיפּ פונעם ייִדישן טראַדיציאָנעל־פרומען, אָבער טיף־
מענטשלעכן אַרבעטער רעב העניעך; מיט מסיו פּיקאַרדס
מויל ריידן די פראַנצויזישע פאָלקסמאַסן פון קאַנאַדע,
וועלכע קעמפן קעגן דעם אַנטיסעמיטיזם און שאָוויניזם,
וואָס ווערט געפּרידיקט דורכן גאַלעך און דורכן רײַכן
קרעמער. די דאָזיקע קאַפּיטלען זײַנען, ווי אונדז דוכט
זיך, קינסטלעריש פון די שטאַרקסטע אין בוך.

מיט צאָרן איז אין דער פּאָעמע געשטעלט די פּראָבלעם
וועגן דער באַציִונג פון דער ייִדישער בורזשואַזיע צום
גורל פון די ייִדישע פאָלקסמאַסן פון אייראָפּע אין יענער
ביטערער צײַט, ווען זיי זײַנען שוין געשטאַנען אונטער
דער געפאַר פון דורכויסיקער פיזישער פאַרניכטונג דורך
היטלערן. עס גייען קעסיידער אַליאַרעם־רופן פון פּוילן:
„ראַטעוועט אונדז! העלפט אונדז אַנטלויפן!" דאָס איז
אַן „ס.אָ.ס.!!!"־געשריי, דער לעצטער רוף־סיגנאַל פון
מיליאָנען ערעוו זייער אומקום. אָבער די ייִדישע
„נאַציאָנאַלע" בורזשואַזיע בלײַבט גלײַכגילטיק, טויב

און שטום צו אַט דעם רוף פֿונעם פֿאָלק אין זײַן שווי־דערלעכער גוירל־שאָ. מיט האס זאָגט וועגן זיי רעב הענעך:

יִדן זײַנען אין אזא גרויס געפֿאר!
און יִדישע מאנופֿאקטשורערס האָבן געפֿונען
אין לעבן דעם ציל:
אין די לוקסוסרײַכע „בעיסמענטס" מיט אַן
אייגענעם „באר"
פֿארברענגען זיי די נעכט אין טרונק און
קאָרטנשפּיל...

מיט יאָרן שפּעטער, באַם באַצייכענען דעם צוואַנציקסטן יאָרטאָג פֿונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד, ווען די גײַסטיקע פּירער פֿון די דאָזיקע „מאַנופֿאַקטשורערס", די אָפּלאָגעטן פֿון דער פֿאָלקס־פּײַנטלעכער יִדישער בורזשואַזיע, זיך צוויִעסדיק קלאָפּן אַלכעט און עפֿנטלעך מוידע זײַן, אַז זיי האָבן גאָרנישט געטאָן אָף צו ראַטע־ווען כאָטש א טייל פֿון די אומגעקומענע זעקס מיליאָן, האַגאַם זיי האָבן געהאַט מעגלעכקײַטן דערצו. א צו שפּע־טע טשוווע־כאַראַטע!

צו די געלונגענע פּערסאָנאַזשן, וואָס שאָלעם שטערן פּירט אַרויס אין זײַן ווערק, געהערן, אָן סאָפעק, די פּרויען־געשטאַלטן — די קאָמוניסטקעס צירל און פֿייגע, די „שאָפּ־מאַמע" — די פּראַנצויזישע פּרוי סעסיל, די מומע עסטער, גיטל, כאַוועלע אאַ. צירל קאָן ניט אַוועק־פֿאָרן פֿון פּוילן צו יאָסלען, ביז זי וועט ניט אויספּילן, ווי זי זאָגט, איר „פּאַרטייִשע שליכעס" — און זי קומט אום, די דאָזיקע שליכעס אויספּילנדיק. פֿייגע זאָגט זיך אָפּ פֿון א רײַך לעבן אין ווילטיק, וואַרפֿט אָפּ מיט פֿאַראַכטונג די הייראַטס־פֿאָרשלאָגן סײַ פֿון מאָטקע פּראַנט, דעם שותּף אין מערסאָנס פֿאַבריק, סײַ פֿונעם רײַכן „לאָיער" (אַדוואָקאַט) און ווערט די טרײַע פּרוי פֿונעם אָרעמען נאַווענאַדניק יאָסל, ווײַל ער שטעלט זײַן טאַלאַנט צו דינסט דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־באַוועגונג.

גרייט אָף מעסירעס־נעפֿעש איז אויך כאַוועלע, די כאַווערטע פֿונעם רעוואָלוציִאָנער פּיער. ווען זי קומט אָף א זעונג מיט פּיערן אין טפֿיסע, אין וועלכער מע האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן פֿאַר אָנפֿירן מיט א הונגער־מאַרש אָף אָטאַווא (די הויפּטשטאָט פֿון קאַנאַדע), טרייסט זי אים:

ס'וועט קיינער ניט צוימען.
דײַנע קעמפֿנדיקע טריט!

ערשט ווען זי גייט אַוועק פֿון אים, פֿאַלט זי פֿייגען אין די אָרעמס און צעוויינט זיך... אַזעלכע זײַנען זיי, די פּרויען־קעמפֿערנס פֿון אונדזער צײַט, אין די קאַפּיטאַ־ליסטישע לענדער. עס פֿאַלט אָף זיי דער אָפּשײַן פֿון דער אָקטיאַבער־רעוואָלוציע, וועגן וועלכער יאָסל זאָגט אָף זײַן שטייגער:

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע איז א מיסטעריע,
וואָס דוירעס וועלן זוכן צו איר א באַשייד...

ווי נישטיק און אומווירדיק זעט אויס קעגן צירלען, פֿייגען, כאַוועלען די רײַכע הענריִעט, די טאָכטער פֿונעם פּראַנצויזישן קרעמער לאַ־פּלאָר, מיט איר לײַכטזיניקײַט און יאָגן זיך צו לעבן א גוטן טאָג! אויך זי איז מײַס־טעריש געשילדערט.

שאָלעם שטערנס דיכטערישע שפּראַך איז א קאָליר־פֿולע און בילדערישע. זי איז ליריש ווייך און רײַך מיט דער לעקסיק פֿון די פֿאָלקסמאַסן. פֿײַנע מוסטערן פֿונעם פּויליש־יִדישן פֿאָלקסטימלעכן לאָשן זײַנען די בריוו צו יאָסלען פֿון זײַן טאַטן רעב אַווראָם שוב, פֿון רעב הענעכן, ווי אויך די בריוו פֿון דער מומע עסטער צום ברודער אין דער אַלטער היים. דער דיכטער געפֿינט די געהעריקע אינדיווידואַליזירטע שפּראַך פֿאַר אַלע זײַנע פּאַרשוינען — סײַ פֿאַרן שאָפּ־באָס און געוועזענעם „סאָציִאַליסט" מערסאָן, סײַ פֿאַר זײַן שותּף, דעם עקספּלואַטאַטאָר און ציניקער בוקמאַן, סײַ פֿאַרן אויס־וואָרף, שטרײַקברעכער און שפּעטערדיקן שותּף מער־סאָנס מאָטקע פּראַנט, שוין אָפּגערעדט פֿון די פּאָזיטיווע טיפּן — דעם אַרבעטער־טוער גאַרמאַן, פּיער, רעב הענעך, שלוימע, בעני קאָמענדאַנט, פּיקאַרד, זשיל, דזשעראָם און אַנדערע. אין זיי איז דער אַווטאָר פֿאָשעט פֿאַרליבט, און פֿון זייער שפּראַך ווייעט מיט האַרציק־לירישן געמיט.

דעם דיכטער שטערן איז אייגן און נאָענט געוואָרן זײַן צווייטע היים, קאַנאַדע, און ער מאָלט באַגײַסטערט איר נאַטור. אונדז ווילט זיך ברענגען א פּאָר מוסטערן פֿון זײַן פּאָעטישער פּאַליטרע:

דער פֿרימאָרגן רוט אָף בערג
מיט מאָכיק־פֿאַרדרימלטע שטיינער.
דינע שטראַליקע סטרונעס ציטערן
אָפֿן וואַסער פֿון שטיינערנעם ברונעם.

אָדער:

טעלערדיקע טאָלן
אין גראָזענע וואָלן
טראָגן אָף זייערע פֿלאַכן
שטילע דערפֿלעך, גאָלדענע שליאַכן.
דאָס היי שמעקט.
דער טײַך אין גאָלדענעם גלי
ליכטיקט און לעקט
די פֿעלדזענע קני.

אין די פּייזאַזשן — סײַ דאָרפֿישע און סײַ אורבאַניס־טישע — אַנטפּלעקט זיך אין דער פֿולער מאָס שטערנס עפּיש־לירישע אייגנאַרט. דאָך אייניקע טײַנעס צו דער פּאָעטיק האָבן מיר. דער דיכטער איז אָפּטמאָל צו באַריי־דעוודיק און דאָס פֿאַרקלענערט די שפּאַנונג. שטרעבנדיק צו נאָוואַטאָרישקײַט, פֿאַלט ער אויך אַמאָל אַרײַן אין ניט געראָטענע וואָרט־ און גראַם־בילדונגען, זײַן מאַניר פֿון שאַפֿן ווערבן פֿון בײַווערטער, ווי, לעמאָשל, „אָף די ליפּן זיסט" (פֿון זיס), „שווערט" (פֿון שווער מאַכן), זעט אונדז אויס צו זײַן א ניט־פּראָדוקטיווע.

פֿאַרשטייט זיך, אַזאַ גרויס און קאַפּיטאַל ווערק, ווי „אין קאַנאַדע", פֿאַרדינט אַן אויספֿירלעכן אַנאַליז. אונדז האָט אָבער זיך געוואָלט אין אָט דעם אָפּרוף אָפּמערקן דעם גרונט־ווערט פֿון דער גאַנצער פּאָעמע. דעם אַווטאָר האָט זיך בעפּיירעש אײַנגעגעבן צו שאַפֿן א ברייט בילד פֿון דעם רעאַלן לעבן און קאַמף פֿונעם האַלבמיליאָניקן יִדישן (און טיילווײַז אויך ניט־יִדישן) יִישעוו אין קאַ־נאַדע, וואָס איז זייער ווייניק אָפּגעשפּיגלט געוואָרן אין דער יִדישער ליטעראַטור.

אן אוצער פון קולטור

(צום הונדערט פופציקסטן יאָרטאָג פון דער לענינגראַדער
עפנטלעכער ביבליאָטעק אפן נאָמען פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין)

אפן ראָג נעווסקי־פּראָספּעקט און סאַדאָווע אין לענינגראַד שטייט א פּרעכטיקע געביידע. דאָ איז דעם 14 יאַנוואַר 1814 אָפיציעל געגרינדעט געוואָרן די ערשטע עפנטלעכע ביבליאָטעק אין רוסלאַנד. לויטן סטאַטוט פון דער „אימפּעראַטאָרישער עפנטלעכער ביבליאָטעק" האָט זי באַדאַרפט ווערן די מעלוכישע שאַצקאַמער סיי פון קסאָוויאַדן, סיי פון אַלע געדרוקטע אויסגאַבעס, וועלכע דערשיינען אף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד, ווי אויך פון ווערטפולע אויסלענדישע אויסגאַבעס.

אליין דער נאָמען אירער עפנטלעכע האָט באַטייט, אַז די ביבליאָטעק האָט באַדאַרפט זיין צוטריטלעך פאַר אַלעמען. פאַקטיש אָבער האָט זיך געקאָנט באַנוצן מיט איר בלויז א באַגרענעצטע צאָל לייענער. פאַרן פּאָשעטן פאָלק, אַריינגערעכנט די לערן־יוגנט פון די מיטלשולן, איז דער אַריינגאַנג אַהער געווען פאַרבאָטן. א סאַך יאָרן איז די ביבליאָטעק געווען אָפן בלויז צו עטלעכע שאָ אין טאָג. אין דעם ערשטן יאָר פון איר עקזיסטענץ האָבן זי באַזוכט סך־הכּל 369 מענטשן. דאָך איז די צאָל לייענער מיט דער צייט געוואַקסן. די אַנטוויקלונג פון קאַפּיטאַליזם אין רוסלאַנד און דער וווּקס פון דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג אין דער צווייטער העלפט פון XIX יאָרהונדערט האָט אַרויסגערופן א גרויסע באַדערפעניש אין בוך.

שוין אין נאָיאַבער 1917 האָט וו. אי. לענין אין א ספּעציעלן דאָקומענט געגעבן קאָנקרעטע דירעקטיוון וועגן די אויפגאַבן פון דער עפנטלעכער ביבליאָטעק אין פּעטראָגראַד. נאָך פריער, אין 1913, אין אן אַרטיקל אין דער צייטונג „ראַבאָטשאַיאַ פּראַוודאַ", האָט וולאַדימיר איליטש געשריבן, אַז די שטאָלץ און די שיינקייט פון דער ביבליאָטעק באַשטייט ניט אין דעם, וויפל זעלטענע ביכער עס געפינען זיך אין איר, נאָר אין דעם, ווי ברייט די ביכער ווערן באַנוצט דורכן פאָלק, וויפל נייע לייענער עס ווערן צוגעצויגן, ווי גיך און שנעל עס ווערט באַפרידיקט די פאָדערונג אפן בוך...

אָט די לענינישע אָנווייזונגען זיינען געוואָרן דער יעסאָד אין דער אַרבעט פונעם גאַנצן ביבליאָטעק־וועזן אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

באַ היינטיקן טאָג ציילט די לענינגראַדער עפנטלעכע ביבליאָטעק ביז 14 מיליאָן ביכער און פּעריאָדישע אויסגאַבן, די צאָל לייענער דערגרייכט ביז 130 טויזנט. די 28 זאַלן פון דער ביבליאָטעק, וועלכע נעמען אַריין איינצייטיק 2200 מענטשן, ווערן טעגלעך באַזוכט דורך בערך 5 טויזנט לייענער — פּראָפעסאָרן, סטודענטן, אַרבעטער, אָנגעשטעלטע, שול־יוגנט. דאָ אַרבעטן 1200 ביבליאָטעק־טוער (צווישן זיי 94 קאַנדידאַטן פון פאַרשיידענע וויסנשאַפטן). די ביבליאָטעק פירט א גרויסע וויסנשאַפטלעכע און דערציערישע אַרבעט, זי אָרגאַניזירט פאַרשיידענע אויסשטעלונגען, לעקציעס, לייענער־קאָנפערענצן. 1996 אָרגאַניזאַציעס פון 73 לענדער פירן מיט דער „סאַלטיקאָווקע" א העפטיקן ביכער־אויסטויש.

די ביבליאָטעק פאַרמאָגט די פולסטע קאָלעקציע פון אַלע געדרוקטע אויסגאַבן אין רוסיש זינט אין רוסלאַנד האָט זיך באַוויזן דאָס געדרוקטע וואָרט. דאָ איז אויך קאָנצענטרירט די גאַנצע געדרוקטע ליטעראַטור אף די שפּראַכן פון אַלע פעלקער פון לאַנד. אין 1953 איז באַ דער ביבליאָטעק געשאַפן געוואָרן א ספּעציעלע אָפּטיילונג פון ליטעראַטור אף די שפּראַכן פון די מיזרעך־פעלקער, וווּ עס געפינען זיך באַ 400 טויזנט ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען אף 126 שפּראַכן. צווישן זיי פאַרנעמט א היפּש אָרט די ייִדישע ליטעראַטור. אַלס ערשטע באַזע פון די ייִדישע פאָנדן אין דער ביבליאָטעק האָט געדינט די רייכע קאָלעקציע פון קסאָוויאַדן, וועלכע האָט געהערט דעם באַוווּסטן געלערנטן, אַרכעאָלאָג און קאָלעקציאָנער אַווראָם פירקאָוויטש (1785—1874). אין 1856 האָט אַווראָם פירקאָוויטש פאַרקויפט דער עפנטלעכער ביבליאָטעק פאַר 100 טויזנט רובל זיין קאָלעקציע העברעיִשע און קאַראַימישע קסאָוויאַדן, וועלכע אַנטהאַלטן א ביז גאָר רייכן מאַטעריאַל איבער פראַגן פון געשיכטע, ליטעראַטור, עקאָנאָמיק, גראַמאַטיק, פילאָסאָפיע, עטנאָגראַפיע, מעדיצין, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, ביבל און אַנד. א סאַך געלערנטע פון פאַרשיידענע לענדער קומען ספּעציעל צו פאָרן קיין לענינגראַד, כּדי אויסנוצן די דאָזיקע קאָלעקציע פאַר זייער וויסנשאַפטלעכער אַרבעט. א גרויסע ראָליע אין באַאַרבעטן פירקאָוויטשעס קאָלעקציע האָט געשפּילט דער באַוווּסטער אָריענטאַל־געלערנטער אַווראָם עליִאָהו האַרקאַווי. ער האָט א סאַך יאָרן געאַרבעט אין דער ביבליאָטעק אַלס פאַרוואַלטער פון ייִדישן פאָנד. געדרוקטע ייִדישע ביכער האָבן זיך דאָ אָנגעהויבן קאָנצענטרירן אין דער ערשטער העלפט פון XIX יה.

אין די יאָרן פון דער רעוואָליוציע איז דער ייִדישער ליטעראַטור־פאָנד קאָלאָסאַל אויסגעוואַקסן. צום 1 יאַנוואַר 1963 האָט דער ביכער־פאָנד אף ייִדיש געציילט 38.927 ביכער (כּוץ קסאָוויאַדן). די פּעריאָדישע ליטעראַטור באַטרעפט 845 נעמען, דערונטער צייטונגען — 488. די ביבליאָטעק פאַרמאָגט א סאַך ייִדישע לערנביכער, ווערטערביכער און ענציקלאָפּעדיעס. אין ייִדישן פאָנד איז איינגעשטעלט אן אָפענער צוטריט צו די ביכער.

די לענינגראַדער עפנטלעכע ביבליאָטעק איז א גרויסער קולטור־אוצער.

מיטאַרבעטער פון לענינגראַדער עפנטלעכער ביבליאָטעק אף סאַלטיקאָוו־שטשעדרינס נאָמען

איסיי גורעוויטש.

עפֿראָיִם לויטער

דעם 11 דעקאַבער 1963 איז פּלוצעם געשטאָרבן עפֿראָיִם לויטער. עס גלייבט זיך קוים, אַז אָט דער שטענדיק מונטערער, אומדערמידלעכער מענטש — רעזשיסער, פּעדאַגאָג און שרײַבער — איז טויט.

עפֿראָיִם לויטער איז פֿריִער פֿאַר אַלץ געווען אַ מאָראַליש־וויבערע פּערזענלעכקײַט. זײַן אינערלעכע מאָביליזירטקײַט, פּרינציפּיִעלקײַט און אָרגאַנישע באַשיידנקײַט האָבן אין אים אויסגעבילדעט יענע הויכע עטיק, וועלכע ק. ס. סטאַניסלאַווסקי האָט קעסיידער געפֿאָדערט פֿונעם קינסטלער. די עטיק, וואָס באַפֿרוכפּערט שעפֿעריש. אַ גרויסער באַל־מידעס, איז ער געווען ערלעך סײַ מיט זײַן באַרוף, סײַ מיט זיך אַליין, סײַ מיט די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט געמיינזאַם געטאָן זײַן אַרבעט. אַ קינסטלער פֿון גרויסער קולטור, האָט ער שטענדיק ברייט זיך געטיילט מיט זײַן וויסן און דערפֿאַרונג. צווישן די ייִדישע סאָוועטישע טעאַטער־טוער איז ער געווען ניט בלויז דער רעזשיסער, נאַר דער פּעדאַגאָג און קולטור־האָרעפּאַשניק אין פֿולסטן זין פֿון וואָרט.

1963—1889

געבוירן אין 1889 אין בערדיטשעוו, האָט לויטער טכילעס געקראָגן אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע דערציִונג, דערנאָך זיך געלערנט אין ווילנער גימנאַזיע. ווי דאָסראָוו טעאַטער־טוער, האָט ער זײַן לעבן אָפּ דער בינע אָנגעהויבן פֿון ליבהאָבערישע דראַמקרײַזן. ער שפּילט אַליין, שטעלט ספּעקטאַקלען, שרײַבט טעאַטער־רעצענזיעס און פּיעסן.

גלײַך נאָך דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע זעען מיר עפֿראָיִם לויטערן צווישן די בויער און פּיאָנערן פֿון דער ייִדישער סאָוועטישער טעאַטראַלער קונסט. ער איז איינער פֿון די אָנפֿירער אין דער קיִעווער טעאַטער־סטודיע „קולטור־ליגע“, רעזשיסער פֿונעם ערשטן קיִעווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, וווּ ער פֿירט אויף אין די יאָרן 1920—1921 פּ. הירשבײַנס „די פּוסטע קרעטשמע“ און שאָלעם־אַלייכעמס „דאָס גרויסע געווינס“. ווען די סטודיע „קולטור־ליגע“ פֿאָרט אַריבער קיין מאָסקווע, שטודירט ע. לויטער די רעזשי־קונסט בא וואַכטאַנגאָוון און מייערכאָלדן. ער אַרבעט דערנאָך אַ צײַט אין באַקו אַלס הויפּט־רעזשיסער אינעם אַרבעטער־טעאַטער. דאָ פֿירט ער אויף אין רוסיש באָמאַרשעס „פֿיגאַראָס כאַסענע“ און וו. הוגאָס „מאַריאַ טודאָר“.

אין 1925 ווערט ע. לויטער באַשטימט אַלס קינסטלערישער אָנפֿירער פֿונעם כאַרקאָווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. אונטער זײַן רעזשי און לויט זײַנע ליטעראַרישע מאָנטאַזשן זײַנען דאָ געשטעלט געוואָרן אַ ריי ספּעקטאַקלען, געבויט אָפּ דער קלאַסיק, אָבער באַזונדערס דאַרף אָפּגעמערקט ווערן זײַן גרויסע אַרבעט אַרויסצוברענגען אָפּ דער בינע די יונגע סאָוועטישע דראַמאַטורגיע. אין 1929 האָט עפֿראָיִם לויטער צוזאַמען מיט ש. מיכאָעלסן געשאַפֿן די טעאַטער־שול באַם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, וווּ ער האָט געאַרבעט אַלס פּעדאַגאָג. גלײַכצײַטיק אַרבעט ער אינעם מאָסקווער אימפּראָוויזאַציע־טעאַטער, וווּ ער שטעלט אַ ריי פּיעסן אין רוסיש. אין 1935 אַנגאַזשירט מען ע. לויטערן אָנצופֿירן מיטן אָדעסער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער. דאָ האָט ער אויפֿגעפֿירט שאָלעם־אַלייכעמס „סטעמפּעניו“ (לויט זײַן אינסצענירונג), לאָפּע דע וועגאַס „שעפּסן־קוואַל“, „די מוטער“ לויט גאָרקין און פֿיל אַנדערע ספּעקטאַקלען. בײַס דער גרויסער פּאָטערלענדישער מילכאָמע באַטייליקט זיך עפֿראָיִם לויטער אַקטיוו אין דער אַרבעט פֿונעם מאָסקווער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער, מיט וועלכן ער איז שטענדיק געווען שעפֿעריש פֿאַרבונדן.

די לעצטע יאָרן האָט עפֿראָיִם לויטער זיך אָפּגעגעבן דער פֿאָרשונג אָפּן טעאַטער־געביט. אינעם פֿאַרלאַג פֿון דער אַלרוסלענדישער טעאַטער־געזעלשאַפֿט איז דערשינען זײַן אינטערעסאַנט בוך, געווידמעט די קונסט־אָנשויונגען פֿון די אָנגעזעענסטע רוסישע טעאַטער־טוער.

ביזן לעצטן טאָג פֿון זײַן לעבן האָט עפֿראָיִם לויטער פֿיל געשריבן, זיך געקליבן שטעלן נײַע ספּעקטאַקלען אין דעם מאָסקווער ייִדישן דראַמאַטישן אַנסאַמבל. עס האָבן אין אים געברויזט אַלץ נײַע און נײַע שעפֿערישע פּלענער. אַזאַ איז ער געווען, אַזאַ וועט ער בלײַבן אין אונדזער זיקאָרן.

ערע דעם אָנדענק פֿון אונדזער פֿרײַנט — דעם טאַלענטירטן קינסטלער און וווּנדערבאַרן מענטשן עפֿראָיִם לויטער!

כראָניק

אין דער צווייטער העלפט דעקאבער פון פאַריקן יאָר איז אין גאנצן לאַנד אָפּגעמערקט געוואָרן דער טראַדיציאָנעלער יאָמטעוו „טאָג פון פּאָעזיע“. דער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“ האָט צו דעם טאָג ארויסגעלאָזט א ספּעציעלע זאמלונג, אין וועלכער עס באטייליקן זיך העכער 200 דיכטער, דערונטער דער יידישער דיכטער אווראָם גאָנטאר.

אין בוך גייען אויך אריין ארום 30 ארטיקלען, רעצענזיעס און ארויסזאָגונגען פון דיכטער וועגן דיכטער, צווישן זיי אן ארטיקל פון וו. פּארפענטיעוו וועגן איטשע באָרוכאָוויטשעס בוך „אין א מאזלדיקער שאָ“, וואָס איז אין 1963 דערשינען אין א רוסישער איבערזעצונג.

דער „טאָג פון פּאָעזיע“ איז אדורך ווי א גרויסער יאָמטעוו פון דער סאָוועטישער פילנאציאָנאלער ליטעראטור.

●

דעם 7 דעקאבער פאַריקן יאָר איז דער מיטגליד פון רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ סאָניע פריי אלט געוואָרן 60 יאָר. אין לאָקאל פון רעדאקציע איז פייערלעך אָפּגעמערקט געוואָרן דער יובילײ. די יידישע שרייבער האָבן אונטערגעטראָגן דער כ־טע ס. פריי אן אדרעס.

●

דער הויפּט־רעדאקטאָר פון „סאָוועטיש היימלאַנד“ ארן ווערגעליס האָט זיך אומגעקערט פון א רייזע אין די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע און פראנקרייך.

דעם 16 דעקאבער האָט אין לאָקאל פון רעדאקציע זיך פארזאמלט א גרויסע גרופּע יידישע שרייבער, קולטור־טוער און לייענער פון „סאָוועטיש היימלאַנד“, פאר וועלכע א. ווערגעליס איז ארויסגעטראָטן מיט אן אויספירלעכן באריכט וועגן זיין רייזע.

דעם 18 דעקאבער האָט א. ווערגעליס זיך געטיילט מיט זיינע איינדרוקן וועגן דער רייזע אף אן אָוונט אין מאָסקווער צענטראלן ליטעראטן־הויז.

●

אין די לעצטע כאדאָשים פון 1963 איז אין פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“ דערשינען אין רוסיש א ריי ביכער פון יידישע סאָוועטישע שרייבער: זעליק אקסעלראָדס „פרימאָרגנשיין“, אווראָם גאָנטארס „די שטאָט פון מיין טרוים“, שמועל העלמאָנדס „גליענדע שיין“, כאנע לעווינעס „דער ערשטער רעגן“; דערציילונגען און נאָוועלן פון שירע גאָרשמאן „דער דריטער דאָר“, נויעך לוריע „עלטער אף א נאכט“, און עליע קאהאן „פריש היי“.

●

אין די טעמאטישע פּלענער אפן 1964 יאָר, וועלכע עס האָבן פארעפנטלעכט די ביכער־פארלאגן פון לאַנד, ווערט פאָרויסגעזען ארויסצוגעבן א ריי ווערק פון יידישע סאָוועטישע שרייבער אין רוסישער איבערזעצונג. דער פארלאג „סאָוועטסקי פּיסאטעל“ פּלאנירט ארויסצוגעבן האיאָר לידער־זאמלונגען פון די דיכטער י. בוכבינדער, ש. רויטמאן, מ. טאלאלאיעווסקי, מ. טייף, ד. כייקין. אין דעם זעלבן פארלאג וועלן אויך דערשיינען דער ראָמאן פון אי. דרוקער „קלעזמער“, א בוך דערציילונגען פון י. פאליקמאן „ביטערע זוימען“, א זאמלונג ליטעראריש־קריטישע ארטיקלען פון י. דאָברושין אא.

די לידער־זאמלונגען ווערן ארויסגעגעבן אין א טיראזש פון 10 טויזנט עקזעמפּליארן, די פּראָזע־ווערק — אין 30 טויזנט קאָפּיעס.

אין א טיראזש פון 300 טויזנט עקזעמפּליארן וועט האיאָר דער „דעטגיז“ ארויסגעבן קינדער־ביכער פון ל. קוויטקאָ, ש. דריז און ד. כאָראָל.

ל. קוויטקאָס א בוך לידער וועט אויך דערשיינען אין פארלאג „גאָסליטיזדאט“. א בוך געווילטע לידער פון ד. האָפשטיין קלייבט זיך ארויסגעבן אין אוקראאיניש צום 75־טן געבורטסטאָג פונעם דיכטער דער קיִעווער פארלאג „דערזשליטווידאוו“.

●

דער שרייבער טעוויע גען האָט זיך אומגעקערט פון א שעפערישער קאָמאנדירונג קיין ביראָבידזשאן, וווּ ער האָט געהאט א באגעגעניש מיט די אָרטיקע שרייבער, באקאנט זיך מיט די נײַ־בויונגען אין שטאָט און אין דער געגנט.

●

אין מאָסקווע און אין לענינגראד איז ארויסגעטראָטן מיט א נייער פּראָגראם דער טעאטראליזירטער אַנסאמבל פון דער באוווסטער שוישפּילערן סידי טאל. די נייע פּראָגראם הייסט „שטענדיק מיט אייך“. שטארק אויסגענומען בא די צושויער האָבן די קאָמעדיע „א גאסט פון פאריזש“ (טעקסט פון מ. סאקציִער) און די דראמאטישע סצענע „דער מאמעס הארץ“ (טעקסט פון א. נוגער).

●

פּלענארע זיצונג פון רעדקאָלעגיע „סאָוועטיש היימלאַנד“

דעם 23—26 דעקאבער פאַריקן יאָר איז פאָרגעקומען א פּלענארע זיצונג פון דער רעדקאָלעגיע פון „סאָוועטיש היימלאַנד“. מיט א פאָרטראָג וועגן די אויפגאבן פונעם זשורנאל אפן 1964 יאָר איז ארויסגעטראָטן א. ווערגעליס. א. גאָנטאר, מ. טייף, מ. שולמאן האָבן אינפאָרמירט וועגן די מאטעריאלן, וואָס וועלן זיך דרוקן אין לויפנדיקן יאָר. וועגן דער אָרגאניזאציאָנעלער ארבעט פון רעדאקציע האָט גערעדט דער פאראנטוואָרטלעכער סעקרעטאר פון רעדאקציע מ. לעוו.

אין די דעבאטן זיינען ארויסגעטראָטן די ככי ה. אָשעראָוויטש, ש. גאָרדאָן, מ. גרוביאן, א. דאָברינקי, ש. דריז, וו. האָפשטיין, נאָטע לוריע, ה. רעמעניק, ר. רובין, י. פאליקמאן, ס. פריי, ב. שווארצער, ל. טשערניאַק. דער פּלענום האָט אין זיין באשלוס אָנגעמערקט א ריי מאָסמיטלען אף צו דערגרייכן נאָך א העכערן אידייִש־קינסטלערישן ניוואָ פונעם זשורנאל.

אין א ספּעציעלן באשלוס איז אָפּגעמערקט געוואָרן דער אקטיווער אַנטייל פון פיל לייענער אינעם פארשפּרייטן דעם זשורנאל „סאָוועטיש היימלאַנד“. אין דעם געביט האָבן זיך באזונדערס אויסגעצייכנט די אלטע יידישע מויכער־ספאָרימניקעס ד. פעסקין (מאָסקווע), י. קיל (ווויניצע) און מ. סורקיס (טשערנאָוויץ), די לייענער מ. בוביס, מ. ברויטמאן, ע. שינדער, ס. קינסברונער, נ. ווייסגערבער (טשערנאָוויץ), ז. סיראָטא (אומאן), ב. צאָסארקאָ, מ. קאנאָוויטש (ווילניוס), ס. לעוו (דזשאמבול).

●

מיט דערפאָלג איז דורכגעגאַנגען אין מאָסקווער צענטראַלן הויז פון די קונסט־טוער דער שעפערישער אָוונט פונעם ייִדישן זינגער, לאורעאַט פונעם אַלפאַרבאַנדישן קאָנקורס פון עסטראַדע־אַרטיסטן עמיל האָראָוועץ. אין דער באַגלייטונג פון אַן אָרקעסטער האָט ע. האָראָוועץ געזונגען ייִדישע פאָלקסלידער, הײַנטצײַטיקע לידער און אויך לידער אף די שפראַכן פון פאַרשיידענע פעלקער.

אין דער אירקוטסקער פילהאַרמאָניע איז פאָרגעקומען א קאָנצערט פון ייִדישע לידער און קינסטלערישע פאַרלעזונגען. אין אים האָבן אָנטיילגענומען די אַרטיסטן זינאָווי שולמאַן, ראָזע קורץ, הערש לעווינזאָן און דער פּיִאַניסט לייב ראַטניצקי.

דעם 21 נאָיאַבער 1963 איז אין כאַרקאָוו געשטאָרבן די אַרטיסטן ראָזע קאַפּלאַן. איר שױשפּילערישע טעטיקײַט האָט זי אָנגעהויבן אינעם טעאַטער פון עסטער־ראַכל קאַמינסקאַיא. זי האָט א לאַנגע צײַט געשפּילט אין קיִעווער „קונסט־ווינקל“ און אין מינסקער ייִדישן מעלוכע־טעאַטער.

לענינגראַדער נײַס

העכער 100 לענינגראַדער שרײַבער באַטייליקן זיך אין צוויי נײַע ליטעראַרישע זאַמלונגען. די ערשטע זאַמלונג: „דײַן נאָמען איז — קאָמוניסט“, איז שוין אַרויס פון דרוק. די צווייטע, אין וועלכער עס ווערן אײַנגעשלאָסן ווערק, געווידמעט וו. אי. לענינען, וועט אינגיכן דערשײַנען.

די שרײַבער דאַניל גראַנין און יורי גערמאַן האָבן אָנגעשריבן קינאָ־סצענאַריעס פאַר פילמען וועגן וו. אי. לענינען. לענינס געשטאַלט איז אויך אין צענטער פונעם קינאָ־סצענאַרי, וועלכן ס׳האָט פאַרענדיקט דער שרײַבער אַלעקסאַנדער פּאָפּאָוו.

די סעמיטאָלאָגישע אָפּטיילונג פונעם לענינגראַדער אוניווערסיטעט פירט א ברייטע וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אַרבעט צו דערלערנען די העברעיִשע שפּראַך. דער פּראָפעסאָר, דאָקטאָר פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן ייִצכאָק וויניקאָוו לייענט דעם קורס „די פאַרגלײַך־גראַמאַטיק פון די סעמיטישע שפּראַכן“. די העברעיִשע שפּראַך אונטעריכטעט די מיטאַרבעטערן פון אוניווערסיטעט ניטע גלוסקינאַ. דער קאַנדידאַט פון פילאָלאָגישע וויסנשאַפטן קלאַוודיע סטאַרקאָוואַ לייענט דעם קורס „געשיכטע פון דער אוראַלטער און מיטלאַלטערלעכער ייִדישער ליטעראַטור“. אַלס וויסנשאַפט־טוער פון דער סעמיטאָלאָגישער אָפּטיילונג אַרבעט דער באַוווּסטער היסטאָריקער הילעל אַלעקסאַנדראָוו, ער לייענט דעם קורס „ייִדישע געשיכטע פון די אוראַלטע צײַטן און מיטלאַלטער“.

אינעם לענינגראַדער אינסטיטוט פון די אַזיִאַטישע פעלקער באַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר איז פאָרגעקומען אַן אַלפאַרבאַנדישע סעסיע אף צו דערלערנען דעם אוראַלטן מיזרעך.

דער פּראָפעסאָר ייִצכאָק וויניקאָוו האָט דערציילט וועגן זײַנע אויספאָרשונגען אין געביט פון די אוראַלטע סעמיטישע שפּראַכן.

וועגן נײַע אַנטדעקונגען, וואָס האָבן א שײַכעס צום לעבן פון דער קומראַנער געמיינדע, האָט דערציילט אף דער סעסיע אי. אַמוסין.

דער וויסנשאַפטלער ל. ווילסקער האָט מיטגעטיילט וועגן נײַע דאָקומענטן, געפונענע אין ראַיאָן פון יאַם־האַמעלאַך. באַזונדערס האָט ער אונטערגעשטראָכן דעם באַטײַט פון די נײַע מאַטעריאַלן וועגן אופשטאַנד פון באַר־קאָכבאַ.

ניט לאַנג צוריק האָט די רוסיש־פּאַלעסטינער געזעלשאַפט באַ דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר דורכגעפירט אין לענינגראַד א פײַערלעכע פאַרזאַמלונג, געווידמעט דעם הונדערטיאָריקן געבורטסטאָג פונעם אַקאַדעמיקער פּאַוועל קאָקאָווצעוו — דעם באַרימטן סאָוועטישן סעמיטאָלאָג. דער אַקאַדעמיקער קאָקאָווצעוו האָט א סאַך געאַרבעט אין געביט פון ייִדישער געשיכטע. עס זײַנען באַוווּסט זײַנע אויספאָרשונגען וועגן איבן־עזראָ, וועגן די אוראַלטע אַראַמעיִשע אופשריפטן. קאָקאָווצעוו איז געווען עקספּערט פון דער פּאַרטיידיקונג אפן ביילים־פּראָצעס.

אַן אָריגינעלע קאָלעקציע האָט צונויפגעזאַמלט דער לענינגראַדער קאָלעקציִאָנער יעפים רײַזע. שוין 35 יאָר ווי ער זאַמלט אַפאָריזמען. זייער צאָל דערגרייכט באַ אים שוין העכער 70 טויזנט. ספּעציעלע אָפּטיילן פון דער רײַכער קאָלעקציע זײַנען געווידמעט דער ייִדישער ליטעראַטור. דאָ זײַנען ברייט פאָרגעשטעלט מענדעלע, פּערעץ און שאָלעם־אַלייכעם. א בעקאָוועדיק אָרט פאַרנעמען די אַפאָריזמען לויט די ווערק פון די ייִדישע סאָוועטישע שרײַבער בערגעלסאָן, מאַרקיש, האַלקין, פעפער, האָפשטיין, קולבאַק.

אין לענינגראַד איז געשטאָרבן אין עלטער פון 85 יאָר דער וועטעראַן פון דער ייִדישער פובליציסטיק יעהודע סאָלאָדוכאָ. אָנגעהויבן אַלס פּעטערבורגער קאָרעספּאָנדענט פון דער „האַצפירע“, האָט י. סאָלאָדוכאָ די לעצטע יאָרן פון זײַן לעבן געאַרבעט אינעם מיזרעך־אינסטיטוט פון דער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע פון פססר. אינגיכן דערשײַנט זײַן פונדאַמענטאַלע אַרבעט „די סאָציִאַל־עקאָנאָמישע געשיכטע פון איראַק אינעם V—II יה. פון אונדזער ערע“.

יעהודע סאָלאָדוכאָ האָט אויך אופגעזאַמלט א רײַכן מאַטעריאַל פאַרן בוך „גאָרקי און די ייִדישע ליטעראַטור“. אין זײַן אַרכיוו געפינען זיך ביאַליקס און פּערעצעס בריוו וועגן גאָרקין, אייניקע ניט פאַרעפנטלעכטע גאָרקיס בריוו, בריוו פון שאָלעם־אַלייכעמען צו גאָרקין. אין די ניזשעגאָראָדער און סאַמאַרער צײַטונגען פון סאָף XIX יה. האָט סאָלאָדוכאָ אופגעקליבן א ריי איבערזעצונגען פון פּערעצעס און שאָלעם־אַלייכעמס ווערק, וועלכע האָבן זיך געדרוקט לויט דער איניציִאַטיוו פון גאָרקין.

נײַעס פון אויסלאַנד

אין טעל־אוויוו איז פאָרגעקומען א צוזאַמענפאָר פון דער געזעלשאַפט פאַר פרײַנטשאַפט צווישן יסראַעל און פססר. אין דער אַרבעט פונעם צוזאַמענפאָר האָבן זיך באַטייליקט 500 דעלעגאַטן און געסט. אין דער דעלעגאַציע פון פססר זײַנען אַרײַן דער רעזשיסער וו. קאָמיסאַרזשעווסקי, דער ,וויסנשאַפט־טוער פון אַנקאָלאָגישן אינסטיטוט אין מאָסקווע ז. יוכווידאָווא, דער קאָרעספּאָנדענט פון די צײַטונגען „פּראַוודאַ" און „איזוועסטיאַ" אי. פלישעווסקי.

דעם צוזאַמענפאָר האָט געעפנט דער שרײַבער מאָרדכע אווישאול. מיט גרויס אויפמערקזאַמקײַט איז אויסגעהערט געוואָרן די אַרויסטרעטונג פונעם אָנפירער פון דער סאָוועטישער דעלעגאַציע וו. קאָמיסאַרזשעווסקי.

●

מיט 30 יאָר צוריק איז אין סאָפיע דערשינען דער ערשטער נומער פון דער פּראָגרעסיווער ייִדישער צײַטונג אין דער בולגאַרישער שפּראַך „יעווריסקי וועסטי". אין צוזאַמענהאַנג מיטן יובילײַ איז אין דער הויפּטשטאָט פון בולגאַריע פאָרגעקומען א פײַערלעכע פאַרזאַמלונג, אויף וועלכער עס איז אַרויסגעטראָטן מיט א פאָרטראָג דער הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג „יסראַעל" מייער.

●

אין יאַנוואַר האָט אין טעל־אוויוו גאַסטראָלירט דער סאָוועטישער טאַנץ־אַנסאַמבל „בעריאָזקאַ". אַלע קאָנצערטן זײַנען אַדורכגעגאַנגען מיט גרויס דערפאָלג.

●

אין יסראַעל איז דעמאָנסטרירט געוואָרן א גרויסע אויסשטעלונג פונעם סאָוועטישן בוך, אויף וועלכער עס זײַנען געווען עקספּאָנירט פיר טויזנט ביכער, וואָס זײַנען די לעצטע יאָרן דערשינען אין סאָוועטנפאַרבאַנד.

מאַכמוד עסעמבײַעוו טאַנצט „א שנײַדערל"

מאַכמוד עסעמבײַעוו איז ניט בלויז א פּראַכטפולער טענצער, — ער איז אויך א גרויסער אַקטיאָר און מימיקער. מיט זײַן קונסט האָט ער באַצויבערט די צושויער פון א סאַך לענדער פון דער וועלט — ער איז א לאַורעאַט פון אייניקע צווישנפעלקערלעכע קאָנקורסן און פעסטיוואַלן. איצט קאָנען די ליבהאָבער פון כאָרעאָגראַפיע זען אים נאָכאַמאָל: ער שפּילט די הויפּט־ראָל אינעם פילם „איך וועל טאַנצן", אַרויסגעלאָזט דורך דער אזערבײַדזשאַנער קינאָ־סטודיע.



די שאַפונג פונעם פאַרדינסטפולן אַרטיסט פון רספסר און פאָלקס־אַרטיסט פון דער טשעטשעניש־אינגושער רעפּובליק מ. עסעמבײַעוו ווערט ניט דאָס ערשטע מאָל באַוויזן אויפן קינאָ־עקראַן. עסעמבײַעוון איז געווידמעט דער פילם „אין דער וועלט פון טענץ". נאָר צווישן דעם דאָזיקן פילם און דעם נײַעם איז פאַראַן א פּרינציפּיעלער כילעק. אינעם פילם „אין דער וועלט פון טענץ" זײַנען פאָטאָגראַפירט מיט דאָקומענטאַלער פּינקטלעכקײַט די אַרויסטרעטונגען פונעם אַרטיסט אויף דער טעאַטער־בינע. דער פילם „איך וועל טאַנצן" איז א קינסטלעריש ווערק, עסעמבײַעוו שפּילט דאָ די ראָל פון מאַכמוד שוכאַיעוו — דעם זון פון א באַרגמאַן פון א ווײַטן טשעטשענישן אַאול, וועלכער האָט אויסגעוויילט אַלס זײַן פּראָפעסיע די באַלעט־קונסט.

דער רעזשיסער ט. טאַגי־זאַדע און דער סצענאַריסט אי. באַזאַרקין האָבן געשאַפן אן אינטערעסאַנטן פילם מיט א דראַמאַטישן סוזשעט.

דער גרעסטער טייל טענץ אינעם פילם זײַנען נײַע, ספּעציעל פאַר עסעמבײַעוון געשאַפענע. דאָס זײַנען דער פאַרצײַטיקער קלאַסישער אינדישער „פײַער־טאַנץ" פון דע פאַל, דער האַסטיקער קובינער טאַנץ, די שטורמישע לעזגינקע אאַ. וואַרעם ווערט אויפגענומען דורך די צושויער דער ייִדישער טאַנץ „א שנײַדערל", געשטעלט דורך דעם לענינגראַדער באַלעטמײַסטער ר. יאַקאָבסאָן. דאָס איז א פאַרענדיקט כאָרעאָגראַפיש בילד מיט אן אייגענער עקספּאָזיציע, אַנטוויקלונג, קולמינאַציע און פינאַל. מיט די מיטלען פון טאַנץ און מימיק גיט מאַכמוד עסעמבײַעוו איבער דעם כאַראַקטער פון א פריילעך און אָרעם שנײַדערל, ער דערציילט וועגן זײַן לעבן און אַרבעט, באַווײַזט, ווי ער נעמט אויף און באַגלייט זײַנע קונדן. עס דוכט זיך, אַז מע הערט, ווי נאָכן אַוועקגיין פונעם קונד זינגט דאָס שנײַדערל זײַן באַליבט לידל.

ר. יאַקאָבסאָנס שטעלונג איז פול מיט שאַרפזין און מײַסטערשאַפט. איר עקספּרעסיוויטעט ווערט אונטערגעשטראָכן דורך די שאַרפע און אויסדרוקספולע דעקאָראַציעס. די מוזיק צום טאַנץ „א שנײַדערל" איז גוט באַקאַנט — דאָס איז א וואַריאַציע פונעם ניגון „א שער". מיט דער הילף פונעם סימפאָנישן אָרקעסטער באַקומט זי א נײַעם אויסדרוק, זי ווערט פאַרטיפערט און אַנטוויקלט. וועגן דעם, ווי מ. עסעמבײַעוו פילט אויס דעם דאָזיקן טאַנץ, קאָן מען א סאַך שרײַבן. איינס איז אָבער קלאָר: דער ייִדישער טאַנץ האָט אינעם טשעטשענישן קינסטלער באַקומען א טאַלאַנטפולן אינטערפּרעטאַטאָר.

סײַ „א שנײַדערל", סײַ די אַנדערע טענץ זײַנען ניט מעכאַניש אַריבערגעטראָגן אויפן עקראַן. זיי זײַנען באַוויזן אין העסקעם מיט דער קינאָ־ספּעציפיק (אָפּעראַטאָר — ר. אַדזשאַגאָוו).

די אויטאָרן האָט זיך אײַנגעגעבן צו שאַפן א ווערק, ווו קינאָ און כאָרעאָגראַפיע ווערן געלונגען צונויפגעפּאַרט און דערגאַנצן איינע די אַנדערע.

ש. טשערטאָק.

בריוו און ענטפערס

כאַשעווער כאַווער רעדאַקטאָר!

אין ווײַסרוסישן זשורנאַל „פּאַלימיאַ“ נומ. 4 פון פאַריקן יאָר האָב איך איבערגעלייענט די לידער פונעם יידישן דיכטער כאַיִם מאַלטינסקי. זיי זײַנען מיר געפעלן געוואָרן, באַזונדערס די ליד „אין וועג“. זי האָט מיר דערמאָנט דאָס 1944־טע יאָר, די שלאַכטן אויף דער טעריטאָריע פון פּוילן און דעם שטעלפאַרטרעטער פון קאָמאַנדיר פונעם שיסער־באַטאַליאָן לויטן פּאָליטישן טייל, דעם עלטערן לייטענאַנט מאַלטינסקי, וואָס איז פאַרבליבן אין מײַן זיקאָרן אַלס דרייסטער און מוטיקער מענטש.

עפּשער קאָנט איר מיר ענטפערן אויף אַזאַ פראַגע: צי איז דער פּאָעט מאַלטינסקי און דער געוועזענער שטעלפאַרטרעטער פונעם קאָמאַנדיר פון אַ שיסער־באַטאַליאָן מאַלטינסקי ניט איינע און די זעלבע פּערזאָן?

אויב דאָס איז מעגלעך, בעט איך מיטיילן מיר אייניקע פאַקטן פון דעם דיכטער מאַלטינסקיס ביאָגראַפיע. צי האָט ער מילכאָמע־צײַט זיך געפונען אין די רייען פונעם ערשטן ווײַסרוסישן פראָנט אין באַשטאַנד פונעם 605־טן שיסער־פּאָלק? איך געדענק, אַז מאַלטינסקי האָט מיך גערופן „מײַן לאַנדסמאַן“. ער האָט, אויב מײַן זיקאָרן נאַרט מיך ניט, געשטאַמט פון אָסיפּאָוויטש, איך — פון קיראָווער ראַיאָן פון מאָלעווער געגנט. דעם 15 יאַנוואַר 1945 בין איך פאַרווונדעט געוואָרן. וואָס איז געשען ווײַטער מיט מאַלטינסקין, ווייס איך גאָרנישט. עפּשער ווייסט איר זײַן אַדרעס, בעט איך זייער אָנשרײַבן מיר.

איך וואַרט מיט אומגעדולד אויף אײַער ענטפער. מײַן אַדרעס: קרעמהעס, קיראָוואָגראַדער געגנט, אָקטיאַבער־גאַס, 3, דירע 27. שאַפּאָוואַלאָוו פּיאָטער מאַקסימאָוויטש.

טײַערער פּיאָטער מאַקסימאָוויטש!

איר האָט קיין טעות ניט געהאַט. מיר זײַנען טאַקע שלאַכט־כאַווײרים פון איין פּאָלק.

אין אונדזער טייל זײַנען געווען אַ סך ווײַסרוסן, וואָס האָבן געשטאַמט פון מאָלעווער און פּינסקער ראַיאָנען. אונדזער באַטאַליאָן האָט דעם 15 יאַנוואַר 1945 פאָרסירט דעם ווײַסל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ דין אײַז־הײַטל. מיר האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין דער ערשטער ליניע פון די דײַטשישע טראַנשייען, וועלכע האָבן זיך געצויגן פּאַזע דעם לינקן ברעג פון טײַך. אײַנגיכן האָבן מיר פאַרנומען די צווייטע ליניע פון די טראַנשייען, וועלכע איז געלעגן אַ מעטער 200 פון ווײַסל. טאַקע אין אָט דער שלאַכט זײַט איר פאַרווונדעט געוואָרן.

נאָכדעם איז מיר אויסגעקומען באַטייליקן זיך אין אַ סך הייסע שלאַכטן פאַר שנײַדעמיל, דויטשקראָנע, אויף די וועגן צום טײַך אָדער.

אונדזער פּאָלק האָט פאָרסירט דעם טײַך אָדער און אָנטיילגענומען אין די שווערע שלאַכטן פאַר בערלין. דעם 21 אַפּרעל האָבן מיר זיך שוין געפונען אין די בערלינער פאָרשטעט. אין דרײַ טעג אַרום, דעם 24 אַפּרעל אין אָוונט, האָבן שפּליטערס פון אַ גראַנאַטע געטראָפן מיר אין ביידע פיס און איך בין שווער פאַרווונדעט געוואָרן. אין צוויי שאָ אַרום האָט מען אין מעדסאַנבאַט אַמפּוטירט מיר דעם לינקן פוס (דער רעכטער פוס בייגט זיך ניט אין דער קני ביז הײַנט).

אַ יאָר צײַט בין איך געלעגן אין פאַרשיידענע שפּיטאָלן. אין אַפּרעל 1946 האָב איך זיך אומגעקערט אין מײַן היימשטאָט — קיין מינסק. איך בין אויף די קוליעס דער־גאַנגען ביז דער שטוב, וווּ איך האָב פריִער געוווינט, נאָר קיינעם פון מײַנע נאָענטע און אייגענע האָב איך אין שטוב ניט געטראָפן. די היטלערישע כײַעס האָבן דער־מאָרדעט מײַן מוטער, מײַן פרוי און זיבניאָריקן זונעלע נאַפּטאָליע.

זינט יענער צײַט זײַנען שוין ניט ווייניק וואַסערן פאַרלאָפן. עס זײַנען געווען גוטע יאָרן און ביטערע. די שווערע צײַט פונעם סטאַלין־קולט האָט ניט אויסגעמיטן אויך מיך — דעם אינוואַליד פון דער פאָטערלענדישער מילכאָמע. נאָר איך בין בא זיך ניט אַראָפּגעפאַלן. דער קאָפּ אויף מײַנע אַקסל איז געבליבן גאַנץ. איך האָב איצט אַ נײַ געזינד — אַ פרוי און דרײַ קינדער. מײַן פרוי העניע שוועדיק איז אַ לײַבלעכע שוועסטער פונעם דיכטער ה. שוועדיק, וואָס איז געווען מײַנער אַ נאָענטער כאַווער. ער איז געפאַלן מיט אַ העלדנטויט אויף דער מילכאָמע.

איצט בין איך אַן עלטערער לייטענאַנט אין רעזערוו, אַ פּענסיאָנער. נאָר איך שאַנעווע ניט מײַנע קויכעס, קעדיי צו שרײַבן לידער וועגן הײַנטיקן טאָג. איך שרײַב אויף מײַן מאַמע־לאָשן — אין ייִדיש. די כאַווײרים ווײַסרוסישע דיכטער זעצן איבער מיט ליבשאַפט מײַנע לידער אויף ווײַסרוסיש און פאַרשאַפן מיר דערמיט גרויס פרייד און נאַכעס. ניט לאַנג צוריק איז דערשינען מײַנס אַ נײַ בוך לידער אין ווײַסרוסיש — „צוזאַמען מיט אַלע זין“.

מיך האָט זייער דערפרייט דער גרוס פון אײַך, טײַערער פּיאָטער מאַקסימאָוויטש. אַז איר וועט זײַן אין מינסק, כאַפּט זיך אומבאַדינגט אַרײַן צו מיר. איר וועט אין מײַן שטוב זײַן זייער אַן אָנגעלייגטער גאַסט. מײַן אַדרעס: מינסק, טשערנישעווסקי־גאַס, 7, דירע 26.

איך דריק פעסט אײַער האַנט, מײַן שלאַכט־כאַווער.

כאַיִם מאַלטינסקי.

די אוקראַיִנישע ליטעראַרישע געזעלשאַפטלעכקײַט האָט אָפּגעמערקט דעם 100־טן געבוירטסטאָג פון דער אָנגעזעענער אוקראַיִנישער שרײַבערין אָלגאַ קאָבילִיאַנ־סקאַיאַ (1963—1863). מיר ברענגען דאָ די פּאָטאָ, וועלכע עס האָט פאַרעפנטלעכט צום יובילײַ די קיִעווער רעפּובלי־קאַנישע צײַטונג „ליטעראַטורנאַ אוקראַיִנאַ“: אָ. קאָבילִיאַנ־סקאַיאַ פירט אַ שמועס מיט אַ ריי שרײַבער (דער דריטער פון רעכטס איז איציק פעפער).



איסאק לעוויטאן. **מארט.** 1895

איסאק לעוויטאן. **וולאדימירקע.** 1892.



פ. פיקאסאָ. א מיידל טאנצט אפ א פילקע.

פּאַבלאָ פּיקאַסאָ. אַ בעטלער מיט אַ ייִנגל.

נאָטיצן אפן קאַלענדאַר

שרײַבער און ווערק

◆ אין 1894 האָט יִצחאָק־לייבוש פּערעץ (1852—1915) אָנגעהויבן אַרויסגעבן זײַנע באַרימטע ליטעראַריש־פּובליציסטישע „יאָמטעוו־בלעטלעך“. די אַרטיקלען,

פעליעטאָנען, לידער און דערציילונגען, וועלכע זײַנען געדרוקט געווען אין די „יאָמטעוו־בלעטלעך“, האָבן פאַרברייטערט דעם אידייִשן קרײַז פון דער יִדישער ליטעראַטור און פּובליציסטיק, אַרופגעפירט זיי אפן ברייטן שליאַך פון אַלמענטשלעכער פּראָבלעמאַטיק.

אין זײַן באַקאַנטן אַרטיקל „וואָס ווילן מיר?“ האָט י.־ל. פּערעץ געשריבן: „מיר ווילן די אַלגעמיינע מענטשלעכע פאָן ניט אַרויסלאָזן פון דער האַנט, מיר ווילן ניט זײַן קיין שאָוויניסטיש ווילדקרויט, קיין פאַנאַטישע דערנער און ניט דער פּערז פון באַטלאָנישער פילאָסאָפיע. דעם אומקרויט ווילן מיר אַרויסרײַסן מיט די וואָרצלען, אויסהאַקן די דערנער, דעם פּערז פאַרברענען און זייען ריינע מענטשלעכע אידייען, ריין מענטשלעך געפיל און ווייסן... מיר ווילן, דער יִד זאָל זיך פילן אַלס מענטש, ער זאָל אָנטיילנעמען אין אַלעם, וואָס מענטשלעך איז, מענטשלעך לעבן און שטרעבן“...

די „יאָמטעוו־בלעטלעך“ האָבן אַרויסגערופן אַ שטאַרקן רעזאָנאַנס אין דעם דעמלטיקן יִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער האָבן זיי אויפגענומען מיט באַגײַסטערונג און אויסגענוצט אַלס מאַטעריאַל פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צווישן די סאָציאַליסטיש געשטימטע מאַסן. די רעאַקציאָנערע קרײַזן זײַנען אַרויסגעטראָטן קעגן זיי מיט בייזע פּאַסקווילן און געפאָדערט צו פאַרברענען זיי אַף שײַטער־הויפנס און י.־ל. פּערעצן אַרײַנלייגן אין כיירעם.

אויך די צאַרישע „אָכראַנקע“ האָט געוואָרפן אַן אויג אַף פּערעצן: אין מײַ 1895 איז בא אים דורכגעפירט געוואָרן אַ שטרענגע אונטערזוכונג און אין 1899 האָט מען אים אַרײַנגעוואָרפן אין אַ וואַרשעווער טפיסע.

ניט געקוקט אַף די רעדיפעס, זײַנען גראָד די 90־ער יאָרן געווען דער סאַמע פּרוכטבאַרער פּעריאָד אין י.־ל. פּערעצעס שאַפן. 17 נומערן פון די „יאָמטעוו־בלעטלעך“ זײַנען אַרויס אין משך פון די יאָרן 1894—1895. אין זיי זײַנען אַרײַן אַרטיקלען און פעליעטאָנען אַף אַקטועלע פּאָליטישע און ליטעראַרישע טעמעס, לידער און איניקע פון זײַנע קלאַסישע ווערק („די נייטאָרנס“, „כאַסענע געהאַט“, „באַם פּרעמדן כופּע־קלייד“, „מעקובאָלים“).

אין די „יאָמטעוו־בלעטלעך“ האָבן זיך אויך געדרוקט די שרײַבער דאָוויד פּינסקי, מאָרדכע ספּעקטאָר, מאָריס ווינטשעווסקי אאַ.

◆ עס ווערט 75 יאָר זינט עס איז געבוירן דער יִדישער דיכטער שמועל־יאַנקעוו אימבער (1889—(?)1942).

ש.־י. אימבער איז איינער פון די גרונטלייגער פון דער מאָדערנער יִדישער דיכטונג אין גאַליציע. זײַן ערשט בוך לידער „וואָס איך זינג און זאָג“ איז דערשינען אין לוואָוו אין 1909. אַ שטאַרקן אײַנדרוק אין דער ליטעראַרישער וועלט האָט געמאַכט זײַן פּאָעמע „עסטערקע“ (1911), וו עס ווערן געשילדערט די ליבע־באַציִונגען צווישן אַ יִדישן שנײַדערס אַ טאָכטער און דעם פּוילישן קיניג קאַזימיר III, און זײַן בוך לידער „רויזנבלעטער“ (1914). אין 1918 האָט ש.־י. אימבער צונויפגעשטעלט אַן „אַנטאָלאָגיע פון יִדישער דיכטונג אין גאַליציע“.

זייער אַקטיוו איז ש.־י. אימבער געווען אויך אין דער פּובליציסטיק. אין די דרײַסיקער יאָרן איז ער אַרויסגעטראָטן מיט לײַדנשאַפטלעך־קאַמפּפערישע אַרטיקלען קעגן פאַשיזם.

ש.־י. אימבער איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די היטלעריסטן.

◆ דעם 9 פעוואַראַל ווערט 60 יאָר זינט עס איז געבוירן געוואָרן דער קלאַסיקער פון דער סאָוועטישער קינדער־ליטעראַטור אַרקאַדי גײַדאַר (די עמעסע פאַמיליע — גאָליקאָוו).

אַ. גײַדאַרס ביאָגראַפיע קלינגט ווי אַ לעגענדע. אַ פּערצניאָריק ייִנגל, איז ער פרײַוויליק אוועק אין דער רויטער אַרמיי. צו 17 יאָר איז ער שוין געווען אַ קאָמאַנדיר פון אַ פּאָלק. אַף די פראָנטן פון בירגערקריג האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט זײַן פּערזענלעכער געוואַגטקייט און מיליטערישן טאַלאַנט.

אין 1925—1926 דערשײַנען גײַדאַרס ערשטע גרעסערע דערציילונגען („ר.וו.ס.“ אאַ.), וואָס זײַנען גלײַך באַליבט געוואָרן בא די קינדער־לייענער.

שרײַבנדיק וועגן קינדער און פאַר קינדער, האָט גײַדאַר געשאַפן אַ גאַלעריי יונגע העלדן, וואָס געפינען זיך שטענדיק אין געווירבל פון די גרויסע געשעענישן פון דער צײַט. דעריבער טאַקע זײַנען אָט די העלדן איבערגעוואַקסן די ראַמען פון ריין־ליטעראַרישע געשטאַלטן. אַרקאַדי גײַדאַרס טימור („טימור און זײַן קאָמאַנדע“) איז געוואָרן פאַר די סאָוועטישע קינדער, פּונקט ווי ניקאָלײַ אָסטראָווסקיס פּאַוועל קאָרטשאַגין פאַר דער יוגנט, דער העלד, וואָס איז אַ לעבעדיקער מוסטער אַף נאָכצופאָלגן

אים. א. גײַדארס װערק „די שול“, „דעם פּויקערס גורל“, „טשוק און געק“ און פּיל אַנדערע זײַנען ביז הײַנט די פּאָפּולערסטע ביכער פֿון אונדזער יונגען דאָר.

אין 1941 איז גײַדאר אומגעקומען אין די שלאַכטן קעגן די דײַטשישע פֿאַשיסטן.

◆ דעם 25 פֿעװראַל 1884 איז געבוירן דער ייִדישער פּראָגרעסיװער שרײַבער און טעאַטער־טוער יאַנקעװ מעסטל.

י. מעסטל איז געװען טעטיק אױף פֿאַרשײדענע קונסט־געביטן: פּאָעזיע, טעאַטער און ליטעראַטור־קריטיק. זײַנע ערשטע לידער־זאַמלונגען „פֿאַרכאָלעמטע שאָען“ (1909), „א ליבעס־ליד“ (1911) און די פֿילאָסאָפֿישע פּאָעמע „װיטא הײזד“ (1913) האָבן, צוזאַמען מיט דער שאַפֿונג פֿון ש.־י. אימבער און מײלעך כמעלניצקי, פֿאַרלײגט דעם פֿונדאַמענט פֿון דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג אין גאַליציע. אין דער צײַט פֿון דער ערשטער װעלט־מילכאָמע װערט י. מעסטל מאָביליזירט אין דער עסטרײַכישער אַרמײ. זײַנע איבערלעבונגען אױף די פֿראָנטן האָט ער שפּעטער געשילדערט אין די ביכער: „מילכאָמע־נאָטיצן פֿון א ייִדישן אָפֿיצער“ (1921) און „סאָלדאַטן און פּאַיאַצן־לידער“ (1928).

אין 1920 האָט י. מעסטל זיך באַזעצט אין אַמעריקע, װוּ ער איז געװען באַקאַנט אַלס אָנגעזעענער טוער און פֿאָרשער פֿונעם טעאַטער־װעזן. יאָרנלאַנג האָט ער געאַרבעט אַלס אַקטיאָר און רעזשיסער, ער איז געװען דער גרינדער פֿונעם ניו־יאָרקער פּראָגרעסיװן אַרבעטער־טעאַטער „אַרטעף“. זײַנע ביכער: „אונדזער טעאַטער“ (1943) און „70 יאָר טעאַטער־רעפּערטואַר“ (1954) זײַנען װערטפֿולע אױספֿאָרשונגען װעגן דער געשיכטע פֿונעם מאָדערנעם ייִדישן טעאַטער. י. מעסטל איז געװען אײנער פֿון די צונױפֿשטעלער און רעדאַקטאָרן פֿונעם „לעקסיקאָן פֿון ייִדישן טעאַטער“. די לעצטע יאָרן פֿון לעבן איז ער געװען צװישן די אַקטיװסטע טוער פֿון „איקוף“.

א באַזונדערן אינטערעס שטעלן מיט זיך פֿאָר י. מעסטלס אַרבעטן: „סאָװעטישער אײַנפֿלוס אױפֿן ייִדישן טעאַטער אין אַמעריקע“ (1947) און „דרײַסיק יאָר סאָװעטיש־ייִדיש שאַפֿן“ (1949). אין 1962 איז דערשינען זײַנט א בוך „ליטעראַטור און טעאַטער“, װוּ עס איז אַרײַן א רײ װערק פֿון זײַן ליטעראַרישער ירושה, — אַרטיקלען װעגן אָנגעזעענסטע שרײַבער און אַקטיאָרן.

יאַנקעװ מעסטל איז געשטאָרבן אין 1958 אין ניו־יאָרק.

◆ 70 יאָר װערט דעם 14 פֿעװראַל דעם באַקאַנטן סאָװעטישן שרײַבער גריגאָרי ריקלין.

אין 1921 איז אין האָמלער אָפּטײלונג פֿונעם מעלוכע־פֿאַרלאַג דערשינען א קלײנע לידער־זאַמלונג פֿון יונגע ייִדישע דיכטער. צװישן די נעמען פֿון דאַװיד אױסקעס, כאַים גילדין, מאָניע גורעװיטש, עלישע ראָדין טרעפֿן מיר דאָרט אױך הירש ריקלינען, װאָס איז דאַן געװען א מיטאַרבעטער, נאָכדעם דער רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטונג „קאָמוניסטישער װעג“. פֿון דעמלט אָן גײס שױן ריקלינס נאָמען ניט אַראָפּ פֿון די שפּאַלטן פֿון דער סאָװעטישער פּרעסע. ריקלין װערט אײנער פֿון די אָנגעזעענסטע פֿעליעטאָניסטן אין אונדזער לאַנד. ער אַרבעט מיט אין „פּראַװדא“, אין „איזװעסטיא“, אין זשורנאַל „קראָקאָדיל“, עס דערשײַנען צענדליקער ביכער מיט זײַנע דערצײלונגען, הומאָרעסקעס, פֿעליעטאָנען.

◆ דעם 16 פֿעװראַל װערט 50 יאָר דעם דיכטער פּײסי יאַנאָװסקי. צו 17 יאָר פֿאַרענדיקט ער לערער־קורסן באַם זשיטאָמירער פּעדאַגאָגישן טעכניקום און פֿאָרט אַװעק אַרבעטן קײן בירא־בידזשאַן, װוּ ער שרײַבט זײַנע ערשטע לידער.

פֿון 1939 ביז 1946 איז יאַנאָװסקי א קאַדרען־אָפֿיצער אין דער סאָװעטישער אַרמײ. נאָך דער גרױסער פּאַטריאָטישער מילכאָמע אַרבעט ער אַלס זשורנאַליסט אױפֿן עקסטן צאָפֿן און אױף אוראַל. פֿון צײַט צו צײַט טרעט ער אַרױס אין דער פּעריאָדישער פּרעסע אַלס דיכטער.

דער לײטמאָטיװ פֿון פּ. יאַנאָװסקיס שאַפֿונג איז די העראָישע ראָמאַנטיק פֿון באַהערשן די נאַטור. מיט באַזונדערער פֿרישקײט מאָלט ער די פּײזאַזשן פֿון בירא־בידזשאַן און פֿון עקסטן צאָפֿן.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД (СОВЕТСКАЯ РОДИНА)

Двухмесячный литературно-художественный журнал

Орган Союза писателей СССР

(на еврейском языке)

Год издания четвертый

Издательство «Советский писатель»

Главный редактор **А. Вергелис.**

Редколлегия: **И. Борухович, А. Гонтарь, М. Лев** (ответственный секретарь), **Нотэ Лурье, Б. Миллер, Г. Ошерович, И. Рабин, Р. Рубина, М. Тейф, И. Фаликман, С. Фрай.**

Адрес редакции журнала: Москва, Центр, ул. Кирова, 17.

Телефоны: главный редактор — Б 8-27-91; ответственный секретарь — К 4-46-69; отдел прозы — Б 3-96-07; отделы поэзии и критики — Б 8-49-42.

Художественный и технический редактор И. Шустер.

Обложка художника С. Телингатера.

Подписано к печати 28/XII 1963 г. Формат $70\times108^1/_{16}$. Печ. л. 10 (13,70). Бум. л. 5+2 вклейки. Уч.-изд. л. 17,30. Цена 50 коп. Зак. 2641

Московская типография № 7 Главполиграфпрома Государственного комитета Совета Министров СССР по печати. Пер. Аксакова, 13.

Цена 50 коп.

СОВЕТИШ ГЕЙМЛАНД

СОВЕТСКАЯ РОДИНА

№ 1

1 9 6 4

В НОМЕРЕ

Дер Нистер. В пятом году. (Роман.)

Нотэ Лурье. Небо и земля. (Роман. Часть вторая.)

Рассказы и новеллы М. Елина, И. Шрайбмана.

Стихи и баллады Р. Баумволь, П. Бровки, М. Лифшица, М. Гарцмана, Я. Штернберга.

ЛИТЕРАТУРА И ИСКУССТВО

А. Вергелис. К вопросу о национальном характере современной еврейской литературы.

М. Гольдблат. Лебединая песня Кульбака.

Рецензии и сообщения Г. Блоштейна, И. Гуревича, Л. Подрядчика.

Хроника, письма и ответы, заметки на календаре.

70821

This material was made publicly available by the

Heritage Projects Foundation

info@yiddish-culture.com

https://yiddish-culture.com

© The Heritage Projects Foundation